STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09093

# TSVISHN MORGN UN OVNT

Yehudah Elberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהודה עלבערג

# צווישן מאָרגן און אָוונט

יהודה עלבערג

# צווישן מאָרגן און אָוונט

## ראָמאַן

„...שכני בתי־חמר<br>
אשר בעפר יסודם,<br>
ידכאום לפני־עש.<br>
מבקר לערב יכתו<br>
מבלי משים...“ איוב ד׳ י״ט—כ׳

„...די וואָס וווינען אין הײַזער פון ליים<br>
וואָס די פונדאַמענטן זענען אין זאַמד,<br>
מע צעדריקט זיי ווי אַ מאָיל.<br>
**צווישן מאָרגן און אָוונט** ווערן זיי צעשטויסן<br>
און קיינער נעמט עס זיך נישט צום האַרצן...“

פאַרלאַג „ישראל־בוך“ תל־אביב<br>
הילפספאָנד פאַר יידיש־שאַפונג אין ישראל<br>
תשמ״ז — 1987

יהודה אָלברג

# מבוקר לערב

רומן

יהודה עלבערג

# צווישן מאָרגן און אָוונט

ראָמאַן

YEHUDA ELBERG

# TZVISHN MORGN UN OVNT

A NOVEL

©

Copyright 1987, by Yehuda Elberg
1745 Cedar Ave., Montreal Que. H3G 1A7 Canada

Israel Publishing House
4, Itamar Ben Avi st., Tel-Aviv, P.O.B. 1777

פאַרלאַג „ישראל-בוך"
הילפספאַנד פאַר יידיש-שאַפונג אין ישראל

**Printed in Israel, 1987**

**נדפס בישראל, תשמ"ז**

דפוס „אורלי" — פרידמן, תל-אביב, טל. 372062

## פון זעלביקן מחבר:

**אונטער קופּערנע הימלען**, דערציילונגען. צענטראַל פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע. בוענאָס איירעס, 1951

**אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט**, ראָמאַן. די ברידער שולזינגער, ניו־יאָרק, 1974

**צעוואָרפענע זאַנגען**, דערציילונגען. שולאַ פּובליקאַציעס, מאָנטרעאַל, 1976

**מעשׂיות**, חסידישע מעשׂיות. וועלטראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור, תל־אביב, 1980

**אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש**, ראָמאַן. וועלטראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור, תל־אביב, 1983

**קלמן קאַליקעס אימפּעריע**, ראָמאַן, ישׂראל־בוך, תל־אביב, 1983

**בלב ים**. מיידיש: יעקב אורלנד. עקד, תל־אביב, 1979

**אין ליימענע הײַזער**, ראָמאַן, באַנד איינס.

**אין ליימענע הײַזער**, ראָמאַן, באַנד צוויי ישׂראל־בוך, 1985

**צווישן מאָרגן און אָוונט**, ראָמאַן. ישׂראל־בוך, 1987

## דראַמעס:

**אַגענט 837**, אויפגעפירט אין סאַלייל טעאַטער אין בוענאָס איײַרעס.

**משפּט מיך**, אויפגעפירט אין שפּאַניש אין אַרטזואַ טעאַטער אין ב. איײַרעס

**צוויי משפּטים**, אין כתב־יד

## פּרעמיעס:

פּעפּער־פּרעמיע בײַם ייִדישן קולטור־קאָנגרעס אין בראַזיל, סאַאָ פּאַולאָ, 1951

י. י. סיגאַל־פּרעמיע, מאָנטרעאַל, 1975

ווייסליץ־צימערמאַן פּרעמיע, סידני, אויסטראַליע, 1975

גאָנאָפּאָלסקי־פּרעמיע, פּאַריז, 1977

מאַנגער־פּרעמיע, תל־אביב, 1977

פערנאַנדאָ כענאָ־פּרעמיע, מעקסיקע, 1984

פּרס ראש הממשלה, תל־אביב, 1985

י. מ. ווייסענבערג־פּרעמיע בײַם קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1985

## פאַרשוינען:

**בוימל משה**, חלוץ אין כעלמישער הכשרה־קיבוץ.

**בזשאָזאָווסקי**, אַ שכן אין פינטשעס הויף אין וואַרשע.

**בלאַנק עליאַש**, אַ יונגערמאַן אין כעלמיש מיט לינקע נייגונגען. רוכטשע פרידעס חבר זינט אָנהייב מילחמה.

**בעכלער ברכה** פון גורוויטש, שטודירט אין וואַרשע. ווערט דערציִערין אין יתומים־הויז אין פראַגע.

**בראַוומאַן ברוכל**, שכן אין פינטשעס הויף אין וואַרשע.

**גראָסמאַן שלומל**, קהלה־עסקן אין כעלמיש. **ביילע**, זײַן טאָכטער, חברטע פון יוסף פרידע.

**גרינבערג פעליקס**, הורט־סוחר פון לעדער אין וואַרשע, אַקטיוו אין דער טלאָמאַצקי־סינאַגאָגע, אין אָנפירערשאַפט פון יודאַיִסטישן אינסטיטוט, אין הילף־אָרגאַניזאַציע פאַר ייִדישע סטודענטן. **צעלינאַ**, זײַן ווײַב; **מאַניע**, זײַן טאָכטער (ווײַב פון בערעק עפשטיין); **פאָליע**, זײַן ייִנגערע טאָכטער; **בעניעק**, זײַן ייִנגסטער זון.

**ווײַך מיכאל**, פון די גרינדערס פון דער ייִדישער אַליינהילף, אַקטיוו אין קאָאָרדיניר־קאָמיטעט.

**ווײַנער פריץ**, געווען ערשטער פידלער אין בערלינער פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער, איינער פון די פליטים אויף דער שיף סעינט־לויִס. **מאַטילדע**, זײַן ווײַב, אַ דײַטשקע; **אָטאָ**, זײַן זון, באַהאַלט זײַן האַלב־ייִדישקייט און לערנט אין אַ דײַטשער אָפיצירן־שולע אונטערן נאָמען אָטאָ שאָענפעלד, אונטער דער שוץ פון זײַן מוטערס ברודער **וואָלפגאַנג שאָענפעלד**, אַ פּרײַסישער יונקער.

**ווײַס סטעפאַן**, הויפּט פון דער ייִדישער געטאָ־פּאָליציי אין כעלמיש.

**זאַגנע שכנא**, געזעלשאַפטלעכער עסקן אין וואַרשע, טוער אין אונטערערדישן קאָאָרדיניר־קאָמיטעט אין צײַט פון דײַטשער אָקופּאַציע.

**זאַסלאַווסקי שמואל**, חלוץ, אונטערערדלער אין וואַרשע.

**חוה**, חלוצקע, כעלמיש, וואַרשע.

**חנטשע**, חלוצקע, וואַרשע.

**טאָלעק**, אין דער פירערשאַפט פון השומר־הצעיר, גורוויטש, כעלמיש, טשענסטאָכאָוו, וואַרשע.

**טשערניאַק אַדאַם**, הויפּט פון יודענראַט, וואַרשע.

**יצחק מענדל רבי**, למדן אין גורוויטש.

**כאַבול וורום־וואָווע**, בעל־עגלה אין גורוויטש.

**כיבישמוי פישל**, זע קאַליסקי פישל.

**לעמבערגער טאַדעאוש, ד"ר**, מעדיציניש ער דאָקטאָר אין כעלמיש, ראש־הקהל, ציוניסטישער טוער, ווערט נאָמינירט יודנעלצטער דורך די דײַטשן. **לענאַ**, זײַן ווײַב; **האַלינקאַ**, זײַן טאָכטער.

**מילקעס שלמה,** רײַכער טעקסטיל פֿאַבריקאַנט אין גורוויטש, חסיד. נאָכן גירוש פֿון גורוויטש אַנגעקומען קײן בוקאַרעשט צוזאַמען מיט זײַן װײַב מירעלע, זײַן עלטערן זון גדליה און זײַן ייִנגסטע טאָכטער מרימל.

**מילקעס פּינטשע,** ייִנגערער זון פֿון שלמה מילקעס. אין גורוויטש געװען װעבער־מײַסטער אין זײַן טאַטנס פֿאַבריק, קורץ פֿאַר דעם מלחמה־אױסברוך געװאָרן פֿאַבריקאַנט פֿון טעקסטיל סחורות. געקומען קײן װאַרשע נאָכן גירוש גורוויטש. געליבט זאָשקע שטיגל, קורץ פֿאַר דער מלחמה חתונה געהאַט מיט מינדעלען, דעם רבס טאָכטער. זײער קינד עמוש. פּינטשע איז אין גורוויטש געװען אַ נאָענטער חבר פֿון בערעק עפּשטײן און איז געװאָרן זײַן קוזין דורך בערעקס חתונה האָבן מיט מאַניע גרינבערג.

**מילקעס מלך,** שלמה׳ס ברודער, אגודה־פֿירער און ראש הקהל אין גורוויטש, פֿאַרטריבן געװאָרן קײן װאַרשע. עטל, זײַן עלטערע טאָכטער חתונה געהאַט מיט יאָסל קאַליסקי; ברכה־לאה זײַן ייִנגערע טאָכטער; איטשעלע, זײַן זון, געװאָרן אַ פֿאַנאַטישער קאָמוניסט.

**נאָסיג אַלפֿרעד,** געװעזענער ציוניסטישער פֿירער און פּראָמינענטער זשורנאַליסט, הױפּט פֿון עמיגראַציע־אַמט אין װאַרשעװער יודענראַט.

**נחום,** חלוץ אין װאַרשע.

**סאָבוטקאַ פּאַני,** פּױלישע פֿרױ, פּינטשעס פֿרײַנד.

**סטעפֿאַן,** חלוץ.

**עפּשטײן בערעק ד״ר,** פֿון גורוויטש, שפּעטער אין װאַרשע, אַקטיװ אין ייִדישער סטודענטן־אָרגאַניזאַציע, ייִדישע אַלײנהילף, קאָאָרדינירן־קאָמיטעט. מאַניע זײַן װײַב איז טאָכטער פֿון פֿעליקס גרינבערג. זײַן פֿאָטער שלום געװען טיטנמאַכער אין גורוויטש, געשריבן לידער, געקומען קײן װאַרשע נאָכן גירוש פֿון גורוויטש. בערעקס פֿאַרשטאָרבענע מאַמע איז געװען די שװעסטער פֿון פֿריץ װײַנער.

**פּרינסקער רב,** אַן אַנגעזעענער רב אין װאַרשע, שװער פֿון גורוויטשער רב.

**פּרידע אהרן ר׳,** למדן, פּירט אױס פֿונקציעס פֿון אַ רב אין כעלמיש נאָך דעם װי דער רב איז אַװעק קײן גורוויטש, זײַן זון יוסף, חתן פֿון ביילע גראָסמאַן.

**פּרידע נטע,** ר׳ אהרנס ייִנגערער ברודער, לעדער־סוחר, צו ערשט אין גורוויטש דערנאָך אין כעלמיש, זײַן װײַב לאה, זײַן טאָכטער געניע (שפּעטער װײַב פֿון כעמיע קאָבילאַק), זײַן ייִנגערע טאָכטער רוכטשע, חברטע פֿון עליאַש בלאַנק, ייִנגסטער זון קלמן.

**צעלינע,** קראַנקנשװעסטער, איר מאַן לודוויק.

**צפּורה,** צענטראַלע פֿיגור אין החלוץ, איר בחור אריה, פֿאַרשטײער פֿון דער ייִדישער אונטערערד צו דער פּױלישער אונטערערד.

**קאָבילאַק כעמיע,** עלצטער זון אין אַ משפּחה פֿון פֿערדהענדלער און שפּילטערן, האָט חתונה מיט געניע פּרידע. זײַן ברודער פֿוליע, זײַן ברודער אײַזיק.

**קאַליסקי** (כיבעשמוי) **פֿישל,** חסידישער ייִד אין גורוויטש, אָרעם און תמימותדיק. זײַן װײַב רחל־לאה, זײַן זון יאָסל װערט אײדעם פֿון מלך מילקעס,

זײַן ייִנגערער זון יאַנקל װערט פֿאַרפֿאַלן בעת אַן אומלעגאַלער נסיעה קײן ארץ־ישׂראל. זײַן טאָכטער שפּרינצע שפּעטער סאַבינע.

**קאַליסקי שפּרינצע (סאַבינע)** פֿון גורוױטש, געװױנט אין דאַנציק, געקומען קײן װאַרשע קורץ פֿאַר מלחמה־אױסבראָך, פֿאַרבונדן זיך מיט יואל דעם רבס (ראַבינאָװיטש). נאָך דעם װי די דײַטשן נעמען אײַן װאַרשע לעבט זי צװישן פּאָלאַקן אונטערן נאָמען סאַבינאַ קאַליסקאַ.

**קראַניץ,** הױפֿט פֿון געסטאַפּאָ אין כעלמיש.

**קאַפּל,** מינדעלעס פֿעטער, זון פֿון פּרינסקער רב.

**קירשבױם מנחם,** אַנגעזעענער טוער בײַ די אַלגעמײנע ציוניסטן, אַקטיװ אין קאָאָרדיניר־קאָמיטעט.

**ראַבינאָװיטש נתן, רב,** צו ערשט אין כעלמיש, נאָך דעם אין גורוױטש, בעת דער מלחמה אין װאַרשע. רביצין איז טאָכטער פֿון פּרינסקער רב. זײער טאָכטער יִטע, אײדעם ברוך; ייִנגסטע טאָכטער מינדעלע איז װײַב פֿון פֿינטשע מילקעס, זײער זון יואל, אַ מאָלער, גורוױטש, פּאַריז, ניו־יאָרק.

**רױטער זיגי,** פֿאָלקסדײַטש, בערעק עפּשטײנס שול־חבר. ער װערט נאָמינירט דײַטשער „טרױהענדער" אין פֿעליקס גרינבערגס געשעפֿטן.

**רינגעלבלום ד"ר,** היסטאָריקער, פֿון די גרינדערס פֿון דער ייִדישער אַלײנהילף און קאָאָרדיניר־קאָמיטעט.

**שור משה ד"ר,** ראַבינער, היסטאָריקער.

**שטיגעל קיװע,** אַרבעטער אין מילקעסעס טעקסטיל־פֿאַבריק אין גורוױטש, פֿליט אין װאַרשע. זײַן טאָכטער זאָשקע, ייִנגערע טאָכטער יפֿה.

**שטיגעל זאָשקע,** אַקטיװ אין השומר הצעיר, שפּעטער אין חלוצישער אונטערערד, געװען אױף הכשרה אין כעלמיש. אין גורוױטש געװען די חברטע פֿון פֿינטשע מילקעס, אין כעלמיש חתונה געהאַט מיט משה בױמל, מיטגליד פֿון הכשרה־קיבוץ.

**שלײַפֿער יצחק, ד"ר,** היסטאָריקער געזעלשאַפֿטלעכער טוער.

**װאַרשע.**

**כעלמיש,** אַ שטעטל לעבן לובלין.

**גורוױטש,** אַ פֿאַבריק־שטאָט פֿון טעקסטיל־סחורות לעבן לאָדזש.

# אינהאַלט:


קאַפּיטל איינס: מהומה . . . . . . . . 11

" צוויי: אָפּגעקומען מיט שרעק . . . . . 38

" דרייַ: ראַבין כאַבול . . . . . . . 53

" פיר: צעזייט און צעשפּרייט . . . . . . 63

" פינעף: פּינטשעס גוזמאות . . . . . . 69

" זעקס: מיט דער פּאַן . . . . . . . 79

" זיבן: דאָקטאָר לעמבערגער . . . . . . 93

" אַכט: אין כעלמיש . . . . . . . . 103

" נייַן: אַ חתונה . . . . . . . . 130

" צען: סאַבינאַ . . . . . . . . 143

" עלעף: אַליינהילף . . . . . . . . 155

" צוועלעף: המן . . . . . . . . . 183

" דרייַצן: דער העפלעכער דייַטש . . . . . . 192

" פערצן: געוואַלד, ייִדן . . . . . . . 210

נאָטיצן פון דער צייַט . . . . . . . . 217

קאַפּיטל פופצן: שווער צו זייַן אַ גויע . . . . . 233

" זעכצן: חשדים . . . . . . . . . 244

נאָטיצן פון דער צייַט . . . . . . . . 260

קאַפּיטל זיבעצן: בערעקס עדיטאָריאַל . . . . . . 279

" אַכצן: אָן פּחד . . . . . . . . . 284

" נייַנצן: געטאָ . . . . . . . . . 313

" צוואַנציק: אַ שבת צום געדענקען . . . . . 348

# קאַפּיטל איינס

# מהומה

א.

„היטלער בלאָפט, ס'איז לויטער געשריי, ס'איז אַ רויך אָן פײַער", האָבן געשריבן די צײַטונגען. „ער סטראַשעט מיט שראַגע" האָבן געזאָגט מענטשן אין גאַס און אַלע זענען געווען זיכער אַז ער וועט נישט ריזיקירן מיט אַ מלחמה.

„ער קאָן זיך נישט צוגלייבן אַז קיין נײַער 'מינכן' וועט נישט זײַן, פּראָבירט ער עפּעס אויספּרעסן מיט מלחמה־דראָונגען", האָט מען געלייענט אין דעם עדיטאָריאַל פון איין צײַטונג. „היטלער איז אַ פאַנאַטיקער אָבער נישט קיין משוגענער, ער וועט נישט וואַרפן דײַטשלאַנד קעגן דעם ענגלישן פלאָט און קעגן דער פראַנצעזישער מאַזשינאָליניע", האָט געשריבן אַן אַנדערע צײַטונג. „די גענעראַלן האָבן אים געלאָזט סטראַשען אַזוי לאַנג ווי די סטראַשונקעס האָבן זיך געלוינט, אָבער זיי וועלן אים נישט לאָזן אַרײַנקריכן אין אַן אמתדיקער מלחמה", האָט געשריבן אַ ספּעציאַליסט אין מיליטערישע ענינים. אַלע זענען געקומען צום זעלביקן אויספיר: עס וועט נישט זײַן קיין מלחמה.

אין דער נײַער פאַבריק פון פ. מילקעס האָבן די וועבשטולן געקלאַפּט טאָג און נאַכט צוצוגרייטן סחורה פאַר דעם ווינטער־סעזאָן. באַשטעלונגען זענען אָנגעקומען נאָך איידער דאָס ערשטע שטיק פאַרטיקע סחורה האָט זיך באַוויזן אויף די פּאָליצעס פון פינטשע מילקעסעס סחורות־לאַגער. דער נאָמען מילקעס איז געווען באַקאַנט אין דער בראַנזשע און איז בײַגעשטאַנען דעם יונגן מילקעס אין זײַן נײַ־אויפגעבויטן געשעפט.

דער רב און די רביצין זענען געזעסן אין אַ זומער־דירה אין וואַלד נעבן גלאָוונע, האַלב־וועג צווישן גורוויטש און וואַרשע, און מינדעלע

איז געווען מיט זיי. די ערשטע חדשים שוואַנגערשאַפט זענען געווען נישט לײַכט. פאַר וואָס זיצן אין אַ פאַבריקשטאָט פול רויך? די לופט אין די גלאָוונער סאָסנע־וועלדער איז מחיהדיק פריש. פינטשע איז געקומען צו איר אויף יעדן שבת.

מיט מינדעלען, ברוך־השם, געטאָן אַ גוטן שידוך; דער עלטסטער איידעם, ברוך, האָט זיך דערשלאָגן צו אַ שטיקל פרנסה, האָט דער רב געדאַנקט דעם רבונו־של־עולם פאַר זײַנע חסדים און געהאָפט אַז ער וועט איצט האָבן צײַט און הרחבת־הדעת צוצוגרייטן צום דרוק אַלע זײַנע כתבים — ער האָט איצט פאַרענדיקט אַ נײַ ספר שאלות־ותשובות. די רביצין האָט תפילה געטאָן אַז דער נחת אין די קינדער זאָל נישט פאַרשטערט ווערן. די וועלט שפּילט זיך מיט פײַער, מע דאַרף נסים כּדי עס זאָל, חלילה, נישט אויסברעכן אַ שׂריפה.

ווען פינטשע איז אָנגעקומען קיין גלאָוונע דעם פרײַטיק נאָך מיטאָג איז מינדעלע אים אַקעגנגעגאַנגען אויף די שפּיצפינגער און מיט צייכנס געוויזן ער זאָל זיך פאַרהאַלטן שטיל, דער טאַטעשי שרײַבט איצט אַ הקדמה צו זײַן נײַעם ספר.

מינדעלע האָט נאָך אַלץ געליטן פון איבלעניש, פינטשע האָט געטײַטלט צו איר בויך און מכּלומרשט געסטראַשעט: „דער יונגער מילקעס בלאָזט שוין פון זיך? די פירמע פּ. מילקעס און זון וואַקסט שנעלער ווי דער זון, און דערווײַל איז ער נאָך נישט קיין שותף, ער דאַרף עס זיך פאַרדינען, ער דאַרף זײַן גוט צו זײַן מאַמעלע".

„פון וואַנען ווייסטו שוין אַז עס וועט זײַן אַ זון, אפשר וועט עס גאָר זײַן אַ טאָכטער?"

„אַ טאָכטער וועט דאָך אַרײַנגעראָטן אין דער מאַמען, וואָס קאָן דאָ זײַן שלעכט?"

„וואָס זאָגסטו, פינטשע, צו דעם היטלער־סטאַלין־פּאַקט?"

„ס'קאָן זײַן אַז עס איז צום גוטן".

„צום גוטן? דאָס איז אַ צוגרייטונג צו מלחמה!"

„גיב אַ טראַכט, מינדעלע, וואָס עס וואָלט געשען אויב היטלער וואָלט געשלאָסן אַ פּאַקט מיט ענגלאַנד און פראַנקרײַך און דאָס וואָלט אים געגעבן פרײַע הענט אויף זײַן מיזרח־גרענעץ? פּוילן וואָלט געוואָרן אַ דײַטשע באַזע און די פּראַנטליניע צווישן דײַטשלאַנד און רוסלאַנד. אויב ענגלאַנד און פראַנקרײַך וואָלטן געוואָרן היטלערס שותפים וואָלט

געוועזן ווײ־און־ווינד צו די ייִדן אומעטום, האָסט דאָך געזען וואָס עס איז בײַ אונדז געשען ווען פּוילן האָט זיך געפֿרײַנדלט מיט היטלערן״.

„ווי קאָן עס זײַן גוט אַז עס וועט זײַן מלחמה?״

„פֿאַר וואָס פֿאַרשטײסטו נישט? בײדע, היטלער און סטאַלין, ווײסן אַז זײ ווילן אײנער דעם אַנדערן אָפּנאַרן און געטרויען זיך נישט. אויפֿן סמך פֿון אַזאַ 'פֿרײַנדשאַפֿט' וועט קײנער נישט אָנהײבן קײן מלחמה.

דעם טאָג האָט מינדעלע צום ערשטן מאָל דערפֿילט אַז עפּעס באַוועגט זיך בײַ איר אונטערן האַרץ. פֿינטשע האָט אַרויפֿגעלײגט די האַנט אויף איר בויך, דערפֿילט לעבן און געטרוימט. דאָס קינד וועט אַוודאי האָבן מינדעלעס חכמה, איר טאַטנס חריפֿות, און זײַן טאַטנס גוטסקײט.

פֿינטשע האָט געוואָלט אַהײמפֿאָרן מאָנטיק אָבער ער האָט זיך פֿאַרקילט און געבליבן אין גלאָוונע ביז מיטוואָך. די שוויגער האָט נישט צוגעלאָזט מינדעלען צו זײַן בעט. אין איר מצב דאַרף מען זײַן אָפּגעהיט״. זײ האָבן זיך געשיקט בריוולעך פֿון אײן שטוב אין דער אַנדערער. פֿינטשע האָט, ליגנדיק אין בעט, איבערגעזעצט אויף ייִדיש דעם שווערס געגראַמטע הקדמה. די לעצטע סטראָפֿע איז געווען אָנגעלאָדן מיט די שרעקן פֿון דער צײַט:

„גאָט, לעש שׂינאה וואָס פֿלאַקערט פֿײַער־בראַנד,
באַפֿרײַ פֿון קינאה האַרץ און פֿאַרשטאַנד,
שטרעק אויס צו אונדז דײַן העלפֿנדיקע האַנט,
לײז אויס פֿון גלות דײַן פֿאָלק, דײַן לאַנד.
זאָל דײַן רחמים וואָר מאַכן דעם אַלטן חלום,
ריכט אויף ציון — די הויפּטשטאָט פֿון שלום״.

ב.

ווי נאָר פֿינטשע איז אָנגעקומען קײן גורוויטש האָט ער שוין געוואָלט לויפֿן צוריק קײן גלאָוונע. היטלער האָט געשיקט נײַע אולטימאַטומס אָבער מע האָט זיך מער נישט געשראָקן פֿאַר זײַן סטראַשען, מע האָט איצט געהאַט די גאַראַנטיעס פֿון ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך. אָבער די וואַגאָנען זענען געווען פֿול מיט מיליטער און פֿינטשע האָט מורא געהאַט אַז מינדעלע וועט זיך שרעקן און איבערקלערן.

דעם טאָג זענען מער נישט געווען קיין באַנען. פינטשע האָט געוואָלט דינגען אַן אויטאָ אָבער אַלע אויטאָמאָבילן זענען רעקוויזירט געוואָרן פאַר דעם מיליטער. ער איז געלאָפן צו משה כאַבול, מיט אַ גוט פערד־און־וואָגן קאָן מען אָנקומען קיין גלאָוונע אין אַ דרײַ שעה. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אויך די פערד זענען רעקווירירט געוואָרן. קיין טעלעפאָן איז אין דער ווילע אין גלאָוונע נישט געווען, און אויך נישט אין די שכנותדיקע ווילעס. ער מוז וואַרטן ביז מאָרגן. דאַנערשטיק האָט ער אַ גאַנצן טאָג געוואַרט אויף אַ צוג, אָבער אַלע ליניעס זענען געווען פאַרנומען מיט מיליטערישע טראַנספּאָרטן. דער באַן־נאַטשאַלניק האָט אים געטרייסט, דאָס טראַנספּאָרטירן מיליטער צו די גרענעצן וועט זיך ענדיקן בײַ נאַכט. מאָרגן פרי וועט ווידער זײַן אַ ציווילער צוג.

די פרימאָרגן־באַן פון וואַרשע איז אָנגעקומען ערשט אין אָוונט און געבראַכט די וואַרשעווער צײַטונגען. פינטשע האָט איבערגעלייענט די „קעפּ" פון די הויפּטנײַעסן. ער האָט לײַכטער אָפּגעאָטעמט. ער וועט מאָרגן מיטנעמען אַלע צײַטונגען. זאָל די שוויגער אַליין לייענען און זען אַז קיין מלחמה וועט נישט זײַן.

„דײַטשע זעלנער דעזערטירן קיין פּוילן. האַנס קריבל האָט דע־זערטירט פון דער דײַטשער אַרמיי און אַריבערגעלאָפן די פּוילישע גרענעץ. ער וויל זיך נישט שלאָגן מיט פּוילן וואָס האָט קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן".

„טשעמבערלען האָט דערקלערט: 'די ענגלישע אַרמיי שטייט גרייט צו צעשמעטערן די שונאים פון שלום' ".

„בונט פון דײַטשע רעזערוויסטן אין עססען. זיי שרײַען: 'נידער מיט די נאַצישע הינט. מיר ווילן נישט קיין מלחמה איבער דאַנציק!' 'דער־הרגעטע און פאַרוווּנדיקטע אין אַ שלאַכט צווישן רעזערוויסטן און עס־עס' ".

„אַ בערזעקראַך דראָט היטלער־דײַטשלאַנד. דער פינאַנסיעלער מצב פון דער 'אַקס' איז אַ קלאָגעדיקער. די אַקס־שותפים האָבן צוזאַמען נאָר פערצן מיליאָן פונט אין גאָלדרעזערוון. ענגלאַנד און פראַנקרײַך האָבן אַ מיליאַרד".

„הונגער־אומרוען אין בערלין. פּאַגראָמירט און אויסגערויבט אַ סך שפּײַזגעוועלבן. אין דײַטשלאַנד פעלט שוין אויס בענזין".

„דײַטשער גענעראַל־שטאַב וואַקלט זיך", אַ ידיעה איבערגעדרוקט פון דעם לאָנדאָנער 'מאַנטשעסטער גאַרדיען', „גענעראַלן קייטעל און מילך זענען נישט זיכער".

„שפּאַניע וועט בלײַבן נייטראַל. איטאַליע אָפיציעל אָפּגעזאָגט הילף צו דײַטשלאַנד אין פאַל פון מלחמה".

„דײַטשלאַנד אָקופּירט סלאָוואַקײַ".

דאָס לעצטע קלערט אויף דעם גאַנצן ענין, איז פּינטשע געקומען צו דער מסקנא. היטלער האָט באַדאַרפט אַ תּירוץ צו פאַרוואַנדלען דאָס „אומאָפּהענגיקע" סלאָוואַקײַ, וואָס ער אַליין האָט באַשאַפן, אין אַ דײַטשן פּראָטעקטאָראַט, האָט ער אָנגעמאַכט אַ טומל וועגן פּוילן. אַנשטאָט פּראָ־טעסטירן וועט מען איצט דאַנקען גאָט וואָס ס'איז אויסגעגאַנגען נאָר צו סלאָוואַקײַ.

פּינטשע האָט ווײַטער געלייענט:

פון לאָנדאָנער „דעילי הערald" איז איבערגעדרוקט געווען אַן אַרטיקל פון הערald לאַסקי „די פאַלשע לעגענדע וועגן דײַטשלאַנדס קריג־כּוחות". אַ ציטאַט פון דער לאָנדאָנער „טײַמס" האָט אָנגעוויזן אַז כאָטש ענגלאַנד האָט אָפּגעוואָרפן היטלערס פאָדערונגען האָט זי אים געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך צוריקצוציִען מיט כּבוד. „בערלין דערשיטערט וואָס די סאָוויעטן האָבן ווידער אָפּגעלייגט די ראַטיפיקאַציע פון פּאַקט מיט דײַטשלאַנד. דער פּוילישער מאַרשאַל רידז־שמיגלי פאַרזיכערט: 'מיר זענען שטאַרק, פאַראייניקט און גרייט'".

פון די אַלע ידיעות איז פּינטשען געוואָרן אַזוי לײַכט אויפן האַרץ אַז ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ הילכיק געלעכטער ווען ער האָט איבער־געלייענט אַן עדיטאָריאַל אין דעם אַנטיסעמיטישן „דזשעניק נאַראָדאָווי". „עס איז לײַכט צו פאַרשטיין פאַר וואָס היטלער איז אָנגעפאַלן אויף טשעכאָסלאָוואַקײַ. דאָס לאַנד איז געווען אַ מאַכטיקע פעסטונג פון רויטן קאָמוניזם אינעם האַרץ פון אייראָפּע, און היטלער האָט געמוזט צעשטערן די פעסטונג. אָבער פּלוצלינג, ווי אַ דונער פון אַ בלויען הימל, אַ פּאַקט צווישן רויט־רוסלאַנד און שוואַרץ־דײַטשלאַנד. ווי אַזוי קאָן מען דאָס דערקלערן? קלאָר: ס'איז אַ ייִדיש שטיקל אַרבעט. די ייִדן זענען אין כּעס אויף ענגלאַנד וואָס האָט פאַרשלאָסן די טויערן פון פּאַלעסטינע, האָט די זשידאָקאָמונע אונטערגערוקט אַ מאָסקווע־בערלין־פּאַקט קעגן ענגלאַנד".

פּינטשע האָט געגעסן אַ גוט נאַכטעסן. ער האָט צוזאַמענגעלייגט אַלע צײַטונגען, מיטצונעמען מאָרגן פרי קיין גלאָוונע. אַ באַרויִקטער האָט ער זיך געלייגט שלאָפן.

די פאַבריק־סירענעס האָבן אַרויסגעריסן פּינטשען פון טיפן שלאָף. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, געעפנט דעם ראַדיאָ.

איז עס אַ בייזער חלום? ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די צייַטונגען נעבן בעט. ס'איז נישט מעגלעך! פּינטשע איז געלאָפן צום וואָקזאַל. ס'זענען נישט געווען קיין צוגן קיין גלאָוונע, דער שונא האָט באָמבאַרדירט אַלע וויכטיקע באַנקנופּן.

ווו איז געווען זייַן שׂכל? ווי האָט ער אין אַזאַ צייַט געקאָנט איבער־לאָזן מינדעלען אין דער פרעמד? ער מוז זייַן מיט איר, אַפילו ער זאָל דאַרפן גיין צו פוס.

די וועגן זענען געווען פול מיט פּליטים. פון גורוויטש איז מען געלאָפן קיין לאָדזש. פון לאָדזש קיין גורוויטש. ער מוז זיך דערווייַטערן, חלילה נישט אַרייַנצופאַלן אין דייַטשע הענט אײדער די ענגלענדער און פראַנצויזן וועלן קומען צו הילף.

די זון האָט געבראָטן אין אַ שפּעטער חמימה און פּינטשען איז געווען קאַלט. דער האַלדז האָט אים וויי געטאָן. פון שטויב אָדער איז די אַנגינע צוריקגעקומען? פייַנטלעכע עראָפּלאַנען זענען אַנגעפלויגן. אַ פויער איז אַרויסגעלאָפן מיט אַן אַלטער יעגערביקס און פּראָבירט שיסן צו די עראָפּלאַנען. מע האָט זיך אויסגעצויגן אויפן שאָסיי, מען איז אַראָפּגעלאָפן אויף די פעלדער. פּינטשע האָט זיך קוים געקאָנט צוריק אויפהייבן. די ביינער האָבן געבראָכן. די גלידער אָן כוחות. ער מוז האָבן גרויסע היץ.

אַן עראָפּלאַן האָט אַראָפּגעטויכט און אַ זייע געטאָן אַ סאַלווע קוילן פון אַ מאַשינביקס. טויט איז אויסגעוואַקסן צווישן די קאַרטאָפל־קוסטעס אויף די פעלדער.

עס איז געוואָרן געדיכטער אויף די וועגן. דאָס מיליטער האָט צוגע־נומען די פערד, האָט מען אײַנגעשפּאַנט אין וואָגן זיך אַליין און דאָס הויזגעזינט. מע האָט געשלעפּט אַלץ וואָס מ'האָט געמיינט אַז מ'טאָר עס נישט איבערלאָזן אויף הפקר אין דער פאַרלאָזענער היים. מ'האָט עס שפּעטער איבערגעלאָזט אויפן וועג און אַליין געלאָפן ווייַטער.

נעבן סטריקעוו האָט מען אָנגעטראָפן אויף אַ מיליטערישן טאַבאָר. מידע זעלנער האָבן זיך געשלעפּט לעבן מידע הונגעריקע פערד, איבער־געלאָדענע וואָגנס מיט זעקלעך שפּייַז, אַמוניציע־קעסטלעך, פעלדהאַרמאַטן און פאַרווונדיקטע סאָלדאַטן.

פּינטשע איז אַראָפּ אויפן פעלד, אַריבערצוּיאָגן דעם טאַבאָר און דערווייַטערן זיך פון אים. זייַנע פיס זענען געווען שלאַבעריק. ער האָט געשלעפּט די פיס מיט די לעצטע כוחות און איז אַלץ געבליבן לעבן די מיליטערישע וואָגנס. די עראָפּלאַנען זענען צוריקגעקומען, די זעלנער האָבן אָנגעצילט זייערע ביקסן. די עראָפּלאַנען האָבן אַראָפּגעטויכט איינער

נאָכן אַנדערן. פערד און מענטשן אין איין פּאַניק, אין איין געשריי. שוים, בלוט, טויט!

ווו זענען אונדזערע עראָפּלאַנען? פאַר וואָס לאָזט מען די דייטשן שאַלטעווען איבער פּוילישע וועגן? האָט מען זיך געוווּנדערט.

איבערגעקערטע וואָגנס, פאַרווונדיקטע פערד האָבן בלאָקירט דעם שאָסיי. פּינטשע האָט זיך צוגעשלעפּט צו אַ פּויערישער כאַטע. ער וועט צוּוואַרטן ביז נאַכט ווען די עראָפּלאַנען וועלן נישט זען צו צילן אין די מענטשן. דערוויל וועט דער מיליטערישער טאַבאָר זיך דערווייטערן.

ער האָט זיך צוגעכאַפּט צו אַ שעפּ וואַסער, ער האָט קוים געקאָנט שלינגען. דער האַלדז האָט געווייטיקט ווי אַ קויל וואָלט דאָרט געבליבן שטעקן.

ביי נאַכט זענען די וועגן שוין געווען אין גאַנצן פאַרשטאָפּט. דאָ און דאָרט איז געפאַלן אַן איינצלנער שאָס. „די וועגן זענען פול מיט דיווער־סאַנטן”, האָט מען זיך איבערגעגעבן פון מויל צום אויער. די עראָפּלאַנען האָבן מער נישט געפלאָגט. מען איז געגאַנגען און געגאַנגען און נישט געקומען פאָרויס. פּינטשע האָט פּראָבירט גיין אויפן פעלד לענגאויס דעם שאָסיי. ער האָט זיך געשטרויכלט איבער שטיינער און קוסטעס. די הענט און דאָס פּנים צעקראַצט, די מלבושים אויסגעשמירט און צעריסן. „כ'האָב נישט קיין תרעומות, רבונו־של־עולם”, האָבן פּינטשעס לעפּצן גע־שעפּטשעט. „זאָל נאָר דאָס מיליטער אויסמיידן דעם גלאָוונער וואַלד. זאָל נאָר מינדעלע איבערקומען אָן שרעק”.

מען איז פאַרביי אַ דאָרף. אַ הונט האָט ערגעץ זיך אָפּגעריסן מיט אַ ווילדן געביל, אַנדערע הינט האָבן אָפּגעענטפערט. אַ קינד, געטראָגן אויפן טאַטנס אַקסל, האָט זיך איבערגעוועקט מיט אַ געוויין. מע האָט מער נישט געהערט די הינט, מע האָט זיך דערווייטערט פון ישוב. דאָס קינד איז צוריק איינגעשלאָפן. שאָטנס, שאָטנס אָן אַ סוף האָבן זיך באַוועגט אין אַ שטילער נאַכט. אַ גרויסע מיטחודשדיקע לבנה האָט ווי די שאָטנס זיך גערוקט פּאַמעלעך און שטיל לענגאויס דעם שאָסיי, ווי זי וואָלט באַגלייט די מענטשן אין גלות אַריין.

פּינטשע האָט קוים זיך דערשלעפּט צו דער ווילע, אַרויפגעפאַלן אויף דער טיר און נישט געקאָנט זי עפענען. ער האָט אָנגעקלאַפּט שטיל, נישט איבערצושרעקן, געקלאַפּט שטאַרקער. קיין ענטפער. ער איז געלאָפן צום אַ פענצטער, צו נאָך אַ פענצטער. אַלע לאָדנס פאַרמאַכט מיט אייזערנע פרענטעס. ער איז צוריקגעלאָפן צו דער טיר און אין דער פינצטער דער־

טאַפּט אַ שלאָס אָנגעהאָנגען פון דרויסן. ער איז אַוועקגעלאָפן צום הויז פון דעם באַלעבאָס — קיין סימן פון אַ לעבעדיקן נפש. ער האָט קוים זיך דערשלעפּט צוריק צו דער וועראַנדע און אַראָפּגעלאָזט זיך אויף אַ טרעפּל. וואָס זאָל ער איצט טאָן? ווו זאָל ער איצט זוכן מינדעלען?

אַ קיל ווינטל האָט געבלאָזן און אַדורכגעשווידערט זײַנע ביינער. ער וואָלט באַדאַרפט אַ וואַרעם בעט און אַ הייסן טרונק. וווהין גייט מען? וואָס טוט מען?

וווהין? צוריק אַהיים! ער איז געגאַנגען אַהער צו זײַן מיט מינדעלען, זי איז אַוודאי געגאַנגען אַהיים צו זײַן מיט אים. ער מוז שוין, תּיכּף, זיך אויפשטעלן און גיין צוריק קיין גורוויטש.

ער האָט געוואַרט ביז ס'איז טאָג געוואָרן און אַלץ נישט געפונען בײַ וועמען צו פרעגן וווהין די זײַניקע זענען אַוועק. דער באַלעבאָס פון דער זומער־ווויִנונג ווינט אין לאָדזש. ער איז אַוודאי אַוועק אַהיים, און מינדעלע מיט שוועגער־און־שוויגער — צוזאַמען מיט אים ביז גורוויטש.

האָט דער באַלעבאָס געפונען עפּעס אַ פויעריש וועגעלע זיי צו פירן. ווען עס איז ליכטיק געוואָרן האָט ער געפונען לײדיקע פושקעס פון מיליטערישע קאָנסערוון, פערדמיסט, צייכנס אַז מיליטער האָט זיך דאָ אָפּגע־שטעלט. אַהאַ, דערפאַר זענען אַלע אַוועק. נישטאָ, חלילה, קיין צייכנס פון באָמבעס. זיי זענען שוין אַוודאי בשלום אָנגעקומען קיין גורוויטש.

דאָס גיין צוריק איז געווען נאָך שווערער, ער איז געגאַנגען קעגן שטראָם. ער מוז האָבן היץ, עס קומט אים אָן מיט שווייס דאָס אויפהייבן אַ פוס. ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן האָט אַ קעלט זיך אײַנגעגעסן אין זײַנע ביינער. ער האָט געמוזט איבערנעכטיקן אין אַ פויערישן שײַער, כאָטש בײַ נאַכט איז דאָס גיין געווען זיכערער.

עס איז ווידער געווען נאַכט ווען פּינטשע איז אָנגעקומען קיין גורוויטש. אין זײַן אייגענער דירה איז קיינער נישט געווען. ער איז אַוועקגעלאָפן צום שוועער. זײַן שוואָגער, ברוך, איז דאָרט געווען. ער איז געקומען פון לאָדזש מיטן ווײַב און קינדער. לאָדזש — אַ גרויסע שטאָט — וועלן זיי זיכער באָמבאַרדירן. דאָ אויף דער יידישער גאַס נעבן בראָדאַקס פאַבריקן איז אויך נישט גוט, אָבער אַלץ בעסער ווי אין לאָדזש.

„ווו איז מינדעלע? ווו זענען, שוועער־און־שוויגער?"

„אין גלאָוונע".

„ווער האָט געזאָגט?"

„וואָס דאַרף מען זאָגן? זיי ווייַנען אין גלאָוונע אויף זומער-ווױנונג".

פינטשע איז אַוועק צו זייַן טאַטנס הויז, ווו מרימל איז אַרויפגעפאַלן אויף אים מיט אַ בשורה: „ענגלאַנד און פראַנקרייַך זענען אַרייַן אין דער מלחמה, איצט וועט עס שוין לאַנג נישט דויערן".

„עפּעס געהערט פון מינדעלען?"

„וואָס טאַקע טוסטו דאָ? מינדעלע האָט געלאָזט וויסן דו זאָלסט קומען קיין וואַרשע צון איר זיידן. זיי זענען אַוועק קיין וואַרשע".

פינטשע האָט געוואָלט גלייַך זיך לאָזן אין וועג אַרייַן; נאָך איידער ער האָט דערגרייכט די טיר האָט ער דערפילט אַז עס איז אים שווער אויפצוהייבן אַ פוס און נאָך שווערער צו דערטראָגן זייַן קאָפּ. מע האָט גערופן דעם דאָקטאָר און יענער האָט זיך געבייזערט: „געפונען אַ צייַט קראַנק צו זייַן!"

ג.

אין יענעם פרייַטיק ווען דער רב האָט פאַרענדיקט זייַן ספר זענען שוין געפאַלן שאָסן. אַ טאָג פריִער האָט היטלער געהאַט געגעבן אַ באַפעל צו מאַרשירן. דערוווסט זיך אַז ענגלאַנד און פראַנקרייַך האָבן אונטער-געשריבן אַ פאַקט מיט פוילן, האָט ער אָפּגעלייגט דעם אָנגריף. איין אָפּטייל האָט באַקומען דעם צוריקרוף ערשט נאָך דעם ווי זיי זענען שוין געווען אויף פוילישער ערד און באַשאָסן אַ פוילישע שטאָט.

אין דער נאַכט פון דעם 31סטן אויגוסט האָבן עס-עס-לייַט, איבער-געטאָן אין פוילישע מונדירן, געמאַכט אַן איבערפאַל איבער אַ דייַטשער ראַדיאָ-סטאַציע אין גלייוויץ. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך אַ דייַטש וועמען זיי האָבן אַרויסגענומען פון אַ קאָנצענטראַציע-לאַגער, אים דער-שאָסן, און דעם הרוג אַוועקגעלייגט לעבן דער סטאַציע. דער בריטישער אַמבאַסאַדאָר אין בערלין האָט געשיקט צו זייַן רעגירונג באַריכטן וועגן דער „פוילישער אַגרעסיע". אַ גרויסע אַמעריקאַנער צייַטונג האָט געשריבן קעגן דעם „פוילישן אָנפאַל אויף גלייוויץ" ווען היטלערישע טאַנקען האָבן שוין חרוב געמאַכט פוילישע שטעט.

מע האָט זיך שפּעטער דערוווסט אַז אויך די אַקטיאָרן אין דעם „פוילישן אָנפאַל-שפּיל", די איבערגעטוענע עס-עס-לייַט, זענען אַלע דערשאָסן געוואָרן, עס זאָלן נישט בלייַבן קיין עדות.

מע האָט געבראַכט אַלע מאָל אַן אַנדערע בשׂורה. „דאָס פּוילישע מיליטער האָט שוין פאַרנומען גאַנץ מיזרח־פּרײַסן", „די ענגלענדער האָבן אַרויסגעזעצט אַ דעסאַנט אין דאַנציק". נאָך איידער מע האָט באַוויזן רעכט הנאה צו האָבן פון די גוטע נײַעסן האָט מען אָנגעהויבן הערן דעם אָפּהילך פון אַרטילעריע־שאָסן. ווי איז עס מעגלעך? האָט מען זיך געוווּנדערט, גורוויטש איז אַ קײַמא־לן פון אַ צוויי הונדערט קילאָמעטער פון דער גרענעץ און עס איז דאָך ערשט דער פינפטער טאָג מלחמה?

יאַן, דער סטרוזש, איז אַרײַנגעלאָפן מיט אַ געקלאָג: „פּאַניע באַלע־באָס, די וועלט ענדיקט זיך. אַ באַנדע היגע דײַטשן לויפן אַרום מיט האַקנקרײַץ־אָרעמבענדער און שיסן. און ווער פירט אָן מיט זיי? דער הער העניקע, יאָ, יאָ! דער פון דער אַפּעראַטור 'הענקע און שײַדעל'".

„און וווּ איז אונדזער מיליטער? אַ שטאָט מיט אַזוי פיל פאַבריקן און מע זעט נישט קיין פּוילישן סאָלדאַט."

„אונדזערע פּאָליציאַנטן באַהאַלטן זיך, די היגע דײַטשן האָבן אויטאָ־מאַטישע ביקסן. זיי וועלן טײַער באַצאָלן דערפאַר, די פאַררעטערישע שוואַבעס!"

די שויבן אין די פענצטער האָבן געגומען ציטערן. „אונדזערע קומען, אונדזער מיליטער מיט טאַנקען," האָט יאַן געשריגן מיט שׂימחה.

„הלוואַי, רבונו־של־עולם, הלוואַי."

אויף יענער זײַט פון פינטשעס פענצטער איז דער פּרײַקײַטס־פּלאַץ געלעגן ווי פאַרחלשט. די קוסטעס און בלומענבייטן האָבן זיך געהנדלט מיט די בונטע קאָלירן פון סוף־זומער, אָבער עס האָט געפעלט דער שטענדיקער רעש. דאָס געקלינג פון די טראַמווײַען וואָס פלעגן דאָ אָנקומען פון לאָדזש, דער געפילדער פון די קינדער אין גאָרטן. האָבן אויך די פייגל זיך באַהאַלטן אין זייערע נעסטן? אַ טויטע שטילקייט האָט געהויערט איבער דעם פּלאַץ. קיין צייכן פון אַ לעבעדיקן נפש.

די שויבן אין די פענצטער האָבן געציטערט, די ערד האָט געגומען ציטערן, דער גאַנצער בנין האָט געציטערט. אַ מחנה מאָטאָציקלען איז אָנגעלאָפן ווי אַ טשאַטע וועלף. אײַזערנע העלמען האָבן ווי געדיכטע שופּן זיך אַרײַנגעשלאַנגט אויף דער פּילסודסקי־גאַס מיט אַ פאַרכטיקן ריטעם. אַ טאַנק האָט זיך אַרײַנגעקאַטשעט אויפן פּרײַקײַטס־פּלאַץ. די לאַנגע לופע אויסגעשטרעקט צום מילקעס־הויז, ווי אָנגעצילט צו פינטשען. ער האָט הינטערווײַלעכטס זיך אָוועקגערוקט פון פענצטער. גוט אַז

מינדעלע איז אין וואַרשע און וועט נישט דאַרפֿן אָנקוקן זייערע טריפֿהנע פּרצופֿים.

די נאַכט איז אַריבער אין אַן אימהדיקער שטילקייט. פּינטשע איז איינגעשלאָפֿן ווען עס האָט שוין געגרויט אין גענומען טאָגן. אַ געוויש פֿון אויטאָ־מאָבילן בײַם טויער האָט אים אויפֿגעוועקט. דער גלאָק בײַ דער אַרײַנ־גאַנג־טיר האָט זיך האַסטיק צעקלונגען. מירל איז געלאָפֿן צו דער טיר, אַן עלטערע פֿרוי וועט מען נישט טשעפּען.

אַ יונג פֿון אַ יאָר זעכצן מיט אַ האַקנקרײַץ אויפֿן אָרעם, האָט געפֿירט דײַטשן אין גרינע מונדירן. „די שליסלען צום סחורות־לאַגער און צו דער פֿאַבריק!" האָט דער יונג געפֿאָדערט.

זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט פּינטשען פֿון בעט. אַלע שטובמענטשן האָבן געמוזט העלפֿן אַרויסטראָגן סחורות צו משׂא־וואָגנס וואָס האָבן שוין געוואַרט פֿאַרן טויער. פּינטשע האָט דערקענט דעם יונג, דאָס איז דאָך דער זון פֿון זײַנס אַ וועבער. ער פֿלעגט ברענגען דעם טאַטן מיטאָג אין פֿאַבריק.

„איך קען דעם פּאַן," האָט פּינטשע געזאָגט אויף פּויליש.

„יודישער שווײַן!" האָט יענער אַ געשריי געטאָן און דערלאַנגט פּינטשען מיט דער פּויסט אין פּנים. פּינטשעס נאָז האָט געבלוטיקט. „לאָוס! לאָוס!" האָבן די דײַטשן אונטערגעיאָגט פּינטשען ער זאָל ווײַטער טראָגן די שטיקער סחורה. אַז די פּאַרטיקע סחורה איז שוין געווען אָנגע־לאָדנט אויף די אויטאָס, האָט אַ דײַטש פֿאַרלייגט אַ זיגל אויף דער פֿאַבריק און צוגעקלעפּט אַ צעטל: „אײַנברעכן וועט באַשטראָפֿט ווערן מיט טויט".

ברוך האָט געמוזט פֿאַרלאָזן דעם רבס הויז. די דײַטשן האָבן געזוכט דעם רב. דער יודע האָט געגעלט צו קויפֿן אַזוי פֿיל ביכער, האָט ער זיכער אויך אַ סך 'שמוק' (צירונג). ברוך איז אַריבער אין פּינטשעס דירה. פּינטשע איז געבליבן בײַ זײַן טאַטן אין הויז.

מע דאַרף ראַטעווען דעם שווערס כּתבים, האָט פּינטשע באַשלאָסן. פֿיר ספֿרים אויף די פֿיר חלקים „שולחן ערוך", דער שווער האָט געאַרבעט אויף דעם זײַן גאַנץ לעבן. ווי נאָר ער האָט זיך געשטעלט אויף די פֿיס איז פּינטשע אַוועק צום שווערס דירה. ער האָט געפֿונען די טירן אויפֿגע־ריסן, די ווענט צעבראָכן, דאָס בעטגעוואַנט צעשניטן. דער גרעסטער חורבן איז געווען אין בית־דין־שטוב. די ספֿרים־פּאָליצעס אָפּגעריסן פֿון

די ווענט, צעריסענע ספרים איבער דער גאַנצער שטוב. ער האָט איינגעגראָבן די הענט צווישן די ספרים, געזוכט די מאַנוסקריפּטן. ער האָט קוים געפונען עטלעכע צעריסענע בלעטלעך, ווען אַ שכן איז אַריינגעלאָפן:
„דייטשן זענען דאָ אויף דער גאַס."

„קאָם מאַל היער!" האָט פינטשע דערהערט אַ באַפעל ווי נאָר ער איז אַרויס.

אַ דייטש מיט אַן אויסגעשטרעקטער ביקס האָט געיאָגט דעם אַלטן ר' יצחק מענדל צום שילהויף. ר' יצחק מענדל איז געלאָפן אין בלויזן קאָפּ, ער האָט אין לויפן אויך פאַרלוירן איין שטעקשוך. דער זאָק איז געווען צעריסן. „שמוציקער, לאַוזיקער יודע!" האָט דער דייטש געזידלט און אים געיאָגט צו דער שיל.

פינטשע איז געטריבן געוואָרן צון אַ מיליטערישן משא־וואָגן. ער האָט אָפּגעלאָדנט באַנקעס נאָפט, אַנדערע יידן האָבן אַוועקגעטראָגן די באַנקעס צו דער שיל. פינטשע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דעם אויסגעליידיקטן וואָגן. ער האָט דערזען ווי רויך האָט אַ זעץ געטאָן פון די אויסגעבראָכענע שילפענצטער.

„די הייליקע תורות!" האָט אַ ייד אַ געשריי געטאָן און זיך אַ ריס געטאָן צו דער שיל.

אַ דייטש איז צוגעקומען. „די הייליקע שריפט," האָט דער ייד געוויזן אויף דער שיל.

„לאַוף, לאַוף!" האָט דער דייטש דערמוטיקט דעם ייד אַריינצולויפן אין דער שיל.

אַ באַוועג צווישן די געכאַפּטע יידן. „אַ לעבן איז אַזוי הייליק ווי אַ ספר־תורה," האָט ר' יצחק מענדל געפסקנט, „לויפטס נישט."

נאָך איין ייד איז שוין געהאַט אַריינגעלאָפן. ער איז באַלד צוריקגעקומען צו דער טיר מיט אַ ספר־תורה אין יעדער האַנט. דער דייטש וואָס האָט אים פריער דערמוטיקט אַריינגיין האָט איצט גענומען שיסן צו דער טיר. דער ייד האָט זיך צוריקגעצויגן און ווידער געקומען צו דער טיר. דער דייטש האָט ווידער געשאָסן, נישט צוגעלאָזט אים צום אַרויסגאַנג. דער ייד האָט זיך באַוויזן ביי אַ פענצטער. זיין באָרד אָפּגעזענקט, אַ פּאָלע פון זיין יופּעצע אין פייער. דער דייטש האָט געשאָסן צום פענצטער. די גאַנצע נאָפט־באַגאָסענע פּאָדלאָגע איז שוין געווען אין פלאַמען. דער ייד איז אַרויפגעלאָפן אויף דעם באַלעמער. די פלאַמען האָבן שוין באַלעקט דאָס געהילץ פון באַלעמער. אַרומגערינגלט מיט רויך און פלאַמען איז דער ייד געבליבן שטיין מיט די ספרי־תורה אין זיינע הענט. דער

באַלעמער האָט זיך איַינגעבראָכן. מע האָט שוין נישט געזען מער ווי רויך און פיַיער.

„הונדערט זלאָטעס פאַר דעם נאַפט,“ האָט דער אָפיציר געפאָדערט פון ר׳ יצחק מענדלען. „דו מוזסט באַצאָלן פאַרן אָפּרייניקן דאָס מיסט.“

ר׳ יצחק מענדל האָט געזוכט אין אַלע קעשענעס און קוים צוזאַמענגעקראַצט דריַי זלאָטעס מיט אַ ביסל קליינגעלט.

„הונדערט זלאָטעס!“

זאָל ער רעדן צון אים, אָפּבעטן זיך, ר׳ יצחק מענדל קען דאָך גוט דיַיטש, האָט פינטשע מתפלל געווען.

„אָין לי איז די בעסטע טענה,“ האָט ר׳ יצחק מענדל געזאָגט אין אַ לומדישן יידיש.

דער דיַיטש האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, צוגעטראָגן עס צו ר׳ יצחק מענדלס באָרד. „הונדערט זלאָטעס אָדער נאָך אַ שטיק יודישער שמוץ וועט פאַרברענט ווערן.“

פינטשע האָט געהאַט ביַי זיך נאָר דריַיסיק זלאָטעס. נאָך אַ ייִד האָט געהאַט פינעף זלאָטעס, די אַנדערע האָבן אין גאַנצן קיין געלט נישט געהאַט. פינטשע האָט אויסגעטאָן דעם גאָלדענעם זייגער, אַ מתנה פון שווער, ער האָט עס דערלאַנגט דעם אָפיציר, צוזאַמען מיט די פינעף־און דריַיסיק זלאָטעס.

„מער האַסט דו ניכט?“

פינטשע האָט געזוכט אין די קעשענעס און האָט געפונען אַ פּאַרקערפּען.

„ווּ ווּינסטו דען, יודע?“

„דאָס איסט דער מילקעס פון אַדאָלף היטלער־פּלאַץ,“ האָט אַן אָרטיקער דיַיטש אים דערקענט.

פינטשע האָט גענומען ר׳ יצחק מענדלען מיט זיך. „פון פריַיקיַיטס־פּלאַץ איז שוין געוואָרן אַדאָלף היטלער־פּלאַץ,“ האָט פינטשע געקרעכצט.

„פינטשע, דו האָסט געלייענט געטע, שילער, הייַנע“.

„אַ ביסל, אין פּוילישער איבערזעצונג.“

„דו קענסט נישט קיין דיַיטש?“

„אַ ביסל, אַ מין יידישער דיַיטש. איר קענט דאָך גוט דיַיטש. מע זאָגט איר קענט אַלע דיַיטשע קלאַסיקערס פון אויסנווייניק.“

„כ׳קען שוין נישט. כ׳האָב געוואָלט דאָרט זאָגן אַ קאַפּיטל געטע, וויַיזן אים אַז דאָס ׳יודישע שמוץ׳ קען בעסער דיַיטשע ליטעראַטור ווי

ער, אָבער ס'איז מיר אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ. כ'האָב געוואָלט רעדן צון אים אין דײַטש און נישט געקאָנט."

אין אָוונט זענען צוויי דײַטשן אַרײַנגעפאַלן אין ר' שלמה'ס הויז. „געלט, גאָלד, שמוק, אַלעס הערויסלייגן!"

„ברוך־השם, אָפּגעקומען מיט שרעק," האָט ר' שלמה געזאָגט נאָך זייער אַוועקגיין. נאָר מירעלע האָט געוויינט: „די סחורות צוגענומען, איצטער דאָס געלט און צירונג, פון וואָס וועט מען לעבן?"

„ס'עט לאַנג נישט געדויערן, מאַמעשי", האָט פינטשע זי געטרייסט. „צוזאַמען מיט היטלערס מפּלה וועט קומען די מפּלה פון אַלע אַנטי־סעמיטן."

## ד.

אין גלאָוונע פּלעגט מען פּראָבירן טרעפן צי לייב אָרטשיקס שקאַפּע איז עלטער פון זײַן דראָשקע, אָדער פאַרקערט. די בויד פון דער דראָשקע — לאַטע אויף לאַטע, דאָס געזיץ מיט צעבראָכענע שפּרינג־פעדערס, די אָקסן האָבן זיך געהאַלטן אויף ניסים, און אַזוי אויך זײַן פערדל. דאָס אַלץ איז בײַגעשטאַנען לייבן, דאָס פּוילישע מיליטער זאָל נישט רעקווירירן זײַן פערדל. קיין אייגן האָב־און־גוטס צו ראַטעווען פון דײַטש האָט לייב נישט געהאַט, האָט ער זיך פאַרדונגען אַוועקצופירן דעם רב, די רביצין און מינדעלען קיין וואַרשע.

אַפילו מיט לייבס שקאַפּע האָט די נסיעה נישט באַדאַרפט נעמען מער ווי אַכט שעה. בפרט אַז מע האָט אויפן וועג געקויפט פאַרן פערדל היי און האָבער, טײַערע מאכלים וואָס עס האָט זעלטן געגעסן. ס'איז געווען דער ערשטער טאָג מלחמה, אָבער מע האָט שוין געמוזט פאָרן מיט דאָרפישע וועגן איבער זאַמדן און לעכער. ס'איז געווען אַ נס אַז די אָקסן האָבן אויסגעהאַלטן. עס זאָל נאָר מינדעלען, חלילה, נישט שאַדן. פינטשע זאָל נאָר אָנקומען בשלום, וועט שוין אַלץ זײַן גוט. פינטשע וועט, מן־הסתם, באַווײַזן אַרויפצוכאַפּן זיך אויף אַ באַן. זאָל דער אייבערשטער באַהיטן מע זאָל, חלילה, די באַן נישט באָמבאַרדירן.

מינדעלע האָט אָנגעקלונגען אין דעם זיידנס טיר. זי האָט געהאָפט אַז פינטשע וועט איר אַקעגנקומען. מיט דער באַן נעמט פון גורוויטש קיין וואַרשע סך־הכל דרײַ שעה. לאָמיר זאָגן אַז איבער דער מלחמה האָט

איצט געדויערט זעקס, צען שעה! לייב אָרטשיקס דאָראָשקע האָט זיך געשלעפּט קיין וואַרשע שוין באַלד אַנדערהאַלב מעת־לעת.

פּינטשע איז נאָך נישט געוועזן. דער שבת איז צוגעפאַלן. ער זאָל זיך נאָר נישט צוריקהאַלטן פון פאָרן שבת. ס'איז פּיקוח־נפש.

קיין טעלעפאָן־פאַרבונד מיט גורוויטש איז שוין נישט געווען.

דאָס אָקענטשאָ־פּליפעלד און דער הויפּטוואָקזאַל באָמבאַרדירט, אָבער וואַרשע איז געווען רויִק. אַלע יידישע און פּוילישע צײַטונגען זענען פרײַטיק אַרויס נאָרמאַל. דער שטאָט־פּרעזידענט האָט גערופן צו מוט און דיסציפּלין.

די נײַע וואָך איז געווען אַ מזלדיקע און פול מיט גוטע בשׂורות. זונטיק אָוונט האָט דער ראַדיאָ געמאָלדן אַז ענגלאַנד און פראַנקרײַך זענען אַרײַן אין מלחמה. אפשר וועלן די דײַטשן נישט באַוויזן צוקומען אפילו ביז גורוויטש. די פּוילישע רעגירונג האָט דורכן ראַדיאָ גערופן אַלע יונגע קאַמפּפעיִקע זאָלן ציִען קיין מיזרח און זיך דאָרט מאָביליזירן. מע דאַרף נאָר אָפּהאַלטן דעם שׂונא עטלעכע טעג ביז ער וועט באַקומען קלעפּ אויפן מערב, ביז די ענגלישע שיפן וועלן באַוויזן צושווימען קיין גדיניע און דאַנציק, נאָר עטלעכע טעג...

וועט פּינטשע גיין קיין מיזרח? ער האָט דאָך בכלל נישט קיין מיליטערישע שולונג. ער ווייסט דאָך נישט ווי צו האַלטן אַ ביקס.

מילא, אַז אַ פאַבריק אָדער באַנהויף ווערט חרוב, וועט מען עס צוריק אויפבויען, אָבער די מענטשן וואָס ווערן דערווײַל חרוב — אַזוי פיל יידישע קהילות. קעלץ איז שוין געפאַלן און צו מאָרגנס, נאָך נישט קיין וואָך זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן, איז קראָקע געפאַלן. קראָקע, די אַמאָליקע הויפּטשטאָט פון פּוילישן קעניגרײַך, די גרויסע יידישע קהילה. ווען די דײַטשן וועלן אַרויס וועלן זיי איבערלאָזן אַ חורבן. זאָל דער אייבערשטער שומר־ומציל זײַן די יידן וואָס פאַלן אַרײַן אין זייערע הענט.

עמעץ האָט געקלונגען מיט אַלאַרם. מינדעלע איז געלאָפן עפענען די טיר. ס'איז געווען דער פעטער שיִע. „וואָס הערט מען?"

„גאָרנישט, מינדעלע, ס'איז מלחמה."

„דער פעטער איז אַזוי בלאַס, ס'איז עפּעס געשען. פאַר וואָס וויל דער פעטער נישט זאָגן? עפּעס געשען מיט פּינטשען?"

„חלילה! מיר וועלן אפשר פריִער זײַן בײַם דײַטש ווי פּינטשע. די רעגירונג פאַרלאָזט וואַרשע. דער שׂונא מאַרשירט אויף דער הויפּטשטאָט פון אַלע זײַטן."

מינדעלע איז אַרויס זיך שטעלן אין דער ריי צו דער בעקערײַ. דער זיידעשי האָט געהייסן אָנגרייטן שפּײַז באַלד ווי עס איז באַוווּסט געוואָרן וועגן סטאַלין־היטלער־פּאַקט. אַז ס׳זענען אָנגעקומען אַזוי פיל קרובים פּליטים האָבן זיך די זאַפּאַסן שנעל אויסגעלאָזט. איצטער האָט מען פאַרקויפט נאָר איין ברויט צון אַ מענטש. טויזנטער אין דער ריי צו דער בעקערײַ. מינדעלע איז געשטאַנען פון זיבן פרי ביז צען. זי איז שוין געווען נאָענט, האָבן די סירענעס זיך פּלוצלינג צעוואָיעט. אַ לופטאַלאַרם.

מען איז געלאָפן אין קעלער. מינדעלע איז שיִער נישט געפאַלן איבער אַ טרעפּ. נאָך איידער זי האָט באַוויזן זיך אַוועקצווזעצן איז דער אַלאַרם אָפּגערופן געוואָרן. „פאַרבײַ,״ האָט דער ראַדיאָ געמאָלדן און אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די טרעפּ. ווען מינדעלע איז אַרויסגעקומען זענען ווידער הונדערטער געשטאַנען פאַר איר אין דער ריי.

די מאַמעשי האָט געפונען מינדעלען און זי געטריבן אין שטוב אַרײַן. „דו טאָרסט נישט שטיין אַזוי פיל שעהען אויף די פיס.״ מינדעלע האָט זיך געשלעפּט צוריק צום זיידנס שטוב און כּסדר זיך אומגעקוקט. יעדן טאָג קומען אָן אַזוי פיל פּליטים פון לאָדזש, פאַר וואָס קומט נישט פינטשע? וואָס איז געשען מיט פינטשען?

פרײַטיק נאָך מיטאָג האָט מען אין וואַרשע שוין געהערט האַרמאַטן־שאָסן. „אונדזערע שיסן צום שׂונאס עראָפּלאַנען,״ האָט מען זיך פּראָבירט טרייסטן. אין אָוונט האָט דער דײַטשער ראַדיאָ געמאָלדן: „די דײַטשע פּערטע פּאַנצער־דיוויזיע האָט דערגרייכט אַ פאָרשטאָט פון וואַרשע״. דער וואַרשעווער שטאָט־פּערזידענט האָט גערופן צו פאַרטיידיקן יעדעס הויז, יעדן שפּאַן ערד.

וואַרשע איז אַרומגערינגלט, דעם שׂונאס עראָפּלאַנען פליִען אָן מיט נײַע אַטאַקעס; נאָך איידער מע באַווײַזט צו מעלדן „פאַרבײַ״, הייבט זיך שוין אָן אַ נײַער אַלאַרם. די רייעס צו די שפּײַזקראָמען זענען געוואָרן לענגער. מען איז זיך מער נישט צעלאָפן ווען די סירענעס האָבן גערופן אַלאַרם.

דאָס מעל האָט זיך אויסגעלאָזט, ס׳איז מער נישט געווען קיין ברויט. דער פרײַז פון אַ קילאָ קאַרטאָפל איז אַרויף פון טעלעכע גראָשן אויף פיר הונדערט זלאָטעס. דער „פּרודענטאַל״־בנין, דער וואַרשעווער וואָלקן־קראַצער, ליגט אין רויִנען, די סטוקאַ־עראָפּלאַנען נורטעווען אַראָפּ מיט צינדבאָמבעס. וווּהין לויפן?

אויף איין זײַט גאַס — אַלע הײַזער אין פײַער; אויף דער אַנדערער זײַט — אַ לאַנגע ריי נאָך שפּײַז, נאָך אַ ביסל וואַסער. דײַטשע באָמבעס האָבן צעשטערט די וואַסער־רערן, מוז מען ברענגען אַן עמער וואַסער מײַלן ווײַט פון אַ נײַגעגראָבענעם ברונעם, אָדער פון דער שטאָטישער פילטריר־סטאַציע.

די רייעס נאָך וואַסער, נאָך שפּײַז, זענען באַשאָסן געוואָרן בײַ יעדן לופטאָנגריף. עראָפּלאַנען האָבן אַראָפּגעוואָרפן צינדבאָמבעס, די לופט־פּאַרטיידיק־בריגאַדע האָט אַרויפגעוואָרפן קללות — דאָס איז געווען אַלץ וואָס זיי האָבן געקאָנט טאָן. אַפילו וואַסער צו לעשן די שׂריפות האָט שוין אויסגעפעלט. מע האָט אַוועקגעטראָגן פאַרוווּנדיקטע אין די אימפּראָוויזירטע שפּיטאָלן. דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטערס האָבן פּראָבירט העלפן. קיין באַנדאַזשן און מעדיקאַמענטן זענען נישט געווען.

ווידער אַ לופטאַלאַרם. דאָס מאָל האָבן די עראָפּלאַנען נישט געוואָרפן קיין באָמבעס און נישט באַשאָסן די רייעס. זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן פליבלעטלעך. מע האָט פאַרקוועטשט דאָס פּאַפּירל אין דער פויסט. ניין! זאָל געשען וואָס עס וויל, מע וועט זיך נישט אונטערגעבן!

דער פרינסקער רב האָט געוווינט אויפן צווייטן גאָרן. דאָס לויפן אַראָפּ און אַרויף די טרעפּ בײַ יעדן לופטאַלאַרם איז געווען צו שווער פאַרן רב, ער איז שוין געווען קרוב אַכציק. עס איז אויך געווען שווער פאַר מינדעלען וואָס איז שוין אַרײַן אין פינעפטן חודש. ריכטיקע לופטשוץ־קעלערן זענען געווען ווייניק. דער געוויינלעכער הויזקעלער, מיט אַ שמאָלן אַרײַנגאַנג, מיט אַן איינציקער קליינער טיר, איז געווען אַ פּאַסטקע. אַז דער אַרויסגאַנג איז געוואָרן פאַרשיט מיט בראָכוואַרג זענען די מענטשן דערשטיקט געוואָרן פון רויך, איידער מע האָט זיי באַוויזן אויסצוגראָבן. די רביצין האָט אויסגעבעטן בײַ אַ פּאַרטער־שכן אַ געלעגער פאַר איר פאָטער און אויך אַ געלעגער פאַר איר טאָכטער.

דער פעטער קאָפּל האָט געוווינט אויף נײַוועלט־גאַס. ס'איז געווען זונטיק נאָך ראָש־השנה ווען דער פעטער קאָפּל מיטן ווײַב און זון זענען אַלע אוועק מיט עמערס זיך שטעלן אין דער ריי נאָך וואַסער. ווען זיי זענען צוגעקומען צום ברונעם האָבן זיי געהערט אַז גאַנץ נײַוועלט איז אין פלאַמען. זיי זענען געקומען מיט די עמערס וואַסער צום טאַטן אויף פּאַנסקע־גאַס.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז פון אַ גאַנצער שורה הײַזער איז געבליבן שטיין נאָר אַ העלפט פון דעם הויז וווּ דער פעטער קאָפּל האָט געוווינט. דער קאָרידאָר און איין צימער פון זײַן דירה זענען אָפּגעריסן

געוואָרן. די הינטערשטע טרעפּ מיט אַן אַריינגאַנג צו דער קיך, די קיך, און נאָך צוויי שטובן זענען געבליבן גאַנץ.

„זיי וועלן דאָך נישט גיין באַמבאַרדירן איין שטיקל הויז אויף אַ חרובער גאַס," האָט מען אויסגערעכנט, „כּדאַי זיך אַריבערצוטראָגן צום פּעטער קאָפּל, דאָרט איז איצט דער זיכערסטער פּלאַץ."

ביז דער פּעטער קאָפּל איז צוריקגעקומען זען וואָס ס'איז געבליבן האָט מען דערוויַיל אויסגערויבט זיַין דירה. מע האָט איצט געמוזט מיטנע־מען שפּייַז, קוילן, ליכט, וואַסער. די עלעקטריע, די וואַסער־רערן, די גאַז־רערן, אַלץ איז געווען חרוב. אָבער דאָס לעבן איז בילכער, די גאַנצע משפּחה האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריַין.

פון פאַנסקע־גאַס ביז ניַיוועלט איז אין געוויינלעכער צייַט אַ פערטל שעה גאַנג. איצט האָט מען געבלאָנדזעט, נישט דערקענט די גאַסן. אָנגע־לאָדנט מיט פּעק האָט די גאַנצע משפּחה געקלעטערט איבער חורבות, איבער בערג ציגל פון באַמבאַרדירטע היַיזער, איבער גריבער אויסגעריסן פון שראַפּנעלן. מען איז אַרויס פון פאַנסקע־גאַס פאַר טאָג, מיטאָגזון האָט שוין געשׂרפהט און מען איז נאָך אַלץ געווען וויַיט. די סירענעס האָבן זיך צעריטשעט. ווידער אַ לופט־אַלאַרם. מע האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און געוואַרט די עראָפּלאַנען זאָלן פאַרביַי. די מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס האָט געברענט. בעלקעס און שטיקער מויער זענען געפאַלן פון די ברענענדיקע היַיזער. מע האָט אָוועקגעוואָרפן די פּעקלעך און געלאָפן פון דעם פיַיער און רויך.

אויף דער ניַיוועלט־גאַס איז געווען רויִק. אַלע שׂריפות אויסגערויכט. נאָר בערג ציגל און ברוכוואַרג, קיין צייכן פון אַ גאַס. דער פּעטער קאָפּל האָט נישט געקאָנט געפינען זיַין הויז. אַלע האָבן זיך אָוועקגעזעצט זיך אָפּרוען, נאָר דער פּעטער קאָפּל און די מומע צעלע זענען וויַיטער געקראָכן איבער די חורבות זוכן סימנים פון דער גאַס. דער אָוונט האָט זיך שוין דערנענטערט ווען זיי האָבן דערזען אַז אויך די צווייטע העלפט פון זייער הויז איז מער נישטאָ.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַרש צוריק. די נאַכט איז צוגעפאַלן, דער הימל רויט פון שׂריפות, די ערד חושכדיק אין דער סוף־חודש־דיקער נאַכט. אָט האָט זיך געדאַכט מע דערקענט די שענגע־גאַס. עמעץ אַנדערש האָט געפונען סימנים אַז ס'איז גאָר די וויַיטע לעשנע־גאַס. די פיס שווער, די הענט צעקאַליטשעט פון פאַלן אויף ברוכוואַרג, די קעל צערייצט פון רויך און שטויב. ווען ס'איז טאָג געוואָרן האָט מען דערזען אַז מ'איז גאָר פאַרקראָכן צו קראָקעווער פאָרשטאָט. ס'וועט איצט נעמען

שעהען ביז מע וועט באַווייַזן צוריקקומען צו פּאַנסקע־גאַס, און מינדעלע האַלט זיך שוין קוים אויף די פיס.

עפּעס האָט געמוזט געשען, מע לויפט. אַזוי פיל מענטשן לויפן, שטרויכלען זיך, פאַלן, הייבן זיך אויף און לויפן ווידער. „וווּהין לויפט מען?"

„צום שלאָספּלאַץ!"

„וואָס איז געשען?"

„רוסיש מיליטער מאַרשירט אַרייַן קיין וואַרשע".

„וואָס עפּעס רוסיש מיליטער?"

„מיט אונדזער מאַרשאַל רידזש שמיגלי בראָש."

מע האָט נישט באַוויזן צו באַקומען מער ווי איין ענטפער, און פראַגעס זענען געווען אַזוי פיל. ווי קומט רידזש שמיגלי צו די סאָוועטן, ער האָט דאָך נישט געוואָלט זיי זאָלן אַפילו אַדורכגיין פּוילישע טערי־טאָריע? ווי קומט עס די סאָוועטן זאָלן מאַרשירן קעגן די דייַטשן, זיי האָבן דאָך געשלאָסן אַ פּאַקט מיט היטלערן? אויב זיי זענען שוין איצט אין פּראַגע, ווי קומט עס וואָס מע האָט פריִער גאָרנישט געהערט וועגן דעם?

אַ ייִד האָט דערקענט דעם פּרינסקער רב. ער האָט זיך פאַרהאַלטן אָנצוזאָגן דעם רב די בשורה: „די רוסן קומען מיט דער קערבעדזש־בריק."

„ווי איז עס מעגלעך?" האָט דער רב געפרעגט.

„איר זעט דאָך," האָט דער ייִד געענטפערט און געלאָפן ווייַטער צו זען זייער אָנקומען מיט די אייגענע אויגן.

מע האָט זיך קוים מיטן לעבן דערשלעפּט אַהיים. „וואָס הערט מען? גייטס עמעץ אַרויס געוווּיר ווערן וואָס מ'הערט, וואָס ס'איז געשען אויפן שלאָספּלאַץ. אפשר איז דאָך געשען אַ נס."

דעם שונאס אַרטילעריע האָט באַשאָסן די שטאָט פון אַלע זייַטן. עראָפּלאַנען האָבן באַוואָרפן די שטאָט מיט צינדבאָמבעס. אַ רויטער הימל האָט אַראָפּגעקוקט פון צווישן וואָלקנס שוואַרצן רויך. וועט מען נאָך אַ מאָל דערלעבן צו זען אַ בלויען הימל? מע האָט געגראָבן נייַע שוצגראָ־בנס. מע האָט געעפנט נייַע פונקטן צו פאַרטיילן שפּייַז. מע האָט געעפנט קיכן צו פאַרטיילן זופּ פאַר די פּליטים. בייַ דער אַלגעמיינער פּוילישער

הילף־אָרגאַניזאַציע „אָפּיעקאַ ספּאָלעטשנאַ" האָט זיך געשאַפן אַ יידישער קאָאָרדינירקאָמיטעט. די פּליטים וואָס זענען אָנגעקומען פון דער פּראָווינץ זענען לרוב געווען יידן.

ה.

פון הויז אויף ניי־וועלט־גאַס ווו בערעק האָט געוווינט איז געבליבן נאָר אַ באַרג ציגל. די גרינבערגס הויז אויף קרולעווסקע־גאַס איז געבליבן גאַנץ. בערעק האָט דאָ געוווינט זינט די גרינבערגס זענען צוזאַמען מיט זייער טאָכטער פּאַליע אַוועקגעפאָרן אין דעם קוראָרט דרוסקעניק. זיי האָבן געזאָלט אַהיימקומען סוף־אויגוסט. בערעק האָט טעלעפאָנירט זיי זאָלן בלייבן אין דרוסקעניק. טאָמער עפּעס, זאָלן זיי זיך אַריבערכאַפּן איבער דער גרענעץ קיין רומעניע אָדער אונגערן.

„פינצטערער פּעסימיסט," האָט דער שווער אים געזידלט מיט אַ גוטמוטיק קול. „וואַרט אונדז אָפּ ביי דער באַן מיטוואָך אָוונט."

„בעניעק פאָרט צון אייך, ער איז שוין ביי דער באַן, וואַרט אויף אים אין דרוסקעניק".

„ביסט פון זינען אַראָפּ ? ראָש־השנה זיך אַרומוואַלגערן אין דער פרעמד."

„אויב ס׳וואָלט איצט נישט אַזוי שווער געווען צו פאָרן מיט אַ קליין קינד, וואָלט איך אַלץ איבערגעלאָזט און געקומען צון אייך." האָט בערעק געענטפערט.

דער געדאַנק אַרויסצושיקן בעניעקן איז באמת אים איינגעפאַלן ערשט בעת ער האָט גערעדט מיטן שווער. בערעק האָט שנעל פאַרפאַקט אַ וואַליזע פאַר בעניעקן. דער יונג האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. ער איז נאָך קיין מאָל נישט געווען אין דרוסקעניק.

בערעק האָט קוים באַוויזן אַריינצושטופּן בעניעקן אין אַ צוג איבער־געפאַקט מיט מיליטער.

איז בעניעק אָנגעקומען ? האָבן שווער־און־שוויגער געמוזט אַוועק פון דרוסקעניק זוכן בעניעקן ?

אויב מיט בעניעקן איז עפּעס געשען וועט מען עס אים קיין מאָל נישט מוחל זיין. איז כאָטש פּאַליע געבליבן ? ניין ! ס׳קאָן נישט — ס׳טאָר נישט זיין אַז זי זאָל אויך האָבן געפאָרן צוריק און אין וועג באַגעגנט דאָס נאַצישע חייל. גאָט באַהיט !

אין דעם הויז ווו בערעק האָט איצט געוווינט איז געווען אַ גוטער שוצקעלער. דער קעלער איז געוואָרן די צענטראַלע פאַר דער יידישער געזעלשאַפטלעכער הילף.

מאַניע האָט פאַרשאַרצט די אַרבל און געשיילט קאַרטאָפל, געוואַשן טעפּ, געהאָלפן צוגרייטן מיטאָגן פאַר פּליטים. די באָמבאַרדירונגען האָבן נישט אויפגעהערט. אַז אַריבערצוגיין אַ גאַס איז געווען סכּנות־נפשות, האָט מאַניע טייל מאָל געמוזט טאָן די אַרבעט איינע אַליין. יעדן טאָג האָט מען אויף דער ליסטע פון קאָמיטעט־מיטגלידער אַרומגערינגלט עטלעכע נעמען מיט שוואַרץ.

איין כוואַליע עראָפּלאַנען נאָך דער אַנדערער, גאַנצע פיר־און־צוואַנציק שעה האָבן אָנגעהאַלטן די באָמבאַרדירונגען אום יום־כּיפּור. פון כּל־נדרי־צײַט ביז נאָך נעילה האָבן פײַער־באָמבעס געהאָגלט איבער די יידישע גאַסן. פלאַמען פון אַלע זײַטן. מען איז געלאָפן ווי אין אַ קרײַז און צוריקגעקומען צום זעלביקן אָרט. די חסידים־שטיבלעך און הויף־מנינים זענען געווען פול מיט מתפּללים. יונגע מענטשן זענען געלאָפן אויף די דעכער, געוואָרפן זיך מיט זעקלעך זאַמד אויף די צינדבאָמבעס. וואַסער איז געווען ווייניק.

די עראָפּלאַנען זענען געפלויגן נידעריק. קוילן פון מאַשין־געווער האָבן געהאָגלט איבער די קעפּ. שראַפּנעלן האָבן געקנאַלט, באָמבעס האָבן אויפגעריסן. בערעק איז געלאָפן פון הויז צו הויז, פון דאַך צו דאַך. ער איז געווען דער לופטשוץ־עלטסטער איבער צוואַנציק הײַזער אין זײַן קוואַרטאַל.

די סירענעס האָבן זיך ווידער צעוואָיעט. בערעק איז אַ מידער געקראָכן אויף אַ לייטער צון אַ בוידעם. ער האָט געהערט דעם רויש פון די עראָפּלאַנען ווי זיי וואָלטן אָנגערירט דעם דאַך. פּלוצלינג דאָס מאָוימדיקע פײַפן פון אַ שראַפּנעל. אַ קראַך, אַן אויפרײַס, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט צעריסן געוואָרן אויף שטיקער. בערעק איז געבליבן ליגן אונטער דעם איבערגעקערטן לייטער, געהערט ווי אַלץ קראַכט און צעפאַלט זיך איבער אים.

ער האָט געעפנט די אויגן. דער דאַך איבער אים — גאַנץ. ער האָט פּראָבירט זיך אַ ריר טאָן. נאָר דער רעכטער עלן־בויגן ווייטיקט, צעקלאַפּט זיך בײַם פאַלן. ער איז אויפגעשפּרונגען און גענומען לויפן אַראָפּ.

אַ צינדבאָמבע איז געפאַלן אין אַ פליגל פון דעם הויז. בערעק האָט געזען ווי מע ברענגט אַראָפּ פון דאָך פאַרווונדיקטע. זײַנע נאָזלעכער

זענען פול געווען מיט רויך פון שׂריפה. ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, ער איז געלאָפן צו זײַן הויז. אַ געדראַנג אין טויער, ער האָט זיך אַדורכגעשטופּט, אַרויפגעלאָפן אין שטוב אַרײַן. קיינער נישטאָ! ער איז צוריק אַראָפּגעלאָפן די טרעפּ. אַ געזעמל אין הויף. דער דאָקטאָר ברוינער האָט געקניט איבער עמעצן, אָבער דער וואָס ליגט אויסגעצויגן — זײַנע פּיס זענען באַשטיוולט. בערעק איז אַראָפּגעלאָפן אין שוצקעלער: מאַניע איז געזעסן אין איר ווינקל און אַלעק האָט געדרימלט אויף איר שויס. ער איז צוריקגעלאָפן צו די טרעפּ נאָך איידער מאַניע האָט אים דערזען.

אין דעם גערטנדל אין צענטער פון הויף האָט מען געגראָבן דעם ערשטן קבר אין דעם הויז. דאָקטאָר ברוינערס זון איז געהרגעט געוואָרן ווען ער האָט זיך געוואָרפן אויף אַ צינדבאָמבע.

די קינדער, וואָס איז געשען צו די קינדער? האָט אַ פראַגע אויפגעפלאַמט אין זײַן קאָפּ מיט אַלאַרם. ס'זענען דאָ געפאַלן עטלעכע באָמבעס. ווער ווייסט צי ס'האָט נישט געטראָפן די קינדער.

קינדער פון אומגעקומענע אין די באָמבאַרדירונגען, קינדער פון פּליטים וואָס האָבן פאַרלוירן די עלטערן אין דעם געלאַף, האָבן זיך געוואַלגערט איבער די חורבות. דער „קאָאָרדיניר־קאָמיטעט" האָט זיי צונויפגעזאַמלט. בערעק האָט זיי באַזעצט אין קעלער פון אַ הויז וואָס האָט אויך געהערט צו זײַן שוואָגער. דאָס איז געווען נישט ווײַט פון דעם הויז ווו ער אַליין האָט געוווינט. ער איז איצט געלאָפן זען וואָס ס'איז דאָרט געשען.

בײַ די קינדער איז גאָרנישט געשען. די פאַננע רעגינע, די לערערין, האָט עפּעס דערציילט די קלענערע קינדער. די גרעסערע זענען געווען אין הויף, געהאָלפן גראָבן ערד צו לעשן שׂריפות און אַרײַנגעשיט עס אין זעקלעך. עטלעכע מיידלעך האָבן געשיילט קאַרטאָפל צוצוגרייטן אַ זופּ.

בערעק האָט געוואָלט צוריקגיין צו מאַניען, אָבער זיך דערמאָנט אַז ער דאַרף איצט גיין אויף לעשנע אַכצן צון אַ זיצונג פון „קאָאָרדיניר־קאָמיטעט". ער דאַרף אויך גיין צון אַ זיצונג פון דער צענטראַלער פּוילישער הילף־אָרגאַניזאַציע אין שטאָטראַט. אייגנטלעך וואָלט ער אויך באַדאַרפט געבן אַ קוק צו דער נײַער ייִדישער קיך אויף גזשיבאָווסקע־גאַס. צ מאָל האָט ער זיך אײַנגערעדט אַז ער איז אַן אָרגאַניזירטער מענטש. ווען ער האָט גאָרנישט געהאַט צו טאָן, האָט ער דעם גאָרנישט געטאָן אין פּערפעקטער פּלאַנירונג און אָרגאַניזאַציע. הײַנט ווען אַ ביסל אָרגאַ־

ניזירטקייט וואָלט אים צו נוץ געקומען לויפט ער אַרום און אַרום, טוט אַ ביסל פון אַלץ און טוט גאָרנישט ווי עס באַדאַרף צו זײַן.

„יאָ, בערעק עפּשטיין, דער העלד פון די יידישע סטודענטן, דאָקטאָר בערנאַרד עפּשטיין, דער גרויסער פּאַרזאָרגער פון דעם יידישן קאָאָרדיניר־קאָמיטעט — ווען ער האָט געהערט אַ באָמבע אויפרײַסן, איז ער נישט אַרויף אויף דעם דאַך זען, צי מע דאַרף עמעצן ראַטעווען. ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט זען ווער ס'ליגט אויסגעצויגן אויף דער ערד. געזען יענער האָט שטיוול אויף די פיס, איז עס דאָך נישט מאַניע, נישט אַלעק, נישט ער אַליין — ער טראָגט נישט קיין שטיוול — איז ער געלאָפן ווײַטער צו זײַנע אייגענע,״ האָט בערעק געביטערט קעגן זיך אַליין.

אַרטילעריע־שאָסן, באָמבע־אויפרײַסן אָן אויפהער, אָן איבעררײַס. בײַ דער זיצונג פון דעם „קאָאָרדיניר־קאָמיטעט״ האָט מען געמוזט שרײַען הויך. אין דער דיסקוסיע האָט מען פּראָבירט אונטערציִען אַ סך־הכּל. מע האָט געפילט אַז די באָמבאַרדירונגען קאָן מען נישט אויסהאַלטן קיין סך לענגער. נאָך אַ טאָג, צוויי און מע וועט זיך מוזן אונטערגעבן. וואָס פאַר אַ פּלענער קאָן מען מאַכן אַז מע ווייסט נישט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. מע דאַרף זיך באַמיִען ווײַטער צו אַרבעטן אונטער דער „אָפּיעקאַ־ספּאָלעטשנאַ״, די ביזאַיצטיקע צוזאַמענאַרבעט איז געווען זייער גוט.

„ס'איז נאָר אַ שאָד וואָס ס'איז געקומען אַזוי שפּעט און אין אַזאַ מצבֿ״, האָט ד״ר שלײַפער געזאָגט, „אָבער די מלחמה האָט געבראַכט אַ נײַע עפּאָכע אין די פּויליש־יידישע באַציִונגען. איר געדענקט די געשיכטע פון די יאָרן 1861 — 1863 ? פּויליש־יידישע פאַרברידערונג אויף די באַריקאַדעס, בעת די תּפילות אין די קירכעס און שילן. די פּריצים האָבן זיך געקושט מיט די יידן וואָס זיי האָבן ערשט נעכטן געשמיסן, און עס — — —״

„און האָבן נאָכן אויפשטאַנד זיי ווידער געשמיסן,״ האָט בערעק איבערגעריסן.

„ד״ר עפּשטיין איז אין זײַן אייפער פון דעם סטודענטן־קאַמף געוואָרן אַ קעגנער פון די פּאָליאַקן. ניין, מײַנע פרײַנד, מיר זענען יידן און פּאָליאַקן צו גלײַך. מיר זענען שטאָלץ מיט דעם וואָס יידן האָבן באַוויזן אין דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע. סײַ די וואָס האָבן זיך פרײַוויליק מאָביליזירט אין דער אַרמיי, סײַ די וואָס האָבן געגראָבן שוצגראָבנס, געשאַפן פּראָוויזאָרישע שפּיטאָלן, געשענקט שפּײַז און מעדיקאַמענטן פאַר דער

'אַפּיעקאַ־ספּאַלעטשנאַ'. די מידע, קראַנקע סאַלדאַטן, געקומענע פון פראָנט, האָט מען געצערטלט אין יידישע חסידישע היימען. כ'האָב געזען סצענעס וואָס כ'וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן, און די פּאָליאַקן וועלן עס אויך קיין מאָל נישט פאַרגעסן."

בערעק האָט נישט געוואָלט פטרן די צייַט אויף אַ דיסקוסיע. דער ד"ר שלייַפער האָט געגעבן נאָר איין זייַט פון דער מטבע. עס זענען געווען פאַלן ווען מע האָט ביַי דער ווייַסל געצוווּנגען די יידן צו שטיין אין אַ באַזונדערער יידישער ריי. מע האָט צוגעלאָזט פּופּציק פון דער אַרישער ריי, און פינעף פון דער יידישער. נאָך דעם ווי יידן האָבן שוין באַקומען דאָס וואַסער האָבן אויפגעהעצטע יונגען אָנגעהויבן אַ געשלעג, אומגעוואָרפן די יידן, און אויסגעגאָסן זייער וואַסער.

בעת דער מאָביליזאַציע, אין די ערשטע טעג סעפּטעמבער, האָט מען פון יידן גערופן נאָר דאָקטוירים. די יידן האָבן זיך געדאַרפן איינבעטן מע זאָל זיי נעמען אין דער אַקטיווער אַרמיי. אין איין פאַל האָט מען אַרויסגענומען יידישע זעלנער פון פאַרשידענע באַטאַליאָנען און געשאַפן אַ יידישן אַרבעט־באַטאַליאָן. אַ נייַע ווערסיע פון דעם יאַבלאָנע־סקאַנדאַל פון 1920. דעמאָלט האָבן די פּאָליאַקן אינטערנירט צען טויזנט יידישע סאָלדאַטן און אָפיצירן אין אַן איזאָלאַציע־לאַגער. הונגער, עפּידעמיעס, טויזנטער קרבנות.

דעמאָלט האָט דעם באַפעל אַרויסגעגעבן דער הויפּט־שעף פון גענע־ראַל־שטאַב, גענעראַל סאָסנקאָווסקי. קומט עס אויך איצט פון די הויכע פענצטער, אָדער האָבן צו דעם אָנגעהעצט דייַטשע סאַבאָטאַזשניקעס?

„די צענטראַלע 'אַפּיעקאַ־ספּאַלעטשנאַ'", האָט בערעק מסכים געווען, „האָט באמת אַרויסגעוויזן אַ גייַסט פון צוזאַמענאַרבעט. אויב זייער באַציִען זיך צום אונדזער 'קאָאָרדיניר־קאָמיטעט' איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די באַציִונגען צו אונדז בכלל, איז באמת געקומען צום אַ פּויליש־יידישער פאַרברידערונג. מיר וועלן איצט דאַרפן טאָן אַ סך אַרבעט, לאָמיר עס טאָן אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער 'אַפּיעקאַ'."

בערעק איז אַוועק דער ערשטער, ער האָט באַדאַרפט גיין צו נאָך אַ זיצונג. ער איז אַרויס פון טויער, פּלוצלינג אַ קראַך. די ערד האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, ער איז קוים געבליבן שטיין אויף די פיס. אַ באָמבע איז געפאַלן אויף לעשנע. די גאַס איז פול געוואָרן מיט בראָכוואַרג און רויך.

מנחם קירשבוים, ביַי וועמען עס איז פאָרגעקומען די זיצונג, איז

געקומען אַרויס צו לויפן. זײַנע צוויי קינדער אויףביידע הענט און אַלע פון „קאָאָרדיניר־קאָמיטעט" נאָך אים. „לאָמיר אַריבערלויפן אויף נומער דרײַצן, דאָרט איז פאַראַן אַ גוטער שוצקעלער."

אַ הויכער בלאָנדער יונג האָט געעפנט נאָר אַ שפּאַרע אין דער טיר. „דאָס איז דער שוצקעלער פון דער פּוילישער פירמע 'פּאַגעד'".

קירשבוים איז צוגעגאַנגען נענטער. „בײַ אונדז אין הויז איז נישטאָ וווּ זיך צו באַהאַלטן. איך בין דער לופטשוץ־קאָמענדאַנט פון דער גאַנצער לעשנע־גאַס."

„פון דער לעשנע? כ'האָב געמיינט פון פּאַלעסטינע. ס'איז נישטאָ קיין פּלאַץ!"

דער יונג האָט פאַרהאַקט די טיר.

עס איז מער נישט מעגלעך געווען אויסצוהאַלטן די באָמבאַרדירונגען, עס האָט אויך מער נישט געהאַט קיין זין ווײַטער זיך אַקעגנצושטעלן. ווען די ערשטע דײַטשע טאַנקען זענען דעם אַכטן סעפּטעמבער צוגעקומען ביז וואַרשע האָט מען געהאָפט אַז באַלד וועלן די פראַנצויזן אָנגרײַפן די דײַטשע זיגפריד־ליניע. דער מאַכטיקער ענגלישער פלאָט וועט אַטאַקירן די דײַטשע פּאָרטן. היטלער וועט מוזן אָפּציִען מיליטער פון פּוילישן פראָנט און דאָס פּוילישע מיליטער וועט דערווײַל באַוויַיזן זיך צו באַ־פעסטיקן אין די קאַרפּאַטן־בערג; די האַרבסטרעגנס וועלן אָפּשטעלן די דײַטשע טאַנקען; די וועלדער און זומפּן אין מיזרח־פּוילן וועלן ווערן נישט־צוטריטלעך, און איידער די דײַטשן וועלן קאָנען אָנהייבן אַ נײַע אָפענסיווע וועלן זיי אַרײַנכאַפּן אַ וויסטע מפּלה אויפן מערב. איצט זעט מען שוין ווי נאַיִוו מען איז געווען.

די קלאַנגען, אַז די רויטע אַרמיי קומט, האָבן זיך אַרויסגעוויזן נישט אין גאַנצן אויסגעטראַכט, אָבער זיי זענען נישט געקומען העלפן דער צעשלאָגענער פּוילישער אַרמיי. דעם אַכצעטן סעפּטעמבער האָבן די רוסישע און דײַטשע אַרמייען זיך באַגעגנט אין בריסק און זיך צעטיילט מיט דער פּוילישער טעריטאָריע. ס'איז דער פּוילישער אַרמיי מער נישט געבליבן וווּ צו פאַרפעסטיקן אַ פּאָזיציע. נישט געווען מער אויף וואָס צו וואַרטן, אויף וואָס צו האָפן. דעם זיבן־און־צוואַנציקסטן טאָג מלחמה האָט סטעפאַן סטאַזשינסקי, דער שטאָט־פּרעזידענט, צו וויסן געטאָן אַז וואַרשע איז גרייט זיך אונטערצוגעבן.

ו.

בערעק האָט זיך ערשט איצט צעטראַכט אַז ער איז געווען אַ חכם נאָר מיטן מויל. אַלעמען געוואָרנט אַז עס וועט זײַן מלחמה און אַליין זיך נישט צוגעגרייט צו דעם וואָס קומט. ווי נאָר די דײַטשן וועלן אַרײַן וועלן זיי זיכער פאַרחתמענען דאָס געשעפט און צונעמען די גאַנצע סחורה. אַנדערע האָבן אָנגעגרייט גאָלד, אַמעריקאַנער דאָלאַרן. ער איז געבליבן מיט אַ פּאָר פּוילישע זלאָטעס — באַנקנאָטן פון אַ מלוכה וואָס עקסיסטירט מער נישט. פון וואַנען וועט ער נעמען אויף ברויט? ניין, ניין, ניין! די נויט איז זײַן טאַטנס קעלערשטוב ליגט אים נאָך אין די ביינער. דאָס טאָר נישט געשען. ער וועט גיכער שטאַרבן!

ער איז אַוועק אין געשעפט. דער שטאָט־פּרעזידענט סטאַזשינסקי איז נאָך אַלץ געווען בײַם גענעראַל רומעל, אונטערצושרײַבן די קאַפּיטולאַציע. עס האָבן זיך נאָך געהערט איינצלנע שאָסן. עס האָבן נאָך געברויכערט האַלעוועשקעס פון שׂריפות. אויף די גאַסן אַ שטילקייט אָנגעלאָדנט מיט שרעק. עס האָבן מער נישט געקראַכט קיין שראַפּנעלן. די „סטוקאַס" האָבן מער נישט געגראַגערט מיטן געשטעפּ פון מאַשין־געווער. די גאַסן זענען געווען ליידיק און שטיל ווי אַ בית־עולם נאָך אַ לוויה. די מלווים זענען שוין אַוועק, אָבער די געשרייען הענגען נאָך אין דער לופט.

ס'איז געפאַלן אַ רעגן. בערעק האָט געטרעטן אין אַ בלאָטע פון זאַמד, ליים, און צעבראָכן גלאָז. אַפילו די געבליבענע הײַזער האָבן געשראָקן מיט אויסגעבראָכענע פענצטער, צעלעכערטע ווענט. ער האָט דערהערט אַ געוויין פון אַ קינד, איז אים וואַרעם געוואָרן — אַ צייכן פון לעבן.

אַלע אײַזערנע פּרענטעס און שלעסער אויף דער טיר פון געשעפט זענען געווען גאַנץ. אַ שראַפּנעל האָט אויסגעריסן אַ לאָך אין אַ וואַנט אויבן בײַם דריטן גאָרן. אויב דער שראַפּנעל האָט אַדורכגעבראָכן פּאָדלאָגעס און אַרויס אין אַ דיאַגאָנאַלער ליניע, זענען פון געשעפט געבליבן נאָר די ווענט, און די פּרענטעס און שלעסער היטן אַ חורבה. די סחורה איז צעשטערט, ער איז געבליבן אַ בלוטיקער אָרעמאַן!

איין שלאָס האָט זיך פאַרהאַקט. ער האָט געמוזט רופן דעם הויז־וועכטער. וואָס פּלאַפּלט ער אַזוי פיל, דער סטרוזש? אין דעם קילן האַרבסטטאָג גיסט זיך דער שווייס איבער בערעקס פּנים. דער שלאָס האָט אַ קרעכץ געטאָן און נאָכגעגעבן. „דזשענקויען, אַ דאַנק", האָט

ברעק געזאָגט און אָוועקגעשיקט זײַן אַרויסהעלפּער. ער איז אַרײַן אין געשעפט אַליין.

אַלץ איז געווען באַדעקט מיט צעבראָכן גלאָז און שטיקער ליים. די ווענט זענען געווען אָפּגעשיילט, אָבער אָן לעכער. דער באַלטן איז געווען געשפּאָלטן אָבער געהאַלטן זיך. ברעק האָט קודם גענומען פאַרפּאַקן די טײַערע לאַקיר און געמזע־לעדערס.

אַליין וועט ער ווייניק אויפטאָן. צוריקרופן דעם סטרוזש? און אַז ער וועט שפּעטער מסרן?

אָן צוטרוי צו מענטשן וועט שווער זײַן אויסצוקומען. דער סטרוזש האָט געאַרבעט פאַר די גרינבערגס אַ סך יאָרן. דער שווער איז געווען גוט צו זײַנע אָנגעשטעלטע.

ברעק איז ווידער אַוועק צום סטרוזש. מע דאַרף אָנהייבן רעדן וועגן עפּעס אַנדערש, הערן וואָס ער טראַכט וועגן די דײַטשן.

„ווען איז דאָס געשען מיט דעם שראַפּנעל?" האָט ברעק געפרעגט און זיך דערמאָנט אַז דער סטרוזש האָט פריִער, ווען ער האָט זיך געראַנגלט מיטן שלאָס, דערציילט וועגן דעם שראַפּנעל.

„דרײַ מענטשן, צוויי פון דריטן גאָרן, איינער פון צווייטן גאָרן זענען געהרגעט געוואָרן. יונגע מענטשן, פײַנע מענטשן, די פּינקס און דער פּאָן געווירץ," האָט דער סטרוזש געזאָגט.

ברעקן האָט זיך געדאַכט אַז ער האָט עס שוין געהערט. קאָן עס זײַן אַז דער סטרוזש האָט עס שוין פריִער דערציילט? ער האָט זיך געזאָרגט צי דער שראַפּנעל האָט נישט באַשעדיקט זײַן סחורה און אַפילו נישט געהערט ווען מע האָט גערעדט וועגן מענטשלעכע קרבנות?

עס האָט שוין געטאָגט ווען ברעק האָט מיט דער הילף פון סטרוזש גענומען פאַרמויערן און פאַרמאַסקירן אַ קעלערשטוב פול מיט טײַערע סחורות. ווען ברעק האָט גענומען גיין אַהיים, האָבן דײַטשע טאַנקען זיך שוין געקאַטשעט איבער די וואַרשעווער גאַסן. ער האָט קוים געשלעפּט די פיס, דער רוקן האָט געבראָכן. אַ טרעגער האָט נישט געשלעפּט אין אַ וואָך וואָס ער האָט געטראָגן אויף זײַנע פּלייצעס אין משך פון דער איינער נאַכט. אַלץ האָט אים וויי געטאָן, אָבער ער איז געווען שטאָלץ מיט זיך. זײַן ווײַב און קינד וועלן נישט דאַרפן הונגערן. אַפילו אויב די מלחמה זאָל געדויערן אַ גאַנץ יאָר וועט נאָך בלײַבן עפּעס פאַר שווער־און־שוויגער ווען זיי וועלן צוריקקומען נאָך דער מלחמה.

„ווי טוט מען אָפּ אַזוינס?" האָט מאַניע געקלאָגט. „אין אַזאַ צײַט גייט מען אַוועק און מע קומט נישט צוריק אַ גאַנצע נאַכט? אַז כ'לעב נאָך, בין איך אויס אײַזן."

„כ'בין מיד, טויט מיד. אַ גאַנצע נאַכט האָרעוואַניע, טויט־שרעק, צו ראַטעווען דײַן טאַטנס האָב־און־גוטס און דאָ — נאָדיר אַ ברוך־הבא," האָט בערעק זיך אָפּגעבייזערט.

„מײַן גאַנץ לײַב־און־לעבן האָט בײַ דיר נישט די ווערט פון אַ פּאָר שטיקער לעדער. כ'האָב דיך שוין באַוויינט." האָט מאַניע געקלאָגט.

מע האָט פאַרהאָנגען די פענצטער און זיך געלייגט שלאָפן. בערעק האָט זיך געלייגט מיטן רוקן צום ווײַב. די ווײַבער! ער ברעכט דעם גענּיק צו פאַרזאָרגן עס זאָל איר גאָרנישט פעלן. און זי באַפאַלט אים גאָר מיט טענות און היסטעריע.

בערעק האָט זיך אויפגעכאַפּט ערשט שפּעט נאָך מיטיק. ער האָט געפונען מאַניען אין קיך. איר פּנים איז געווען גרוי, אירע אויגן פול מיט צער.

„ביסט שוין לאַנג אויף?" האָט ער געפרעגט. „ביסט בלאַס, לייג זיך צו. איך וועל זײַן מיט אַלעקן."

מאַניע האָט נישט געענטפערט. אירע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט טרערן.

„מאַניושאַ, זײַ מוחל פאַר נעכטן. כ'בין געווען מיד, צערייצט. כ'בין געווען משוגע. מאַניע טײַערע, ס'קומען אָן שווערע צײַטן, אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן וועלן דו און אַלעק נישט וויסן פון קיין נויט, כ'זאָג עס דיר צו."

### קאַפּיטל צוויי

## אָפּגעקומען מיט שרעק

**א.**

פּינטשע און דער אַלטער ר' יצחק מענדל זענען געזעסן אויף אַ קופּע פאַרפוילט שטרוי, אויסגעשפּרייט אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע אין דער גורוויטשער תּפיסה.

פּינטשע איז נאָך אַלץ נישט געקומען צו זיך פון דעם אַרעסט. מיט צוויי טעג פריִער האָט ער אָנגעגעבן אַ בקשה אויף אַ „פּאַסיר־שײַן"

צו פאָרן קיין וואַרשע. נעכטן פרי האָבן דייַטשן זיך אַרייַנגעריסן אין זייער הויז, אַרויסגעשלעפּט אַלע מענער צו דער אַרבעט. ער ווייסט נאָך איצט נישט וווּהין זיי האָבן פאַרשלעפּט דעם טאַטעשי. אים און ר׳ יצחק מענדלען האָט מען אָוועקגעפירט צון אַ בויפּלאַץ הינטער דער שטאָט.

אין אָנהייב איז אַלץ געגאַנגען כּשורה. צווישן צען מענער וואָס האָבן אויסגעגראָבן אַ ראָוו, האָט זיך נישט אָנגעזען אַז ר׳ יצחק מענדל איז נישט צו פלינק מיטן שפּאַדל. שפּעטער האָט מען יעדן פון זיי געגעבן אַ טאַטשקע, יעדער האָט באַדאַרפט אָנלאָדן ציגל אין דער טאַטשקע און עס פירן צום אַנדערן עק פעלד. מע האָט געמוזט די טאַטשקעס פירן אַריבער אַ ברייטן ראָוו — אַ פּאָר ברעטער זענען געווען אַריבערגעלייגט ווי אַ בריק. ווען נאָר ר׳ יצחק מענדל האָט אַרויפגעשטופּט די טאַטשקע אויף די ברעטער האָט דאָס ראָד זיך אַ גליטש געטאָן, אָדער די ברעטער האָבן זיך צערוקט. די טאַטשקע האָט זיך אַלע מאָל איבערגעקערט, די ציגל זענען אַרייַנגעפאַלן אין גרוב.

אַ דייַטש האָט דערזען ווי פינטשע האָט איבערגעלאָזט זייַן טאַטשקע און אַריבערגעפירט ר׳ יצחק מענדלס איבער די ברעטער. פאַר דעם חטא ליגן זיי איצט ביידע אין תּפיסה, צעשלאָגן, צעמזיקט — פאַרברעכערס קעגן דעם דייַטשן רייַך.

די ביינער טוען וויי. די ווונדן ברענען. אין פינטשעס קאָפּ ברענט אויף אַ בילד פון אַ צוג וואָס לויפט פון גורוויטש קיין וואַרשע. אַ צוג אין וועלכן זייַן פּלאַץ איז געבליבן ליידיק.

ר׳ יצחק מענדלס פּנים איז געווען געשוואָלן. זייַן גרויע באָרד פאַרקלעפּט מיט שוואַרצע שטיקער פאַרגליווערט בלוט. „ר׳ יצחק מענדל, ר׳ יצחק מענדל!״ האָט פינטשע גערופן. ר׳ יצחק מענדלס שווייַגן האָט אים געשראָקן. אַזעלכע רציחהדיקע קלעפּ. אים טוען וויי אַלע אבֿרים, און פון דעם זקן הערט ער נישט קיין קרעכץ.

„הם?״ האָט ר׳ יצחק מענדל אַ ברום געטאָן און ווייַטער געשוויגן.

נאָך שעהען שווייַגן האָט ר׳ יצחק מענדל פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן:

„דו קענסט דעם הויכן קאָוואַלטשיק?״

„ניין. ווער איז דער הויכער קאָוואַלטשיק?״

„דער הויכער קאָוואַלטשיק? מייַן שכן, ווען כ׳האָב געוווינט אויף דער ייִדישער גאַס —״

„ווען איר זענט געוואָרן רבי״.

„כ׳בין נישט געוואָרן קיין רבי. זיי האָבן געוואָלט כ׳זאָל שפּילן פאַר זיי אַ רבי. זיי האָבן מיר געדונגען אַ גרויסע דירה מיט אַן אייגן בית-

מדרשל אויף דער יידישער גאַס קעגן איבער דעם רבס דירה. אין דער אַפּיצינע, אויפן הויף, איז געווען אַ שכן קאָוואַלטשיק. דער קאָוואַלטשיק איז אַ מאָל צוריקגעקומען פון גאַס שיכּור. זײַן ווײַב איז גראָד געווען אין הויף נעבן דער פּלומפּ, געשמועסט מיט די שכנות. דער גוי איז אַרײַנגעלאָפן אין הויף מיט געוואַלדן. 'דאָ שטײיסטו באַבע און פּליאַטקעװעסט, און קיין מיטאָג פאַרן מאַן נישט צוגעגרייט?' אין מיטן הויף, אין אַלעמענס אויגן האָט ער אַריבערגעלייגט דאָס ווײַב איבער דער קני, אַרויפגעשאַרצט ס׳קלייד און אָנגעפּאַטשט איר בלויזן 'זײַ מיר־מוחל'".

„מײַן ווײַב האָט מיך אָװעקגעשלעפּט פון פענצטער. 'ס׳פּאַסט נישט' האָט זי געזאָגט, 'אַ רבי זאָל קוקן אויף אַ נאַקעטן הינטן פון אַ גויע'."

„ווי מע שלאָגט אַ פּרוי מעג אַ רבי יאָ קוקן? ווי מען איז מבייש אַ מענטש מעג אַ רבי יאָ זען? נאָר אַ נאַקעטן 'זײַ־מיר־מוחל' טאָר ער נישט? וויל איך נישט זײַן קיין רבי אַז מע זאָל מיר זאָגן וואָס כ׳מעג יאָ, וואָס כ׳טאָר נישט."

„דערפאַר זענט איר געוואָרן אויס רבי?"

„כ׳בין דען אַ מאָל געווען אַ רבי? דער ראַדאָשיצער רבי איז ניפטר געוואָרן. נישט געווען ווער ס׳זאָל פאַרנעמען זײַן אָרט. זײַנע חסידים האָבן געוואָלט ווײַטער דאַווענען צוזאַמען, אַ מאָל מאַכן אַ קידושל. האָבן זיי זיך אָנגעטשעפּעט אין מיר. באַשר־בכן ס׳איז זיי געפעלן געוואָרן מײַן הספּד איבער זייער רבי. דער ראַדאָשיצער איז נישט געווען קיין גרויסער למדן. ר׳איז אָבער געווען אַן איש־תּמים. גאַנץ מיט זיך און מיט גאָט. אָבער איך?"

„מ׳עט אײַך דינגען אַ שיינע דירה, אַ בית־מדרש," האָבן זיי געטענהט, „און מ׳עט דאַווענען צוזאַמען."

„אָבער נישט פירן קיין רביישן הויף," האָב איך זיי געוואָרנט.

„נאָכן דאַווענען וועט איר עסן, יאָ? וועלן מיר זיצן בײַ אײַער טיש און איר׳ט זאָגן תּורה. תּורה זאָגן קענט איר?"

„נישט געפעלט בײַ מיר, זענען זיי געגאַנגען צו מײַן ווײַב. זי איז געווען מײַן דריט ווײַב, נאָרוואָס חתונה געהאַט מיט איר. די ערשטע האָב׳יך פאַרלאָזט. דער צווייטער אָנגעטאָן בזיונות, כ׳האָב זיך אויפגעפירט ווי אַ ייִנגל און איר שופך־דמים געווען. דער דריטער — אַ ייִדענע, געקומען צו מיר אויף דער עלטער, געוואַשן מײַן וועש, געראַמט מײַן שטוב, געקאָכט פאַר מיר, האָב׳עך כאָטשיק באַדאַרפט איר געבן פּרנסה. זי האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר, פאַר וואָס איך וויל נישט זאָגן תּורה בײַ

יעדער שבתדיקער סעודה. וואָס איז עס ערגער ווי לערנען „עין יעקב" מיט די באַלעבאָטים אין בית־מדרש?

„הקיצור, כ׳האָב קוים זיך אָפּגעבעטן אַז כ׳זאָל נישט דאַרפן אָנטאָן קיין ספּאָדיק. מיט די מענער וואָלט׳עך אפשר אויסגעפּירט. מאַכט זיך אַזאַ מעשׂה: אויפן הויף, טאַקע נעבן דעם קאָוואַלטשיק, וווינט אַן אַלמנה מיט איר בת־יחידה; די טאָכטער איז קראַנק געוואָרן אויף אַ לונגען־אָנצינד גראָד ווען איך האָב זיך אַריינגעצויגן אין מיין רבישער דירה. די אַלמנה איז געקומען אַריין צו לויפן מיט אַ געוויין: ׳הייליקער רבי, העלפט, מער ווי די טאָכטער האָב איך נישט!׳

„כ׳פּראָביר איר זאָגן: ׳כ׳בין נישט הייליק, כ׳בין נישט קיין רבי׳. די ייִדענע וויינט בדמעות שליש כ׳זאָל איר צווינטשן".

„וואָס האָב׳עך געקאָנט טאָן? האָב׳עך איר געווונטשן ׳דער אייבער־שטער זאָל שיקן אַ רפואה־שלימה׳.

„האָט די ייִדענע זיך צעכליפּעט, דאָס איז נישט גענוג. זי האָט געהערט אַז אויב אַ צדיק ווינטשט ׳דער אייבערשטער זאָל העלפן׳, האָט דער אייבערשטער די ברירה יאָ אָדער נישט צו העלפן. אויב אָבער דער צדיק זאָגט ׳דער אייבערשטער וועט העלפן׳, מוז דער רבונו־של־עולם העלפן. ער וועט דאָך נישט מאַכן דעם צדיק פאַר אַ ליגנער.

„׳הצדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים דברו׳, דאָס אויסגעטייטשט אויף אַ ווייבערישן אופן. די ייִדענע האָט ביטער געוויינט. ס׳איז מיר געוואָרן די מחלה. מן־הסתם איז דעמאָלט גראָד געווען דער קריזיס.

„די ייִדענע איז געלאָפן פון מיין שטוב צו דער טאָכטער. די טאָכטער האָט גראָד אָנגעהויבן שוויצן, און דאָס איז אַ סימן אַז זי האָט גובר געווען די מחלה. מן־הסתם איז דעמאָלט גראָד געווען דער קריזיס."

„דו ביסט דאָך אַ היגער, פּינטשע, ווייסטו דאָך וואָס ס׳איז געשען. מע האָט אָנגעהויבן לויפן צו מיר. ׳הייליקער צדיק, הייליקער צדיק, העלפט!׳ עמעץ האָט באַהאַלטן מיין היטל און מיר אונטערגעוואָרפן אַ רביישן ספּאָדיק. כ׳האָב מער נישט געקאָנט סובל זיין דעם ליגן. כ׳האָב גענומען מיין טלית־און־תפילין און מיינע כתבים, אַוועק פון דער רבישער דירה און זיך באַזעצט אין דעם שטיבל הינטערן בית־מדרש.

„כ׳האָב נישט בדעה געהאַט אַוועקצוגיין פון מיין ווייב. כ׳האָב זי געבעטן קומען מיט מיר, דינגען אַ באַשיידענע שטוב און לעבן פון די פּאָר זלאָטעס וואָס קהל צאָלט מיר. זי האָט געשריגן אַז כ׳בין חסר־דעה, זי האָט פאַרפּאַקט אירע זאַכן און אַוועק צו אירע קינדער אין לאָדזש."

„איר׳ט נישט געוואָלט זיין קיין רבי מחמת איר האַלט זיך נישט פאַר

קיין צדיק?" האָט פינטשע געפרעגט. „אַ למדן זענט איר דאָך זיכער, פאַר וואָס האָט איר נישט געוואָלט ווערן גורוויטשער רב נאָך אײַער פאָטערס פטירה?"

„ווערן אַ רב און דאַרפן חנפענען די שטאָט־באַלעבאַטים, די גבירים? כ'האָב פײַנט גבירים."

„אײַער טאַטע האָט דען געחנפעט גבירים?"

„מײַן טאַטע, זכרונו־לברכה, איז געווען אַ גאָון און אַ צדיק. דער רבונו־של־עולם און די תורה זענען געווען מיט אים. דער טאַטע, זכרונו־לברכה, איז געווען אַ קאָצקער חסיד. די גבירים האָבן געציטערט פאַר אים. איך קען לערנען, דאָס איז אמת. כ'האָב דעם טאַטנס תורה, אָבער ווו נעמט מען זײַן תמימותדיקע אמונה? אָפּנאַרן קהל? מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ צדיק? אַן אָפּנאַרער מוז חנפענען! שוין בעסער עסן פּת במלח, ברויט מיט זאַלץ. כ'האָב דעמאָלט זיך געבאָדן אין שווילטאָג, געווען דער איידעם פון גרעסטן קאָלישער גביר, געטראָגן אַ טכוירענעם פעלץ, געגעסן מעדנים."

„דאָס איז געווען אײַער צווייט ווײַב?"

„זי האָט נעבעך געליטן פאַר גאָרנישט. אויב זי וואָלט געווען די ערשטע וואָלט אפשר אַלץ גוט געווען. אָבער זי איז געקומען נאָך שבעלען. ווען מע האָט מיך חתונה געמאַכט מיט שבעלען איז זי נאָך קיין פופצן יאָר נישט אַלט געווען. איר חכמה — איך האָב נאָך עד־היום נישט איר געזעצטן שׂכל. געקענט זאָגן איר אַ פּשטל, שמועסן מיט איר וועגן 'כוזרי', וועגן 'מורה נבוכים'. זי האָט פאַרשטאַנען איר טאַטנס תורות וועגן קבלה וואָס זײַנע חסידים האָבן נישט פאַרשטאַנען. ווער האָט זי דאָס אויסגעלערנט? פון וואַנען האָט זי דאָס אַלץ גענומען? איך בין געקומען צון איר אַ ווילדע בריאה. כ'בין געלאָפן ווי אַ ווילדער לאָשעק איבער די פעלדער פון גמרא, זוהר, חקירה. דער קאָפּ איז געווען אָנגעוואָרפן מיט תורה. אָנגעוואָרפן, נישט אײַנגעסדרט. שבעלע האָט געלערנט ווייניקער, און איר וויסן האָט געהאַט אַ טאָלק. אַפילו מײַן לעבן האָט נישט געהאַט קיין טאָלק. די גערער חסידים איז אַ שאָד געווען וואָס אַזאַ עילוי ווי איך, דער זון פון אַ קאָצקער און גערער חסיד, איז אַרײַנגעפאַלן צום קעגנערישן סאַנדערער רבין. זיי האָבן מיך אָנגערעדט כ'זאָל אויף יום־טוב אַנטלויפן קיין גער. כ'זאָל מיט מײַן לומדות פאַרשעמען די שיינע יידן אין סאַנדערער הויף. אָפּצוטאָן שפּיצלעך האָב'עך אַלע מאָל ליב געהאַט. כ'בין געקומען צום שׂכל ערשט נאָכן גט.

„דער קאָלישער גביר האָט מיך טאַקע געכאַפּט פאַר אַן איידעם, נחת

האָט ער געהאַט פון מיר ווייניקער ווי דער סאַנדערער רבי. אויף מײַן תּורה איז ער געווען אַ קנאַפּער מבין, און זײַן טאָכטער — זי זאָל מיר נאָר מוחל זײַן די צרות וואָס זי האָט געהאַט פון מיר. ווען כ'בין געוואָרן איר מאַן האָב איך שוין פאַרשטאַנען וואָס כ'האָב פאַרלוירן מיטן גטן שבעלען. כ'וואָלט געקראָכן צון איר אויף אַלע פיר און געבעטן זי זאָל מיך צוריק נעמען. אָבער מ'האָט זי שנעל חתונה געמאַכט. אַ קנאַפּער למדן און אַ קנאַפּער חכם, איר צווייטער מאַן. ווי האָט שבעלע גאָר געקאָנט ווױנען מיט אים? ווי האָב איך געקאָנט — — — כ'האָב אָנגעטאָן צרות מײַן צווייט ווײַב. כ'בין געזעסן אין בית־מדרש מער ווי מיט איר אין דער היים און אָפּגעטאָן שפּיצלעך. זיצט אַ יונגער־מאַן, אַ רײַך איידעמל, קוקט אַרײַן אין 'שדי חמדה' פון דוואַרטער רב. כאַפּ איך אַ קוק אין ספר און ווײַז אויף מיט ק"ן טעמים אַז דער דוואַרטער רב איז דאָ נישט גערעכט. דער יונגער־מאַנטשיק איז נבהל־ונשתּומם. ער וווּנדערט זיך ווי קומט עס — אַזאַ גאָון זאָל מאַכן אַזאַ טעות. האָב איך אַ געשריי געטאָן: 'שייגאָץ, דרך־ארץ־פאַר דעם דוואַרטער רב!' כ'האָב איצט אויפֿגעוויזן מיט פּונקט אַזוי פיל ראַיות אַז דער 'שדי חמדה' איז יאָ גערעכט.

„ווילסט הערן עפּעס שיינס, פּינטשע? ס'איז געווען אַ קאַלטער ווינטער. אַ ייִד, אַ משולח, איז אַרײַנגעקומען אין בית־מדרש זיך אָנוואַרעמען, אָבער אין אויוון איז דאָס פײַער אויסגעגאַנגען. האָב איך אָנגעטאָן מײַן שיינעם טכוירענעם פּעלץ וואָס דער שווער האָט מיר געשאָנקען און בין אַרויס מיט דעם אורח אין גאַס. אַ שטאָטישער נגיד, ר' שמאַי, האָט גראָד געהאַלטן אין פאַרשליסן זײַן אײַזן־געשעפט. איך בין צוגעגאַנגען צון אים מיט אַ ברייטן 'גוטנאָוונט, ר' שמאַי'."

„צו מיר?" האָט ער געפרעגט.

„וואָס דען, צום גובערנאַטאָר?" האָב איך געענטפערט.

„ר' שמאַי האָט צוריק אַראָפּגענומען דעם אײַזערנעם פּרענט. איך האָב אַרײַנגעפירט דעם אורח אין געוועלב. 'ס'איז קאַלט', האָב איך געקרעכצט. ר' שמאַי האָט צוגעלייגט האָלץ צום אויוון."

„'ס'איז קאַלט', האָב איך ווײַטער געקרעכצט און ר' שמאַי'ס ווײַב האָט אויפגעקאָכט אַ גלאָז טיי.

„'אַ נײַער קונה פון אַן אַנדער שטאָט', האָט ר' שמאַי געמיינט, און געדולדיק געוואַרט ביז איך וועל זאָגן וואָס איך וויל קויפן. נאָך דעם ווי דער אורח האָט זיך שוין געהאַט אָנגעוואַרעמט, געטרונקען עטלעכע גלעזער טיי, צוגעביסן מיט קיכלעך, האָב איך אַ פרעג געטאָן 'נעגל האָט איר?"

„יאָ, אַלערליי נעגל.“

„גרויסע?“

„יאָ.“

„קראַצט זיך.“

„איך האָב הנאה געהאַט וואָס דער אורח האָט זיך אַנגעוואַרעמט, וואָס ר׳ שמאַי איז געווען אין כּעס. מײַן שווער האָט געהאַט חרפּות פון מײַנע שפּיצלעך. ווען כ׳בין פרײַטיק געגאַנגען אין מקווה און מיטגענומען אַ ריין העמד איבערצוטאָן, האָב איך עס אָוועקגעגעבן צון אַן אָרעמאַן. כ׳האָב אַפילו דעם טכוירענעם פּעלץ אַוועקגעגעבן צו ברוך־לייב בטלן, ער זאָל עס פאַרקויפן און פאַר דעם געלט חתונה מאַכן זײַן טאָכטער — אַן אַלטע מיאוסע מויד. דו האָסט באַדאַרפט זען, פּינטשע, דאָס פּנים פון מײַן שווער ווען כ׳בין אַהיימגעקומען אין ברוך־לייב בטלנס צעריסענעם פּאַלטן.“

„׳ווו איז דער פּעלץ׳?“

„׳הכנסת־כּלה׳, האָב איך געענטפערט.“

„׳ווו איז דער פּעלץ? ׳עסט דאָך געפרוירן ווערן אין די קעלטן׳.“

„׳כ׳על בעסער געפרוירן ווערן דאָ, ווי געבראָטן ווערן אין גיהנום׳. כ׳האָב גענומען ברענגען גמראָס, מדרשים, זוהר וועגן דער מיצווה פון הכנסת־כּלה. ווי שטענדיק, ווען כ׳האָב אָנגעהויבן רעדן תּורה האָט ער געמוזט אַנטשוויגן ווערן. אַן עם־האָרץ, נעבעך געווען. כ׳ווייס נישט צי כ׳האָב עס געטאָן פון רחמנות אויף ברוך־לייבן, אָדער צוליבן שפּיצל.“

„איר האָט נאָך איצט הנאה פון די דעמאָלטיקע שפּיצלעך?“ האָט פּינטשע געפרעגט.

„יעצט האָב איך פון גאָרנישט קיין הנאה. איך האָב חרטה וואָס כ׳האָב געמאַכט פון דער תּורה אַ פּורים־שפּיל. ס׳איז מיר דעמאָלט אַרײַנגעפאַלן אין האַנט קאַנטס ׳קריטיק דעס ריינעם פאַרנופט׳. כ׳האָב זיך אַ וואָרף געטאָן צו דײַטשע ביכער — וואָס ס׳איז נאָר געקומען אין האַנט אַרײַן. חידושי־תּורה האָב איך קיין מאָל נישט פאַרשריבן. אַ פילאָסאָפיש בוך ׳די גראַמאַטיק פון שׂכל׳ האָב איך יאָ געשריבן. פּונקט ווי מאַטעמאַטישע פאָרמלען מאַכן לײַכטער צו חשבונען, קאָנען שׂכל־פאָרמלען מאַכן לײַכטער צו טראַכטן מיט קלאָרער לאָגיק. כ׳האָב געשאַפן אַזוינע שליסלען און פאָרמלען. דער כּתב־יד איז פאַרברענט געוואָרן ווען די מחבלים פון קולטורפאָלק האָבן אונטערגעצונדן די שיל. מײַן שטוב איז אויך פאַרברענט געוואָרן.“

„אַזאַ שאָדן.“

„ס׳אַרט מיך ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. די אַלע שׂכל־פאָרמלען

האָבן מיר אַליין נישט געהאַלפן. כ'האָב געבלאָנדזשעט אַז — רחמנא־ליצלן!"

„איר האָט דאָך אויך געהאַט אייגענע מאַטעמאַטישע פּאָרמלען?"

„יאָ. געבויט אויף דעם סיסטעם פון 'מספר קטן' און דער ציפער 9. וויפל מאָל דו כּפלסט אַ 9, בלײַבט עס אַלץ נײַן אין 'מספר קטן'."

„כ'געדענק, עטלעכע פּראָפעסאָרן זענען געקומען צו פאָרן אײַך אויספּראָבירן. מע זאָגט אַז איר האָט באַרעכנט אויפן קאָפּ אין אַ מינוט וואָס ס'האָט זיי גענומען שעהען רעכענען מיטן בלײַער."

„אַז מ'האָט אַ כּלל איז עס לײַכט".

„אויך פאַרברענט געוואָרן, און ס'אַרט מיך אָסור נישט. איך האָב זיך געבוקט צו פאַלשע געטער, פּינטשע. אויב איך וואָלט זיך געהאַלטן אין אונדזער אייגענער תּורה וואָלט איך נישט אַזוי פאַרבלענדט געוואָרן פון מײַן כּלומרשטער חכמה, וואָלט איך נישט אַזוי פיל שופך־דמים געווען מיט מײַנע שפּיצלעך. כ'האָב נישט געהאַט גענוג אמונה אײַנצו־פלאַנצן אין מײַנע קינדער ייִדישקייט, און נישט געהאַט גענוג עזות צו ווערן אַ כּופר. כ'בין געווען אַ פרעמדער אין מײַן אייגן הויז. אַזוי לאַנג ווי גראַף מילער איז געווען גובערנאַטאָר פון קאַליש בין איך געבליבן אין דער היים.

„אַ, פּינטשע, דו ווייסט נישט די מעשה מיטן גובערנאַטאָר? אין קאַליש איז פאַראַן אַ שיינער פּאַרק. איך פלעג דאָרט זיצן די זומער פרימאָרגנס לייענען מײַנע ביכער. דער רוסישער גובערנאַטאָר פון קאַליש איז געווען דער דײַטש מילער. דו ווייסט דאָך, די רוסישע און דײַטשע קיסרים האָבן זיך כּסדר משדך געווען, מן־הסתּם איז דער מילער געווען עפּעס אַ קרוב פון דער צאַריצע. אין אַ זומער פּאַרטאָג איז דער גובערנאַ־טאָר געריטן אין דעם פּאַרק. זײַנע מענטשן האָבן געוואָלט חוזק מאַכן פון דעם ייִדליק מיט אַ באָרד וואָס איז געזעסן אויף אַ באַנק און געלייענט. דער גובערנאַטאָר האָט געוואָלט זען וואָס איך לייען. ס'איז געווען ניטשעס 'זאַראַטוסטראַ'. מע האָט מיך צוגעפירט צום גובערנאַטאָר. כ'האָב גערעדט צו אים דײַטש. דו ווייסט, כ'קען גוט דײַטש. 'ניטשע?' האָט ער זיך געוווּנדערט. 'ווי קומט אַ ייִד אין חסידישע מלבושים צו ניטשע'?"

„'אַלסאָ שפּראַך זאַראַטוסטראַ. איין בוך פיר אַללע אונד קאַינען'. איך האָב אַקצענטירט די ווערטער 'אײַן בוך פיר אַללע'. דער יעקע האָט געוואָלט וויסן ווו כ'האָב געלערנט דײַטש.

„בײַ עמאַנועל קאַנט, בײַ יאָהאַן וואָלפגאַנג פאָן געטהע, גאָדפריד

ווילהעלם פאָן לײַבניץ, גאָטהאָלד אפרים לעסינג, יאָהאַן קריסטאָף פרידריך פאָן שיללער, הײַנריך הײַנע, געאָרג ווילהעלם פרידריך העגעל.

„ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט חידוש. כ'האָב געגומען פירזאָגן אַ קאַפּיטל פון 'די לײַדן דעם יונגען ווערטהערס'. דאָס איז אַלעמען באַקאַנט, איז מיר אײַנגעפאַלן. כ'בין אַריבער צו דער סאַטירע 'דער טריומף דער עמפּפינדליכקייט'. ער איז געבליבן פריטשמיעלעט. כ'האָב אים דערלאַנגט דאָס בוך 'זאַראַטוסטראַ', ער זאָל עפענען, לייענען ערגעץ אַ שורה, וועל איך פון אויסנווייניק זאָגן ווײַטער.

„וואָס זאָל איך דיר זאָגן, פּינטשע? כ'בין געוואָרן אַן אײַנגייער בײַם גובערנאַטאָר. כ'האָב אים געהאָלפן פאַרשטיין געדאַנקען אין 'זאַראַ־טוסטראַ', וואָס ער האָט אליין נישט געקענט 'צעקײַען'. כ'האָב מיר גע־באָרגט דײַטשע ביכער פון זײַן ביבליאָטעק.

„מײַן הענעכל האָט אָנגעהויבן לערנען חומש, אהיימגעקומען פון חדר און געפרעגט קשיות. כ'האָב געחלומט וועגן דער צײַט ווען כ'וועל אים קאָנען אַרײַננעמען אין מײַן וועלט פון הײַנע און געטהע, קאַנט און ניטשע.

„יאָ, אין קאַליש בין איך געוואָרן אַ יחסן. דער שווער האָט מיר געקויפט אַ נײַעם פעלץ. כ'בין געוואָרן אַ שתדלן בײַם גובערנאַטאָר, באַפרײַט ייִדן פון תפיסה, אָפּגעשריגן גזירות. מיר האָבן בײדע, איך און דער גובערנאַטאָר, פײַנט געהאַט די טעמפּע רוסישע טשינאָווניקעס.

„פרידריך ווילהעלם ניטשע, זײַנע תורות האָב איך געחלומט אײַנ־צופלאַנצן אין מײַן הענעך אַנשטאָט דעם חומש. דער חומש האָט דער־צויגן אַ פאָלק פון קדושים; ניטשעס תורות האָבן דערצויגן אַ פאָלק פון רוצחים. ניטשעס איבערמענטש איז געוואָרן אַן אַרצי־גזלן. פּינטשע, איך בין ווי דער גוי קאָוואַלטשיק. כ'האָב זיך אָנגעשיכּורט מיט פאַלשע תורות און מבזה געווען מײַנע אייגענע. מיט וואָס זענען מײַנע שפּיצלעך אַנדערש פון דעם גויס שמײַסן זײַן ווײַב?

„בײַ מיר אין הויף האָט אויך געוווינט בעריש בעכלער. בעריש האָט זיך אויך אַ מאָל אָנגעשיכּורט. ס'איז געווען שמחת־תורה. כ'ווייס נישט וואָס ס'האָט אים מער פאַרשיכּורט: דער בראָנפן, אָדער די שימחה מיט דער תורה. ער איז געלאָפן אין מאַגיסטראַט, אַרײַנגעריסן זיך צום בירגער־מײַסטער און געשריגן: 'השם הוא האלוקים'! וואָס פרעגט מען נאָך די אומות־העולם? ס'איז דאָ נאָר איין גאָט אויף דער וועלט. השם הוא האלוקים!'

„מע האָט בעריישן אַרעסטירט. ער איז אַוודאי געזעסן דאָ אין דער 'קאָזע' אויף דער קופּע שטרוי. כ'בין מקנא בעריישן. אויב מ'עט מיך אַרויסלאָזן פון דאַנען, 'עלעך לויפן איבער די גאַסן און שרייַען: 'השם הוא האלוקים'."

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מע האָט אויפגעשלאָסן די טיר. אַ וואַכמאַן האָט אַרויסגעפירט פּינטשען און אים געבראַכט אין אַרבעט־אַמט. דאָרט האָט אויף אים געוואַרט הער פישער, דער דייַטשער קאָמיסאַר אין די „מילקעס און ברייַער"־פאַבריקן. פישער האָט אונטערגעשריבן אַז ער דאַרף פּינטשען אין דער פאַבריק. זיפּעל, דער הויפּט פון אַרבעט־אַמט און בירגער־מייסטער, האָט איבער־געגעבן פּינטשען צו פישערס דיספּאָזיציע.

פּינטשע איז צוריקגעקומען אין דער צעל זיך געזעגענען מיט ר' יצחק מענדעלען. „די דייַטשן דאַרפן מיך אין דער פאַבריק און גייען מיך אַרויסלאָזן. ווי קאָן איך אייַך איבערלאָזן דאָ אַליין?"

„אַליין? זכות־אָבות איז מיר בייַגעשטאַנען, פּינטשע, איך האָב צוריק־געפונען מייַן גאָט. ווו נאָר איך וועל זייַן, וועל איך מער נישט זייַן אַליין, ער וועט זייַן מיט מיר."

ב.

די שׂימחה איז געווען גרויס ווען פּינטשע איז באַפרייַט געוואָרן פון אַרעסט. ער האָט קוים באַוויזן זיך אַרומצוואַשן ווען מע האָט געקלונגען אין דער טיר, יאָסל קאַליסקי איז געקומען אַריין צו לויפן. די נאָז רויט, די אויגן געשוואָלן. „ביסט פּאַרקילט צי וואָס?" האָט די מומעשי מירל אים געפרעגט.

„אַן אומגליק האָט געטראָפן", האָט יאָסל געבראָכן די הענט.

„אין אַזאַ צייַט איז אפשר בעסער..." האָט מירל אים פּראָבירט טרייסטן. זי האָט געמיינט אַז עטל האָט געמפּילט.

„מומעשי, ס'האָט אונדז געטראָפן אַ גרויס אומגליק", האָט יאָסל זיך צעוויינט. אַלע בני־בית זענען אַרייַנגעקומען. „וואָס איז געשען? וואָס מאַכט עטל?"

„עטל? וואָס זאָל זי מאַכן, זי וויינט זיך די אויגן אויס. זיי זענען געקומען ראַבעווען, זיי האָבן געזוכט דעם רייַכן יודע מילקעס און געטראָפן

צום שווער. קיין גאָלד און ברילִיאַנטן האָבן זיי נישט געפונען, האָבן זיי זיך נוקם געווען. דער שווער איז, לא עלינו — —"

„געשאָסן?" האָט פּינטשע געפרעגט מיט שרעק.

„געקוילעט אַן אַ מעסער. ס'איז געווען אין מיטן נאַכט. זיי האָבן עטלעך אַרויסגעטריבן פון בעט אין בלויזן העמד. זיי האָבן שוין אָנגעהויבן אַרויסגיין, אָבער איינער איז צוריקגעקומען. פּינטשע, כ'וויס נישט וואָס מע טוט מיטן שווער. ער זיצט נאָך אַלץ ביים טיש אין די גאַטקעס, ווי זיי האָבן אים איבערגעלאָזט. זינט נעכטן האָט ער נישט אַרויסגערעדט אַ וואָרט, נישט אַראָפּגעשלונגען אַ טרונק וואַסער, ווי דאָס מויל וואָלט געווען פאַרזיגלט. אין דער פרי האָב איך אָוועקגעלייגט נעבן אים זיין טלית־און־תפילין, ס'ליגט נאָך דאָ ווו כ'האָב עס אָוועקגעלייגט. וואָס טוט מען?"

„זיי האָבן געזוכט אונדז? פון וואַנען ווייסטו אַז זיי האָבן געזוכט אונדז?"

פּינטשע האָט שוין געזוכט ענטפערס אויפן פעטער מלכס טענות. יאָסל זאָגט אַז ער שווייגט, אָבער אַן אַ קול שעלט ער אַוודאי זיין ברודער שלמהן. קיין גוטס איז אים קיין מאָל נישט אַרויסגעקומען פון זיין ייִנגערן ברודערס עשירות, אָבער צו צרות געפינט מען דווקא אים.

„זיי האָבן אים געשלאָגן איבערן קאָפּ?" האָט שלמה געפרעגט.

„ערגער ווי דאָס, אַ סך ערגער. זיי האָבן — — איינער איז צוריקגעקומען און — —" יאָסלס פּנים איז געוואָרן בלוי, ווי ער וואָלט זיך געשטיקט מיט די ווערטער, „ער האָט זיך נוקם געווען אין עטלען..."

פּינטשע איז אָוועק מיט יאָסלען צום פעטער מלך. ברכה האָט זיי געעפנט די טיר. זי האָט געקוקט אויף פּינטשען מיט צעשראָקענע אויגן און באַלד אָוועקגעלאָפן צו עטלען וואָס איז געלעגן אויפן בעט מיט אַ קאַלטן קאָמפּרעס אויפן קאָפּ. עטל איז געבליבן מיטן פּנים צו דער וואַנט, אירע אַקסלען האָבן זיך צעצאַפּלט אין אַ נייעם אויסבראָך געוויין. „רעד צום טאַטעשי, פּינטשע", האָט זי אַרויסגעכליפּעט, אָבער נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. ברכה איז אַרויפגעפאַלן אויף עטלען און אויך זיך צעכליפּעט. „קום, פּינטשע," האָט יאָסל זיך געבעטן און אים אַריינגעפירט צו מלכן. מלכס אויגן זענען געווען שטאַר, ווי ער וואָלט נישט געזען פּינטשעס אַריינקומען; פּינטשע האָט זיך נישט דערוועגט צו זאָגן 'גוט־מאָרגן'.

„שווער, פּינטשע איז געקומען."

מלכס אויגן זענען געבליבן ווי פאַרגליווערט.

„איך לויף שוין אַוועק אין מאַגיסטראַט, מע וועט דאָס נישט פאַר־שווייַגן," האָט פּינטשע געערעדט מיט אַ צו הויך קול. „דער טאַטעשי וועט גיין צום הער זיפּעל."

ס'האָט אַרויסגעשריגן פון פּינטשען, אָבער ער האָט געוווּסט אַז זייַנע ווערטער האָבן נישט קיין האַפט. צו וועמען וועט ער רעדן אין מאַ־גיסטראַט? דער טאַטעשי איז שוין געווען בייַ אַלע דייַטשן מיט וועמען ער האָט אַ מאָל געהאַנדלט, וועגן באַפרייַען ר' יצחק מענדלען, און ר' יצחק מענדל זיצט נאָך אַלץ אין תּפיסה, דער גורוויטשער הער זיפּעל איז נישט קיין קלענערער צורר ווי די וואָס זענען געקומען פון דייַטשלאַנד. אָבער ער האָט געמוזט עפּעס זאָגן. עס איז אים לייַכטער געווען אַ מאָל צו פאַרגעסן דעם פּעטער מלכס טענות ווי איצט זייַן שווייַגן. „פּעטער מלך, בייַם גאַנצן אומגליק איז נאָך געשען אַ נס. געלויבט דער אייבער־שטער אַז עס האָט חלילה נישט געקאָסט קיין לעבנס."

מלך האָט אַ ציטער געטאָן און זייַן מויל האָט זיך אויפגעריסן מיט אַ געשריי: „אַ נס? אַ נס, זאָגסטו? יאָסל איז אַ כּהן!" מלכס קול האָט זיך געבראָכן: „יאָסל, דו ביסט געקומען אין מייַן הויז אַרייַן ווי אַ נס, אָבער איך דאַרף דיר דען זאָגן וואָס דער דין איז?"

ער האָט זיך צעכליפּעט ווי אַ קליין אומבאַהאָלפן קינד. פּינטשען איז ענג געוואָרן אין דער ברוסט. יאָ, דער פּעטער מלך ווייסט אַז אויב דאָס ווייַב פון אַ כּהן ווערט פאַרגוואַלטיקט טאָר דער מאַן נישט וווינען מיט איר. ער האָט געוווּסט אַז ער איז מחויב דאָס צו זאָגן יאָסלען און האָט פון דעסט וועגן נישט געקאָנט עס זאָגן. האָט יאָסל נישט געוווּסט דעם דין? עטל איז געווען אַזוי גליקלעך מיט יאָסלען, עטל שוואַנגערט פון אים, און דאָ אַזאַ — —

„ס'אַן אומגליק געשען, אָבער נישט דאָס וואָס דער שווער מיינט," האָט יאָסל ערשט איצט פאַרשטאַנען וואָס דער שווער האָט געזאָגט. „נישט חלילה — —"

„זיי האָבן מחלל געווען מיין כּשר קינד," האָט מלך געכליפּעט ווי ער וואָלט נישט געהערט וואָס יאָסל האָט געזאָגט.

„מחלל געווען, אָבער נישט דאָס וואָס דער שווער מיינט."

„מחלל געווען, צי נישט מחלל געווען?" האָט מלך זיך צעשריגן און זיך אָנגעכאַפּט אין זייַן באָרד ווי מע כאַפּט אָן עמעצן אים צוריק־צוהאַלטן אין מיטן לויף. ער האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויפן בענקל און אויפגעהויבן די אויגן צו יאָסלען: „יאָסל, נפשך קשורה בנפשה, איך

ווייס עס, און עס איז מיר אוודאי ניחא, ס'איז דאָך מײַן קינד. אָבער דו שפּילסט זיך דאָ מיט דיני עריות!"

„ס'איז געווען שלא כדרכה... אפשר דאַרף מען פרעגן אַ שאלה."

„יאָסל, ס'איז אַ לאַוו אין דער תורה, ס'איז ערגער ווי עסן חזיר! ווײַ צו מײַנע אויערן, אָבער כ'האָב אַליין געהערט ווי ער האָט געשריגן 'עפן דײַן מוטער'."

„דאָס מונד, וואָס מיינט דאָס מויל, ס'איז געווען שלא כדרכה..."

„פון וואַנען ווייסט דו דאָס?"

„עטעלע איז אַ כשר קינד, זי'ט מיר אַלץ דערציילט. ער האָט זי געסטראַשעט מיטן רעוואָלווער. זי האָט אים געזאָגט אַז זי שוואַנגערט. זי'ט זיך אָפּגעבעטן בײַ אים."

„ס'אַ נס וואָס יאָסל איז גראָד נישט געווען אין שטוב. ער וואָלט זיך אַרײַנגעמישט און ס'וואָלט חלילה געקומען צו קרבנות", האָט פּינטשע געוואָלט טרייסטן דעם פעטער.

„די נסים וואָס געשעען צו מיר", האָט מלך אַרויסגעביטערט און ווידער פאַרזונקען אין שווײַגן.

ג.

אַ געקלאַפּ און אַ גערודער האָט אַרויסגעריסן פּינטשען פון שלאָף. עס האָט שוין געטאָגט אין דרויסן. אַ גרויער טריבער שבת־פרימאָרגן איז אויפגעגאַנגען אויף יענער זײַט אַדאָלף היטלער־פּלאַץ. פּינטשע איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, אַרויסגעקוקט, און זײַנע אויגן זענען שיִער נישט אַרויסגעשפּרונגען פון קאָפּ. דאָס גערודער איז געקומען פון זעגן און האַמערס. די אַרבעטערס דרויסן זענען געוואָרן באַוואַכט פון אַ גרופּע דײַטשן, באַוואָפנט ווי צו אַ שלאַכט. וואָס גרייט זיך דאָ?

עס איז נישט שווער געווען צו טרעפן וואָס עס גרייט זיך. פון אונטער די אַרבעטערס זעגן און העק איז אויסגעוואַקסן אַ תליה.

אפשר איז דאָס נאָר אַזאַ מין צערעמאָניע פון פאַרוואַנדלען דעם פוילישן פרײַהײַט־פּלאַץ אין אַן אַדאָלף היטלער־פּלאַץ? אַ טויטנקאָפּ איז דער עמבלעם פון היטלערס ספּעציעלער גוואַרדיע.

די תליה אַן עמבלעם? בײַ די נאַציס איז דאָס אויך מעגלעך. אָבער נאַציס וועלן באַנײַען זייער עמבלעם מיט מעשׂים. דאָס נאָענטסטע ייִדישע הויז צו דער תליה איז דאָ וווּ ער שטייט בײַם פענצטער!

פּינטשע האָט געגעבן אַ צי אַראָפּ די ראָלעטן, פאַררוקט די פאַר־

האַנגען און אַרייַנגעלאָפן צום פּאָטער. „טאַטעשי, דו שלאָפסט? גוט, שלאָף."

ר' שלמה האָט געעפנט די אויגן און נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס פּינטשע האָט אים אויפגעוועקט. „זיי כאַפן צו דער אַרבעט," האָט פּינטשע זיך פאַרענטפערט. „דער טאַטעשי דאַרף בלייַבן אין בעט. טאָמער עפּעס, קאָן מען זאָגן אַז דער טאַטעשי איז קראַנק."

פּינטשע איז געלאָפן פון שטוב צו שטוב, ער האָט צוזאַמענגעשלעפּט פלעשלעך מיט מעדיצינען און זיי אָוועקגעשטעלט נעבן טאַטנס בעט. ער האָט געריבן אַ טערמאָמעטער כדי דאָס קוועקזילבער זאָל אַרויף צו ווייַזן אַ סך היץ, און עס אָוועקגעלייגט נעבן טאַטן. ער איז באַלד צוריקגעלאָפן צום בעט אַראָפּצושאָקלען דאָס קוועקזילבער. פּערציק גראַד היץ איז צו פיל, אַכט און דרייַסיק און אַ האַלב וועט זיך גיכער צוגלייבן.

„וואָס עפּעס פלוצלינג?" האָט די מאַמעשי נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך. „וואָס טוט זיך מיט דיר, פּינטשע?" מרימל איז געוואָרן אַלאַרמירט און דער טאַטע האָט געשעפּטשעט: „נו, גענוג שוין."

„כ'בעט דיך, טאַטעשי, כ'בעט דיך," האָט פּינטשע זיך געבעטן מיט אַ געבראָכן קול.

„כ'מיין, דו אַליין דאַרפסט זיך מעסטן די היץ," האָט די מאַמע אים אונטערגעטראָגן דעם טערמאָמעטער, „דו זעסט אויס קראַנק."

פּינטשע האָט זיך געבייזערט איבער דער מאַמען פאַר וואָס זי האָט אַראָפּגעשאָקלט דעם טערמאָמעטער. פּינטשע האָט קיין מאָל נישט אויפגעהויבן קיין קול קעגן דער מאַמען, אָבער — — די דייַטשן האָבן געזוכט דעם רייַכן מילקעס און געטראָפן צום פּעטער מלך, איצט ווייסן זיי שוין ווו דער רייַכער מילקעס וווינט, און דרויסן אויפן פרייַהייט־פּלאַץ... הלוואי דאָס אומגליק מיט עטלען זאָל זייַן דאָס לעצטע, הלוואי, רבונו־של־עולם.

„כ'האָב באַלד געזען אַז דו ביסט קראַנק," האָט די מאַמע פאַרבראָכן די הענט ווען פּינטשע איז געלאָפן צו דער שיסל. ער האָט צוריקגעגעבן מער וויפל ער האָט געגעסן. „כ'בעט דיך, טאַטעשי," האָט ער קוים אַרויסגעהעשעט ווען אויך דער טאַטע איז געקומען זען וואָס ער מאַכט. עס האָט זיך אים געדאַכט אַז די באַהעלמטע דייַטשן וואָס ער האָט פריִער געזען דורכן פענצטער כאַפּן אַלע מאָל אַ בליק צו זייער הויז. די מאַמעשי האָט געבעטן ער זאָל זיך צוריקלייגן אין בעט אַרייַן. ער האָט טאַקע זיך מער נישט געקאָנט האַלטן אויף די פיס. ווען ער האָט זיך צוגעשלעפּט

צום בעט איז ער אַרויפגעפאַלן דאַרויף, ער האָט פאַרגראָבן זײַן פּנים אין קישן און ווידער אויפגעריסן זיך. דרויסן האָט זיך פאַרגרעסערט דער רעש פון אַנלויפנדיקע אויטאָמאָבילן און מאָטאָציקלען. דער גאַנצער פּלאַץ מוז שוין זײַן אַרומגערינגלט מיט זשאַנדאַרמען. דאָס גערודער, די געשרייען און שאָסן פון יענער זײַט פענצטער זענען איצט דערגאַנגען צו אים ווי פון זייער ווײַט, זײַנע אויערן זענען געווען אָנגעשפּיצט צום גלאָק בײַ דער אַרײַנגאַנג־טיר.

פּינטשעס פאַרהאַלטענער אָטעם האָט אַרויסגעבראָכן און ער האָט זיך פאַרקײַכט. איז עס אמת? איז טאַקע אַ נס געשען? דער טירגלאָק האָט נישט געקלונגען און אין דרויסן האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס שיסן. די אויטאָ־מאָטאָרן האָבן ווידער אויפגערוישט און זיך געגומען דערווײַטער־רן. עס איז גיך שטיל געוואָרן דרויסן, פאַרכטיק שטיל. ער האָט זיך צוגעשלעפּט צום פענצטער און אָוועקגעבויגן אַ שטיקל פון דעם שווערן פאָרהאַנג. דער רעגן האָט געטריפט איבער די שויבן, אָדער איבער זײַנע אויגן? דער דרויסן האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ נעפּל און אין דעם נעפּל האָט זיך געוויגט אַ גוף פון אַ געהאַנגענעם.

פּלוצלינג אַ שאַרפער קלינג. פּינטשע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. עס הערט נישט אויף קלינגען, ער מוז זיך שטאַרקן, ער מוז זײַן דער ערשטער בײַ דער טיר. ער איז שוין געווען אויפן וועג צו דער טיר ווען ער האָט זיך געכאַפּט אַז דאָס קלינגט גאָר דער טעלעפאָן. ווער קאָן דאָס קלינגען צו זיי אום שבת? ווען ער איז צוריקגעקומען צום טעלעפאָן האָט מרימל שוין געהאַלטן דאָס טרײַבל. זי האָט נישט גערעדט, נאָר געהערט. „זיי האָבן אויפגעהאַנגען דעם פאַן יאַצקאָווסקי, דעם פריִערדיקן בירגער־מײַסטער. אַ קאַלענדאַר איז געהאַנגען נעבן טעלעפאָן: פּינטשע האָט דערזען ווי דער ציפער אויפן קאַלענדאַר־בלעטל איז רויט, ס'איז דער עלעפטער נאָוועמבער, דער יום־טוב פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט. פּינטשעס בלאַסער פּנים איז אויך אָנגעלאָפן מיט רויטקייט און ס'איז לויז געוואָרן די ענגשאַפט אין זײַן ברוסט. אַ מענטש איז אומגעקומען און אים האָט זיך שיִער אַרויסגעכאַפּט: געלויבט דער אייבערשטער, אָפּגעקומען מיט שרעק.

## קאַפּיטל דרײַ

# ראַבין כאַבול

א.

מרחשוון, דער ביטערער חודש, ווי עס ווערט אָנגערופֿן אין די ספֿרים, איז שוין באַלד אַריבער. כּסלו האָט זיך דערנענטערט און דער יום־טובֿ חנוכּה. מע האָט געוואַרט אויף נײַע נסים. די נאַכט אָנפֿאַלן אויף ייִדישע היימען זענען געוואָרן זעלטענער, אין דער לעצטער וואָך נישט דערשאָסן קיין איין ייִד בײַ דער אַרבעט. קאָן עס זײַן אַ סימן אַז די זיג־פֿאַרכלינעטע דײַטשן הייבן זיך אָן אויסניכטערן? הייבן זיי שוין אָן טראַכטן אַז עס וועט קומען אַ טאָג ווען זיי וועלן דאַרפֿן אָפּגעבן חשבון פֿאַר די אַלע רויבערײַען און מאָרדן? לכל־הפּחות האָבן זיך אויסגעניכטערט די פּוילישע אַנטיסעמיטן און זענען מער נישט די אונטערפֿירערס וואָס ברענגען די דײַטשן צו די רײַכע ייִדן. גורוויטש איז שוין מער נישט אין דער גענעראַל־גובערניע פֿון פּוילן, ס'איז איצט אַ שטאָט אין דער דײַטשער פּראָווינץ וואַרטעגאַו. די פּאָליאַקן זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פֿון דעם אַנעקסירטן פּאָמערן, דאָס זעלביקע וועט אַוודאי געשען אין וואַרטעגאַו.

פֿינטשע האָט ווידער אַ רעד געטאָן מיטן הער פֿישער, דעם דײַטשן קאָמיסאַר אין די מילקעס־געשעפֿטן, ער זאָל זען וואָס ער קאָן טאָן צו באַפֿרייען ר׳ יצחק מענדלען און דעם בעל־עגלה, וורום־וואָווע. זיי האָבן געכאַפּט וורום־וואָווען אויפֿן וועג פֿון גורוויטש קיין לאָדזש, מע האָט געפֿונען אין זײַן וואָגן דרײַ שטיקער וואָלנס. זיי האָבן צוגענומען בײַ אים די סחורה, צוגענומען פֿערד־און־וואָגן, געמאַכט אַ רעוויזיע אין זײַן הויז און צוגענומען אַלץ וואָס האָט אַ ווערט. איז דאָס נישט גענוג? דעם אַלטן ר׳ יצחק מענדלס איינציקע זינד איז געווען וואָס ער האָט נישט געקאָנט פֿירן אָן אָנגעלאָדענע טאַטשקע איבער אַ שמאָל ברעט.

„וויפֿל זענען די ייִדן גרייט צו באַצאָלן?" האָט דער הער פֿישער געפֿרעגט.

„דער הער פֿישער ווייסט", האָט פֿינטשע געטענהט, „אַז די ייִדנס פֿאַרמעגנס זענען געלעגן אין די סחורות וואָס זיי האָבן פֿאַבריצירט און דאָס האָט די מאַכט קאָנפֿיסקירט. ווערטזאַכן האָט מען צוגענומען אין די נאַכט־איבערפֿאַלן אויף ייִדישע הײַזער".

„האָט איר דאָך נישט מיט וואָס צו באַצאָלן?"
„מע וועט אָוועקגעבן דאָס לעצטע העמד".
„ווער דאַרף די פאַרלויזיקטע יידישע העמדער?"
„כ'מיין, מע וועט געבן אַלץ וואָס איז געבליבן".
דער הער פישער האָט צוגעזאָגט צו געבן אַ תשובה אין עטלעכע טעג.

דער גורל איז, וויַיזט אויס, שוין געווען פאַרחתמעט פון פריִער. פרייטיק האָט מען איַינגעצאָלט אַ קאָנטריבוציע פון הונדערט טויזנט זלאָטעס, און שבת איז אַרויס אַ באַפעל אַז קיין ייִד זאָל נישט פאַרלאָזן זיַין הויז. מע האָט דעם שבת אַפילו נישט געשלעפּט ייִדן צו צוואַנג־אַרבעט. שבת־צו־נאַכט איז געקומען אַ באַפעל אַז אַלע ייִדן — מענער, וויַיבער און קינדער — זאָלן זיך פאַרזאַמלען צו מאָרגנס זעקס פאַר טאָג אויפן אַלטן מאַרק. יעדער מעג מיטנעמען נאָר אַזוי פיל פון זיַין האָב וויפל ער קאָן טראָגן אין זיַינע הענט.

איז עס אַ דעפּאָרטאַציע? אַז מע מוז שוין מיטנעמען מיט זיך אַפילו זייגקינדער מיינט עס דאָך אַז מע וועט מער נישט קאָנען צוריקקומען אַהיים. זיי וועלן טריַיבן גלייך פון מאַרק אַרויס פון שטאָט, ווי זיי האָבן געטריבן די ייִדן פון די שטעט אין דעם פאַרמלחמהדיקן דיַיטשלאַנד. איז עס מעגלעך? ווי וועלן זיי זיך אַן עצה געבן אָן די ייִדישע וועבער־מיַיסטערס, שערערס, ריַיגערס און וועבערס? זיי האָבן זיך אַזוי געאיַילט ווידער צו לאָזן די פאַבריקן אין גאַנג, אַז דער שעף פון אַרבעטסאַמט האָט אַפילו באַשיצט די פאַבריק־אַרבעטער און זיי געגעבן „פּאַסיר־שיַינען" מע זאָל זיי נישט כאַפּן צו דער אַרבעט. מע דאַרף מיטנעמען די „פּאַסיר־שיַינען" אין מאַרק, זיי וועלן זיכער איבערלאָזן די פאַכמענער.

עמעץ האָט געזאָגט אַ סברא אַז דאָס איז נאָר אַ כיטרע דיַיטש שפּיצל צוצוראַבעווען דאָס לעצטע ביסל ייִדיש האָב. ייִדן וועלן איצט אויסגראָבן און מיטנעמען אין מאַרק אַריַין אַלע באַהאַלטענע ווערטזאַכן. די דיַיטשן וועלן אַלץ צונעמען און דערנאָך צוריקשיקן די ייִדן צו דער אַרבעט.

אַ ייִד האָט זיך אַרויסגעגנבעט צו זיַינס אַ באַקאַנטן דיַיטש און עס איז אים געלונגען בשלום צוריק צו קומען. דער דיַיטש האָט געזאָגט אַז מאָרגן וועט זיַין אַ שוואַרצער טאָג פאַר די ייִדן. מער האָט ער נישט געוואָלט זאָגן.

ס'איז געווען אַ שוואַרצע רעגנדיקע נאַכט. מאָרגן דאַרף געבוירן ווערן די נייַע לבנה פון דעם חודש כסלו. ווער ווייסט צי מע וועט נאָך דערלעבן זי צו זען איבער דעם היימישן גורוויטשער מאַרק.

ס׳איז נאָך געווען פינצטער ווען יונגען מיט האַקנקרייץ־אַרעמבענדער האָבן גענומען קלאַפּן אין יידישע טירן. דער רעגן האָט נאָך אַלץ געגאָסן און אַדורכגעווייקט די מלבושים וואָס מע האָט אַרויפגעצויגן איינס אויף ס׳אַנדערע. ליכט האָט אַרויסגעשלאָגן פון אַלע פענצטער. פאַר וואָס שלאָפן נישט די דייטשן און די פּאָליאַקן?

עס איז לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ ווען מע האָט דערלויבט פרויען און קינדער זאָלן צוריקגיין אַהיים. די מענער האָט מען אַלע אַריינגעטריבן אין דעם ענגן הויף פון די פייער־לעשערס וואָס הינטער דעם מאַגיסטראַט. אַ דריבנער, זלידנער רעגן האָט נישט אויפגעהערט דריבלען. אַז מען איז געגאַנגען מיט די קינדער האָט מען גענומען קודם־כל וואָס מע דאַרף פאַר קינדער, און פאַר זיך אַליין אַפילו קיין רעכט מלבוש נישט מיטגענומען. אין דער איילעניש האָט נישט יעדער באַוויזן צו כאַפּן אַ פּאַלטן; טייל האָבן אַפילו נישט באַוויזן אַרויפצוציען די שטיוול. עס איז געוואָרן נאָך ערגער ווען עס איז צוגעפאַלן אַ טריבע פינצטערע מולד־נאַכט. מע האָט זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן פון קעלט און פון פחד.

די צווייטע נאַכט אין דעם פייער־לעשערס הויף. די זשאַנדאַרמען פון דער וואַך האָבן געטראָגן אייזערנע העלמען, גומענע מאַנטלען און שווערע שטיול; זיי האָט דער רעגן ווייניק געאַרט. זיי האָבן מאַרשירט דרויסן אַרום דער מויער און זייערע שווערע טריט האָבן פאַרטויבט דאָס ניסן און הוסטן פון די געפאַנגענע. מע האָט שוין מער נישט געקאָנט שטיין אויף די פיס, האָט מען זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד אין די קאַלוזשעס וואַסער און בלאָטע. מען איז שוין דאָ פאַרשלאָסן אַריבער דרייסיק שעה, נישט מע גיט עפּעס צו נעמען אין מויל, נישט עס איז פאַראַן ווו אָפּצוגעבן. נאָך גוט וואָס דער רעגן גייט נישט אַדורך קיין דייטשע ראַציאָנירונג. דער רעגן פאַלט פון הימל גלייך אויף דער אַרויסגעשטרעקטער צונג.

אַ טריבער פרימאָרגן האָט גענומען אַרויפקריכן פון יענער זייט קאַשטשאָל־טורעם. אַן אָפיציר מיט אַ טויטנקאָפּ־צייכן אויף זיין היטל איז געקומען אויף אַן אינספּעקציע. „וויפל זעלבסטמאָרדן?" האָט ער געפרעגט דעם וואַכמאַן ביים טויער.

„קיינע", האָט דער וואַכמאַן געענטפערט. דער אָפיציר האָט זיך אויסגעדרייט און שנעל אַוועק.

נישט אַריינגעקומען קיין ביסן, און מע האָט דאָך געמוזט זוכן אַן אָפּטריט. קיין ביידל, קיין פאַרשטעלט ווינקל. אין אָנהייב האָט מען זיך

אײַנגעהאַלטן און געוואַרט ביז עס וועט טונקל ווערן. איצט האָט מען מער נישט געקאָנט וואַרטן. מע האָט שוין אויסגעקראַצט יעדעס קרישעלע ברויט וואָס האָט זיך געהאַט פאַרוואַלגערט אין אַ קעשענע, מע האָט שוין צעקײַעט יעדעס שטיקל ביטערע גראָז וואָס איז געוואַקסן צווישן די שטיינער פון הויף. ס'האָט נאָך נישט געקאָנט האָבן דערגאַנגען ביז צום מאָגן און עס האָט שוין געטריבן מיט שלײַם. דאָקטאָר פישל האָט געזאָגט אַז עס וועט אין גיכן טרײַבן מיט בלוט, אַלע וועלן קראַנק ווערן אויף דיסענטעריע.

דער אָפיציר מיטן טויטנקאָפּ האָט זיך ווידער באַוויזן. „וויפל זעלבסט־מערדער?"

„קײַנע. איין האַרצאַטאַק".

דער אָפיציר איז אַוועק נישט־צופרידן.

די טעג זענען פאַרשוווּנדן מיר־נישט דיר־נישט, און די נעכט האָבן זיך געצויגן און געצויגן און גאָר נישט געוואָלט אָפּטרעטן. דאָקטאָר פישל האָט שוין אַליין געפילט קראַנק און נאָך אַלץ געשלעפּט זיך פון איין קראַנקן צום צווייטן. זאָלן זיי כאָטש די שווער קראַנקע אַרײַננעמען אין דעם פײַער־לעשער־בנין. ער האָט גענומען צוגיין צו אַ וואַכמאַן. אַ שאָס, די קויל האָט נאָר אַראָפּגעשאָסן זײַן קאַפּעליוש.

פינעף טויטע, האָט דער וואַכמאַן צו מאָרגנס רעפּאָרטירט.

„קײַנע זעלבסטמערדער?"

„קײַנע".

„פאַרפלוכטע יודן!"

פרײַטיק פאַר נאַכט האָט זיך אויסגעלײַטערט. אויף יענער זײַט שטאָט האָט די זון זיך אַרויסגעשניטן פון צווישן די וואָלקנס צו באַגעגענען דעם שבת מיט אַ גאָלד־באַזוימטן הימל. דאָרט ווײַט, אויף יענער זײַט האַרי־זאָנט, איז פאַראַן אַ גרויסע פרײַע וועלט, דאָרט איז שבת, נאָך אַלץ שבת, און מענטשן זענען נאָך אַלץ מענטשן. ווייסט מען דאָרט וואָס דאָ טוט זיך? מן־הסתּם ווייסט מען, נישטאָ הײַנט קיין סודות אויף דער וועלט. אָט ווייסט מען דאָ אין דעם אָפּגעשלאָסענעם הויף וואָס עס טוט זיך אויף דער גרויסער וועלט. ווי אַזוי די נײַעס איז דאָ אָנגעקומען? ווער ווייסט, און וואָס איז די נפקא־מינה ווי אַזוי עס איז אָנגעקומען, אַבי די נײַעסן זענען גוט און דערפרייען דאָס האַרץ. דער ימח־שמוניק כאַפּט אַרײַן מפּלה נאָך מפּלה. די גאַנצע זיגפריד־ליניע זײַנע — איין שטיק חורבה. ענגלישע און פראַנצויזישע עראָפּלאַנען באָמבאַרדירן דײַטשע

שטעט. אַלע דײַטשע שפּײַז־שפּײַכלערס פּאַרברענט, די יעקעס האָבן נישט וואָס צו פרעסן. דאָס איז טאַקע דער סוד פֿאַר וואָס זיי האָבן דאָ ביז הײַנט נישט געגעבן אַפילו איין ביסן ברויט. אַז זיי האָבן אַליין אַ קרענק, אַז זייערע סאָלדאַטן אויף די פראָנטן בונטעווען זיך וואָס מע גיט זיי נישט גענוג שפּײַז, איז נישט קיין חידוש אַז זיי לאָזן די ייִדן הונגערן.

צו פֿיל גוטע בשׂורות מיט אַ מאָל, האָט פּינטשע געטראַכט, און איז געווען אין ספק צי די אַלע גוטע ידיעות האָבן אַ האַפּט. און אויב נאָר אַ טייל איז אמת, איז שלעכט? אַז זיי וועלן האָבן צרות אויף די פראָנטן וועלן זיי נישט האָבן קיין צײַט צו פּײַניקן די ייִדן. אַהאַ, דאָס איז עס! געבראַכט אַהער אַלע ייִדן מיט די ווײַבער און קינדער און געגרייט אַ גירוש. דאָס גאַנצע דײַטשע רײַך, אײַנגעשלאָסן די אַנעקסירטע געביטן, וועט זײַן „יודן ריין", האָט אים שוין לאַנג געזאָגט דער הער פּישער. אָבער דער שׂטן טראַכט און גאָט לאַכט. זיי כאַפּן אַזעלכע מוראַדיקע קלעפּ אַז זיי ווייסן נישט וואָס צו טאָן. מע וועט, מיטן אייבערשטנס הילף, אין גיכן באַפרײַען די מענער, ווי מע האָט באַפרײַט די ווײַבער און קינדער. ער ווייסט, ער פילט אַז די ישועה איז באָענט, אָבער דאָס וואַרטן איז אַזוי שווער. ער דאָ, מינדעלע דאָרט אין וואַרשע. מע זאָל זיך נאָר נישט דערוויסן אין וואַרשע וואָס דאָ טוט זיך. אין מינדעלעס מצב קאָן שרעק אָנטאָן שאָדן. איז עס בעסער אין וואַרשע? וואָס פֿאַר אַ נאַרישע שאלה! וואַרשע איז נאָך אַלץ פּוילישע „גענעראַל־גובערניע" בעת גורוויטש איז שוין דײַטשער רײַך. די גורוויטשער פֿאָלקס־דײַטשן זענען געוואָרן אַזעלכע רשעים מחמת זיי ווילן באַווײַזן וואָס פֿאַר אַ גוטע נאַציס זיי זענען. די פֿאַררעטערס! אַ יאָר פֿאַר דער מלחמה האָבן זיי שוין געהאַט אָוועקגעשיקט זייערע זין קיין דײַטשלאַנד אויסצומושטירן זיי אין דער עס־עס.

ב.

די מהומה האָט זיך אָנגעהויבן שבת באַלד אין דער פֿרי. די פֿאַבריק־סירענעס האָבן געריטשעט ווי בײַ אַ שׂריפֿה. זשאַנדאַרמעריע־אויטאָמאָבילן האָבן געיאָגט איבער די גאַסן, שאָסן האָבן אָפּגעהילכט פֿון אַלע עקן שטאָט. דײַטשן האָבן געטריבן ייִדישע פרויען און קינדער פֿון די אַרומיקע גאַסן פֿאַרבײַ דעם הויף פֿון די פֿײַער־לעשערס. וווהין? קיינער האָט נישט געוווסט. עס איז געוואָרן אַ בהלה אין הויף, עמעץ איז געלאָפן צום טויער און אונטערגעשניטן געוואָרן פֿון אַ קויל. עס איז

געוואָרן טויט־שטיל ווען דער עס־עס־אָפיציר האָט זיך באַוויזן. באַלד איז געקומען אַ באַפעל: „אויסשטעלן זיך אין רייען, פיר אין אַ ריי!"

מע האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, אָבער ווען דער טויער האָט זיך געעפנט זענען אָנגעקומען נײַע כּוחות. פּינטשע האָט זיך גלײַך אָריענטירט אַז מע גייט צום פרײַקייט־פּלאַץ. ווען די מענער זענען אָנגעקומען זענען די פרויען און קינדער שוין דאָרט געווען. אויסרופן פון פרייד זענען פאַרפרוירן געוואָרן אין די העלדזער: צוויי תּליות האָבן געוואַרט אויף קרבנות.

אַ ליכטיקער טאָג, ווי אויך די זון וואָלט באַהערשט געוואָרן פון דעם אָקופּאַנט און געצוווּנגען געוואָרן צו שײַנען איבער דעם טײַוולשן שפּיל. די זון האָט פון הינטן בגנבה געטרוקנט די מלבושים און געוואַרעמט די נאַסע, אַדורכגעפרוירענע פּלייצעס; פון פאָרנט האָט דער אָנבליק פון די תּליות געיאָגט אַ שוידער דורך די ביינער. גאַנץ גורוויטש איז געווען פאַרזאַמלט אויף דעם פּלאַץ. די ייִדן פון איין זײַט און די פּאָליאַקן פון דער אַנדערער זײַט פּלאַץ. אין פראָנט, נעבן די תּליות אויף נײַ־אויפגעשטעלטע הילצערנע בענק, זענען געזעסן די פאָלקס־דײַטשן, אַלטע גורוויטשער תּושבים וואָס פלעגן אַ מאָל זיך ברידערן מיט די ייִדן.

דער גאַנצער פּלאַץ איז געווען באַזוימט מיט האַקנקרײַץ־פענער. הער זיפעל, דער נײַער בירגער־מײַסטער, האָט געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע. פּינטשע איז געשטאַנען ווײַט פון פּאָדיום, צו זײַנע אויערן זענען דערגאַנגען נאָר די אויסגעשרייען „יודן", „יודן!" ער האָט נישט געקאָנט אָפּרײַסן די אויגן פון די תּליות. דאָס איז נישט אַן איבערבלײַב פון לעצטער וואָך; לעצטע וואָך איז געווען נאָר איין תּליה, זיי האָבן צוגעבויט נאָך איינע. די דײַטשן זענען געקומען אויסגעפּוצט ווי צו אַ כאַסלערע. זיפעל טראָגט אַ שוואַרצן פראַק און צילינדער צו דער שוואַרצער חתונה.

דער בירגער־מײַסטער האָט פאַרענדיקט זײַן רעדע, די דײַטשן האָבן הילכיק אַפּלאָדירט. געווען אויך צווישן די פּאָליאַקן אַזעלכע וואָס האָבן אַפּלאָדירט. ווען עס האָט זיך אײַנגעשטילט דער הענטגעקלאַפּ איז געוואָרן פאָרכטיק שטיל. אַ לאַנגע שטילקייט ביז עס האָבן זיך דערהערט אָנקומענדיקע זעלנערישע טריט, אַ פאָרמאַציע סאָלדאַטן האָט אָנמאַרשירט. געענדזנטריט, אויסגעשטרעקטע ביקסן מיט באַיאָנעטן, און צווישן זיי — ר' יצחק מענדל! די פּאָלעס פון זײַן יופּעצע צעכראַסטעט, די ציצית פון זײַן טלית־קטן האָבן זיך באַוועגט אין ווינט ווען ר' יצחק מענדל איז אַרויף די טרעפּ צום תּליה־געשטעל. מע האָט אים אויסגעדרייט מיטן פּנים צום עולם; פּינטשע האָט געזען אַז זײַנע ליפּן באַוועגן זיך, הערן

נישט אויף זיך צו באַוועגן. מע האָט פאַרבונדן זײַנע הענט אַהינטער, די אויגן האָבן זיי נישט פאַרבונדן, אפשר כּדי צו זײַן מער אַכזריותדיק, אָבער ס'איז נישט געווען קיין שרעק אין זײַנע אויגן. פּינטשע האָט עס מער נישט געקאָנט צוקוקן, ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. עס האָט זיך איצט פאַר אים ווידער פאַנאַנדערגעוויקלט די געשיכטע פון ר' יצחק מענדלס לעבן ווי ער האָט עס אַליין דערציילט אין תּפיסה ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק. ווען פּינטשע האָט צוריק אויפגעהויבן די אויגן איז ר' יצחק מענדל שוין געשטאַנען אויפן בענקל אונטער דער תּליה, זײַנע אויגן פאַרקוקט, נישט צום עולם, נישט צו די הענקערס, נאָר פאַרקוקט אין זיך אָדער אין דער אייביקייט. זײַנע ליפּן האָבן זיך נאָך אַלץ באַוועגט, דער ווינט האָט באַוועגט די פּעטליע און זי האָט אַ וויש געטאָן איבער ר' יצחק מענדלס פּנים. זײַנע ליפּן האָבן נישט אויפגעהערט זיך באַוועגן. איז זײַן קול געוואָרן העכער? פּינטשע האָט איצט קלאָר געהערט זײַנע ווערטער. ער האָט זיי שוין געהערט פון אים אין תּפיסה, אָבער איצט האָט ר' יצחק מענדל זיי געזאָגט מיט מער דבקות: „אדושם הוא האלוקים! אדושם הוא האלוקים!"

דער גאָון ר' יצחק מענדל איז געווען אַ געשפּאָלטענער מענטש, אומגליקלעך, נישט־געקוקט אויף זײַן חכמה און שאַרפן קאָפּ, און טרויעריק מיט אַלע זײַנע חכמהלעך און שפּיצלעך. ער האָט געפונען גאַנצקייט ערשט אין דער תּפיסה, און דאָ אונטער דער תּליה האָט ער אויך געפונען שלווה. „אדושם הוא האלוקים, אדושם הוא האלוקים", האָבן זײַנע לעפּצן נישט אויפגעהערט פּרעפּלען אַפילו ווען דער תּליון האָט שוין פאַרלייגט די פּעטליע אויף זײַן האַלדז.

„ווער איז דער ייִד, אַ פרעמדער?" האָבן אַלע אויפגעריסן די אויגן ווען די דײַטשן האָבן אַרויסגעפירט דעם צווייטן קרבן. עס האָט געגומען אַ ווײַלע ביז מע האָט אין דעם ייִד מיט דער באָרד דערקענט דעם באַלע־גאָלע און ווילן־יונג וורום־וואָווע כאַבול. די באָרד איז אים, ווײַזט אויס, אָנגעוואַקסן אין תּפיסה. די לאַנגע גרויע באָרד און די אָפּגעצערטקייט האָבן אויסגעגאָסן אַן איידלקייט אויף זײַן פּנים.

„כאַבול אַ ראַבין!" האָט אַ פּאָליאַק אויסגעשריגן. אַ פאָלקס־דײַטש אויף אַ פּאָדערשטער באַנק האָט אַראָפּגענומען זײַן קאַפּעליוש, ער האָט געעפנט דעם קנייטש עס זאָל אויסזען ווי אַ רבנישער ספּאָדיק און עס צוגעטראָגן צו אַ וואַכמאַן; יענער האָט עס אַרויפגעזעצט אויף וורום־וואָוועס קאָפּ. צווישן די דײַטשן און פּאָליאַקן האָט אויסגעבראָכן אַ גרויס געלעכטער. צווישן די פּאָליאַקן האָט מען געלאַכט נאָך מער ווי צווישן

די דײַטשן, וורום־וואָווע און זײַנע בנים, די כאַבולס, האָבן נישט איין מאָל „צו רעכט געמאַכט" אַ פּאָר ייִדן־שלעגערס. די וואָס האָבן אַ מאָל פאַרזוכט וורום־וואָוועס פויסטן האָבן זיך איצט אַזש געקאַטשעט פון גע־לעכטער. „ראַבין כאַבול, ראַבין כאַבול" האָט מען געשפּאָט אין די רייען פון די פּאַליאַקן, „ראַבינער כאַבול" האָבן מיטגעהאָלפן די אָרטיקע דײַטשן און דער פּלאַץ מיט די תּליות איז פול געוואָרן מיט הײַטערקייט.

„לאַכטס, פאַרשאָלטענע", האָט וורום־וואָוועס קול אַ דונער געטאָן מיט זײַן אַמאָליקער גבורה, און דאָס געלעכטער איז אונטערגעשניטן געוואָרן ווי מיט אַ קאָסע. „לאַכטס, פאַרשאָלטענע, עץ ט'האָבן גענוג צו וויינען!"

אַ ציטער איז אַריבער פּינטשעס רוקנביין. פּאַר וואָס ווײַזן אַלע מאָלערײַען פון דער גאַלגאָטע אַ געבויגענעם טרויעריקן ישו? וורום־וואָווע כאַבול גייט צו דער תּליה מיט אַ געהויבענעם קאָפּ ווי צון אַ קרוינען. „שנעל, שנעל", פּרוּוון די דײַטשן אים אונטעריאָגן.

„און אַז נישט 'עט עץ מעך הענגען?" האָט וורום־וואָווע געשפּאָט פון זיי. „ענקער סוף איז נישט קיין סך ווײַטער ווי מײַנער. צ'עט האָבן אַ וויסטן פינצטערן סוף. צ'עט באַצאָלן פּאַר אַלץ. דו, זיפּעל, ועסט דער ערשטער הענגען, דער טאָג איז נישט ווײַט".

די גורוויטשער דײַטשן האָבן פאַרשטאַנען וואָס וורום־וואָווע זאָגט, פּאַר די פּאָליאַקן האָט ער עס געזאָגט אויך אין זײַן פויערישן פּויליש.

די דײַטשן האָבן גענומען שלעפּן וורום־וואָווען מיט כּוח. זיפּעל איז צוגעגאַנגען זיי אונטעריאָגן, ער האָט זיך אין עפּעס אַ שטרויכל געטאָן און דער צילינדער איז אים אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ. „דער קאָפּ וועט אַראָפּפאַלן צום צילינדער", האָט וורום־וואָווע אַריבערגעשריגן צום ביר־גער־מײַסטער און אײַנגעקאָועט זײַנע פיס אין דער ערד.

„דאָנער וועטער!" האָט דער בירגער־מײַסטער געשאָלטן, אַזש אַ שוים איז אים געקומען פאַר דעם מויל: „שנעל, שנעל!" האָבן געריטשעט די אָפיצירן. איצטער האָט וורום־וואָווע געלאַכט. דער גאַנצער ספּעטאַקל וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן מיט אַזוי פיל דעטאַלן איז צעשטערט געוואָרן. אַ צוואָנציק דײַטשן האָבן געטראָגן וורום־וואָווען אַרויף צו דעם תּליה־געשטעל. זײַן קול האָט געדונערט אַריבער זייערע געשרייען: „אַ וויסטע פינצטערע מפּלה קומט אויף ענק ראַבושניקעס!"

די פּעטליע שוין פאַרלייגט אויך איבער וורום־וואָוועס האַלדז, „אַ וויסטע מפּלה!" האָט ער נאָך אַלץ באַוויזן אויסצושרײַען. „אדושם הוא האלוקים!" האָט אויך ר' יצחק מענדלס קול אויפגעהילכט מיט גבורה.

אַ הייזעריקער דײַטשער באַפֿעל, צוויי בענקלעך זענען אַראָפּגעפֿאַלן, צוויי גופֿים האָבן זיך אַ וויג געטאָן. צוזאַמען מיט די גופֿים איז אויך געבליבן הענגען זייער געשריי: „אַ וויסטע פֿינצטערע מפּלה!" „אַדושם הוא האלוקים!"

„לאָוס, לאָוס, שנעל!" האָבן די דײַטשן געיאָגט און געשלאָגן מיט די ביקסן־קאָלבעס איבער די קעפּ פֿון די לויפֿנדיקע ייִדן. מע האָט ערשט איצט באַנומען וואָס דער זיפֿעל האָט געזאָגט אין זײַן רעדע. גורוויטש הייסט איצט גליוויניץ און די דײַטשע שטאָט גליוויניץ מוז ווערן יודנריין. דער בירגער־מײַסטער האָט געזאָגט אַז מע וועט די ייִדן לאָזן מיטנעמען וואָס זיי קאָנען טראָגן אין די הענט, אָבער מע יאָגט איצט אַרויס פֿון שטאָט מיט ליידיקע הענט.

יאָסל האָט זיך געהאַלטן הינטער עטלען, ער זאָל זי קאָנען פֿאַרשטעלן פֿון קלעפּ. אויך דער טאַטע און די שוועסטער האָבן זי אַרומגערינגלט. עטל איז איצט שוין אין זעקסטן חודש, זי איז אַלץ נאָך נישט געקומען צו זיך נאָך יענער ביטערער נאַכט. זי איז אַרויס פֿון שטוב אין אַ לײַכט זומער־מענטעלע, אין דער היים הענגט אין שאַנק איר נײַער מאַנטל אויסגעבעט מיט פֿוטער. ווי וועט זי אויסהאַלטן אין די ווינטערדיקע פֿרעסט אָן אַ ווינטער־מאַנטל? יאָסל האָט דערקענט אין אײנעם פֿון די באַגלייטערס מיט די האַקנקרײַץ־אַרעמבענדער, אַ היימישן פֿון דער מילקעס־פֿאַבריק. ווען מע האָט זיך דערנענטערט צו זײַן הויז האָט יאָסל אַ זאָג געטאָן: „גייט ווײַטער, איך וועל אַ רעד טאָן מיט דעם יאָהאַן וועגן עטלעס ווינטער־פּאַלטן".

„יאָסל, יאָסל", האָט עטל זיך געבעטן. יאָסל איז געבליבן הינטער זיי, ברכה האָט געשלעפּט עטלען בײַם אַרבל פֿאָרויס. עטל האָט זיך אומגעקוקט, יאָסל האָט גערעדט מיט אַ דײַטש.

„האָב נישט קיין מורא, ס'איז אַ באַקאַנטער דײַטש", האָט ברכה זי באַרויִקט, „יאָסל וועט גיין אין פֿײַער אַרײַן פֿאַר דיר".

אַ שאָס, אַ מהומה. מלך האָט געשלעפּט עטלען פֿאָרויס, „האָב נישט קיין מורא, עטל, דער וואָס יאָסל האָט גערעדט מיט אים איז אַ היימישער מענטש".

מען איז שוין אַרויס פֿון זייער גאַס, מען איז שוין אַריבער אַ סך גאַסן און יאָסל איז אַלץ נישט צוריקגעקומען. מע האָט שוין אַרײַנגעיאָגט אין די וואַגאָנען און יאָסל איז נאָך אַלץ נישט געוועזן צוריק. „יאָסל,

יאָסל", האָט עטל געדופן דורכן וואָגאָן־פּענצטער. „ער איז אוודאי אַרײַנ־געשטופּט געוואָרן אין אַן אַנדערן וואַגאָן", האָט ברכה פּראָבירט באַרויקן איר שוועסטער. „ווו איז יאָסל ? טאַטעשי, כ׳וויל נישט פֿאָרן אָן יאָסלען", האָט עטל געכליפּעט. „וואָס קאָן מען טאָן, עטעלע, ס׳אַ גזירה פֿון הימל".

„ס׳אַ גזירה פֿון הימל", האָט מלך אָן אַ קול געזאָגט אויך צו זיך אַליין. ער האָט נישט אויסגעזאָגט וואָס זײַנע אויגן האָבן געזען. ער האָט געהערט דעם שאָס, ער האָט געזען ווי יאָסל איז געפֿאַלן. אפשר איז ער נאָר פֿאַרווונדיקט געוואָרן. אפשר איז ער אומגעפֿאַלן נאָר פֿון שרעק. ס׳איז געווען אַ היימישער דײַטש וואָס וועט נישט סתּם שיסן אַ באַקאַנטן. פֿאַר וואָס אָנשרעקן עטלען ? אויב אַפֿילו די קויל האָט יאָ געטראָפֿן, וועט יאָסל קומען ווי נאָר די ווונד וועט זיך אויסהיילן. ס׳קאָן גאָר זײַן אַז יאָסל האָט זיך גלײַך אויפֿגעשטעלט און וועט קומען מיט דער צווייטער באַן.

דער קאָפּ האָט בײַ מלכן אַראָפּגעהאָנגען מיט אַ שווערקייט, ווי ער וואָלט זיך געריסן אַראָפּ צו דער ערד, ווי ער וואָלט געשלעפּט דעם גאַנצן גוף אַראָפּ אין דער ערד אַרײַן. דער קאָפּ איז שווער אָבער די ברוסט איז ליידיק, און אין דער ליידיקייט טרייסלט זיך עפּעס מיט יעדן באַוועג פֿון דער באַן, אין זײַן ברוסט טרייסלט זיך אַ סוד, אַ סוד אַזוי שווער — — ליבא לפומא לא גליה, דאָס האַרץ געטרויט עס נישט צום מויל. עטל האָט אַ מאָל געזאָגט אַז וואָס מע ווייסט נישט טוט נישט וויי. אפשר האָט זי יאָסלען נישט געזאָגט דעם גאַנצן אמת וועגן יענער נאַכט, כּדי ער זאָל נישט וויסן און עס זאָל נישט וויי טאָן ? עטל איז אַ כּשר קינד אָבער זי קען נישט דעם דין און ווייסט נישט די האַרבקייט פֿון אַ כּהן מיט אַ פֿאַרשוועכטע ווײַב. אויב עטל האָט נישט געזאָגט דעם אמת, איז יאָסלס נעלם ווערן אפשר אַ האַנט פֿון דער השגחה. ער מוז האָבן גרויסע זכותים, דער איש־תּמים יאָסל, אַז ער האָט זוכה געווען אויסצומײַדן אַזאַ שווערע זינד. אפשר איז עס טאַקע שוין די „מלחמת גוג ומגוג" און יאָסלען איז באַשערט די ריינקייט פֿון זײַן כּהונה זאָל אָפּגעהיט ווערן ?

מלך האָט זיך אַליין פֿײַנט געקראָגן פֿאַר אָט די מחשבות. זײַן טאָכטער וועט בלײַבן אַ ווײַסטע עגונה און ער איז שוין גרייט צו זאָגן הלל.

## קאַפּיטל פיר

# צעזייט און צעשפּרייט

א.

די צוגן מיט די פאַרטריבענע גורוויטשער ייִדן זענען אָפּגעגאַנגען אין פאַרשידענע ריכטונגען. מלך מיט זײַנע צוויי טעכטער זענען געווען אין אַ צוג וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן אין סאָכאַטשאָוו ווו מע האָט די ייִדן אַרויסגעטריבן פון די וואַגאָנען. די סאָכאַטשאָווער ייִדן האָבן אײַנקוואַרטירט די גורוויטשער אין בית-מדרש און אָוועקגעשיקט אַ שליח קיין וואַרשע נאָך אַן עצה און הילף.

די וואָס זענען אַ וואָך צײַט געווען אַן עסן אין דעם פּײַער-לעשערס הויף האָבן זיך צו גיך צוגעכאַפּט צו דער שפּײַז וואָס די סאָכאַטשאָווער האָבן געבראַכט און זענען אַלע קראַנק געוואָרן. נאָר בײַ מלכן האָבן עטל און ברכה קוים זיך אײַנגעבעטן ער זאָל נעמען עפּעס אין מויל. די סאָ־כאַטשאָווער האָבן זיך געוואָלט אַן עצה האַלטן מיטן גורוויטשער ראָש־הקהל, אָבער מלך האָט געשוויגן אַ מאָדנע שווײַגעניש, מען איז נישט זיכער געווען צי ער הערט וואָס מע רעדט צון אים. „אַבי מען איז צווישן ייִדן", האָט ברכה געטרייסט עטלען. „אַז ס'עט אָנקומען אַ ידיעה פון יאָסלען וועט דעם טאַטעשי אויך בעסער ווערן. יאָסל איז אַוודאי מיטן פעטער שלמה און מיט פינטשען".

דער צוג ווו עס זענען געווען די אַנדערע מילקעסעס האָט זיך געשלעפּט לאַנגע טעג. אייגנטלעך מער געשטאַנען אויף זײַטיקע רעלסן ווי געפאָרן. אין ערגעץ אַ שטעטעלע האָבן די אָרטיקע ייִדן זיך דערוווּסט וועגן דעם צוג און געבערענגט קוישן שפּײַז. נאָך זיבן טעג אַרומשלעפּן זיך האָט דער צוג זיך פאַרהאַלטן אויף אַ פּוסטן פעלד ווו מע האָט אַלע אַרויסגעיאָגט פון די וואַגאָנען. נאָך מײַלן שלעפּן זיך אויף געשוואָלענע פיס איז מען צוגעקומען צון אַ יִישוב. עס איז געווען אין מערב-גאַליציע, נישט ווײַט פון די גרענעצן מיט אונגערן און רומעניע.

אַ בילעט צו פאָרן מיט דער באַן האָט מען געקאָנט קויפן נאָר אויב מע האָט געהאַט אַ „פּאַסיר-שײַן". פינטשע האָט אָוועקגעגעבן די לעצטע

פאַר זלאָטעס צון אַ פויער כּדי יענער זאָל פאַר אים קויפן אַ בילעט קיין וואַרשע.

דער וועג קיין וואַרשע איז אַדורך אָן שום אינצידענטן. גאָט צו דאַנקען אַז אין וואַרשע האָט מען נישט געוווּסט וועגן די אַלע צרות אין גורוויטש, און מינדעלע האָט נישט צו פיל איבערגעקלערט. אָבער ווו איז ערגעץ פאַרשוווּנדן דער פעטער מלך? פינטשע האָט געהאַט אָפּגע־רעדט מיט אַלע קרובים אַז ווו באַר עמעץ וועט פאַרוואָרפן ווערן זאָל ער שרײַבן אויפן אַדרעס פון פרינסקער רב אין וואַרשע. פון פעטער מלך איז נישט געווען קיין שום ידיעה, פון יאָסלען אַוודאי נישט. עס זענען פאַרבײַ וואָכן און פון טאַטע־מאַמע איז אויך פאַרלוירן געוואָרן יעדער שפור. פינטשע האָט געוווּסט אַז זיי האָבן געוואָלט זיך דערשלאָגן קיין קראָקע, האָט ער אָוועקגעשריבן קיין קראָקע צו יעדן געוועזענעם קונה וואָס ער האָט געדענקט זײַן אַדרעס. עס זענען אָנגעקומען עטלעכע תּשובות, קיינער האָט נישט געהערט פון די מילקעסעס. פינטשע האָט שוין געקלערט וועגן צוריקפאָרן אַהין ווו ער האָט איבערגעלאָזט טאַטע־מאַמע און פון דאָרט ווײַטער זוכן. מינדעלע האָט געוויינט: ער איז מיט נסים אַרויס פון אַזוי פיל סכּנות, ער איז קוים צוריקגעקומען אַ לעבע־דיקער, אָבער ווי קאָן זי זאָגן ער זאָל נישט פאָרן? פינטשע איז אַרויס אין גאַס, ער האָט זיך באַמיט צו באַקומען אַ „פּאַסיר־שײַן", מינדעלע האָט באַהאַלטן איר פּחד. שפּילט דער גורל מיט איר אַ קאַץ־און־מויז־שפּיל? ווען מע האָט איר געזאָגט אַז פינטשעס קוזינע מאַניע איז אויפן טעלעפאָן און וויל רעדן צו פינטשען האָט זי געהייסן זאָגן אַז פינטשע איז נישט אין דער היים. מען איז צוריקגעקומען איר זאָגן אַז מאַניע וויל רעדן צון איר און זי איז געגאַנגען צום טעלעפאָן אָן חשק, זי האָט נישט צו פיל ליב געהאַט די מאַניע וואָס האָט געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די פּראָווינצער קרובים, און האָט גערעדט נאָר פּויליש.

מאַניע האָט באַקומען אַ בריוו פון אירע עלטערן. אין דעם בריוו זענען פאַראַן גרוסן פאַר פינטשען פון זײַנע עלטערן. „מאַניושאַ", האָט מינדעלע איצט פאַרצערטלט איר נאָמען, „מאַניושאַ, דו האָסט מיר אָנגע־זאָגט אַ גרויסע בשׂורה, אָבער ווי איז עס מעגלעך? דו מיינסט טאַקע בוקאַרעשט, רומעניע?"

„יאָ, בוקאַרעשט, רומעניע. מײַן טאַטוש, מײַן מאַמושאַ, פּאַליאַ און בעניעק זענען אַלע דאָרטן. דאָס איז בערעקס אָן אויפּטו", האָט זי זיך

באַרימט. „בעניעקן האָט בערעק מיט גוואַלט אַרויפגעזעצט אויף אַ באַן ווען ס'איז שוין געווען מלחמה און אים געשיקט קיין דרוסקעניק".

„דרוסקעניק איז דאָך אין פּוילן", האָט מינדעלע זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט צוגלייבן.

„פון דאָרט זענען זיי אַוועק צו דער גרענעץ, ס'איז אַלץ בערעקס קאָפּ".

„אָבער מײַן שווער־און־שוויגער, ווי קומען זיי אַהין?"

„דער פעטער שלמה, די טשאַטשע, און אויך מרים האָבן אַלע צוגע־שריבן צום בריוו".

ווען פינטשע איז געקומען פון גאַס איז שוין געווען נאָענט צו דער פּאָליציי־שעה ווען אַ ייִד טאָר מער נישט זײַן אין גאַס. אָבער מינדעלע האָט שוין געהאַט דעם בריוו. „אַזוי זאָלן מיר שוין אַלע אויסגעלייזט ווערן", האָט פינטשע געוואַשן דעם בריוו מיט זײַנע טרערן. „ס'איז געווען אַ נס מן־השמים וואָס מע האָט זיי פאַרשיקט אַזש ביז דער רומענישער גרענעץ, אַנישט וואָלט דער טאַטעשי נישט ריזיקירט מיט אַזאַ נסיעה".

## ב.

קיין געלט האָט פינטשע מיט זיך נישט געבראַכט, ער איז אָבער געווען באַפולמאַכטיקט אײַנצומאָנען אַלע חובות פאַר דער פירמע „מילקעס און ברײַער". ער האָט נאָך אין גורוויטש זיך צוגעגרייט אַ רשימה פון אַלע וואַרשעווער קונים און וויפל זיי זענען שולדיק. די חובות זענען דערגאַנגען קרוב צו הונדערט טויזנט זלאָטעס. אמת, דער קויפקראַפט פון דער זלאָטע איז אײַנגעשרומפּן מיט דעם מלחמה־יקרות, אָבער מע לעבט איצט באַשיידן און ביז־וואָס ביז־ווען וועט די מלחמה זיך ענדיקן. די דײַטשן האָבן געמאַכט אַ בליצקריג? די ענגלענדער און פראַנצויזן זענען אויך נישט קיין מלופים־קינדער, מע וועט די דײַטשן צוריקצאָלן מיט זייער אייגענער מטבע.

אויף דער גאַנצער גענשע־גאַס, ווו עס איז געווען דער צענטער פון מאַנופאַקטור־האַנדל, האָט פינטשע נישט געפונען קיין איין אָפן געשעפט. ער האָט געזוכט די פּריוואַטע אַדרעסן פון זײַנע בעלי־חובות.

דערווײַל זענען אַרויס נײַע גזירות אַז אַ ייִד טאָר נישט האָבן מער ווי צוויי טויזנט זלאָטעס, און כדי קיינער זאָל נישט באַהאַלטן זײַן געלט איז אַרויס אַ נײַע גזירה אַז דאָס פּוילישע געלט וועט האָבן אַ ווערט

נאָר נאָך דעם ווי מע וועט עס אָפּשטעמפּלען אין דײַטשע אַמטן. פּינטשע איז איצט געווען צופרידן אַז ער האָט נאָך נישט אײַנקאַסירט די חובות. ער וועט בעטן אַז אַנשטאָט געלט זאָלן די קונים אים צוריקגעבן אַ ביסל סחורה. אָפּיציעל געהערן אַלע סחורות פון די געשעפטן צו דער אָקופּיר־מאַכט, מענטשן וועלן זײַן צופרידן צו געבן אים טריפענע סחורה אַנשטאָט געלט. ס׳אַ סכּנה פאַר אים אויך? וואָס קאָן מען טאָן? מינדעלע איז שוין אין זיבעטן חודש. ער קאָן נישט בלײַבן וווינען בײַם פּרינסקער רב ווו עס זענען אָנגעלאָפן אַלע זײַנע קינדער און אייניקלעך פון דער פּראָ־ווינץ. ער קאָן אויך נישט האַלטן אין איין באָרגן געלט בײַ מינדעלעס זיידן. דער רב שמייכלט סקעפּטיש ווען פּינטשע זאָגט אַז ער וועט אים בקרוב אָפּגעבן. און אַז ער וועט נישט באַוויזן אײַנצוקאַסירן אַלע חובות? און אַז פון די הונדערט טויזנט וועט אַרײַנקומען נאָר פופציק, און אָפּילו אויב — — אַ פערטל וועט דאָך זיכער אַרײַנקומען. מינדעלע וועט חלילה נישט לײַדן קיין נויט.

פּינטשע איז צוריקגעקומען פון גאַס צערודערט. לייבל פּאַניץ, דער גרעסטער בעל־חוב, איז געהרגעט געוואָרן בעת דער באַלאַגערונג פון וואַרשע. „ס׳וועט זײַן געגנוג אַן פּאַניצעס חוב", האָט מינדעלע אים געוואָלט טרייסטן.

„ס׳איז דען נאָר דאָס געלט וואָס כ׳האָב אָנגעווירן?" האָט פּינטשע זיך פאַרטרויט פאַר איר, „מע ווערט אויס מענטש, און דאָס איז ערגער. כ׳האָב געקענט דעם לייבל פּאַניץ, עליו־השלום. אַ טײַערער ייִד געווען. ווען כ׳האָב זיך דערוווּסט וואָס ס׳איז געשען האָבעך געכאַפּט אַ קוק אין דעם צעטל פון די חובות און אַ קרעכץ געטאָן: ׳זעכצן טויזנט און דרײַ הונדערט זלאָטעס׳. מינדעלע, כ׳האָב באַוויינט דאָס פאַרלוירענע געלט נאָך איידער כ׳האָב דערפילט דעם שטאָך אין האַרץ וואָס אַ מענטש איז אומגע־קומען. דאָס אַרומגיין אָן אַ זלאָטע, דאָס דאַרפן בעטלען אַ הלוואה מאַכט מיך קראַנק".

צו מאָרגנס איז פּינטשע אַרויס פון שטוב גאַנץ פרי, ער איז צוריק־געקומען ערשט נאָך דער פּאָליצײַ־שעה. מינדעלע איז געלעגן אויפן בעט מיט אַ קאַלטן קאָמפּרעס אויפן קאָפּ. „אַבי דו ביסט דאָ אַ לעבעדיקער", האָט זי אַרויסגעהעשעט ווען זי האָט דערזען אַז זײַן נאָז איז געשוואָלן און דאָס לינקע אויג אונטערגעהאַקט. „אַז דו ביסט נעלם געוואָרן און אַפילו נישט טעלעפאָנירט האָב איך שוין פאַרשטאַנען אַז מע האָט דיך

געכאַפּט צו צוואַנגאַרבעט. כ'האָב נאָר געציטערט צי מע האָט דיך נישט גענומען צו סיים, די דײַטשן דאָרטן זענען די גרעסטע רוצחים".

„דאָרט בין איך טאַקע געווען. גאָט צו דאַנקען וואָס כ'בין אָפּגעקומען מיט טרוקענע קלעפּ, נישט אַלע זענען געווען אַזוי מזלדיק".

„דו וועסט מיר מוזן צוזאָגן אַז דו וועסט אויפהערן זיך יאָגן נאָך די חובות".

פּינטשע האָט נישט געענטפערט. ס'קומט אַ קימפּעט, מע וועט דאַרפן אַזוי פיל געלט און ער דאַרף באָרגן אויף אַ טראַמוויי־בילעט.

פּינטשע האָט צוגעזאָגט מינדעלען צו גיין צו זײַן חבר בערעק עפּשטיין ער זאָל אים העלפן באַקומען אַרבעט. בערעק איז אַקטיוו אין דער ייִדישער אַליינהילף. אויב נישט אַ פּאָסטן ממש, כאָטש אַ צעטל אַז ער אַרבעט פאַר דער אַליינהילף. דאָס וועט אים באַפרײַען פון צוואַנגאַרבעט און באַשיצן מע זאָל אים נישט כאַפּן אין גאַס.

אַ טאָג נאָך אַ טאָג איז פאַרבײַ, מע האָט פּינטשען ווידער געכאַפּט צו דער אַרבעט און ער האָט ווידער אָפּגעלייגט דאָס גיין צו בערעקן פון טאָג צו טאָג.

„זעסט דאָך וואָס דאָס לויפן צו די בעלי־חובות ברענגט דיר, דו יאָגסט זיך נאָכן ווינט. גיי צו בערעקן. ער איז אַ מאָל געווען דײַן בעסטער חבר און איז דאָך איצט אויך דײַן קוזין".

„וואָס האָסטו זיך אָנגעטשעפּעט מיט אַ בערעק?" האָט פּינטשע זיך אָפּגעבייזערט. „כ'על זיך אַן עצה געבן, וועסט זען, כ'על זיך אַן עצה געבן".

ווען פּינטשע איז צו מאָרגנס צוריק געקומען פון גאַס האָט מינדעלע שוין געהאַט פאַר אים אַ צעטל אַז ער אַרבעט פאַר דעם ייִדישן אָפּטייל פון דער „אָפּיעקאַ ספּאָלעטשנאַ", די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פאַר סאָציאַלער הילף.

„ביסט געווען בײַ בערעקן?" האָט פּינטשע געפרעגט פאַרשעמט.

„דער זיידעשי האָט עס באַקומען פאַר דיר. כ'פאַרשטיי שוין אַז דו מוזסט זײַן צעקריגט מיט בערעקן".

„צעקריגט? פאַר וואָס זאָל איך זײַן צעקריגט מיט בערעקן?"

„איך ווייס?"

„איך ווייס אויך נישט", האָט פּינטשע זיך מודה געווען, „אָבער עפּעס קאָן איך נישט גיין צו אים".

ג.

אַ סך פון די מאַנופאַקטור־געשעפטן אויף גענשע־גאַס זענען פאַר־ברענט געוואָרן בעת דער באַלאַגערונג פון וואַרשע, אַ סך פון די סוחרים זענען אַריבער די גרענעץ קיין מיזרח. פינטשעס זוכן אַן אַדרעס פון אַ בעל־חוב האָט גענומען טעג גאַנצע און צום סוף האָט ער זיך דערוווּסט אַז עס איז נישטאָ וועמען צו זוכן. אפשר האָט ער אויך געדאַרפט אַוועק אויף יענער זײַט בוג, פון דאָרט וואָלט אים לײַכטער געווען צו קומען קיין רומעניע. פון די בריוו וואָס ער האָט באַקומען ווײַזט אויס אַז דעם טאַטן גייט דאָרט נישט שלעכט. מינדעלען וועט שווערער זיך צו באַוועגן, באַלד וועלן קומען די פרעסט און עס וועט שוין גאָר שווער זײַן אַרויס־צופאָרן פון וואַרשע. זאָל ער איצט ריזיקירן? טויזנטער וואַלגערן זיך אויף דער גרענעץ נעבן מאַלקין, די רוסן לאָזן זיי נישט אַרײַן און די דײַטשן לאָזן זיי נישט קומען צוריק.

פינטשע האָט געפונען אַ גרויסן בעל־חוב, ברוך באַרענשטיין פון דער פירמע „די ברידער באַרענשטיין". מע האָט אים אויפגענומען פרײַנד־לעך, מכבד געווען מיט אַ גלאָז אמתן פאַרמלחמהדיקן טיי. ר' ברוך וועט אים נישט אָוועקשיקן מיט גאָרנישט, אַכּיבע ס'איז גאָרנישט געבליבן פון זײַן סחורה.

באַרענשטיינס סחורה איז נישט פאַרברענט געוואָרן, נישט צעראַבירט געוואָרן. אײַזערנע טירן, פאַרקראַטעטע פענצטער, שטאַרקע שלעסער זענען בײַגעשטאַנען אַלע פּרוּוון זיך אַרײַנצוברעכן. „אײַער סחורה איז דאָ", האָט באַרענשטיין אים פאַרזיכערט, „זעקס הונדערט מעטער אָנצוגשטאָפּן און אַכציק מעטער — — ניין, צוויי און אַכציק מעטער שווערע פּאַלטן סחורה".

פינטשעס אויגן האָבן אויפגעלויכטן, ווו וועט ער אַהינטאָן אַזוי פיל סחורה? ער קאָן עס נישט אַריבערפירן צום פרינסקער רב — אַן אַפּי־ציעלער רב און טריפענע סחורה? פינטשעס מוח האָט געאַרבעט פיבערדיק ווען באַרענשטיין האָט פאַרענדיקט: „אָבער די סחורה קאָן איך אײַך נישט געבן. אויף שטאַרקע אײַזערנע שלעסער איז צוגעקלעפּט אַ שוואַך פּאַפּירן צעטעלע מיט אַ האַקנקרײַץ־שטעמפּל. איך האָב אײַנגעריסן וועלטן און עס האָט געהאָלפן. איך האָב באַקומען אַן אָפיציעלע קוויטאַנציע אויף דרײַצן טויזנט מעטער סחורה, כ'קאָן פון מײַן זײַט אײַך געבן אַ בריוו אַז כּך־וכך פון די דרײַצן טויזנט געהער צו 'מילקעס און ברייער'".

## קאַפּיטל פינעף

# פינטשעס גוזמאָות

א.

דער צוג האָט געטראָגן פינטשען איבער באַקאַנטע וועגן, די באַן האָט זיך פאַרהאַלטן אין באַקאַנטע שטעט, סאָכאַטשאָוו, לוויוויטש, גלאָווּנע, סטריקעוו. סך־הכּל מיט אַ הונדערט טעג צוריק זענען דאָס געווען אײַנגעוואָרצלטע ייִדישע קהילות מיט יוסטע סוחרים, רירעוודיקע קרעמערס. ייִדישע טרעגערס פלעגן וואַרטן אויף די וואָקזאַלן צו העלפן די סוחרים אַראָפּטראָגן די פּעק אײַנגעקויפטע סחורה. סע האָט געטראָפן אַז עמעץ האָט געהאַט יאָרצײַט, האָט מען אין וואַגאָן צוזאַמענגעשטעלט אַ מנין און זיך נישט גענומען צום האַרצן דאָס געבייזער וואָס איז אַרויס פון אונטער פאַרדרייטע, שטײַפע, פוילישע וואָנצעס אַז דאָ איז נישט פּאַלעסטינע. הײַנט האָבן די שטעט נײַע דײַטשע נעמען, און ער איז דער איינציקער ייִד אין וואַגאָן. אויך אים וואָלט מען אַרויסגעוואָרפן ווען נישט די פּאַני סאָבוטקאַ האַלט אים אונטערן אָרעם און פאַרשטעלט דאָס אָרעמבאַנד מיטן מגן־דוד. אין וואַרשע וואַרפט מען אַרײַן אין תּפיסה אַ ייִד וואָס טראָגט נישט דעם ייִדישן אָרעמבאַנד און דאָ אין רײַך איז נאָך ערגער. דער וואַרשעווער „יודן עלטעסטער״ טשערניאַקאָוו האָט געזאָגט אַז דער אָרעמבאַנד מיטן מגן־דוד איז אַ צירונג און נישט אַ שאַנדצייכן, און די דײַטשן האָבן אים דערפאַר אַרײַנגעוואָרפן אין תּפיסה. קיין שאַנד איז עס טאַקע נישט, אָבער אַ מסור איז דער אָרעמבאַנד. ווײ וואָלט געווען צו אים אויב די פּאַני סאָבוטקאַ וואָלט אַוועקגענומען איר האַנט און אָפּגעדעקט דעם צייכן. עס וואָלט געווען נאָך ערגער אויב ער וואָלט נישט געטראָגן דעם צייכן און עמעץ וואָלט אין אים דערקענט אַ ייִד. דער צוג איז געלאָפן אַקעגן אַ באַקאַנטער לאַנדשאַפט און געקומען אַלץ נענטער צו גורוויטש. דאָ אויף דעם סטריקעווער שאָסיי האָט ער שפּאַצירט מיט זאָשקען. אָט הערט ער שוין די סירענעס פון די גורוויטשער פאַבריקן. פינטשען האָט זיך געדאַכט אַז ער דערקענט דעם הייזעריקן פײַף פון זײַן טאַטנס פאַבריק. ווען דער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן אין גורוויטש האָט ער פאַרגראָבן דאָס פּנים אין דער סאָבוטקאָס מאַנטל, ווי ער וואָלט געכאַפּט אַ דרימל אָנגעלענט אין איר אָרעם.

דער צוג האָט זיך אַרײַנגעשלעפּט אין דער סטאַציע ליצמאַנשטאַט, דאָס געוועזענע לאָדזש. יונגע, פּערצן־פופצן־יאָריקע ייִנגלעך, מיט האַקנ־קרײַץ־בענדער אויף די אָרעמס, האָבן אונטערגעיאָגט אַ גרופּע ייִדן וואָס האָבן געאַרבעט אויפן וואָקזאַל. פּינטשע איז שנעל אַרויס אין גאַס. אַלע גאַסן באַצירט מיט נאַצישע פענער און פול מיט נאַצישע זשאַנדאַרמען און פּאָליציאַנטן אין שוואַרצע, גרינע און ברוינע מונדירן. די פרוי סאַבוטקאַ האָט געשיקט געעפנט די פאַרזיכער־נאָדל וואָס האָט געהאַלטן פּינטשעס אָרעמבאַנד און שנעל צוזאַמענגעצויגן דאָס באַנד אין איר דלאָניע. ער דאַרף רחמים מע זאָל זיי נישט אָפּשטעלן און לעגיטימירן, ס׳וועט זײַן אַ נס אויב מע וועט זיי נישט אָפּשטעלן. פון דעם געפּעק וואָס זיי טראָגן קאָן מען באַלד זען אַז זיי זענען פרעמדע וואָס קומען פון דער באַן. די גאַנצע נסיעה איז משוגעת. ער, פּינטשע, אַ שמוגלער? ס׳איז צום לאַכן, אויב עס וועט זיך נישט אויסלאָזן צום וויינען.

געשען איז עס אַזוי: בערעק און מאַניע האָבן געקלונגען אַזוי פיל מאָל אַז ער האָט עס מער נישט געקאָנט אָפּלייגן און געגאַנגען צו זיי מיט מינדעלען אויף אַ וויזיט. ער איז געזעסן אומבאַקוועם אויף דעם וויכן, מיט זײַד באַצויגענעם בענקל, און באַהאַלטן זײַנע פיס אַהינטער, בערעק זאָל נישט זען אַז זײַנע שיך זענען צעריסן. מינדעלע האָט באַוווּנדערט בערעקס גרויסע שיינע דירה און זײַן רײַך מעבל. ער מוז האָבן באַהאַלטן אַ מטמון. זײַן אייגענע דירה אויף ניַוועלט איז פאַרברענט געוואָרן, זײַן שווערס דירה אויף קראָלעווסקאַ האָבן די דײַטשן צוגענומען, און ער האָט שוין באַוויזן זיך אײַנצואָרדענען אין אַ נײַער שיינער דירה אויף לעשנע־גאַס. מאַניע האָט דערציילט ווי בערעק איז אין דער לעצטער נאַכט מלחמה געלאָפן ראַטעווען זײַן סחורה. פּינטשע האָט נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן דעם. בערעק איז אונטער אַ האָגל קוילן געלאָפן ראַטעווען זײַן פאַרמעגן צו פאַרזיכערן זײַן ווײַב־און־קינד מיט ברויט. און מיט מער ווי ברויט. זײַן מינדעלע האָט טאַקע געזען וואָס עס רוקט אָן, אָבער ער, דער נאַר, האָט נאַר געגלייבט אַז עס איז גוט. פון זײַנע און דעם טאַטנס גרויסע לאַגערן סחורה איז ער געקומען צו מינדעלען מיט ליידיקע קעשענעס און צעריסענע שיך. וואָס בערעק קאָן, מוז ער אויך קאָנען באַווײַזן! בערעק איז איצט זײַנס אַ קוזין און אַ פרײַנד, אָבער ער וועט נישט גיין צון אים בעטלען. ווי לאַנג איז עס זינט בערעק האָט בײַ אים געבאָרגט זיבן זלאָטעס אויסצולייזן זײַנע הויזן פון שנײַדער? געבאָרגט און פאַרגעסן אָפּצוגעבן...

ווי אַזוי עס איז געקומען צו דער איצטיקער נסיעה? יוזעף, דער

סטרוזש אין דעם מילקעס־הויז אין גורוויטש, האָט געבעטן מע זאָל פּאַר אים אויסגעפינען וואָס עס איז געשען מיט זײַן שוויגער, די פּאַני סאָבוטקאָ אין וואַרשע. דאָס הויז ווו זי האָט געוווינט איז פאַרברענט געוואָרן בעת די באָמבאַרדירונגען און ער ווייסט נישט ווו זי צו געפינען. מינדעלע האָט זי געזוכט נאָך איידער פּינטשע איז געקומען קיין וואַרשע. ווען ער איז געקומען איז ער ווידער געלאָפן אין אַלערליי אַמטן זי זוכן, אָן רעזולטאַט. אָבער גראָד צו מאָרגנס נאָך דעם ווי ס׳איז אַרײַן אין אים די משוגעת צו פאָרן קיין לאָדזש, האָט די סאָבוטקאָ אים אויפגעזוכט. ווי געהיימע כּוחות וואָלטן געאַרבעט אים אַרײַנצושטופּן אין דער געפער־לעכער אַוואַנטורע. ער איז געלאָפן ווי אַ בלינד פערד אין גרוב אַרײַן. ווי זאָגט עס דער פּסוק אין משלי, „אשרי אדם מפחד תמיד”, ווייל איז דעם מענטש וואָס שרעקט זיך, ווער עס איגנאָרירט שרעק פאַלט אַרײַן אין שלעכטס. איוב רעדט וועגן אַ שטרויספויגל און אַ פערד וואָס ווייסן נישט פון קיין אַנגסט ווײַל גאָט האָט זיי געמינערט פון חכמה. אוי, וואָס פאַר אַ נסים ער דאַרף כּדי ער זאָל אָנקומען בשלום צו זײַן קוזין אויף דער שענקעוויטש־גאַס. זײַן קוזין הייסט ירחמיאל, וואָס מיינט גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען. אוי, דאַרף ער איצט רחמים.

„געפונען אַ צײַט ווען צו קומען צו גאַסט”, איז געווען דער ברוך־הבא וואָס דער קוזין האָט געגעבן פּינטשען. ירחמיאל האָט נישט געוואָלט לויפן קיין וואַרשע, אָדער איבער דער גרענעץ ווײַל דאָ האָט יעדעס קינד אַ בעט, דער קעלער איז פול מיט קוילן און קאַרטאָפל, ס׳אַ משוגעת דאָס אַלץ איבערצולאָזן און ווערן אַ נע־ונדניק אויף אומבאַקאַנטע וועגן מיט אַן אומבאַקאַנטן גורל. איצט האָט ער סײַ ווי געמוזט איבערלאָזן די קוילן און קאַרטאָפל, אויך די בעטן מיטן בעטגעוואַנט. אַלע ייִדן האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע היימען און אַריבערטראָגן זיך אין אַ געטאָ ערגעץ אויף באַלוט, און מיטנעמען נאָר וואָס מע קאָן טראָגן אין די הענט און אויף אַ קינדערוועגעלע וואָס ער האָט געקויפט בײַ אַ שכן, אַ פּאָליאַק, פאַר אַן אוצר מיט געלט.

פּינטשע מוז גלײַך אַוועקפאָרן. ער טאָר דאָ נישט בלײַבן ביז מאָרגן ווען מע וועט יאָגן אַלע ייִדן אין געטאָ אַרײַן. אויב ער וועט אַרײַן אין געטאָ, ווער ווייסט צי ער וועט נאָך קאָנען אַרויס. עס וואָלט גוט געווען אויב ער וואָלט זיך געקאָנט אַרויסכאַפּן אויף אַ באַן און פאָרן צוריק, אָבער די וואָקזאַלן זענען פול מיט שפּיצלען. אַ סך ייִדן ווילן אַנטלויפן און נישט גיין אין געטאָ, מע לעגיטימירט יעדן וואָס וויל אַרײַן אין אַ

באַן. אויב, חלילה — — דאָ נישט ווײַט, הינטער לאָדזש, איז דאָ אַ נײַער קאָנצענטראַציע־לאַגער...

געבליבן נאָר איין אויסוועג. אַרויפכאַפּן זיך אויף אַ טראַמווײַ קיין גורוויטש. אין גורוויטש זענען שוין נישטאָ קיין ייִדן, איז אוודאי נישט אַזוי שטרענג די קאָנטראָל בײַ דער באַן.

בײַם טראַמווײַ קיין גורוויטש האָט אויך געווימלט מיט דײַטשן. די פרוי סאָבוטקאָ האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט די פּעק וואָס זי האָט געפירט פאַר איר איידעם און דערפירט בשלום ביז אַהער. טרוקענע וווּרשטן, חזיר־פעטס, אַ גאַנצע שינקע. עס וועגט אַ פוד. זי וועט אַרויף אויפן טראַמווײַ דאָ אין לאָדזש, זי וועט אַראָפּ אין ראַדאָגאָשטש און דאָרט וואַרטן ביז פּינטשע וועט אָנקומען צו פוס.

זשאַנדאַרמעריע־אויטאָס מיט פאַרקראַטעטע פענצטער האָבן געיאָגט אַהין און צוריק אויפן שאָסיי. ערשט איצט האָט פּינטשע זיך דערמאָנט אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער הינטער לאָדזש. האָט ירחמיאל געזאָגט אַז עס איז אין ראַדאָגאָשטש? דאָ פירט מען אוודאי די ייִדן וואָס מע האָט געכאַפּט בײַ די וואָקזאַלן. אים האָט מען דערווײַל נישט געכאַפּט, אָבער ער גייט אַליין קיין ראַדאָגאָשטש. אַ ליאַדע מינוט וועט מען אים אָפּשטעלן און פרעגן: „אַוסווײַז?"

ער האָט קיין מאָל נישט געזען ווײַטער פון זײַן נאָז, אָבער מינדעלע, די קלוגע מינדעלע, פאַר וואָס האָט זי אים געלאָזט פאָרן? זי האָט טאַקע פּראָבירט אים אָפּרעדן, אָבער זי האָט זיך באַדאַרפט אײַנשפּאַרן, ווי זי קען... פאַרעקשנט זיך און נישט נאָכגעבן.

ער האָט פּראָבירט אַראָפּגיין פון שאָסיי. עס איז שוין געהאַט געפאַלן דער ערשטער שניי. אויפן וועג איז שוין נישט געווען קיין זכר פון שניי, נאָר אויף די פעלדער איז עס נאָך געלעגן פײַכט און גליטשיק. אויב ער וועט טאָפּטשען און זינקען מיט די פיס אין דעם בלאָטיקן שניי וועט די סאָבוטקאָ מיד ווערן צו וואַרטן אויף אים. ער האָט באַדאַרפט אַרײַן צוזאַמען מיט איר אין טראַמווײַ, וואָלט מינדעלע כאָטש געוווּסט וואָס עס איז געשען מיט אים.

ער איז צוריק אַרויס אויפן שאָסיי. ער איז דער איינציקער פוסגייער. ווער וועט שפּאַצירן אין אַזאַ קעלט אויפן וועג צון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער?

אַז די סאָבוטקאָ וועט זיך דערוויסן אַז דאָ איז אַ לאַגער וועט זי נישט אַראָפּגיין אין ראַדאָגאָשטש מיט איר געפּעק. פירן פליישן פון איין

אָרט צום אַנדערן איז דאָך דער ערגסטער שמוגל. און אויב זי וועט יאָ אַראָפּ און מע וועט דערשמעקן וואָס זי פירט אין אירע קויבערס? ער האָט זי מיטגענומען כּדי די סכּנה זאָל זײַן קלענער, פאַר וואָס זשע האָט ער געלאָזט זי זאָל מיטנעמען געפערלעכן שמוגל? „נאָר אַ ביסל שפּײַז פאַר די אייניקלעך", האָט זי געזאָגט. שוין איין מאָל אַ ביסל שפּײַז. ער האָט איר געדאַרפט צוזאָגן אַז ער וועט געבן יוזעפן — —

ער וועט געבן יוזעפן? וואָס האָט ער צו געבן? יוזעף, דער סטרוזש, איז הײַנט אַ גרעסערער גביר ווי פינטשע מילקעס.

ווי זאָגט זיך עס אין משלי „שומר פתאים השם", דער גאָט וואָס היט די נאַראָנים האָט אים געבראַכט בשלום קיין ראַדאַגאָשטש און די סאָבוטקאָ האָט דאָרט געוואַרט אויף אים. עס האָט גענומען צײַט ביז עס איז אָנגעקומען נאָך אַ טראַמוויַ קיין גורוויטש. קיינער האָט זיי נישט געטשעפּעט.

פינטשע האָט פאַרטראַכט אַ פּלאַן אַראָפּצוגיין פון טראַמוויַ איין סטאַציע פאַר דעם פרײַקייט-פּלאַץ. טאַקע אַ ביסעלע הינטער דער שטאָט אָבער נענטער צום וואָקזאַל, און טאַקע גלײַך פון דאָרט גיין צו דער באַנסטאַציע. אָבער דאָס גיין צו פוס און שפּעטער דאָס וואַרטן אויפן טראַמוויַ האָט פאַרנומען צו פיל צײַט. נײַן אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן די פּאָליציי-שעה, ווען מען טאָר מער נישט זײַן אין גאַס און עס איז שוין געווען קרוב צו נײַן. זיצן אַ גאַנצע נאַכט אויפן וואָקזאַל איז אויך נישט גוט. ביז דער טראַמוויַ האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דער לעצטער סטאַציע איז שוין געווען אַ פאַר מינוט נאָך נײַן. זיי האָבן באַוויזן אַריבערצוגיין דעם פּלאַץ און צוקומען צום מילקעס-הויז אָן שטער. פון געוווינשטאָפּט האָט פינטשע אַ לויף געטאָן צו דער הויפטטיר, די סאָבוטקאָ האָט אים אָנגעכאַפּט בײַם אָרעם און אַ שלעפּ געטאָן צו דער הינטער-טיר. זי האָט געקלונגען אין דעם טירגלאָק צום סטרוזש. פינטשע האָט פאַרריסן דעם קאָפּ אַרויף, שפּאַרעס ליכט האָבן זיך אַרויסגעשניטן פון דעם פאַרהאַנגענעם פענצטער אין זײַן שטוב. זיצט ער איצט דאָרט אויבן בײַם מאַהאָגענעם שרײַבטיש איבער זײַנע העפטן לידער און ס'איז נאָר אַ וויסטער חלום אַז ער שטייט איצט אַ פאַרפרוירענער בײַם פאַרשלאָסענעם טויער?

עס האָבן זיך דערנענטערט שווערע טריט פון אַ זעלנערישן פּאַטראָל. דאָס האַרץ האָט אַ שפּרונג געטאָן אַרויף צו דער קעל און ער איז געבליבן אין גאַנצן אָן אָטעם. ער האָט זיך אָנגעלענט אין דעם פאַר-

שלאָסענעם טויער און געהאָנגען דאַרויף מיט די הענט. די פּיס זענען געבליבן אָן כּוחות.

באַלד האָבן זיך דערנענטערט טריט פון אינעווייניק. אַ קליין פענצטערל האָט זיך געעפנט אין טויער. „יוזעף? ער וווינט שוין נישט דאָ. דאָס איז אַ דײַטשיש הויז״. אָפּגעזאָגט די פּאָר ווערטער, פאַרקלאַפּט דאָס פענצטערל און פאַרטיק. די סאָבוטקאַ האָט געקלונגען נאָך אַ מאָל. זי איז יוזעפס מאַמע, נאָר וואָס געקומען פון אויסער שטאָט. ס׳איז פּאָליציי־שעה, ווו זאָל זי גיין? אפשר ווייסט ער ווו יוזעף וווינט איצט?

„ערגעץ אויף וואַגנער־שטראַסע, די געוועזענע ערשטער מײַ־גאַס נומער פופצן אָדער זיבעצן״. דאָס פענצטערל האָט זיך ווידער פאַרקלאַפּט.

„יעזוס מאַריאַ״, האָט די סאָבוטקאַ זיך געצלמט, „וואָס טוט מען איצט? לויט דעם געהילך פון זעלנערישע שטיוול זענען די גאַסן פול מיט פּאַטראָלן״.

פּינטשע האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ ווי ער וואָלט אָפּגע־טרייסלט די בהלה. עס ווײַזט אויס אַז אויף ערשטער מײַ־גאַס פופצן און זיבעצן וווינען פּאָליאַקן. צי יוזעף וווינט דאָרט אָדער נישט, קאָן מען דאָרט איבערוואַרטן ביז עס וועט טאָג ווערן. זאָל זי זאָגן אַז ער איז איר זון, זי טאָר בשום־אופן נישט אויסזאָגן ווער ער איז.

אַ היימישער פּאָליאַק וועט אים דערקענען, האָט פּינטשע פאַרשטאַ־נען. אָבער זאָל לכל־הפּחות די סאָבוטקאַ אַהיימקומען בשלום, מע זאָל וויסן וואָס מיט אים איז געשען.

אַ פּאַטראָל האָט זיך דערנענטערט. פּינטשע האָט אומגעריכט פאַר זיך אַליין זיך אָפּגעריסן פון אָרט און צוגעגאַנגען צו די דײַטשן. „געקומען צום ברודער, די מאַמע און איך. ער האָט זיך אַריבער־געצויגן אויף וואַגנער־שטראַסע און דאָ איז שוין שפּעט״.

„וואַגנער־שטראַסע איז דאָ דערנעבן״, האָט איינער פון די דײַטשן אים געוויזן ווו צו גיין.

„יאַ, אָבער די שפּעט, מוטי האָט אַנגסט״.

די דײַטשן האָבן זיי צוגעפירט צו וואַגנער־שטראַסע פופצן. יוזעף האָט טאַקע דאָרט געוווינט.

דער סטרוזש אויף נומער פופצן וואָס האָט געעפנט דעם טויער, האָט פּינטשען אויסגעזען באַקאַנט. אויב ער האָט אַ מאָל געאַרבעט אין זייער פאַבריק איז שלעכט...

יוזעפס פריידיקער אויסגעשריי ווען ער האָט דערזען די שוויגער

האָט זיך איבערגעהאַקט אין דער מיט ווען ער האָט דערזען ווער עס איז דער מאַן מיט איר. „מיר קאָנען אַלע פּאַר דעם באַצאָלן מיטן לעבן". פּינטשע האָט דערזען אַ שפּיגל, איז ער צוגעלאָפן אַ קוק טאָן. ער האָט זיך אַליין נישט דערקענט. גריבער אין די באַקן, די אויגן טיף אַרײַן אין קאָפּ, די מלבושים הענגען אויף אים. ווען נישט דאָס וואָס ער האָט שוין צוויי טעג זיך נישט ראַזירט וואָלט ער אויסגעזען ווי אַ ייִנגל וואָס האָט אָנגעטאָן זײַן טאַטנס מלבושים. קיינער וועט אים נישט דערקענען.

יוזעף דער סטרוזש פלעגט זיך בייגן און בייגן ווען ער האָט גערעדט צום יונגן פאַן מילקעס; איצט האָט ער אײַנגעטענהט מיט פּינטשען ווי אַ דערוואַקסענער רעדט צון אַ קינד. פּינטשע האָט נאָך אין לאָדזש זיך באַטראַכט אַז עס איז צו ריזיקאַליש פאַרצולייגן אַ שותּפות דעם קאָמי־סאַר אין זײַן טאַטנס געשעפט און אַז עס איז נאַריש צו האָפן אַז יענער וועט סתּם אַרויסגעבן סחורה. די גאַנצע נסיעה איז געווען אַ ווילדע אידיי און אַ נאַריש האָפן. נאָך גוט וואָס יוזעף האָט געהאַט מער שׂכל פון אים. בײַם העלפן די דײַטשן אַרויסטראָגן די סחורות פון מילקעס־געשעפט איז עפּעס געבליבן אויך בײַ אים. עס איז געפערלעך עס צו האַלטן אין שטוב. אויב פּינטשע וויל עס פירן קיין וואַרשע און זיך טיילן מיטן געלט, העלפט אויף העלפט, איז ער גרייט צו מאַכן אַ געשעפט.

דאָס וואָס די מלבושים זענען געווען אַזוי לויז אויף אים איז איצט גוט צו נוץ געקומען. נאָכן וויקלען צוואַנציק מעטער סחורה אַרום זײַן לײַב זענען די מלבושים געוואָרן ענג אויף אים און די אײַנגעפאַלענע באַקן האָבן בכלל נישט געפּאַסט צו דער קאָרפּולענטער פיגור וואָס ער האָט איצט געהאַט.

אויפן וועג צוריק האָט די באַן זיך פאַרהאַלטן בײַ דער גרענעץ צווישן רײַך און דער גענעראַל־גובערניע. דײַטשן פון דער גרענעצ־וואַך זענען אַרײַן אין די וואַגאָנען און לעגיטימירט יעדן איינעם. אַ געחתמעטער גורל, האָט פּינטשע געטראַכט, און עס אויפגענומען מיט אַ רויִקייט ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן עמעצן וואָס גייט אים אין גאַנצן נישט אָן. ער און מינדעלע זענען נאָך אַלץ נישט געקומען צון אַ באַשלוס וואָס פאַר אַ נאָמען צו געבן זייער קינד. אויב עס וועט זיין אַ ייִנגל וועט עס הייסן פּינטשע... הלוואַי עס זאָל זײַן אַ ייִנגל.

„אַוסווײַז!" האָט באַפוילן דער דײַטש וואָס איז צוגעקומען צו זײַן באַנק. ער האָט געוויזן דעם איינציקן דאָקומענט וואָס ער האָט געהאַט

מיט זיך, אַ ביכל פון דער פּע־קאַ־אָ, די פּוילישע שפּאַרקאַסע וואָס האָט שוין מער נישט עקסיסטירט. אויב ער וואָלט כאָטש געקאָנט אָפּ־וויקלען פון זיך די סחורה און עס געבן דער סאַבוטקאַ...

דער דײַטש האָט אים צוריקגעגעבן דאָס ביכל און גענומען אַרײַנ־קוקן אין דעם פּאַפּיר וואָס די סאַבוטקאַ האָט אים געגעבן.

איז עס מעגלעך? דער דײַטש האָט איבערגעקוקט אַלעמענס פּאַפּירן און אַוועק אין אַ ווײַטערדיקן קופּע. ער מוז זײַן אַ רײַכסדײַטש אַז דער נאָמען פּינטשע מילקעס קלינגט נישט ייִדיש צון אים. נאָך גוט וואָס ער האָט נישט געהאַט מיט זיך אַ מעטריקע, אין דעם טאַטנס נאָמען שלאָימע וואָלט אַפילו אַ רײַכסדײַטש דערקענט אַ ייִדישן נאָמען.

ווי נאָר ער וועט אַרײַנקומען אין שטוב וועט ער אַלץ דערציילן מינדעלען און איר אָנזאָגן זי זאָל זיך מער אײַנעקשנען און נישט לאָזן מער ער זאָל זיך אַרײַנלאָזן אין אַזעלכע געפערלעכע אַוואַנטורעס. עס וועט שווער זײַן איבערצוקומען אַלע סכנות אין וועלכע ער קאָן זיך אַרײַנדרייען מיט זײַן נאַרישן גלויבן אַז ס׳וועט זײַן גוט.

אויך די רעשט פון וועג איז אַדורך בשלום. זיי זענען פאַרפאָרן צו דער סאַבוטקאָן אַהיים און דאָרט איבערגעלאָזט די סחורה. פּינטשע האָט נאָר אָפּגעשניטן אַ שניצעלע, אַ צענטימעטער די גרייס, ער זאָל מיט דעם מוסטערל קאָנען פירן אַ האַנדל אויף גענשע־גאַס. אַזוי האָט זיך הײַנט געפירט דער מיסחר, מע האָט פאַרקויפט ווײַזנדיק אַ פּיצעלע פון דער סחורה.

מינדעלע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן ווען זי האָט דערזען פּינטשען איף דער שוועל. פּינטשע איז צוגעלאָפן זי אונטערצוהאַלטן. „דו האָסט אַוודאי איבערגעקלערט", האָט ער געזאָגט און זי געפירט אין זייער צימער. „דו און דײַן מאַמעשי זעען נאָר שוואַרץ. ס׳איז געווען — כ׳וואָלט געזאָגט — אַ נודנע נסיעה, אָן שטערונגען און אָן פּאַסירונגען. ווען נישט כ׳האָב מורא פאַר דײַן איבערקלערן וואָלט איך מאָרגן געפאָרן נאָך אַ מאָל. האָסט עפּעס געהערט פון בערעקן? כ׳קאָן אים שוין ווידער געבן אַ הלוואה. דו וועסט זיך מער נישט דאַרפן שעמען פאַר מאַגיען וואָס דײַן מאַן טראָגט צעריסענע שיך".

„איך האָב זיך געשעמט?"

„האָב נישט קיין מורא, מינדעלע, מלחמה צי נישט מלחמה, פּינטשע קאָן זיך אַן עצה געבן. עס וועט נישט דיר, נישט אונדזער קינד גאָר־נישט פעלן".

ב.

ווען עס הייבט אָן גיין, גייט עס דורך טיר און טויער. פּינטשע איז אַרויס אויף גענשע מיט זײַן מוסטערל און באַגעגנט אַ געוועזענעם קונה פון פאַר דער מלחמה. יענעמס נאָמען איז אויך געווען אויף דער ליסטע פון די בעלי־חובות, אָבער פּינטשע האָט אים אַפילו נישט געזוכט. ער איז געווען אַ „קליינער פּיש" וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף דער אייבערפלאַך און האָט זיך געהאַט פאַרדרייט אין אַ שטיקל שווינדל. ווען נישט ער האָט געהאַט צו טאָן מיט שלמה מילקעס וואָלט מען אים אײַנגעזעצט אין תּפיסה. עס איז געווען אָנגענומען אין מיסחר אַז נאָר אַן אָנערקענטן סוחר האָט מען געגעבן קרעדיט אויף אייגענע וועקסלען, אַ קליינער סוחר האָט געקאָנט קויפן נאָר פאַר מזומן אָדער פאַר די וועקסלען וואָס ער האָט באַקומען פון זײַנע קונים, „קונדישע וועקסלען" האָט מען עס גערופן. דער יונגער־מאַן האָט אײַנגעקויפט פאַר קונדישע וועקסלען און ווען זיי זענען צוריקגעקומען נישט־באַצאָלט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז עס זענען נישטאָ אַזעלכע קונים, אַז עס זענען געפעלשטע אונטערשריפטן. דער טאַטע האָט געבעטן פּינטשען אַרײַנקוקן אין דעם ענין איידער מע גיט עס איבער צום פּראָקוראָר. דער יונגער־מאַן האָט זיך געשווירן מיט כּל־השבֿועות אַז ווען ער האָט געגעבן די וועקסלען האָט ער בדעה געהאַט זיי צו באַצאָלן, אָבער ער האָט געהאַט צו פיל אָנווערן און ער האָט אַ חרוב קראַנק קינד. ער וועט עס אויסצאָלן ביסלעכווײַז. אַלץ האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן אמת. ווען דער יונגער־מאַן האָט טאַקע אָנגעהויבן אײַנצאָלן אויפן חוב האָט פּינטשע אָנגעהויבן אים געבן אַ ביסל קרעדיט. ער האָט אויך אַלע מאָל געפונען פאַר אים אַ פּאָר ראַמשן, סחורות אין וועלכע עס זענען אַרײַנגעפאַלן קליינע פעלערן און מע האָט זיי פאַרקויפט בחצי־חינם. הקיצור, דער יונגער־מאַן האָט אָפּגעצאָלט דעם גאַנצן אַלטן חוב און באַקומען וואָס אַ מאָל מער קרעדיט. קיין גביר האָט ער אָבער נישט באַוויזן צו ווערן. ער האָט פאַרדינט, און זײַן טאָכטער האָט עס פאַרקרענקט.

„פאַניע מילקעס", האָט יענער דער ערשטער דערזען פּינטשען.

„וואָס טוט איר דאָ אויף גענשע, איר וווינט אין וואַרשע?"

„וואָס איך טו דאָ? איך יאָג זיך נאָכן ווינט, כ'מיין כ'גיי מאָנען חובות".

פּינטשע האָט אים נישט געוואָלט אויסזאָגן אַז ער האָט עפּעס צו

פּאַרקויפן, ער קאָן זיך איצט נישט דערלויבן צו זײַן ברייטהאַרציק און געבן אויף קרעדיט.

„בײַ מיר קומט אײַך דרײַ הונדערט און פופציק זלאָטעס".

„כ'ווייס, כ'האָב אַ ליסטע פון אַלע חובות".

„אויב כ'זאָל אײַך באַצאָלן דאָס געלט וועל איך אײַך טאָן אַן עוולה, וואָס זענען הײַנט ווערט דרײַ הונדערט און פופציק זלאָטעס?"

ער וויל נישט באַצאָלן און ער שיט נאָך זאַלץ אויף די וווּנדן, האָט פּינטשע געטראַכט און חרטה געהאַט וואָס ער האָט זיך געלאָזט צורעדן פון טאַטעשי צו טאָן טובות צון אַזאַ מענטש.

„איך לייג אײַך פאָר אַ פּשרה, צעטיילן די סחורה וואָס כ'האָב בײַ אײַך גענומען פאַר די וועקסלען, חצי שלי וחצי שלך".

פּינטשע האָט געשוויגן, ער האָט געמיינט דער יונגער־מאַן שפּאַט פון אים.

„ס'איז טאַקע אײַער סחורה, אָבער איך האָב עס געשלעפּט פון אָרט צו אָרט אונטער אַ האָגל פון קוילן".

פּינטשע האָט דעם אָוונט געבראַכט צו דער סאַבוטקאַן נאָך מער סחורה ווי ער האָט געבראַכט פון גורוויטש, און די סחורה איז געווען זײַן, אָן שותּפות מיט דער גויע.

ג.

פריִער האָט מינדעלע זיך געבעטן בײַ פּינטשען ער זאָל גיין צו בערעקן און ער האָט עס אָפּגעשלעפּט פון טאָג צו טאָג. דאָס מאָל איז פּינטשע געווען דער וואָס האָט געוואָלט גיין.

די נאַכט נאָך דעם וויזיט איז פּינטשע געשלאָפן ווי געהרגעט, אָבער מינדעלע האָט נישט געקאָנט צוטאָן קיין אויג. איז עס געווען דאָס ביסל משקה וואָס מאַניע האָט געגעבן צו טרינקען וואָס האָט פּינטשען געמאַכט אַזוי באַרעדעוודיק? ווען פּינטשע האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן זײַן נסיעה קיין גורוויטש האָט זי געמיינט אַז ער טראַכט דאָס אַלץ אויס. בערעק האָט אים געמוסרט אַז מע טאָר נישט אַזוי פיל ריזיקירן, און פּינטשע האָט געענטפערט אַז אַ מענטש מוז זיך קאָנען אַן עצה געבן אין אַלע באַדינגונגען. אַ גרימאַסע פון האַלב־שמייכל, האַלב־צער איז געלעגן אויף זײַן פּנים ווען ער האָט עס געזאָגט.

וואָס איז געשען צווישן פינטשען און בערעקן אַז איר פינטשע פירט זיך אויף אַזוי מאָדנע? עס זענען געווען מאָמענטן ווען עס האָט זיך איר געדאַכט אַז פינטשע האָט זי געשלעפּט אויף דעם וויזיט כּדי ער זאָל זיך קאָנען באַווייַזן מיט זייַנע נייַע שיך. דאָס פּנים האָט איר געפלאַמט ווען פינטשע האָט זיך באַרימט מיט זייַן שמוגל און מיט די גרויסע סכּנות וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט. אויב דאָס זענען נישט געווען סתּם באַרימערייַען, אויב עס איז אמת, איז נאָך ערגער. מאַניע האָט נישט געקאָנט באַהאַלטן איר אומגלויבן ווען פינטשע האָט דער־ציילט ווי ער האָט אָפּגעשטעלט אַ דייַטשן פּאַטראָל כּדי זיי זאָלן אים צופירן צו דער וואַגנער־שטראַסע. אַפילו בערעק וואָלט נישט פעיִק געווען צון אַזאַ העזה, בפרט איר שעמעוודיקער פינטשע. צו וואָס דאַרף ער די אַלע גוזמאָות?

## קאַפּיטל זעקס

# מיט דער פאָן

א.

עס איז געווען סוף זומער 1939. מלחמה־סכּנה האָט געהאָנגען איבער די קעפּ ווי אַ שווערער וואָלקן. דער השומר־הצעיר האָט גערופן אַ לאַנד־צוזאַמענפאָר פון אַלע מדריכים.

די באַנען זענען פול געווען מיט סאָלדאַטן און נייַע רעקרוטן, שווער געווען פאַר די דעלעגאַטן צום כּינוס אַרויפצוקריגן זיך אויף אַ באַן. מדריכים פון די ווייַטע שטעט האָבן נישט באַוויזן אָנקומען אין צייַט קיין וואַרשע.

זאָשקע האָט געאַרבעט אינטענסיוו בייַם צוגרייטן דעם כּינוס און דאָך זיך געמוזט נייטן צו גיין אויף דער דערעפענונג, זי האָט מורא געהאַט פאַר דעם צוזאַמענטרעף מיט משהן. די חברים פון לובלינער געגנט זענען נישט געווען אויף דער דערעפענונג, זיי זענען אָנגעקומען ערשט צו מאָרגנס. משה איז נישט געווען צווישן זיי. זי האָט געפילט אַ דערלייַכטערונג און עס האָט איר דאָך פאַרדראָסן וואָס מע האָט משהן

נישט געשיקט צון אַזאַ צוזאַמענפֿאָר. משה איז אַ שומר מיט סטאַזש, ער קען שומרישע ליטעראַטור, שומרישע אידעאָלאָגיע, אפֿשר בעסער ווי דער רוב פֿון די דעלעגאַטן. משהס פּלאַץ איז צווישן די מדריכים, משהן דאַרף מען אויף אַזאַ כּינוס.

אפֿשר איז ער קראַנק? זי ברענגט אומגליק צו יעדן וואָס רירט זיך צו צון איר: פֿינטשע, יאַקאָוו, משה... אַזאַ ווי זי דאַרף גאָר נישט געבוירן ווערן.

זאָשקע האָט אויפֿגעזוכט טאָלעקן. „ווער פֿאַרטרעט דעם כעלמישער קיבוץ?"

„איך".

„דו? ווי קומסט דו צום כעלמישער קיבוץ?"

„די באַוועגונג וואַקסט, מיר האָבן פֿאַרגרעסערט דעם קיבוץ. איך בין אין כעלמיש זינט דו ביסט אַוועק".

זאָשקעס ליפּן האָבן זיך געעפֿנט צו פֿרעגן אויף משהן, נאָר געפֿרעגט האָט זי: „וואָס מאַכן די חברים?"

„מען אַרבעט אין שטאָט, מען אַרבעט בײַ פּויערים אין דאָרף. כעלמיש איז אַ גוטער קיבוץ".

„מע קריגט זיך נישט?" האָט זאָשקע אַזוי אַרום געוואָלט אַרויס־קריגן עפּעס וועגן משהן.

„פֿאַר וואָס זאָל מען זיך קריגן?"

זאָשקע האָט מער נישט געפֿרעגט, אָבער ווײַטער געווען זיכער אַז משהן איז געשען אַן עוולה וואָס מע האָט אים נישט געשיקט אויפֿן כּינוס.

די באַוועגונג איז געוואַקסן, מע האָט געדאַרפֿט גרינדן מער קנים, נײַע הכשרה־קיבוצים. אָבער דעם כּינוס האָט מען גערופֿן בעיקר מחמת דער אומרויִקייט אויף די גרענעצן. אַלע צײַטונגען האָבן געשריבן אַז עס וועט קיין מלחמה נישט זײַן, אָבער עס איז געוואַקסן די שפּאַנונג אין די פּוילישע באַציִונגען מיט דײַטשלאַנד. מע האָט געמוזט זיך צוגרייטן פֿאַר יעדער עווענטואַליטעט. די אינסטרוקציעס פֿון כּינוס זענען געווען אַז אויב עס וועט איבערגעריסן ווערן די פֿאַרבינדונג, מיט דער הנהגה־הראשית, מוז יעדער ראַיאָן־פֿירער נעמען אויף זיך די פֿולע אחריות פֿאַר זײַן ראַיאָן. זאָשקע האָט דערפֿילט די וואָג פֿון דעם באַשלוס ווען מע האָט איר געזאָגט אַז זי וועט טראָגן דאָס אחריות פֿאַר דעם גאַנצן טשענסטעכאָווער קרײַז. זי האָט דערפֿילט אַ קלעמעניש אין דער ברוסט: אחריות פֿאַר אַ גאַנצן קרײַז? זי איז דיסציפּלינירט

אין אויספירן אינסטרוקציעס, אָבער אַליין אָננעמען באַשלוסן און נאָך דערצו אין אַזאַ קריטישער צײַט? זי האָט גענומען די העפטן מיט אינסטרוקציעס מיט אַ ציטערדיקער האַנט, זי האָט אונטערגעשריבן אַ קוויטירונג פאַר דעם געלט וואָס מע האָט איר געגעבן; אַלץ וואָס די צענטראַלע האָט געהאַט האָט מען צעטיילט צווישן די קרײַזן. הלוואַי עס זאָל נישט קומען דערצו... יאַקאָוו וואָלט געוווסט ווי צו פאַרוואַלטן מיטן געלט, משה וואָלט זיך נישט געשראָקן אַרויסצוגעבן אינסטרוקציעס, אָבער זי?

זי האָט קיין אויג נישט צוגעמאַכט די לעצטע נאַכט אין וואַרשע. איר שפּאַנונג האָט נאָכגעלאָזן ערשט אין דער באַן אויפֿן וועג צוריק. אַ פֿרעמדער מאַן האָט מיט די עלנבויגנס געמאַכט פֿאַר איר אַ פּלאַץ אין אַ וואַגאָן פֿול מיט רעקרוטן צום מיליטער; אַן אַנדערער רעקרוט האָט איר אָפּגעטרעטן זײַן זיצפּלאַץ. די אַלע יונגע מענטשן שטופּן זיך אין די וואַגאָנען אויפֿן וועג צום אַ מיסיע שווערער ווי אירע, פֿאַר־בונדן מיט גרעסערע סכּנות. זי איז אויך אַ מין רעקרוט, מע האָט אַרויפֿגעלייגט אויף איר אַן אַחריות און זי וועט עס אויספֿירן.

ווען זאָשקע איז דאַנערשטיק בײַ נאַכט אָנגעקומען אויף דער פֿאַרם פֿון איר קיבוץ האָט מען אויף דער ראַדיאָ איבערגעגעבן וועגן היטלערס אַ נײַעם אולטימאַטום. מע האָט פֿאַרמאַכט די ראַדיאָ און בעסער געוואָלט הערן וואָס זאָשקע האָט צו זאָגן. מע וועט גאָרנישט אָנווערן פֿון די נײַעסן. ווען נאָר מע וועט עפֿענען די ראַדיאָ וועט מען הערן היטלערס אַ נײַעם אולטימאַטום וואָס קיינער נעמט מער נישט ערנסט. זאָל זאָשקע בעסער דערציילן וועגן דעם כּינוס, און דער עיקר: קאָן מען האָפֿן אויף עליה?

ווי נאָר זאָשקע האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם ווונדערלעכן וווּקס פֿון דער באַוועגונג איז זי פֿול געוואָרן מיט בטחון אַז עס וועט נישט קומען דערצו זי זאָל דאַרפֿן אויספֿירן די אינטרוקציעס וואָס מע האָט איר געגעבן פֿאַר אַ צײַט פֿון מלחמה. מען איז געוואָרן האָפֿערדיק, די שׂיחה האָט זיך פֿאַרצויגן. זאָשקע האָט געבראַכט צוויי נײַע ארץ־ישׂראל־לידער, לידער פֿול מיט בענקעניש, פֿול מיט האָפֿן. מע האָט געזונגען און געטאַנצט; עס איז שוין נישט געבליבן גענוג צײַט זיך צו לייגן שלאָפֿן, האָט עמעץ פֿאָרגעלייגט ממשיך צו זײַן די שׂיחה ביז מע וועט דאַרפֿן גיין צו דער אַרבעט. מען איז נאָך געווען אויפֿן וועג

צום פעלד ווען די ערד האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. די דײַטשן האָבן באָמבאַרדירט טשענסטעכאָוו.

ב.

טשענסטעכאָוו איז נישט ווײַט פון דער דײַטשער גרענעץ. ייִדן, פּאָליאַקן, אַלע האָבן געוואָלט אַנטלויפן. זאָשקע האָט באַשטימט אַ נויט-קאָמיטעט, צעטיילט די חברים אין פּיפּטלעך מיט אַן עלטסטן איבער יעדן פּיפּטל און באַשלאָסן צו בלײַבן; מע האָט צו פיל געלט און מי אַרײַנגעלייגט אין דער ווירטשאַפט מע זאָל עס לאָזן אויף הפקר. זאָשקע האָט אויך אַרויסגעשיקט שליחים צו די שומרים אין די שכנותדיקע שטעט מיט געלט און אינסטרוקציעס. די שליחים זענען גיך צוריק-געקומען, זיי האָבן קיינעם נישט געפונען, אַלע זענען אַוועק, אַלע לויפן קיין וואַרשע.

זאָשקע האָט זיך נישט געקאָנט מוחל זײַן וואָס זי האָט נישט אַרויס-געשיקט די שליחים די מינוט וואָס זי האָט באַטראַכטן די שוועל פון קיבוץ און געוואָרט ביז עס איז געווען צו שפּעט. „געפונען וועמען איבערצוגעבן דאָס אַחריות פאַר אַ גאַנצן ראַיאָן", האָט זי געשפּאָט פון זיך אַליין. זי איז נישט זיכער אַפילו וואָס צו טאָן דאָ, אפשר איז אַ סכנה דאָ צו בלײַבן?

פּויליש מיליטער האָט באַזעצט די פאַרם. עס איז געווען אַ ווייטיק צוצוקוקן ווי די זעלנער האָבן צעטראָטעוועט די בייטן וווּ מע האָט שוין געהאַט אַרײַנגעלייגט אַזוי פיל אַרבעט. אַז זיי האָבן געדאַרפט האַלץ אונטערצוהייצן זייער פעלדקעסל האָבן זיי אָפּגעריסן ברעטער פון דעם שײַער, צעהאַקט און פאַרברענט וואָס נאָר עס איז געקומען אונטער די הענט. אויב מע קאָן סײַ ווי גאָרנישט פאַרהיטן, וואָס פאַר אַ זין האָט עס די חברים זאָלן זיצן דאָ און זײַן אַ צילברעט פאַר דײַטשע קוילן? מע האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג אַרײַן.

ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרפאַקט צו גיין קיין וואַרשע האָבן צוויי באַקאַנטע געשטאַלטן זיך דערנענטערט אויף דער סטעזשקע צום משק. „ס'איז שמואל!" האָט זאָשקע אויסגעשריגן און גענומען לויפן אַקעגן. זי האָט דערקענט שמואל זאַסלאַווסקי פון דער הנהגה-הראשית. איצט וועט זײַן ווער עס זאָל אָננעמען באַשלוסן. מיט שמואלן איז געקומען ריוועק, דער מזכיר פון אַ וואַרשעווער קן.

„אַלע מאַכן מיר טעותים", האָט שמואל געטרייסט זאָשקען ווען

זי האָט זיך מודה געווען אַז זי איז נישט קיין גוטע פירערין. שמואל האָט נאָך פון ווייַטן געזען די זעלבער און זיך פאַרטרויט פאַר זאָשקען: „איך האָב אויך געמאַכט אַ פאַלשן באַשלוס. איך טראָג אויף זיך די פאָן פון דער באַוועגונג. געבראַכט די פאָן אַהער ווייַל דאָ האָבן מיר אַ שטיקל אייגענע ערד. אָבער איך זע אַז מע דאַרף לויפן ווייַטער. דו, זאָשקע, וועסט אַרומוויקלען די פאָן אויף דייַן לייַב. אויב די דייַטשן וועלן אונדז איבעריאָגן איז עס זיכערער אויף דיר, דייַטשן זענען זיכער העפלעך צו פרויען".

„זאָל מען צוריק צעפּאַקן די זאַכן?" האָט זאָשקע געפרעגט די חברים פון וואַרשע.

„ווער ווייסט אויף זיכער וואָס צו טאָן אין אַזאַ מצב?" האָט שמואל געענטפערט, „אָבער די ערגסטע זאַך איז גאָרנישט צו טאָן. זאָלן די חברים גיין ווייַטער אַוועק פון דער גרענעץ, צו זייערע היימען אָדער אין אַנדערע הכשרה־פּונקטן. דו, זאָשקע, וועסט קומען מיט מיר און ריוועקן".

זאָשקע האָט טאַקע געטראָגן די פאָן אַרומגעוויקלט אויף איר לייַב, שמואל און ריוועק זענען געגאַנגען מיט איר אין דער ריכטונג קיין קעלץ.

די וועגן זענען געווען פאַרשטאָפּט מיט פּוילישע מיליטערישע טאַבאָרן און מיט ציווילע אַנטלויפערס. דייַטשע עראָפּלאַנען זענען אַנגעפלויגן און געזייט חורבן. די שאָסייען פאַרשטאָפּט מיט בראָכוואַרג, צעריסן פון גראַנאַטן; דאָס באַוועגן זיך איז אָנגעקומען וואָס אַ מאָל שווערער. זאָשקע און אירע חברים זענען אַראָפּ אין פעלד און אויך דאָרט זענען געפאַלן דייַטשע קוילן, ווי די עראָפּלאַנען וואָלטן נאָכגעיאָגט די פאָן. די שראַפּנעלן און קוילן זענען געפאַלן געדיכט; ווען זאָשקע און אירע חברים האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט צו גיין ווייַטער האָבן זיי קוים צוגעגלייבט זייערע אויגן אַז זיי זענען אַרויס גאַנץ. שמואל האָט זיך אין עפּעס געשטרויכלט, געפאַלן און זיך צעקלאַפּט אַ פוס; ריוועק האָט, ווייַזט אויס, זיך פאַרקילט, ער האָט געציטערט פון קעלט און זייַן שטערן האָט געגליט מיט היץ. נאָר זאָשקע איז געגאַנגען מיט אַ זיכערן טריט, זי האָט געהאָלפן און געמונטערט אירע חברים אין וועג. אין די קיבוצים, וווּ מע האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן וועג, איז זאָשקע געווען די וואָס האָט געגעבן עצות, געהאָלפן אָננעמען באַשלוסן, זי איז געוואָרן ווי אַן אַנדערע זאָשקע. ווי די פאָן וואָס זי האָט געטראָגן אויף זיך וואָלט אין איר אַרייַנגעגעבן אַ נייַע נשמה.

פון קעלץ איז נאָך אָפּגעגאַנגען אַ צוג קיין לובלין. זאָשקע האָט באַוויזן אַרײַנצושלעפּן אירע חברים אין דעם וואַגאָן וווּ דער באַטשאַלניק פון דער באַן האָט זי אַרײַנגעשטופּט. שמואל וואָלט נישט בכוח געווען ווײַטער צו גיין, ריוועק האָט אויך קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס. ביידע, שמואל און ריוועק, האָבן געמיינט אַז עס זענען מער נישטאָ קיין באַנען, נאָך אַ נס וואָס זי האָט זיך אײַנגעשפּאַרט און זיי געשלעפּט צום וואָקזאַל.

דער צוג איז מער געשטאַנען ווי געפאָרן, די באַן-ליניעס זענען געווען פאַרשטאָפּט מיט מיליטערישע צוגן. ס׳איז געווען די דריטע נאַכט אין דער באַן ווען דער צוג האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און זיך פאַרהאַלטן אַזוי האַסטיק אַז מע האָט געמיינט מען איז אַראָפּ פון די שינעס. דער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן נעבן אַ טײַך און אַ צעשטערטער בריק. „ס׳איז שוין נישט ווײַט פון לובלין״, האָט דער באַן-מאַשיניסט געטרייסט.

„שטיין בלײַבן, הענט אין דער הייך!״ האָט אַ געשריי אין פּויליש זיי אָפּגעשטעלט ווען זיי זענען אַרײַן אין אַ וועלדל. אַ פּוילישער סאָל-דאַט האָט זיי געדראָט מיט דער אויסגעשטרעקטער לופע פון זײַן ביקס. איז ער אַן איבערגעטועטער דײַטשער דיווערסאַנט? דער סאָלדאַט האָט באַפוילן ריוועק זאָל זיך אויסטאָן. „ער איז קראַנק״, האָט זאָשקע זיך געבעטן. יענער האָט נישט געהערט, אָדער געמאַכט זיך אַז ער הערט נישט, און נישט אויפגעהערט שרײַען ריוועק זאָל זיך אויסטאָן ווײַל ער וועט שיסן. ווייסט ער עפּעס וועגן דער פאָן, זוכט ער די פאָן אויף ריוועקן? וועט ער דערנאָך בייטן שמואלן זיך אויסצוטאָן, דערנאָך זי? זי וועט זיך נישט אויסטאָן. זיי זענען דרײַ קעגן איינעם, זי וועט — —

ווי נאָר ריוועק האָט אויסגעטאָן דאָס רעקל און די הויזן האָט דער זעלנער עס אַ כאַפּ געטאָן און געגומען לויפן פאַרויס. שמואל האָט אָנגעטאָן אויף ריוועקן זײַן רעקל. אַז ער וועט אײַנשמירן זײַנע גאַטקעס מיט בלאָטע וועט עס אויסזען ווי הויזן.

זיי האָבן זיך געשלעפּט ווײַטער מיט דער סטעזשקע. סך-הכל הונדערט טריט ווײַטער איז געלעגן דעם סאָלדאַטס מונדיר און אויך זײַן ביקס. ריוועק האָט צוריקגעגעבן שמואלן זײַן רעקל און אָנגעטאָן דאָס זעלנערישע רעקל און הויזן. די ביקס האָט ער איבערגעלאָזט.

זיי האָבן זיך געשלעפּט אויפן לובלינער שאָסיי, זאָשקע און ריוועק האָבן אונטערגעהאַלטן דעם הינקעדיקן שמואל. עטלעכע מאָטאָציקלען

זענען אָנגעלאָפן מיט געוויש און אויפגעהויבן אַ וואָלקן שטויב. „העַנדע האָוך!" האָט זיך דערהערט אַ באַפעל אויף דײַטש. שמואלן און זאַשקען האָבן זיי נישט געטשעפּעט. ריוועקן האָבן זיי אַרײַנגענומען אין אַ מאָ־טאָציקל און מיטגענומען מיט זיך.

ערשט איצט האָט מען פאַרשטאַנען וואָס דער פּוילישער סאָלדאַט איז אויסן געווען מיטן בײַטן די מלבושים. „ריוועק וועט זיי דערציילן דעם אמת און זיי וועלן אים באַפרײַען", האָט שמואל זיך געטרייסט.

ג.

ס'איז ווידער געווען נאַכט ווען זיי זענען אָנגעקומען אין כעלמישער קיבוץ. אַזוי פיל נײַע פּנימער; אַזוי פיל באַקאַנטע פּנימער האָבן געפעלט. טאָלעק האָט זיך צעקושט מיט זאַשקען און זי האָט זיך דערשראָקן אַז משה וועט אַרײַנפאַלן אין כעס. מע האָט אָנגעוואָרעמט פאַר זיי עפּעס צו עסן. חברים זענען צוריק אַראָפּ פון די געלעגערס און געוואָלט וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. משה האָט זיך נישט באַוויזן. „ווו איז משה?" האָט זאַשקע געפרעגט טאָלעקן.

„נישטאָ".

„אַוועק קיין מיזרח?"

טאָלעק האָט געשוויגן.

„ווו איז משה?" האָט זאַשקע נישט אָפּגעלאָזט, „וווהין איז ער אַוועק?"

„אַוועק אויף אייביק".

„פאַרלאָזט דעם קיבוץ? פאַרלאָזט דעם השומר?"

טאָלעק האָט ווידער געשוויגן.

„וואָס מיינסטו אַוועק אויף — — משה לעבט?"

טאָלעק האָט נאָר אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אין דער ברייט.

„ווען? וואָס איז געשען?"

„דעם ערשטן טאָג נאָך דעם ווי זיי זענען אַרײַן אין שטאָט איז געווען געפערלעך. איצט האָט זיך אײַנגעשטילט און די קהילה שטעלט צו יעדן טאָג אַרבעטער פאַר די דײַטשן. דאָס איז איצט אונדזער פּרנסה, מע באַצאָלט אונדז, און מיר גייען יעדן טאָג צו דער אַרבעט".

„אָבער וואָס איז געשען מיט משהן?"

„מיר זענען געווען צוזאַמען בײַ דער אַרבעט. איך בין געשטאַנען

נעבן משהן. משהס האַנט־זייגערל איז געפעלן געוואָרן דעם דײַטש וואָס האָט אונדז באַוואַכט".

„איך האָב אים געגעבן דאָס זייגערל, מײַן טאַטעשי האָט עס אים געקויפט אַ מתּנה", האָט זאָשקע געזאָגט טאָלעקן.

„דער דײַטש האָט געפּאָדערט דאָס זייגערל, משה האָט אים געענט־פערט מיט טראַציקייט: 'ס'איז אויף דײַן באַרג מיסט געוואַקסן?' דער דײַטש האָט אים דערשאָסן אויפן אָרט".

זאָשקע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. „ס'איז געווען נאַריש צו זידלען דעם דײַטש. קיין נאַר איז משה נישט געווען".

„אַ קלוגער טוט אויך אַ מאָל אָפּ אַ נאַרישקייט", האָט טאָלעק געענטפערט.

„משה האָט געוואָלט שטאַרבן".

„משה איז געווען אַן עקשן, דו ווייסט דאָס בעסער ווי יעדער איינער".

„משה האָט געוואָלט שטאַרבן", האָט זאָשקע איבערגעחזרט, און טאָלעק האָט זיך געוווּנדערט ווי שטיל און זאַכלעך עס איז איר קול. זאָשקע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו טאָלעקן ווי די טענה וואָלט געווען געווענדעט צו אים: „צו אונדז אַלע האָט ער געזאָגט אַז די באַוועגונג איז וויכטיקער ווי דאָס אייגענע לעבן, איז עס נישט וויכטיקער ווי דער אייגענער טויט?"

„וואָס רעדסטו, זאָשקע?"

„זײַן גאַנצער אידעאַליזם איז געווען אַ נעגאַטיווער", האָט זאָשקע ווײַטער גערעדט ווי צו זיך אַליין, „אַזוי אין זײַן לעבן, אַזוי אין זײַן טויט. מאָרגן מוז איך זיך לאָזן אין וועג אַרײַן, איך וועל ברענגען די פאָן קיין קאָוולע".

זאָשקע האָט שוין געהאַט אַרומגעוויקלט די פאָן אַרום איר לײַב און שוין געווען אָנגעטאָן, גרייט זיך צו לאָזן אין וועג אַרײַן, ווען דײַטשן האָבן אַרומגערינגלט דעם קיבוץ. „אַ לעבעדיקע וועל איך די פאָן נישט געבן", האָט זאָשקע באַשלאָסן און פאַרגעסן וואָס זי האָט נעכטן געזאָגט וועגן משהס אַוועקגעבן דאָס לעבן.

צוויי דײַטשן מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן זענען אַרײַן אינעווייניק און געפרעגט: „קאַפּלאַן, טאָלעק קאַפּלאַן, ווער איז דאָ טאָלעק קאַפּלאַן?"

טאָלעק האָט זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען נענטער: „טאָלעק קאַפּלאַן? ווער קאָן וויסן ווו ער איז איצט?"

זאָשקע האָט שיִער נישט אָוועקגעחלשט. פאַר וואָס איז ער אַרויס־געשפּרונגען? זיי וועלן אים הייסן ווייַזן זייַנע דאָקומענטן און זען אַז ער איז טאָלעק קאַפּלאַן.

„דיזער טאָלעק קאַפּלאַן איסט דער עלטעסטע אין דיזער אַנשטאַלט?" האָט אַ דייַטש געפרעגט.

טאָלעק איז ווידער געוועזן דער וואָס האָט געענטפערט: „יאָ, ער איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער פּוילישער אַרמיי און מער האָבן מיר נישט געהערט פון אים".

„אויב ער לעבט איז ער אָודאי אין געפאַנגענשאַפט", האָט זיך שוין אַן אַנדערער בחור אַנגערופן.

„זאָפאָרט מעלדען ווען ער צוריק קאָמט", האָבן די דייַטשן באַפוילן און אַוועק.

טאָלעק האָט דאָ מער נישט געקאָנט בלייַבן, ער וועט אַוועק צוזאַ־מען מיט זאָשקען, אָבער אַז ער וועט אַוועק — — זאָל זאָשקע בלייַבן. די פאַן? מע וועט אייַנוויקלען די פאַן אין צעראַטע און באַגראָבן דאָ אין הויף פון קיבוץ, אַזוי האָט טאָלעק פאַרגעלייגט און קיינער האָט נישט געקאָנט צוטראַכטן אַ בעסערע עצה. טאָלעק האָט באַשלאָסן בלייַבן ביז מאָרגן, די פאַן קאָן מען באַגראָבן נאָר בייַ נאַכט אין דער פינצטער, און ער וויל זייַן דערבייַ.

דאָס גרוב איז שוין געוועזן פאַרשיט און קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. טאָלעק האָט גענומען רעדן מיט אַ פאַרשטיקט קול: „דאָס איז נישט קיין קבר, דאָס איז נאָר אַ צייַטווייַליק באַהעלטעניש. די פאַן וואָס האָט געפלאַטערט איבער די קעפּ פון צענדליקער טויזנטער שומרים האָט אַ נשמה. אַלע אונדזערע חלומות זענען פאַרוועבט אין דער לייַוונט וואָס ליגט דאָ באַהאַלטן. ווער ווייסט ווער פון אונדז עס וועט פאַלן, אָבער די פאַן מוז בלייַבן און ווידער אַ מאָל פלאַטערן איבער די קעפּ פון שומרים אונטער אַ פרייַען הימל. חברים, געדענקט דאָס אָרט".

מען איז שנעל אַוועק פון דעם אָרט, ווי מע וואָלט מורא געהאַט געטרויען דעם סוד צו די אייגענע אויגן. ווען מען איז צוריק אַרייַנגעקומען אין קיבוץ האָט קיינער נישט אויסגערעדט אַ וואָרט. זאָשקע האָט געקוקט אויף טאָלעקן מיט טרערן־פאַרלאָפענע אויגן. זי קען דאָך אים איר גאַנץ שומריש לעבן, אָבער נאָר איצט ווייסט זי ווי אַזוי ער איז

געשטיגן פון אַ חבר אין דעם גורוויטשער קן ביז דער הנהגה־הראשית.

ווען זאַשקע און טאַלעק האָבן זיך ווידער געגרייט אין וועג אַריין זענען אָנגעקומען ידיעות אַז די רויטע אַרמיי האָט באַזעצט די פּוילישע געביטן ביז צום טײַך בוג. אויב אַזוי איז דאָך קאָוולע פרײַ פון די דײַטשן. אַרויסצוראַטעווען די פּאָן פון די דײַטשע געביטן איז כּדאַי צו ריזיקירן. טאַלעק און זאַשקע האָבן ווידער אָפּגעלייגט זייער אַוועק־גיין. ווען זיי האָבן צו מאָרגנס זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן איז די פּאָן געווען אַרומגעוויקלט אַרום זאַשקעס לײַב. נאָך איידער זיי זענען אַוועק איז געקומען אַ ידיעה פון ריוועקן אַז ער איז אין מיליטערישער געפאַנגענשאַפט.

ד.

פון כעלמיש איז געווען אַ גלײַכער און נאָענטער וועג קיין קאָוולע, נאָר צוליב דער פּאָן האָט מען באַשלאָסן צו גיין אַ ווײַטערן, אָבער מער זיכערן וועג, איבער מאַלקין ביאַליסטאָק. קיין באַמבעס זענען איצט נישט געפאַלן. דאָ און דאָרט האָבן די דײַטשן געכאַפּט אויף צוואַנגאַרבעט; אין אָוונט איז מען געווען פרײַ צו גיין ווײַטער. אין מאַלקין האָט מען געטראָפן אַזוי פיל היימישע פּנימער ווי אויף אַ וואָר־שעווער וואָקזאַל. די שרײַבערס פון די ייִדישע צײַטונגען האָבן מורא געהאַט אַז עס וועט ווערן געפערלעך ווען די דײַטשן וועלן איבער־לייענען וואָס זיי האָבן אַ מאָל געשריבן קעגן היטלערן. סוחרים וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן אַנטי־דײַטשן באָיקאָט, אַרבעטער־טוערס האָבן מורא געהאַט אַז מע וועט זיי באַשטראָפן פאַר זייער סאָציאַליזם. ציוי־ניסטישע פירערס וואָס זענען נאָר וואָס צוריקגעקומען פון דער שווייץ, ווו זיי זענען געווען אויף ציוניסטישן קאָנגרעס, זענען איצט געלאָפן צוריק. זיי זענען געקומען מחמת זיי האָבן געפילט אַז זיי מוזן זײַן מיט זייער עדה. מע האָט אָבער גיך אײַנגעזען אַז דער ייִד פון גאַס האָט מעגלעכקייטן זיך אַן עצה צו געבן; אַרעסטירן אַרעסטירט מען אומעטום די געזעלשאַפטלעכע טוערס. עס ווײַזט אויס אַז די דײַטשן זענען געקומען מיט גרייטע ליסטעס וועמען אָפּצורוימען פון וועג.

עס איז געווען אַ טריבער אָוונט אויף אַ שאָסיי פול מיט גריבער. די גרענעץ איז מען אַריבער אָן שוועריקייטן אָבער דווקא אויף יענער זײַט

גרענעץ איז נישט געווען צו פרייִלעך. אַ טאָג פריִער זענען פּאָליאַקן באַפאַלן די יידישע וואַנדערערס און טאָלעק איז צעשלאָגן געוואָרן ווי אַ ייִד. דעם פרימאָרגן האָט אַן אוקראַיִנישער מיליציסט געשלאָגן טאָלעקן ווי אַ פּאָליאַק. טאָלעק האָט געקלאָגט: „מיר ווערן געשלאָגן אויף אַלע וועגן, פאַר אַלעמענס חטאָים, מיר זענען דאָס כפּרה־הינדל פאַר דער גאַנצער וועלט".

„ווער ווייסט פאַר וואָס מע וועט אונדז שלאָגן אין ביאַליסטאָק?" איז זאָשקע נישט געווען אין קיין בעסערער שטימונג.

טאָלעק האָט זיך קוים געשלעפּט אָנגעלענט אויף זאָשקעס אַקסל: „מע דאַרף זיך דאָ פאַרהאַלטן כאָטש ביז ס'וועט טאָג ווערן".

„אויב מע וועט אונדז אַרײַנלאָזן ערגעץ אין אַ שײַער — — אפשר וועט דערווײַל אויפהערן רעגענען".

טאָלעק און זאָשקע האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער גרופּע און אַוועק אַליין; זיי האָבן געטראַכט אַז אַזוי איז בעסער פאַר דער פּאָן. אַרויס אין וועג אַרײַן איז געוואָרן אומהיימלעך אויפן געמיט. ווי מעג מען גיין אַליין ווען די שׂנאה סײַ צו יידן סײַ צו פּאָליאַקן איז אַזוי גרויס און די צײַטן זענען אַזוי הפקרדיק? מע קאָן דאָ פאַרפאַלן ווערן און עס זאָל נישט בלײַבן קיין צייכן.

אַ געקלאַפּ פון רעדער אויפן שאָסיי, אַ טומל און אַ געזאַנג האָט זיי אָנגעיאָגט פון הינטן. ס'איז היינט זונטיק, דאָס מוז זײַן אַ באַנדע שיכּורע אוקראַיִנער. ווער זינגט היינט אויב נישט שיכּורים? אפשר אויסציִען זיך אין דעם נאַסן ראָוו בײַם וועג ביז זיי וועלן אַריבער? טאָלעק איז דער ערשטער אַראָפּ פון שאָסיי, זאָשקע איז געבליבן שטיין. „טאָלעק, כ'ווייס נישט וואָס עס געשעעט מיט מיר. אַ חלום? אַ מיראַזש? מיר דאַכט זיך נאָר אַז איך הער באַקאַנטע חלוצישע געזאַנגען".

„דו אויך? כ'וועל דיר זאָגן וואָס עס איז. אַ סך חלוצישע לידער זענען צוגעפּאַסט געוואָרן צו אַלטע רוסישע און אוקראַיִנישע מעלאָדיעס. דאָ זינגט מען דאָס אָריגינעלע ליד".

„טאָלעק, הער זיך אײַן, איז דאָס נישט עברית?"

„ס'קאָן נישט זײַן, מיר זענען ווײַט פון אַ יידישן יישוב".

דאָס געזאַנג האָט זיך דערנענטערט, מע האָט שוין קלאָר געהערט קינדערישע קולות, אַ סך קינדערישע קולות, און דאָס געזאַנג איז געווען 'עם ישׂראל חי'. טאָלעק איז געבליבן שטיין פאַרגאַפט, זאָשקע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און גענומען לויפן אַקעגן דעם געזאַנג.

ווער פון אַ ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע האָט נישט געוווּסט וועגן צפּורהן פון דעם החלוץ־פאַרם־קיבוץ אין גראָכעוו? זאָשקע האָט זי איצט געטראָפן צום ערשטן מאָל. זאָשקע האָט נאָך אין כעלמיש געהערט אַז דער קיבוץ אין גראָכעוו איז באָמבאַרדירט געוואָרן, אַז די פאַרם איז באַראַבעוועט געוואָרן. אָבער ווו האָט צפּורה גענומען די אַלע קינדער? ווי קומען קינדער אין אַ הכשרה־קיבוץ?

ניין, קיבוצניקעס אין גלות האָבן נישט קיין קינדער. דאָס זענען קינדער פון פּוילישע ייִדן וואָס האָבן געוווינט אין דײַטשלאַנד. נאָך פאַרן אויסבראָך פון דער מלחמה האָבן די דײַטשן אַריבערגעוואָרפן די קינדער איבער דער גרענעץ קיין זבאָנשין. פון זבאָנשין האָט מען זיי געבראַכט קיין גראָכעוו זיי זאָלן דאָרט וואַרטן אויף עליה. צפּורה האָט מיט זיי געשוואַרצט די גרענעץ און פירט זיי קיין ביאַליסטאָק, פון דאָרט וועלן זיי אפשר קאָנען עולה זײַן.

## ה.

אַ צוג האָט זיך געטראָגן פון מאַלקין קיין וואַרשע. שמוגלערס מיט גרויסע קויבערס דאָרפישע פּראָדוקטן זענען אַרײַן און אַרויס אויף יעדער סטאַציע. צפּורה האָט מיטגענומען זאָשקען קיין וואַרשע און איר אָנגעזאָגט זי זאָל זיצן באַזונדער און נישט ווײַזן אַז זיי קענען זיך. צפּורה האָט געהאַט ברוינע אויגן, ברוינע האָר און אַן אָליוו־ברוינע הויט. עמעץ קאָן אין דעם זען אַ סימן אַז זי איז אַ ייִדין. אויב דאָס וועט געשען קאָן עס ברענגען שאָדן אויך צו זאָשקען מיט איר גוטן אויסזען.

זיי האָבן געשוואַרצט די גרענעץ צוזאַמען מיט אַ גרופּע יונגע פּוילישע סטודענטן וואָס זענען אַנטלאָפן פון די רוסן צו די דײַטשן אין דער „גענעראַל־גובערניע". אויף דער רוסישער זײַט זענען די פּאָליאַקן געוועזן זיס ווי צוקער צו דער ערשטער באַן־סטאַציע אויף דער דײַטשער זײַט האָבן זיי זיך אָנגעקומען צו אַ מכּה צוצולייגן. אָנגעקומען צו דער ערשטער באַן־סטאַציע אויף דער דײַטשער זײַט האָבן זיי זיך אָוועקגערוקט פון די ייִדן. ווען די דײַטשן האָבן גענומען אַרויסטרײַבן די ייִדן פון וואַרטזאַל האָט איינער פון זיי אָנגעוויזן אויף צפּורהן אַז זי איז אויך אַ ייִדישע. צפּורה האָט זיך צעשמייכלט און אויסגעזען אַזוי רויִק אַז די דײַטשן זענען אַפילו נישט צוגעגאַנגען זי לעגיטימירן.

די סטודענטן זענען שוין געהאַט אָוועקגעפאָרן מיט אַ פריִערדיקן צוג. איצט איז צפּורה געזעסן און געשמועסט לעבעדיק מיט די פּויערטעס און

קיינער האָט נישט געקוקט אויף איר מיט חשד. איז עס איר געשניצטע נאָז, איז עס אַ דאַנק די האָר וואָס זענען גלייַך און פאַלן שקציש איבער אירע אויגן, אָדער איז עס דאָס וואָס זי האַלט זיך אַזוי פרייַ? זי שמייכלט צו די גויעס, לאַכט מיט זיי און סודעט זיך מיט זיי ווי אַלטע באַקאַנטע. צפורה איז אַלע מאָל אַזוי זיכער מיט זיך, עס איז איר אַזוי לייַכט אָנצו־נעמען אַ באַשלוס. צפורה ווייסט אַלע מאָל וואָס צו זאָגן און וואָס צו טאָן, צפורה איז געבוירן געוואָרן צו זייַן אַ פירערין.

געקומען איז זאָשקע קיין ביאַליסטאָק מיט דער פאָן פון השומר, אָבער געאַרבעט האָט זי לרוב מיט צפורהן פון דרור. אַלע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָבן איצט געהאָלפן איינע דער אַנדערער, אָפט זענען אָפּגעווישט געוואָרן די גרענעצן צווישן איין אָרגאַניזאַציע און דער אַנדערער. זאָשקע האָט געאַרבעט מיט צפורהן בייַ די קינדער ביז זיי זענען אַוועק פון ביאַליסטאָק. די קינדער זענען איצט שוין אויפן וועג קיין ארץ־ישראל, טאַלעק באַגלייט זיי. זי האָט אויך געקאָנט זייַן מיט זיי און מיט טאַלעקן, אָבער ווען זי האָט געהערט אַז צפורה פאָרט צוריק האָט זי באַשלאָסן אויך צוריקצופאָרן. דער כּינוס האָט איר אָנגעטרויט אַ מיסיע, זי טראָגט דאָס אַחריות פאַר דעם קרייַז טשענסטעכאָוו. לויט די לעצטע ידיעות איז ווידער פאַראַן אַ הכשרה־פונקט אין טשענסטעכאָוו. איר פּלאַץ איז מיט איר קרייַז.

צפורה האָט אייַנגעדרימלט און די באַן האָט געטרייסלט מיט איר קאָפּ. די האָר זענען איר אַראָפּגעפאַלן איבערן שטערן און געקיצלט איר פּנים. זי האָט אויפגעהויבן אַ האַנט, אַ שאַר געטאָן די האָר פון פּנים און באַלד האָט איר קאָפּ ווידער אַראָפּגעהאָנגען, זי איז ווידער געשלאָפן.

מע קאָן נישט זאָגן אַז צפורה איז אַ שיינע, איר פּנים איז צו שמאָל, אירע באַקן אַ ביסל אייַנגעפאַלן. אָבער זי איז פול מיט חן. איר אויסזען איבעררעשט, פאַרכאַפּט. אויב זי, זאָשקע, וואָלט געווען אַ מאַן וואָלט זי זיך פאַרליבט אין צפורהן ביז איבער די אויערן. זי האָט זי סייַ ווי ליב מיט אַזאַ ספּעציעלער פאַרליבעניש. זי האָט הנאה צו זייַן לעבן איר און האָט הנאה צו קוקן אויף איר. זי האָט הנאה אַפילו ווען צפורה טוט אָן איר ווייַסע שבתדיקע בלוזע. ווען ווייַס זוימט אַרום איר אַליוור־ברוינעם האַלדז און אירע אויגן באַקומען אַ שבתדיקן גלאַנץ... מע חלשט פאַר אירע טריט, און נישט נאָר די דערוואַקסענע בחורים. זי קאָן זייַן צווישן קינדער אָדער עלטערע מענטשן, מענער אָדער פרויען — אירע זעלטן־שיינע, אויסדריקלעכע, טונקעלע אויגן זענען פול סייַ מיט שלווה,

סײַ מיט אויטאָריטעט. זי האָט די זיכערקייט אין זיך פון איינעם וואָס ווייסט אַלע מאָל וואָס צו טאָן און ווי אַזוי עס צו טאָן.

„פאָרט זי צוריק מחמת זי וויל זײַן מיט צפורהן?" האָט זאַשקע זיך געפרעגט. ניין, ס'איז גיכער ווײַל זי האָט נישט געוואָלט זײַן מיט טאָלעקן.

מיט דער צײַט וואָלט זיך אפשר עפּעס אַנטוויקלט צווישן איר און טאָלעקן. טאָלעק איז דאָך געווען דער ערשטער בחור וואָס האָט זי געקושט. אָבער — —

בײַ אירע קנאַפּע איין און צוואַנציק יאָר איז זי שוין אַן אַלמנה. משה האָט זיך געקלאָגט אַז זי איז געווען קאַלט צון אים און זי חושד געווען אַז זי האָט ליב אַן אַנדערן. זי האָט נישט געהאַט קיין אַנדערן און זי איז נישט קיין קאַלטע פרוי. ווען משה האָט נישט געוואָיעוועט, ווען זי האָט געהאַט מיט וואָס שטאָלץ צו זײַן אויף אים, ווי דעמאָלט אויף דער שיף ווען ער האָט זיך מוסר־נפש געווען פאַר די מעפּילים, האָט ער זיך נישט געהאַט אויף וואָס צו באַקלאָגן. ווען ער איז צוריקגעקומען פון דער נישט־געלונגענער העפּלה איז זי צוגעפאַלן צון אים מיט בענקעניש. יאָ, זי איז אויס בלוט און פלייש, אַנישט וואָלט זי זיך נישט אַזוי געוואָרפן אויף איר געלעגער אין די נעכט. בעת יענער נאַכט אין שײַער אויפן וועג קיין ביאַליסטאָק — האָט זי זיך דעמאָלט געטוליעט צו טאָלעקן מחמת עס איז איר געווען קאַלט אין לײַב, אָדער קאַלט אין געמיט? זי האָט געבענקט נאָך זײַן באַריר, נאָך אַ גלעט, אַ צערטלעך וואָרט. אָבער טאָלעק האָט גלײַך געזוכט תּכלית... וואָס מער ער האָט זיך געראַנגלט אַלץ מער פאַרשלאָסן איז זי געוואָרן. פּינטשע האָט געמאַכט אַ טעות, און משה האָט געמאַכט אַ טעות. זי איז נישט אַזוי קאַלט ווי משה האָט געמיינט, זי איז נישט אַזוי פרײַ מיט איר ליבע ווי פּינטשע האָט חושד געווען. אמת, זי גלייבט אין פרײַער ליבע, אָבער עס מוז זײַן ליבע...

ווו איז ערגעץ פּינטשע? איר טאַטע־מאַמע און יפה, איר שוועסטערל, זענען אין וואַרשע, אָבער אַנדערע פון גורוויטש האָט מען פאַרשיקט אויף אַנדערע מקומות.

וואָס עפּעס איז פּינטשע איר פּלוצלינג אַרײַן אין קאָפּ? די גבירישע זונדלעך מיט פולע קעשענעס געלט פילן נישט די מלחמה, זיי פרעסן און זויפן אַפילו הײַנט. איבער דעם וואָס דער פּינטשע האָט אָנגעהויבן איר נאָכלויפן מיט זײַן פאַרליבעניש האָט זי דעמאָלט איבערגעריסן די ערשטע שפּראָצן פון אַ געפיל צו טאָלעקן. ווען נישט דער פּינטשע...

טאָלעקן האָט זי אָנגעווירן ערשט מיט אַ וואָך צוריק ווען ער איז אַוועקגעפאָרן מיט די קינדער און זי האָט באַשלאָסן צו פאָרן צוריק. אירע אײַליקע באַשלוסן! ווען נאָר עפּעס גוטס קומט איר אָקעגן גיט זי פּולצלינג אַ שפּרונג אַרויס מיט אַ באַשלוס וואָס צעשטערט אַלץ.

זאָל זײַן אַז טאָלעק איז נישט אויסן געווען נאָר אַן איין־נאַכט־עפּיזאָד, נישט־געקוקט אויף דעם וואָס זײַנע ליפּן זענען געווען פאַרשלאָסן; זאָל זײַן אַז ער האָט געשוויגן מחמת ער איז נישט ווייניקער שעמעוודיק פון איר; זאָל זײַן אַז ער פּילט שוין עפּעס, און מיט דער צײַט וואָלט אויסגעוואַקסן צווישן זיי אַ גרויס געפיל. ווי קאָן מען טראַכטן וועגן זיך אין אַזאַ צײַט? זי האָט גענומען אויף זיך אַזאַ וואָגיקע התחייבות, אויף איר ליגט דאָס אַחריות פאַרן גאַנצן קרײַז טשענסטעכאָוו, און דאָרט איז איר אָרט. אויב עמעץ האָט שוין איבערגענומען איר אָרט אין טשענסטעכאָוו וועט זי צוריקגיין צון איר קיבוץ אין כעלמיש, אָדער גאָר העלפן צפורהן אין אירע שליחותן. צפורה האָט איר געזאָגט אַז פאַר אַ פאַרבינדלערין איז איר אויסזען ווערט שטיקער גאָלד. איצט איז נישט די צײַט ווען מע מעג טראַכטן וועגן זיך.

## קאַפּיטל זיבן

# דאָקטאָר לעמבערגער

### א.

אַ יונגער, שיינער, געראַטענער בחור פון פערצן יאָר, געזונט און שטאַרק, איז פּלוצלינג אַוועקגעפאַלן מיט אַ לונגען־אָנצינדונג. דאָקטאָר טאַדעוש לעמבערגער האָט נישט אָפּגעטראָטן פון זײַן זונס בעט, אָבער דאָס יינגל אַלעק האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם ערשטן קריזיס. בײַ דער לוויה האָט די אַכצן־יאָריקע האַלינאַ אונטערגעהאַלטן דעם טאַטן און אים כמעט געטראָגן אויף איר אָרעם. די מאַמע איז נאָכגעגאַנגען הינטערן אָרון אַ שטײַפע, אַ שטילע, מיט טרוקענע אויגן. אַ מאַן פון דער חברה־קדישא האָט געמוזט זאָגן דעם קדיש אָנשטאָט דעם טאַטן; טאַדעוש

האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען די ווערטער פון זײַן פאַרשטיקטער קעל. ערשט מיט צוויי טעג פריִער האָט לענאַ, זײַן ווײַב, אים געפרעגט צי מע זאָל נישט רופן נאָך אַ דאָקטאָר צון אַ קאָנסיליום און ער האָט געענטפערט אַז אַלץ גייט נאָרמאַל און עס איז נישטאָ וואָס זיך צו שרעקן. בום, בום, פאַלן איצט גרודעס ערד אויף די קרשים פון אַלעקס׳ קבר. בום, בום, טרייסלט עס מיט אים, ווי די גרודעס ערד וואָלטן געפאַלן אויף אים און פאַרחתמעט אַ קבר אין זײַן ברוסט. ערשט ווען מע האָט גענומען אַוועקגיין פון קבר האָט ער אַ קוק געטאָן אויף לענאַן. אירע אויגן זענען נאָך אַלץ געווען טרוקן.

עטלעכע טעג זענען אַריבער, פאַציענטן זענען ווידער געקומען צום דאָקטאָר און ער איז געגאַנגען צו פאַציענטן וואָס האָבן נישט געקאָנט קומען צון אים. אויב ער האָט פאַרפעלט גיין אויף אַ זיצונג פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג, אָדער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, איז מען געקומען מיט די פּראָבלעמען צון אים אַהיים. עס איז געווען ערב די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס און מע האָט זיך נישט געקאָנט באַגיין אָן דעם פרעזעס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אַלעקס׳ געשטאַלט איז אויפגעשווומען פאַר אים אין מיטן דער אַרבעט, דאָ אַ לעבעדיקער און שטיפערישער, דאָ אין תּכריכים, ווען מע טראָגט אים אַרויס פון הויז אויף אייביק. אָבער טאַדעוש איז ווײַטער אָנגעגאַנגען מיט זײַן אַרבעט, ער איז אַלע מאָל געווען און מוז אויך ווײַטער זײַן אַ דיסציפּלינירטער מענטש וואָס פירט אויס זײַנע אחריותן. לענאַ איז געבליבן שטיל און שטײַף ווי בעת דער לוויה. די דינסט האָט געפירט דאָס הויז, די טאָכטער האָט געענטפערט דעם טעלעפאָן און גערעדט צום טאָטן בײַם טיש. לענאַ איז געוואָרן נאָך שטילער, נאָך דינער — אַ שאָטן.

עס האָט אָנגערוקט וואַקאַציע־צײַט. ד״ר לעמבערגער האָט געהאַט געפּלאַנט צו פאָרן קיין זשענעוו אין דער שווייץ אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס. פאַר אים וואָלט גוט געווען צו זײַן אויף אַ טומלדיקן וועלט־קאָנגרעס. אָבער לענאַ האָט געדאַרפט מנוחה, זיי זענען געפאָרן קיין יערעמטשע אין די בעסקידן־בערג.

קיין מנוחה איז נישט געווען אַפילו אין דעם קוראָרט. דער ראַדיאָ האָט געטומלט מיט היטלערס סטראַשונקעס. אַ ציטער איז אַדורך איבערן לײַב ווען בערלין האָט אָנאָנסירט דעם ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו־פּאַקט. צוויי טעג שפּעטער האָט ענגלאַנד ראַטיפיצירט דעם בריטיש־פּוילישן אָפּמאַך פאַר קעגנזײַטיקער הילף, און די געמיטער האָבן זיך באַרויִקט.

דאָס נישט־גלייבלעכע איז געשען: היטלערס חילות זענען אַריבער די פּוילישע גרענעץ. באַלינייעס זענען באָמבאַרדירט געוואָרן, אָבער קיין פּוילישע עראָפּלאַנען האָט מען נישט געזען. איז מען טאַקע אַזוי „שטאַרק, פאַראייניקט און גרייט" ווי עס האָט פאַרזיכערט דער מאַרשאַל רידז שמיגלי? סע האָט זיך אויפגעוועקט אַ האָפן ווען ענגלאַנד און פראַנקרייַך האָבן דערקלערט מלחמה מיט דייַטשלאַנד. אָבער דערוויַיל זענען נייַע שטיקער פּוילן אייַנגעשלונגען געוואָרן דורכן שונא יעדן טאָג, יעדע שעה. וואָס טוט מען?

עס איז געקומען אַ רוף פון דער פּוילישער רעגירונג, אַלע קאַמפּ־פעיִקע מענער זאָלן אַנטלויפן צו די מיזרח־געביטן. וואַרשע איז אַרומ־גערינגלט, אָבער שטעלט אַ העלדישן ווידערשטאַנד. מע האָפט צו אָרגאַ־ניזירן אַ קאָנטער־אָפענסיווע ערגעץ ווו אויף מיזרח.

טאַדעוש לעמבערגער איז שוין געווען נאָכן מיליטער־עלטער, אָבער ער איז אַ דאָקטאָר און מע דאַרף זיכער דאָקטוירים אין די פראָנט־שפּיטאָלן. מע האָט געזאָגט אַז די רעגירונג איז אַוועק פון וואַרשע קיין לובלין, האָט לעמבערגער געזוכט קאָמוניקאַציע צו פאָרן אַהין. קיין באַנען זענען מער נישט געווען און ביז ער וועט אָנקומען צו פוס — — עס איז אַ בליצקריג. קאָן ער איבערלאָזן לענאַן אין אַ פרעמדער שטאָט אין גאַנצן אַליין אין אַזאַ צייַט?

לעמבערגער איז אַוועק זיך מעלדן צו דער לאָקאַלער פּאָליציי; דאָרט האָט ער זיך דערוווּסט אַז די פּוילישע רעגירונג איז אַוועק צו דער רומענישער גרענעץ, אַז דער בירגער־מייַסטער איז שוין אויך אַוועק פון שטאָט, אַז ער מוז אַליין באַשליסן וווּהין און ווי אַזוי אַנצוקומען.

לענאַ האָט אַוועקגעגעבן אַ בריליאַנטענעם רינג פאַר אַ פערד־און־וואָגן. די גוטע פערד האָט די אַרמיי שוין געהאַט צוגענומען. די שקאַפּע האָט קוים געשלעפּט דאָס וועגעלע. מע האָט זיך באַוועגט נישט קיין סך שנעלער ווי צו פוס. די וועגן זענען געווען פאַרשטאָפּט מיט פּליטים. אין אַ טאָג מיט אַ נאַכט איז מען געקומען פאַרויס מיט ווייניקער ווי צען קילאָמעטער. פאַר טאָג האָט זיי פאַרהאַלטן אַ הויכער ברייטפּלייציקער מאַן, ער האָט געהייסן וויַיזן די דאָקומענטן, און צום סוף געזאָגט אַז ער איז אַן אָפיציר אין דער פּוילישער אַרמיי און אַז ער רעקווירירט פערד־און־וואָגן פאַר מלחמה־געברויך. לעמבערגער איז נאָך נישט געווען איבערגעצייַגט אַז דער מאַן איז טאַקע אַן אָפיציר און אַז ער האָט טאַקע אַ רעכט צו רעקווירירן, אָבער יענער האָט אויסגעשטרעקט צום דאָקטאָר

אַ רעוואָלווער וואָס האָט אויסגעזען זייער איבערצײַגעוודיק. דער פרעמ־דער האָט פאַרלאַנגט נאָר פערד־און־וואָגן אָבער די לעמבערגערס האָבן איבערגעלאָזט אַלע זייערע וואַליזעס און גענומען נאָר די רוקזעק מיט שפּײַז. עס איז נישט געבליבן קיין כּוח צו שלעפן מער.

מע האָט פאַרלוירן דעם חשבון פון די טעג. איבערגעשלאָפן איין נאַכט אין אַ פויערס שײַער, די צווייטע נאַכט געגאַנגען אָן אָפּשטעל און אָן רו. באַצאָלט אַן אוצר צו מעגן אָנהענגען זיך אין אַ פויערישן וואָגן און באַלד געמוזט אַראָפּשפּרינגען און אַריבערלויפן אין פעלד אַריין ווען פײַנטלעכע עראָפּלאַנען האָבן זיך דערנענטערט. ווען זיי זענען צוריקגעקומען צום שאָסיי איז דער וואָגן שוין נישט געווען, און די פּיס זענען געווען געשוואָלן און אָנגעריבן מיט בלאָזן פון לאַנגן גיין. עס איז אָנגעקומען אַ קאָלומנע אַרמיי־וואָגנס מיט אַפּראָוויזאַציע. לעמבערגער האָט זיך געבעטן בײַם עלטסטן זיי זאָלן אים מיטנעמען: „איך בין אַ דאָקטאָר, איך קאָן אײַך צו נוץ קומען".

„אַלע זאָגן אַז זיי זענען דאָקטוירים", האָט דער סערזשאַנט זיך אָפּגע־בייזערט און אָפּילו נישט געוואָלט קוקן אין דעם דאָקטאָרס דאָקומענטן.

געשלעפּט זיך אויף די געשוואָלענע פּיס, פון דעסט וועגן האָבן די לעמבערגערס צו מאָרגנס אָנגעיאָגט די מיליטערישע אַפּראָוויזאַציע־וואָגנס, די פערד און אַלץ וואָס זיי האָבן געפירט איז געווען צעשפּליטערט און צעזייט איבערן וועג און איבער די פעלדער אַרום. דער דאָקטאָר האָט געגנישטערט צווישן די שפּליטערן, אָפּגעשטעלט זיך בײַ יעדן קרבן און נישט געפונען קיין איינעם וואָס נייטיקט זיך נאָך אין הילף. אַכיבע עס איז שוין געווען דאָ אַ דאָקטאָר, אַכיבע מע האָט שוין באַוויזן אָוועקצופירן די פאַרוווּנדיקטע.

„אַז מע גייט מיט אַ פאַרזשאַווערטער פּיקע קעגן אַ טאַנק, אַז מיר האָבן נאָר אַן אַלטע ביקס קעגן אַ טשאַטשע עראָפּלאַנען", האָט עמעץ געקלאָ־גט, „אַ טאָטאַלער חורבן, ווײַל די עראָפּלאַנען קאָנען אומגעשטערט אַראָפּ־לאָזן זיך ביז אויף די קעפּ פון אונדזערע סאָלדאַטן".

„דאָס איז דײַן איינציק שטיקל מלבוש", האָט לענאַ דערמאָנט איר מאַן ווען ער איז צוריקגעקומען אין גאַנצן אויסגעשמירט אין בלוט. ער האָט איר געוויזן אויף זײַן רוקזאַק וואָס איז ווידער געווען פול. „סוכאַרעס, געטרוקנטע פּרוכט, סלאָנינע: זיי וועלן עס שוין נישט דאַרפן", האָט ער געוויזן אויף דעם אַרום וואָס איז געווען באַזייט מיט געהרגעטע.

די פּיס פאַרוווּנדיקט פון לאַנגן גיין, די שאָסייען צעריסן פון באָמבעס, און פון הינטער זיי האָט מען שוין געהערט האַרמאַטן־שאָסן. אוודאי די

דײַטשע אַרטילעריע. קאָנען ער און לענאַ לויפן אויף זייערע צעקאַליעטשע־טע פיס שנעלער ווי די מאָטאָריזירטע דײַטשע אַרמייען? אָבער ווי קאָן מען בלײַבן שטיין ווען אַלע לויפן. לענאַ האָט געוואָלט מע זאָל לויפן קיין לעמבעריק, אָבער עמעץ האָט געהערט אַ דײַטשן ראַדיאָ־קאָמוניקאַט אַז לעמבעריק איז שוין אַרומגערינגלט. אויב דאָס לויפן האָט אַ זין דאַרף מען זיך צוקריגן צו דער רומענישער גרענעץ. די פּוילישע רעגירונג איז שוין דאָרט אַריבער די גרענעץ כאָטש וואַרשע שטעלט נאָך אַ ווידער־שטאַנד.

עס איז געוואָרן אַ טומל צווישן די פּליטים אויפן שאָסיי, מע האָט געשריגן, געוויינט און אַרויפגעפּאַלן מיט קושן אויף מענטשן וואָס מע האָט נישט געקענט. איז געשען עפּעס אַ נס?

איז עס מעגלעך? עמעץ האָט געבראַכט אַ נײַעס אַז די רויטע אַרמיי איז אַריבער די פּוילישע גרענעץ און גייט קעגן די דײַטשן. איז סטאַלין אויסן געווען נאָר אַרײַנצונאַרן היטלערן אין אַ פּאַסטקע? דער ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו־פּאַקט האָט זיך טאָקע נישט געלייגט אויפן שׂכל.

עט, קלאַנגען, קלאַנגען. אויב מע זאָל גלייבן די אַלע „קאַטשקעס" וואָס פאַרשפּרייטן זיך זינט דעם אויסבראָך פון דער מלחמה זענען די דײַטשן שוין באַזיגט, זייער מיליטער צעשמעטערט, טאָ ווי קומט עס וואָס מע הערט שוין דאָ זייער אַרטילעריע און וואָס זיי האָבן שוין אַרום־גערינגלט לעמבעריק?

עס איז שוין געווען שפּעט בײַ נאַכט ווען לענאַ און טאַדעוש לעמ־בערגער זענען אָנגעקומען קיין טשאָרטקעוו. זיי האָבן געזוכט אַ פּלאַץ ווו איבערצושלאָפן, מע האָט זיי געזאָגט אַז קהל האָט צוגעגרייט אַ נאַכטלעגער פאַר פּליטים אין בית־מדרש, מע האָט דאָרט אויסגעשפּרייט שטרוי אויף דער פּאָדלאָגע.

אין בית־מדרש האָט עמעץ זיי געגעבן אַ פּריש בינטל שטרוי, עס איז נאָך געווען אויף דער פּאָדלאָגע פּלאַץ ווו זיך אָוועקצולייגן. זיי האָבן שוין זינט נעכט נישט געהאַט אַזאַ גוט געלעגער און זענען שנעל פאַר־זונקען אין אַ טיפן שלאָף.

הורא־געשרייען האָבן זיי אויפגעוועקט, פון דרויסן האָט זיך געהערט דאָס געקלאַפּער פון אַ טאַנק אויף דעם שטיינערנעם ברוק. טאַדעוש איז אויפגעשפּרונגען און געשטופּט זיך צום פענצטער; האָבן די דײַטשן שוין דערגרייכט אַהער? ווער איז זיי דאָס מקבל־פּנים מיט אַזעלכע פריידיקע אויסרופן?

„לענאַ, לענאַ, קום אַהער!" האָט טאַדעוש זיך צעשריגן ווען ער האָט באַוויזן אַרויסצוקוקן דורך דער געדיכטעניש פון מענטשן וואָס האָבן באַלאַגערט דאָס פענצטער. „לענאַ, די רוסן זענען דאָ!"

ב.

פאַר וואָס פאָרט ער צוריק? איז דאָקטאָר לעמבערגער אַליין נישט געווען זיכער וואָס עס האָט אים באַוויגן עס צו טאָן. לויפט ער אַהיים צוליב האַלינקען — אַ יונג שיין מיידל אַליין, אין אַזאַ צײַט...? אָבער עס וואָלט לײַכטער געווען פאַר האַלינקען צו קומען אַהער. איז עס מחמת דעם וואָס לענאַ איז נאָך אַלץ נישט געקומען צו זיך נאָך דעם אומגליק מיט אַלעקן, און זי איז נישט בכּוח זיך אַרומצוּוואַלגערן און שלאָפן יעדע נאַכט אויף אַן אַנדער בעט? דער אמת איז אַז לענאַ האָט ערשט בעת דעם אַנטלויפן זיך אויפגעוועקט ווי פון אַ לעטאַרגיע און איז איצט וואַך צו דעם וואָס קומט פאַר אַרום איר. איז עס דאָס באַקוועמע הויז, די זאַכן? וואָס פאַר אַ חשיבות אַלע ווערטזאַכן האָבן, האָט מען געזען בעתן לויפן אויף די באָמבאַרדירטע וועגן. ווער עס האָט געוואָלט האָט געקאָנט אויפקלויבן אַ פאַרמעגן פון די אַוועקגעוואָרפענע זאַכן. דאָס וואָס מע האָט אין טשאָרטקעוו באַלד אַרעסטירט צוויי רעוויזיאָניסטישע טוערס האָט טאַקע אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלע ציוניסטן, אָבער עס קאָן דאָך בײַ די קאָמוניסטן נישט זײַן ערגער ווי בײַ די דײַטשן.

טאַדעוש לעמבערגער און זײַן ווייב לענאַ האָבן זיך געטראָגן אין אַן איבערגעפּאַקטן באַנוואַגאָן איבער דער אָקופּירטער גענעראַל־גובערניע צוריק אַהיים קיין כעלמיש. אַ סך ייִדן וואָלטן אַוועקגעגעבן דאָס לעצטע העמד צו קומען אַהין פון וואַנען ער איז אַוועק, און ער ווייסט אַפילו נישט אויף זיכער פאַר וואָס ער האָט עס געטאָן. צו לענאַן האָט ער געערדט באַמבאַסטישע רייד וועגן דעם אַז ער איז דער ראש־הקהל פון כעלמיש און טאָר נישט איבערלאָזן זײַן עדה אויף הפקר אין אַזאַ קריי־טישער צײַט. איז פאַראַן דערין כאָטש אַ שמץ אמת? ער רעדט אַ גוטן דײַטש, ער האָט אַ סך פּאַציענטן און אויך פרײַנד צווישן די אָרטיקע דײַטשן, די אַזוי גערופענע „פאָלקס דויטשען". ווי לאַנג וועט דען היטלערס ממשלה אָנהאַלטן נאָך דעם ווי ענגלאַנד און פראַנקרײַך וועלן אָנהייבן אַן אָפענסיווע. ביז וואָס, ביז ווען, דאַרף מען עמעצן וואָס זאָל קאָנען

אָפּשרײַען אַ גזירה, אָדער אָפּלייגן זי אַזוי לאַנג ביז די ישועה וועט דערוויַיל קומען.

לענגאַ האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, סײַ ווען ער האָט גערעדט וועגן בלײַבן, סײַ ווען ער האָט געזוכט צו באַרעכטיקן דאָס צוריקפאָרן. דער שאָק פון מלחמה האָט זי אַרויסגעריסן פון איר דעפּרעסיע, אָבער אין גאַנצן אויסגעהיילט איז זי נאָך נישט. קיין שטיק געזונט קומט איר נישט צו פון דעם וואַלגערן זיך אין דער פרעמד. אין כעלמיש וואָרט אויף איר איר אייגן באַקוועם הויז, איר דינסט און איר היימישע סביבה. אויב עס זאָל זיך אַרויסווײַזן אַז אין דער היים איז נישט אַזוי גוט ווי ער מיינט, האָט ער אַלע מאָל צײַט אויסצודרייען דעם דישל אויף צוריק. דאָס שוואַרצן די גרענעץ איז גאָר נישט אַזוי שווער, און אויב ער וועט טאַקע פאָרן צוריק וועט האַליבקע זײַן מיט אים און עס וועט אויך זײַן מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר אַ נאַכטלעגער, פאַר אַ טעלער זופּ. די אָפּגע־שפּאָרטע געלטער אין דער פּע־קאָ־אָ האָבן שוין אַוודאי נישט קיין ווערט, אָבער ער האָט אין דער היים געגנוג ווערטזאַכן וואָס מע קאָן נעמען מיט זיך. לכל־הפּחות וועט ער נישט לײַדן קיין נויט.

דײַטשע סאָלדאַטן זענען אַרײַן און אַרויס אויף יעדער סטאַציע. אַ פרײַלין האָט זיך געחנדלט צון אַ דײַטשן סאָלדאַט: „איך בין געבוירן און אויפגעוואַקסן דאָ, אָבער איך האָב אַלע מאָל געטרוימט צו פאָרן נאָך היימאַט, איז גאָר די היימאַט געקומען צו מיר...״

די מלחמה וועט אויסהיילן די פּאָליאַקן פון אַנטיסעמיטיזם. זיי האָבן געזען אַ שונא אין די לאָיאַלע פּאַטריאָטישע ייִדן און האָבן זיך געפרײַנדלט מיט דײַטשן וואָס האָבן שפּיאָנירט פאַר זייער היימאַט און העלפן איצט אונטערדריקן דאָס פּוילישע פאָלק.

ג.

אַז אָרטיקער דײַטש האָט דערקענט דעם דאָקטאָר ווי נאָר ער איז אַראָפּ פון דער באַן. „יודען", האָט יענער גערופן אַ דײַטשן וואַכמאַן און אָנגע־וויזן אויף טאַדעושן און לענגאַן. לענגאַן האָט מען פאַרהאַלטן אויפן וואָקזאַל זי זאָל דאָרט וואַשן די דילן; טאַדעושן האָט מען אַוועקגעפירט צו משא־וואָגאָנען אָפּלאָדן קוילן. דאָ האָט ער געהאַט דעם ערשטן צוזאַ־מענטרעף מיט אָרטיקע ייִדן וואָס זענען אויך געכאַפּט געוואָרן צו דער אַרבעט. יאָ, זײַן האַליבקע איז ניצול געוואָרן. זי איז אויך געווען צווישן

די פופצן הונדערט דעם שוואַרצן מיטוואָך. ער ווייסט גאָר נישט וועגן דעם שוואַרצן מיטוואָך? פופצן הונדערט ייִדן אַרויסגעטריבן פון זייערע היימען, געיאָגט זיי הינטער דער שטאָט און געשאָסן. אַ סך זענען געפאַלן, אַ גאַנצע שורה נייַע קברים אויפן בית־עולם. האַלינקע וווינט איצט מיט די חלוצים אין דעם הכשרה־קיבוץ. זייַן הויז? ער ווייסט נישט? זייַן היים איז איצט די היים פון דעם רשע־מרושע, דעם קאָמענדאַנט קראַנץ וואָס האָט געמאַכט דעם שוואַרצן מיטוואָך. נאָך אַ נס וואָס מע האָט אים געכאַפּט צו דער אַרבעט און געבראַכט אַהער. אויב ער וואָלט אַוועק אַהיים, ווער ווייסט צי ער וואָלט אַרויס פון דאָרט אַ לעבעדיקער. „געווען אויף יענער זייַט און צוריקגעקומען אַהער? זאָל דער פּאַן דאָקטאָר מוחל זייַן, אָבער מע דאַרף זייַן — — קיין גרויסע חכמה איז עס נישט געווען".

מע האָט ווי עס איז אייַנגעאָרדנט דעם דאָקטאָר אין אַ דירה. האַלינקע איז אַהיימגעקומען צוליב דער מוטער, אָבער באמת וואָלט זי געוואָלט בלייַבן אין קיבוץ. זי האָט דאָרט געאַרבעט שווער ווי קיין מאָל פריִער אין איר לעבן. זי האָט זיך פאַרדונגען פאַר אַ דינסט. צי זי האָט זיך נישט געשעמט? זי איז נאָך קיין מאָל נישט געווען אַזוי שטאָלץ, אַזוי צופרידן מיט זיך. דער טאַטע איז פּרעזעס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אָבער זי האָט ער געפּאַשעט מיט פּוילישן פּאַטריאָטיזם, מיט פּוילישער ליטעראַטור, די שפּראַך פון זייער היים איז געווען פּויליש. אַז אַ ייִדישער פּאַציענט וואָס איז געקומען צום טאַטן האָט פּראָבירט רעדן צו איר ייִדיש האָט זי נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. זי האָט געהאַט חברטעס, נאָענטע חברטעס צווישן די פּאַליאַקן און די פאָלקס־דייַטשן; ווי וואָלט געווען צון איר אויב זי וואָלט באַדאַרפט אָנקומען צו איינער פון זיי. אין דעם קיבוץ אַרבעטן זיי שווער, אָבער זיי ווייסן פאַר וואָס זיי אַרבעטן, זיי ווייסן פאַר וואָס זיי לייַדן. נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט פאַרברענגט מען די צייַט אין שיחות. יאָ, עס איז אַ פאַרברענגען. ס'איז גוט צו וויסן פון וואַנען מע שטאַמט, ווער מען איז און צו וואָס מע שטרעבט. „יאָ, פּאַפּאַ, אַ דינסט קאָן ליגן אויף דער פּאַדלאָגע, וואַשן יענעמס שמוץ און זייַן מער שטאָלץ ווי אַ רייַכן דאָקטאָרס פאַרפּיעשטשעט טעכטערל".

וואָס ער קלערט צו טאָן? זאָל נאָר לענאַ זיך אָפּרוען פון דעם לאַנגן וואַנדערן וועט ער אַוועק צוריק אַריבער דער גרענעץ. אָבער איידער ער וועט אַוועק מוז ער עפּעס טאָן פאַר זייַן קהילה. בייַ טאָג כאַפּט מען צו דער אַרבעט, בייַ נאַכט איז שפּער־שטונדע ווען קיינער טאָר נישט

אַרויס אין גאַס. מע קאָן נישט אַרבעטן, מע קאָן נישט האַנדלען, מע קאָן נישט פירן קיין נאָרמאַל לעבן. אויב די „באַהערדן" דאַרפן יעדן טאָג אַ צאָל אַרבעטערס וועט מען זיי צושטעלן די אַרבעטערס, און די אַנדערע זאָלן קאָנען אָנגיין מיט זייער נאָרמאַלן טאָג־טעגלעכן לעבן.

„דער שטאָט־קאָמענדאַנט זוכט נאָר תּחבולות צו פּייניקן די ייִדן, נישט צו לאָזן זיי פירן אַ נאָרמאַל טאָג־טעגלעך לעבן. ער וועט קיין מאָל נישט מסכּים זיין", האָט מען געוואָרנט דעם דאָקטאָר.

צו אַלעמענס שטוינען האָט דער דאָקטאָר גענומען אויף זיך די סכּנה און איז אַוועק צום קאָמענדאַנט מיט זיין פּראָפּאָזיציע. מע האָט נאָך מער געשטוינט ווען דער דאָקטאָר האָט געבראַכט די בשׂורה אַז דער קאָמענדאַנט האָט אָנגענומען זיין פֿירלייג. דער קאָמענדאַנט האָט אויך נאָמינירט דעם דאָקטאָר ווי „דען עלטעסטען", דער דאָקטאָר דאַרף אַליין אויסקלויבן די מיטגלידער פון זיין ראַט.

ד.

דאָקטאָר לעמבערגער איז געקומען צום אַלטן ר' אַהרן פרידע און אים געבעטן ער זאָל אויך ווערן אַ מיטגליד אין יודנראַט. ראשית, וועט עס אים באַשיצן פון שיקאַנעס, שנית, איז ער דאָך דער נישט־אָפיציעלער רב פון כעלמיש, און אַ רב איז אַלע מאָל עקס־אָפיציאָ אַ מיטגליד אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג.

נאָך איידער ר' אַהרן האָט באַוויזן עפּעס צו זאָגן איז אויפגעשפּרונגען זיין זון יוסף און געשריגן דעם דאָקטאָר אין פּנים אַריין: „מיין טאַטע וועט נישט זיין אין קיין שום דייטשן ראַט, מיין טאַטע וועט נישט זיין קיין קאָלאַבאָראַטאָר!"

„וואָס זאָגט איר נישט צו דער חוצפּה?" האָט לעמבערגער זיך גע־וואָנדן דירעקט צו ר' אַהרנען, און יוספן אַפילו נישט געשענקט קיין בליק, „איך האָב איצט געקאָנט זיין אין רומעניע, איך זיץ דאָ און שטעל זיך איין פאַר קהל און דער יונגער־מאַן האָט די העזה מיך צו רופן קאָלאַבאָראַטאָר".

„אַ יודנראַט, נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן. וועגן וואָס וועט איר זיך באַראָטן? איר וועט נאָר אויספירן דייטשע באַפעלן און דאָס איז קאָלאַ־באָראַציע", האָט יוסף זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניקע.

„אַז מע שטייט ביי דער שיסל, ווייסט מען וואָס עס טוט זיך, מע קאָן

זיך אָפּבעטן. אויב נישט אָפּשרײַען אַ גזירה קאָן מען וואָרענען קעגן איר. דו ווילסט נאָך אַ שוואַרצן מיטוואָך ?"

„איך בין געווען צווישן די געיאָגטע אין שוואַרצן מיטוואָך, איך געטרוי זיי נישט".

„און איך געטרוי זיי יאָ ? מײַן האַלינקע איז אויך געווען צווישן די געיאָגטע דעם שוואַרצן מיטוואָך. דו, יוסף", האָט איצט לעמבערגער גערעדט צו יוספן דירעקט, „דו קענסט מיך אַזוי גוט ווי דײַן טאַטע. דו האָסט פּאַרטרעטן אַן אַנדערע פּראַקציע אָבער מיר האָבן געאַרבעט צוזאַמען אין ציוניסטישן ראַט. דו ווייסט אַז איך באַמי זיך זײַן ערלעך און גראָדליניק, דו ווייסט אַז נישט צוליב כּבוד און נישט צוליב אייגננוצן האָב איך גענומען אויף זיך דאָס פּעקל".

„חבר לעמבערגער", האָט יוסף איצט גערעדט ווייכער, „דער טאַטע ווינקט צו מיר, איך ווייס וואָס ער וויל מיר זאָגן, ער וויל מיר זאָגן איך זאָל דרך־ארץ האָבן פאַר אײַך. גלייבט מיר, איך האָב דרך־ארץ פאַר אײַך. אײַער האַלינקע איז אַ טײַער מיידל און איך האָב נישט קיין ספקות וועגן די גוטע כּוונות פון איר טאָטן. אָבער איר זענט דער פּרעזעס פון דעם ראַט פון אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. מיר, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, האָבן אײַך געשיקט ווי אונדזער פאָרשטייער אין דער קהילה. וואָס פאַר אַ רעכט האָט איר אַליין צו באַשליסן וועגן אַזאַ פּירלייג פון שונא ? רופט אַ זיצונג און הערט וואָס אַנדערע האָבן צו זאָגן וועגן דעם".

„ר' אַהרן, זאָגט אײַער זון, דעם פאַנאַטיקער, וואָס יידן האָבן הײַנט אין דער פרי געזאָגט אין בית־מדרש. מע גייט ווידער דאַווענען מיט מנין, מע קאָן אַרויסגיין אין גאַס זוכן פּרנסה — —"

„פאַר וואָסער פּרײַז ?" האָט יוסף אים איבערגעריסן.

„גוט, מיר שטעלן צו יעדן טאָג הונדערט אַרבעטערס. מיר כאַפּן נישט אין די גאַסן, מיר נייטן קיינעם נישט. די חלוצים פון קיבוץ האָבן דערפון פּרנסה און קהל האָט מנוחה. רופן אַ זיצונג פון ציוניסטישן ראַט ? כ'זע דאָך שוין מיט וועמען איך האָב צו טאָן. עס שטייט צו פיל אין קאָן, און איך ווייס אַז קהל איז מיט מיר. איך וואָלט אַפילו נישט גערעדט מיט דיר ווען נישט צוליב דײַן טאַטן. מאָרגן האָבן מיר די ערשטע זיצונג פון ראַט. איר וועט קומען, ר' אַהרן ?"

„איך בין שוין צו אַלט פאַר די זאַכן, דאָקטאָר".

„אויספירן דײַטשע באַפעלן איז קאָלאַבאָראַציע !" האָט יוסף נאָכגעשריגן דעם דאָקטאָר ווען ער איז שוין געווען אויפן וועג אַרויסצוגיין.

## קאַפּיטל אַכט

# אין כעלמיש

א.

עליאַש בלאַנקן האָט מען נישט מאָביליזירט אין דער פּוילישער אַרמיי נישט־געקוקט אויף דעם וואָס ער איז געווען אַ רעזערוויסט. אפשר האָט מען פּשוט נישט באַוויזן צו רופן אַלע רעזערוויסטן און אפשר האָט מען אים נישט גערופן איבער פּאָליטישע מאָטיוון. מע האָט חושד געווען אַז ער סימפּאַטיזירט מיט די קאָמוניסטן. יעדעס יאָר ערב דעם ערשטן מײַ האָט מען אים אַרעסטירט און געהאַלטן ביז נאָך דעם אַרבעטער־יום־טוב. אַ צוויי אָדער דרײַ יאָר פאַר דער מלחמה איז ער געווען עטלעכע חדשים אויף אַדמיניסטראַטיווער פאַרשיקונג אין דעם פּוילישן קאָנצענטראַציע־לאַגער קאַרטוז־בערעזע.

אין שטאָט איז געווען אַ חידוש וואָס שוין נאָך דעם ווי עס איז באַקאַנט געוואָרן וועגן דעם ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו־פּאַקט, האָט עליאַש פרײַוויליק זיך געמאָלדן צום מיליטער. דער חידוש איז געווען נאָך גרעסער וואָס מע האָט אים צוגענומען, נישט־געקוקט אויף זײַנע אַמאָליקע חטאָים.

קיין געלעגנהייט צו קעמפן האָט עליאַש נישט געהאַט. ער האָט זיך געשלעפּט מיט אַ קאָנוואָי מיליטערישע פערד־און־וואָגנס וואָס האָבן באַדאַרפט ברענגען צום פראָנט אַמוניציע און שפּײַז. באַלד דעם ערשטן טאָג מלחמה זענען אויפגעריסן געוואָרן דער רוב באַנליניעס. די בריקן זענען צעשטערט געוואָרן, די הויפּטוועגן פול מיט גריבער פון שראַפּנעלן און באָמבעס. עליאַש האָט, ווי די אַנדערע, פּראָבירט שיסן פון זײַן ביקס צו די עראָפּלאַנען וואָס האָבן אָנגעגריפן זײַן קאָנוואָי און געוווּסט אַז זײַן קויל קאָן זיי נישט דערגרייכן. איידער נאָך עס איז געווען אַ געלעגנהייט פאַר אַ מאַן־צו־מאַן־שלאַכט זענען זיי געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן און דער אָפיציר האָט אויפגעהויבן אַ ווײַסע פאָן.

מע האָט זיי געפירט לענג־אויס די טײַכן פּראָסנע און וואַרטע אַזש ביז נאָך דער שטאָט קאָנין וווּ די דײַטשן האָבן שוין געהאַט באַוויזן אויפצושטעלן אַ לאַגער פאַר געפאַנגענע סאָלדאַטן, אַ סטאַלאַג. די רייעס זענען געוואַקסן ביז די קאָלאָנעס האָבן זיך געצויגן אויף אַ מרחק, אַז

פון איין עק האָט מען נישט געזען דעם אַנדערן. טעג און נעכט האָט מען זיי געפירט דורך הינטערוועגן. ווען מע האָט אין איין פרימאָרגן זיי אַרויס־געפירט אויף דעם הויפטוועג האָט עליאַש פאַרשטאַנען אַז די דײַטשן דאַרפן שוין מער נישט האַלטן די הויפטוועגן פאַר דער באַוועגונג פון זייער מיליטער צו די פראָנטן, עס מוז שוין זײַן נאָך אַלעמען.

עס איז געווען אַ הייסער סעפטעמבער, די זון האָט געבאַקן איבער די קעפּ און דאָס לײַב אונטער די שווערע מונדירן האָט אויסגעפּאַרעט יעדע פײַכטקייט. אַזוי לאַנג ווי מען איז געגאַנגען פּאַזע דעם טײַך האָט מען געקאָנט אַנשעפּן פולע הויפּנס וואַסער, ברענגען עס צום מויל און אַפילו קילן דערמיט דאָס זון־צעבאַקענע פּנים. אויב מע האָט גערוט נעבן אַ טײַך האָט מען אַפילו געקאָנט אויסטאָן די שיך און אײַנטונקען די פאַרווונדיקטע פיס. טאַקע בײַ אַזאַ אָפּרו איז אַ געפאַנגענער פּאָליאַק באַפאַלן אַ ייִד און צוגערויבט דעם ייִדנס שיך. „די שיך זענען דאָס אייגנטום פון אונדזער פּוילישער אַרמיי", האָט ער געטענהט, „פאַר וואָס זאָל איך, אַ פּאָליאַק, טראָגן צעריסענע לאַפּטשעס און דער זשידעק די גוטע שיך?" דעם ייִדנס פּראָטעסטן האָבן נישט געהאָלפן. אָבער אַ דײַטש־ער וואַכמאַן האָט דערהערט אַ טומל, איז ער געקומען צו לויפן. ער האָט באַפוילן דעם פּאָליאַק צוריק צו געבן דעם ייִד זײַנע שיך. „זיי קאָלאַ־באָרירן שוין מיט די דײַטשן ווי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה", האָט דער פּאָליאַק געבורטשעט.

עליאַש האָט נישט געקאָנט אויפהערן טראַכטן וועגן דעם. איז עס אַן איינצל פאַל? די רייעס זענען אַזוי לאַנג, ווער קאָן וויסן וואָס עס טוט זיך ווײַטער ווי דאָס אויג קאָן גרייכן, ווײַטער ווי דאָס אויער קאָן אויפכאַפּן אַ געשריי.

אין גיכן האָט מען אָפּגעטיילט די ייִדישע געפאַנגענע אין באַזונדערע רייעס, מן־הסתם האָט דער קאָמענדאַנט פון סטאַלאַג באַקומען אַזאַ באַפעל. די פּאָליאַקן האָבן אויך אַרויסגעשטופּט די ייִדן פון די רייעס צו די זופקעסלען. „שלאָג ייִדן שטענדיק און אומעטום", איז געווען די לאָזונג פון די אַנטיסעמיטן פאַר דער מלחמה. די פּוילישע אָפיצירן און אונטעראָ־פיצירן אין דעם סטאַלאַג האָבן עס אויסגעפירט, און דער המון האָט צוגעהאָלפן מיט חשק. ווען מע האָט אָפּגעטיילט די ייִדן אין באַזונדערע באַראַקן זענען די ייִדן נישט געווען אומצופרידן. דער סטאַלאַג־קאָמענ־דאַנט האָט געזאָגט אַז דאָס ווערט געטאָן אויסצומײַדן געשלעגן צווישן די געפאַנגענע. עס זענען געווען זעקס הונדערט פינעף און צוואַנציק געפאַנגענע אין דער ייִדישער מחנה, די פּאָליאַקן האָבן אַנטדעקט נאָך

צוויי ייִדן צווישן די וואָס האָבן זיך אָנגעגעבן ווי פּאָליאַקן און זיי זענען אויך אַרייַנגעטריבן געוואָרן אין די ייִדישע באַראַקן.

די געפאַנגענע האָבן געאַרבעט אַרום דעם סטאַלאַג. מע האָט אויך אַרויסגעפירט גרופּעס צו אַרבעטן אויף פעלדער וואָס פּוילישע לאַנד־באַזיצערס האָבן פאַרלאָזט און אין פאַבריקן ווו עס האָבן אויסגעפעלט אַרבעטערס. מע האָט זיי געפירט מיט מיליטערישע משׂא־וואַגנס אונטער מיליטערישער וואַך, טייל אַזוי ווייַט ווי פּויזן. די הויפּט־מאָלצייַט האָט מען באַקומען אין לאַגער אין אָוונט ווען מען איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. איין מאָל ווען עליאָש איז געשטאַנען אין דער ייִדישער ריי נאָך זופּ, איז אָנגעלאָפן אַ געפאַנגענער פון אַ פּוילישער ריי און אַרויסגעריסן זייַן פעלד־שיסעלע. עליאָש האָט אים נאָכגעיאָגט און געריסן דאָס שיסעלע פון זייַנע הענט, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געראַנגל. „אַ זשיד שלאָגט אַן אונדזעריקן״, איז געוואָרן אַ גערוואַלד אין די פּוילישע רייעס. ווען אַ דייַטשער אויפזעער איז צוגעקומען איז עליאָש שוין געלעגן אויף דער ערד און געטרעטן געוואָרן פון אַ סך פיס. ער האָט זיך קוים געקאָנט אויפשטעלן און ס'איז אים געשען אַ נס וואָס ער האָט געפונען זייַן היטל, אויב נישט וואָלט ער נישט געהאַט אין וואָס צו נעמען זייַן פּאָרציע זופּ.

דעם זעלביקן אָוונט האָט מען געבראַכט אַ פּאַרטיע ציווילע געפאַנגענע. מע האָט זיי געהאַלטן באַזונדער און צוויי טעג שפּעטער אָוועקגעשיקט ווייַטער. אין צווישן צייַט האָט מען זיך דערוווּסט אַז דאָס איז די פּוילישע אינטעליגענץ פון די שטעט וואָס זענען אָנעקסירט געוואָרן צום רייַך און געהערן איצט צום קרייַז וואַרטעגאַו. מען אַרעסטירט די ריכטערס, אַדוואָקאַטן, אינזשיניערן, אַפילו די געוועזענע לערערס פון די שולעס ווערן אָוועקגעפירט.

„זיי העצן קעגן די ייִדן, אָבער שיקאַנעס ווענדן זיי אָן קעגן אונדז״, האָבן זיך דערהערט שטימעס צווישן די פּאָליאַקן און במשך צוויי טעג זענען נישט געווען קיין פאַלן פון שלאָגן ייִדן. דעם דריטן טאָג האָט אַ פּוילישן אָפיציר זיך געדאַכט אַז בייַם בעסטן קעסל זופּ האָט זיך אָוועקגע־שטעלט די ייִדישע רייע. ער האָט געפאָדערט אַז די ייִדישע „קאָמבינאַ־טאָרן״ זאָלן מעגן אַרויסגייִן נאָך זופּ ערשט נאָך דעם ווי עס וועט זיך פאַרענדיקן דאָס טיילן זופּ צו די פּאָליאַקן. דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט גלייַך מסכים געווען.

די זופּ איז שוין געווען קאַלט ווען די ייִדן זענען אַרויסגעקומען און עס איז זעלטן געבליבן גענוג זופּ פאַר זיי. מע האָט איצט זעלטענער זיך געטראָפן מיט די פּאָליאַקן אַכיבע בייַ דער אַרבעט, און דאָ זענען נאָך

אַלץ געווען רײַבונגען. „אין דעם פֿרײַען פּוילן האָט איר פּאַרכאַפּט דעם האַנדל און אַרבעטן נישט געוואָלט, אָבער פֿאַר דעם שונא אַרבעטסטו, זשיד, ווי ער וואָלט דיר באַצאָלט דערפֿאַר מיט גאָלד", האָט אַ פּוילישער געפֿאַנגענער געזידלט עליאַשן פֿאַר וואָס ער אַרבעט פֿלײַסיק. אַ ביסל שפּעטער ווען עליאַש האָט אָראָפּגעשטעלט דעם שפּאָדל זיך אָפּצוווישן דעם שווייס האָט אַן אַנדערער פּאָליאַק אים ווידער געזידלט: „אַ זשיד ווייסט אַלע מאָל ווי צו מאַנקערירן און איבערלאָזן די גאַנצע אַרבעט פֿאַר דעם פּאָליאַק".

ב.

עס איז שוין געווען שפּעטער האַרבסט. אַ דינער אָבער געדיכטער רעגן האָט זיך אײַנגעגעסן אין די ביינער, אַ קאַלטער שנײַדיקער ווינט האָט געשמיסן דאָס לײַב, און עס האָט זיך אויסגעוויזן אַז דער אַפּעל וועט גאָר נישט נעמען קיין סוף. די פּאָליאַקן האָט מען שוין אַוועקגעפֿירט צו דער אַרבעט, די ייִדן האָט מען געציילט און צום סוף זיי צוריקגעשיקט אין די באַראַקן.

עס איז זיכער בעסער געווען אין די באַראַקן ווי בײַ דער אַרבעט אין דעם בלאָטיקן פֿעלד. אָבער וואָס באַטײַט עס? פֿעלט עמעץ? ווער וואָלט ריזיקירט צו אַנטלויפֿן דאָ, אַז פֿאַר הונדערטער קילאָמעטערס איז שוין נישטאָ קיין ייִדישער יִשוב?

אַ שעה שפּעטער ווידער אַן אַפּעל. איצט האָט יעדער געדאַרפֿט נעמען מיט זיך אַלץ וואָס ער האָט. פֿון דעם אַפּעלפּלאַץ האָט מען געפֿירט אַרויס פֿון לאַגער און צום הויפּטשאָסיי.

צו אַ נײַעם אַרבעטפּלאַץ? דער וועג האָט זיך געצויגן און געצויגן. לויט די וועגצייכנס גייט מען אין דער ריכטונג אויף מיזרח.

דעם דריטן טאָג גיין איז שוין געווען קלאָר אַז מע גייט כּמעט מיט דעם זעלביקן וועג וואָס מען איז געקומען אַהער, דאָס מיינט אַז מע גייט אין דער ריכטונג צו דער גענעראַל־גובערניע. ווי זאָל מען דאָס פֿאַרשטיין?

וואָס קאָן דאָ זײַן ערגער, מע וועט זײַן נענטער צו ייִדישע יִשובֿים, מע וועט גיכער זיך קאָנען קאָמוניקירן מיט דער היים, און אפשר אויך באַקומען אַ פּעקל פֿון דער היים. מען איז געפֿאַנגען געוואָרן ווען עס זענען נאָך געווען גרויסע היצן; די ווינטער־מונדירן און די וואַרעמע

אונטערוועש איז געבליבן ערגעץ אין די מאַגאַזינען פון פּאָלק און דאָ האָט מען נישט מיט וואָס צו באַשיצן דאָס לײַב פון דער קעלט.

דער וועג אַהין איז געווען לײַכטער נישט נאָר ווײַל עס איז געווען וואַרעמער. אַהין האָבן געפירט סאָלדאַטן פון דער רעגולערער דײַטשער אַרמײ און זײ האָבן נאָך, ווי עס ווײַזט אויס, נישט געהאַט די אינסטרוקציעס צו פּײַניקן ייִדן. זײ האָבן געפירט פּוילישע געפאַנגענע און נישט געוווּסט אונטערצושיידן צווישן ייִדן און נישט־ייִדן. איצט זענען די ייִדן געווען אויסגעטיילט און אָפּגעזונדערט. די איצטיקע שומרים זענען געווען פון אַ ספּעציעלער פאָרמאַציע. עס קאָן נישט זײַן קיין צופאַל וואָס אַלע פון זײ זענען ייִדן־שונאים, עס ווײַזט אויס אַז זײ האָבן געהאַט אַזעלכע אינסטרוקציעס. נאָר איין מאָל אין טאָג האָט מען באַקומען אַ ראַציע טרוקן ברויט וואָס האָט באַדאַרפט געווען זײַן ביז צו מאָרגנס אין דער זעלביקער צײַט. עליאַש וואָלט געקאָנט אויפעסן די גאַנצע ראַציע אויף אַנבײַסן און ער וואָלט נאָך אַלץ נישט געווען זאַט. קיין שלוק וואַרעמס אויפצוטרײַען די געפרוירענע גלידער, אַפילו נישט קיין וואַרעם וואַסער.

פון אַזאַ עסן איז קיין כּוח צו גיין נישט געווען אָבער זײ האָבן דווקא געהיטן אַז די רייעס זאָלן זײַן סימעטריש גלײַך, מע זאָל מאַרשירן מיט זעלנערישן טריט און גאַנץ אָפּט האָבן זײ באַפוילן צו לויפן. זעקס הונדערט זיבן און צוואַנציק זענען אַרויס פון סטאַלאַג; ווען מע האָט דערגרייכט ליצמאַנשטאַט זענען געבליבן ווייניקער ווי זעקס הונדערט. אויב עמעץ איז געפאַלן פון דערשעפּונג איז באַלד אָנגעלאָפן אַ וואַכמאַן מיט אַ ביקס.

אַלע וועגן און אומוועגן וואָס מע האָט גענומען האָבן געפירט אויף מיזרח און צו דער גענעראַל־גובערניע. ווען מען איז אַריבער די גרענעץ האָט עליאַש גיך אײַנגעזען אַז די ריכטונג איז קיין לובלין, מע פירט אים אַהיים...

צו מאָרגנס, נאָך דעם ווי מע האָט זײ געבראַכט אין אַ לאַגער הינטער לובלין, האָבן די אָרטיקע ייִדן זיך דערוווּסט דערפון. דער יודנראַט האָט געשיקט וואַרעמע קאַצן. עליאַש האָט סוף־כּל־סוף באַקומען אַ ריין היטל און אויך אַ בלעכן שיסעלע וואָס איז בײַ אים געווען זייער אָנגעלייגט. נאָכן זײַן אַזוי לאַנג אָפּגעריסן פון אַלץ און אַלעמען, אַן אַ גרוס פון דער היים און אָן אַ מעגלעכקייט צו לאָזן וויסן וועגן זיך, איז מען איצט אין קאָנטאַקט מיט אַ ייִדישער קהילה. אין דעם סטאַלאַג זענען זעקס הונדערט און זיבן און צוואַנציק ייִדן געווען צוזאַמען און געפילט זיך אַליין און אָפּגעריסן פון דער וועלט. מען איז געווען ווי אַ שפּילבאַלעם אין די

הענט פון גורל, און דער גורל האָט אויסגעזוכט צו זײַן ווי אַ ביטער קינד, אַ מזיק וואָס האָט הנאה צו צערײַסן און צעברעכן אַלץ וואָס קומט אין דער האַנט. עליאַש האָט זיך דערמאָנט אַן עפּיזאָד פון זײַנע קינדער־יאָרן: די מאַמע האָט אים מיטגענומען קיין לובלין. ער איז געווען אַ ווילדער יונג איז ער געלאָפן פאָרויס און פאַרבלאָנדזשעט. מע האָט אים געבראַכט אַ פאַרוויינטן אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט ווו ער האָט סוף־כּל־סוף צוריק געפונען זײַן מאַמע. ער האָט איצט געהאַט אַן ענלעך געפיל. ער איז דעמאָלט געקומען צום שׂכל און מער נישט אַוועקגעלאָפן פון דער מאַמען. האָט ער עפּעס געלערנט אויך איצט? די פּוילישע ברידער פּראָ־לעטאַריערס צו וועמען ער איז — שוין אַ דערוואַקסענער — אַנטלאָפן פון זײַן מאַמען, האָבן אין סטאַלאַג צוגערויבט זײַן פעלד־שיסעלע און וואָלטן אים געשלאָגן ביז טויט ווען נישט אַ דײַטש ראַטעוועט אים פון זייערע הענט.

צו די געפאַנגענע איז דערגאַנגען אַ שמיעה אַז זיי וועלן בקרוב באַפרײַט ווערן. דאָס עסן האָט געשמעקט בעסער און אַפילו וווּנדן האָבן זיך גענומען היילן בעסער. דאָס עסן איז טאַקע געווען אַ ביסל בעסער, און מע האָט גערוט בײַ נאַכט. אָבער וויכטיקער ווי דאָס איז געווען וואָס מע האָט געקאָנט ציילן די טעג ביז צו דעם אַרויסגיין פרײַ.

מע האָט געציילט טעג, און נאָך טעג. די שומרים זענען ווידער געוואָרן בייז און באַפאַלן מיט קלעפּ, מיט און אָן אַן אויסרייד. ווען וועט די ישועה שוין קומען?

ווידער אַ גענעראַל־אַפּעל ווו מע דאַרף מיטנעמען אַלץ. נאָכן אַפּעל אַ מאַרש. איז די אַכזריות פון די וואַכלײַט נאָר אַ מין לעצטגעלט? מען איז פאַרבײַגעגאַנגען לובלין און נישט אַרײַן אין שטאָט. די שומרים האָבן איצט נישט געקאָנט האָבן קיין טענות, מען איז געגאַנגען מיט אַ זשוואַ־ווען טריט, אָבער די נאָהײַקעס האָבן געסווישטשעט און אַרײַנגעשניטן זיך אין לײַבער, און דאָס שיסן האָט גאָר נישט אויפגעהערט. עליאַש האָט זיך אַראָפּגעבויגן העלפן אַ פאַרווונדיקטן, האָט אַ קויל אַדורכגעשאָסן זײַן רעכטן אַרבל און צעבלוטיקט זײַן אָרעם. נאָר אַן אויבנאויפיקע ווונד, ער האָט אָפּגעריסן אַ שטיק פון זײַן העמד און מאַרשירנדיק ווײַטער, פאַרבונדן דעם אָרעם אָפּצושטעלן דאָס בלוטיקן.

קאָן עס זײַן אמת וואָס אַ שומר האָט געזאָגט אַז מע האָט זיי געוואָלט איבערגעבן אין רשות פון יודנראַט אין לובלין, און דער ראַט האָט זיך אָפּגעזאָגט זיי צו נעמען?

עס מוז זײַן אַז די ייִדישע פאַרמעגנס זענען שוין לאַנג צערויבט,

דער יודנראַט האָט קוים מעגלעכקייטן צו באַשפּייַזן די אָרטיקע ייִדן און האָט נישט פון וואַנען צו נעמען צו באַשפּייַזן נאָך קנאַפּע זעקס הונדערט. און אויב די געפאַנגענע וואָלטן זיך דערנאָך צעלאָפן? עס קאָן זייַן אַז די גאַנצע זאַך איז געווען נישט מער ווי אַ פּראָוואָקאַציע קעגן די לובלינער ייִדן.

ג.

וויפל מוטשעניש קאָן אַ מענטש פאַרטראָגן? האָט עליאַש געפרעגט זיך אַליין. אויפן וועג קיין לובלין זענען זייַנע כּוחות אויסגערונען מיט יעדן טריט. די פיס, און יעדער שלאַבעריקער אבר אין זייַן גוף האָט זיך געבעטן: שטעל זיך אָפּ! זיי וועלן שיסן? זאָלן זיי, און זאָל עס שוין נעמען אַ סוף. געראַטעוועט האָבן אים די וועגצייכנס וואָס האָבן צון אים געוווּנקען מיט בשׂורה: מע קומט נעענטער און נעענטער אַהיים. איצט גייט מען אין דער פאַרקערטער ריכטונג. פּייַערדיקע נאָדלען־ווייטיק רייַסן אויף אין דער ווונד אין זייַן אָרעם און מאָנען: אַנטלויף! דו זאָלסט אַפילו דאַרפן לויפן קילאָמעטערס אַ נאַקעטער ביז וועסט באַקומען ציווילע מלבושים, דו זאָלסט אַפילו געפרווירן ווערן אויפן וועג — לאָז זיך נישט פירן צוריק קיין דייַטשלאַנד.

אויפן וועג קיין לובלין איז ער געווען מער שמאַטע ווי מענטש. איז עס דאָס ביסעלע רו? זענען עס די פּאָר טעג עסן בעסער? אפשר איז עס גאָר דאָס בלעכענע שיסעלע וואָס ער האָט באַקומען אין לובלין? אַז אַ מענטש האָט נישט אין וואָס צו נעמען זייַן זופּ בייַם קעסל איז ער אָפּגעריסן פון קוואַל פּרנסה, איז ער ווי אַ בוים מיט אונטערגעשניטענע וואָרצלען. אַפילו אַ ליידיק שיסעלע שמעקט שוין מיט דעם ריח פון דער זופּ וואָס מע וועט דערין אַרייַנגיסן... יאָ, אַ שיסעלע האָט כּוח צו געבן כּוח. אָנעם שיסעלע וואָלט ער מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן די געפאַנגענשאַפט; מיטן שיסעלע האָט ער כּוח צו אַנטלויפן פון דער געפאַנגענשאַפט...

זיי זענען שוין געווען נעבן לעוורטעוו. זאָל אים נאָר געלינגען אָפּצורייַסן זיך פון די רייעס, וועט ער זיך שוין דערשלאָגן אַהיים, עס איז אַזוי נאָענט פון כעלמיש. מע גייט אין דער ריכטונג צום טייַך וויעפּזש, אַרום וואַסער זענען פאַראַן קוסטעס־געדיכטעניש וווּ ער וועט זיך קאָנען באַהאַלטן ביז די דייַטשן וועלן זיך דערווייַטערן. ער דאַרף

גאַר נישט לויפן אין די מיליטערישע מלבושים ביז כעלמיש. ער האָט אַ קרוב אין אַסטרעוו, אַ חבר אין לענטשנע, עס איז אַזוי נאָענט...

די שומרים האָבן געפירט דעם חשבון פון דעם טראַנספּאָרט מיט דײַטשער פּינקטלעכקייט. זיי האָבן פאַרשריבן וועגן יעדן געפאַלענעם און געשאָסענעם און געגנוי אויסגערעכנט וויפל עס זענען געבליבן. אין איין פרימאָרגן האָט דער חשבון נישט געשטימט, עס האָבן געפעלט דרײַ געפאַנגענע.

נאָהײַקעס האָבן געסווישטשעט, קוילן האָבן געקנאַלט. דער אָפיציר פון די שומרים האָט געשריגן איבער זײַנע סאָלדאַטן, די סאָלדאַטן האָבן געריטשעט איבער די געפאַנגענע און האָבן גענומען יאָגן צוריק צו די צוויי תבואה־שפּײַכלערס וווּ מע האָט איבערגענעכטיקט. „דאָ וועט איר ליגן און פוילן ביז די אַנטלאָפענע וועלן צוריקגעבראַכט ווערן", האָבן די געפאַנגענע געהערט זייער אורטייל.

אַ שעה שפּעטער איז דער אָפיציר מיט צוויי פון זײַנע סאָלדאַטן אַרײַנגעקומען אין דעם שפּײַכלער וווּ עליאַש איז געווען. זיי האָבן אַרויסגעפירט צען געפאַנגענע. ווען דער טויער פון שפּײַכלער האָט זיך געעפנט האָט מען געזען אַז דרויסן וואַרטן שוין נאָך געפאַנגענע וואָס מע האָט אַרויסגעפירט פון דעם אַנדערן שפּײַכלער.

„צו וואָס דאַרפן זיי אַרויספירן ערבניקעס אַז זיי האָבן אונדז אַלע דאָ אָפּגעשלאָסן?" האָט עמעץ געפרעגט נאָך דעם ווי דער טויער האָט זיך ווידער פאַרשלאָסן. קיינער האָט זיך נישט געקענט דערטראַכטן צו קיין ענטפער.

„די דײַטשן האָבן אָפילו בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה דערשאָסן ערבניקעס, און דעמאָלט זענען זיי נאָך נישט געווען קיין נאַציס", האָט זיך עמעץ דערמאָנט.

„פאַר וואָס זען אַלץ שוואַרץ? ס'איז אונדז גענוג שוואַרץ און ביטער אָן די פינצטערע בויך־סברות", האָט אַן אַנדערער זיך געבייזערט. ער האָט נאָך געוואָלט אַרײַנזאָגן דעם פעסימיסט ווען עס האָט זיך געהערט אַ געשטעף פון אויטאָמאַטישע ביקסן. מע האָט געקוקט איינער אויף דעם אַנדערן און אַ פרעגצייכן איז געבליבן הענגען אויף יעדן פּנים. קיינער האָט נישט געוואָלט אַרויסברענגען פאַר די ליפּן דעם שרעקלעכן חשד.

עס האָט גענומען נישט לאַנג און די דײַטשן זענען צוריקגעקומען, ווידער אַרויסגעפירט צען געפאַנגענע און פאַרשלאָסן דעם טויער הינטער זיך.

„זיי קומען אַרײַן זאַלבע דריט, מיר דאָ זענען עטלעכע הונדערט", האָט עליאש געזאָגט צו זײַן שכן אויפֿן שטרוי.

„איך טראַכט טאַקע וועגן דעם. סך־הכּל זענען זיי צוועלעף מיט אויטאָמאַטישע ביקסן, און דער אָפֿיציר מיט אַ רעוואָלווער. מע דאַרף זיך אַדורכרעדן וועגן דעם".

„נישט אָפֿן", האָט עליאש אָנגעכאַפּט יענעם בײַ דער האַנט.

„מיר זענען אַלע אין דער אייגענער מערכה".

„ניטע, מע טאָר נישט. גלייב מיר, איך ווייס עפּעס וועגן קאָנספּיראַציע. אַ פּחדן, אַ נערוועַישער, קאָן אַרײַנפֿאַלן אין היסטעריע און אַלץ קאַליע מאַכן".

„ס'איז אונדז דען געבליבן צײַט צו שפּילן זיך? מיר זענען אַלע ייִדן, מיר זענען אַלע סאָלדאַטן".

„אין טויט־שרעק קאָן יעדער אַרײַנפֿאַלן אין היסטעריע. אין כאַאָס וועלן מיר אַדורכפֿאַלן. לאָמיר צו ערשט אָפּקלײַבן אַ פּאָר מענטשן. איך עטלעכע, און דו עטלעכע. אַז מיר'ן שוין האָבן ווער עס זאָל דיריגירן און קאָנען באַהערשן דעם מצב וועלן מיר זאָגן אַלעמען".

עס איז אין געאײַל אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן וואָס האָט באַדאַרפֿט זײַן נישט שווער אויסצופֿירן. עטלעכע געזונטע חברה־לײַט וועלן שטיין בײַ דער וואַנט פֿון ביידע זײַטן פֿון אַרײַנגאַנג. ווען דער אָפֿיציר וועט אַרײַן טיף אין שײַער אָפּצוקלײַבן קרבנות, וועט מען אויף אים אָנפֿאַלן פֿון הינטן. אין דער זעלביקער צײַט וועלן די וואָס וועלן שטיין בײַם אַריינגאַנג זיך וואַרפֿן אויף דעם אָפֿיצירס באַגלייטערס וואָס בלײַבן געוויינטלעך שטיין אין דעם אַרײַנגאַנג. מיט אַ ביסל מזל קאָן געלינגען צו בענדיקן אַלע דרײַ איידער זיי וועלן באַווײַזן אַ פּיפּס צו טאָן. אויב מע וועט באַווײַזן מיטן דערוואָרבענעם געווער אָנצופֿאַלן אומגעריכט אויף די אַנדערע צען שומרים וועט אַלץ אָפּגיין אין גאַנצן גלאַטיק. אויב נישט, וועט עס קאָסטן קרבנות.

„אָבער די אַנדערע צען וועלן הערן דאָס געראַנגל, וועלן אַלאַרמירט ווערן. זיי וועלן צו ערשט אויסקוילען אַלע ביז איינעם אין דעם אַנדערן שפּײַכלער און דערנאָך זיך שטעלן קעגן אונדז מיט צען אויטאָמאַטן".

„עמעץ וועט דאָך בלײַבן".

„עמעץ? אפֿשר הונדערט, אפֿשר צוויי הונדערט. אויב מיר וועלן גאָרנישט טאָן וועט קיינער נישט בלײַבן".

„אפשר וועלן זיי מער נישט שיסן ? יעדע זאַך האָט אַ גרענעץ, עס זענען פאַראַן אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן וועגן געפאַנגענע".

„און איך האָב מורא פאַר עפּעס אַנדערש", איז עליאַשן אײַנגעפאַלן עפּעס וואָס ער האָט פריִער נישט גענומען אין חשבון. „פאַר אַ יאָרן האָט הערשל גרינשפּאַן געמאַכט אַן אַטענטאַט אויף דעם דײַטש פאָן ראַט, אין פּאַריז. די ייִדן אין דײַטשלאַנד האָט דאָס געקאָסט אַן אָ שיעור גזירות און מענטשלעכע קרבנות, און דאָס איז געווען נאָך פאַר דער מלחמה".

„וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן ?"

„לאָמיר זאָגן אַז עס וועט אונדז געלינגען בײַצוקומען אַלע דרײַצן דײַטשן, ווער ווייסט וויפל ייִדישע לעבנס דאָס וועט קאָסטן. אַלע פּוילישע ייִדן זענען ערבניקעס אין זייערע הענט".

„דו מעגסט זיך חרטה האָבן", איז אַ יונג אַ ריז אויפגעשפּרונגען מיט אַ געבייזער, „איך וועל נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן ביז מע וועט מיך אָוועקלייגן".

ביז איצט האָט מען זיך געסודעט אין קליינע גרופּעס, איצט איז געוואָרן אַזאַ טומל אַז אַ דײַטשער שומר איז אַרײַנגעקומען זען וואָס עס איז געשען. ווען דער דײַטש איז אַרויס האָבן די וואָס האָבן שוין געוווסט איבערגעגעבן די אַנדערע וועגן וואָס מען אַמפּערט זיך דאָ.

„ס'איז די מעשה טולטשין", האָט געזאָגט אַ בחור אין ברילן ווו איין גלעזל איז געווען צעבראָכן און עס האָט אויסגעוויזן אַז ער קוקט אויף אַלעמען פון אַ זײַט.

„וואָס האַקט ער דעם קאָפּ מיט אַ טולטשין ? טולטשין איז ערגעץ אויף יענער זײַט גרענעץ, מיר זענען הינטער ביאַלע".

„איר ווייסט אַלע וועגן כמיעלניצקיס פּאָגראָמען. בעת יענע פּאָגראָמען האָבן די ייִדן פון טולטשין געשלאָסן אַ בונד מיט די פּאָליאַקן צוזאַמען צו פאַרטיידיקן די שטאָט".

„וואָס האַקסטו אַ טשײַניק וועגן טולטשין ? מיר מוזן אָננעמען אַ באַשלוס און די צײַט רינט אויס".

„טאַקע קעגן דעם וואָס מע דאַרף באַשליסן".

„טאָ רעד קורץ און צו דער זאַך".

„דאָ רעדט מען צו פיל", האָט אַן אַנדערער זיך אַרײַנגעמישט.

עליאַש האָט זיך געוואַנדן צו די וואָס זענען געשטאַנען לעבן אים און געבעטן זיי זאָלן אים אַ ביסל אונטערהייבן. ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף די אַקסלען פון צוויי בחורים און געפּאַטשט מיט די הענט אײַנצושטילן דעם עולם. „ששש, אַז זיי וועלן הערן אַ טומל וועט מען

שוין גאָרנישט קאָנען טאָן. איך ווייס וואָס דער חבר וויל זאָגן וועגן טולטשין, עס איז וויכטיק פאַר אונדזער באַשלוס".

דער באַברילטער יונגער־מאַן האָט זיך צוריק אַרויסגערוקט אין צענטער: „ווען טולטשין איז געווען אַרומגערינגלט פון די קאָזאַקן האָבן די פּאָליאַקן פאַרראַטן די ייִדן. די ייִדן האָבן זיך געוואָלט נוקם זײַן אָבער האָבן עס נישט געטאָן, ווײַ האָבן מורא געהאַט אַז פּאָליאַקן אין אַנדערע שטעט וועלן עס אויסלאָזן צו די דאָרטיקע ייִדן".

„מיר האָבן דאָ אונדזערע דאגות", האָט מען אים איבערגעריסן.

דער יונגער־מאַן האָט ווײַטער גערעדט: „די ייִדן אין טולטשין זענען אַוועק אויפן בית־עולם און זיך אַליין אויסגעקוילעט כּדי נישט אַרײַנצופאַלן לעבעדיקערהייט אין די הענט פון די קאָזאַקן און נישט געוואָלט גורם זײַן אַ סכּנה פאַר אַנדערע ייִדן".

„ער פּלאַפּלט", האָט איינער געזאָגט. „ער האַקט אַ טשײַניק", האָט געזאָגט אַ צווייטער, „מע דאַרף זיך ראַטעווען".

עליאַש האָט ווידער באַוויזן אײַנצושטילן דעם עולם און דערקלערט וואָס דער באַברילטער האָט נישט באַוויזן אַרויסצוברענגען אין זײַנע לאַנגע רייד: „אויס מורא פאַרן גורל פון אַנדערע ייִדן האָבן די טולטשינער ייִדן זיך אָפּגעזאָגט פון נקמה. מיר דאָ שטייען פאַר דער זעלביקער דילעמע".

„ס'איז נישט קיין פאַרגלײַך, דאָרט האָט זיך געהאַנדלט נאָר וועגן נקמה, דאָ — —"

„דאָ, קאָן מען ראַטעווען אונדזערע לעבנס!"

מע האָט דערהערט טריט קומען צום טויער פון שפּײַכלער און אַ דרייען בײַם שלאָס. „רעדן און רעדן פאַר אַל די רוחות ווען מע דאַרף טאָן. טפו!"

„ס'עט שוין טײַער קאָסטן, דאָס רעדן".

דער טויער האָט זיך געעפנט, דרויסן פאַר דעם אָפענעם טויער איז געשטאַנען אַ וואָגן מיט ברויט. ווען מען איז צוגעגאַנגען נעענטער האָט מען געזען אַז אויף דער קעלניע פון וואָגן זיצט אַ מאַן מיט אַ בלויווײַסן אָרמבאַנד. אויפן וואָגן האָט געהאַנגען אַ בלעכן פּלעטל מיט דער אויפשריפט „יודענראַט ביאַלאַ פּאָדלאַסקאַ". אַ וואַכמאַן האָט באַפוילן זיך אויסצושטעלן אין אַ ריי צום וואָגן.

עמעץ פון די געפאַנגענע האָט באַוויזן צו פרעגן דעם ייִד אויפן וואָגן: „פון וואַנען ווייסט עץ?"

„מע ווייסט אַלץ", האָט יענער געענטפערט.

„און זיי האָבן אײַך צוגעלאָזט ?"
„אַז מע שמירט פּאַרט מען".

די ברויטלעך זענען שנעל צעכאַפּט געוואָרן. ווי נאָר דער לײדיקער וואָגן איז אַוועקגעפאָרן האָט מען די געפאַנגענע צוריק אַרײַנגעטריבן אין די שפּײַכלערס.

די דיסקוסיע האָט זיך אָנגעהויבן אויף ס'נײַ. אויב זיי וועלן נישט אויסהרגענען מיט אַ מאָל וועלן זיי אויסקוילען ביסלעכווײַז, אָדער אויס־מוטשען ביז צום טויט. איצט וועט זײַן אַ געלעגנהייט צו קאָאָרדינירן עס מיט די ייִדן פון דעם אַנדערן שפּײַכלער און נצחון איז געזיכערט.

עליאַש, וואָס איז פריִער געווען פּאַר, איז איצט געווען קעגן: „די ייִדן וואָס האָבן אונדז געשיקט ברויט וועלן זײַן די ערשטע קרבנות, מיר טאָרן עס נישט טאָן".

„דאָס ברויטל קאָן אונדז קאָסטן דאָס לעבן, אָבער מע טאָר עס נישט טאָן", האָט אַן אַנדערער מסכים געווען.

צו מאָרגנס האָט מען ווידער געבראַכט ברויט. עטלעכע טעג שפּעטער זענען די וואָגנס געקומען לײדיק. אַ סך וואָגנס זענען געקומען, געשיקט פון די ייִדן אין די אַרומיקע שטעטלעך. די דײַטשן האָבן געעפנט די שפּײַכלערס, די געפאַנגענע האָבן נישט געגלייבט זייערע אויערן ווען מע האָט זיי געזאָגט אַז זיי זענען פרײַ זיך אַרויפצוזעצן אויף די וואָגנס. זיי האָבן געקוקט מיט חשד אויף די דײַטשן וואָס האָבן נאָך אַלץ זיי באַוואַכט מיט אויטאָמאַטישע ביקסן. די ייִדישע באַלעגאָלעס אויף די וואָגנס האָבן געשמייכלט און דאָס האָט באַרויִקט. „וואָס איז דאָ פּלוצלינג געשען ?" האָט מען געפרעגט און דערוואָרט צו הערן וועגן דײַטשע מפּלות אויפן מערב־פראָנט, וועגן אַן אינטערווענץ פון דעם אינטער־נאַציאָנאַלן רויטן קרײַץ. אָבער דער ענטפער איז געווען דער אייגענער וואָס וועגן דעם ברויט: „אַז מע שמירט פּאַרט מען".

ד.

ווער עס האָט צוזאַמענגעפירט דעם עליאַש בלאַנק מיט יוסף פרידע האָט קיינער נישט געוווּסט. יוסף איז געווען אַ חלוץ פון דעם 'הנוער הציוני', נישט פון די סאָציאַליסטישע חלוצים; אויף עליאַשן האָט מען געזאָגט „אַ סטאַלינער חסיד", אַזאַ מין רמז אַז ער איז פון סטאַלינס

מענטשן, און סטאַלין איז איצט געווען פון היטלערס ידידים, די פרײַ־דעס, ר׳ אהרן, און זײַן ברודער ר׳ נטע, זענען פון דער שטאָטישער „פּני״, לויט כעלמישער באַגריפן „בורזשויען״. דאָקעגן די בלאַנקס, טאָקע אָרנטלעכע מענטשן, אָבער אַ משפּחה פון לויטער אָרעמע־לײַט, קבצנישע האָרעפּאָשניקעס. אַז יוסף פרידע האָט זיך באַווײַזן צוזאַמען מיט עליאַש בלאַנק האָט דער קאָנטראַסט זיך געוואָרפן אין די אויגן. יוסף איז אויס־געוואַקסן מיט אַן איידעלער שלאַנקקייט, ער האָט געהאַט בלייכע הענט מיט לאַנגע שמאָלע פינגער און לאַנגע נעגל. עליאַש איז געווען אַ קורצער מיט אַ ברייטן פעסטן געבוי. ער האָט געהאַט ברייטע אויסגעהאָרעוועטע הענט מיט קורצע פינגער און קורצע האַרטע נעגל. די דיקע שאָרסקע הויט אויף די האַנטפּלאַכן איז אַלע מאָל געווען ברוין פון דעם בייץ מיט וועלכן ער האָט פּאָלירט די הילצערנע שטולן וואָס ער האָט פּראָ־דוצירט.

עס איז געווען נאָך אַ גרעסערער חידוש ווען מע האָט געזען יוספס קוזינע — די געוועזענע גימנאַזיסטקע, רוכטשע פרידע — צוזאַמען מיט עליאַשן. מע פלעגט אַ מאָל זאָגן אַז זי בלאָזט פון זיך און בישט מיט יעדן בחור איז זי גרייט אויסרעדן אַ וואָרט, אַז זי וואַרט אויף עפּעס אַ פּרינץ וואָס זאָל קומען צו איר אויף אַ ווײַס פערד. איצטער זעט מען די פיר אַלע מאָל צוזאַמען: יאָסל, ר׳ אהרנס, מיטביילע דעם קליינעם שלומלס, און רוכטשע, ר׳ נטעס, מיט עליאַש דעם שטולמאַכער. זיי גייען צוזאַמען שפּאַצירן, זיי גייען צו גאַסט צוזאַמען צו דעם הכשרה־קיבוץ און ווי נאָר עליאַש האָט אויפגעריכט זײַן וואַרשטאַט צו מאַכן הילצערנע שטולן איז יאָסל געוואָרן זײַן אַרויסהעלפער און אויך ביילע און רוכטשע זענען גאַנצע טעג אין דעם וואַרשטאַט.

אין אָנהייב האָט מען געוואָרט צו זען וואָס ר׳ נטע וועט זאָגן צו אַזאַ מין שידוך. דער עליאַש איז שוין געווען אַ קאָמוניסט ווען ער האָט נאָך געאַרבעט ווי אַ שיקײַנגל אין דעם שפּיצן־געשעפט פון די גאָלדבערגס. רוכטשען האָט ר׳ נטע גאָרנישט געזאָגט. ווען דאָס ווײַב האָט זיך באַקלאָגט וועגן דעם האָט ער איר דערמאָנט: „זי האָט אַ מאָל, אין גורוויטש נאָך, גוסטירט אין יואל דעם רבס. יואל האָט ליב געהאַט צו שמועסן מיט איר וועגן די ביכער וואָס ער האָט געבאָרגט בײַ איר, אָבער אויגן האָט ער געוואָרפן אויף גענישן. דאָ אין כעלמיש האָט זי געוואָרפן אַן אויג אויף דעם יאַנקל פון דעם הכשרה־קיבוץ, איז ער ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן — מע זאָגט דערטרונקען געוואָרן אין ים. דערנאָך האָט דער יונג פון די קאָבילאַקס זיך דערטרונקען צוליב איר. דו האָסט געזען וואָס

עס איז געוואָרן פון איר. זי האָט אויפגעהערט העלפן אין געוועלב, אויפֿגעהערט לייענען ביכער, אַרויסצוקריגן פון איר אַ וואָרט איז מיר אָנגעקומען מיט נויט און שווייס. זי שלעפּט זיך איצט אַרום מיט דעם עליאַש? זאָל זײַן עליאַש, אַבי זי גייט מער נישט אַרום אַזוי פאַרגלאָצט און פאַרגולמט".

כאָטש די ייִדן אין כעלמיש האָבן געוווינט קאָנצענטרירט אין עטלעכע גאַסן איז עס דערוויַיל נישט געווען קיין געטאָ. עס זענען נישט געווען קיין צוימען אָדער מויערן אַרום די ייִדישע גאַסן. מע האָט געהאַנדלט מיט די פּאָליאַקן און עס האָט נישט אויסגעפּעלט דאָס שטיקל ברויט אין קיין ייִדישער שטוב. הונדערט ייִדן גייען יעדן פרימאָרגן אַרבעטן פאַר די דײַטשן און קומען צוריק אין אָוונט בשלום. מע שלאָגט מער נישט בײַ דער אַרבעט, מע האָט נישט מורא אַרויסצוגיין איבער דער שוועל. אַלע האָבן געמוזט מודה זײַן אַז דאָס איז דערגרייכט געוואָרן אַ דאַנק דאָקטאָר לעמבערגער און זײַן יודנראַט. נאָר דער יוסף פרידע האָט אַלע מאָל באַגעגנט דעם דאָקטאָר מיט אַ בליק פול מיט אויפוואָרף, כאָטש זײַן אייגענער פעטער נטע און שלומל, דער פרומער פאָטער פון זײַן מיידל, האָבן געאַרבעט אין דעם ראַט צוזאַמען מיט דעם דאָקטאָר לעמבערגער.

עטלעכע וואָכן זענען אַריבער אין מנוחה, אָבער אין איין פרימאָרגן איז דער ייִדן־עלטסטער צוריקגעקומען פון דער קאָמענדאַנטור מיט אַ ביטערער בשורה: „קראַנץ פאָדערט דער יודנראַט זאָל אים צושטעלן אַ רשימה פון פופציק ייִדן אָוועקצושיקן אויף אַרבעט אויסער כעלמיש. מע האָט שוין געוווּסט פון די קיבוץ־מענטשן, וואָס האָבן באַקומען פּאַרטרויִלעכע ידיעות פון וואַרשע אַז אין די אַרבעט־לאַגערן פּאַרמוטשעט מען און מע הונגערט אויס די אַרבעטערס, אַז ווייניק וועלן דערלעבן צוריקצוקומען.

אַ מהומה אין שטאָט. נאָך לאַנגע באַראָטונגען און יישוב־הדעת איז לעמבערגער אַוועק אין דער קאָמענדאַנטור פאַרהאַנדלען: דער יודנראַט איז גרייט צו פאַרגרעסערן די צאָל טעגלעכע אַרבעטערס אין שטאָט, אָבער דער יודנראַט קאָן נישט נעמען אויף זיך צו באַשטימען מע זאָל מענטשן אַרויסרײַסן פון זייערע היימען און זיי אָוועקשיקן אין לאַגערן.

לענאַ האָט זיך געהאַט געבעטן בײַ איר מאַן ער זאָל אַנטלויפן פון שטאָט, דער קאָמענדאַנט איז אַ רוצח. לעמבערגער אַליין איז נישט זיכער

געווען צי ער וועט נאָך אַרויס פון קראַנצעס צימער אַ לעבעדיקער. אָבער קראַנץ האָט נאָר אויסגעהערט וואָס לעמבערגער האָט געזאָגט און גאָרנישט געענטפערט. צוויי טעג זענען פאַרביי און מע האָט געמיינט אַז די גזירה איז אָפּגעשריגן געוואָרן. יוסף פרידע האָט אָפּגעשטעלט דעם דאָקטאָר אין גאַס און אים געוואָלט דריקן די האַנט. דער דאָקטאָר האָט נישט געזען, אָדער געמאַכט זיך אַז ער זעט נישט, די אויסגעשטרעקטע האַנט. יוסף האָט אים געזאָגט: „אַזוי דאַרף מען טאָן, קעגנשטעלן זיך און נישט קאָלאַבאָרירן".

דעם דריטן טאָג זענען אַרויסגעהאָנגען געוואָרן פּלאַקאַטן אין די גאַסן מיט אַ באַפעל אַז יעדער ייִד מוז זיך מעלדן אין דער קאָמענדאַנטור און רעגיסטרירן זיך און זיין משפחה. יעדער נישט־רעגיסטרירטער וועט אַרויסגעשיקט ווערן פון שטאָט.

„ס'עט קיינעם נישט אָפּקומען פון געזונט אויב מ'עט זיך רעגיסטרירן", האָט שלומל עס געמאַכט צו קליינגעלט.

צו מאָרגנס נאָכן פאַרענדיקן די רעגיסטראַציע איז דאָקטאָר לעמבערגער ווידער גערופן געוואָרן אין דער קאָמענדאַטור. דעם קאָמענדאַנטס באַפעל איז געווען קורץ און שאַרף: די ליסטע פון פופציק מענטשן אויף אָוועקצושיקן, זאָל אים צוגעשטעלט ווערן אין פאַרלויף פון צוויי שעה, אויב נישט וועלן אָוועקגעשיקט ווערן צוויי הונדערט, און דער גאַנצער יודנראַט צווישן זיי.

לעמבערגער האָט איצט אַפילו נישט צונויפגערופן דעם יודנראַט. ער האָט אַליין צוזאַמענגעשטעלט די ליסטע. ניין און פערציק זענען געווען יונגע געזונטע בחורים וואָס קאָנען אויסהאַלטן שווערע אַרבעט. דער פופציקסטער איז נישט געווען באַקאַנט ווי אַ גיבור, אָבער יוסף פרידע איז דאָך אַ חלוץ וואָס זוכט אַ הכשרה צו שווערער אַרבעט און שווערע באַדינגונגען...

געווען אַזעלכע וואָס האָבן געזען אַ גוטן סימן אין דעם וואָס דאָס מאָל זענען די דייטשן נישט באַפאַלן די ייִדישע הייזער, נאָר געשיקט די ייִדישע אָרדענונג־דינסט זאָל ברענגען די ליסטע מענטשן צו דער קאָמענ־דאַטור. געווען אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט טענות וואָס די ייִדישע פּאָליציי איז באַפאַלן די פאַרמישפּטע אין מיטן נאַכט. אַנדערע זענען געווען צופרידן וואָס מען איז עס שוין איבערגעקומען און פון איצט אָן וועט שוין זיין רויק, דער קאָמענדאַנט האָט עס בפירוש צוגעזאָגט.

אפשר ווייל עס איז געקומען אומגעריכט אין מיטן נאַכט, און אפשר ווייל עס איז קיין ברירה נישט געווען, אָבער פון אַלע די יונגע בחורים

האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, נאָר יוסף פרידע. מע האָט אים געשלעפּט מיט געוואַלט, ער האָט געקאָפּעט מיט די פיס און געביסן די הענט פון די וואָס האָבן אים געשלעפּט, יענע האָבן אים אויך נישט געשוינט. מע האָט אים שוין אַרײַנגעפירט אין טויער פון דער קאָמענדאַנטור ווען עס איז אָנגעלאָפן זײַן קוזין קלמן. „דו אויך?" האָט יוסף אַזש געקריצט מיט די ציין.

מחמת ער איז שוין געווען אין הויף פון דער קאָמענדאַנטור, אָדער מחמת ער איז געוואָרן פריטשמיעלעט ווען ער האָט דערזען קלמנען צווישן די כאַפּערס, האָט יוסף אויפגעהערט דריגען מיט די פיס. „לאָזט אים אָפּ", האָט קלמן געבעטן זײַנע חברים, „אַז אַ דײַטש וועט דערזען וועט געשען אַן אומגליק".

די אָרדענונג־דינסט־מענטשן האָבן אָפּגעלאָזט יוספן, קלמן האָט אים אונטערגעהאַלטן אונטערן אָרעם. „יאָסל", האָט קלמן זיך געבעטן בײַ אים, „יאָסל, מע טוט וואָס מע קאָן. איך בין צוגעלאָפן צו בײלען און איר געזאָגט וועגן דיר. איר פאָטער וועט עפּעס טאָן".

„וואָס קאָן ער טאָן אַז קראַנץ האָט די ליסטע?"

„שלום האָט אַרגומענטן וואָס צײַגן איבער אַפילו קראַנצן".

„מיך אָפּצולאָזן און נעמען עמעץ אַנדערש אויף מײַן אָרט? מוחל".

„טאָ פאַר וואָס האָסטו זיך אָקעגנגעשטעלט? אַז מ'עט נעמען צען אויף דײַן אָרט וועט בעסער זײַן? מיר דאַרפן דיך דאָ, יוסף, לאָז זיך אויסקויפן. דו מוזסט זײַן מיט אונדז אויב דו ווילסט אַז דאָ זאָל זײַן וואָס דו ווילסט עס זאָל זײַן.

„ווער איז דער מיר וואָס דאַרף מיך, דו?" האָט יוסף געביטערט און געטײַטלט צו קלמנס אָרעם מיט דעם אָרדענונג־דינסט־אָרעמבאַנד. „ווײ צו דעם ווידערשטאַנד".

עס איז געווען צו מאָרגנס פרי. די פופציק געכאַפּטע זענען געווען אויסגעשטעלט אין איין לאַנגער רײ אויפן הויף פון דער קאָמענדאַנטור און געוואַרט אויפן קאָמענדאַנט. קלמן וואָס איז געשטאַנען מיט די לײַט פון אָרדענונג־דינסט האָט געזען שלומל איז אַרויס פון קאָמענדאַנטס ביוראָ. האָט ער עפּעס געפועלט? יוספס פּנים איז פול מיט געשווילעכץ און בלויע פלעקן; ער מוז זיך באַמיִען זײַן נעבן יוספן. אויב קראַנץ וועט פרעגן פאַר וואָס יוסף איז אַזוי צעשלאָגן זאָל נאָר קײנעם נישט אײַנפאַלן צו זאָגן דעם אמת.

דער קאָמענדאַנט איז אַרויסגעקומען אויסגעפוצט ווי צון אַ פּאַראַד. ער האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן דעם קאָמענדאַנט פון אָרדענונג־דינסט און

יענער האָט באַפוילן אַז יעדער זאָל אויסרופן זײַן נאָמען ווען דער הער קאָמענדאַנט וועט צוקומען צון אים.

קראַנץ האָט געהאַט אין זײַן האַנט די ליסטע און געפונען יעדן נאָמען איידער ער איז געגאַנגען ווײַטער. ווען ער איז צוגעקומען צו יוספן האָט קלמן אויסגערופן דעם נאָמען און צוגעגעבן אַז דער קערל איז אַראָפּגעפאַלן פון אַלע טרעפּ.

„אַך סאָ, וואָרום דען שיקקען זי זאָלכעס שײַס?" האָט ער זיך אַ בייזער געטאָן אויף קלמנען און אַ געשריי געטאָן צו יוספן: „אויסטרעטען, לאָוס!"

יוסף איז געבליבן שטיין צעחושט. קלמן האָט אים אַ כאַפּ געטאָן בײַם קאָלנער, אַ ריס געטאָן אים פון דער ריי און געשלעפּט צום טויער. „לאָוס!" האָט ער אַ געשריי געטאָן ווי פריִער דער קאָמענדאַנט, אַ קאָפּע געטאָן יוספן פון הינטן און אים אַרויסגעשטופּט דרויסן.

ה.

די זיצונג פון יודנראַט איז געווען פול מיט קריגערײַען. דער ערשטער האָט אויפגעהויבן אַ שטורעם דער אַלע מאָל רויִקער ר' נטע. זײַן זון, קלמן, וואָלט קיין מאָל נישט מסכּים געווען צו ווערן אַ מיטגליד אין אָרדענונג-דינסט ווען נישט לעמבערגער וואָלט אים, נטען, אײַנגערעדט אַז עס איז לטובת קהל. היטן אָרדענונג — מילא, אָבער דאַרפן שלעפּן מענטשן אָוועקצושיקן... קלמן האָט נישט געוואָלט גיין, האָט דער סטעפּאַן געשריגן אַז דאָס איז נישט-סובאָרדינאַציע", און דערמאָנט אַז ער, דער יידישער קאָמענדאַנט, מוז וועגן אַלעם באַריכטן צום דײַטשן קאָמענדאַנט. „אַז מײַן קלמן האָט געוואָלט רעזיגנירן פון אָרדענונג-דינסט", האָט ער ווידער געשריגן אַז דאָס איז דעזערטירונג און ווידער געסטראָשעט צו מעלדן וועגן דעם דײַטשן קאָמענדאַנט. ווייסט דער פּרעזעס וועגן דעם? און ווער האָט געמאַכט דעם מסור סטעפּאַן ווײַס פּאַר אַ מושל איבער די יידן? זײַן טאַטע, דער אַפּטייקער, איז שוין מער גוי ווי ייִד, און דער סטעפּאַן האָט שוין נישט געווינט אין כּעלמיש פּאַר די לעצטע פינעף יאָר. „ווער באַשליסט וועגן די זאַכן?"

„נישט איך", האָט לעמבערגער געענטפערט אַפּאָלאָגעטיש.

„אָבער וועמען אָוועקצושיקן האָט איר באַשטימט", האָט נטע נישט אָפּגעלאָזט, „איר האָט אַליין צוזאַמענגעשטעלט די ליסטע. מיט וואָס פּאַר

אַ רעכט האָט איר באַשלאָסן אַזעלכע זאַכן אָנעם ראַט? ס׳איז פאַראַן אַ ראַט צי נישט?״

„יענע וואָך האָבן מיר עס אויפגענומען ביַים ראַט, איר האָט פאַר־געסן? האָט איר אויך פאַרגעסן מיט וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט? איצט האָט קראַנץ די נעמען און אַדרעסן פון יעדן ייִד, פון אַ זייגקינד ביז אַ זקן. איר ווילט בעסער קראַנץ זאָל אויסקלויבן? איר האָט בעסער געוואָלט קראַנץ זאָל נעמען צוויי הונדערט אַנשטאָט פופציק?״

„איר האָט זיך דערשראָקן ווען קראַנץ האָט געסטראַשעט צו נעמען די מיטגלידער פון יודנראַט!״

„און איר האָט זיך נישט דערשראָקן? יענע וואָך בין איך אַליין גע־גאַנגען צו קראַנצן זאָגן ניין. פאַר וואָס זענט איר נישט געגאַנגען מיט מיר, אפשר ווייסט איר בעסער ווי זיך אויסצוטענהן מיט אים? איר זענט דען זיכער געווען אַז איך וועל צוריקקומען אַ לעבעדיקער? איך בין נישט זיכער געווען. און זאָגט מיר נאָר, ר׳ נטע, איר האָט געהאַט אַ בעסערן אויסוועג? יאָ, איך האָב אָפּגעטאָן אַ שמוציק שטיקל אַרבעט. איך האָב עס אָפּגעטאָן פאַר איַיך, איך האָב געמיינט איר וועט מיר דאַנקען דערפאַר״.

שלומל איז אַרויס מיט אַ טענה: „איר זענט פּרעזעס פון דער ציוני־סטישער אָרגאַניזאַציע און איר האָט אַרויפגעשטעלט אויף דער ליסטע אויך צוויי חלוצים פון היגן קיבוץ. און ווי אַ ביסל איַינזען פאַר מיר און פאַר ר׳ נטען וואָס זיצן דאָ מיט איַיך אין ראַט? יאָסל ר׳ אַהרנס איז ר׳ נטעס ברודערן־זון און מיַין טאָכטערס חתן״.

„איך רעזיגניר!״ האָט נטע אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און זיך אויפגעשטעלט.

„אויף וויפל איך ווייס איז איַיער פּלימעניק צוריק אין דער היים, שלום האָט אים באַפריַיט״, האָט לעמבערגער געוואָלט באַרויִקן ר׳ נטען.

„ווען איך בין אַרויס פון דער היים צו גיין צום קאָמענדאַנט האָב איך נישט געוווּסט צי איך וועל נאָך צוריק קומען״, האָט שלום זיך אויך אויפגעשטעלט. „איך רעזיגניר אויך״.

„דאָס האָב איך פריִער געזאָגט״, האָט לעמבערגער אויך זיך אויפגע־שטעלט, „עטלעכע מאָל אַ וואָך גיי איך און ווייס נישט צי איך וועל צוריק קומען. איך רעזיגניר אויך״.

ר׳ נטע האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט. „קיינער האָט איַיך נישט געבעטן צו דעם, אָבער איצט — —״

„ס׳איז דאָ ווער עס זאָל פאַרנעמען אונדזער פּלאַץ״, האָט לעמבער־

גער געענטפערט. „סטעפאַן ווײַס וועט שאַפן אַ נײַעם יודנראַט. ער וועט זײַן דער עלטסטער סײַ פון ראַט, סײַ פון דער אָרדענונג־דינסט. איך רעד נישט פון דער העלער הויט, קראַנץ האָט מיר שוין געזאָגט אַז ער איז מער צופרידן פון אים ווי פון מיר. דאָס וועט אפשר געשען, צי מיר ווילן עס אָדער נישט".

שלום האָט זיך אויך צוריק אָוועקגעזעצט און עס האָט אײַנגעטרעטן אַ לאַנגע שטילקייט. מע האָט נישט אַלע מאָל מסכּים געווען מיט דעם דאָקטאָר. אויך פאַר דער מלחמה פלעגט ער אַ מאָל גיין צו ווײַט ווען ער האָט זיך פאַרכּליניעט מיט זײַן פּוילישן פּאַטריאָטיזם, אָבער קיינער האָט נישט געספקט אין זײַן ערלעכקייט און אָרנטלעכקייט. וואָס ווייסט מען וועגן דעם אַפּטייקערס זונדל? ער האָט עטלעכע יאָר שטודירט אין וואַרשע און דערנאָך געאַרבעט בײַ אַן אַדוואָקאַט אין לובלין. ווער טאַקע האָט אים רעקאָמענדירט צו קראַנצן? ביז ער איז געוואָרן קאָמענדאַנט פון דער אָרדענונג־דינסט האָט ער מיט די ייִדן אין שטאָט קיין שום שײַכות נישט געהאַט.

„איך בעט אײַך, דאָקטאָר לעמבערגער", האָט נטע איצט גערעדט מיט אַ תּחנונימדיק קול, „לאָזט מיך ארויס פון דעם. איך בין שוין נישט יונג, און ס׳געזונט איז אויך נישט ווי עס דאַרף צו זײַן. איר ווייסט דאָך צום בעסטן, איר זענט דאָך מײַן דאָקטאָר".

„קראַנץ איז געפערלעכער פון אַ קרענק און איך האָב אים איבער מײַן קאָפּ יעדן טאָג. מײַן צוריקקומען אַהער איז געווען משוגעת. ס׳איז נאָך אַלץ מעגלעך זיך אַריבערצוכאַפּן אויף דער רוסישער זײַט. מיר שווימען צוזאַמען, אָדער זינקען צוזאַמען, ר׳ נטע".

לעמבערגער איז געווען אַזוי דערשעפּט נאָך דער זיצונג פון יודנראַט אַז ער האָט קוים געשלעפּט זײַנע פיס אַהיים. האָט לענאַ נישט געענטפערט אויף זײַן „גוטנאָוונט" ווען ער איז אַרײַן אין שטוב, אָדער האָט ער נישט דערהערט איר ענטפער? וואָס איז ווידער געשען? זי זיצט אין דעם פאָטעל אַזוי אומבאַוועגלעך, איר קאָפּ אַרײַנגעזונקען אין די אַקסלען ווי זי וואָלט גאָר קיין האַלדז נישט געהאַט. אויך איר פּלייצע איז געזונקען ווי זי וואָלט נישט געזעסן, נאָר געהויערט אין דעם פאָטעל. זי האָט אים נישט אָקעגנגעטראָגן אַ שמייכל ווען ער איז צוגעקומען צון איר, זי האָט אין גאַנצן נישט רעאַגירט אויף זײַן צוקומען. אַבי ער האָט געמיינט אַז זי איז שוין איבערגעקומען די דעפּרעסיע אין וועלכער זי איז אַרײַנגע־פאַלן נאָך אַלעקס טויט. „דאַברי וויעטשור, גוטנאָוונט, לען", האָט ער

ווידער אַ זאַג געטאָן און זיך נישט דערוואָרט אויף אַן ענטפער. ער האָט געהערט אַ מאָדנעם גערודער אין אַנדערן צימער און איז אַוועק אַהין.

אין דעם אַנדערן צימער איז אַלץ געווען צעוואָרפן, האַלינקע האָט אַרייַנגעסדרט אירע זאַכן אין צוויי רוקזעק.

„וואָס טוט זיך דאָ, האַלינקע ?"

„איך פּאַק מייַנע זאַכן".

„דאָס זע איך".

„איך צי זיך אַריבער צו די חלוצים".

„וואָס עפּעס פּלוצלינג ?"

„איך האָב געוווינט מיט זיי איידער דו און די מאַמושאַ זענען צוריק־געקומען".

„איצט זענען מיר דאָ. און צו וואָס דאָס פּאַקן ? קאָנסט גייַן דאָרט ווען ס'ווערט דיר אומעטיק דאָ, און דערנאָך צוריקקומען אַהיים".

„דאָ איז מער נישט מייַן היים און איך וועל מער נישט צוריקקומען".

„האַלינקע !"

האַלינקע האָט ווייַטער געפּאַקט.

„איך בין צו פיל פאַרנומען מיט קהלישע געשעפטן און די מאַמושאַ איז לעצטנס נישט צו פיל באַרעדעוודיק. עס איז דיר פריילעכער אין קיבוץ, דאָס קאָן איך פאַרשטיין, אָבער דייַן היים איז דאָ".

„דאָ ? וווּ מע מאַכט ליסטעס פאַר די דייַטשן, וווּ מע פאַרמישפּט חלוצים צום אַוועקשיקן ? וווּ מע רוימט אָפּ פון וועג יוסף פרידע, איז נישט מייַן היים !"

„דאָס איז זייער נקמה ? אָנגעהעצט דיך קעגן טאַטן ?"

„דאָס איז דייַן נקמה. יוסף איז געווען קעגן דייַן פּאָליטיק, האָסטו זיך נוקם געווען. דאָס איז נידעריקער פון יעדער קריטיק".

„דו רעדסט צו דייַן טאַטן !"

„ווער עס האָט דאָס געטאָן איז נישט מייַן טאַטע !"

זייַן גוף איז לעמבערגערן געוואָרן אַזוי שווער אַז ער האָט אים נישט געקאָנט דערטראָגן אויף די פיס, ער האָט שווער זיך אַראָפּגעזעצט אויפן בעט און פאַרבירט אַ שלונג טאָן פייַכט צו מאַכן די קעל. עס האָט אים געשטאָכן אין האַלדז ווי ער וואָלט אַראָפּגעשלונגען טשוועקעס. עס האָט גענומען אַ ווייַלע ביז ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. די ברוסט האָט זיך געהויבן, נישט ווי ער וואָלט זיך אַראָפּגעזעצט, נאָר ווי ער וואָלט אַרויפגעלאָפן אויף אַ משופּעדיקן באַרג. ווען ער האָט גענומען רעדן איז זייַן קול געווען הייזעריק ווי נאָך אַ פאַרקילונג : „דאָס איז שוין צו פיל,

צו פיל אַפילו פאַר מיר. איך וואָלט דיך געלאָזט גיין. הלוואי נישט, אָבער דו וועסט זען ווער עס איז גערעכט. אָבער די מאַמעשי, גיב אַ קוק אויף איר, וועסטו זען וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן".

„איך האָב אָפּגעטאָן? איך?"

„צוויי קינדער. אַלעקן האָט מען אַרויסגעטראָגן אויף אַ מיטה, דו גייסט אַליין אַוועק. אַלעק האָט זיך כאַטש געשיידט מיט ליבשאַפט..."

„טאַקע ווײַל איך — —" זי האָט געוואָלט זאָגן „טאַקע ווײַל איך האָב דיך ליב געהאַט", אָבער נישט געקאָנט אַרויסברענגען דאָס וואָרט „ליב", האָט זי זיך צוריקגעכאַפּט: „טאַקע ווײַל איך פלעג אַזוי שטאָלץ זײַן מיט דיר, טוט עס אַזוי וויי".

„האַלינקע, קינד מײַנס, לאָז זיך נישט אָנהעצן קעגן דײַן טאַטן".

„זאָג מיר נאָר איין זאַך: דו האָסט אַרויפגעשטעלט יוספס נאָמען אויף דער ליסטע?"

„יאָ, אָבער — —"

„מער דאַרף איך גאָרנישט וויסן".

ער איז אויפגעשפּרונגען, אָנגעכאַפּט זי בײַ ביידע אַקסלען און זי געטרייסלט: „דו און יוסף און אײַער גלײַכן זענען די גרעסטע חכמים, האָ? איר ווייסט גענוי וואָס צו טאָן און ווי צו האַנדלען? איך בין דאָ נישט געווען דעם שוואַרצן מיטוואָך, דו ביסט יאָ געווען. דו ווייסט אַז הונדערטער, אפשר טויזנטער לעבנס שטייען אין קאָן, ליגן אויף דער וואָגשאָל. איר ראַצערס וועט אָננעמען די באַשלוסן וואָס זאָלן אַריבער־וועגן דאָס צינגל? ווער נאָך, ווי דו, ווייסט אַז אַלץ וואָס איך טו טו איך לטובת הכּלל, אַז איך גענים נישט פון מײַן פּאָזיציע די ווערט פון אַ שפּענדל..."

„מאַכט, דו האָסט פאַרכאַפּט די גאַנצע מאַכט".

ער האָט אָפּגעלאָזט אירע אַקסלען און געפרעגט: „האָט די מאַכט מיך קאָרומפּירט?" ער האָט מיט בעטנדיקע אויגן געוואַרט אויף אַן ענטפער.

„דו האָסט אויסגענוצט דײַן מאַכט פּטור צו ווערן פון אַ קעגנער. ער האָט דיך גערופן 'קאָלאַבאָראַטאָר' און דו האָסט אויסגענוצט די ערשטע געלעגנהייט זיך נוקם צו זײַן".

ער האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויפן בעט. ער האָט געזען אַז וואָס נאָר ער זאָל נישט זאָגן וועט ער זי נישט איבערצײַגן. אָבער ער האָט ווײַטער גערעדט: „אַוודאי האָט עס וויי געטאָן. אָבער נישט נקמה בין איך אויסן געווען. אַ מאָל, נאָך דער מלחמה וועל איך אים רופן צום אַ

חברים־געריכט. אַפילו ער זאָל מיך טויזנט מאָל איבערבעטן וועל איך אים נישט דערלאָנגען די האַנט. אָבער כּדי צו דערלעבן יענע צײַט מוז מען איצט בייגן דעם קאָפּ. איך נעם מײַן האַרץ אין די הענט צען מאָל אַ טאָג כּדי מיר אַלע, דײַן חבר יוסף אַרײַנגערעכנט, זאָלן דערלעבן דעם סוף פון דעם קאַשמאַר. מע מוז זיך אָנגורטן מיט געדולד, אויס־דויער און אײַזערנע נערוון כּדי אויסצוהאַלטן ביז דער הונט קראַנק, וועט פּגרן, אָדער ביז זײַן פּריץ וועט פּגרן. קומט אַזאַ שנעק און וויל דיקטירן אַ גאַנצע עדה זאָל לויפן מיט פאַרמאַכטע אויגן אויפן ראַנד פון אָפּגרונט. אפשר וואָלט איך אים געקאָנט מוחל זײַן אויב ער וואָלט געהעצט נאָר קעגן מיר. אָבער ער העצט קעגן דעם איינציקן וועג צו ראַטירונג. דערמיט שטעלט ער אין סכּנה אונדזערע אַלעמענס לעבנס; עס וואָלט געווען אַ מיצווה אים אַוועקצושיקן".

לעמבערגער איז אַנטשוויגן געוואָרן, נישט געהאַפּט אַז ער האָט זי איבערגעצײַנט, אַפילו זיך נישט געריכט אויף קיין ענטפער. אָבער האַלינקע איז געווען פאַרביסן: „איך בין אויף זײַן זײַט. איך האָב די זעלביקע אידייען, וואָלטסטו מיך אַרויפגעשטעלט אויף אַזאַ ליסטע?"

לעמבערגער האָט אַרויפגעקוקט צו איר מיט אויפגעריסענע אויגן.

„גיב אַ טראַכט, בײַ קראַנצן איז דאָך אַלץ מעגלעך. מאָרגן, איבער־מאָרגן קאָן ער פאָדערן עפּעס אַנדערש. אויב עס זאָל גיין וועגן דײַן אייגן קינד, וואָס וואָלטסטו געטאָן? וואָלטסטו אַרויפגעשטעלט מײַן נאָמען אויף דער ליסטע כּדי מיט דעם צו באַשיצן קהל?"

„זאָל איך פריִער אָן אַפּאָפּלעקציע קריגן, זאָל איך פריִער אויסגע־ריסן ווערן מיט דער ערגסטער מיתה־משונה, איידער איך וועל דאַרפן אָננעמען אַזאַ באַשלוס", האָט עס אַרויסגעבראָכן פון אים מיט אַ כאָרכלענ־דיק קול און מיט ווערטער און אַ לשון וואָס זענען נישט געווען זײַנע.

זענען אירע ווערטער געווען אַזוי סוגעסטיוו? האָט זיך אויפגעהויבן אַ פאָרהאַנג און ער האָט געקאָנט אַריבערקוקן צו שפּעטערדיקע טעג? ער האָט עס געזען ווי עס וואָלט פאָרגעקומען איצט און ער האָט מער נישט געהאַט קיין ספק אַז עס וועט קומען צו דעם. ער האָט עס דערפילט אין זײַן יעדן אבר, ווי ער וואָלט שוין איצט גדאַרפט מאַכן דעם באַשלוס און געבן דעם ענטפער. זײַן שיידל האָט געריסן צו שפּאַלטן זיך ווי דער ענטפער וואָלט באַדאַרפט אַרויסברעכן דורכן שפּיץ קאָפּ. אַרויסגעבראָכן האָט עס דורכן מויל מיט אַזאַ שטורעם ווי אַלע געדערעם, אַלץ פון אינעווייניק, וואָלטן זיך געריסן אַרויס, צו אַנטלויפן פון זײַן זינקענדיקן גוף...

טאַדעוש לעמבערגער איז צו מאָרגנס נישט אויפגעשטאַנען פון בעט. זײַן ווײַב און טאָכטער האָבן נישט צוגעלאָזט צו אים, נישט קיין פּאַציענטן און נישט די מענטשן פון יודנראַט. מע האָט געקלונגען פון דער קאָמענדאַנטור; האַלינקע האָט געענטפערט אַז דער טאַטע איז קראַנק און קאָן נישט קומען צום טעלעפאָן.

ו.

דער קאָמענדאַנט האָט צוגעטראַכט עפּעס נײַעס. אין שטאָט איז אַ דוחק אין דירות און מע דאַרף אײַנשרומפּן דעם ייִדן־קוואַרטאַל. דער קוואַרטאַל דאַרף אויך אָפּגעצוימט ווערן מיט אַ מויער. וועגן ציגל פאַר דער מויער דאַרף מען זיך נישט זאָרגן, מע וועט נוצן די מצבות פון דעם ייִדישן בית־עולם.

עס זענען שוין געהאַט אָנגעקומען ידיעות פון אַנדערע שטעט וועגן אָפּגעצוימטע ווינקלוואַרטאַלן פאַר די ייִדן, אָבער דאָס צעשטערן דעם בית־עולם איז געווען אַן אָרטיקע גזירה, צוגעטראַכט דורך קראַנצן צו דערקוטשען די ייִדן. די גרענעצן פון דעם ייִדן־קוואַרטאַל זענען נאָך נישט געווען פעסטגעשטעלט און מע האָט שוין געפירט צום ייִדישן בית־עולם די אַרבעטערס וואָס דער יודנראַט האָט צוגעשטעלט, זיי זאָלן אַרויסרײַסן די מצבות. די אויפזעערס האָבן צעשלאָגן עטלעכע חלוצים וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן.

שלומל און נטע זענען ביידע געקומען צו לויפן צום דאָקטאָר. האַלינקע האָט זיי פאַרשטעלט דעם וועג. שלומל האָט זי אָוועקגעשטופּט אין אַ זײַט און געלאָפן גלײַך צו דער צווייטער שטוב וווּ לעמבערגער איז געווען אין בעט. מער ווי די צוויי שטובן האָבן די לעמבערגערס דאָ נישט געהאַט. שלומל און ר׳ נטע האָבן אים געמוזט אונטערהאַלטן ווען ער איז אַרויס פון בעט, ער האָט זיך געוואַקלט אויף די פיס ווי נאָך אַ לאַנגער קרענק.

„ער נעמט, ברוך־השם, דאַרף מען ווידער פּראָבירן געבן", האָט שלומל געטענהט, „ער האָט באַפרײַט יאַסלען און אַפילו נישט גענומען קיין אַנדערן אויף זײַן אָרט. אָבער דאָ קאָן איך נישט גיין נאָר מיט אַ גאָלדענעם זייגער. מע דאַרף ראַטעווען דעם בית־עולם, מע דאַרף די לעבעדיקע אויך ראַטעווען. אויב מ׳עט אונז חלילה אָפּשליסן הינטער אַ מויער..."

שלומל האָט מיטגענומען ר׳ נטען כּדי ער זאָל אים העלפן איבער־

צייגן דעם דאָקטאָר אַז מע זאָל צונויפנעמען געלט אויסצוקויפן זיך פון דער גזירה, אָבער ר׳ נטע איז גאָר געווען קעגן. „מײַן אַהרן זאָגט אַז די גאַנצע גזירה איז אַ פועל־יוצא פון דעם וואָס מע האָט אויסגעקויפט זײַן יאסל. דער צורר קראַנץ וועט האַלטן אין איין אויסטראַכטן גזירות כּדי מע זאָל זיך דאַרפן אויסקויפן״.

„וועט מען זיך אויסקויפן און ווידער אויסקויפן, ביז דער אייבערשטער וועט העלפן און מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן פון זײַנע הענט״. האָט שלומל זיך געהאַלטן בײַ זײַנס.

„ער קען שנעלער אויסטראַכטן גזירות ווי מיר שאַפן געלט״.

„מיר האָבן דען אַן עצה? מע האָט שוין אָנגעהויבן חרוב מאַכן דעם בית־עולם״, האָט שלומל נישט אָפּגעלאָזט.

„טאָ וואָס עצהט ר׳ אַהרן?״ האָט לעמבערגער געוואָלט הערן פון נטען.

„מײַן ברודער זאָגט אַז מע דאַרף נעמען אַ בײַשפּיל פון דעם מהר״ם פון ראָטענבורג, נישט ווײַזן אַז מ׳עט שיטן מיט געלט אָפּצושרײַען יעדע גזירה וואָס ער וועט אויסטראַכטן״.

„דאָס איז דאָך געווען טאָקע אין דײַטשלאַנד״, האָט לעמבערגער זיך דערמאָנט. דער אימפּעראַטאָר האָט פאַרלאַנגט אַ גרויסע סומע, און די ייִדן זענען גרייט געווען עס צו באַצאָלן צו באַפרײַען זייער רב, אָבער דער רב האָט זיי פאַרבאָטן עס צו טאָן. ער האָט געזאָגט אַז דאָס וועט גורם זײַן מע זאָל כּסדר אײַנזעצן חשובע ייִדן אין תּפיסה כּדי קהל זאָל זײַן גענייט זיי אויסצוקויפן״.

„און וואָס איז געווען דער סוף?״ האָט שלומל געוואָלט וויסן.

„דער מהר״ם איז געשטאָרבן אין תּפיסה. זיבן יאָר איז ער געזעסן ביז זײַן פּטירה, ער האָט אין תּפיסה אָנגעשריבן זײַנע וויכטיקסטע ווערק, אַזוי דאַכט זיך מיר״, האָט דער דאָקטאָר געפונען אַ צײַט זיך צו באַווײַזן מיט זײַנע קענטעניש אין ייִדישער געשיכטע.

שלומל איז אַזש אויפגעשפּרונגען פון זײַן בענקל מיט אומגעדולד. „ווען ר׳ מאיר פון ראָטענבורג איז געווען אין תּפיסה זענען אַלע אַנדערע ייִדן געווען דרויסן און אים אַרײַנגעשיקט אַלץ, ער זאָל דאָרט קאָנען זיצן און שרײַבן זײַנע חיבורים. דאָ, אויב מ׳עט נישט תּיכּף עפּעס טאָן וועלן מיר אַלע זײַן אין אַ תּפיסה״.

„אַהרן האָט מתּיר געווען די ייִדישע אַרבעטערס זאָלן רײַסן די מצבות פון די קבֿרים״, האָט ר׳ נטע ווײַטער דערציילט, „נעכטן ווען זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט עס צו טאָן, האָט מען זיי געשלאָגן מכּות רצח״.

„פאַר די טויטע זאָרג איך זיך נישט", האָט דער דאָקטאָר זיך אָנגערופן, אָבער ר' שלום איז געגרעכט, אויב די לעבעדיקע וועלן זיין אָפּגעשלאָסן הינטער דער וואַנט פון מצבות, ווער וועט זיי אַריינשיקן אַ שטיקל ברויט ?"

„דער פאַן דאָקטאָר איז נישט געזונט, מוזט איר, ר' נטע, אַרויסגיין מיט מיר צוזאַמענגעמען אויף אַ שיינער מתּנה".

„אויב דער דאָקטאָר האַלט אַז דאָס איז דער וועג, וועל איך געבן מיין חלק", האָט נטע געענטפערט.

„איך גיב מיין חלק און איך טו אויך דאָס געפערלעכסטע, איך טראָג עס אַוועק צו דעם רוצח. איר זענט גרייט זיך בייטן מיט מיר ?" איז שלומל געוואָרן אין כּעס.

„גייט מיט אים, ר' נטע", האָט לעמבערגער געבעטן, „עס איז סיי ווי נישט גוט איין מענטש זאָל סיי צוזאַמענעמען סיי אַוועקטראָגן. מיר זענען אַלע צוזאַמען אין דעם אַחריות פאַר קהל".

„נישט גאַנץ קהל איז מסכּים צו דעם. מיין אהרן איז קעגן".

„דאָ דאַרף מען נאָר אַריבערציִען די צייט ביז ענגלאַנד און פראַנקרייך וועלן זיך אַ נעם טאָן און זיך אַ ריר טאָן. ווען קראַנץ וועט זען אַז זיי זענען אויף צרות וועט ער שוין מורא האָבן פאַר זיינע אייגענע ביינער".

שלומל גראָסמאַן איז געווען אַ קליין, דאַר ייִדעלע. אַז ער איז געשטאַנען צווישן דערוואַקסענע האָט מען אים קוים אַרויסגעזען; אַז ער האָט גערעדט האָט מען קוים געהערט זיין קינדעריש קולעכל, אָבער ער איז געווען אָנגעזען אין שטאָט און מע האָט זיך צוגעהערט צו זיין קול. ער איז געווען אַן עסקן אין שטאָטישע מוסדות, מע האָט אים גענומען פאַר אַ בורר ביי דין־תּורות וועגן ענינים פון מיסחר. מע האָט אים געהאַלטן פאַר אַ שׂכלדיקן מענטש. ער איז געגאַנגען שנעל, גערעדט שנעל, און געקענט שנעל געפינען אַ פּשרה אַריינצוברענגען שלום צווישן צעקריגטע צדדים. נישט־צופרידענע אין אַ דין־תּורה האָבן געזאָגט אַז ער איז אַ דרייקאָפּ. געדרייט האָט ער נאָר מיטן גראָבן פינגער און דערקלערט אַן ענין מיט אַ גמרא־ניגון, אָבער זיין שׂכל איז געווען גראַד, זיין דענקען לעבעדיק. ווען מע האָט געדאַרפט איניציאַטיוו אָדער מוט, האָט עס אים נישט אויסגעפעלט, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן ביים ראַטעווען יוסף פרידע. ער איז אַוועק צום קאָמענדאַנט און געבעטן מוחל זיין פאַרן צונעמען צייט, אָבער עס האָט זיך אים געטראָפן צו קויפן אַ גאָלדענעם לאָנזשין־זייגער, דער בראַסלעט איז אויך פון גאָלד, און ער מיינט אַז אַזאַ זייגער פּאַסט פאַר דעם הויפּט פון דער שטאָט. דער הער קאָמענ־

דאַנט דאַרף זיך נישט זאָרגן וועגן פּרײַז. אַז ער האָט געזאָגט זײַן טאָכטערס חתן, דעם יונגן פרידע, פאַר וועמען ער וויל דאָס קויפן, האָט יענער פאַר־לאַנגט נישט מער ווי זיבעצן זלאָטעס. ער איז אַ ווילער בחור, זײַן טאָכטערס חתן, כאָטש אַ קרענקלעכער. ער קאָן נישט פאַרשטיין פאַר וואָס לעמבערגער — אַ דאָקטאָר — האָט אַרויפגעשטעלט זײַן נאָמען אויף דער ליסטע פון די פּופּציק. אַכיבע ער האָט געמיינט ס'איז עמעץ אַנדערש. אַז דער הער קאָמענדאַנט וועט נאָר איין קוק טאָן אויף דעם יאָזעף פרידע וועט ער אים זיכער אַהיימשיקן. דער הער קאָמענדאַנט האָט געפאָדערט אַרבעטערס און דער איז אַ שוואַכלינג, קוים וואָס ער זשיפּעט. יאָזעף, אָדער יאָסל פרידע איז דער נאָמען.

קראַנץ האָט דעמאָלט צוגענומען דעם זייגער און אַפילו נישט באַצאָלט די זיבעצן זלאָטעס, ער דאַרף גאָר נישט דעם גאַנצן אַנשטעל. יוספן האָט ער באַפרײַט.

איז דאָס נישט־באַצאָלן די זיבעצן זלאָטעס געווען אַן אַנצוהערעניש אַז מע קאָן דרייסט קומען צון אים מיט אַזעלכע פּראָפּאָזיציעס?

פון דעסט וועגן איז שלומל ווידער געקומען צום קאָמענדאַנט מיט אַן אויסרייד. ער האָט געבעטן אַ „פּאַסירשײַן" צו מעגן פאָרן קיין וואַרשע. ער האָט געשעפטלעכע פאַרבינדונגען אין וואַרשע און וויל פאָרן אײַנ־קויפן אַ ביסל סחורה. אפשר דאַרף דער הער קאָמענדאַנט עפּעס, וועט ער עס גערן אײַנקויפן, אפשר אַ זילבערפוקס פאַר דער פרוי, אפשר צירונג. דאָ איז אַלץ מיט גאָלד צו גלײַך, אין וואַרשע קאָן מען עס באַקו־מען בחצי־חינם.

דער קאָמענדאַנט האָט געוואָלט וויסן וויפל אַ זילבערפוקס קאָן קאָסטן אין וואַרשע.

„פאַראַן פאַרשידענע פוקסן פאַר פאַרשידענע פּרײַזן. וויפל וואָלט דער הער קאָמענדאַנט אויסגעגעבן דאַרויף?"

„פינעף און צוואַנציק זלאָטעס פאַר אַ שיינעם".

„איך נעם זיך אונטער צו געפינען פאַר דעם הער קאָמענדאַנט דעם שענסטן זילבערפוקס פאַר אַ פינעף און צוואַנציקער. וואָס נאָך דאַרף דער הער קאָמענדאַנט? אין וואַרשע קאָן מען באַקומען דאָס בעסטע לעדער, די שענסטע וואָלענע סחורות, אַפילו זײַדנס. מע זאָגט אַז אַפילו כינעזישן טיי און בראַזיליאַנער קאַווע. עכטע קאַווע, נישט ערזאַץ. אַזוי לאַנג ווי דער ייִדישער קוואַרטאַל וועט נישט אָפּגעשלאָסן ווערן און מע וועט קאָנען זיך באַוועגן פרײַ, נעם איך זיך אונטער צוצושטעלן אַלץ וואָס דער הער קאָמענדאַנט וועט באַשטעלן".

דער קאָמענדאַנט האָט אויסגערעכנט וואָס ער באַשטעלט און אויס־געשריבן אַ פּאַסירשיין אויף שלומס נאָמען צו פאָרן קיין וואַרשע. דער פּאַסירשיין איז געווען בעסער ווי שלום האָט עס זיך פאָרגעשטעלט, עס איז דאָרט געווען געשריבן אַז ער פאָרט איינקויפן פאַר דער קאָ־מענדאַנטור.

פאַר דעם אַוועקגיין האָט שלום זיך דערמאָנט אַז ער האָט אויך געוואָלט רעדן מיטן הער קאָמענדאַנט וועגן די שטיינער פון יידישן בית־עולם. ער האָפט אַז דאָס איז נישט קיין אײַליקער ענין און ער וועט האָבן צײַט צו רעדן וועגן דעם נאָכן צוריקקומען פון וואַרשע.

דער קאָמענדאַנט האָט באַשטעטיקט אַז עס איז נישט אײַליק.

„דאָ וועט דערווײַל גאָרנישט געשען?"

„קיינע אַנגסט", האָט דער קאָמענדאַנט אים באַרויִקט.

שלום האָט דערנאָך געזאָגט: „'מעז יצא מתוק', פון דער גזירה איז אַרויסגעקומען אַ טובה". מע האָט נישט אָנגערירט דעם בית־עולם, מע האָט מער נישט גערעדט וועגן פאַרקלענערן אָדער אָפּזונדערן דעם יידישן ווינפערטל. צו די באַשטעלונגען פון דעם שטאָט־קאָמענדאַנט זענען צוגעקומען באַשטעלונגען פון אַנדערע הויכע שישקעס, אַפילו דער שעף פון געסטאַפּאָ האָט באַשטעלט. זיי האָבן זיך בכלל נישט געהיטן דערמיט, ווי שוחד וואָלט בײַ זיי געווען אַ מיצווה. אַ מיטל אַרויסצופּרעסן באַהאַל־טענע יידישע פאַרמעגנס איז עס זיכער געווען. שליחים פון יודנראַט זענען אָפט געפאָרן קיין וואַרשע איינקויפן, און אַ דײַטשער באַגלייטער איז געפאָרן מיט זיי, היטן מע זאָל נישט קאָנפיסקירן די סחורה. דער באַגלייטער האָט געהאַט זײַנע אייגענע באַשטעלונגען און עס האָט אים נישט געאַרט אַז די שליחים האָבן איינגעקויפט סחורה פאַר אַלע יידישע סוחרים. דער קליינער שלומל האָט דערפירט דערצו אַז אין די מיסחרים האָט מען פאַרדינט נאָך מער ווי מע האָט באַדאַרפט געבן די דײַטשן. די יודנראַט־שליחים זענען געוואָרן די שפּיליטערן פאַר אַלע שטאָטישע סוחרים, און מיסחר האָט געבליט. כעלמישע יידן האָבן געשיקט שפּײַזפּע־קלעך צו זייערע קרובים איבער דער גאַנצער גענעראַל־גובערניע, וואַרשע אַרײַנגערעכנט.

## קאַפּיטל נײַן

# אַ חתונה

א.

געניע האָט געהאַט איר וואַקאַציע סוף אויגוסט אָבער היטלערס מלחמה־דראָונגען האָבן צעשטערט אַלע פּלענער ערגעץ אַוועקצופאָרן. כעמיע איז געווען אַ קאַפּראַל אין רעזערוו און דערוואַרט אַ מאָביליזיר־צעטל. אַנשטאָט צום ים קיין צאָפּאָט ווי זיי האָבן געפּלאַנט זענען בײדע, געניע און כעמיע, געפאָרן אַהיים קיין כעלמיש. די מלחמה האָט אויס־געבראָכן און קיין מאָביליזיר־צעטל איז נישט אָנגעקומען. ווען די רעגירונג האָט גערופן דורכן ראַדיאָ אַלע קאַמפּפעיִקע מענער זאָלן אַוועק קיין מיזרח האָט כעמיע פאַרפּאַקט אַ רוקזאַק און אַרויס פון שטוב.

די פּוילישע אַרמיי האָט נאָכן ערשטן קלאַפּ נישט באַוויזן זיך צו באַפעסטיקן אויף אַ נײַער ליניע, נישט בײַ דער ווײַסל און נישט בײַ די טײַכן סען אָדער בוג. די רויטע אַרמיי האָט אומגעריכט גענומען מאַרשירן אַריבער דער רוסישער מערב־גרענעץ מיט פּוילן; כעמיע איז געבליבן מיזרח־זײַט פון בוג, אויף דער רוסישער זײַט.

נישט לאַנג נאָך דעם ווי וואַרשע האָט קאַפּיטולירט האָט עמעץ געבראַכט אַ ידיעה פון כעמיען. ער האָט אַוועקגעוואַנדערט ביז ביאַליסטאָק. מע לעקט דאָרט אויך נישט קיין האָניק אָבער ס'איז אַלץ בעסער ווי בײַם דײַטש. זאָל געניע קומען צון אים ווי לאַנג מע קאָן נאָך אַריבער די גרענעץ.

יעדעס מאָל ווען מע האָט געבראַכט אַ בריוול פון כעמיען האָט ער געהאַט אַן אַנדערע פּרנסה. ער האָט געשריבן אַז מע קאָן זיך אַן עצה געבן, פאַר וואָס קומט נישט געניע?

דער כעמיע טויג זיך אויס צו פּרנסה. ער האָט זיך דערוווּסט אַז די געזעלשאַפט אָזע האָט פאַרקלאַמירט אַ קאַמפּאַניע פאַר רייניקייט כדי צו פאַרהיטן פון עפּידעמיעס, האָט ער זיך דערמאָנט אין אַ פאַרלאָזענער קאָנסערוון־פאַבריק ווו ער האָט איבערגענעכטיקט די ערשטע נאַכט אין שטאָט. דעמאָלט האָט ער געטראַכט אַז אויב ער וואָלט געקאָנט אונטער־הייצן איינעם פון די גרויסע קעסלען וואָלט אים געווען וואַרעם צו שלאָפן. קוילן זענען דאָרט געווען אָבער עקספּערימענטירן מיט פײַער האָט ער

מורא געהאַט. ער האָט זיך איצט דערמאָנט אין די קעסלען און אַ טראַכט געטאָן אַז מע וואָלט געקאָנט קאָכן אין זיי די וועש פון טויזנטער פּליטים. ער אַליין וואָשט זײַן וועש אין אַ שיסל קאַלט וואַסער. עס מערן זיך די ווערעם, הלוואַי זאָל ער נישט קראַנק ווערן.

כעמיע איז צו ערשט אַוועק אין דער פאַבריק. ער איז עטלעכע מאָל פאַרבײַ דעם בנין און אים נישט דערקענט. די שויבן אויסגעהאַקט, די טירן אויפגעפּראַלט. ווען ער איז אַרײַן האָט ער אויך אינעווייניק נישט דערקענט די פאַבריק. די מאַשינען זענען נישט געווען, אָבער די גרויסע קעסלען זענען געבליבן. פאַר וואָס די רוסן האָבן נישט אַרויסגעפירט די קעסלען? אפשר האָבן זיי געגוג קעסלען און האָבן אַרויסגעפירט נאָר דאָס וואָס זיי האָבן נישט. אפשר איז עס סתּם אַ גאָט־זאַך קעסלען איז אַלץ וואָס ער דאַרף פאַר אַ וועשערײַ, עס איז אַפילו פאַר זײַן טובה וואָס די רעשט פון דער פאַבריק איז ליידיק.

כעמיע האָט אַלע מאָל פײַנט געהאַט צו האַנדלען מיט געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און מיט טויזנט באַלעבאַטים, אָבער איצטער איז קיין ברירה נישט געווען. ער האָט אַרײַנגעקלאַפּט אין די קעפּ פון די ביוראָ־מענטשן זײַנע אידייען. קעסלען זענען פאַראַן, פּליטים וואָס זוכן אַרבעט זענען פאַראַן. וועש איז נישט גענוג פאַראַן, און וואָס עמעץ האָט יאָ, איז שמוציק און דאַרף געקאָכט און געוואַשן ווערן אויסצוראָטן די לײַז.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען שוין אַרײַנגעשטעלט אין די פענצטער שטיקלעך טאַוול, ברעטלעך, שטיקלעך בלעך, און וואָס נאָר מע האָט געקאָנט אַרײַנפּאַסן כּדי עס זאָל נישט אַרײַנבלאָזן דער קאַלטער ווינט. ערשט איצט האָט מען געקאָנט אײַנגעצן די הענט און עטלעכע צענדליק ווײַבער האָבן גענומען שײַערן די מיט שמוץ פאַרוואַקסענע קעסלען.

אַ וואָך שפּעטער האָט שוין געאַרבעט די קאָאָפּעראַטיווע וועשערײַ. עפּעס אַן אינספּעקטאָר האָט אים געפרעגט וואָס ער האָט געטאָן פאַר דער מלחמה, האָט ער געוויזן זײַנע מוסקלען און זײַנע ברייטע, שטאַרקע הענט. „יאָ, דאָס זענען פּראָלעטאַרישע הענט", האָט יענער באַשטעטיקט.

כעמיע האָט באַפוילן מיט יעדער געלעגנהייט, געניע זאָל קומען וואָס שנעלער, קלמן און רוכטשע זאָלן אויך קומען, אַפילו טאַטע־מאַמע זאָלן קומען. ער וועט האָבן אַ פּאָסטן פאַר ר׳ נטען; ער האָט שוין גערעדט וועגן דעם מיט וועמען מע דאַרף.

כעמיע האָט געמיינט אַז זיי האָבן נאָך דאָס געוועלב מיטן גאַנצן לעדער, דאָך האָט ער געעצהט זיי זאָלן אַלץ באַהאַלטן, באַגראָבן און קומען. מיט אַ שטיקל ברויט וועט מען זײַן פאַרזאָרגט און אויך מיט

אַן אָפיציעלן דאָקומענט. קיין פאַרמעגן קאָן מען נישט מאַכן, אָבער איידער צו זײַן אין טויט־שרעק ביי די דײַטשן איז גלײַכער צו קומען צון אים און לעבן אין מנוחה. זאָלן זיי זיך נישט אײַנרעדן אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן איינס־צוויי. ער האָט געהערט אַז עס וועט נאָך גע־דויערן אַ גאַנץ יאָר.

אויב דער בריוו וואָלט אָנגעקומען איידער ר׳ נטע איז געוואָרן אַ מיטגליד אין יודנראַט וואָלט מען נאָך געקאָנט טראַכטן וועגן דעם. איצט איז אויך קלמן פאַרבונדן מיט דעם אָרדענונג־דינסט. דער ווייטיק איז נאָך גרעסער וואָס זי, גענינע, איז געווען די ערשטע צוצורעדן קלמנען אַרײַנ־צוטרעטן אין אָרדענונג־דינסט. סטעפאַן ווײַסן, דעם קאָמענדאַנט פון דער אָרדענונג־דינסט, האָט זי נישט געזען זינט זי איז געווען אַרום זיבן יאָר אַלט און געזעסן מיט אים אויף איין באַנק אין דער שול, אָבער ער האָט זי דערקענט אין גאַס און זיך אַרומגעכאַפּט מיט איר. ער זאָגט אַז ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ שוואַכקייט צון איר, אָבער זי האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. זי האָט זיך פאַרענטפערט אַז דעמאָלט האָט זי בכלל פײַנט געהאַט יינגלעך און אויף קיין יינגל זיך נישט אומגעע־קוקט. „איך האָף זי האָבן זיך שוין אויסגעהיילט פון דער קינדער קראַנ־קייט״, האָט ער געלאַכט. אַ וואָרט צון אַ וואָרט, זיי זענען געוואָרן פרײַנד און קלמן איז אַרײַן אין אָרדענונג־דינסט.

גענינע האָט זיך נישט געאײַלט פאָרן, זי האָט נאָך אַלץ געהאָפט אַז זי וועט באַווײַזן איבערצורעדן רוכטשען זי זאָל פאָרן מיט איר. „רוכטשע־לע, איך דערקען דיך נישט, ווו איז מײַן פריילעכע, וויציקע שוועסטער? דו ביסט דעם שוואַרצן מיטוואָך צוריק געקומען אַ לעבעדיקע און דאָך ביסטו נישט אין גאַנצן לעבעדיק״, האָט גענינע געטענהט מיט איר שוועסטער. „קום מיט מיר, רוכטשע, ס׳איז נישט גוט פאַר דיר דאָ צו זיצן און מוזן קוקן די מערדערס אין פּנים אַרײַן״.

דער שוואַרצער מיטוואָך האָט עס זיכער ערגער געמאַכט, אָבער רוכטשע איז געוואָרן אַן אַנדערע נאָך פאַר דער מלחמה, האָט גענינע געדענקט. זי האָט געזאָגט רוכטשען אַז ז׳איז געווען אַ לעבעדיקע, נאָר דאָס איז זי דווקא נישט געווען; זי איז אַלע מאָל געווען צו ערנסט. אָבער וויציק איז זי יאָ געווען. זי האָט עפּעס געזאָגט, אַלע האָבן זיך צעלאַכט און איר פּנים איז געבליבן ערנסט ווי זי וואָלט נישט געהערט וואָס זי אַליין האָט געזאָגט. וואָס איז רוכטשע שולדיק אַז פוליע האָט זיך דערטרונקען איבער איר. אַז יענער איז געווען אַ נאַר, ער זאָל עס מוחל זײַן, וואָס האָט רוכטשע געקאָנט טאָן? טראַכט נאָך אַלץ רוכטשע

אַז זי, געניע, איז שולדיק אין יאַנקלס פאַרשווונדן ווערן? איַינגערעדט זיך עפּעס אַ בײַקע און מע קאָן עס איר נישט אַרויסשלאָגן פון קאָפּ. זי האָט זיך דעמאָלט נאָר אַ ביסל אַ רייץ געטאָן מיט יאַנקלען, אָבער ווען ער האָט געוואָלט דאָס רעכטע גערעכטע האָט זי אים געזאָגט „דו ביסט מײַן שוועסטערס סימפּאַטיע" און האָט אים אָפּגעטריבן פון זיך. זי קאָן שווערן אַז רוכטשע טראָגט נאָך אויף איר אַ האַרץ און דעריבער וויל זי נישט פאָרן מיט איר.

דערווײַל איז געשען די מעשׂה מיט דער רעגיסטראַציע און מיטן אָוועקשיקן די געכאַפּטע מענטשן אין אַ לאַגער. ר' נטע האָט אַ פרעג געטאָן קלמנען צי ער טראַכט אַ מאָל וועגן אַריבערגיין אויף יענער זײַט. קלמן האָט געזאָגט אַז יאָ, ער האָט שוין אַ סך געטראַכט וועגן דעם. ר' נטע האָט אָנגעהויבן אויספּאַרקויפן דאָס ביסל באַהאַלטענע לעדער, איז גאָר אָנגעקומען אַ ידיעה פון כעמיען מע זאָל זיך נישט איַילן, ער ווייסט נאָך נישט וואָס זײַנע פּלענער וועלן זײַן.

וואָכן זענען פאַרבײַ אָן אַ ידיעה. געניע האָט נישט איבערגעקלערט. אַזוי איז עס מיט אַזאַ מין פּאָסט. אַ מאָל טרעפט זיך אַ געלעגנהייט איבערצושיקן אַ בריוו, אַ מאָל האָט דער שליח מורא צו פירן בריוו און נעמט מיט נאָר אַ גרוס, און טייל מאָל פאַרגעסט ער אָפּגעבן אַפילו דעם גרוס. זי ווייסט אַז כעמיע באַצאָלט גוט פאַר די בריוו, אָבער וואָס קאָן מען טאָן איינעם וואָס נעמט דאָס געלט און גיט נישט אָפּ די בריוו — רופן אים קנאַקניסל?

ס'איז געווען אַ שבת נאָך מיטאָג ווען אַ יינגל פון די כאַבולאַקס איז געקומען צו די פרידעס זוכן געניען. געניע איז נישט געווען אין דער היים. דאָס יינגל האָט נישט געוואָלט זאָגן נאָך וואָס ער דאַרף געניען.

ווי יעדן שבת נאָך מיטאָג ווען די קינדער זענען אָוועק, האָבן די פרידעס זיך צוגעלייגט כאַפּן אַ שבת־נאָכמיטאָגדיקן דרימל. אַ קלאַפּן אין טיר האָט זיי אויפגעוועקט, ס'איז ווידער געווען דאָס כאַבולאַק יינגל, דאָס מאָל האָט ער זיך געפרעגט אויף רוכטשען. „וואָס ווילסטו?" האָט נטע ווידער געפרעגט. „רוכטשען", האָט דאָס יינגל געענטפערט און ווידער אָוועק.

כעמיע איז צוריקגעקומען. ער האָט זיך נישט געוואָלט ווײַזן פאַר די מחותנים ביז צו מאָרגנס, כדי זיי זאָלן נישט וויסן אַז ער איז געפאָרן אום שבת; אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן פון זוכן געניען. חדשים זענען אַריבער זינט ער איז אַוועק פון דער היים. מער ווי איין מאָל האָט אים געצויגן אַ לויף צו טאָן אַריבער דער גרענעץ

צון איר, אַרײַנכאַפּן זי אין די אָרעמס און צודריקן צו זיך איר יאָדערדיק לײַב. אפשר האָט טאַקע דאָס געווירקט ער זאָל אַזוי פּלוצלינג באַשליסן צו פאָרן אַהיים. געלאָזט זיך אין וועג אַרײַן האָט ער געוואָנדערט טאָג און נאַכט אָן אָפּרו. אין מאַלקין בײַ דער גרענעץ האָט ער זיך געקויפט אַ בלוי-ווײַס אָרעמבאַנד וואָס יעדער ייִד אין דער גענעראַל-גובערניע מוז טראָגן. אָבער ער האָט עס באַלד צוריק אַראָפּגעצויגן פון זײַן אַרבל כדי ער זאָל קאָנען אַרײַן אין אַ באַן. ער האָט ריזיקירט מיטן לעבן כדי צו קאָנען זײַן מיט איר אַ צוויי טעג פריִער, איז זי גאָר נישטאָ אין דער היים.

אַז געניע איז סײַ ווי נישטאָ קאָן ער דאָך דערווײַל אַרײַנכאַפּן אַ ביסל שלאָף. זײַנע קניִען זענען געווען שוואַך פון מידקייט, די אויגן האָבן געברענט פון נישט שלאָפן. ער איז געפאַלן אויפן בעט אין אָנטועכץ, אָבער די אויגן האָבן געגליט אָפן און אויפגעריסן: וווּ קאָן זי זײַן? פאַר וואָס ווייסט מען נישט אין דער היים וווּ זי איז? נאָך אײדער ער האָט גענו־מען אַ ביסן אין מויל, נאָך אײדער ער האָט באַנעצט זײַן גומען מיט אַ שלוק וואַסער, האָט ער זיך געוואַשן און געריבן פון זײַן לײַב דעם ריח פון איבערגעהייצטע וואַגאָנעס און פאַרשוויצטע לײַבער. ער האָט זיך אַזוי געאײַלט בײַם ראַזירן אַז ער האָט זיך צעשניטן דאָס פּנים. ער חלשט זי זען אַז ער ווערט שיִער נישט צעפּלאַצט, איז זי גאָר נישטאָ. וווּ קאָן זי זײַן? וווּ איז זי ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן?

איז ער צוריקגעקומען צו שפּעט?

עס איז געקומען אויף אים פּלוצלינג. ער האָט געהערט עמעצן זאָגן אַז איצט ווערט צו ריזיקאַליש צו בלײַבן, און דער חשק צו לויפן צוריק איז אים באַפאַלן ווי אַ משוגעת. איז עס געווען אַ פאַרגעפיל? אַזאַ פּולבלוטיקע מויד ווי געניען לאָזט מען נישט איבער אַזוי לאַנג אַליין.

כעמיע איז אויפגעשפּרונגען פון בעט, אַ כאַפּ געטאָן זײַן ברודערס ווינטער-קורטקע און הוט. ער האָט אַראָפּגעצויגן דעם הוט איבער די אויגן, מע זאָל אים נישט דערקענען און האָט גענומען זיך שלײַכן דורך די גאַסן צום הכשרה-קיבוץ. רוכטשע איז אַוודאי דאָרט, אפשר אויך געניע; אויב נישט, וועט רוכטשע וויסן וווּ זי איז.

דער קיבוץ איז מער נישט געווען דאָ וווּ ער פלעגט אַרײַנקומען. ער האָט געמוזט פרעגן עמעצן וועגן קיבוץ, מע האָט אים דערקענט און אים באַוואָרפן מיט פראַגעס. זעען זיי נישט אַז ער אײַלט זיך?

אין קיבוץ — אומבאַקאַנטע פּנימער, רוכטשע איז דאָרט נישט געווען. האָבן זיי טאַקע נישט געוווּסט וווּ מע קאָן זי געפינען, אָדער האָבן זיי

געקוקט מיט חשד אויף דעם פרעמדן. „חווה, חווה!" האָט ער גענומען רופן ווען ער האָט דערזען אַ חלוצקע וואָס איז דאָ געווען אויך פאַר דער מלחמה.

חווה האָט אים נישט געדענקט. „משה האָט אַ מאָל געמאַכט אַ סקאַנ־דאַל ווען ער האָט געבראַכט עטלעכע ווורשטן פאַר די חלוצים". זי האָט זיך צעלאַכט, און באַלד איבערגעריסן איר געלעכטער: „משה איז שוין נישטאָ, אַ דײַטש האָט אים דערשאָסן".

רוכטשע קומט אָפּט אין קיבוץ, אָבער חווה האָט נישט געוווּסט ווו זי איז איצט. „אפשר בײַ עליאשן, עליאש, דער שטולמאַכער. יאָ, דער וואָס איז געזעסן אין בערעזע פאַר קאָמוניזם. זיי קומען אָפּט אַרײַן צוזאַמען. עליאש האָט אויפגעריכט זײַן אַלטן וואַרשטאַט, ס׳קאָן זײַן אַז זיי זענען דאָרט".

כעמיען האָט מער נישט געאַרט אַז מער מענטשן ווען אים זען און עס וועט אָנקומען צו די פרידעס אַז ער איז געקומען אום שבת. ער איז געלאָפן גלײַך צו עליאַשעס וואַרשטאַט. רוכטשע איז טאַקע דאָרט געווען, אויך איר קוזין יאָסל איז דאָרט געווען און נאָך אַנדערע וואָס ער האָט נישט געקענט. קיינער האָט נישט געוווּסט ווו גענעס איז.

ר׳ נטע איז שוין געהאַט אויפגעשטאַנען פון זײַן שבת־נאָכמיטאָג־שלאָף ווען כעמיע איז אַרײַנגעקומען. כעמיע האָט געזאָגט אַז ער איז געקומען נעכטן, אָבער ער איז געגאַנגען און געפאָרן טעג און נעכט, איז ער אַרײַנגעפאַלן אין בעט און געשלאָפן ווי געהרגעט. כעמיע האָט געוווּסט אַז ער רעדט צו פיל, ער האָט געפילט ווי זײַן פּנים איז אין איין פײַער, און געזען אין דעם מחותנס פּנים אַז ער איז אַ מבין אויף די ליגנס. ר׳ נטע האָט אים אַרײַנגעפירט ווײַטער אין שטוב און געבעטן זיך זעצן, און ער האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט אויפהערן רעדן. „יאָ, ער האָט געשיקט אַ ייִנגל צו גענעין. אַ נאַריש ייִנגל, גענעע איז נישט געווען, האָט ער נישט געזאָגט וואָס מ׳האָט אים געהייסן זאָגן, אַז כעמיע איז געקומען. ווו איז טאַקע גענעע?"

„אַרויס שפּאַצירן באַלד נאָכן עסן. ז׳עט אַוודאי באַלד קומען. מ׳האָט זיך שוין געגרייט פאָרן צו דיר; אַלע, רוכטשע און קלמן אויך. וואָס איז פלוצלינג געשען?"

„אַלע טאָג קומען זיי אַרויס מיט נײַע פּאַראַנדקעס. זיי שאַפן שוין אָפּ דאָס פּוילישע געלט, מע דאַרף אויסטוישן די זלאָטעס אויף רובלס.

ווײַז די באָלשעוויקעס אַז דו האָסט געלט און דו באַגראָבסט זיך אַליין. אַ סך זיצן אין תּפֿיסות, זיי פֿאַרשיקן אויך טיף אין רוסלאַנד״.

„דאָ, מײַנסטו, איז בעסער? דאָ טאָר אַ ייִד נישט האָבן מער ווי זעקס הונדערט זלאָטעס, און ז׳האָבן ערשט געמאַכט אַז די זלאָטעס זאָלן נישט האָבן קיין ווערט אויב מ׳עט זיי נישט אָפּשטעמפּלען בײַ די דײַטשן, אַזוי אַרום װעלן זיי וויסן ווער עס האָט געלט. די פּאָליאַקן נעמען שוין פּופּציק פּראָצענט פֿאַר אָפּשטעמפּלען דאָס געלט פֿון אַ ייִד״.

„דאָרט איז די פּאָליאַקן נישט בעסער ווי די ייִדן, דאָרט זענען די אוקראַינער און ווײַסרוסן דאָס אייבערשטע פֿון שטויסל. אין ווילנע זענען עס די ליטווינער. אָבער אויך זייערע בורזשויען זענען אויף צרות. ערגער ווי דאָס מוזן אויסטוישן ס׳געלט איז וואָס מע דאַרף אָנגעמען זייער בירגערשאַפֿט. אַלע זאָגן אַז מיט אַ סאָוויעטישער בירגערשאַפֿט איז מען פֿאַרטשוואָקעוועט אויף אייביק, מ׳עט נישט קאָנען צוריק קומען אַפֿילו נאָך דער מלחמה״.

„די פּאָליאַקן דאָ זאָגן אַז דאָרט שאַלטעווען די ייִדן״.

„די פּאָליאַקן זענען נישט געוווינט צו זען אַ ייִדישן פּאָליציאַנט, אַ ייִדישן טשינאָווניק. דאָרט פֿירן די קאָמוניסטן די גראַנדע, ייִד, אוקראַינער, צי ליטווינער. ס׳עט אפֿשר לײַכטער ווערן ווען די קאָמיסאַרן וועלן ווערן הונגעריק און מ׳עט קאָנען צו זיי רעדן ווי צו מענטשן. די נײַע, די וואָס זענען דאָ געזעסן פֿאַר קאָמוניזם, בײַ זיי איז יעדעס וואָרט פֿון מאָסקווע תּורה־לאָקשן. כ׳קאָן שווערן אַז סטאַלין היט נישט אַזוי אָפּ די קאָמוניס־טישע תּורה ווי זיי. ס׳איז לײַכטער צו האַנדלען מיט די וואָס זענען געשיקט געוואָרן פֿון ריכטיקן רוסלאַנד. ס׳דאַכט זיך מיר אַז זיי זענען אַ ביסל צעחושט. זייער פּראָפּאַגאַנדע האָט געהאַט אַזוי פֿיל אָנגעטשאַקעט וועגן דעם בורזשואַזן פּוילן, און דאָ זעען זיי אַז ס׳איז גאָר נישט אַזוי שלעכט בײַ די קאַפּיטאַליסטן!״

„און ווי פֿירן זיך אויף די ייִדן וואָס קומען פֿון ריכטיקן רוסלאַנד?״

„אין אָנהייב האָבן זיי געהאַט רחמנות אויף אונדז. הײַנט... יעדער זוכט זיך אַן אויסרייד צו קומען אין די נײַע געביטן און אײַנקויפֿן וואָס בײַ זיי איז נישטאָ״.

„ווי פֿירן זיך אויף די דאָרטיקע ייִדן קעגן אונדזערע ייִדן? זיי ווײַזן אַרויס אַ שטיקל ייִדיש האַרץ צו די פּליטים פֿון אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד?״

„זיי האָבן געמיינט אַז מיר האָבן גאָרנישט. זיי האָבן געהאַט איין פּיאַטילעטקע נאָך דער אַנדערער צו מאַכן אַז דאָס לעבן זאָל זײַן

לײַכטער נאָך דער פּיאַטילעטקע. מיר האָבן נעבעך נישט געהאַט קיין פּיאַטילעטקעס, האָבן זיי רחמנות געהאַט אויף אונדז".

„דו מאַכסט חוזק".

„דער מחותּן וויל עפּעס הערן? דאָס האָב איך געזען מיט מײַנע אייגענע אויגן. ס'איז געווען אין קאָוועל ווען די רוסן זענען אַרײַן. אַ רוסישער זעלנער מיט אַ ייִדיש הארץ איז אַרײַנגעקומען אין אַ ייִדישער שטוב. דער באַלעבאָס האָט זיך באַלד באַרימט פאַרן גאַסט אַז ער איז אַ פאַבריק־אַרבעטער. 'כ'האָב עפּעס פאַר דיר', האָט דער סאָלדאַט אַ זאָג געטאָן צום ייִנגעלע אין שטוב, 'ס'אַ גוטע זאַך'. ער האָט געזוכט אין דער טיפער קעשענע פון זײַן שינעל. געזוכט און געזוכט און צום סוף אַרויסגעגראַבלט אַ שמוציק שטיקל האַרטן צוקער און עס דערלאַנגט דעם קינד. דאָס ייִנגעלע האָט זיך נישט געאײַלט עס צו נעמען, האָט ער עס צוגעטראָגן נעענטער צום קינדס אויגן, 'עטאָ סאַכאַר, ס'איז צוקער, ס'איז זיס — ס'איז אַ גוטע זאַך'".

„מע האָט אים שפּעטער סערווירט אַ גלאָז עכטן, פרישן טיי און אָוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ קלאָש צוקער, האָט ער געקוקט דאַרויף ווי אויף אַ בייזוווּנדער. זיי האָט מען געזאָגט אַז אונטער די פאַרפוילטע קאַפּיטאַליסטישע רעזשימען איז נישטאָ וואָס צו עסן".

די נאַכט איז צוגעפאַלן. רוכטשע איז אַהיימגעקומען, קלמן איז אַהיימגעקומען, ר' נטע האָט געמאַכט הבדלה, און גיניע איז נאָך אַלץ נישט געווען. כעמיע איז געזעסן בײַם טיש און געוואַרט. די אויגן האָבן זיך אים געקלעפּט, דער קאָפּ איז אַראָפּגעזונקען צום טיש אויף וועלכן עס איז נאָך געלעגן דאָס שבתדיקע טישטעך.

געניעס קול האָט אים אויפגעוועקט. מ'אָט נאָך בײַ דער טיר איר געזאָגט אַז כעמיע איז דאָ. זי האָט אַ קוויטש געטאָן און אַרײַנגעלאָפן צו אים.

„ס'איז שוין שפּערע־צײַט, מ'עט דיך נאָך אײַנזעצן", האָט דער טאַטע איר אויפגעוואָרפן.

„סטעפאַן האָט מיך צוגעפירט ביז צו דער טיר", האָט גניע געענט־פערט דעם טאַטן און נישט אויפגעהערט האַלדזן און קושן כעמיען.

גניע איז געווען וואַרעם און צוגעלאָזן און אים געקושט מיט היץ, ווי זי וואָלט געווען פאַרבענקט, אָבער ווער איז דער סטעפאַן פון וועמען זי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרײַסן אפילו ווען עס האָט זיך דערנענטערט די שעה ווען אַ ייִד טאָר מער נישט זײַן אין גאַס? זי איז דאָך אַרויס

פון שטוב באַלד נאָך מיטאָג, ווו איז זי געווען אַזוי פיל שעהען, וואָס האָט זי געטאָן מיט אים אַזוי פיל שעהען?

„דו קומסט פון סיביר?” האָט געניע אים אַ פרעג געטאָן.

„וואָס פאַר אַ סיביר? כ׳בין געווען אין ביאַליסטאָק און אין ווילנע”.

„אפשר האָבן די רוסן געברענגט סיביר קיין ביאַליסטאָק? דו ביסט נאָך אַלץ אַזוי געפרוירן...”

„וואָס רעדסטו?” כעמיע האָט זיך נאָך אַלץ נישט געכאַפּט וואָס זי מיינט.

„אַ מאָל אַז דו האָסט מיך אַרומגענומען האָבן די ביינער אַזש געקנאַקט, היינט טוסטו עס אַזוי איידל...”

„אַזוי איז בעסער? כ׳בין נישט געשלאָפן פון מיטוואָך אָן”.

„ווילסט גיין שלאָפן?”

„ניין, וואָס רעדסטו? ווער איז סטעפאַן?”

„וואָס פאַר אַ — — אָ, דו מיינסט סטעפאַן ווייס?”

„דער וואָס האָט דיך אַהיימגעפירט. ער איז אַ שגץ?”

„וואָס פאַלט דיר איין!”

„אַז ער קאָן גיין ווען ייִדן טאָרן נישט גיין”.

„ער איז דער קאָמענדאַנט פון דער ייִדישער אָרדענונג־דינסט”.

„ווי קומט ער דיך אַהיימצופירן?”

„כעמיעלע, דו ביסט ׳פעפערזיכטיק׳”, האָט זי קאָקעטיש זיך געררייצט מיט אים.

„טאָר איך נישט?”

„׳אייפער׳ מיינט פלאַם־פייער, און ׳זוכט׳ מיינט אַ קרענק, דו ביסט קראַנק אויף אַ פלאַם־פייערדיקער ליבע און דאָס איז גוט. איך האָב נישט ליב קיין אָפּגעקילט געקעכץ”.

„ווי קומסטו צון אים?”

„אָ, כ׳קען אים לענגער פון דיר”.

„אַזוי? קומט אים טאַקע די בכורה”.

געניע האָט זיך נישט געכאַפּט אויף דעם שטאָך און ווייטער דערציילט: „איך בין געזעסן מיט אים אויף איין לאַווקע (באַנק) אין דער פאָווּשעכנע (פאָלקשול), נאָר אין דעם ערשטן און צווייטן אָדזשאַל (קלאַס). דערנאָך, דו ווייסט דאָך, מיר האָבן זיך אַוועקגעצויגן קיין גורוויטש. ווערסט נישט גלייבן, כעמיע, ער׳ט מיך דערקענט. ער זאָגט אַז קינדווייז האָט ער גוסטירט אין מיר, אָבער איך האָב זיך נישט אומגעקוקט אויף אים”.

„ער גוסטירט נאָך אַלץ אין דיר?"

„פאַר וואָס פרעגסטו נישט בעסער צי איך גוסטיר אין אים?"

„דו גוסטירסט אין אים?"

„דײַן טאָן געפעלט מיר נישט. ס'הייבט זיך אָן נאָך אַ מאָל די מעשה מיט יואל דעם רבס?"

„דאָס טאָקע וויל איך וויסן".

„דו גלייבסט מיר נאָך אַלץ נישט אַז עס איז גאָרנישט געווען צווישן מיר און יואל דעם רבס?" געניע האָט זיך אָפּגערוקט פון אים מיט רוגז.

„דאָס רבנישע זונדל איז אין אַמעריקע, זאָל ער דאָרט גיין אַ ראָד געבראָכן, דער סטעפּאַן איז דאָ".

„זאָל איך אים שיקן קיין אַמעריקע?"

„שיק אים צו אַל די רוחות. יעדן טאָג ברענגט ער דיך אַהיים אַזוי שפּעט?"

„ווער האָט דיר געזאָגט אַז איך טרעף זיך מיט אים יעדן טאָג? ר'אָט געשיקט צו מיר קלמנען אַז ער דאַרף עפּעס אָנשרײַבן אויף דער מאַשין".

„דײַן טאַטע האָט גאָר נישט געוווּסט דערפון".

„נאָך דאָס האָט מיר געפעלט, דער טאַטעשי זאָל וויסן אַז כ'טו עס שבת. כעמיע, כ'האָב זיך אַזוי געפרייט וואָס ביסט געקומען, מאַך עס נישט קאַליע".

אַ קוש האָט פאַרשלאָסן כעמיעס מויל. דער ריח פון איר הויט, די היץ פון איר לײַב האָבן אים אַרומגענומען און אים אַרויסגעריסן פון די קאָשמאַרישע רעיונות.

די פרידעס האָבן איצט געהאַט נאָר אַ העלפט פון זייער אַמאָליקער דירה. כעמיע האָט נישט געקאָנט אַהיימגיין נאָך דער שפּערע־שעה, בפרט אַז ער האָט נישט געהאַט דאָס אידענטיפיציר־קאַרטל וואָס יעדער ייִד האָט באַקומען פון אַרבעט־אַמט נאָך דער רעגיסטראַציע. ער איז געבליבן און געזאָלט שלאָפן מיט קלמנען אין איין בעט, וואָס איז געשטאַנען אין דער קיך, רוכטשע איז שוין געשלאָפן אין דעם בעט אין דער אַנדערער שטוב וואָס זי האָט געטיילט מיט געניען. געניע איז נאָך אַלץ געזעסן מיט כעמיען אויף די אָפּגעקילטע פײַערקעס פון דער קיך, עס איז נישט געווען אין דער קיך קיין אַנדער אָרט ווו צו זיצן. זיי האָבן זיך גאָר נישט געקאָנט אָפּרײַסן איינס פון ס'אַנדערע און געווען צו פיל

פאַרנומען מיט זיך, צו ציילן די קלאַנגען פון זייגער וואָס האָט פון צײַט צו צײַט אָנגעזאָגט אַז נאָך אַ שעה איז אַוועק.

אַ געקלימפּער פון עפּעס וואָס איז אין דער קיך אַראָפּגעפאַלן האָט אויפגעוועקט ר׳ נטען. „געניע, גיי שוין שלאָפן", האָט ער גערופן צו איר.

„באַלד", האָט זי געענטפערט און ווידער זיך נישט געקאָנט אָפּרײַסן פון כעמיען. מלחמה, צי נישט מלחמה, מע דאַרף זיי חתונה מאַכן, האָט ר׳ נטע באַשלאָסן.

ב.

זינט דער רעגיסטראַציע האָט יעדער ייִד געמוזט טראָגן מיט זיך זײַן „אויסווײַז" און זײַן אַרבעט־קאַרטע מיט דעם נומער וואָס ער האָט באַקומען בעת דער רעגיסטראַציע. ווי אַזוי קריגט מען דאָס פאַר כעמיען? געניע איז אַוועק צו סטעפאַן ווײַס פרעגן וואָס צו טאָן. זײַן עצה איז געווען אַז כעמיע זאָל צו ערשט זיך מעלדן צו דער ייִדישער פּאָליציי; נאָך דעם וועט ער, ווײַס, עס מעלדן אין דעם אַרבעט־אַמט און בעטן אַן „אויס־ווײַז" פאַר דעם ניי־געקומענעם. עס איז געווען שׂכלדיק, אָבער ווען זי האָט עס געזאָגט כעמיען האָט ער זיך צעשריגן: „שוין ווידער ווײַס?" זאָל ער גיין צו אַלע ווײַסע אָדער שוואַרצע יאָר. ווער האָט דיך געבעטן גיין צון אים?"

געניע האָט זיך צעוויינט: „סטעפאַן ווײַס איז אַ שול־חבר און נישט מער. אויב איך וואָלט גוסטירט אין אים, וואָלט איך זיך נישט געגרייט חתונה צו האָבן מיט דיר. לייבל איז שוין געווען מײַן חתן און איך האָב אים אָוועקגעוואָרפן צוליב דיר. נאָך דער חופּה וועסטו מיר שוין גלייבן? איך האָב מורא, דערפאַר בין איך געגאַנגען צו דער אָרדע־נונג־דינסט. איך האָב שוין עטלעכע מאָל אָפּגעקלאַפּט זייערע באַריכטן אויף אַ שרײַבמאַשין און אויסגעגליכן זייער בוכהאַלטעריע, זיי מעגן מיר צוריקצאָלן מיט אַ טובה".

כעמיע האָט נישט געוואָלט אַז ווײַס זאָל אים טאָן אַ טובה און האָט נישט געוואָלט אַז זײַן געניע זאָל וויסן שולדיק זײַן טובות. אויב אין גאַנץ כעלמיש איז נישטאָ עמעץ אַנדערש וואָס קאָן קלאַפּן אויף אַ שרײַבמאַשין זאָל דער סטעפאַן ווײַס שרײַבן זײַנע באַריכטן מיט דער האַנט.

ר׳ נטען איז איַינגעפאַלן אַז דער קליינער שלומל זאָל גיין מיט כעמיען אין דער קאָמענדאַנטור. אַז שלומל וועט קומען וועט דער קאָמענ־דאַנט וויסן אַז מע פאַרלאַנגט נישט די טובה בחינם...״

„אַז ז׳עלן דיך פרעגן ווי אַזוי ביסט געקומען אַהין זאָלסטו נאָר נישט זאָגן אַז דו ביסט געלאָפן פריַיוויליק אין דער פוילישער אַרמיי״, האָט שלומל אָנגעזאָגט כעמיען.

„כ׳על זאָגן אַז כ׳בין געווען אין געפאַנגענשאַפט. זיי האָבן דאָך באַפריַיט די יידישע געפאַנגענע״.

„נישט שלעכט, בעסער ווי צו זאָגן אַז קומסט פון יענער זיַיט און אַריבער די גרענעץ אומלעגאַל. אָבער טאָמער וועט מען דיך פרעגן ווו דו ביסט געווען אין געפאַנגענשאַפט. אַכיבע דו זאָלסט פרעגן עליאַשן ווו ער איז געווען. ניין, כעמיע, ס׳טויג נישט. דו קאָנסט קיין מאָל נישט וויסן וואָס מ׳עט דיך פרעגן״.

„איך וועל גיין אָן כעמיען״, האָט געניע פּירגעלייגט, „כ׳על זאָגן מיַין חתן איז געקומען צו מיר״.

„דו ליג איַינגעלייגט אין דער היים״, האָט כעמיע אויף איר אָנ־געשריגן.

ר׳ נטע האָט מסכּים געווען. „אויב ס׳איז אמת אַלץ וואָס מע דערציילט זענען זיי נישט צו שטאַרק אָפּגעהיט אין דער זינד פון ׳ראַסן־שאַנדע׳. איך וועל גיין. כ׳בין אַ מיטגליד אין יודנראַט, ס׳איז מיַין טאָכטערס חתן. כ׳קאָן זאָגן פשוט ׳מיַין איידעם׳, קראַנץ דאַרף נישט וויסן אַז זיי האָבן נאָך נישט חתונה געהאַט״.

„איַי, ר׳ נטע, מע זעט באַלד אַז איר זענט נישט דער ריכטיקער פאַרשוין צו זאָגן אַ ליגן״, האָט שלומל זיך אַריַינגעמישט. „איַיער טאָכ־טער האָט זיך דען רעגיסטרירט ווי אַ חתונה־געהאַטע? קראַנץ וועט געבן איין קוק אין דער ליסטע און זען אַז איר זאָגט ליגן״.

„אין וואַרשע זענען מיר ביז דער מלחמהביידע געווען איַינגעמאַלדן, לאָמיר שטעלן אַ חופּה און פאָרן קיין וואַרשע״, האָט כעמיע פּירגעלייגט.

„וואַרשע איז גוט. דו וועסט זאָגן אַז דו קומסט פון וואַרשע״, איז שלומל אַרויסגעקומען מיט אַ נייַעם געדאַנק. ער האָט אַריַינגענומען זיַין גאָמבע אין דער האַנט ווי ער וואָלט נאָך דאָרט געהאַט זיַין בערדל וואָס ער האָט אָפּגעשוירן נאָכן שוואַרצן מיטוואָך, און געגעבן צו פאַרשטיין:
„ווען מע מוז זאָגן אַ ליגן דאַרף מען כאָטש אַריַינפלעכטן אַזוי פיל אמת

וויפל מע קאָן. דו ביסט געווען אַ שפּיליטער, זאָג אַז דו ביסט געפאָרן קיין וואַרשע איינקויפן און געבליבן שטעקן ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. אויב מ׳עט דיך עפּעס פרעגן וועגן שפּיליטערן און וועגן וואַרשע, וועסטו קאָנען געבן אַלע ריכטיקע ענטפערס״.

וואָס שלומל האָט געזאָגט האָט זיך געלייגט אויפן שכל, אָבער שלומלען איז באַלד איינגעפאַלן נאָך אַ בעסערער געדאַנק. אַז כעמיע איז בשלום אַריבער אַ גרענעץ וועט ער אויך באַווייזן צופאָרן ביז וואַרשע. ווען מ׳עט פאָרן קיין וואַרשע מאַכן אַן איינקויף וועט מען מיטן איינקויף אויך ברענגען כעמיען.

„אָבער עס פאָרט דאָך מיט אייך אַ שומר?״

„איז נאָך בעסער. כעמיע וועט אונדז טאָקע העלפן אין וואַרשע, דערנאָך וועלן מיר מיטן שומר אים ברענגען אַהיים״.

אין וואַרשע האָט כעמיע געפונען טייל פון זיינע פאַרמלחמהדיקע צושטעלערס און דאָס איינקויפן איז אָנגעקומען גרינגער. מע האָט געפונען אַלץ וואָס דער קאָמענדאַנט האָט באַשטעלט. אויפן וועג צוריק איז ער שוין געווען אַ גאַנצער „פאַן־בראַט״ מיט דעם דייטשן באַגלייטער. ער האָט געהאָלפן אַריינטראָגן די סחורה צום קאָמענדאַנט און האָט אַליין געפרעגט צי ער מעג בלייבן אין כעלמיש.

ווען דער קאָמענדאַנט האָט אונטערגעשריבן כעמיעס אויסווייז האָט ער, נישט אויפהייבנדיק די אויגן, אַ פרעג געטאָן: „וואָס האָסט דו מיט דען רוסישען אָוסווייז געמאַכט?״

כעמיע איז געבליבן אָן לשון, נאָך גוט וואָס שלומל איז געווען דערביי און ער האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט אַ שלעפּ געטאָן כעמיען ביים אַרבל און אים אונטערגעזאָגט: „דער הער קאָמענדאַנט וויל וויסן צי דו האָסט נאָך דעם אויסווייז פון יענער זייט. דו האָסט דאָרט געהאַט זייערס אַן אויסווייז, אַ פּאַס? ביסט געוואָרן דאָרט אַ בירגער?״

פון די לעצטע ווערטער האָט כעמיע זיך אָנגעשטויסן וואָס ער דאַרף ענטפערן: „ווען מע האָט געדאַרפט אָננעמען זייער בירגערשאַפט בין איך צוריקגעקומען״.

דער קאָמענדאַנט האָט אים געגעבן זיין אידענטיפיציר־קאַרטל.

ר׳ אהרן איז געווען דער מסדר־קידושין ביי אַ שטילער חתונה. פאַרבעטן זענען געווען נאָר די נאָענטסטע קרובים. כעמיע איז געווען אַ געפינס פאַר די יודנראַט־איינקויפערס, ער האָט אויך איינגעקויפט פאַר

די ׳באַהערדן׳ ווײַנען פון פּריצישע קעלערס, אַלערליי געררייכערטע פליישן אין די אַרומיקע דערפער, און אַלץ וואָס זיי האָבן געדאַרפט פאַר זיך און צו שיקן אַהיים.

## קאַפּיטל צען

## סאַבינאַ

### א.

קאָן מען חלומען מיט אָפענע אויגן? קאָן א חלום זיך ציִען חדשים לאַנג? עס איז געווען אַ שטיקיקער און רעגנדיקער זומערטאָג ווען יואל איז אָפּגעפאָרן פון וואַרשע. זי איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע פון וואָקזאַל אַרומגעהילט מיט פּאָרע וואָס דער צוג האָט געלאָזט הינטער זיך, און האָט געחלומט. פּלוצלינג האָט אַ קאָשמאַר זיך צוגעטשעפּעט צום איר חלום און לאָזט זי ניט אָפּ ביזן הײַנטיקן טאָג. דעמאָלט, נאָך דעם ווי זי איז צוריק געקומען פון וואָקזאַל צו זיך אַהיים, האָט זי פּראָ־בירט צוריק אַרויספירן דעם גוטן אָנהייב פון דעם חלום און אים שפּינען ווײַטער מיט אַ זיסן טרוים. גאַנץ גורוויטש וועט רעדן וועגן דעם: יואל דעם רבס איז אַ חתן געוואָרן, און הערט ווער עס איז די כּלה — דעם פישל קאַליסקיס טאָכטער, יאָ, דער וואָס מע רופט אים פישל כּיבעשמוי.

זי האָט ווידער געוואָלט זען דעם טאַטעס טרערן־פאַרלאָפענע, גליקלעכע אויגן ווען דער רב וועט אים רופן ׳מחותן׳, אָבער דער קאָשמאַר האָט געלויערט הינטער די זיסע חלומות... זי האָט פּראָבירט אויסלאָכן די שרעק ווען עס האָבן אָנגעהויבן קומען בריוו פון יואלן. אַ בריוו פון גדיניע, אַ בריוו פון יעדן פּאָרט ווו די שיף האָט זיך פאַרהאַלטן. פון ניו־יאָרק איז געקומען נאָר אַ טעלעגראַמע אַז ער איז אָנגעקומען. איז ער געווען צו פיל פאַרנומען צו שרײַבן, אָדער וואַלגערן זיך נאָך זײַנע בריוו ערגעץ אויף שיפן וואָס זענען נישט דערשוווּמען? עס איז מלחמה, אָבער אַמעריקע איז נייטראַל. מע קאָן שרײַבן קיין אַמעריקע, אָבער ווי אַזוי זאָל זי אַדרעסירן איר בריוו? יואל האָט גערעדט וועגן עפּעס אַ קונסט־קריטיקער אין ניו־יאָרק וואָס האָט געהאָלפן אַראַנזשירן זײַן אויס־

שטעלונג, עפּעס אַן אויסלענדישער נאָמען וואָס איז איר באַלד נישט אַרײַן אין קאָפּ. זי האָט אָנגעשיקט אַ בריוו אַדרעסירט צו יואל ראַבי־נאָוויטש אין ניו־יאָרק; מע זאָגט אַז אין אַמעריקע קומט אָן אויך אַזאַ בריוו, די פּאָסט זוכט אויס דעם אַדרעס. אַלע בעטן אַמעריקע זאָל וואָס שנעלער אַרײַן אין דער מלחמה און זי האָט מורא אַז אויב אַמעריקע וועט אַרײַן אין דער מלחמה צו פרי וועט איר בריוו נישט באַוויזן אָנצוקומען. אַפילו אויב דער בריוו וועט דערגרייכן יואלן וועט זי נישט באַוויזן צו באַקומען אַ תשובה און זי דאַרף, זי מוז, האָבן זײַן ענטפער שוין איצט. עס איז שוין כמעט ווי זיכער אַז עס וועט טאַקע זײַן ווי אין דעם קאָשמאַר וואָס איז זי באַפאַלן ווי נאָר יואלס צוג האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון וואָקזאַל: די חופה אויסגעשפּרייט, די הבדלות אָנגעצונדן. יואל וועט שוין זײַן צוריק פון אַמעריקע און וואַרטן אויף איר אונטער דער חופה. דער טאַטעשי און די מאַמעשי וועלן וואַרטן, דער רב און די רביצין וועלן וואַרטן, אָבער זי, די כלה, וועט זיך זוימען, ווײַל... ביז דעמאָלט וועט איר בויך שוין זײַן אַזוי גרויס אַז זי וועט נישט קאָנען אַריבערציִען דאָס חופה־קלייד.

זאָל זײַן וואָס עס וועט זײַן. זאָל די שטאָט לאַכן, זאָלן טאַטע־מאַמע ווייִנען, אָבער זאָל שוין נעמען אַ סוף צו דער מלחמה, יואל זאָל באַוויזן צוריק צו קומען און גיין מיט איר אונטער דער חופה איידער זייער קינד וועט געבוירן.

יואל האָט נישט געקאָנט וויסן וואָס עס וועט געשען, ער האָט אַפילו נישט געקאָנט וויסן וואָס עס וועט געשען צווישן זיי אין זײַן לעצטער נאַכט אין וואַרשע. אָבער יואל האָט געוואָלט אַרײַנגיין צון אַ רב שטעלן אַ חופה. ער האָט עס איר געזאָגט, האָט זי געזאָגט: ניין. איר האָט זיך פאַרוואָלט אַ זײַדן חופה־קלייד מיט שווייצאַרישע שפּיצן. איר האָט זיך פאַרוואָלט אַ חופה אויפן גורוויטשער שילהויף, די גאַנצע שטאָט זאָל זײַן דערבײַ און דער טאַטעשי זאָל שעפּן נחת. אַ וואָזשנער נחת וועט דאָס זײַן! זי האָט דעמאָלט מורא געהאַט אַז דער רב און די רביצין וועלן זײַן אין כעס וועגן דער שטילער חופה און וועלן טראָגן אויף איר אַ בייז הארץ. וואָס וועט זײַן איצט? וואָס וועט זײַן איצט?!

ווען שפּרינצע האָט אָנגעהויבן חושד צו זײַן אַז די לעצטע נאַכט מיט יואלן וועט איר נישט אָפּגיין גלאַטיק האָט מען נאָך געקאָנט עפּעס טאָן דערצו. אַפילו דעמאָלט ווען דער דאָקטאָר האָט עס באַשטעטיקט איז נאָך נישט געווען צו שפּעט. האָט זי געמעגט טאָן אַזאַ זאַך אָן יואלס

וויסן? ס'איז דאָך אויך זײַן קינד. זי האָט געוואָרט אויף אַ בריוו פון יואלן מיט אַן אַדרעס. זי האָט געוואָרט און געוואָרט און איצטער קאָן זי זיך נישט ווײַזן אַפילו פאַר אייגענע. אַ סך גורוויטשער זענען געקומען קיין וואַרשע; זי האָט פאַרלוירן יעדן קאָנטאַקט מיט טאַטע־מאַמע נאָך דעם ווי מע האָט זיי אַרויסגעטריבן פון גורוויטש, און האָט אַפילו נישט צו שטאַרק געזוכט זיי צו געפינען. יואלס עלטערן זענען אין וואַרשע, אויך פינטשע און מינדעלע זענען דאָ; זי האָט איין מאָל שיִער זיך נישט אָנגעשטויסן אין פינטשען אין גאַס. איצט ווײַנט זי אין אַ גוייִשער געגנט ווו עס איז נישט פאַראַן קיין סכּנה אַז אַ היימישער וועט זי באַגעגענען אין גאַס און דערזען איר מצב.

איר ערשטע גרויסע נאַרישקייט צו אַנטלויפן פון דער היים אַזש קיין דאַנציק האָט איר איצט צוגעדינט. זי האָט קיין מאָל נישט ליב געהאַט איר נאָמען שפּרינצע; אין שול האָבן די חברטעס זי גערופן סאַלטשע, אָבער דער נאָמען סאַלטשע איז איר אויך נישט צו פיל געפעלן. ווען זי האָט אין דאַנציק זיך פאַרשריבן אויף אַ קורס צו מאַכן ווײַבערישע פריזורן, האָט זי זיך דערמאָנט אַז דעם רײַכן בראָדאַקס טעכטערל, די סטודענטקע, רופט זיך סאַבינאַ, האָט זי זיך דעמאָלט פאַרשריבן „סאַבינאַ קאַליסקאַ". טאַקע דער נאָמען סאַבינאַ קאַליסקאַ איז געווען אויסגעציקלט אויף איר דיפּלאָם, און דאָס האָט איר איצט צוגעדינט. זי האָט געזאָגט אַז זי איז פון די פּאָליאַקן וואָס זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דאַנציק, אַז זי האָט פאַרלוירן אַלע דאָקומענטן, אַלץ וואָס איז איר געבליבן איז דער דיפּלאָם פון דער פאַכשול. מיט דעם דיפּלאָם האָט זי זיך אײַנגעמאָלדן ווי אַ סובלאָקאַטאָרקע בײַ פּאָליאַקן; אויפן סמך פון דעם דיפּלאָם האָט זי אַרויסבאַקומען אַלערליי אידענטיפיציר־קאַרטלעך. זי האָט איצט געאַרבעט אין אַ פּוילישן שיינקייט־אַנשטאַלט און געוווינט צווישן לויטער פּאָליאַקן. מען איז געווען פרײַנדלעך צו איר און געשאָלטן מיט טויטע קללות די דײַטשן, די ראַבושניקעס וואָס האָבן אַרויסגעטריבן אַזאַ שיינע פּוילישע טאָכטער פון איר היים אין דאַנציק און האַלטן נאָך אַלץ אין געפאַנגענשאַפט איר מאַן, דעם אָפיציר, אין דער פּוילישער אַרמיי.

זי האָט איצט געמוזט אָנגיין ווי אַ חתונה־געהאַטע, און געווען געצוווּנגען זיך צו דערווײַטערן פון אַלע וואָס האָבן זי געקענט. איר נאַרישער קאָפּ האָט זי געשטופּט צו זאָגן אַז איר מאַן איז אַן אָפיציר, וואָס לייגט זיך נישט אויפן שׂכל. די אָפיצירן אין דער פּוילישער אַרמיי זענען כּמעט אַלע געווען רײַכע זונדלעך, טאָ ווי קומט עס וואָס דאָס ווײַב איז אַ פריזירערקע נאָך פון פאַר דער מלחמה? איר נאַרישקייט וואָלט זי

באַגראָבן, נאָר איר שיין פּנים פאַרדעקט אַלץ. אַ רײַך זונדל קאָן זיך פאַרליבן אין אַ פּריזירערקע אויב זי איז אַזאַ שיינע. די באַלעבאָסטע פון איר דירה האָט זיך שוין געכאַפּט אין וואָס פאַר אַ מצב זי איז און האָט צוגעזאָגט איר צו העלפן. אין דעם סאַלאָן ווו זי אַרבעט האָט מען זי גערן, די קליענטקעס באַוואָלהן זי נישט בײַם געבן טרינקגעלט. מע זאָגט איר אַז זי איז אַן עכט פּוילישע שיינקייט. אַ דײַטשע קליענטקע האָט איר גאָר געזאָגט אַז זי איז אַן עכט גערמאַנישער טיפּ, זי זאָל נאָכזוכן צי זי האָט ערגעץ ווו אַ דײַטשן זיידן; זי קאָן ווערן אַ פאָלקס־דײַטשקע און געניסן פון אַ סך פּריווילעגיעס.

נאָך דאָס פעלט איר...

אפשר איז יאָ אָנגעקומען אַ בריוו פון יואלן צו זײַנע עלטערן? אפשר האָבן זיי יאָ זײַן אַדרעס אין אַמעריקע? פאַר וואָס איז דאָס איר נישט אײַנגעפאַלן פריִער, יואל האָט אפשר געשריבן צו טאַטע־מאַמע, אפשר שטייט ער דאָרט אײַן בײַ קרובים, אפשר ווייסן דאָך זײַנע באַענטע דאָ, ווי אַזוי זיך צו פאַרבינדן מיט אים דאָרט?

זי האָט זיך דערמאָנט וועגן פאַן עפּשטיין און געפונען זײַן נאָמען אין טעלעפאָן־בוך; פון אים האָט זי באַקומען דעם טעלעפאָן־נומער ווו מע קאָן זיך פאַרבינדן מיט דעם רב. טעג זענען פאַרבײַ ביז זי האָט זיך אָנגענומען מיט גענוג כּוח דאָס צו טאָן. ווען זי האָט גערעדט מיט דער רביצין האָט עס געקראַמפּט אין בויך ווי דאָס נפשל אינעווייניק וואָלט געקנײַפּט אירע אינגעווײדן און געמאָנט: זאָג, זאָג איר, אַז דו ביסט נישט עפּעס אַן אומבאַקאַנטע פרוי זילבערשטיין, זאָג אַז דו טראָגסט אונטער דײַן האַרץ יואלס בלוט און פלייש, רעד פאַר מיר צו מײַן באָבע.

די רביצין האָט איר געזאָגט אַז זי האָט פאַרלאָזט גורוויטש נאָך אײדער די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, ניין, פון איר זון האָט זי נישט געהערט זינט ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע. אויב עס וואָלט עפּעס אָנגעקומען פון אים נאָך איר אָוועקפאָרן אויף זומער־וווינונג וואָלט פּינטשע עס איר געבראַכט. יאָ, פּינטשע איז געווען אין גורוויטש ביז דער לעצטער מינוט. פּינטשע האָט נישט קיין טעלעפאָן אָבער די פאַני קאָן איבערלאָזן איר טעלעפאָן־נומער, וועט פּינטשע איר צוריק קלינגען. צי זי האָט געקענט יאַנקל קאַליסקי? אַוודאי האָט זי אים געקענט, ער איז געווען איר זונס אַ חבר און דעם רבס אַ תּלמיד. מע זאָגט אַז ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אויפן וועג קיין ארץ־ישׂראל. ניין, זי האָט וועגן דעם מער גאָרנישט געהערט. אפשר פרעגן בײַ איר איידעם פּינטשע, ער האָט זיך אויך געחברט מיט דעם יאַנקל. האָט די פרוי זילבערשטיין

געהערט עפּעס וועגן יאַנקלס עלטערן ברודער? אוודאי קען זי אים, האָט די רביצין געזאָגט, ער איז דאָך געוואָרן פּינטשעס אַ קוזין. פּינטשע האָט דערציילט אַז בעתן גירוש איז יאָסל צוריקגעלאָפן צו זײַן שטוב און איז מער נישט צוריקגעקומען, מן־הסתם אַרעסטירט. האָט די פּאַני געהערט עפּעס נײַעס וועגן דעם? פּינטשע קלערט שטאַרק איבער וועגן דעם יאָסל. פון וועלכע זילבערשטיינס איז די פּאַני, פון די וואָס האָבן געוווינט אויפן אַלטן מאַרק? די בעסטע זאַך, זי זאָל רעדן מיט פּינטשען; אויב זי האָט נישט קיין טעלעפאָן זאָל זי איבערלאָזן איר אַדרעס. „האַלאָ, האַלאָ?" האָט די רביצין געפרעגט ווען זי האָט נישט געהערט קיין קול פון דער וואָס האָט געקלונגען.

זי האָט שטיל אויפגעהאָנגען דאָס טרײַבל ווען די רביצין האָט נאָך גערעדט. זי האָט זיך מער נישט געקאָנט האַלטן אויף די פיס און מער נישט געקאָנט צוריקהאַלטן אַ שלוכץ וואָס האָט זיך געריסן פון איר קעל. זי איז פאַרשווונדן ווי אין ים אַרײַן, יאַנקל איז פאַרשוווּנדן, אפשר טאַקע אין ים אַרײַן. יאָסל, דעם טאַטעשיס איינציקער נחת, איר גוטער תמימותדיקער ברודער, פֿילט ערגעץ אין אַ דײַטשער תפיסה, און זי ווייסט אפילו נישט ווו טאַטע־מאַמע זענען אַהינגעקומען. ניין, רביצין, איך בין נישט פון די זילבערשטיינס וואָס האָבן געוווינט אויפן אַלטן מאַרק, איך בין — ניין, נישט אַ דאַנציקער שיקסע סאַבינאַ, איך בין שפּרינצע, דײַן יואלס שפּרינצע. איך האָב דיך ליב, רביצין, ווײַל יואל האָט דיך ליב. יואל איז דײַן און איך בין יואלס, בין איך דאָך אויך דײַן. ס'איז מיר ביטער. קיינער פון מײַנע נאָענטע איז נישטאָ, און יואל, מײַן נאָענטסטער, איז ווײַט. זאָג מיר אַ גוט וואָרט, רביצין, זאָג דו עס מיר אַנשטאָט יואלן.

וואָס האָט זי זיך אַזוי צעשמאָלצן אין רחמנות צו זיך אַליין? זי האָט זיך אײַנגערעדט אַז זי האָט געוואָלט פאַרשאַפן נחת דעם טאַטעשי, ס'אַ ליגן. אַז זי פאַרשיכורט זיך מיט עפּעס אַ חלום לויפט זי ווי אַ בלינד פערד אין גרוב אַרײַן, און טראַכט גאָר נישט וויפל צער עס וועט פאַר־שאַפן אירע נאָענטע. יואל, יואל, פאַר וואָס האָסטו נאָכגעגעבן מײַן טיפּשות?

זי האָט זיך צעשמאָלצן פון רחמנות צו זיך אַליין און נישט געטראַכט אַז מע דאַרף עפּעס טאָן פאַר יאָסלען. זי קאָן נישט געבן דער רביצין איר אַדרעס, אָבער זי האָט געקאָנט נעמען פּינטשעס אַדרעס און פּראָ־בירן זיך פאַרבינדן מיט אים. זי איז צוריקגעלאָפן צום טעלעפאָן, די רביצין איז מער נישט געווען אין שטוב. זי איז נישט צוריקגעגאַנגען צו

דער אַרבעט, זי איז געלאָפן פון טעלעפאָן צו טעלעפאָן, פון אַן אַפּטייק צו אַ פּאָסטביוראָ, פון דאָרט ווידער צון אַן אַפּטייק ווו עס איז פאַראַן אַ טעלעפאָן. וועט די רביצין שוין היינט נישט צוריקקומען?

זי האָט מער נישט טעלעפאָנירט אָבער איז סיי ווי נישט צוריק געגאַנגען צו דער אַרבעט. זי איז קראַנק, זי קאָן זיך נישט האַלטן אויף די פיס. גייט זי מפלען? ס׳איז אפשר בעסער אַזוי.

זי איז שוין געווען ביי זיך אין שטוב און ווידער געלאָפן זוכן אַן אַפּטייק מיט אַ טעלעפאָן. פאַר וואָס האָט זי זיך געפרעגט נאָר אויף דער רביצין? אַז די רביצין איז נישטאָ וועט זי רעדן צום רב.

די רביצין האָט איצטער געענטפערט דעם טעלעפאָן. אָ, ס׳איז די פאַני זילבערשטיין? יאָ, זי קאָן איר געבן פּינטשעס אַדרעס. ער וווינט ווייט, אַזש אין פּראַגע. וועגן יאָסל קאַליסקי זאָגט זיין שווער, פּינטשעס פּעטער מלך, אַז מע טאָר איצט גאָרנישט טאָן. פון יואלן האָבן זיי געהאַט נאָר אַ טעלעגראַמע אַז ער איז בשלום אָנגעקומען, ווייטער גאָרנישט. ניין, זי ווייסט נישט ווו מע קאָן צון אים שרייבן. „די פאַני קען מיין יואל?״

ב.

אויך אין דאַנציק האָט זי געוווינט צווישן פּאַליאַקן און אַלע האָבן געמיינט אַז זי איז אַ שיקסע. זי האָט אין דאַנציק נישט געזען קיין ייִדיש אות. די צייטונגען וואָס זי האָט געלייענט, די ביכער וואָס זי האָט גענו־מען אין ביבליאָטעק זענען געווען אין פּויליש, אָדער דייטש. זי האָט זיך געוואָלט איינרעדן אַז זי האָט זיך באַפרייט פון אַ געטאָ ווען זי איז אַוועק פון גורוויטש. אָבער ווען יאַנקל איז פּלוצלינג געקומען צון איר איז דער גאַנצער אָנשטעל זיך צעקראָכן ווי שפּינוועב. דער אמת איז, אַז עס איז איר געווען אומעטיק אין דאַנציק, נישט־געקוקט אויף דעם וואָס זי איז געווען אַזוי שטאָלץ וואָס זי פאַרדינט אויף איר ברויט און קאָן נאָך אַהיימשיקן אַ פּאָר זלאָטעס; נישט־געקוקט אויף דעם וואָס דאָס צירן זיך אין שיינע קליידער האָט איר גוט געמאַכט פאַר אַלע יאָרן ווען זי האָט געטראָגן עמעצנס אויסגעוואַקסענע מלבושים און האָט ביז דאַנציק קיין איין מאָל קיין ניי מלבוש נישט געהאַט. געווען אויך אין דאַנציק נעכט ווען דאָס בענקען האָט אַזוי גענאָגט אַז זי האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן. זי איז אַוועק פון דאַנציק נישט איבער די עקצעסן פון די דייטשן, זי איז אַוועק ווייל זי האָט מער נישט געקאָנט אויס־

האַלטן די אַליינקייט. איז היינט נאָך ערגער מחמת אירע נאָענטע זענען אַזוי נאָענט? ס'איז נאָר אַ צען מינוט פאָרן מיט אַ טראַמוויי.

זי וואָלט געקאָנט האָבן חברטעס, זי וואָלט געקאָנט זיך דערנענטערן צו שכנים. איז עס מזל? איז עס איר שיינער פּנים? מענטשן זענען גוט צו איר אָבער זי קאָן זיך נישט דערנענטערן צו קיינעם. זי האָט מורא צו באַווייזן זיך אויף די יידישע גאַסן כדי זי זאָל נישט אָנטרעפן עמעצן וואָס קען זי פון גורוויטש, אָדער וואָס קען זי ווי אַ יידישע פון פאַר דער מלחמה. און דאָך, אַז עס גייט זי אַ כאַפּ אָן, פילט זי ווי די בענקשאַפט גריזשעט אין האַרץ און שטיקט אין גאָרגל. איין מאָל האָט זי פּראָבירט רעדן יידיש צו דעם איינציקן יידעלע וואָס איז מיט איר — וואָס איז אין איר. זי האָט געמיינט אַז דאָס וועט איר לייכטער מאַכן, אָבער עס איז איר געוואָרן אַזוי ענג אַז זי איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב און געלאָפן גלייך אַהין צו די יידישע גאַסן. אויף פּשעיאַזד איז געשטאַנען אַ מאַן מיט אַ וואַליזע ביכער צו פאַרקויפן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, געזען אַ יידיש בוך, האָט זי עס געקויפט, באַהאַלטן אונטערן מאַנטל און געלאָפן מיט דעם אוצר צוריק אַהיים.

ס'איז געווען אַ בוך פון אפרים קאַגאַנאָווסקי מיט סקיצעס וועגן טרעגערס, גנבים, גאַסנמענטשן. ס'איז געווען געשריבן מיט הומאָר, און זי האָט די בלעטער פון בוך באַגאָסן מיט טרערן. זי האָט שוין געהאַט עטלעכע מאָל איבערגעלייענט אַלע מעשׂיות און נאָך אַלץ געהאַלטן דאָס בוך, כאָטש זי האָט געוווּסט אַז איר גאַנצע גוייִשע פּאָסאַדע וועט זיך צעפאַלן ווי אַ קאָרטן־שטיבל אויב עמעץ וועט עס געפינען ביי איר. איין מאָל האָט די באַלעבאָסטע צוגערוימט איר שטוב ווען זי איז נישט געווען אין דער היים. האָט טאַקע די באַלעבאָסטע גענומען קוקן אויף איר מיט חשד, אָדער האָט זיך איר נאָר געדאַכט אַזוי? די באַלעבאָסטע האָט ווידער געוואָלט זען אַ פאָטאָגראַפיע פון איר מאַן דעם אָפיציר, כאָטש זי האָט עס שוין אַ מאָל געהאַט דערקלערט דעם באַלעבאָס און באַלעבאָסטע אַז זי איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון איר היים, אַז אַפילו איר ביטל האָט זי פאַרלוירן אין געלויף, און דאָס איז אפשר איר גליק. זי וואָלט אפשר נישט אָנגעקומען בשלום קיין וואַרשע אויב די דייטשן וואָלטן געוווּסט אַז זי איז דאָס ווייב פון אַן אָפיציר.

זי האָט שוין געטראַכט זיך אַרויסצוציִען פון דער דירה, אָבער עס איז איר איינגעפאַלן אָפּצושפּילן אַ שטיק טעאַטער. אין דער דירה איז געווען סיי אַ גאַזקיכל מיט צוויי פלאַמען, סיי אַ געוויינלעכע קיך מיט פיר פייערקעס צו הייצן מיט האָלץ און קוילן. איין אינדערפרי, ס'איז

געווען אַ זונטיק ווען זי דאַרף נישט גיין צו דער אַרבעט, האָט זי זיך גענומען אײַנהייצן די קיך. סײַ דאָס האָלץ סײַ די קוילן זענען געווען פײַכט. זי איז צוריקגעלאָפן אין איר צימער, געבראַכט אין קיך אַרײַן דאָס ייִדישע בוך און גענומען רײַסן דערפון שטיקער און אַרײַנוואַרפן אין קיך אויפצולעבן דאָס פײַער.

די באַלעבאָסטע האָט עס געזען און גאָרנישט געפרעגט, האָט זי אַליין געזאָגט אַז מע פאַרקויפט דאָס אין גאַס צום הייצן.

ס'איז געווען אַ פוילער תּירוץ אָבער די באַלעבאָסטע האָט עס, ווײַזט אויס, אָנגענומען. אפשר האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק דאָס וואָס זי האָט נישט קיין מורא געהאַט עס אַהיים צו ברענגען און אַליין עס אַרײַנגעטראָגן אין קיך פאַר אַלעמענס אויגן, און אפשר האָט ווידער אַ מאָל איר שיין פּנים זי געראַטעוועט. די פּוילישע אַנטיסעמיטן קאָנען נישט צולאָזן דעם געדאַנק אַז אַזאַ שיין ווײַבל איז אַ ייִדישע.

עס האָט טאַקע איר געהאָלפן, אָבער ווען זי איז געשטאַנען און געריסן שטיקער פון דעם ייִדישן בוך און עס געוואָרפן אין פײַער האָט עס ווי געטאָן ווי זי וואָלט געריסן שטיקער פון איר אייגן לײַב. אַ ריח פון געסמאַליעט לײַב, ווי פון גיהנום, איז איר נאָכגעגאַנגען ביז איר צימער און געבליבן אין אירע נאָזלעכער אפילו ווען זי איז שוין געלעגן אויף איר בעט. אויב יאַנקל וואָלט דאָס געזען, אויב איר טאַטע־מאַמע וואָלטן דאָס געזען. איר קינדס זיידע־באָבע פון טאַטנס צד האָבן דאָס באַדאַרפט זען!

דאָס ייִדישע קינד אין איר האָט עס דערפילט, אפשר דערפאַר גריזשעט עס אירע אינגעווייד און טרײַבט דאָס נעכטיקע עסן צוריק אַרויף צום איר שלונג.

די צרות מיט דעם ייִדישן בוך האָבן זיך נישט געענדיקט אַפילו נאָכן פאַרברענען עס. אין די עטלעכע יאָר זינט זי איז אַוועק פון דער היים איז זי אַזוי ווײַט אַוועק פון ייִדיש אַז זי האָט געטראַכט אין פּויליש און אַפילו געחלומט אין פּויליש. איצטער, זי רעדט מיט אַ קליענטקע, פּויליש, פאַרשטייט זיך, אָבער פּלוצלינג כאַפּט זי זיך אַז זי רעדט אייגנט־לעך ייִדיש מיט פּוילישע ווערטער. דאָ מיינט מען אַוודאי אַז אַזוי רעדן די פּאָליאַקן אין דאַנציק, אַז עס איז די השפּעה פון דײַטש. לעצטנס פּלאָנטערט זיך ייִדיש אַרײַן אין אירע חלומות. אויב די באַלעבאָסטע זאָל אַ מאָל הערן ווען זי רעדט פון שלאָף וועט זײַן ביטער.

אין גאַס קוקן די ייִדן זיך נישט אום אויף דער בלאָנדער שיקסע, אָבער ווען זי באַגעגנט עמעצן מיט דעם מגן־דוד־באַנד אויפן אָרעם

גיט עס איר אַ דריי אין בויך ווי דעם רבס אייניקל אין איר וואָלט זיך געריסן צו זײַניקע. אוי, די ביטערע אַליינקייט, עס מאַכט זי משוגע. אָבער וואָס קאָן זי טאָן? אויב דער רב און די רביצין זאָלן זיך דערוויסן אין וואָס איצט נאָך דער חתונה הייסט זי נאָך אַלץ קאַליסקאַ? זי האָט געגעבן נישט קאָנען קוקן אין פּנים אַרײַן.

ג.

זי האָט זיך דערוווסט אַז דער שוועדישער קאָנסולאַט אין וואַרשע נעמט אָן טעלעגראַמעס צו קרובים אין אַמעריקע ביז פֿינעף און צוואַנציק ווערטער. קיין אַדרעס האָט זי נישט אָבער זי קאָן שיקן אַ טעלעגראַמע צון אַ ייִדישער צײַטונג זיי זאָלן עס אָפּדרוקן. יואל לייענט זיכער אַ ייִדישע צײַטונג, קיין ענגליש קען ער דאָך נישט. זי וועט אין דער טעלעגראַמע בעטן ער זאָל זיך פֿאַרבינדן מיט איר.

פֿאַרבינדן מיט איר? ווי אַזוי? שפּרינצע עקסיסטירט מער נישט. איר איצטיקער נאָמען און אַדרעס קאָן אָנקומען צון אַ מסור, און יואל וועט סײַ ווי נישט וויסן אַז דאָס איז זי. אַזאַ געלעגנהייט, און זי ווייסט נישט ווי אַזוי עס אויסצונוצן.

דער שוועדישער קאָנסולאַט האָט פֿאַר איר געפֿונען דעם אַדרעס פֿון דעם פֿאָרווערטס אין ניו־יאָרק. זי האָט געשיקט אַ טעלעגראַמע: „צום מאָלער יואל ראַבינאָוויטש פֿון גורוויטש, פּוילן. שפּרינצע בעט דיך דרינגענדיק שיקן דײַן אַדרעס צום שוועדישן קאָנסולאַט אין וואַרשע".
זי האָט געזאָגט אין קאָנסולאַט אַז זי קאָן נישט איבערלאָזן איר אַדרעס מחמת זי האָט נאָך נישט קיין פּערמאַנענטע דירה, אָבער זי וועט קומען געוויר ווערן צי עס איז פֿאַראַן אַן ענטפֿער.

די טעג פֿון אומגעדולדיקער דערוואַרטונג האָבן זיך מצרף געווען אין וואָכן, די וואָכן אין חדשים. פֿון דאָרט איז נישט געווען קיין ענטפֿער, און דאָ איז געוואַקסן איר בויך און עס האָבן זיך געמערט די פּראָבלע־מען. די באַלעבאָסטע האָט איר אָנומלטן געפֿרעגט וואָס עס איז איר מיידלשער נאָמען און זי האָט געענטפֿערט: קאַליסקאַ. טאָ ווי קומט עס וואָס איצט נאָך דער חתונה הייסט זי נאָך אַלץ קאַליסקאַ? זי האָט געגעבן דעם ערשטן תּירוץ וואָס איז איר געקומען אין מויל אַרײַן: זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ קוזין. אָבער דער תּירוץ האָט געטויגט אויף כּפּרות. מיט אַ צײַט פֿריִער האָט זי געהאַט געזאָגט דער באַלעבאָסטע אַז איר

מאָן קומט פון אַ רײַכער מיוחסדיקער משפּחה, אַז זיי האָבן זיך באַקענט צופעליק אויף אַ סטודענטישער ביבקע. און אויב אויך דעם מאַנס קרובים זענען אירע נאָענטע, ווי קומט עס וואָס קיינער שרײַבט נישט צון איר? טאַקע מחמת קיינער איז צון איר נישט געקומען און אַפילו נישט געשריבן צו איר, האָט זי געזאָגט אַז דער מאַן קומט פון אַ רײַכער משפּחה און זי פון אַן אָרעמער, צו שאַפן דעם אײַנדרוק אַז דעם מאַנס עלטערן זענען נישט צופרידן געווען פון שידוך. וואָס וועט זי זאָגן איצטער?

זי איז ווידער געלאָפן אין שוועדישן קאָנסולאַט, זי האָט געוואָלט שיקן נאָך אַ טעלעגראַמע, אַז יואל זאָל זיך פאַרבינדן מיט זײַנע עלטערן אויף זײַן זיידנס אַדרעס אין וואַרשע. אָבער מע האָט מער נישט אָנגענומען קיין טעלעגראַמעס.

אפשר איז יואלס עלטערן אַליין אײַנגעפאַלן דער געדאַנק צו שיקן אַזאַ טעלעגראַמע? אפשר האָט דער רב קרובים אָדער אינסטיטוציעס וואָס האָבן געהאָלפן זיך פאַרבינדן מיט אים? אפשר האָבן זיי שוין יואלס אַדרעס?

דאָס מאָל איז דער רב געקומען צום טעלעפאָן. זי האָט ווידער געמוזט צוטראַכטן אַ ליגן. איר ברודער איז געפאָרן צוזאַמען מיט יואלן קיין אַמעריקע, זי האָט מער נישט געהערט פון איר ברודער, האָט דער רב געהערט פון זײַן זון? האָט דער רב עפּעס אַן אַדרעס ווו מע קאָן שרײַבן צו יואלן, איר ברודער איז יואלס אַ חבר.

זי האָט לײַכטער אָפּגעאָטעמט ווען זי האָט געקאָנט זאָגן כאָטש אַ וואָרט אמת, איר ברודער יאַנקל איז טאַקע געווען יואלס אַ חבר. דער רב האָט פאַר איר נישט געהאַט קיין בשׂורות. ער האָט געשריבן צו דער גורוויטשער לאַנדסמאַנשאַפט און צו דער כעלמישער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק זיי זאָלן געפינען יואלן. דערווײַל האָט ער נישט באַקומען קיין שום תשובה.

אַ נאַרישקייט קאָן געראָטן איין מאָל און נאָך אַ מאָל, אָבער נישט אַלע מאָל. זי האָט זיך פאַרדרייט אין ליגנס מיט דער באַלעבאָסטע, מילא. זי האָט אַ קענקאַרטע, אַן אידענטיפיציר־דאָקומענט פון דער אָקופּיר־מאַכט און קאָן מיט דעם זיך אײַנמעלדן ווו נאָר זי וועט וועלן. אַז עס וועט איר ווערן צו ענג דאָ, וועט זי זיך זוכן אַ נײַע דירה. אָבער וואָס וועט זי טאָן ווען זי וועט ליגן אין שפּיטאָל צוגעשמידט צום בעט און מע וועט פאָדערן בײַ איר אַ דאָקומענט. כּדי מע זאָל פאַרשרײַבן אַ קינד אויף אַ טאַטנס נאָמען ווען דער טאַטע איז נישטאָ, דאַרף מען כאָטש אַ חתונה־אַקט. זי האָט זיך דערוווּסט וועגן אַ דאָרף ווו דאָס גמינע־הויז

מיט אַלע ציווילע דאָקומענטן איז פאַרברענט געוואָרן און זי זאָגט אַז זי איז דאָרט געבוירן געוואָרן. זאָגן אַז זי האָט אויך דאָרט חתונה געהאַט וועט אַרויסרופן חשד. אירע דאָקומענטן האָבן נישט גענוג יסוד.

דאָס כּסדרדיקע איבערקלערן וועגן אירע דאָקומענטן האָט איר צעטרייסלט די נערוון, זי האָט געטאָן אַ ריזיקאַלישע זאַך. זי האָט אַוועקגע־שיקט קיין דאַנציק צוויי בריוו געשריבן אין דײַטש. איין בריוו האָט זי אַדרעסירט צו דער דירה ווו זי האָט געוווינט פאַרן פאַרלאָזן דאַנציק. קיין נאָמען האָט זי טאָקע נישט געהאַט זי האָט אויפגעשריבן נאָר די גאַס, הויז און דירה־נומער. זי האָט געשריבן אַז זי איז גראָד נישט געווען אין דער היים ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן און אין איר געוועזענער דירה זענען געבליבן אירע דאָקומענטן און פאָטאָגראַפיעס. אויב זיי האָבן געפונען עפּעס פון דעם, בעט זי זיי העפלעך עס איר צו שיקן אויף איר נײַעם אַדרעס קיין וואַרשע, זי וועט גערן אומקערן די הוצאות. דעם צווייטן בריוו האָט זי אַדרעסירט צו דער פּאָליציי אין דאַנציק. זי האָט געוווינט צוזאַמען מיט פרוי פּעליציאַ רודניצקאַ אויף דעם און דעם אַדרעס, זי איז נישט געווען אין דער היים ווען די מלחמה האָט אויסגע־בראָכן און ווי אַ פּוילישע איז איר נישט דערלויבט געווען צוריק צו פאָרן. אין איר דירה זענען געבליבן אַלע אירע דאָקומענטן. אויב די נײַע אײַנ־וווינערס האָבן אירע דאָקומענטן איבערגעגעבן דער פּאָליציי בעט זי העפלעך עס איר צו שיקן קיין וואַרשע אויף איר איצטיקן אַדרעס.

זי האָט נישט חרטה געהאַט אויף דעם וואָס זי האָט אָפּגעטאָן אַפילו ווען זי האָט, שוין נאָכן אַוועקשיקן די בריוו, פאַרשטאַנען ווי ביטער דאָס קאָן זיך אויסלאָזן. פּעליציאַ רודניצקאַ האָט טאָקע געוווינט אין דער דירה ביזן אויסבראָך פון דער מלחמה, אָבער זי איז אַוועק פון דאַנציק אַ סך פריִער. מילא, דער בריוו צו די נײַע אײַנוווינערס, ער וועט טאָקע נישט ברענגען קיין נוצן, אָבער אויך נישט קיין שאָדן. שרײַבן אַ בריוו צו דער פּאָליציי מיט איר צוריק־אַדרעס איז וואָרע משוגעת. ווער ווייסט צו וואָס דאָס וועט דערפירן, אָבער זי מוז ריזיקירן. אין אַזאַ צײַט איז ערגער אויב מע האָט מורא צו ריזיקירן.

נאָך צוויי וואָכן איז אָנגעקומען אַ בריוו פון דאַנציק. די דײַטשקע וואָס וווינט איצט אין איר דירה האָט געענטפערט אַז ווען זי האָט זיך אַרײַנגעצויגן איז די דירה געווען אין גאַנצן ליידיק. אָבער ערשט לעצטע וואָך ווען זי האָט אַרויסגענומען אַ שופלאָד פון דער קאָמאָד איז הינטער דעם שופלאָד געלעגן אַ פאָטאָגראַפיע וואָס זי שיקט איר דאָ.

אַ צעקנאָדערטע פאָטאָגראַפיע פון איר חברטעס מוטער, זי האָט שוין

געוואָלט עס אַרויסוואַרפֿן ווען זי האָט זיך געכאַפּט וואָס פֿאַר אַ גרויסער געפֿינס עס איז: זי האָט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון עמעצן מיט אַ צלם אויפֿן האַלדז. פּונקט אַזוי וויכטיק איז דער בריוו מיטן דאַנציקער פּאָסט־שטעמפּל וואָס באַשטעטיקט אַז זי זוכט טאַקע אירע פֿאַרלוירענע דאָקו־מענטן. חוץ דעם צלם האָט די פֿאָטאָגראַפֿיע אויך געהאַט אַ שטעמפּל פֿון אַ פֿאָטאָגראַפֿיסט אין דאַנציק און דאָס איז אויך וויכטיק, די צרה איז נאָר וואָס עס האָט אַן אונטערשריפֿט: „צו מײַן געליבט אײנציק טעכטערל פֿון דײַן ליבנדיקער מאַמושאַ”, אונטערגעשריבן: „סטאַשאַ”.

די דעדיקאַציע וואָלט געווען זייער גוט ווען נישט דער אונטערשריפֿט. אויף איר קענקאַרטע איז אָנגעגעבן איר מוטערס נאָמען „מאַריאַ”. מילא, איז עס נישט איר מאַמע, איז עס איר מאַמעס שוועסטער, זי האָט געק־ראָגן די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון איר קוזינע. ווידער אַ מאָל אַ תּירוץ, אָבער בעסער ווי גאָרנישט.

אַ וואָך שפּעטער איז אָנגעקומען אַ בריוו פֿון דער דאַנציקער פּאָליציי. ניין, מע האָט צו זיי נישט געבראַכט אירע דאָקומענטן. זיי האָבן זיך אָנגעפֿרעגט בײַ די נײַע אײַנוווינערס און יענע האָבן געזאָגט אַז אַלץ וואָס זיי האָבן געפֿונען איז געווען אַ פֿאָטאָגראַפֿיע און דאָס האָבן זיי איר שוין געשיקט.

ווײַזט אויס אַז מע קאָן זיך נאָך אַלץ פֿאַרלאָזן אויף דײַטשער פּינקט־לעכקייט. דער בריוו פֿון דער פּאָליציי איז ווערט געווען מיט גאָלד צו גלײַך. נישט נאָר האָט זי אַן אָפֿיציעלע באַשטעטיקונג אַז זי האָט געזוכט אירע פֿאַרלוירענע דאָקומענטן, דער בריוו באַשטעטיקט אויך אַז די פֿאָ־טאָגראַפֿיע איז אַן אויטענטישע. עס ווײַזט אויס צו זײַן אמת אַז אַ נאַרישקייט גילט. אויב מע וואָלט זי איצט געפֿרעגט: ווער איז אַ גליקלעכער מענטש, וואָלט זי געענטפֿערט: דער וואָס האָט אין בײַטל אַ פֿאָטאָגראַפֿיע מיט אַ צלם.

מיטן באַקומען צוויי בריוו, טאַקע פֿון דאַנציק, איינעם אין אַן אָפֿי־ציעלן קאָנווערט מיט אַ האָקנקרייץ, האָט שפּרינצעס מערכה זיך אויף אַזוי פֿיל פֿאַרבעסערט אַז זי האָט אין איין אָוונט אַרײַנגערופֿן די באַ־לעבאָסטע אין איר צימער און איר פֿאַרטרויט אַ סוד. זי טראָגט טאַקע אַ קינד פֿון אַן אָפֿיציר, ער איז טאַקע איר חתן, אָבער זיי האָבן נישט באַוויזן חתונה צו האָבן ווײַל די מלחמה האָט אויסגעבראָכן.

די באַלעבאָסטע האָט מודה געווען אַז זי האָט עס שוין לאַנג חושד געווען. נאָכן באַראָטן זיך מיט דער באַלעבאָסטע איז געבליבן, אַז זי זאָל איר קינד דערווײַל פֿאַרשרײַבן אויף איר אייגענעם נאָמען. ווען איר

חתן וועט צוריקקומען און זיי וועלן חתונה האָבן, וועלן זי און איר קינד, דעמאָלט, אָננעמען דעם מאַנס נאָמען.

דורכן ווערן אַ שותפטע צום סוד איז די באַלעבאָסטע געוואָרן צון איר נאָך מער פריינדלעך. עס איז אָפּגערעדט געוואָרן צווישן זיי אַז קיינער פון די שכנים דאַרף דאָס נישט וויסן.

## קאַפּיטל עלף

# אַלײנהילף

### א.

בערעק עפּשטיין און שכנא זאַגנע זענען געווען די ערשטע וואָס זענען געקומען אויף דער זיצונג פון דעם ייִדישן קאָאָרדינירקאָמיטעט. זאַגנע איז געווען אין אַ גוטער שטימונג. „מעז יצא מתוק", האָט ער נביאות געזאָגט. „ענגלאַנד און פראַנקרייַך וועלן שנעל צעשמעטערן היטלערס חיילות. אויף די חורבות פון דער מלחמה וועט אויפקומען אַ שענער פּוילן און אַ נייַע בעסערע וועלט. די ענדעקישע אַנטיסעמיטן צוזאַמען מיט די שונאי־ישראל פון פּילסודסקיס סאַנאַציע־פּאַרטיי וועלן שוין דאַן וויסן אַז מיט זייער אויפכאַפּן יעדע נאַצישע העצע קעגן ייִדן, מיט זייער העצן די קריסטלעכע פּאָליאַקן קעגן זייערע ייִדישע ברידער, האָבן זיי געטאָן היטלערס שליחות. די פאַנאַטיקערס וואָס ייִדן־שינאה איז ביי זיי אַ פּסיכישע קרענק וועלן בלייַבן איזאָלירט פון דער נייַער נאָך־מלחמהדיקער געזעלשאַפט. פּאָליאַקן זענען וואַרעמע, סענטימענטאַלע מענטשן, זיי וועלן נישט פאַרגעסן די פאַרברידערונג צווישן ייִדן און פּאָליאַקן וואָס איז אויפגעקומען אין די טעג פון פאַרטיידיקן וואַרשע".

בערעק עפּשטיין האָט טרויעריק געשמייכלט. אַפילו אין יענע טעג, ווען מע האָט צוזאַמען געקעמפט צו פאַרטיידיקן די באַלאַגערטע שטאָט, זענען שוין געווען מאַניפעסטאַציעס פון וויסטן אַנטיסעמיטיזם. אָבער עס איז אמת אַז די צענטראַלע פּוילישע הילף־אָרגאַניזאַציע אָפּיעקאַ ספּאָ־
חתן וועט צוריקקומען און זיי וועלן חתונה האָבן, וועלן זיי און איר קינד,

דיניר־קאָמיטעטן, אַפילו נאָך דעם ווי זיי זענען דורך דעם אָקופּאַנט אָפּגעטיילט געוואָרן פון די פּוילישע.

חבר שכנא האָט ווײַטער געחלומט: „די פּראָוויזאָרישע בית־עלמינס אין די גאַסן, אין די סקווערן, אין די הויפן, זאָלן בלײַבן דאָרט ווו זיי זענען לעולם־ועד. די קברים, ווו עס ליגן צוזאַמען ייִדן און פּאָליאַקן וואָס זענען לעולם־ועד. די קברים, ווו עס ליגן צוזאַמען ייִדן און פּאָליאַקן וואָס זענען, לעולם־ועד. די קברים, ווו עס ליגן צוזאַמען ייִדן און פּאָליאַקן וואָס שטאָט, וועלן זײַן די עדות פון דער נײַער פּויליש־ייִדישער פאַרברידע־רונג. פּונקט ווי מע קאָן מער נישט צעטיילן דאָס בלוט וואָס האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין שטראָם, אַזוי וועט קיינער מער נישט קאָנען צעטיילן די זין פון פּוילן לויט זייערע גלויבנס".

דער צענטראַלער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט האָט שוין געהאַט באַריכטן, אַז אַפילו אין מיליטער זענען געווען פאַלן פון אַנטיסעמיטיזם, שוין אין די ערשטע טעג מלחמה. פון אַ גאַנצער ריי באַטאַליעס האָט מען אַרויס־גענומען די ייִדישע זעלנער און זיי איבערגרופּירט אין אַ ריין ייִדישער אַרבעט־באַטאַליע. ווייסט נישט פון דעם דער חבר זאַגנע?

„די ייִדישע יוגנט וואָס האָט מאַסנווײַז געשטראָמט צום מאַסטאָווסקי־פּלאַץ ווו מע האָט װערבירט פריַיוויליקע צו פאַרטיידיקן וואַרשע; די עלטערע ייִדן מיט בערד וואָס האָבן נישט־געקוקט אויף דעם האָגל פון באָמבעס מאַרשירט מיט לאָפּעטעס אויף די אַקסלען און געגאַנגען צו די פּראַנטליניעס גראָבן שוצראָוועס, ווער וועט דאָס קאָנען פאַרגעסן?"

„די וואָס האָבן נישט אַרײַנגעלאָזט קיין ייִדן אין זייערע שוצקעלערס, די וואָס האָבן אַרויסגעוואָרפן די ייִדן פון די רייעס נאָך ברויט און נאָך וואַסער", האָט בערעק עס מער נישט געקאָנט פאַרשווײַגן „די וואָס באַג־לייטן די ייִדן, געטריבענע צו צוואַנגאַרבעט, מיט דעם לידל: 'דער מײַערער היטלער, דער גאָלדענער היטלער, ער לערנט אויס די ייִדן אַרבעטן' ".

זאַגנע איז געוואָרן אין כעס: דאָקטאָר עפּשטיין, אַזעלכע ווי איר וואָס זוכן נאָר חטאָים אויף די פּאָליאַקן, אַזעלכע שאַפן טאָקע דעם אַנטי־סעמיטיזם. אויב מע זאָל זיך צוהערן צון אײַך קאָן מען מיינען אַז עס זענען בכלל נישטאָ קיין אָרנטלעכע פּאָליאַקן".

„דאָס האָב איך נישט געזאָגט, פּאַניע זאַגנע, אָבער איך וואָלט וועלן וויסן ווו זיי באַהאַלטן זיך. די גאַס איז געוואָרן די פאַרבינדלערין צווישן די דײַטשן און אונדזערע אייגענע שונאי־ישראל. פּאָליאַקן פון יעדן עלטער, שולקינדער צווישן זיי, פירן דײַטשע זעלנער ראַבירן ייִדישע

הימען און ווײַזן אַז ווער עס איז אַ ייִד, ווען מע כאַפּט צו דער אַרבעט. פֿאַר וואָס שווײַגן די אָרנטלעכע פּאָליאַקן?״

דער הויכער, ברייטפּלייציקער מיכאל ווײַך איז אַרײַנגעקומען צוזאַמען מיט מוניע רינגעל. זאַגנע האָט אַ שלעפּ געטאָן דעם ד״ר רינגעל בײַם אַרבל און אַ ווײַז געטאָן אויף בערעקן: „די יונגע היסטאָריקערס זענען מער היסטעריש ווי היסטאָריש. מוניע, זאָג דײַן חבר אַז אין אײַער פּראָפעסיע טאָר מען נישט קוקן דורך קיין שוואַרצע ברילן״.

זאַגנע האָט עס געזאָגט מיט אַ שמייכל און בערעק האָט זיך נישט באַליידיקט. ער, ווי אַלע אַנדערע, האָט ליב געהאַט דעם גוטמוטיקן אָפּטימיסט זאַגנע און געוואָלט האָפֿן אַז אפשר וועט עפּעס פֿון זײַנע גוטע נביאות דאָך מקוים ווערן.

מע האָט גערופֿן אַ זיצונג פֿון קאָאָרדינירקאָמיטעט צו פֿאַרהאַנדלען לויפֿנדיקע ענינים, אָבער עס זענען אַלע מאָל אָנגעלאָפֿן נײַע פּראָבלעמען וואָס מע האָט געמוזט געפֿינען פֿאַר זיי אַ שנעלע לייזונג. די הײַנטיקע זיצונג האָט מען גערופֿן צו געפֿינען אַ נײַעם פּאַסיקן נאָמען פֿאַר דער ייִדישער סאָציאַלער הילף־געזעלשאַפֿט נאָך דעם ווי מען איז געבייט געוואָרן אָפּצוטיילן זיך פֿון דער אַלגעמיינער סאָציאַלער הילף. אָבער מע האָט פֿריִער געדאַרפֿט באַשליסן וועגן די באַציִונגען מיט דער קהילה. עס איז מער נישט געווען די דעמאָקראַטיש אויסגעווײלטע קהילה־פֿאַרוואַלטונג פֿון אַמאָל וואָס ייִדן האָבן גערופֿן „די גמינע״. עס איז געווען אַ „יודנראַט״. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר, האַנס פֿראַנק, וואָס איז געזעסן אין קראָקע האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל אַז אין יעדער שטאָט מיט ייִדן זאָל געשאַפֿן ווערן אַ יודנראַט, האָט דער וואַרשעווער גובערנאַטאָר, לודוויג פֿישער, באַשטימט דעם אינזשעניר אַדאַם טשערניאַק ווי דער הויפּט פֿון די וואַרשעווער ייִדן מיט דעם טיטל „יודענעלטעסטער״.

פֿאַר דער מלחמה איז טשערניאַק געווען ווייניק באַקאַנט אין די ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע קרײַזן. נאָכן אויסבראָך פֿון דער מלחמה איז ער געוואָרן דער פֿאָרזיצער פֿון דעם ייִדישן בירגער־קאָמיטעט אָרגאַניזירט דורך דעם בירגער־מײַסטער סטאַזשינסקי. דער בירגער־קאָמיטעט האָט נאָר געמאַכט עטלעכע פּאָליטישע דעקלאַראַציעס דורכן ראַדיאָ, און מיט קיין געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט זיך נישט אָפּגעגעבן. מיט דעם אַרײַנמאַרש פֿון די דײַטשן האָט דער קאָמיטעט אויפֿגעהערט צו עקסיסטירן. פֿאַר וואָס האָבן די דײַטשן דערהויבן איבער די ייִדן דווקא אַ מענטש

וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן דורך דעם פּוילישן פּאַטריאָט סטאַזשינסקי, צו דינען פּוילישע אינטערעסן?

טשערניאַק האָט אַרײַנגענומען אין יידנראַט געוועזענע ראַטמענער פון דער פאַרמלחמהדיקער קהילה און אויך צוגעצויגן אַ ריי אַנדערע. איז עס געווען זײַן אייגענע איניציאַטיוו און אויסוואַל, אָדער האָט ער נאָר אויסגעפירט אַ באַפעל? עס זענען געווען צווישן די נײַע ראַטמענער מענטשן וואָס זענען לגמרי נישט געווען באַקאַנט דער יידישער געזעל־שאַפט. עס זענען אויך געווען צווישן זיי אויסגעפּרוווטע געזעלשאַפטלעכע טוערס. אָבער דעם יידנראַט קוקן די דײַטשן צו פיל אויף די פינגער, בעת דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט האָט אַ סך פרײַע איניציאַטיוו. איצט האָט דער יידנראַט פּלוצלינג צוגענומען פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט די השגחה איבער די הויף־קאָמיטעטן. ווערמענס אידיי איז דאָס געווען? טשערניאַק מוז צוויי מאָל אַ וואָך גיין אין דער דײַטשער קאָמענדאַנטור אָפּגעבן באַריכטן און נעמען באַפעלן. ער טראָגט דאָס אחריות פאַרן אויספירן די באַפעלן. איז דאָס געזונט פאַר די הויף־קאָמיטעטן? איז עס נאָר אַ קאַמף פאַר מער מאַכט, אָדער שטעקט דערין עפּעס מער?

די הויף־קאָמיטעטן זענען געשאַפן געוואָרן ווי אַ טייל פון די לופט־שוץ־קאָמיטעטן בעת דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע. זיי האָבן זיך פאַרנומען נישט נאָך מיט לעשן די שריפות, זיי האָבן אויך געשאַפן אַ געזעלשאַפטלעכע אחריות. די יידישע פּרויען־קאָמיטעטן זענען געווען די אַקטיווסטע אין די טעג פון די שרעקלעכסטע באָמבאַרדירונגען. די סאָלדאַטן וואָס זענען געקומען פון פראָנט האָבן באַקומען פון די קאָמי־טעטן פּאַפּיראָסן, אַ הייסע זופּ, ריינע וועש. די קאָמיטעטן האָבן אויך געפונען אַ ווינקל פאַר יעדן וואָס זײַן הויז איז צעשטערט געוואָרן. איצטער, אַז עס קומען יעדן טאָג אַזוי פיל פּליטים און נשרפים, איז וויכטיק די קאָמיטעטן אין די יידישע הײַזער זאָלן אָנהאַלטן זייער איניציאַטיוו. וועלן זיי בכוח זײַן ממשיך צו זײַן זייערע טעטיקייטן אונטער דער ממשלה פון יידנראַט? מע מוז געפינען ווי אַזוי ווײַטער אָנצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט די קאָמיטעטן און ווײַטער אויסנוצן זיי פאַר סאָציאַלער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

די יידישע אָרדענונג־דינסט וואָס איז געשאַפן געוואָרן בײַם יידנראַט פירט זיך אויף ווי אַ פּאָליציי, און דער יידנראַט האָט איבער איר אַ קנאַפּע שליטה. אַ סך אַדוואָקאַטן, אינזשינערן, און אַפילו יונגע אוניווערסיטעט־סטודענטן האָבן זיך פרײַוויליק געמאָלדן צו העלפן היטן אָרדענונג אין געטאָ. דאָס זײַן אין אָרדענונג־דינסט האָט זיי באַפרײַט פון צוואַנגאַרבעט,

און חוץ אַ באַשיידענעם געהאַלט אויך געגעבן אַנדערע פּריווילעגיעס. די פּראָפעסיאָנאַלן האָבן טאַקע פאַרלוירן זייער מקור פּרנסה און מע דאַרף דאָך עמעצן וואָס זאָל היטן די אָרדענונג. דער חידוש איז נאָר געווען וואָס ווי הויפּט־קאָמענדאַנט איז באַשטימט געוואָרן דער משומד יוזעף אַנדזשעי שערינסקי. ער איז געווען אַ פּאָלקאָווניק אין דער פּוילישער מלוכה־פּאָליציי און פאַרנומען הויכע אַמטן ביי די פּאָליאַקן. אַבי מע זאָגט, אַז די דייטשן אַרעסטירן אַלע געוועזענע פּוילישע אָפיצירן.

די דייטשן האַלטן דאָך שטאַרק פון בילדונג, פאַר וואָס האָבן זיי באַפוילן צו שליסן אַלע לערן־אינסטיטוציעס? איז עס סתם צו רייצן זיך מיט די יידן? זיי האָבן אויך באַפוילן צו שליסן אַלע שולן, שילן, און אַנדערע געבעטהייזער; האָבן זיי מורא אַז יידן וועלן דאָך עפּעס אויס־פּועלן ביי גאָט? עס קאָן זיין אַז די אַלע נגישות ווערן אויסגעטראַכט פון עפּעס אַ רשעותדיקן לאָקאַלן מושל, אפשר איז כדאי צו שיקן אַ דעלעגאַציע קיין קראָקע צום גענעראַל־גובערנאַטאָר. אפשר וועט מען אויך קאָנען פּועלן ער זאָל באַפעלן אַז דייטשן זאָלן נישט באַגלייטן און באַשיצן אַלערליי פּוילישע כוליגאַנעס און העלפן זיי אויסרויבן יידישע היימען און יידישע געשעפטן. מע דאַרף זיך באַראָטן וועגן דעם מיט דעם יידן־עלטסטן טשערניאַק, אפשר איז כדאי צו שיקן אַ בשותפותדיקע דעלעגאַציע פון יידנראַט און פון דעם קאָאָרדינירן־קאָמיטעט.

ד״ר רינגעל האָט גענומען אויף זיך ווייטער אָנצוהאַלטן דעם קאָנ־טאַקט מיט די הויף־קאָמיטעטן. קיינער קאָן אים נישט פאַרווערן צו טרעפן זיך מיט די פירערס פון די הויף־קאָמיטעטן. קיינער האָט נישט פאַרווערט די הויף־קאָמיטעטן אויסצוברייטערן זייער טעטיקייט. אַ וואַר־שעווער הויף האָט אַזוי פיל איינוווינערס וויפל אַ גאַנץ פּראָווינצער שטעטל, אַ וואַרשעווער הויף איז אַ גאַנצע קהילה, און דאַרף זאָרגן אויך פאַר קולטור־אַרבעט און אַוודאי אַז די קינדער אין הויף זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט צו לערנען.

ב.

צווישן די וואָס טשערניאַק האָט קאָאָפּטירט צום יידנראַט איז געווען אַ ציוניסטישער וועטעראַן פון דייטשלאַנד, דער אַלטיטשקער ד״ר אַלפרעד נאָסיג. ער איז געוואָרן דער הויפּט פון דעם קולטור־אָפּטייל ביי דעם ראַט, אַן אָפּטייל וואָס האָט דערווייל גאָרנישט געטאָן. אַז שולן און

ביבליאָטעקן זענען געווען פֿאַרבאָטן, איז טאַקע נישט געבליבן וואָס צו טאָן. לויט דער איניציאַטיוו פֿון ד״ר נאָסיג האָט דער ייִדנראַט געעפֿנט אַן אָפּטייל פֿאַר עמיגראַציע, טאַקע מיט אים ווי דער הויפּט־אָנפֿירער. ער האָט, ווי עס ווײַזט אויס, געהאַט געוויסע פֿאַרבינדונגען און אַ מעגלעכקייט עפּעס אויפֿצוטאָן אויף דעם געביט.

דעם קאָאָרדינירן־קאָמיטעט איז דער גאַנצער ענין געווען חשוד. מע האָט געדאַרפֿט באַצאָלן אַ ריזיקע סומע געלט כּדי צו באַקומען אַ מעגלעכקייט אַרויסצופֿאָרן, און באַצאָלן עס אין פֿאָרויס. ווער ווייסט צו וועמען דאָס געלט גייט און ווער וועט עס צוריקגעבן אויב דער ענין וועט דורכפֿאַלן? דער גאַנצער ענין איז פֿאַרדאַכטיק. מע דאַרף דעם אַלטן אַרומרינגלען מיט אָרנטלעכע מענטשן אין אַן עמיגריר־קאָמיטעט. „אויב ער האָט טאַקע מעגלעכקייטן עפּעס אויפֿצוטאָן זאָל ער העלפֿן מע זאָל זיך קאָנען פֿאַרבינדן מיט דעם קאָמיטעט פֿאַר פּליטים וואָס איז אין 1938 געשאַפֿן געוואָרן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפֿערענץ אין עוויאָן״, האָט פּירגעלייגט מיכאל ווײַך.

„נאָסיג איז טאַקע ׳כּבדהו וחשדהו׳, מע דאַרף סײַ פֿאַרהאַנדלען מיט אים סײַ אים קוקן אויף די פֿינגער״, האָט בערעק עפּשטיין מסכּים געווען, „אָבער עס איז אַ פּוסטער חלום צו פּראָבירן זיך פֿאַרבינדן מיט דעם עוויאָנער קאָמיטעט. דער קאָמיטעט זיצט אין לאָנדאָן וואָס איז אין מלחמה מיט די דײַטשן. סײַ ווי איז דער קאָמיטעט געבוירן געוואָרן אַ טויט קינד. אַ וועלט־צוזאַמענפֿאָר מיט פֿאָרשטייערס פֿון אַלע לענדער אין דער וועלט צו געפֿינען אַ תּרופֿה צו דעם פּראָבלעם פֿון פּליטים וואָס האָבן נישט וווהין צו גיין. אַנשטאָט דעם, אַז דער פֿאָרשטייער פֿון יעדן לאַנד זאָל אַרויף אויף דער טריבונע און זאָגן וויפֿל פּליטים זײַן לאַנד וועט אַרײַנלאָזן, האָט יעדער פֿון זיי געמאַכט אַ דעקלעראַציע אַז זײַן לאַנד קאָן נישט אַרײַנלאָזן קיין פּליטים. די טויערן פֿון אַלע לענדער זענען געבליבן פֿאַרשלאָסן און דײַטשלאַנד האָט געזען אַז די גאַנצע וועלט איז גלײַכגילטיק צו די וואָס זיי טרײַבן פֿון זייערע היימען״.

„דאָס איז געווען אין אַ צײַט ווען קיינער האָט נישט געגלייבט אַז עס וועט זײַן מלחמה״, האָט זאַגגע דערווידערט, „איצט זעען זיי אײַן זייער טעות״.

„אויב עס איז פֿאַראַן די מינדסטע מעגלעכקייט אַז אַ פּאָר ייִדן זאָלן קאָנען אַרויספֿאָרן, טאָר מען די געלעגנהייט נישט פֿאַרשפּילן צוליב עפּעס אַן עוויאָנער קאָמיטעט״, האָט בערעק זיך געהאַלטן בײַ דאָס זײַניקע. „איך וועל אַרײַנקוקן אין דעם ענין אַפֿילו פֿאַר זיך אַליין״.

ווען בערעק האָט פאַר דער מלחמה זיך געגרייט פאָרן קיין פּראָג דאָרט שטודירן אויף זײַן דאָקטאָראַט האָט ער געהאַט אַרויסגענומען אַן אויסלענדישן פּאַס. די דײַטשן האָבן אין צווישנצײַט אָנגעהויבן זייער העצע קעגן טשעכאָסלאָוואַקײַ און בערעק איז געבליבן אין וואַרשע. אויך מאַניע האָט געהאַט אַן אויסלענדישן פּאַס, און דאָס קאָן אײַנשפּאָרן אַ סך שוועריקייטן, בישטאָ הײַנט קיין אמת וואָס זאָל אַרויסגעבן אַן אויסלענדישן פּאַס פאַר אַ פּוילישן בירגער. אַן אויסלענדישער פּאַס איז הײַנט אַ ווערטיקע סחורה אויפן שוואַרצן מאַרק, מע קויפט בײַ עמעצן אַזאַ פּאַס און מע נעמט אָן יענעמס אידענטיטעט. מע האָט זיך געשמוגלט אַריבער דער גרענעץ קיין רוסלאַנד אָן שום דאָקומענטן, אָבער וואָס, מישטיינס געזאָגט, קאָן מען מיטנעמען ווען מע שוואַרצט אַ גרענעץ, און נאָך דערצו מיט אַ קליין קינד. מיט אַ לעגאַלן פּאַס איז גאָר עפּעס אַנדערש. מע זאָגט, אַז פאַר אַ געהעריקן פּרײַז קאָן מען קויפן אַפילו אַ סערטיפיקאַט צו קאָנען לעגאַל פאָרן קיין פּאַלעסטינע. עס איז כּדאַי אַרײַנצוקוקן אין דעם ענין.

בערעק איז אָוועק אויף גזשיבאָווסקאַ 26 און אַרײַן אין אָפּטייל פאַר עמיגראַציע. דאָס איז געווען זײַן ערשטער צוזאַמענטרעף מיט דעם ד״ר נאָסיג. דער אַלטיטשקער איז נאָך געווען גאַנץ רירעוודיק און באַרעדעוודיק. ווען בערעק האָט זיך פאָרגעשטעלט האָט נאָסיג שוין געוווסט ווער ער איז און וואָס פאַר אַן אָרט ער פאַרנעמט אין קאָאָרדיניר־קאָמיטעט. נאָסיג האָט אויך געוווּסט אַז זײַן גאַסט איז אַ היסטאָריקער און איז גרייט געווען זיך אַרײַנצולאָזן אין אַ שמועס וועגן געשיכטע, אָבער בערעק איז גלײַך צו צום ענין. ער האָט געוואָלט וויסן אויף וועמענס איניציאַטיוו דער עמיגריר־אַמט איז געשאַפן געוואָרן, און ד״ר נאָסיג האָט זיך געגרייסט אַז דאָס איז זײַן איניציאַטיוו און זײַן אויפטו. זינט די נאַציס זענען געקומען צו דער מאַכט אין דײַטשלאַנד האָבן זיי אַפילו מיט גוואַלד געגייט יידן צו עמיגראַציע, פאַר וואָס זאָלן זיי איצט זײַן קעגן? האָט ער זיך געוואָנדן ווו מע דאַרף, און פאַר אַ געהעריקן אָפּצאָל קאָן מען עס מאַכן.

„אויב די דײַטשן זענען פאַראינטערעסירט אין דעם, פאַר וואָס קאָנען פאָרן נאָר די וואָס באַצאָלן אַ סך געלט?״ האָט בערעק געוואָלט וויסן.

ד״ר נאָסיג האָט געהאַט אַ גרייטן ענטפער: שיקן יעדן אַרויספאָרדאָקומענט קיין בערלין פאַר באַשטעטיקונג? ס׳איז מלחמה, בערלין האָט וויכטיקערע זאַכן אויפן קאָפּ. אַז די ׳באַהערדן׳, די פאָרשטייערס פון דער

מאַכט אין וואַרשע, וועלן האָבן דעם מוט צו באַשטעטיקן אַן אַרויספּאַר אַן בערלין וועט עס זײַן לײַכט און שנעל. דעם מוט פון די לאָקאַלע ‚באַהערדן׳ דאַרף מען שטאַרקן מיט אַ געהעריקער סומע״.

„וואָס וועט זײַן אַז אַזאַ באַשטעטיקונג פון די לאָקאַלע ‚באַהערדן׳ וועט אַרײַנפאַלן אין די הענט פון די ‚באַהערדן׳ אין בערלין?״ האָט בערעק געפרעגט.

„דאָס ווייס איך נישט״, האָט ד״ר נאָסיג זיך מודה געווען. „אָבער דער הער ריבענטראָפּ פאַרנעמט זיך נישט מיט קאָנטראָלירן אַרויספּאַר־דאָקומענטן, דאָס ווערט געטאָן דורך פּשוטע סאָלדאַטן אויף דער גרענעץ. זיי וועלן זען אַ דאָקומענט מיט אַלע נייטיקע שטעמפּלען און מיט אונטער־שריפטן, און דאָס וועט פאַר זיי זײַן גענוג״.

„און וואָס זאָלן טאָן די וואָס האָבן נישט קיין דרײַסיק טויזנט זלאָטעס צו באַצאָלן פאַר אַזאַ דאָקומענט?״

„מײַן אַמט איז עמיגראַציע, סאָציאַלע הילף ליגט אין אײַער יוריס־דיקציע״, האָט נאָסיג געענטפערט מיט אַ שמייכעלע וואָס האָט אויסגע־זען גוטמוטיק, און געגומען קוקן אויף זײַן זייגער.

ווען נאָסיגס פּנים האָט זיך אויסגעדרייט צום זייגער האָט דער שמייכל זיך אויסגעקרומט און געוואָרן אַ גרימאַסע פון כעס. די אויגן האָבן שוין געגלאַנצט מיט אײַז. בערעק איז אַוועק מיט דעם אײַנדרוק אַז אין דער רגע האָט ער דערזען נאָסיגן אָן אַ מאַסקע, און דאָס וואָס ער האָט געזען האָט אים געשראָקן. „מיר דאַכט זיך״, האָט ער שפּעטער געזאָגט מאַניען, „אַז אָנטרויען זיך אין זײַנע הענט איז פּונקט אַזוי ריזי־קאַליש ווי דאָס בלײַבן דאָ. אין אַזאַ פאַל איז ‚שב ואל תעשׂה עדיף׳, איז בעסער גאָרנישט צו טאָן״.

### ג.

מינדעלע האָט דערפילט אַ שפּאַנונג אין בויך, האָט פּינטשע זי אַוועקגעפירט אין אַ קליניק פאַר קימפּעטאָרינס, כאָטש מען איז נאָך נישט געווען זיכער צי דאָס זענען שוין טאַקע די ריכטיקע ווייען. מע האָט פּינטשען נישט אַרײַנגעלאָזט ווײַטער ווי אין קאָרידאָר, ס׳הערשט אַ טיפוס־עפּידעמיע אין שטאָט, מוז מען זײַן אָפּגעהיט. ווען די פּאָליציי־שעה האָט זיך דערנענטערט האָט מען אים אַרויסגעטריבן אויך פון קאָרידאָר, איז ער אַוועק נעכטיקן בײַ מינדעלעס יידן וואָס האָט געוווינט נאָענט צום

קליניק און עס איז דאָרט געווען אַ טעלעפאָן. פּינטשע איז קוים געהאַט איינגעשלאָפן פאַר טאָג ווען דער טעלעפאָן האָט אים אויפגעוועקט. ס'איז טאַקע געווען פון קליניק. די קליינע מיגדעלע האָט געבוירן אַ גרויסן יונג פון צוויי און אַ האַלב קילאָ, און ביידע — מאַמע און זון פילן זיך גוט.

פּינטשע האָט נאָך געהאַט אַ סך צו פרעגן. ער האָט געוואָלט וויסן צי די ווייען זענען געווען גרויס, צי זיי האָבן אָנגעהאַלטן לאַנג, אָבער אין קליניק האָט מען שוין געהאַט אויפגעהאָנגען דאָס טרייַבל. ער האָט פּראָבירט צוריקקלינגען אָבער בשום־אופן נישט געקאָנט באַקומען קיין פאַרבינד מיטן קליניק.

ווי נאָר מע האָט געמעגט אַרויס אין גאַס האָט פּינטשע גענומען אַ טראַמווייַ צו זיך אַהיים, קיין פּראַגע. ער האָט באַדאַרפט צושטעלן אַ רעשטל סחורה צון אַ קונה אויף טוואַרדע־גאַס, נישט ווייַט פון קליניק. ביז ער וועט פאַרטיק ווערן מיטן קונה וועט שוין זייַן באַגענט צו צוועלעף, ווען מע וועט אים אַרייַנלאָזן אין קליניק אַ קוק טאָן אויף זייַן בכור כאָטש פון ווייַטנס. ער האָט אַ גאַנצן וועג געטרוימט און געחשבונט וואָס ער וועט קויפן פאַר דעם ריוות. לעקעך און בראָנפן צום ברית און צום פּדיון־הבן. אַ וועגעלע צו פירן דאָס קינד שפּאַצירן, אַ צען פּושקעס קאָנדענ־סירטע מילעך אָוועקצולייגן פאַר אַ שעה פון נויט. מיט דעם קרן וועט ער קויפן אַ נייַ רעשטל סחורה, ער האָט אַ פאַרגרעסערטע משפּחה מפרנס צו זייַן.

עס איז געווען די צייַט פון גייַן צו דער אַרבעט און דער טראַמווייַ איז געווען איבערגעפּאַקט. אַבי מע כאַפּט הייַנט נישט צו צוואַנגאַרבעט. אויפן וועג צוריק איז שוין יאָ געווען ווו זיך צו זעצן, אָבער עס איז אים אָנגעקומען שווער דאָס אייַנבייגן זיך און אַראָפּלאָזן זיך צו דער באַנק מחמת ער האָט געהאַט אַרומגעוויקלט אַרום זייַן לייַב פּינעף מעטער סחורה, ער האָט קוים געקאָנט אַרויפציִען אויף זיך די מלבושים, אַזוי דיק איז ער געוואָרן. ווען ער איז אַרויס פון טראַמווייַ אויפן גזשיבאָווער פּלאַץ איז אים אָנגעקומען שווער דאָס אַראָפּגייַן פון די טראַמווייַ־טרעפּ און ער האָט צוריקגעהאַלטן עטלעכע פאַרשוינען הינטער אים וואָס האָבן אויך געוואָלט אַרויסגייַן.

פון דאָנען זענען זיך צעגאַנגען גאַסן אין עטלעכע ריכטונגען. פּינטשע איז אַריבער דעם פּלאַץ אויפן וועג צו טוואַרדע־גאַס. עס איז געווען אַ גרויסע באַוועגונג אין גאַס, אַ סימן אַז עס איז רויִק. ער האָט נאָר געציי־טערט מע זאָל אים נישט כאַפּן צו דער אַרבעט ווען ער האָט די סחורה אויף זיך, דאָס באַטרעפט הייַנט אַ פאַרמעגן. פּלוצלינג האָט אַ שווערע

האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זײַן אַקסל און אײדער ער האָט געװוּסט װאָס עס טוט זיך איז ער געװען אין אַ טונקעלן טויער און עטלעכע פֿאַרשױנען האָבן זיך געפּאַרעט איבער אים. נסים אַז ער האָט געהאַט שׂכל נישט צו שרײַען. אויב אַ דײַטש װאָלט געקומען זען װאָס עס טוט זיך װאָלט געװען ערגער.

װען ער איז שפּעטער געקומען אין קליניק האָט מען אים געזאָגט אַז פֿון װײַטנס קאָן ער כאַפּן אַ בליק אויך אויף זײַן װײַב. פּינטשע האָט זיך אָפּגעזאָגט, ער האָט מורא געהאַט אַז מינדעלע װעט אויך כאַפּן אַ בליק אויף אים און זען די געשװאָלענע נאָז און די אונטערגעהאַקטע אויגן.

גאָט שטראָפֿט, אָבער מיט אַ מאָס. צום ברית האָט מען געבראַכט מתּנות געגנוי דאָס װאָס פּינטשע האָט געטרוימט צו קויפֿן. בערעק און מאַניע האָבן געבראַכט אַ קינדערװעגעלע. זיי האָבן געזאָגט אַז זייער אַלעק איז עס שוין אויסגעװאַקסן, אָבער עס איז געװען געגנוג גרויס און געגנוג גוט עס צו נוצן ביז זייער קינד װעט אין גאַנצן נישט דאַרפֿן קיין װעגעלע. עס איז געװען געגנוג גרויס עס זאָל זײַן דעם קינדס בעט אָדער װיג. װוּ קאָן מען הײַנט קויפֿן אַ בעטל מיט אַזאַ גוטן מאַטראַץ? דער גרעסטער סורפּריז איז געװען אַ פּעקל װאָס מע האָט צוגעשיקט דורך אַ שליח. אין פּעקל זענען געװען צען פּושקעס קאָנדענסירטע מילעך, עטלעכע פּודעלעך קאַקאַאָ און אַפֿילו אַ ביסל שאָקאָלאַד, אַלץ פֿון דער פֿירמע װעדעל װאָס איז געװען באַרימט פֿאַר הויכער קװאַליטעט. אַז מע האָט צעגומען דאָס פּעקל האָט מען געפֿונען אַ צעטעלע אַז דאָס קומט אין שליחות פֿון יואלן אין אַמעריקע. קיין אונטערשריפֿט איז נישט געװען.

אויב דאָס איז געקויפֿט בײַ דער װאַרשעװער פֿירמע װעדעל קומט עס דאָך נישט פֿון אַמעריקע און האָט נישט געקאָנט געקויפֿט װערן דורך אַ ייִד, װײַל די אַנטיסעמיטישע פֿירמע װעדעל פֿאַרקויפֿט נישט צו קיין ייִדן. אויב דאָס אַלץ איז געקויפֿט געװאָרן אויפֿן שװאַרצן מאַרק קאָסט עס אַן אוצר.

װער קאָן זײַן דער מענטש װאָס האָט דאָס געטאָן פֿאַר יואלן און נישט איבערגעלאָזט זײַן נאָמען? אויב עס איז אַ פֿרעמדער, פֿון װאַנען האָט ער געװוּסט אין װעלכן קליניק מינדעלע ליגט און װען עס װעט זײַן דער ברית?

די רביצין האָט זיך דערמאָנט, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק האָט אַ פֿרוי װידער טעלעפֿאָנירט און זיך געפֿרעגט צי ס'איז פֿאַראַן אַ ידיעה פֿון יואלן. די רביצין איז איצט געװען זיכער, אַז עס איז די זעלביקע

פּרוי וואָס האָט שוין אַ מאָל געקלונגען און זיך געפרעגט אויף פּינטשען. זי האָט געזאָגט דער פּרוי אַז עס וואָלט אוודאי גוט געווען צו וויסן יואַלס אַדרעס און אים לאָזן וויסן אַז ער איז מיט מזל געוואָרן אַ פעטער, אַז מינדעלע האָט געבוירן אַ זון. יענע האָט טאַקע זיך אויסגעפרעגט ווו און ווען. האָט יענע פּרוי יואַלס אַדרעס אין ניו־יאָרק? ווער איז יענע פּרוי וואָס האָט יואַלס אַדרעס ווען זיינע נאָענטע האָבן עס נישט? ווי האָט זי געקאָנט אַזוי שנעל מודיע זיין יואַלן וועגן קינד און שוין האָבן אַן ענטפער מיט אַ מתנה? די גאַנצע זאַך איז גאָר נישט צו פאַרשטיין.

די רביצין האָט אויסגעדריקט אירע ספקות אויפן קול, אָבער ווען די פּראָגעס האָבן געפירט צו נאָך הארבערע פּראָגעס האָט זי פאַרביסן די ליפּן. אויב די פּרוי האָט עפּעס אַ שייכות צו יואַלן, פאַר וואָס באַהאַלט זי זיך און האָט אַפילו אויף דעם צעטעלע מיט דער מתנה זיך נישט אונטערגעשריבן? אויב איר באַקאַנטשאַפט מיט יואַלן איז פאַרבונדן מיט אַ סוד איז דאָ עפּעס נישט גלאַטיק. ווי זאָגן די לומדים, די קשיא פאַרענט־פערט אַן אַנדערע קשיא. אַ ייִד קאָן טאַקע נישט קויפן ביי וועדעלן, אָבער אַ — — ביידע מאָל ווען זי האָט געקלונגען האָט די פּרוי גערעדט נאָר פּויליש. אוי, עס איז אַ קלאָג צו די יאָר. אַזאַ זאַך קאָן, חלילה — — מע טאָר עס אַפילו נישט ברענגען פאַרן מויל. מע זאָגט אַז פּינטשעס קוזינע, מאַניע, מיט איר מאַן, קלייבן זיך אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד. דער בערעק עפּשטיין איז אַ קלוגער מענטש, מע דאַרף אים בעטן ער זאָל פּראָבירן אויפזוכן יואַלן און אים לאָזן וויסן אַז זיין טאַטע וועט עס, חלילה, נישט אויסהאַלטן אויב זיין זון וועט זיך פאַרבינדן מיט אַ שיקסע.

די רביצין האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט צוגעטאָן קיין אויג. צו מאָרגנס, ווי נאָר מע האָט געמעגט אַרויס אין גאַס איז זי געלאָפן צום טראַמוויי. פּינטשע מיט מינדעלען, מיטן קינד, זענען שוין אין זייער שטוב אין פּראָגע. דער רביצין האָט זיך געדאַכט אַז דער טראַמוויי פאָרט פּאַמע־לעכער ווי אַלע מאָל, אַז דער וועג פון טראַמוויי צום הויז איז ווייטער ווי אַלע מאָל.

פּינטשע און מינדעלע זענען נאָך געשלאָפן. דאָס קינד האָט אוודאי יסורים פון שניט אין לייב און האָט געוויינט אַ גאַנצע נאַכט. מינדעלע האָט זיך דערשראָקן פון דעם פריִען וויזיט, און די מוטער האָט שוין חרטה געהאַט וואָס זי טוט אָן עגמת־נפש דער שוואַכער קימפּעטאָרין. אָבער מיט דער קלוגער מינדעלען. איז גלייכער באַלד אַרויסצוקומען מיטן אמת.

די רביצין האָט נישט געגלייבט אירע אויגן ווען מינדעלע האָט זיך גאָר צעשמייכלט. „פּינטשע, גיב מיר דאָס צעטעלע, גיב עס דער מאַמעשי״.

אויפן צעטעלע זענען אונטער די פּאָר שורות אין פּויליש אויך געווען צוויי ווערטער מיט יידישע אותיות. דער אויסלייג איז טאַקע געווען פאַרגרייזט — אַנשטאָט דער ט אין „מזל־טוב״ איז געווען אַ ת — אָבער עס איז געווען געשריבן מיט אַ האַנט וואָס איז, ווייזט אויס, געניט אין נוצן דעם יידישן אַלף־בית.

## ד.

אַ באַשטעטיקונג אַז מען אַרבעט פאַר דער יידישער אַליינהילף האָט באַפרייט פון צוואַנגאַרבעט אַפילו נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן גענייט די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע פאַר סאָציאַלער הילף איבערצורייסן מיט דעם יידישן טייל פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט און אַפילו נאָך דעם ווי דער יידישער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט האָט געמוזט בייטן דעם נאָמען אויף „זשיטאָס״, וואָס אין פּויליש איז עס די ראשי־תיבות פון „יידישע אָרגאַניזאַציע פאַר סאָציאַלער אַליינהילף״. די דייטשן האָבן געכאַפּט צו דער אַרבעט נישט־געקוקט אויף דעם וואָס דער יודנראַט האָט צוגעשטעלט די געפאָדערטע צאָל אַרבעטערס. בערעק איז מער ווי איין מאָל באַפרייט געוואָרן אין זכות פון אַרבעט פאַר דער אַליינהילף.

איין פרימאָרגן ווען בערעק איז געגאַנגען צו דער אַרבעט און איז שוין געווען אויף טלאָמאַצקי־גאַס נעבן בנין פון יודאַיסטישן אינסטיטוט, ווו עס האָבן זיך איצט געפונען די ביוראָען פון דער אַליינהילף, איז אָנגעלאָפן אַ מיליטערישער משא־אויטאָ און, מיט אַ געקריץ פון די ברעמזעס, זיך פאַרהאַלטן נעבן אים. „קאָם מאַל היער״, האָט אַ רוף געטאָן אַ דייטש אין אַ מונדיר פון לופטפלאָט. „אוסווייז!״ האָט ער באַפוילן ווי נאָר בערעק איז צוגעקומען צו אים.

בערעק האָט אַרויסגענומען זיין אַרבעט־קאַרטע און עס דערלאַנגט דעם דייטש; יענער האָט עס צוגענומען און אַריינגעלייגט אין קעשענע. „איינשטייגן!״ האָט ער באַפוילן. בערעק האָט געזוכט אין זיינע קעשענעס מער דאָקומענטן, ער האָט געוואָלט ווייזן אַז ער איז אַ וויכטיקער באַאַמ־טער. ער האָט דערזען אַ לופע פון אַ רעוואָלווער אויסגעשטעלט צון אים, איז ער שנעל אַרויף אויפן וואָגן.

עס איז געווען דאָס וואָס ער האָט זיך געשראָקן אַז קאָן אַ מאָל געשען.

מע האָט די געכאַפּטע אוועקגעפירט צו דער געבײַדע פון פּוילישן סיים. ער האָט אַ סך געהערט וועגן דעם ווי די דײַטשע פּליערס פּײַניקן די ייִדן בײַ דער אַרבעט, אָבער ביז מע פּילט אַזאַ זאַך אויף אייגענער הויט קאָן מען עס זיך נישט פאָרשטעלן. בערעקס גרופּע האָט מען געפירט אַפּרייניקן אַ וועג פון שניי. ער איז נישט געווען אָנגעטאָן ווארעם גענוג צו קאָנען זײַן אַ גאַנצן טאָג אין דרויסן אין אַזאַ פראָסט. און אפשר איז גוט געווען וואָס עס איז געווען אַזוי קאַלט. ער האָט באַקומען אַ קלאַפּ מיט אַן אײַזן איבער דער נאָז. לויט ווי דער ווייטיק האָט זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצן קאָפּ איז דער נאָזביין זיכער צעבראָכן. דאָס בלוטיקן וואָלט זיך נישט אָפּגעשטעלט אַזוי שנעל, אויב עס וואָלט נישט געווען אַזוי קאַלט. דער ווייטיק איז אַרויף ביז צום שפּיץ קאָפּ, ווי מע וואָלט אויף אים אַרויפגעזעצט אַ יאַרמלקע פון צעגליט אײַזן. ער האָט זיך געשטאַרקט נישט צו פאַלן פון די פיס, זיי וואָלטן אים דערשלאָגן צום טויט, ווי זיי האָבן עס שוין אַ סך מאָל געטאָן. ווען נאָר ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט האָט ער געכאַפּט אַ הויפן שניי און עס צוגעלייגט צו דער נאָז, דאָס האָט אים אָפּגעפרישט.

ער האָט באַקומען נאָך אַ זעץ איבערן קאָפּ ווען ער האָט געפונען דעם דײַטש וואָס האָט אים געכאַפּט און געבעטן יענער זאָל אים צוריק־געבן די אַרבעט־קאַרטע. „דײַן אַרבעט־קאַרטע בלײַבט אויף דײַן אַרבעט־פּלאַץ”, האָט אים געזאָגט דער דײַטש, „יעדן פרימאָרגן אָם זיבן אור”, יעדן טאָג זיבן פרי דאַרף ער זיך צושטעלן צו דער אַרבעט.

אויפן וועג אַהיים האָט איינער פון די וואָס אַרבעטן שוין לאַנג אויף דעם פּלאַץ אונטערגעזאָגט בערעקן ער זאָל מאָרגן ברענגען מיט זיך אַ גאָלדענעם זייגער, אָדער עפּעס ענלעכס; דאָס איז דער איינציקער אופן אויסצומײַדן קלעפּ.

בערעק איז נאָך פאַר טאָג אוועק צו נחום רעגבאַ אַהיים. די נאָז איז טאַקע געווען צעבראָכן. ער האָט נישט געהאַט קיין כּוח ווידער אַדורכצו־מאַכן אַזאַ טאָג ווי נעכטן, ער האָט אויך נישט געטאָרט בלײַבן אין דער היים, דער דײַטש האָט געהאַט די אַרבעט־קאַרטע מיט זײַן היימאַדרעס. רעגבאַ האָט אַוועקגעפירט בערעקן אין בנין פון ייִדנראַט און אוועק אָנזאָגן מאַגיען אַז אויב מע וועט קומען זוכן בערעקן זאָל זי זאָגן אַז ער איז אין דער פרי אַוועק צו דער אַרבעט. נאָך איידער דער טאָג איז אַוועק האָט מען צוריקגעבראַכט בערעקס אַרבעט־קאַרטע. „עס איז געווען אַ שווער שטיקל אַרבעט”, האָט רעגבאַ אים געזאָגט, „מיר האָבן געמוזט

אַנקומען צו דער אינטערווענץ פון אַ גרויסער שישקע. פון דעסט וועגן שלאָף נישט אין דער היים עטלעכע נעכט".

דעם גאַנצן טאָג וואָס ער איז געווען אין בנין פון יידנראַט האָט בערעק געזוכט דעם ד"ר נאָסיג, אָבער יענער איז גראָד געווען אויסערן ביוראָ אין אַמטלעכע ענינים. מיט אַ באַנדאַזשירט, געשוואָלן פּנים איז בערעק צו מאָרגנס ווידער געקומען אויף גזשיבאָווסקע 24 דאָס מאָל איז נאָסיג געווען אין זיין ביוראָ. נאָסיג האָט זיך זייער איבערגענומען מיט דעם וואָס איז געשען צו בערעקן. יאָ, ער פאַרשטייט פאַר וואָס ד"ר עפּשטיין וויל אַזוי שטאַרק אָוועקפאָרן. פאַר אַ קאָלעגע היסטאָריקער איז ער גרייט צו טאָן אַלץ וואָס מעגלעך. אַ סערטיפיקאַט קיין פּאַלעסטינע דאַרף קאָסטן פופציק טויזנט זלאָטעס; אויב דאָס ווייַב און קינד ווילן מיטפאָרן וועט עס קאָסטן אַ ביסל מער. נישט קיין סך מער, נאָר אַן עקסטרע צען טויזנט. ער וועט אפילו קאָנען מיטנעמען נאָך אַ צוויי קינדער, צו פינעף טויזנט אַ שטיק. מע וועט זיי צושרייבן צו זיין פּאַספּאָרט ווי זיינע קינדער.

בערעק איז געהאַט געלונגען אַז אין זיין שווערס געשעפט זאָל אַריינגעזעצט ווערן ווי דער דייטשער „טרויהענדער" זיין חבר פון דער גורוויטשער גימנאַזיע, זיגי רויטער, אַ פאָלקסדייטש. מיט אַן אייגענעם מענטש ווי קאָמיסאַר איז אים מעגלעך געווען אַרויסצוקריגן אַ ביסל געלט פון די בלאָקירטע קאָנטעס אין די בענק. איצטער אַז ער האַלט ביים אָוועקפאָרן מוז ער געפינען ווי אַזוי אַרויסצונעמען אַ גרעסערע סומע. מאַניע האָט מסכּים געווען ער זאָל פירלייגן דעם הער רויטער צו געבן אים אַ העלפט פון אַלעם וואָס ער וועט העלפן אַרויסנעמען פון די בלאָ־קירטע באַנקקאָנטעס. עס האָט געדויערט נאָר עטלעכע טעג און זיגי רויטער איז צוריק געקומען מיט אַ פּראָפּאָזיציע: ער האָט אַ קרוב, אויך אַ פאָלקסדייטש וואָס האַנדלט טאַקע מיט לעדער שוין אַ סך יאָרן. ער, זיגי, ווייסט פון די דאָקומענטן אין געשעפט אַז בערעק האָט נאָך פאַר דער מלחמה געהאַט די רעכט אונטערצושרייבן התחייבותן. זאָל ער אונטערשרייבן עטלעכע וועקסלען אויסגעשטעלט צום נאָמען פון דעם קרוב, דער קרוב וועט עס איינמאָנען דורך זיין באַנק און דערנאָך וועט מען זיך טיילן. אָבער די חלוקה מוז זיין פערציק פּראָצענט פאַר בערעקן און זעכציק פּראָצענט פאַר אים מיט זיין קרוב, זיי נעמען אויף זיך אַ גרויסע ריזיקע.

בערעק איז אָוועק אַהיים און ווידער זיך באַראָטן מיט מאַניען, ס'איז

דאָך איר פּאַטערס געלט. עס איז איצט פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו שיקן געלט צו אירע עלטערן. מע גיט דעם פאַרשטייער פון „דזשאָינט״ געלט וואָס ווערט אויסגענוצט דאָ פאַר סאָציאַלער הילף, און דער „דזשאָינט״ צאָלט עס אויס אין אויסלאַנד. אירע עלטערן אין בוקאַרעשט לעבן נישט פון ווינט, עס קאָן זײַן אַז אַ ביסל געלט פון דאַנען וועט זיי גוט צו נוץ קומען. מאַניע האָט מספּים געווען, אָבער דער גאַנצער ענין איז ריזיקאַליש. אויב עס וועט אויפגעדעקט ווערן, וועלן די צוויי דײַטשן אָפּקומען מיט אַ קליינער שטראָף. ער, דער ייִד, קאָן אַ מאָל באַצאָלן דערפאַר זייער טײַער. אָבער ער גייט דאָך סײַ ווי אָוועקפאָרן. אויב די דײַטשן וועלן עס אויפדעקן ווען ער וועט שוין זײַן נישט זײַן וועלן זיי אים קאָנען, ווי מע זאָגט עס, שיטן זאַלץ אויפן וויידל...

„ווי זיכער ביסטו מיט דעם אָוועקפאָרן?״ האָט מאַניע געוואָלט וויסן.

„ווי זיכער איז מען היינט אַפילו מיט דעם מאָרגנדיקן טאָג? אויב דער דײַטש מיטן אײַזן וואָלט געטראָפן אין שאַרבן אַנשטאָט אין דער נאָז, וואָלט איך שוין געווען אויף יענער זײַט גרענעץ פון לעבן. די שאַנסן זענען גוטע״.

„און ווי זיכער ביסטו מיט דײַן פרײַנד רויטער? ער אַליין ווײַזט אויס צו זײַן אָרנטלעך, אָבער זײַן קרוב, אים האָסטו נאָך נישט אויס־פּראָבירט״.

„אויך זיגי רויטער האָב איך אויספּראָבירט נאָר מיט קליינע סומעס. אויב מיר ווילן אָוועקפאָרן מוז מען עס טאָן מיט אַ גרויסער סומע, און זיגי וועט שטיין פאַר אַ גאָר גרויסן נסיון. איך האָב געטראַכט וועגן דרײַ הונדערט און פופציק טויזנט. פון דעם וועלן מיר באַקומען נאָר הונדערט און פערציק טויזנט. אַ העלפט וואָלט איך געשיקט קיין בוקאַרעשט און אַ העלפט פאַר אונדז. פופציק טויזנט אָדער מער וועל איך דאַרפן באַצאָלן פאַר דעם סערטיפיקאַט״.

„אָדער מער?״

„נאָסיג האָט מיר געגעבן אָנצוהערן אַז איך קאָן מאַכן דערבײַ אַ געשעפט. איך קאָן מיטנעמען עטלעכע קינדער פאַר אַ צוגאָב פון צען אָדער צוואַנציק טויזנט און נעמען דערפאַר באַצאָלט עס זאָל אויך בלײַבן צושטײַער צו מײַנע אייגענע הוצאות. אָבער דו פאַרשטייסט דאָך, אַז איך וועל נישט מאַכן דערפון קיין געשעפט״.

„כ׳ווייס נישט, בערעק, כ׳ווייס נישט וואָס דיר צו זאָגן״.

טאָג נאָך טאָג האָבן בערעק און מאַניע איבערגערעדט דעם ענין און נישט געקאָנט קומען צום אַ באַשלוס. מאַניע, וואָס האָט קיין מאָל נישט

פאַרזוכט אַזאַ אָרעמקייט ווי בערעק אין זײַן טאַטנס היים, האָט ווײניקער ווי בערעק זיך געשראָקן פאַר דעם מעגלעכן פאַרלירן אַ גרויסע סומע געלט. אַ דורכפאַל האָט געקאָנט דערפירן צו בערעקס אַרעסט און הײַנט, אַז אַ ייִד ווערט אַרעסטירט קומט ער זעלטן צוריק.

דעם פערטן טאָג האָט מען בערעקן ווידער געכאַפּט צו דער אַרבעט, אַרויסגענומען אים פון הויז, כאָטש דאָס פּנים איז נאָך געווען געשוואָלן און באַנדאַזשירט. מע האָט אים אָוועקגעפירט צו דער באַן אָפּלאָדן קוילן. דאָס מאָל האָט מען אים נישט געשלאָגן און דער וואַכמאַן בײַ דער אַרבעט איז אַפילו געווען צו אים סימפּאַטיש. ווען ער איז אין אָוונט צוריקגעקומען מיט קוילן־פּאַרריסטע באַנדאַזשן האָט מאַניע שוין געהאַט אָנגענומען אַ באַשלוס: „יעדע ריזיקע איז קלענער ווי די ריזיקע צו בלײַבן דאָ".

זיגי רויטער האָט גענומען די וועקסלען פון בערעקן און איז אָוועק־געפאָרן צו זײַן קרוב. עס איז אָוועק אַ וואָך און נאָך אַ וואָך, ער איז נישט געקומען צוריק און אַפילו נישט געשריבן פאַר וואָס ער זוימט זיך. פאַרקויף פאַר קאָסטן־פּרייז די באַהאַלטענע סחורות, און לאָמיר אַנטלויפן פון דאַנען וואָס שנעלער", האָט מאַניע זיך געבעטן.

„געדולד, מאַניושע, געדולד, אין אַזאַ צײַט איז דאָס די ווױכטיקסטע תּרופה".

פאַרשידענע רעיונות זענען אַדורכגעפלויגן דורך בערעקס קאָפּ. פאַרן זוכן דעם זיגי, לויפן אין באַנק אַרײַן פאַרהאַלטן דאָס אויסצאָלן אויב דער וועקסל איז נאָך נישט אײַנקאַסירט געוואָרן. כאָטש אָנפרעגן זיך אין דער באַנק וויפל עס איז דער באַלאַנס אין דער בלאָקירטער קאָנטע. אָבער בערעק האָט געזאָגט צו זיך אַליין דאָס וואָס ער האָט געזאָגט צו מאַניען: געדולד, געדולד!

דער סוף חודש איז אַריבער, פון דער באַנק איז אָנגעקומען אַ חשבון וואָס האָט געוויזן אַז עס זענען אַרויסגענומען געוואָרן דרײַ הונדערט און פופציק טויזנט זלאָטעס, און זיגי איז נאָך אַלץ נישט געווען צוריק. לאָ די וואָס זײַן שווער וועט אים נאָך דער מלחמה חושד זײַן אַז ער האָט עפּעס געמאַכט אַ דריידל מיט אַזאַ ריזיקער סומע געלט, לאָ די וואָס ער וועט נישט זען דערפון אַ גראָשן, האָט ער נאָך אָנגעווירן אַ „טרויהענ־דער" וואָס האָט קאָאָפּערירט און אים דערמעגלעכט דאָך צו זײַן אַ שטיקל בעל־הבית אין זײַן געשעפט, און אַרויסצונעמען אַ ביסל געלט פון צײַט צו צײַט. זאָל דער זיגי צוריקקומען באַדײַ אָנעם געלט, אפשר וועט ער

עס אָפּדינען אויף אַן אַנדערן אופן. אויב עס וועט קומען אַ נייַער דייַטשער קאָמיסאַר און וועט זיך נעמען קאָנטראָלירן די ביכער קאָן ער אַ מאָל אויפדעקן אויך אַלטע חטאָים.

עס איז שוין געווען דער איין און צוואָנציקסטער אָוונט נאָך זיגיס אוועקפאָרן, עס איז שוין געווען נאָך דער פּאָליציי־שעה ווען דער גלאָק האָט געקלונגען אין בערעקס טיר. „באַהאַלט זיך, שנעל!" האָט מאַניע געשריגן היסטעריש. „עס איז זיגיס אַ שטיקל אַרבעט, ער וויל נישט עס זאָל בלייַבן אַן עדות פון זייַן שווינדל".

בערעק איז געגאַנגען עפענען די טיר. וואָס מאַניע זאָגט לייגט זיך אויפן שכל. נאָר אויב דאָס זענען דייַטשן וועלן זיי זוכן, און דאָס באַהאַלטן וועט נישט העלפן.

עס איז געווען נאָר איין דייַטש, זיגי. ער האָט געטרויט זייַן קרוב, אָבער עס איז אַ גרויסע סומע. האָט ער געוואַרט ביז דער קרוב וועט קאָנען אַרויסנעמען פון זייַן באַנק מזומן, און דאָס האָט גענומען צייַט. ער האָט געבראַכט בערעקן זייַן חלק.

די זיבעציק טויזנט אָוועקצושיקן צום שווער קיין רומעניע, האָט מאַניע אוועקגעטראָגן צום דירעקטאָר פון „דזשאָיגט", פּאַן גוזשיק; פרויען כאַפּט מען נישט אַזוי אָפט צו דער אַרבעט. אָבער צום פּאַן נאָסיג האָט בערעק באַשלאָסן צו גיין אַליין. ער דאַרף זיך נאָך אַ ביסל דינגען וועגן דער צאָל קינדער וואָס ער זאָל קאָנען מיטנעמען. עס איז אַ טאָפּלטע מיצווה, אַרויסראַטעווען קינדער פון דאַנען, און אַרייַנברענגען זיי קיין פּאַלעסטינע, וואָס די ענגלענדער האַלטן נאָך אַלץ פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער.

אויפן וועג צום קהילה־בנין האָט אַ פראַגע אין אים אויפגעפּלאַצט ווי אַ געשוויר: אַ לעגאַלן סערטיפיקאַט קיין פּאַלעסטינע קאָן אַרויסגעבן נאָר די ענגלישע מאַנדאַטמאַכט, און דייַטשלאַנד איז אין מלחמה מיט ענגלאַנד. ווי אַזוי איז עס מעגלעך אַז די דייַטשן זאָלן פאַר אים באַקומען אַן ענגלישן סערטיפיקאַט?

בערעק האָט דאָס געפרעגט ווי נאָר ער איז אַרייַן אין ביוראָ פון ד"ר נאָסיג.

„זעצט זיך, ד"ר עפּשטיין", האָט נאָסיג געענטפערט מיט אַ שמייכל, „שרעקט זיך נישט, ס'איז נישט וואָס די ייִדן רופן 'אַ ליפּע', ס'איז אַן עכטער סערטיפיקאַט".

„אָבער ווי איז עס מעגלעך?"

„דער סערטיפיקאַט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכן".

„אָן אַ נאָמען?"

„מיט אַ נאָמען".

„טאָ ווי אַזוי קאָן עס מיר העלפן?"

„דער סערטיפיקאַט איז אויסגעשטעלט אויף דעם נאָמען יאָזעף טיש, איר וועט ווערן יאָזעף טיש".

„ווי אַזוי?"

„מיר וועלן אײַך צושטעלן אַלע נייטיקע דאָקומענטן מיט אײַער פאָטאָגראַפיע".

„פאַר וואָס פאַרקויפט יאָזעף טיש זײַן סערטיפיקאַט? פאַר וואָס פאָרט ער נישט קיין פּאַלעסטינע אַז ער האָט נאָך פאַר דער מלחמה זיך באַמיט צו באַקומען אַ סערטיפקאַט?"

„אין מלחמה־צײַט זאָרגט יעדער פאַר זיך אַליין, ד"ר עפשטיין".

„קאָן איך זען דעם יאָזעף טיש? קאָן איך רעדן צון אים?"

„ניין, ד"ר עפשטיין, דאָס וועט נישט העלפן, נישט אים און נישט אײַך".

בערעק איז אַרויסגעלאָפן פון נאָסיגס ביוראָ.

ערשט נאָך דעם ווי בערעק איז אַהיימגעקומען האָט ער פאַרשטאַנען אַז ער איז צו שנעל און צו האַסטיק אַוועקגעלאָפן פון נאָסיגן. אַ היץ האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ ווען עס איז אים אײַנגעפאַלן אַז נאָסיג מיט זײַנע פאַרבינדטע וועלן דאָ מאַכן אַ „סאָליד" געשעפט. כּדי קיינער זאָל נישט קאָנען שטעלן אין ספק דעם ווערט פון דער סחורה וואָס זיי פאַרקויפן, וועלן זיי זיך באַמיִען עס זאָל נישט זײַן קיינער וואָס קאָן עס פאָדערן צוריק. ער איז געוועזן נאָיוו צו טראַכטן אַז יאָזעף טיש פאַר־קויפט גוטוויליק זײַן סערטיפיקאַט און וועט באַקומען אַ טייל פון געלט. אויב יאָזעף טיש עקסיסטירט נאָך, וועט ער אויפהערן צו עקסיסטירן. ניין, ער, בערעק וועט נישט האָבן קיין חלק אין אַזאַ געשעפט. אָבער, אויב זײַנע חשדים האָבן אַ האַפט איז דאָך דער נאָסיג געפערלעך! אויב נאָסיג איז טאַקע אַזאַ פאַרשוין, האָט ער נישט געטאָרט אָפן אַרויסווײַזן זײַן חשד. יענער נוצט נאָך אַלץ אויס זײַן רעפּוטאַציע ווי אַ שרײַבער, ווי אַ ציוניסטישער וועטעראַן. ער וועט מורא האָבן פאַר עמעצן וואָס קאָן קאַליע מאַכן זײַן רעפּוטאַציע, און די וואָס קאָנען אָפּרוימען יאָזעף טישן קאָנען אויך זיך אַן עצה געבן מיט בערעק עפשטיינען.

עס איז בערעקן אײַנגעפאַלן צוריקצוגיין צו נאָסיגן און זאָגן אַז עס דאַרף אים נעמען צײַט ביז ער וועט זיך אײַנשאַפן אַזאַ גרויסע סומע געלט, דערנאָך וועט ער אים זאָגן אַז עס איז אים נישט געלונגען זיך אײַנצושאַפן די סומע. בערעק האָט זיך באַראָטן מיט מוניע רינגעל. יענער האָט געזאָגט אַז אויב נאָסיג וועט זיך כאַפּן אַז עס איז נאָר אַ תּירוץ וועט אים דער ענין ווערן נאָך מער חשוד. די בעסטע זאַך איז גאָרנישט צו טאָן. אָבער עס איז כּדאַי צו זײַן אָפּגעהיט און אַ וואָך, צוויי, נישט שלאָפן אין דער היים.

מאָניע האָט אַרויסגערוקט דעם געדאַנק ער זאָל שלאָפן בײַ פּינטשען. פּינטשען האָט מען נישט געקענט אין וואַרשע, ער וווינט ערגעץ אין פּראַגע ווי אַ סובלאָקאַטאָר.

עס איז בעסער בײַ פּינטשען ווי בײַ עמעצן פון זײַנע פּראָמינענטע פרײַנד.

בערעק האָט פריִער געוואָלט אַ קוק טאָן אויף פּינטשעס דירה, איז ער אַרײַנגעפאַלן אומגעריכט. ער האָט צוגעטראַכט אַ תּירוץ: אין דעם זעלביקן בנין געפינט זיך דאָס פּראַגער יתומים־הויז וואָס ווערט אויס־געהאַלטן פון דעם „זשיטאָס"; ער דאַרף זײַן אין דער קינדערהיים, איז ער שוין אַרײַנגעקומען דאָ. ער האָט אַ געפיל אַז פּינטשע טראָגט אויף אים עפּעס אַ ברוגז, וויל ער וויסן וואָס עס איז.

„וואָס פעלט דיר אײַן? וואָס פאַר אַ ברוגז?" האָט מינדעלע געענט־פערט נאָך איידער פּינטשע איז געקומען צו זיך פון דעם אומגעריכטן וויזיט.

„מיר זענען געווען חברים אין גורוויטש, זייער נאָענטע חברים. מיר זענען געווען אַזוי נאָענט אַז איך האָב זיך נישט געשעמט בעטן פּינטשען ער זאָל מיר געבן געלט. דו געדענקסט, פּינטשע? איך בין דאָך געקומען קיין וואַרשע אויף דײַנע הוצאות".

„כ'בין נישט ברוגז אויף דיר, כ'בין פאַריאָגט. ס'איז שווער אין הײַנטיקן וואַרשע צו פאַרדינען אויף פּרנסה".

„פאַר וואָס שווײַגסטו? אפשר קאָן איך דיר עפּעס צושאַנצן? צום ווינציקסטן מעג איך דאָך דיר אָפּגעבן די אַלע הלוואהלעך וואָס דו האָסט מיר געגעבן. דו געדענקסט ווי איך בין געקומען צו דיר נאָך געלט אויסצולייזן אַ פאַר הויזן פון שנײַדער? אויב איך האָב אַ מאָל זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט וואָס האָט דיר וויי געטאָן, האָב איך

עס זיכער אַזוי נישט געמיינט. מיר זענען זיך געווען געגנוג נאָענט אַז דו זאָלסט עס מיר זאָגן אָפן און איך זאָל זיך קאָנען פאַרענטפערן. אפשר ביסטו גאָר אין כּעס אויף מאַניען? זי האָט נאָר גוטס צו זאָגן וועגן דיר".

פּינטשע האָט נישט געקאָנט זאָגן בערעקן וואָס ער האָט קעגן אים, ער האָט עס אַליין נישט געוווּסט. ער פלעגט טראַכטן וועגן דעם שעהען גאַנצע און געהאָט בערג מיט טענות, איצטער האָט ער נישט געקאָנט אַרויסלייגן אַזאַ טענה אַפילו פאַר זיך אַליין.

„איך האָב ערשט נעכטן געהערט אַ סך גוטס וועגן דיר, וועגן דײַנע אויפטועכן אין סטודענטן־פּאַראיין. די בעכלערווונע האָט אונדז דערציילט".

„ברכה בעכלער? ווו האָסטו געטראָפן ברכה בעכלער?"

„זי קומט אַרײַן צו אונדז פון צײַט צו צײַט. זי אַרבעט טאַקע דאָ אין יתומים־הויז".

עס איז נישט קיין סך מער ווי אַ יאָר זינט זי איז געווען אַ נאָענטע חברטע. דאָס איז זיכער אויך וואָס פּינטשע האָט קעגן אים. פּינטשע איז חושד, אַז זינט ער איז געוואָרן אַ גרויסע שישקע האָט ער נישט קיין צײַט פאַר פרײַנד. ספּעציעל נישט פאַר די פרײַנד וואָס געדענקען אים ווי אַן אָרעם סטודענטל. ווער וועט אים גלייבן אַז ער האָט נישט געגנוג צײַט אַפילו פאַר מאַניען און אַלעקן?

עס איז געווען צו ענג אין פּינטשעס אָרעמען שטיבל מע זאָל דאָרט האָבן ווו אויסצובעטן פאַר אים אַ געלעגער, האָט בערעק אײַנגעזען, בפרט אַז דאָס איז נישט פאַר איין נאַכט. דאָס וועט גיכער מעגלעך זײַן אין דער קינדערהיים. ער קען דעם פאַרוואַלטער און עס ווײַזט זיך אַרויס אַז ער קען אויך איינע פון די דערציִערינס.

ווען ער איז אַרויסגעקומען פון פּינטשען האָט ער געטראָפן אין הויף אַ גרופּע קינדער, זיי האָבן אויפגעבויט אַ שניימענטש. ער וואָלט נישט דערקענט אין איינער פון די דערציִערינס וואָס איז געווען מיט זיי די בעכלערווונע, ווען נישט דאָס וואָס אַ רויטער לאָק האָט אַרויסגעשטאַרט פון אונטער איר געשטריקט היטל. זי האָט זיך דערפרייט מיט דער אומ־געריכטער באַגעגעניש און אַרײַן מיט אים אין איר צימער.

עס איז יאָ געווען די ברכה בעכלער וואָס ער האָט געקענט און עס איז נישט געווען זי. זי איז קיין מאָל נישט געווען דיק, אָבער אירע אברים זענען געווען מוסקולירט. איצט אַז זי האָט אַראָפּגענומען דעם מאַנטל

מיט די אַלע זאַכן וואָס זי האָט געטראָגן אונטער דעם מאַנטל איז געבליבן שטיין פאַר אים אַ דאַר מיידל מיט אַן אָפּגעצויגן פּנים. אירע באַוועגונגען פלעגן זײַן ענערגישע און האַסטיקע, ווי אירע רייד. איצט האָט זי גערעדט שטיל און פּאַמעלעך, אירע באַוועגונגען זענען געווען פלעגמאַטיש. זי פלעגט זײַן אַ רייצנדיק מיידל, אירע רויטע האָר האָבן געגעבן אַ געפיל אַז עס איז פײַער וואָס שפּאַרט זיך אַרויס פון איר לײַדנשאַפטלעכן גוף. איז טאַקע אַזוי געווען אַ מאָל, אָדער האָט זײַן פאַנטאַזיע זי אויסגעמאָלט מיט אַזוי פיל איבערטרײַבונג? ער פלעגט חלומען פון איר אַ סך מאָל אין די נעכט. ער האָט זי נישט געקאָנט פאַרגעסן אַפילו נאָך דעם ווי ער האָט זיך פאַרבונדן מיט מאַניען.

בערעק האָט געהאַט צוגעזאָגט מינדעלען און פינטשען ווידער צו קומען, ער האָט איצט געוווינט אין דעם זעלביקן הויף און זיך אויסבאַ־האַלטן פון זיי, ער איז כמעט נישט אַרויס פון דעם צימערל וואָס מע האָט אים צוגעטיילט אין דער קינדערהיים. דאָס צימערל איז געווען אַ טייל פון דער ביוראָ; עס קאָן זײַן אַז זיי האָבן אויסגעקוקט ער זאָל אַ ביסל אַרויסגיין כּדי זיי זאָלן קאָנען נוצן דעם צימער. אַלע פאַר טעג האָט מען געבראַכט מער קינדער פון דער פּראָווינץ, יעדעס מעגלעכע שטיקל פּלאַץ איז שוין געווען אַרומגעשטעלט מיט דרײַגאָרנדיקע היל־צערנע פּריטשעס. ער האָט געזאָגט אַז ער מײַדט אויס אַרויסצוגיין מחמת עס איז איצט בעסער פאַר אים נישט געזען צו ווערן. איז דאָס געווען די אמתע סיבה? ער האָט פּראָבירט שרײַבן — דאָס וואָס ברכה בעכלער האָט אים דערציילט דאַרף פאַרשריבן ווערן — עס זאָל בלײַבן לדורות. זי האָט עס דערציילט אין האַלבע ווערטער און האַלבע שלוכצן; איר נישט־דערזאָגן האָט דערציילט מער ווי אירע ווערטער.

ברכה האָט פאַרבראַכט איר וואַקאַציע אין גורוויטש ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. בערעק האָט שוין געוווּסט אַלץ וואָס איז געשען בײַם גירוש פון גורוויטש. ברכה האָט דערציילט וועגן אַ גרופּע פון פּליטים וואָס מע האָט שפּעטער נאָך אַ מאָל געטריבן פון סקערניעוויץ קיין וואַרשע, זי איז געווען צווישן זיי.

„די פּליטים האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין בית־מדרש. שטרוי איז געווען אויסגעשפּרייט אויף דער ערד, אויף דעם שטרוי האָט מען געגעסן, אויף דעם שטרוי איז מען געשלאָפן. עס איז געווען שמוציק, עמעץ פון די פּליטים איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס, מע האָט אים אָוועקגענומען אין שפּיטאָל. מע האָט פאַרברענט דאָס שטרוי, אָוועקגעפירט אַלעמען

אין באָד און אויסגעפּאַרעט די מלבושים און אויסגעפּאַרעט דאָס בית־מדרש. מע האָט געהאָפט אַז אויף דעם נײַעם ריינעם שטרוי וועט זײַן בעסער".

„צו מאָרגנס זענען געקומען דײַטשן, אַרויסגעיאָגט אַלע פּליטים פון בית־מדרש און אַרויפגעטריבן אויף משא־וואַגנס וואָס האָבן געוואַרט דרויסן".

„צווישן אונדז איז געווען אַ פרוי מיט אַן עופּהלע אויף איר האַנט, עס איז איר אָנגעקומען שווער דאָס אַרויפקריכן אויף דעם וואָגן. אַן עס־עס־מאַן איז צוגעקומען און גענומען פון איר דאָס קינד, די פרוי איז אַרויף אויפן וואָגן און אויסגעשטרעקט די הענט צו נעמען איר קינד, דער דײַטש האָט אַ בייזן לאַך געטאָן און אַראָפּגעוואָרפן ס'קינד אויף דער ערד. די מוטער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן און געוואָען לעבן איר קינד נאָך איידער דאָס קינד האָט זיך צעשריגן. אַ זשאַנדאַר איז צוגעלאָפן און אויסגעשטרעקט צון איר די לופּע פון זײַן ביקס, די פרוי האָט ווייטער געדריקט איר עופּהלע צון איר ברוסט".

„דער עס־עס־מאַן איז געוואָרן מלא־רציחה און געוואָרנט אַז מיט דעם קינד וועט ער זי נישט אַרויפלאָזן אויף דעם וואָגן, די מאַמע האָט ווײַטער געטוליעט צו זיך איר עופּהלע. דער דײַטש האָט אַרויסגעצויגן זײַן רעוואָלווער און אויסגעשאָסן אין דער לופט ווי אַ וואָרענונג. די פרוי האָט ווײַטער געוויגט דאָס קינד אין אירע אָרעמס".

„אַ פּוילישער פּאָליציאַנט איז צוגעלאָפן, אַרויסגעריסן דאָס קינד פון דער מוטערס אָרעמס און עס צוריקגעלייגט אויף דער ערד ווו עס איז פריִער געלעגן. דאָס קינד האָט געיאָמערט אַז עס האָט געשניטן בײַם האַרץ. אַלע האָבן געמיינט אַז דער עס־עס־מאַן וועט שיסן אין דעם קינד אָבער ער האָט גאָר אויסגעדרייט זײַן רעוואָלווער צום וואָגן און געוואָרנט די מוטער: „אויב דו גייסט נישט ׳זאָפאָרט׳ צוריק צו דײַן וואָגן וועלן אַלע אויף דעם וואָגן דערשאָסן ווערן ווי די הינט". די פרוי האָט זיך אַפילו נישט אומגעקערט צון אים, זי איז געשטאַנען אויפן אָרט און איר גאַנצער גוף האָט זיך געשטרעקט צון איר קינד".

„עטלעכע זשאַנדאַרן מיט מאַשינגביקסן זענען צוגעקומען און אויסגעשטרעקט די לופעס צום וואָגן, דער עס־עס־מאַן האָט גענומען ציילן: „איינס, צוויי..."

„די פרוי האָט זיך אויסגעדרייט און גענומען צוגיין צום וואָגן. הענט האָבן זיך אויסגעשטרעקט און זי אַרויפגעשלעפּט. די וואָגנס זענען אָפּגע־

פאָרן, עס האָט זיי באַגלייט דאָס געוויין פון דעם איבערגעלאָזענעם קינד.

„ווען דער וואָגן איז אָנגעקומען קיין ווארשע איז די מוטער מער נישט געווען ביים זינען".

ברכה איז אַנטשוויגן געוואָרן, אויך בערעקן האָט גענומען א ווײַלע ביז ער האָט געקאָנט עפענען דאָס מויל: „דער דיסעלדאָרפער מערדער איז נישט געווען אַזוי אַכזריותדיק ווי דער עס־עס־מאַן. אָבער מער ווי דאָס האַרץ פּלאַצט פון כּעס אויף דעם דײַטשן רוצח, ווערט עס פול מיט באַוווּנדערונג פאַר דעם גרויסן אַקט פון קידוש־השם מצד דער מוטער", האָט בערעק זי פּראָבירט טרייסטן.

„ווו איז דאָ דער קידוש־השם? אפשר אויב מיר וואָלטן אַלע אַראָפּ פון וואָגן געהרגעט צו ווערן מיט דעם קינד. אָבער מענטשן ווילן לעבן. איך בין געווען אויפן וואָגן צוזאַמען מיט מײַן טאַטע־מאַמע און מיט מײַן ייִנגסט שוועסטערל. בין איך געווען גרייט מיר זאָלן אַלע אומקומען? פאַר וואָס בין איך נישט אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן?" האָט ברכה געקלאָגט.

„הײַנט איז קידוש־השם דאָס ראַטעווען ייִדישע לעבנס, נישט דאָס אומברענגען. ווען איך האָב געזאָגט 'קידוש־השם' האָב איך גערעדט וועגן דער מאַמען. זי האָט געוואָלט שטאַרבן אַבי קאָנען בלײַבן מיט איר קינד ביז דער לעצטער רגע. אָבער ווען אין קאָן זענען געשטאַנען די לעבנס פון די אַנדערע, האָט זי זיך מקריב געווען. געוואַלד, ווי האָט זי גאָר געקאָנט טראַכטן אין אַזאַ מאָמענט? ווי האָט זי גענומען די קלאָרקייט פון געדאַנק צו וועגן און מעסטן און קומען צון אַ באַשלוס? גיב אַ טראַכט, ברכה, דער ווייטיק פון איבערלאָזן דאָס קינד איז געווען אַזוי ברענענדיק אַז עס האָט צום סוף פאַרברענט איר מוח. נישט־געקוקט אויף דעם האָט זי געהאַט די גבורה אָוועקצוגיין פון איר קינד, כּדי נישט אײַנצושטעלן די לעבנס פון די אַנדערע ייִדן אויפן וואָגן. ברכה טײַערע, די טרערן וואָס גיסן זיך פון מײַנע אויגן זענען נישט נאָר פון ווייטיק. אין דעם נײַעם 'על נהרות' וואָס מע וועט שרײַבן נאָך דער איצטיקער וויסטער מלחמה וועט מען באַזינגען אַ נײַע העלדין, די פרוי וואָס האָט באַוויזן אַזאַ אויסטערלישן כּוח און געבראַכט אַזאַ מוראדיקן קרבן פאַר אירע ברידער".

אויך פון ברכהס אויגן האָבן זיך געגאָסן די טרערן. בערעק האָט צוגעטוליעט איר קאָפּ צו זײַן ברוסט און צערטלעך געגלעט אירע רויטע

לאָקן. אַז איר שלוכצן האָט זיך באַרויִקט האָט ער גענומען איר פּנים אין זײַנע הענט און אויסגעקושט די טרערן פון אירע געשוואָלענע אויגן.

„וויפל יאָרן און וויפל וועלט־אונטערגאַנגען זענען אַוועק זינט איך בין געווען שטיל פאַרליבט אין דיר, בערעק?"

„אוי, בין איך געווען בלינד! איך האָב עס אַפילו נישט געאָנט. איך האָב אויך אָפט געטראַכט וועגן דיר, אָבער אַפילו זיך נישט אָנגענומען מיט גענוג מוט דיך צו דוצן".

„דעמאָלט האָב איך זיך נישט געקאָנט אָננעמען מיט גענוג מוט עס דיר צו זאָגן, איצט ביסטו שוין אַ טאַטע, און עס האָט זיך מיר אַרויס־געגליטשט פון מויל אַ ווידוי, ווי בײַ אַ מענטש וואָס שטייט שוין בײַם ראַנד פון — — —"

בערעק האָט איר פאַרשטעלט דאָס מויל. „דו רעדסט ווי דו וואָלטסט שוין געווען הונדערט יאָר אַלט".

„איך האָב געזען מער ווי אַנדערע אין הונדערט יאָר. איך קאָן מער נישט טראַכטן וועגן מײַן מאָרגן, ווער ווייסט וואָס פאַר רציחות עס דער־וואַרטן אונדז אײדער זיי וועלן אײַננעמען אַ מפּלה".

„זיי וועלן אײַננעמען אַ מפּלה גאָר אין גיכן. ווי נאָר עס וועט קומען דער פרילינג וועלן ענגלאַנד און פראַנקרײַך אָנהייבן אַן אָפענסיווע, עס קאָן נישט לאַנג געדויערן".

„אין גורוויטש האָט אַ שכן, אַ פאָלקסדײַטש, מיר אָפּגעלאָזט אַ סוד אַז וואָס נאָר עס זאָל געשען אויף די פראָנטן, די ייִדן דערוואַרט נישט קיין גוטס".

„און דו רעדסט נאָך די ווערטער פון אַ נאַרישן אָדער רשעותדיקן פאָלקסדײַטש? ווו איז די קעמפּעריִשע ברכה בעכלער פון 'אחוה'?"

„יענע ברכה איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ וואָגן מיט פּליטים אין סקער־ניעוויץ און צעמורשט געוואָרן אונטער די רעדער פון וואָגן".

„גיטע, ברכה, מיר מוזן זײַן שטאַרק".

אויפצוהײַטערן ברכהן, און אפשר אויך אויפצוהײַטערן זיך אַליין, האָט בערעק זיך דערמאָנט עפּיזאָדן פון די סטודענטן־יאָרן. ברכה איז אַרויס פון זײַן צימערל ווען עס האָט שוין געטאָגט. נישט־געקוקט אויף דעם וואָס זי איז נישט געשלאָפן איז איר גאַנג געווען מונטערער ווי ווען זי איז נעכטן אַרײַן אין זײַן צימער.

בערעק איז געשלאָפן ביז האַלבן טאָג און אַרויס פון זײַן צימערל אַן אויסגערוטער. ער האָט געוואָלט אַרויסנעמען ברכהן עסן מיטיק אין אַ פּוילישן רעסטאָראַן אויף טאַרגאָווע־גאַס, אָבער זי האָט געוואָלט עסן

מיט די קינדער. בערעק האָט זיך אויך אָוועקגעזעצט עסן מיט זיי, ס'איז געווען אַן אָרעמע מאָלצייַט, נישט־געקוקט אויף דעם וואָס דער „זשיטאָס" האָט אונטערגעשטיצט די היים. דאָס ברויט וואָס מע האָט געגעבן אויף די „באָנעס", די אָפיציעלע ברויט־קאָרטעס, איז געווען נישט גערעכטיק און נישט באַטעמט. די זופּ איז געווען געשמאָלצן מיט אַ ביסל אייל, אָבער עס האָט געמוזט זייַן דער שוואַרצער שטינקענדיקער אייל וואָס מע גיט אין דעם ראַציאָנירטן פאַרקויף אויף די באָנעס, די זופּ האָט געהאַט אַ שלעכטן ריח.

„קינדער וואָס האַלטן ערשט אין וואַקסן מוזן האָבן אַ בעסערע דערנערונג", האָט בערעק געזאָגט דעם פאַרוואַלטער, ווי יענער וואָלט עס נישט אַליין געוווסט. בערעק האָט זיך אָפּגערעדט גיין מיט אים אין „זשיטאָס" איבעררעדן דעם ענין מיט ד"ר רינגעל. ער האָט דערווייַל געגעבן דעם פאַרוואַלטער עטלעכע הונדערט זלאָטעס וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך. אין איינעם פון די קאָרידאָרן האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין ברכהן. „קום אַרייַן אין אָוונט", האָט ער איר געזאָגט. זי האָט געשמייכלט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

ברכה איז אַרייַנגעקומען צו בערעקן נאָך דעם ווי די קינדער זענען געגאַנגען שלאָפן. איז זי געווען אַזוי בלאַס פון נישט שלאָפן, אָדער האָט די גאַזליכט זי געמאַכט אויסזען אַזוי בלאַס. אַז מע האָט אין דעם קליינעם ביוראָ־צימערל אַרייַנגעשטעלט אַ בעט וו בערעק איז געשלאָפן האָט מען געדאַרפט אַרויסנעמען אַנדערע זאַכן. עס איז געבליבן נאָר איין בענקל וואָס האָט אַ ביסל געהונקען. נעכטן איז ברכה געזעסן אויפן בענקל און עס האָט זיך אַלע מאָל אַ וואַקל געטאָן, הייַנט האָט בערעק אַוועקגעזעצט ברכהן אויפן ווייכן בעט און ער האָט זיך געזעצט אויפן בענקל. עס איז געווען אַ שמאָל, אייַזערן בעטל, ברכה האָט זיך אַרויפגע־רוקט העכער און אָנגעלענט דעם קאָפּ אין דער וואַנט. זי האָט, ווייַזט אויס, נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו כאַפּן אַ דרימל בייַ טאָג, אירע אויגן האָבן זיך געקלעפּט. בערעק האָט גערעדט, זי האָט פון צייַט צו צייַט געענטפערט מיט אַן איינציק וואָרט. זי האָט געטראָגן אַ וואָלענעם סוועטער אָבער אַלע מאָל אַ ציטער געטאָן. איז עס פון נישט שלאָפן, אָדער ווייַל בייַ נאַכט גיט מען ווייניקער הייצונג?

„כ'מוז שוין גיין", האָט ברכה געזאָגט און נישט געקאָנט אויפרייַסן די אויגן. בערעק האָט אונטערגעהויבן אירע פיס אויפן בעט אַרויף, אַראָפּ־גענומען אירע שיך און זי איבערגעדעקט מיט דער דעק. „מוטשע זיך נישט. שליס די אויגן אויף אַ צען מינוט און דו וועסט זיך פילן אָפּגע־

פרישט״. זי האָט געוואָלט זאָגן: „ניין, כ׳וועל שוין גיין״. אָבער זי איז איינגעשלאָפן איידער זי האָט עס אַרויסגעזאָגט. בערעק איז נאָך לאַנג געזעסן אויף דעם הינקענדיקן בענקל ביז ער האָט איינגעדרימלט זיצנדיק, און דאָס בענקל האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. ער האָט זיך צוגעלייגט אויף דעם ראַנד פון בעטל נאָר פאַר אַ ווײַלע, ער האָט אַפילו נישט אויסגעלאָשן די ליכט.

ווען בערעק האָט זיך איבערגעוועקט איז ער געווען איבערגעדעקט מיט דער שווערער דעק. די ליכט האָט נאָך אַלץ געשטאָכן די אויגן. ער האָט געפילט דאָס אײַזן פון דעם בעטראַנד דורכן שעניק, נישט געווען צו פיל פּלאַץ אויף דעם שמאָלן, אײַזערנעם בעטל. ער האָט געהאַט צו פיל מלבושים אויף זיך און עס איז אים געווען צו הייס אונטער דער דעק פון פּעדערן. ער וואָלט באַדאַרפט כאָטש אַראָפּציִען דעם פּולאָווער, אָבער ער האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן נישט איבערצוּוועקן ברכהן. כּדי אָוועקצורוקן זיך פון דעם בעטראַנד וואָס האָט זיך אײַנגעשניטן אין זײַן רוקן, האָט ער פּראָבירט זיך אויסדרייען אויף אַ זײַט. ער האָט זיך אויסגעדרייט צון איר. דערוואָרעמט פון שלאָף האָט זי אויסגעזען ווי אַ מאָל, ווען זי האָט זיך געהיצט אין אַ דעבאַטע אין סטודענטן־פאַראיין. עס האָט איצט געשלאָגן אַ היץ פון אירע רויטע האָר, פון איר ליכטיקער הויט, אַפילו פון אירע זומערשפּרענקעלעך. דאָס מויל איז געווען אַ ביסל אָפן, די ווײַסע ציין האָבן געמאַכט די פולע ליפּן אויסזען נאָך רויטער. אַ היץ האָט געשלאָגן פון איר דורך דעם דיקן סוועטער וואָס זי האָט געטראָגן. ער האָט געזען אַ פײַכטקייט טרעט אַרויס אויף איר שטערן; זי איז צו פיל אָנגעפּעלצט אונטער אַזאַ שווערער דעק. זי וועט זיך פאַרקילן אויב ער וועט זי איצטער אָפּדעקן. ער האָט פּראָבירט אונטער דער דעק צעקנעפּלען איר סוועטער. ער האָט עס געטאָן מיט אָפּגעהיטקייט, זי נישט איבערצוּוועקן.

די אָפּלען האָבן זיך גענומען באַוועגן אונטער אירע געשלאָסענע אויגן־לעפּלעך אָבער זי האָט די אויגן נישט געעפנט. ער האָט אויפגעהערט זיך פאַרען מיט די קנעפּלעך אָבער נישט אָוועקגענומען די האַנט. איר לײַב האָט געגליט אַדורך אירע מלבושים און אים גערייצט. ער האָט זיך ווידער גענומען צו די קנעפּלעך פון איר סוועטער, זי האָט אַ שעפּשט געטאָן: „לעש אויס די ליכט״.

ליפּן צו ליפּן, לײַב צו לײַב, און נישט אַ וואָרט צווישן זיי.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ברכה איז אַרויס פון בעט נאָך איידער עס האָט גענומען טאָגן. אין

אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ שיסל און אַ קרוג. זי האָט אַ בייג געטאָן דעם קרוג, געזען אַז ער איז פול מיט וואַסער, האָט זי געבעטן בערעקן ער זאָל אויפשטיין און אַרויסגיין אויף אַ פּאָר מינוט אין קאָרידאָר.

„פאַר וואָס האָסטו מיר נישט געזאָגט אַז דו ביסט נאָך אומשולדיק?" האָט ער געפרעגט.

„דו ביסט מיר גאָר נישט שולדיק, בערעק. איך האָב עס באַגערט פּונקט ווי דו".

בערעק איז צוגעגאַנגען צום איר, אַ גלעט געטאָן אירע האָר, און געעפנט דאָס מויל עפּעס צו זאָגן. נאָך איידער עס איז אַרויסגעקומען אַ וואָרט האָט זי געזאָגט: „דו האָסט אַ ווײַב און אַ קינד, דו ביסט מיר גאָר נישט שולדיק".

בערעק האָט גערעדט מיט מאַניען אויפן טעלעפאָן, אָבער עס איז געווען אָפּגערעדט צווישן זיי אַז מאַניע זאָל נישט קומען צום אים. פון דעסט וועגן איז מאַניע געקומען נאָך איידער עס איז פאַרבײַ אַ וואָך. ס'איז געווען אַ שיינער טאָג און די דערציִערינס האָבן געהאַט אַרויסגעפירט די קינדער אויף אַ שפּאַציר. אַ פאַרשלאָפענע שטילקייט איז געלעגן איבער דעם גאַנצן בנין און בערעק האָט אויך אויסגעזען פאַרשלאָפן. ער איז געווען נערוועז און אומגעדולדיק צו מאַניען. וואָס איז דער וווּנדער, האָט מאַניע געטראַכט, אַ מענטש וואָס מוז זיך באַהאַלטן קאָן נישט זײַן רויִק און טאָקטפּול און צערטלעך. ער האָט רויטע אויגן, קאָן אוודאי נישט שלאָפן בײַ נאַכט. „איך גיי שוין, לייג זיך צו כאַפּן אַ דרימל. אַז קאָנסט סײַ ווי גאָרנישט טאָן, מעגסטו זיך צולייגן אויך בײַ טאָג".

„וואָס עפּעס זיך צולייגן? כ'שלאָף בײַ נאַכט און דאָס איז גענוג".

„דו זעסט אויס פאַרשלאָפן, האָסט רויטע אויגן".

„כ'בין נישט פאַרשלאָפן און כ'האָב נישט קיין רויטע אויגן".

„לייג זיך צו אויף אַ האַלבער שעה, וועסטו זיך פילן בעסער".

„וואָס דאַרף איך זיך פילן בעסער? כ'פיל זיך אויסגעצייכנט. וואָס בין איך, אַלעק וואָס דו נייטסט אים זיך צו לייגן שלאָפן אין מיטן טאָג?"

„ווער נייט דיך? איך נייט דיך נישט, נאָר דו זעסט אויס — —

כ'טאָר נישט זאָגן אַז דו זעסט אויס מיד און פאַרשלאָפן? האָסט מיר אַפילו נישט געזאָגט צי דו בענקסט נאָך מיר, האָסט זיך אַפילו נישט געפרעגט אויף אַלעקן. מיר דאַכט זיך, אַז דער באָסיג האָט שוין פאַרגעסן אַז אַ בערעק עפּשטיין עקסיסטירט, און דו ביסט נאָך אַלץ אַזוי דערשראָקן".

דאָס זאָגן אַז ער איז דערשראָקן האָט ווידער בערעקן געאַרט און צערייצט. ער האָט שוין געוואָלט זיך אָפּבייזערן אַז ער איז בכלל נישט דערשראָקן, אַז ווען נישט זי איז דערשראָקן, וואָלט ער בכלל נישט געלאָפן זוכן אַ באַהעלטעניש און עס וואָלט נישט געקומען צו די אַלע צרות. ער האָט זיך אָבער געכאַפּט אַז צערייצט איז ער נישט פון דעם וואָס מאַניע זאָגט, נאָר פון דעם וואָס ער פילט זיך שולדיק קעגן איר, אַז מאַניע ווייסט גאָר נישט אַז עס איז געקומען צו צרות... זײַן קול איז געוואָרן ווייך און זײַנע אויגן פײַכט: „דו ווייסט וואָס, מאַניושע? דו ביסט גערעכט. דער נאָסיג האָט שוין אוודאי פאַרגעסן אין מיר, און — — איך גיי אַהיים מיט דיר".

וואָס עס איז געשען צווישן אים און ברכהן האָט קיינער פון זיי נישט געפּלאַנט און אפשר אויך נישט געוואָלט. ברכה האָט איבערגעלעבט אַ שאָק וואָס האָט אויסגעלאָשן אין איר דעם ווילן צו לעבן. איר יוגנט האָט זיך אויסגעלאָשן ווען — — — ווי האָט זי עס געזאָגט: „יענע ברכה בעכלער איז אַראָפּגעפאַלן פון דעם וואָגן און צעמורשט געוואָרן אונטער די רעדער". ער איז דאָרט נישט געווען, ער האָט עס נאָר געהערט פון איר מויל און האָט זיך אויך געפילט צעבראָכן. ער וואָלט קיין מאָל נישט געגלייבט אַז אַזאַ טרויער קאָן דערפירן צו דעם וואָס עס האָט דערפירט. עס מוז זײַן, אַז אויב אַ מענטש קאָן נישט אַרויסרײַסן זיך און אַנטלויפן פון זײַן טרויער, געשעט דאָס וואָס איז געשען צו דער מאַמע פון יענעם קינד. די גאַנצע מענטשלעכע וויסיקייט הענגט נאָר אויף אַ שוואַכן פאָדעם, און אַז דער פאָדעם פּלאַצט — —

דער צוזאַמענטרעף מיט ברכהן — ער ווייסט נישט ווי עס צו פאַרשטיין. קיינער האָט עס נישט פּלאַנירט. ער האָט זי נישט געזען מער ווי אַ יאָר און זעלטן געטראַכט וועגן איר, אָבער ווען זיי זענען זיך צוזאַמענגעקומען האָט ער געהאַט אַ געפיל ווי ער וואָלט געווען אַ דורשטיקע פלאַנץ וואָס האָט נאָך אַ לאַנגער טרוקעניש באַקומען אַ טראָפּן רעגן.

אָבער ער האָט נישט אויפגעהערט ליב האָבן מאַניען. ביידע, ער און ברכה, האָבן געוווּסט אַז וואָס עס קומט פאָר צווישן זיי איז פון פאַרויס פאַרמישפּט, אַז — — — אפשר איז גוט וואָס מאַניע איז געקומען. דאָס איבעררײַסן וואָלט געוואָרן שווערער און שווערער, דאָס געזעגענען זיך — — ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם געזעגענען זיך.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

בערעק האָט שפּעטער אָנגעקלונגען ברכהן. זי האָט שוין געוווסט אַז זײַן װײַב איז געקומען נאָך אים. „דאָס קינד איז נישט געזונט", האָט ער געזאָגט אַ ליגן, און אַליין נישט געוווסט צוליב וואָס. „דאָווידזעניאַ, צום ווידערזען", האָט זי געזאָגט אויף פּויליש. ער האָט געענטפערט „דאָווידזעניאַ" און נישט געוווסט צי דאָס איז נאָר דאָס געוויינלעכע סטערעאָטיפּישע פּוילישע געזעגן־וואָרט אָדער עס מיינט טאַקע: צום ווידער זען זיך...

## קאַפּיטל צוועלף

# המן

א.

אין פּוילן איז נישט געווען קיין טיסאָ וואָס האָט, ווי דאָס סלאָוואַקישע גלחל, געהאָלפן היטלערן צעטיילן טשעכאָסלאָוואַקײַ. עס איז אויך נישט געווען קיין האַכאַ וואָס האָט ווי דער טשעכישער פּרעזידענט מיטגעאַרבעט מיט די דײַטשן אונטער צוואַנג. אָבער אין דער פּוילישער פּאָליציי וואָס האָט געדינט דעם דײַטשן אָקופּאַנט זענען געבליבן דער רוב פון די פּאַרמלחמהדיקע פּאָליציאַנטן. זיי האָבן נאָר אַראָפּגענומען די פּוילישע אָדלערס און געבליבן בײַ די זעלביקע גראַנאַטענע מונדירן און היטלען. די גזירות קעגן יידן זיי אויסגעפירט מיט גרויס אײַפער. אין דער געגנט פון נאַלעווקעס האָט זיך אַרומגעדרייט אַ פּאָליציאַנט וואָס די יידן האָבן אים גערופן „המן". ער איז געווען די שרעק פון אַלע גאַסן־הענדלערס, און ווער איז הײַנט נישט אַ גאַסן־הענדלער?

ווו צו פאַרדינען אויף ברויט איז נישט געווען, האָט מען איינציק־ווײַז אויספאַרקויפט וואָס עס איז געבליבן נאָך די באָמבאַרדירונגען. מען איז געשטאַנען אין גאַס מיט אַ ביסל אייגענע בעבעכעס, אָדער געגאַנגען איבער די הויפן אײַנקויפן אַלערליי חפצים און דערנאָך זיי אַרויסגעטראָגן אין גאַס צו פאַרקויפן. דאָס איז געווען דער איינציקער מיסחר וואָס איז נאָך געבליבן אין יידישע הענט, דער איינציקער האַנדל אָן דײַטשע קאָמיסאַרן. אַ האַנדל צו וועלכן אפילו אַ פּליט פון דער פּראָווינץ, האָט זיך געקאָנט דערשלאָגן, אויב ער איז געבליבן בײַ אַ פּאָר זלאָטעס אײַנ־

צוקויפן סחורה. אָבער אויך דער מיסחר איז געווען נישט־לעגאַל, גאַסן־האַנדל איז פֿאַרבאָטן און דער פּוילישער פּאָליציאַנט המן איז געווען זייער אייפֿערדיק וועגן דעם. אַז מע האָט געהערט אַז המן גייט, איז געוואָרן אַ געלויף און אַ מהומה. וואָס עס האָט געהאַט פֿאַר אים אַ ווערט האָט ער צוגענומען, וואָס עס איז אים נישט כּדאַי געווען צו נעמען האָט ער צעבראָכן, צעריסן, צעטרעטן ביז עס איז מער נישט געבליבן וואָס אויפֿצוהייבן. ער האָט געקענט די סוחרים פֿון נאַלעווקע פֿון פֿאַר דער מלחמה און אַלע מאָל געבראַכט דײַטשן אויסצורויבן אַן אַנדער ייִדיש געשעפֿט.

זונטיק דעם 12טן נאָוועמבער האָבן אויף נאַלעווקעס זיך באַוויזן צוויי האַלב־שיכּורע דײַטשן מיט זייערע פּוילישע מיידלעך. המן האָט סאַלוטירט ווען די דײַטשן מיט זייערע באַגלייטערינס זענען אים פֿאַר־בײַגעגאַנגען. די ייִדן אין גאַס האָבן געזען ווי איינע פֿון די מיידן איז צוריקגעגאַנגען צו דעם פּוילישן פּאָליציאַנט און זיך געסודעט מיט אים. זי האָט זיך צעכיכיקעט אויפֿן קול פֿון דעם וואָס המן האָט איר געזאָגט און זי האָט געגעבן אַ צייכן די אַנדערע פֿון איר חברותא צוצוקומען; המן האָט זיי צוגעפֿירט צום טויער פֿון נאַלעווקע נומער 9. מע האָט געהערט אַז ער גיט זיי אינסטרוקציעס, זיי זענען אַרויף די טרעפּ צו דער דירה פֿון הויזווירט.

דער הויזווירט האָט, מן־הסתם, געזען דורכן פֿענצטער אַז דײַטשן קומען, אפֿשר האָט עמעץ באַוויזן אים צו וואָרענען דורכן טעלעפֿאָן; די דײַטשן און זייערע באַגלייטערינס האָבן געקלונגען אין טירגלאָק, געריסן די קליאַמקע, געקלאַפּט מיט די פּויסטן אין דער טיר און געקאָפּעט מיט די פֿיס. פֿון אינעווייניק איז נישט געקומען קיין ענטפֿער. די שיכּורים זענען מיד געוואָרן און אַראָפּ פֿון די טרעפּ.

עטלעכע מינוט שפּעטער איז המן צוריקגעקומען מיט זיי. „עפֿנט, פֿאַרשיווע ייִדן, ס'איז פּאָליציי!" האָט ער געשריגן הינטער דער פֿאַר־מאַכטער טיר. אַז מע האָט זיך נאָך אַלץ נישט אָנגערופֿן, האָט ער גע־וואָרנט: „אויב איר וועט נישט אַליין עפֿענען וועל איך ברעכן דעם סטרוזש און אויפֿברעכן די טיר. איך וועל ציילן ביז צען. איינס, צוויי, דריי..."

אַ שליסל האָט אַ קרעכץ געטאָן אין שלאָס, אַן עלטערע פֿרוי האָט געעפֿנט די טיר. „אַז פּאָליציי הייסט דאַרף מען עפֿענען, פּשאַקרעוו!" איז המן געווען אין כּעס, און אַ שטופּ געטאָן די פֿרוי. זי איז אומגעפֿאַלן.

די דײַטשן און זייערע באַגלייטערינס האָבן אַריבערגעשפּריַזט איבער איר אין שטוב אַרײַן. המן איז צוריק אַראָפּ אין גאַס.

די דײַטשן האָבן אַרײַנגעיאָגט דעם באַלעבאָס אין דער פּאָדערשטוב און אויך זײַן פרוי אַרײַנגעשלעפּט אַהין. אין דער קיך האָבן זיי געפונען אַ יונגע פרוי וואָס איז אַרײַנגעקומען נאָר טאָן אַ ביסל הויזאַרבעט; אויך זי איז אַרײַנגעטריבן געוואָרן צו זײַן מיט די באַלעבאַטים. די דײַטשן זענען געשטאַנען קעגן זיי מיט אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן. די שיקסעס זענען געלאָפן פון שטוב צו שטוב און געקליבן זייער רויב: אַ קאַראַקולע־נעם מאַנטל, אַ זילבערנעם חנוכה־לײַכטער, אַ שניר׳ל פּערל.

„די ייִדן איז גוט בײַ אונדז אין פּוילן", האָט איינע פון די מיידן געזאָגט ווען זי האָט פאַרענדיקט זוכן אין אַלע שטובן. איינער פון די דײַטשן האָט עס געוואָלט זען מיט די אייגענע אויגן. „זע מאָל דאָס שלאָפצימער", האָט ער גערופן דעם אַנדערן. „וויר קאָמען דאָס אָפּהאָלן, מיר וועלן קומען דאָס נעמען", האָט דער ערשטער געזאָגט.

„אָבער פריִער וועלן מיר עס אויספּראָבירן", האָט דער צווייטער פיר־געלייגט און געגומען שלעפּן זײַן מויד צו דער שלאָפשטוב.

דער ערשטער האָט זיך צעלאַכט און אײַנגעוויליקט. די מיידן האָבן געוואָלט מיטנעמען זייער רויב, אָבער די דײַטשן האָבן נאָר געדראָט די בעלי־בתים: „קיין זאַך זאָל נישט פעלן, אַז נישט וועט בלוט זיך גיסן".

אין דער פּאָדערשטוב האָט דער ייִד געמינטערט זײַן ווײַב מיט וואַ־לעריאַן־טראָפּנס און געדאַנקט גאָט אַז זײַן יונגע טאָכטער איז נישטאָ אין דער היים. פון שלאָפשטוב האָבן זיך געהערט ווילדע געלעכטערס.

„לויף אַרויס און שרײַ געוואַלד", האָט דאָס ווײַב זיך געבעטן.

„צו וועמען שרײַען, וועמען רופן צו הילף אַז די פּאָליציי האָט זיי געבראַכט? שווײַג שטיל, זיי קאָנען נאָך הערן. דײַן געזונט איז מיר וויכטיקער ווי אַלץ".

צו מאָרגנס, מאָנטיק, איז געפאַלן אַ שניי געמישט מיט רעגן. עס איז געווען קאַלט און פײַכט אין דעם בוידעמשטיבל אויף נאַלעווקע 9, ווו עס האָט געוווינט די שוואַרצע גיטעלע. פון דעם ברויט וואָס זי האָט נעכטן אָפּגענומען אויף די באַנעם איז שוין גאָר נישט געבליבן. אירע קינדער זענען געלעגן אין בעט איבערגעדעקט מיט צעריסענע קאָלדרעס און געוויינט, זיי זענען הונגעריק. גיטעלעס מאַן איז בעת דער באַלאַגע־רונג פון וואַרשע געווען אין דער לופט־שוץ־וואַך. גיטעלע און די קינדער זענען געווען אין לופט־שוץ־קעלער ווען ער איז אַרויף אויפן דאַך צו זײַן

פאָסטן, אַ באָמבע איז געפאַלן און עס איז גאָר נישט געבליבן, נישט פון דעם הויז און נישט פון דער וואַך אויפן דאַך. דער הויזווירט פון נאַלעווקע 9 האָט גיטעלען געגעבן דאָס שטיבל צו וווינען, פרײַנד האָבן איר געגעבן אַ פּאָר זלאָטעס, און זי האָט פאַר דעם געלט אײַנגעקויפט אַ ביסל סחורה צו האַנדלען אין גאַס.

אין דער פרי איז גיטעלע אַרויס אין גאַס מיט איר קראָם, אַ פלאַך הילצערן קעסטל אָנגעהאָנגען איבער איר נאַקן מיט אַ שטריק, און אָנ־געלענט אויף איר שוואַנגערדיקן בויך. אין דעם קעסטל איז געווען אויס־געסדרט אַן אָפּקלויב פון סוואָיסקע, אַליין־געמאַכטע פּאַפּיראָסן, און אויך אַ ביסל אמתע פאַבריק־געמאַכטע סחורה.

אין דער פרי האָט מען געכאַפּט צו צוואַנגסאַרבעט, האָט זיך קיינער נישט באַוויזן אין גאַס. שפּעטער האָט געבלאָזן אַ ווינט און געפאַלן אַ שניי; עס וואָלט אַ תּל געוואָרן פון איר ביסל סחורה אויב זי וואָלט געעפנט איר קעסטל. ערשט פאַר נאַכט האָט די זאַווערוכע זיך אײַנגע־שטילט און עס האָבן זיך באַוויזן מענטשן אין גאַס. זי זאָל כאָטש אײַנ־לייזן גענוג צו קאָנען קויפן אַ האַלב ברייטל.

זי האָט טאַקע פאַרהאַנדלט מיט אַ קונה ווען המן מיט נאָך אַ פּאָלי־ציאַנט זענען אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד. גיטעלע איז אַרײַנ־געלאָפן אין הויף, די פּאָליציאַנטן האָבן זי נאָכגעיאָגט און זי געכאַפּט. זיי האָבן גענומען רײַסן דאָס קעסטל פון איר האַלדז.

„פּאַניע ליבער, דאָס איז מײַן גאַנץ פאַרמעגן", האָט זי זיך געבעטן. „מײַן מאַן האָט געגעבן זײַן לעבן פאַר וואַרשע", האָט זי פּראָבירט אַפּעלירן צו די פּאָליציאַנטן און צו זייער פּוילישן פּאַטריאָטיזם. זיי האָבן ווײַטער געריסן פון איר דאָס קעסטל. די פּאַפּיראָסן זענען אַרויסגעפאַלן און זיך צעשפּרייט אויפן נאַסן שניי. המן האָט אויסגעבויגן דאָס קעסטל אַזוי אַז אַלע פּאַפּיראָסן זענען אַרויסגעפאַלן. גיטעלע האָט געיאָמערט און ביידע פּאָליציאַנטן האָבן געטראָטעוועט איבערן שניי און מיט די שטיוול צעריבן איר ביסל סחורה.

פּלוצלינג האָט המן זיך אַ וואַקל געטאָן און אַראָפּגעזונקען אין שניי. דער אַנדערער פּאָליציאַנט האָט זיך געראַנגלט מיט אַ יונגן בחור. ער האָט נאָך באַוויזן צו נוצן זײַן פּאָליציי־פײַפל צו רופן הילף, און אויך אַוועקגעפאַלן.

די ידיעה האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט צווישן די שכנים. דער יונגער פּינקוס זילבערבערג האָט דערשטאָכן המנען צום טויט און פאַרוווּנדיקט נאָך אַ פּאָליציאַנט. נאָך איידער עס האָט אָנגערוקט די פּאָליציי־שעה

זענען אַלע אָפּיצירעס פון נאַלעווקע 9 שוין געווען לײדיק. מען איז אַוועק איבערנעכטיקן בײַ קרובים. מע האָט מורא געהאַט פאַר נקמה.

די נאַכט איז אַריבער רויִק. דינסטיק האָבן די פּוילישע פּאָליציאַנטן געבראָכן די טריט פון די יידישע הענדלערס, צוגענומען אָדער צעשטערט יעדעס שטיקל סחורה, וואָס זיי האָבן באַוויזן צו כאַפּן, מע האָט זיך נישט געקאָנט אויסקויפן בײַ זיי אַפילו פאַר געלט. מיטוואָך האָבן שוין אויך ציווילע פּאָליאַקן געשלאָגן יידן אין די גאַסן. זשידעס האָבן דערשטאָכן אַ פּאָליאַק און דאָס טאָר נישט פאַרשוויגן ווערן. „גענוג די זשידעס הרגענען פּאָליאַקן אין די געביטן אָקופּירט פון זייערע באָלשעוויקעס, אָבער דאָ, אין סאַמע הארץ פון פּוילן? די זשידעס וועלן טײַער באַצאָלן דערפאַר!"

און די דײַטשן שווײַגן. איז עס אַ נײַע טאַקטיק? מיט צוויי וואָכן פריִער איז אַ פּוילישער כוליגאַן געפאַלן בעת אַן אָנפאַל אויף יידן אין דער געגנט פון די האַלעס. אויך אַ ייד פון דער זעלבשוץ איז געפאַלן. געוויינלעך זענען עטלעכע דײַטשן נאָכגעגאַנגען די פּאָגראָמשטשיקעס און זיי באַשיצט. גראָד בעתן צוזאַמענשטויס מיט דער זעלבשוץ האָט מען נישט געזען קיין דײַטש. איז עס אַ נײַע פּאָליטיק? לעצטע וואָך האָבן די דײַטשן אַפילו באַשיצט יידן פון פּוילישע אָנפאַלערס און אַנדערע דײַטשן האָבן עס פילמירט און גענומען פאָטאָגראַפיעס.

די נאַכט פון מיטוואָך אויף דאָנערשטיק זענען אַ סך אײַנוווינערס פון נאַלעווקע 9 שוין געשלאָפן אין זייערע היימען און געשלאָפן רויִק.

עס האָט שוין גענומען טאָגן ווען דער שלאָף איז איבערגעריסן געוואָרן פון אַ טומל אין הויף. „ראַוס, אַלע ראַוס!" האָבן זיך געהערט דײַטשע געשרייען. באַלד זענען זיי געלאָפן איבער די טרעפּ, אויפגעריסן טירן. „ראַוס, ראַוס, אַלע ראַוס!" האָבן זיי אַלעמען געיאָגט אַראָפּ אין הויף אַריין.

דרײַ און פופציק מענער האָבן זיך געפונען אין דעם הויז, די דײַטשן האָבן זיי אַלע אַוועקגעפירט אין פּאַוויאַק. אַ קאָנטריבוציע איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דעם יידנראַט: אַ מיליאָן זלאָטעס, אָדער די דרײַ און פופציק פון נאַלעווקע 9 וועלן געשאָסן ווערן.

די דײַטשן האָבן שוין צוויי מאָל געהאַט אויסגערויבט די קאַסע פון יידנראַט, אָבער דרײַ און פופציק יידישע לעבנס שטייען אין קאָן. מע ברענגט געלט צום יידן־עלטסטן. טייל גבירים דינגען זיך, אַנדערע דאַרף מען דראָען. פאַראַן אויך אַזעלכע וואָס גיבן מער ווי מע פאָדערט פון זיי. די קאָנטריבוציע איז געוואָרן אײַנגעצאָלט שבת נאָך מיטאָג.

זונטיק איז פֿאַרבײַ, די ערובניקעס זענען נישט אַהיימגעקומען. די דײַטשן וועלן זיך דען פֿאַרשטערן זייער זונטיק כּדי צו באַפֿרײַען ייִדן? מאָנטיק איז פֿאַרבײַ, די ווײַבער פֿון דער ערבניקעס האָבן זיך קוים דערוואַרט עס זאָל טאָג ווערן און זענען געלאָפֿן צום ייִדנראַט. דער ייִדן־עלטסטער, טשערניאַק, האָט זיי באַרויִקט: מיר האָבן אײַנגעצאָלט די פֿולע קאָנטריבוציע. זיי וועלן קומען, אַוודאי נאָך הײַנט.

טשערניאַק האָט נאָך גערעדט צו די ווײַבער ווען מע האָט אים געבראַכט די וואַרשעווער פּוילישע צײַטונג „דרײַ און פֿופֿציק ייִדן צעשאָסן פֿאַר אָקעגנשטעלן זיך דער מאַכט", האָט זיך געלייענט אַ קאָפּ איבער דרײַ שפּאַלטן.

אַ פֿרוי איז צוגעשפּרונגען צו טשערניאַקן מיט געבײַלטע פֿויסטן: „מערדער, עס האָט זיך אַזוי לאַנג געדונגען איבער דער קאָנטריבוציע ביז ס'איז געוואָרן צו שפּעט!"

די ווײַבער זענען ווילד געוואָרן פֿון כּעס. זיי האָבן צעריסן פּאַפּירן, צעבראָכן מעבל. עס האָט זיך נישט געלייגט אויפֿן שׂכל אַז די דײַטשן זאָלן האָבן דערשאָסן די ערובניקעס נאָך דעם ווי זיי האָבן באַקומען אַלץ וואָס זיי האָבן געפֿאָדערט.

ב.

זינט די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָט מען נישט געטרונקען אַזאַ גלאָז שמעקעדיקן טיי ווי מע האָט דאָ מכבד געווען. מנחם קירשבוים איז אַ בר־מזל. זײַן רחבותדיקע דירה אויף דער שיינער לעשנע־גאַס איז נישט געטראָפֿן געוואָרן פֿון קיין באָמבעס און נישט „באַזוכט געוואָרן" פֿון קיין דײַטשע אָדער פּוילישע רויבבאַנדעס. אַלץ איז דאָ געבליבן ווי פֿאַר דער מלחמה. די געסט זענען געזעסן אויף די פֿײַנע, נגידישע, געבעטע שטולן און וואָלטן אפֿשר הנאה געהאַט פֿון דעם כּיבוד. אָבער מען איז געקומען אַהער נישט סתּם פֿאַרברענגען אַן אָוונט, מען איז געקומען אָננעמען אַ גורלדיקן באַשלוס. עטלעכע גרופּעס פּלאַנען נקמה נעמען פֿאַר דעם מאָרד פֿון די דרײַ און פֿופֿציק ייִדן. עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען פֿאָרשטייערס פֿון אַלע פּאַרטייען צו באַהאַנדלען דעם ענין. דער „כּל ישׂראל ערבֿים זה לזה" איז קיין מאָל נישט געווען אַזוי גילטיק ווי הײַנט. מאָסן גירושים, מאָסן שחיטות. ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ צרת־רבים ס'וועט אַרויסקומען פֿון אַזאַ נקמה־אַקט. ווען אַ שיכּורער

דײַטש איז דערהרגעט געוואָרן אין אַ פּוילישן רעסטאָראַן אין וואַרשע האָבן די דײַטשן אויסגעקוילעט הונדערט פּאַליאַקן פון דעם שטעטל. קען מען זיך שוין פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ בלוטיקע נקמה זיי וועלן נעמען אין ייִדן.

„מע מוז זיי ווײַזן אַז ייִדיש בלוט איז נישט הפקר, אַז זיי וועלן טײַער באַצאָלן פאַר יעדן מאָרד פון אַ ייִד!" האָט זיך געהיצט אַ יונגער־מאַן.

„קאָנען מיר, מעגן מיר באַצאָלן דעם פּרײַז? מיר ווייסן דאָך אַז דאָס וועט ברענגען אַ נײַע בלוטבאָד", האָט געטענהט מיכאל ווײַד.

„זיי הרגענען סײַ ווי", האָט דער יונגער־מאַן געענטפערט.

עטלעכע האָבן גערעדט מיט אַ מאָל, דער באַלעבאָס האָט געקלימפּערט מיט אַ לעפעלע אין אַ ליידיק גלאָז און פּראָבירט אײַנשטילן דעם עולם: „אַז מיר וועלן רעדן אַלע מיט אַ מאָל וועט מען קיינעם נישט הערן. ד"ר עפּשטיין וויל עפּעס זאָגן".

מע האָט געוואָלט הערן וואָס עס האָט צו זאָגן דער אַמאָליקער פירער פון דעם סטודענטן־אָפּוואָר קעגן די פּוילישע אַנטיסעמיטן, און עס איז שטיל געוואָרן.

„מיר זענען אָפּגעריסן פון דער וועלט. ווער וועט אונדז קומען צו הילף, די פּאַליאַקן? עס איז גענוג די דײַטשן זאָלן זיי געבן אַ צייכן אַז מיר זענען הפקר און ייִדיש בלוט וועט זיך גיסן ווי וואַסער".

„די פּאַליאַקן האָבן עפּעס געלערנט פון דער שחיטה אין וואַרשע", האָט זיך אַרײַנגעמישט שכנא זאַגנע. „איצט ווייסן זיי אַז מיר זענען אַלע אין דער זעלביקער צרה און — —"

אַ יונגער־מאַן האָט אים איבערגעריסן: „איך בין געווען אין דײַטשער געפאַנגענשאַפט מיט פּאַליאַקן. צוזאַמען איז דער זעלביקער צרה? ניין. דאָס זײַן מיט זיי צוזאַמען איז געווען ווי אַ מכּה אויף אַ בלאָטער, אַ צרה אין אַ צרה. זיי האָבן צוגעראַבעוועט אונדזער עסן, צוגענומען אונדזערע מלבושים. איך האָב אײַנגעשטעלט דאָס לעבן און אַנטלאָפן, בעיקר צו אַנטלויפן פון אונדזערע 'ליבע' שכנים".

מיכאל ווײַד האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש: „מיר זענען נישט געקומען אַהער אויסרעדן אויף די פּאַליאַקן. מיר שטייען פאַר צוויי נישט־מעגלעכע ברירות: לאָזן די דײַטשן מאָרדן און שווײַגן, אָדער נעמען נקמה און ריזיקירן מיט זייער קעגן־נקמה".

חבר שכנא האָט עס נישט געזען אַזוי שוואַרץ: „די דײַטשן זענען פאַרוויקלט אין אַ שווערער מלחמה. זיי האָבן טאַקע נישט ליב די ייִדן,

אָבער זיי קאָנען זיך נישט דערלויבן צו פאַרוואַנדלען דריַי און אַ האַלב מיליאָן מענטשן אין שונאים אויף לעבן און טויט".

„טאָ וואָס לייגט איר פיר?" האָט עמעץ אויסגערופן פון אַנדערן עק צימער.

„ער וויל זיך איבערבעטן מיט די דייַטשן", האָט אַן אַנדערער זיך אָפּגעבייזערט.

קירשבוים האָט ווידער איַינגעשטילט דעם טומל: „איר האָט געהערט וואָס עס האָבן געטאָן יידישע מלחמה־געפאַנגענע נעבן ביאַלע־פּאָדלאַסקע? עטלעכע הונדערט יידישע געפאַנגענע האָבן זיך צוריקגעהאַלטן פון נקמה קעגן אַ פּאָר דייַטשן וואָס האָבן זיי געפּייַניקט, אויס מורא אַז די דייַטשן וועלן זיך נוקם זייַן אין די יידן אין די אַרומיקע שטעטלעך. מיר, די פּאַרטיי־פירערס, האָבן עפּעס צו לערנען פון די פּשוטע סאָלדאַטן".

„איך האָב אַ געגוויעם באַריכט וועגן דעם", האָט זיך אָנגערופן מוניע רינגעל. „מע זאָגט אַז זיי האָבן זיך אַראָפּגענומען אַ מוסר־השׂכּל פון טולטשין".

„וואָס איז געשען אין טולטשין?" האָט עמעץ געפרעגט.

„עס איז וויכטיק דאָס איבערצוחזרן", האָט זיך אָנגערופן בערעק עפּשטיין. „בעת די גזירות ת"ח־ות"ט האָבן פופצן הונדערט יידן זיך פאַרזאַמלט אין דער פעסטונג פון טולטשין, ווו זיי האָבן געשלאָסן אַ בונד מיט די זעקס הונדערט פּאָליאַקן צו פאַרטיידיקן די שטאָט קעגן די הייַדאַמאַקעס. די יידן האָבן געקעמפט אַ סך העלדישער ווי די מיליטעריש־געשולטע פּאָליאַקן. אָבער ווען דער קאָזאַקישער העטמאַן קריווינאָס האָט געלאָזט וויסן גראַף טשערטעווינסקי אַז ער וועט שוינען די פּאָליאַקן אויב זיי וועלן עפענען די טויערן פון דער פעסטונג פאַר די קאָזאַקן, האָבן די פּאָליאַקן פאַרראַטן די יידן.

„די יידישע קעמפערס האָבן זיך געוואָלט נוקם זייַן אין די פאַררעטערס. זייער מנהיג, ר' אַהרון, האָט זיי געוואָרנט: „מיר זענען בכּוח אויסצוהרגענען אַלע זעקס הונדערט פּאָליאַקן דאָ, אָבער די פּאָליאַקן איבער גאַנץ פּוילן וועלן זיך נוקם זייַן אין די יידן איבער גאַנץ פּוילן. די יידן פון טולטשין האָבן זיך צוגעהערט צו זייער מנהיג און איבערגעלאָזט אַ בייַשפּיל פאַר יענע געפאַנגענע נעבן ביאַלע, און אויך פאַר אונדז דאָ", האָט בערעק פאַרענדיקט.

„וועלן מיר עפּעס טאָן אויף אונדזער אייגענער אַחריות!" האָט בייז אויסגעשריגן דער פאָרשטייער פון בית"ר. „צוויי־דריַי בחורים מיט גראַנאַטן וועלן אַרייַנלויפן אין אַ דייַטשן פאַראַד. נישט וואַרפן די גראַ־

נאָטן פון ווײַטנס, נאָר אויפרײַסן זיך צוזאַמען מיט דעם שונא, תּמות נפשי עם פּלישתּים".

מוניע רינגעל איז געוואָרן אין כּעס: „אין אונדזער פאַל איז עס נישט תּמות נפשי, נאָר ימות עמי עם פּלישתּים. ווער ווייסט וויפל הונדערטער, אפשר טויזנטער, זיי וועלן דערהרגענען אין נקמה? ווער קאָן נעמען אויף זיך אַזאַ אחריות? דער שונא איז שטאַרק, זײַנע הענקערס אַכזריות־דיק. מיר טאָרן נישט אַרויסרופן זייער נקמה, מיר טאָרן זיי ניט געבן קיין תּירוץ". בפרט איצט ווען זיי זענען אַזוי האַפּערדיק ביי זיך און מיינען אַז זיי קאָנען אײַננעמען די וועלט".

„יבוא יומם", האָט געזאָגט בערעק עפּשטיין. „ווען ענגלאַנד און פראַנקרײַך וועלן זיך אַ נעם טאָן צו זיי, ווען עס וועלן שוין פאַלן שטיקער פון זייער 'זיגפריד־ליניע' און זיי וועלן דאַרפן יעדן סאָלדאַט אויפן פראָנט, דעמאָלט וועלן מיר נישט בלײַבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. מיר וועלן זיי באַצאָלן פאַר די שחיטות אין בערלין, ווין און פּראָג; מיר וועלן נעמען נקמה פאַר נאָלעווקע 9, און אויך פאַר וואַווער. נישט־געקוקט אויף די משוגענע אַנטיסעמיטן איז דאָס בלוט פון אונדזערע פּוילישע ברידער אונדז טײַער".

„איך בין צופרידן וואָס דאָ איז צו רייד געקומען וועגן גזירות־ת"ח־ות"ט. מיר האָבן אַ סך צו לערנען פון יענער צײַט. דעמאָלט איז געווען טעטיק דער ועד־ארבע־ארצות, דער ראַט פון די פיר פּראָווינצן און נאָך אַ דאַנק זייער מוט און אויסהאַלט־כּוח זענען שנעל צוריק אויפגעבויט געוואָרן די חרובֿע קהילות. זיי האָבן אויסגעלייזט געפאַנגענע, געזען אַז משפּחות זאָלן אַדאָפּטירן די יתומים פון די געהרגעטע. זיי האָבן גענומען אויף זיך אַרויפצולייגן שטײַערן אויף די וואָס זענען נישט געטראָפן געוואָרן פון אומגליק. ווען מע האָט געדאַרפט האָבן זיי די שטײַערן אײַנ־געמאָנט מיט גוואַלד".

דער לעצטער האָט גערעדט ד"ר רינגעל: „מיר מוזן אויפקלערן אונדזערע ייִדן אַז די מצוות שהזמן גרמה, די גרעסטע מיצווה הײַנט צו טאָג איז אָפּהיטן זיך דאָס לעבן. ווען דער שונא האָט געוואָלט אונדזערע עלטערן זאָלן לעבן אין שמד און פאַרלייקענונג זענען זיי געשטאָרבן אויף קידוש־השם. דער הײַנטיקער שונא וויל מיר זאָלן שטאַרבן, איז עס אַ קידוש־השם צו לעבן! מע פרעגט וואָס מיר זאָלן טאָן אין אָנבליק פון די דײַטשע רציחות? דער ענטפער איז: ראַטעווען לעבנס! טאַקע ווי עס האָט געטאָן דער ועד־אַרבע־האַרצות אין זײַן צײַט. די דײַטשן וואַרצלען אויס גאַנצע קהילות, מיר וועלן טיילן מיט די פּליטים אונדזערע דירות.

ס׳איז נישט קיין חרפּה צו בייגן דעם קאָפּ פאַר אַ דײַטש ווען עס איז אַן ענין פון לעבן און טויט. ס׳איז יאָ אַ חרפּה צו ווײַנען אין פינעף, זעקס צימערן ווען אַזוי פיל פּליטים האָבן נישט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. כ׳מיין נישט אײַך, חבר קירשבוים, אײַער דירה איז אונדזער אונטערער־דישע קהילה. מיר דאַרפן אַרײַנזעצן אונדזערע מענטשן אינעם ווינונג־אַמט בײַם יידנראַט, און מאַכן אָרט פאַר פּליטים אין גרויסע דירות מיט ווייניק מענטשן, אַפילו ווען דער בעל־הדירה איז נישט מסכּים, אַפילו ווען דער בעל־הדירה איז אַ גרויסער שישקע. מיר מוזן עפּעגען מער פאַלקסקיכן אַפילו אויב מיר זאָלן דאַרפן בייטן אונדזערע גבירים צו געבן געלט. די דרײַ און פופציק יידן פון נאַלעווקע 9 קאָנען מיר מער נישט צוריקברענגען צום לעבן, אָבער פאַראַן אַנדערע יידן אויף נאַלעווקע, אויף זאַמענהאָף, אויף גזשיבאָווסקע און אויף פּאַנסקע. עס זענען פאַראַן טויזנטער יידן וועמענס לעבנס זענען אָפּהענגיק פון אונדזער אַרבעט. די דײַטשן ווילן די יידן זאָלן אויסשטאַרבן; דערהאַלטן יידן בײַם לעבן איז סײַ אַ קאַמף קעגן די דײַטשע פּלענער, סײַ אַ קידוש־השם!״

## קאַפּיטל דרײַצן

# דער העפלעכער דײַטש

א.

ווען שלום עפּשטיין האָבן די גורוויטשער אין וואַרשע געזאָגט אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ זײַדן העמדל. זײַן זון, דאָס אָרעמע סטודענטל בערעק, איז אין וואַרשע גאָר געוואָרן אַ גביר און אַ גאַנצער שישקע. ווען אַלע גורוויטשער האָבן זיך נאָך געוואַלגערט אין די פּליטים־פּונקטן האָט שלום שוין געהאַט אַ דירה אויף נאַוואָליפּיע גאַס און אַ פּאָסטן אין אַ מאַגאַזין פון דער יידישער אַליינהילף.

ווען זײַן זון, בערעק, האָט אים אַרײַנגעפּירט אַרבעטן בײַ שפּײַז־פאַרטיילונג האָט שלום צוריק באַקומען זײַן אַמאָליקע רירעוודיקייט. צום אויסטיילן די שפּײַז האָט מען געדאַרפט פּאַפּירענע בײַטלען, האָט שלום

זיך גענומען צו זײַן אַלטן פאַך. ער האָט פּראָבירט צונויפשלעפּן די נייטיקע כּלים צו מאַכן טיטן. שלום איז געווען שטאָלץ מיט דעם פּראָדוקט פון זײַן וואַרשטאַט. עס האָט נישט געדויערט לאַנג און ער האָט אײַן אַ צעשטערטער דרוקערײַ געפונען אַ מאַשין צו שנײַדן פּאַפּיר. געבראַכט די מאַשין אין זײַן וואַרשטאַט, אָפּגערייניקט זי פון זשאַווער און זײַן טיטן־מאַכערײַ איז שוין געווען האַלב־מעכאַניזירט.

אָבער ס'איז שלומען נישט באַשערט נעווען לאַנג זיך צו פרייען מיט זײַן נײַעם וואַרשטאַט. עס האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס פּאַפּיר און קיין נײַע סחורות האָט מען נישט געקאָנט באַקומען. פאַר אַ ווײַלע האָט שלום געמאַכט טיטן פון אַלטע צײַטונגען. אָבער אויך דאָס האָט זיך אויסגע־לאָזט. יעדער וואָס איז געקומען אָפּנעמען זײַן חלק שפּײַז האָט געמוזט ברענגען מיט זיך אַ כּלי אין וואָס עס אַהיימצוטראָגן. עס איז טאַקע שלומען אַ שאָד געווען וואָס זײַן אימפּראָוויזירט טיטן־פאַבריקל שטייט ליידיק, אָבער ער איז צופרידן געווען וואָס בײַ די דײַטשן לאָזט זיך אַלץ אויס. עס פעלט זיי שוין פּאַפּיר, עס וועט פאַרבײַ נאָך אַ ביסל צײַט און עס וועלן זיי פעלן אויך קוילן פאַר זייערע ביקסן, בענזין פאַר זייערע טאַנקען. זייער גאַנצער וויסטער כּוח וועט אויסרינען פון זיך אַליין און די קריגמאַשין וועט בלײַבן שטיין פּונקט ווי עס איז שטיין געבליבן די שנײַדמאַשין וואָס ער האָט זיך ערשט אײַנגעשאַפט פאַר זײַן טיטן־פאַבריק.

נאָך דער אַרבעט איז שלום צוריקגעקומען אין זײַן הויף אויף נאַ־וואָליפּיע 57 מיט אַ ברייטן שמייכל אויף זײַן פּנים און דערציילט זײַנע שכנים די גוטע נײַעס! „אַלץ לאָזט זיך בײַ זיי אויס״.

אין הויף האָט מען געוווסט אַז שלום האָט אַ צוטריט צו די „הויכע פענצטער״. ווען מ'האָט אים געזען קומען האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום אים עטלעכע שכנים, „עפּעס געהערט? עפּעס נײַעס?״

אויפן וועג אַהיים האָט ער געהערט גאָר אַ וואַזשנע שטיקל נײַעס. ער האָט זיך אַרומגעקוקט צי עס הערט נישט אונטער אַן אומבאַקאַנטער און אָפּגעלאָזט אַ סוד: „עס גייען אַרום קלאַנגען אַז איטאַליע האָט זיך אָפּגעריסן פון דער אַקס און זיך פאַרבונדן מיט די אַליִיִרטע. מע זאָגט אַז מוסאָליני האָט שוין געשיקט היטלערן אַ מלחמה־דערקלערונג״.

„כ'האָב באַלד געוווּסט אַז אַזוי וועט עס זיך ענדיקן״, האָט זיך באַרימט ברוכל גראַפּשטיין. „איטאַליע איז אויך אין יענער מלחמה גע־גאַנגען מיט די אַליִיִרטע״.

„פון וואַנען ווייסט איר דאָס אַלץ?״ האָט געפרעגט אַ סקעפּטיקער.

„אַלע ווייסן אַז ער וויל פאַרכאַפּן די גאַנצע וועלט, וועט די גאַנצע וועלט זיך פאַראייניקן קעגן אים”, האָט שלום געגוצטשט לאָגיק.

„און אין בערלין פּגרן זיי פּאַר אַ שטיקל ברויט. קיין פלייש האָבן זיי שוין נישט געזען זינט 1933. זייער 'אויסלייזער' האָט זיי אויסגע־לייזט פון וואָל, פון לעדער, פון טיי, פון קאַווע, און אויך פון פּוטער”, האָט ברוכל דערציילט.

„פאַנטאַזיעס וואָס זענען נישט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי”, האָט געזאָגט דער לערער זילבערשטיין. „די נייַעסן זענען דווקא נישט גוט, גאָר נישט גוט”.

„וואָס פאַר אַן איוב־בשורות האָט איר שוין ווידער געבראַכט?”

„טאַקע איוב־בשורות. מע רעדט וועגן אַ דײַטשן דעקרעט מיט אַכט פּונקטן. דאָס ערגסטע פון די אַכט גזירות איז אַרויסצושיקן צוויי הונדערט טויזנט יידן פון וואַרשע”.

„ווי קאָן דאָס זײַן אמת אַז זיי האַלטן גאָר אין איין אַרײַנשיקן יידן קיין וואַרשע? פון אַלע שטעט וואָס זיי האָבן אַנעקסירט צום רײַך שיקן זיי די יידן אַהער”, האָט שלום זיך געבייזערט אויף זילבערשטיינען.

„אפשר האָט מען געזאָגט אַז מע וועט אַרײַנשיקן צוויי הונדערט טויזנט יידן קיין וואַרשע און איר האָט עס פאַרדרייט? דאָס לייגט זיך גיכער אויפן שׂכל”.

שלום האָט געהאַט אַ באַוויַיז: „די דײַטשן האָבן גאָר נישט אַזוי פיל שׂכל אויסצוטראַכטן אַזעלכע ווילדע גזירות. כ'האָב ערשט די וואָך געהערט וועגן לאָדזש. אַ ייד איז צוגעגאַנגען צו אַ דײַטש פרעגן צי ער מעג גיין אויף פּיעטערקאָווער גאַס, האָט דער דײַטש געענטפערט: 'ביז איצט האָט מען געמעגט, אָבער דו האָסט מיר געגעבן אַ גוטע אידעע'. און ס'איז טאַקע באַלד געוואָרן דערפון אַ גזירה”.

„דער היטלער איז אַ גרויסער בלאָפער. ער סטראַשעט מיט שראַגע און זעט שוין אַז ער איז אויף גרויסע צרות. מיט זײַנע טאַנקען קאָן ער זײַן אַ קנאַקער קעגן די פערדלעך פון דער פּוילישער קאַוואַלעריע. אָבער ענגלאַנד און פראַנקרײַך האָבן מער טאַנקען ווי ער. זיי האָבן קריגשיפן, באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען, און אַמעריקע וואַרט נאָר ביז די קאַמפן וועלן זיך אָנהייבן. נאָך אַ צוויי חדשים און איר וועט זען...” האָט שלום געזאָגט מיט אויטאָריטעט.

„ווי זעט מען שוין...”

„צי מוסאָליני וועט יאָ אַריבער צו די אַלייִרטע, צי נישט. הינטער די אַלייִרטע שטייט טאַקע אַמעריקע מיט איר רײַכטום. עץ ווייסט דען

וויפל אַ מלחמה קאָסט אָפּ אַ טאָג? עץ ווייסט דען וויפל אַזעלכע אַרמייען עסן אויף אַ טאָג?״ האָט שלום געפרעגט און געוואַרט אויף אַן ענטפער.

געענטפערט האָט אים גרינשטיין: „די אַליִירטע זאָלן נאָר נישט וואַרטן ביז די ווערמאַכט וועט אַליין אויפעסן דײַטשלאַנד. זיי מעגן ריזי־קירן אַ שאָס״.

„זיי שיסן, זיי שיסן. מע זאָגט אַז האַלב בערלין איז שוין צעשאָסן. צ׳האָט געהערט דורך די בילערס, די מעגאַפאָנען וואָס די דײַטשן האָבן אײַנמאָנטירט אויף די טעלעפאָן־סלופעס אין אַלע גאַסן, צ׳האָט געהערט יענע וואָך ווי היטלער שרײַט ער וויל שלום? און טשערטשיל זאָגט: לא מיט אַ ספּאָדיק״.

וועגן דעם האָט גרינשטיין ווידער געהאַט אַ וויץ: „דער רבונו־של־עולם האָט אַראָפּגעשיקט אַ מלאך אויף אַן אינספּעקציע זען וואָס עס טוט זיך אויף דער ערד. דער מלאך איז צוריקגעקומען אין הימל אין גאַנצן צעמישט. ער איז געווען אין בערלין, דאָרט האַלט היטלער אין איין שרײַען אַז ער וויל שלום און מאַכט מלחמה. ער איז געווען אין לאָנדאָן, האַלט טשעמבערלען אין איין שרײַען אַז ער וויל מלחמה און הייבט נישט אויף קיין האַנט. ער איז געווען בײַ די ייִדן אין וואַרשע. עס איז זיי ביטער ווי דער טויט און זיי האַלטן אין איין אָנזאָגן זיך בשׂורות אַז ס׳איז גוט״.

„וועגן דעם איז פאַראַן אַן אַנדערער וויץ. מע האָט אַרײַנגעלאָזט אַ העכט אין אַ וואַנע מיט וואַסער און מע האָט געבערענגט רידז שמיגלי, דאַלאַדיען און טשעמבערלענען צו זען ווער עס וועט קאָנען כאַפּן דעם העכט. רידז שמיגלי איז דער ערשטער צוגעלאָפן און דער העכט האָט אים צעביסן די הענט, דאַלאַדיע האָט געוואַרט ביז מ׳עט אים ברענגען אַ פּאָר הענטשקעס, טשעמבערלען האָט זיך גענומען אויסשעפּן דאָס וואַסער מיט אַ טיי־לעפעלע״.

„דאָס איז עס. ביז מ׳עט דערזען אַ שטיקל נחמה...״

„ייִדן בטלנים מיינען אַז זיי וויסן אַלץ וועגן מלחמה־פירונג. בית־מדרש־הינטערן־אויוון־סטראַטעגיע״.

„און דו ווייסט מער?״

„לכל־הפּחות ווייס איך אַז ווינטער איז שווער צו פירן מלחמה. ווי נאָר דער פרילינג וועט קומען, וועט עץ זען וואָס ס׳עט זיך טאָן״.

שלום האָט זיך פאַררעדט מיט די שכנים און פאַרגעסן אַז ער האָט זיך געאײַלט אַהיים אָנצוזאָגן דעם ווײַב אַ גוטע בשׂורה. זײַן מלכּה האָט נאָר טענות אַז די שנור פאַרבעט זי נישט צו זיך, אַז עס פּאַסט

איר נישט צו חברן זיך מיט די אָרעמע שווער־און־שוויגער. היינט האָט בערעק זיך אָרייַנגעכאַפּט צום טאַטן ביַי דער אַרבעט און אים געבעטן קומען שבת נאָך מיטאָג. קרובים וועלן זיך צוזאַמענקומען פּראַווען אַלעקס׳ ערשטן געבוירן־טאָג.

ב.

מאַניע האָט געהאַט אַנדערש זיך פאַרגעשטעלט אַ שימחה לכּבוד איר קינד, אָבער ס׳איז מלחמה. „ביַי טייל פון די געסט", האָט בערעק זי געטרייסט, „וועט דאָס וואָס דו גרייטסט צו זיַין מער אָנגעלייגט ווי די פאַרמלחמהדיקע באַשעריַיען. איך האָב דיר אָנגעקויפט זאַכן וואָס מע זעט גאָר נישט אין די יִידישע גאַסן".

דער טירגלאָק האָט געקלונגען. „עס מוז זיַין דאָס מיידל", האָט מאַניע געזאָגט און געלאָפן צו דער טיר. אַ מיידל איז אַריַינגעקומען יעדן טאָג העלפן מאַניען אין דער הויזאַרבעט.

פון די רייד וואָס זענען דערגאַנגען צו בערעקן פון קאָרידאָר האָט ער פאַרשטאַנען אַז מאַניע האָט עפּעס אַ טענה. דאָס מיידל איז געווען פון די חלוצקעס פון דזשעלנע 34. ער איז אַרויס אין קאָרידאָר, מורא געהאַט מאַניע זאָל נישט זאָגן עפּעס וואָס זאָל דאָס מיידל באַליידיקן.

„וואָס קאָן מען טאָן, אירקאַ איז קראַנק, בין איך געקומען אַרבעטן אויף איר פּלאַץ", האָט דאָס מיידל געזאָגט נאָך פון יענער זיַיט טיר. מאַניע האָט אַראָפּגענומען דאָס קייטעלע וואָס האָט פאַרהאַלטן די טיר. דאָס מיידל איז אַריַין און בערעק האָט אויסגעשריגן: „זאָשקע!"

„גוט־מאָרגן, פּאַניע עפּשטיין", האָט דאָס מיידל געענטפערט.

„חזק, זאָשקע. וואָס פאַר אַ פּאַן בין איך דיר?"

„אויף דזשעלנע 34 ביז איך זאָשקע, דאָ בין איך אַן אַרבעטערין, פּאַניע עפּשטיין".

מאַניע איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל און געקוקט פון איינעם צום אַנדערן מיט שטוינען.

„ווו איז די קיך, פּאַני?" האָט דאָס מיידל געפרעגט. מאַניע האָט אַן אַ וואָרט זי אַריַינגעפירט אין קיך.

„ווער איז דאָס מיידל וואָס דו ביסט מיט איר אַזאַ גאַנצער שמעלקע?" האָט מאַניע דערנאָך געפרעגט בערעקן.

„זאָשקע? זי איז פון גורוויטש. איך פלעג דאָרט אַרײַנקומען אין השומר און זי איז דאָרט געווען פון די פירערינס".

„דו האָסט געפירט אַ ליבע מיט איר?"

„איך? ניין, איך בין געקומען אין השומר נאָר געבן לעקציעס יידישע געשיכטע. דײַן קוזין, פינטשע, האָט געפירט מיט איר אַ ליבע".

„מינדעלע ווייסט וועגן דעם?"

„איך ווייס? ווען פינטשע איז אַ חתן געוואָרן פאַר מינדעלען בין איך שוין געווען אין וואַרשע".

„אָבי איך האָב געמיינט אַז פינטשע איז אַ שטיק ישיבה־בחור. געפירט אַ ליבע מיט איינער, געוואָרן אַ חתן פאַר אַ צווייטער. גורוויטש, זע איך, איז גאָר נישט אַזאַ פאַרשלאָפענע פּראָווינצשטאָט. בערעק, וואָס וועט זײַן ווען פינטשע און מינדעלע וועלן קומען און זי דאָ טרעפן, אַ דרײַ־עק־סקאַנדאַל?"

„אָ, דאָס איז שוין אַן אַלטע געשיכטע. די ליבע האָט זיך שוין לאַנג אויסגעוועפּט".

„בײַ דיר וועפּן ליבעס זיך אויס זייער שנעל".

„דאַרף דאָס זײַן אַן אַנצוהערעניש? אַן אויפוואָרף?"

„אַ מיטל אַרויסצובאַקומען פון דיר אַ פאַרזיכערונג, אַ קאָמפּלימענט".

„געפונען אַ געלעגנהייט..."

„איך לייג דאָך דיר אַ פינגער אין מויל אַרײַן, דו קלוגער דאָקטאָר עפּשטיין. פאַר וואָס האָסטו נישט געענטפערט פשוט: 'ליבע וועפּט שנעל אויס בײַ פינטשען, אָבער נישט בײַ מיר'".

„איך זע נישט צוליב וואָס דו דאַרפסט פירן די גאַנצע סטראַטעגיע, מאַניושע, דו האָסט נישט קיין סיבה צו צווייפלען אין דעם".

„מיר פירן אַזאַ לאַנגע דיסקוסיע אָבער דו האָסט נאָך אַלץ נישט געבערענגט זיך אַרויסצוזאָגן בפירוש די עטלעכע ווערטער: 'איך האָב דיך ליב'".

בערעק איז צוגעגאַנגען נענטער און אויפגעהויבן די האַנט אַ גלעט צו טאָן אירע האָר, איז גראָד דאָס מיידל אַרײַנגעקומען. ער האָט זיך שנעל אָוועקגערוקט. מאַניע האָט מיט אַ בייזקייט אין קול זי געפרעגט וואָס זי וויל.

בערעק האָט דערפילט, אַז עס אַנטוויקלט זיך אַ קעגנזײַטיקע אַנטי־פּאַטיע צווישן מאַניען און זאָשקען. ווען זאָשקע איז צוריק אָוועק אין קיך האָט ער דערציילט מאַניען וועגן איר. „זי איז אַ קוריערין אין דער חלוצישער באַוועגונג, זי שטעלט אײַן דאָס לעבן און האַלט אין איין

ארומפאָרן פון אָרט צו אָרט. זי איז שוין געווען אַפילו אויף יענער זײַט גרענעץ".

„זי איז אַ שיינע", האָט מאַניע געענטפערט נישט צו דער זאַך.

„אָ, איצט זעט זי אויס אויסגעמוטשעט. דו האָסט זי באַדאַרפט זען פאַר דער מלחמה".

„דו ביסט זיכער אַז נאָר פינטשע איז געווען פאַרליבט אין איר?"

„מאַניושע, מיר גרייטן הײַנט אונדזער קינדס ערשטן געבוירן־טאָג, און דו ביסט אין אַ קריגערישער שטימונג".

„דו האָסט זיך אַזוי באַגײַסטערט ווען האָסט זי דערזען".

„מאַניע, דו ביסט גערעכט. איך בין פאַרליבט אין איר און אין אַלע אירע חברים און חברות. די גאַנצע זאָשקע איז נישט מער ווי אַ צוואַנציק יאָר אַלט. פאַראַן נאָך יינגערע צווישן זיי, און וואָס זיי טוען איז נאָר צו באַוווּנדערן. איך גיי אויף זיצונגען מיט דער פירערשאַפט פון געטאָ, עס הערשט דאָרט אַ צעמישעניש. שׂכל איז נאָר אַ סך־הכּל פון פּראַקטיק. מיר האָבן קיין מאָל נישט איבערגעלעבט אַזאַ צײַט און מיר ווייסן נישט ווו אײַן און ווו אויס, וואָס יאָ צו טאָן און וואָס נישט צו טאָן. דאָס יונג־וואַרג דיסקוטירט נישט, אַמפּערט זיך נישט, זיי שאַפן טאָטן".

„די געסט וועלן באַלד קומען, און מיר שטייען דאָ און אַמפּערן זיך".

„מאַניע, מאָרגן מוזסטו קומען מיט מיר אויף דזשעלנע און זען מיט דײַנע אייגענע אויגן וואָס זיי טוען. איך און מײַן גלײַכן פאַרזאָרגן זיך מיט פּאַפּירלעך אַז מיר זענען פרײַ פון צוואַנגאַרבעט, זיי פאַרדינגען זיך צום יודנראַט פאַר אַ לויזיקע פאַר זלאָטעס אַ טאָג, אַז מע זאָל זיי שיקן אַרבעטן בײַ די דײַטשן".

„אַז מען איז הונגעריק טוט מען אַלץ פאַר אַ שטיקל ברויט", האָט מאַניע געוואָלט אַראָפּדינגען פון בערעקס התפעלות.

„זיי זענען זיך מוסר־נפש נישט נאָר פאַר ברויט. נאָכן אָפּאַרבעטן דאָ וועט זאָשקע נאָך גיין לערנען מיט קינדער. אַז מע האָט פאַרמאַכט די אָפיציעלע שולן האָבן זיי אָרגאַניזירט פינעפטלעך צו לערנען. אַן עלטערער לערנט מיט פינעף יינגערע, יעדער פון די פינעף לערנט מיט פינעף יינגערע פון זיי. דו האָסט, דאַכט זיך, געלערנט אין דער תרבות־שולע אויף נאַוואָליפּקי 22, יאָ? דו דאַרפסט זען די דערציִערישע אַרבעט וואָס ווערט דאָרט געטאָן. זאָשקע איז אַ טאָכטער פון אַן אָרעמען אַרבע־טער, אָבער אַ סך פון די מיידלעך האָבן פאַרלאָזט רײַכע, זאַטע היימען און גייען אַרבעטן ווי דינסטן צו פאַרדינען זייער שטיקל ברויט".

„פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ? דו פאַרברענגסט אָפט מיט די מיידלעך?"

„איך ווייס, מאַניושע, אַז דו חכמהסט זיך אַזוי און איך נעם עס דיר נישט פאַר אומגוט. צוליב מורא פאַר אַן 'עין־הרע' טאָרן זיי נישט פירן די אומלעגאַלע שול אַלע מאָל אויפן זעלביקן אָרט. הײַנט דאָ, און מאָרגן ערגעץ אַנדערש. איך העלף זיי טייל מאָל געפינען אַ פלאַץ. איצטער באַמיִען זיי זיך צו שאַפן אַ קורס פאַר דערציִערס פון קליינע קינדער און אויך אַזאַ באַוועגלעכע גימנאַזיע, זיי רופן עס אַ 'פליִענדיקע' גימנאַזיע. זיי זוכן לערערס און איך האָב געטראַכט, אפשר וועסט דו אויך העלפן".

„איך האָב אַ קליין קינד".

„זיי וועלן דיר געבן עמעצן אַכטיק צו געבן אויף אַלעקן, דו קאָנסט אפילו מיטנעמען אַלעקן".

„ביסט משוגע געוואָרן? מיטנעמען דאָס קינד צו קאָנספּיראַטיווער אַרבעט?"

„קיינער וועט דיך נישט בייטן צו גאָר נישט, און איך אַוודאי נישט. הלוואַי איך זאָל זײַן אַ פאַלשער נביא, אָבער עס קומען שווערע צײַטן. אויב יעדער וועט זאָרגן נאָר פאַר זיך וועט קיינער נישט אויסמײַדן דאָס שלעכטס".

מע האָט געקלונגען אין דער טיר, מן־הסתם שוין עמעץ פון די געסט. מאַניע האָט פאַרוואָרפן אירע הענט אויף בערעקס אַקסלען: „איך האָב זיך פאַרליבט אין דיר ווען דו האָסט אַרויסגעוויזן העלדישקייט אין דעם סטודענטן־קאַמף, פאַרגעס דאָס נישט. דו ביסט נאָך אַלץ מײַן העלד, און איך בין שטאָלץ אויף דעם וואָס דו טוסט, נישט־געקוקט אויף מײַנע ווײַבערישע שטיק". זי האָט אים אָפּגעלאָזט און געלאָפן עפענען די טיר.

די געסט האָבן זיך צעשמועסט וועגן דער מלחמה. שלום עפּשטיין האָט געפונען אַ נײַעם אָפּזאַצמאַרק פאַר זײַן גוטער בשורה אַז מוסאָליני האָט איבערגעריסן מיט היטלערן און גרייט זיך אים דערקלערן מלחמה. אַלע האָבן עס אָנגעקעמאַכט מיט דער האַנט.

בערעק האָט געטרייסט זײַן טאַטן: „אין גאַנצן אויסגעטראַכט איז עס נישט, טאַטעשי".

מע האָט געמיינט אַז בערעק האָט עס געזאָגט נאָר ווײַל זײַן פאָטער האָט זיך פאַרשעמט, אָבער ער האָט טאַקע געהאַט ידיעות פון ראַדיאָ־לאָנדאָן: „איר געדענקט דאָך די מעשה ווי מע האָט זיך דערוווּסט אַז

דער שטעטלשער גביר האָט אין וואַרשע געוווּנען אַ מיליאָן אויף דער לאָטעריע. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די מעשׂה איז אמת, נאָר אַ ביסל אַנדערש. נישט אַ מיליאָן, נאָר אַ הונדערטער; נישט געוווּנען, נאָר פאַרשפּילט; נישט אויף דער לאָטעריע, נאָר אין קאָרטן. עס איז אמת אַז דער שלום־בית צווישן היטלערן און מוסאָליניען איז געווען אַ ביסל צעשטערט. נישט־געקוקט אויף אירע צוזאָגן האָט דײַטשלאַנד נישט אַרויסגענומען די פאָלקסדײַטשן פון דרום־טיראָל, זיי האָבן נישט צוגעשטעלט דעם מיליאָן טאָן קוילן צו איטאַליע, ווי זיי האָבן זיך געהאַט מתחייב געווען. איטאַליע פון איר זײַט האָט נישט פּראָבירט ברעכן די ענגליש־פראַנצעזישע בלאָקאַדע און צושטעלן דײַטשלאַנד בײַ־טיקע רוישטאָפן; פאַרקערט, זי האָט גאָר געפירט אַ ברייטן האַנדל מיט ענגלאַנד".

מע האָט אויסגעהערט בערעקן מיט אָפענע מײַלער אָבער דער בעל־שׂימחה, דער איין־יאָריקער אַלעק, איז נישט נתפּעל געוואָרן פון דעם טאַטנס בשׂורות און גאָר גענומען וויינען. בערעק האָט געמוזט איבער־רײַסן און אײַנשטילן דאָס קינד. מאַניע איז אַרײַנגעקומען פון קיך, איבערגענומען אַלעקן פון בערעקס הענט און בערעק האָט ווײַטער דערציילט.

„מוסאָליני איז געוואָרן נאָך מער אַנגעבלאָזן זינט רוסלאַנד איז באַפאַלן פינלאַנד און היטלער האָט זיך באַצויגן דערצו מיט סימפּאַטיע. פון דער דײַטשער פּרעסע און ראַדיאָ האָט עס אויסגעוויזן אַז דײַטשלאַנד וויל אַ סאָוויעטישן נצחון".

„מוסאָליניען איז פון דעם געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרץ. אויב דײַטשלאַנד קאָן זיך אַזוי באַציִען צו פינלאַנד, אַ מלוכה מיט וועלכער זי האָט געהאַט נאָענטע און פרײַנדלעכע באַציִונגען, ווער ווייסט וואָס עס קאָן געשען שפּעטער? מוסאָליני פילט זיך ווי דער שטאָרך וואָס ווערט געבעטן אַרײַנצושטעקן זײַן קאָפּ אין לייבס פּיסק און מיט דעם שנאָבל אַרויסנעמען אַ ביין וואָס איז געבליבן שטעקן אין לייבס האַלדז. אויב דער שטאָרך האָט שׂכל מוז ער טראַכטן וואָס וועט געשען ווען דער ביין וועט זײַן אַרויס און דער לייב וועט שוין קאָנען שלינגען..."

„מוסאָליני האָט געדאַרפט וועגן דעם טראַכטן איידער ער האָט זיך פאַרבונדן מיט היטלערן, איידער ער האָט אים געשטיצט און געהאָלפן אײַנשלינגען טשעכאָסלאָוואַקײַ", האָט פינטשע געזאָגט.

„מוסאָליני האַלט זיך פאַר דעם רבי פון פאַשיזם, היטלער האָט די

תורה געלערנט פון אים״, האָט בערעק געענטפערט. „איצט האָט דער ׳תלמיד׳ זיך פאַרבונדן מיט דעם אַרצי־שונא פון פאַשיזם, געהאָלפן רוס־לאַנד פאַרכאַפּן אַלע באַלטישע לענדער און פאַרקויפט נאָך אַלץ געווער צו די באָלשעוויקעס. וויכטיק געווער, עראָפּלאַנען, מלחמה־שיפן און אַפילו מאַשינען צו פּראָדוצירן געווער״.

„בין איך דאָך גערעכט״, האָט שלום אויסגערופן מיט נצחון.

„אָבער ביז די נײַעס איז אָנגעקומען צו דיר האָבן דערווײַל היטלער און מוסאָליני זיך איבערגעבעטן. עס ווײַזט אויס, אַז מוסאָליני געטרויט נישט זײַן תלמיד און האָט מורא פאַר אים, אָבער היטלער האָט אים אײַנגערעדט אַז ער האַלט בײַם געווינען די מלחמה, און עס איז אַלע מאָל בעסער צו זײַן אויף דער זײַט פון דעם געווינער״.

דאָס אומגעריכטע טרעפן זיך פון פּינטשען מיט זאָשקען איז געווען ווי אַ צוזאַמענטרעף פון אַלטע באַקאַנטע. די ביטערניש צווישן זיי האָט שוין געהאַט אויסגעוועפּט. ס׳איז געווען עפּעס ווי זיי וואָלטן זיך געהאַט באַגעגנט לאַנג, לאַנג צוריק אין אַ גאַנץ אַנדערער וועלט. שווערע איבערלעבענישן האָבן, ווײַזט אויס, אָפּגעווישט די נאָסטאַלגיע צו יענער צײַט פון יוגנט־חלומות. פּינטשע איז אַרײַנגעקומען מיט עמושן אויף דער האַנט, אַ פּיצינקע ווײַבעלע איז אים באַכגעלאָפן מיט אַ פלעשל מילעך און האָט פּראָבירט אַרײַנשטופּן דעם אָפּל אין דעם מויל פון דעם וויינענדיקן קינד. אַ באַלעבעסל מיט אַ ווײַב און אַ קינד...

פּינטשע האָט זיך געפרעגט אויף אירע עלטערן און זאָשקע האָט אים געבעטן, אפשר קאָן ער שאַפן אַרבעט פאַר זײַן געוועזענעם ראַיגער קיווע. אַ ביטערער גרימאַס האָט זיך אויסגעלייגט אַרום פּינטשעס מויל. הלוואַי ער וואָלט געקאָנט געפינען אַרבעט פאַר זיך אַליין. עס האָט זיך אים געגלוסט זאָגן איר: „אָפּגעווישט די חרפּה פון מײַן משפּחה. כ׳בין מער נישט קיין בורזשוי־עקספּלואַטאַטאָר, ווי דו האָסט מיך גערופן, כ׳בין שוין אַ מיוחסדיקער פּראָלעטאַריער אָן אַרבעט פּונקט ווי דײַן טאַטע״. געזאָגט האָט ער נאָר, „אויב עס וועט זיך עפּעס מאַכן, פאַר וואָס נישט? האָסט אַ רעד געטאָן מיט בערעקן? ער קאָן גיכער עפּעס אויפטאָן״.

אויפן וועג אַהיים האָט מינדעלע געפרעגט פּינטשען: „דאָס איז די זאָשקע פון גורוויטש? זי איז גאָר נישט אַזאַ שיינקייט ווי מע האָט געזאָגט״.

פּינטשע האָט נישט געענטפערט. שיין איז זי דווקא יאָ. זי איז נאָר

אָפּגעצערט און אירע האָר שײַנען מער נישט מיט דעם גלאַנץ פֿון גאָלד. אָבער דער בלוי פֿון אירע אויגן איז נאָך אַלץ אַזוי טיף, און איר בליק אַזוי איבעררעשנדיק ווי אַלע מאָל. נאָר וואָס איז דער חילוק? זײַן קליין ווײַבעלע, און זײַן פּיצעלע ייִנגעלע, זענען אים טײַערער ווי אַלץ.

זשקע האָט באַדינט די געסט בײַ בערעקן און זײ דערלאַנגט כּיבוד, אָבער אַליין זיך נישט צוגערירט צו דעם. בערעק האָט זיך געבעטן בײַ איר: „דו ביסט דאָך נישט בײַ קײן ווילד־פרעמדע".

„אַזוי פֿירן מיר זיך. מיר עסן נאָר אַלע צוזאַמען, אַלע דאָס זעלביקע. מיר עסן נישט ווו מיר אַרבעטן".

„עס ווענדט זיך ווו מען אַרבעט", האָט מאַניע זיך אַרײַנגעמישט.

„אַוודאי ווענדט זיך ווו מען אַרבעט. מײַנע חברים אַרבעטן בײַ די דײַטשן און קומען אַהיים צעשלאָגענע. מיר איז לײַכטער. אָבער עסן, עסן מיר אַלע צוזאַמען, דאָס איז בײַ אונדז אַ פּרינציפּ".

צו מאָרגנס זענען מאַניע און בערעק געקומען מיט זייער קינד אויף דזשעלנע 34. אין אַלעקס' שפּאַציר־וועגעלע האָבן זיי געבראַכט די גוטע מאכלים פֿון נעכטן. „צעטיילט עס צווישן די קינדער אין אײַערע 'פּליִענדיקע שולעס' ", האָט בערעק געזאָגט צו דעם מיידל וואָס האָט זיי אויפֿגענומען.

„צעטיילט איר עס, ד"ר עפּשטיין", האָט דאָס מיידל פֿירגעלייגט און זיי אַרײַנגעפֿירט אין אַ גרעסערער שטוב ווו אַן אַנדער מיידל, מינאַ, איז געזעסן אויף דער ערד אַרומגערינגלט מיט אַ גרופּע קינדער.

מאַניע האָט אַרויסגענומען איין פּעקל און עס געגעבן מינאַן: „איר וועט בעסער וויסן ווי אַזוי עס צו צעטיילן".

בעת מינאַ און דאָס אַנדערע מיידל האָבן צעשניטן די שניטקעס האָט מאַניע פּראָבירט פֿאַרפֿירן אַ שמועס מיט אַ קינד. „ווי הייסטו, מיידעלע?" האָט זי געפֿרעגט.

„לינאַ", האָט זי געענטפֿערט.

„דו מיינסט רינה?" האָט בערעק איבערגעפֿרעגט.

„יאָ, לינאַ". זי האָט נישט געקאָנט אַרויסזאָגן אַ ריש.

„ווו איז דײַן מאַמעשי?" האָט מאַניע געפֿרעגט.

„דאָרט", האָט דאָס קינד געוויזן ווו די צוויי דערוואַקסענע מיידלעך האָבן זיך געפּאָרעט מיט די שניטקעס.

„מינאַ?"

„יאָ".

זי זעט נאָך אַליין אויס ווי אַ קינד, האָט מאַניע געטראַכט, אָבער אין די לינקע קיבוצים... „און די אַנדערע?" האָט מאַניע ווײַטער געפֿרעגט.

„אויך אַ מאַמעשי". האָט דאָס קינד געענטפֿערט.

„וועמענס?"

„מײַן".

„און זי?" האָט מאַניע געוויזן אויף זאַשקען וואָס איז גראָד אַרײַנגעקומען.

„אויך", האָט דאָס קינד געענטפֿערט.

„אויך דײַן מאַמעשי?"

„יאָ".

מאַניע האָט זיך אויסגעדרייט צו בערעקן: „כ'האָב געוווסט אַז עס קאָן זיך טרעפֿן אַ קינד זאָל האָבן מער ווי איין טאַטע, אָבער אַזוי פֿיל מאַמעס?"

„איך בין געריררט ביז טרערן, און דיר שטייט דער קאָפּ צו מאַכן וויצן", האָט בערעק זיך אָפּגעבייזערט. „מיר פֿאַשען זיך די בײַכער און פֿאַרגינען זיך צו מאַכן ביבקעס; די אַ מיידלעך און יינגלעך פּראַצעווען שווער פֿאַר זייער ביסן ברויט און טיילן עס מיט קינדער וואָס זיי האָבן אויפֿגעקליבן אין גאַס".

„אונטערגעוואָרפֿענע קינדער?"

„יאָ. אָרעמע פֿאַרצווייפֿלטע מאַמעס וואָס האָבן נישט ווו זייער קינד אָוועקצולייגן און האָבן נישט וואָס עס צו געבן אין מויל, האָבן זיך דערוווסט אַז דאָ וועט מען זייער קינד אַרײַננעמען און עס ראַטעווען. יעדן אינדערפֿרי געפֿינען זיי קינדער וואָס מאַמעס האָבן אונטערגעוואָרפֿן הינטער זייער טיר".

„זײַ מוחל, בערעק, כ'האָב נישט געמיינט צו שפּעטן, נאָר ס'איז אַזוי קאָמיש צו רופֿן אַ זעכצן־יאָריק מיידל ‚מאַמעשי'".

„די סיטואַציע, דאָ, איז גיכער טראַגיש ווי קאָמיש. דאָס האָט געדאַרפֿט זײַן אַ קיבוץ פֿאַר הכשרה, די קיך האָט געזאָלט קאָכן נאָר פֿאַר זייער אייגענעם געברויך. זיי אַליין האָבן עס פֿאַרוואַנדלט אין אַן אַלגעמיינער קינדערקיך".

„מיט וואָס קאָן איך העלפֿן, בערעק?"

ג.

בערעק איז געווען אויפן וועג פון זײַן היים צו זײַן געשעפט ווען עס האָט אים איבערגעיאָגט אַ המון כוליגאַנעס באַוואָפנט מיט שטעקנס און שטיקער אײַזן. „נידער מיט די ייִדן!" האָבן זיי געשריגן, „זאָל לעבן אַ פּוילן אָן ייִדן!" זיי האָבן אויסגעהאַקט די שויבן אין די ייִדישע הײַזער, אויפגעבראָכן טירן אין ייִדישע קראָמען און געלאָזט הינטער זיך צעשלאָגענע און צעבלוטיקטע די ייִדן וואָס זיי האָבן באַגעגנט אויף זייער וועג.

הינטער די פּאָגראָמטשיקעס זענען געגאַנגען עטלעכע דײַטשן אין אָפיציעלע מונדירן. זיי האָבן זיך נישט אַרײַנגעמישט, זיי האָבן נאָר פאָטאָגראַפירט אַלץ וואָס די פּאָליאַקן האָבן געטאָן.

זיי האָבן, ווײַזט אויס, נישט באַמערקט בערעקס בינדע, דאָס אָרעמבאַנד מיט דעם מגן־דוד וואָס איז געוואָרן דער ייִד־צייכן. בערעק האָט געזוכט ווו זיך צו באַהאַלטן אָבער די ייִדן האָבן געהאַט פאַרמאַכט זייערע קראָמען און געשלאָסן די טויערן. ער האָט שנעל אַראָפּגעצויגן זײַן בינדע פון אָרעם און זי פאַרשטופּט אין קעשענע. ער האָט עס שוין געטאָן מער ווי איין מאָל, און קיינער האָט נישט דערקענט אַז ער איז אַ ייִד. וואָס גרייט זיך דאָ?

ער איז נאָכגעגאַנגען די כוליגאַנעס. ווען זיי זענען שוין געווען בײַם אָנהייב נאַלעווקי־גאַס איז אָנגעפאָרן אַ דײַטשער אויטאָ מיט פילם־אַפּאַראַטן און פילמירט דעם מאַרש. קעגן איבער קראַשינסקיס גאָרטן זענען עטלעכע ייִדן אַרויס פון אַ טויער, אַוודאי געקומען פון דאַווענען, זיי האָבן געהאַט טלית־זעקלעך אונטער די אָרעמס. די יונגען האָבן זיך צעהוליעט. רונדיקע ייִדישע היטלעך זענען געפלויגן אין דער לופט, צעשפּרייטע טליתים האָבן געפלאַטערט אין ווינט, און שטעקנס האָבן זיך צעוויגט איבער ייִדישע קעפּ. אויף די ייִדישע ווײ־געשרייען איז געענטפערט געוואָרן מיט דעם אַנטיסעמיטישן קלינגוואָרט: „שלאָג ייִדן, שטענדיק און אומעטום!"

פלוצלינג זענען פון דעם אויטאָ אַרויס עטלעכע דײַטשן און גאָר גענומען צוריקהאַלטן די שלעגערס. זיי האָבן אַרויסגעראַטעוועט עטלעכע צעבלוטיקטע ייִדן פון די פּאָליאַקנס הענט. די פילם־אַפּאַראַטן האָבן געזשומעט, די פאָטאָ־אַפּאַראַטן האָבן געטיקט און פאַראייביקט אויף פילם ווי „גוטע" דײַטשן פאַרטיידיקן ייִדן קעגן פּוילישע פּאָגראָמטשיקעס.

די ייִדן האָבן צענויפגעקליבן זייערע זאַכן און גענומען זיך דערווײַטערן. אייבער פון דער האָרדע האָט געכאַפּט אַ תפילין־זעקל, אַרויס־

געשלעפּט די תּפילין, און האַלטנדיק בײַ די רצועות געהוידעט די תּפילין אין דער לופט. אַ ייִד איז צוריק אַרײַנגעלאָפן אין דער כּנופיא און גענומען זיך אַמפּערן מיט דעם כוליגאַן. די דײַטשן האָבן נישט פאַרפעלט עס צו פאָטאָגראַפירן. דער ייִד איז אַרויס פון דער מחנה אַ צעבלוטיקטער, אָבער ער האָט געהאַט אַ נצחון־פּײַערל און די אויגן און זײַנע תּפילין אין דער האַנט.

דאָס וואָס די דײַטשן האָבן זיך אָנגענומען פאַר די ייִדן האָט איבער־געראַשט די פּאָליאַקן און זיי זענען מער נישט געלאָפן אַזוי האָפערדיק. די „גוטע" דײַטשן זענען באַלד צוריק אַרײַן אין זייער אויטאָ. די כולי־גאַנעס האָבן מאַרשירט ווײַטער און ווידער אויסגערופן זייערע קלינגווערטער: „נידער מיט די ייִדן!" „שלאָגט ייִדן אומעטום!"

בערעק איז נאָכגעגאַנגען די פּאָגראָמטשיקעס ווי אַ באַנומענער און געוווּסט דערבײַ אַז ער נעמט אויף זיך די טאָפּלטע סכּנה פאַרהאַלטן צו ווערן דורך אַ דײַטש אָדער דורך איינעם פון די צעיושעטע פּאָליאַקן.

ווי אָנגעצייכנט פון גורל איז די מחנה כוליגאַנעס געגאַנגען געווי אין דער ריכטונג און מיט דעם וועג ווו ער איז געגאַנגען פון זײַן היים אויף לעשנע צו זײַן געשעפט אויף פראַנציסקאַנער גאַס, אין דעם האַרץ פון די ייִדישע גאַסן. נאָך איידער זיי זענען צוגעקומען צום ראָג געשנע און פראַנציסקאַנער, האָט ער איבערגעיאָגט די מחנה. אפשר איז כּדאַי צו פאַרמאַכן דאָס געשעפט, די צעיושעטע יונגען קאָנען אָנטאָן שאָדן כאָטש דאָרט זיצט שוין אַ דײַטשער 'טרויהענדער'.

נעבן דער וואַלאָווע־גאַס האָט אַ גרופּע ייִדן געאַרבעט בײַם אָפּרייניקן דעם שניי און אַ שיכט אײַז, וואָס האָט זיך געשאַפן ווען אַ רער פון דער וואַסער־פירונג האָט געפּלאַצט. בערעק איז צוגעלאָפן זיי וואָרענען אַז די פּאָגראָמטשיקעס דערנענטערן זיך, און איז געלאָפן ווײַטער צו זײַן געשעפט.

דער דײַטשער 'טרויהענדער' האָט געהאַלטן אַז עס איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, עס הענגט אויף דער טיר אַ שילדל „דויטשעס אייגנטום". בערעק האָט געפּועלט בײַ אים אַז דאָס שילדל זאָל הענגען דרויסן פון די פאַרמאַכטע, אײַזן־באַדעקטע טירן. איידער ער האָט פאַרשלאָסן די טירן האָט בערעק אַרויסגעקוקט צי עס קומען נישט צו לויפן עטלעכע פון די ייִדישע אַרבעטערס, ער זאָל זיי קאָנען אַרײַנלאָזן דאָ זיך צו באַהאַלטן. אָבער דאָרטן זענען די ייִדן נאָך אַלץ געשטאַנען בײַ זייער אַרבעט, געקלאַפּט מיט די גראָבאײַזנס אין דעם אײַז, אונטער געהויבן מיט די שפּאָדלעס הויפנס שניי. האָבן זיי נישט געהערט וואָס ער האָט געזאָגט?

אַכיבע דאָס זענען אויסלענדער אָדער משומדים וואָס פאַרשטייען נישט קיין ייִדיש? זאָל ער צוריקלויפן זיי וואָרענען נאָך אַ מאָל?

ער האָט נאָך נישט באַשלאָסן וואָס צו טאָן און די גאַס האָט אויפגעציטערט פון געשרייען און געוואַלדן. האָט ער טאַקע צווישן די געשרייען געהערט „אוי יעזוס!" און „יעזוס מאַריאַ!" אָדער עס האָט זיך אים נאָר געדאַכט אַזוי?

די דײַטשן האָבן אַלעמען צעטריבן. אין גאַס זענען געבליבן ליגן אַ סך פאַרוווּנדיקטע און דרײַ הרוגים, צוויי ייִדן און איין פּאָליאַק. צווישן די פאַרוווּנדיקטע זענען געווען מער פּאָליאַקן ווי ייִדן.

ווי איז דאָס מעגלעך? די ייִדן זענען דאָך געווען נישט מער ווי אַ צוויי צענדליק און די פּאָליאַקן, אַוודאי עטלעכע הונדערט, האָט בערעק זיך געוווּנדערט.

בערעק האָט שוין געהאַט זײַנע צוזאַמענשטויסן מיט פּוילישע כוליגאַנעס ווען ער איז נאָך געווען אַ סטודענט אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט. אָבער איצט איז דאָך פּוילן באַזעצט פון אַ בלוטיקן שונא, אַלעמענס שונא — די ייִדנס און די פּאָליאַקנס. האָבן זיי נישט קיין שׂכל, לכל־הפּחות, צו דערקלערן אַ וואָפן־שטילשטאַנד אין זייער קאַמף קעגן די ייִדן ביז מע וועט פּטור ווערן פון דעם אָקופּאַנט?

ערשט צו מאָרגנס האָט בערעק זיך דערוווּסט פון ד"ר רינגעל אַז נאָך דעם פּאָגראָם לעבן די האַלעס האָט זיך געשאַפן אַן אָרגאַניזירטער ייִדישער זעלבשוץ. עס ווײַזט אויס אַז מע האָט טעלעפאָנירט צו עמעצן פון זעלבשוץ אויף פראַנצישקאַנער גאַס אַז די פּאָגראָמטשיקעס קומען, און די ייִדן זענען געווען גרייט.

בערעק איז געווען צופרידן צו הערן פון ד"ר רינגעלן אַז איין מאָל ווען אַנטיסעמיטן האָבן געשלאָגן ייִדן אויף דעם באַנקפּלאַץ האָט אַן עלטערע פּוילישע פרוי זיי געזידלט און געשריגן אַז זיי פאַרמיאוסן דעם גוטן נאָמען פון פּוילן. די זשוליקעס האָבן זי אויסגעלאַכט און ווײַטער געשלאָגן. ד"ר רינגעל האָט מיט געריכטקייט אים דערציילט וועגן אַ העלדישקייט פון אַ פּשוטן פּוילישן אַרבעטער.

אַ גרופּע דײַטשע פלײַערס האָבן געשלאָגן ייִדן אין גאַס און אומגעוואָרפן אַ ייִד אויף די טראַמווײַשינעס. אַ טראַמוויַי איז אָנגעפאָרן, נאָר דער מאַשיניסט האָט באַוויזן צו פאַרהאַלטן דעם מאָטאָר. איינער פון די שלעגערס איז אַרײַן אין טראַמוויַי מיט אַן אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער און באַפוילן צו פאָרן ווײַטער. דער מאַשיניסט האָט זיך אָוועקגערוקט פון מאָטאָר. דער דײַטש האָט צוגעשטעלט דעם רעוואָלווער צום מאָטאָר־

פירערס קאָפּ אָבער יענער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. דער דײַטש האָט געשאָלטן און געזידלט און אַ בייזער אַראָפּ פון טראַמוויַ.

„נאָך דער מלחמה וועט מען דאַרפן אויפשטעלן אַ מאָנומענט פאַר דעם מאָטאָר-פירער", האָט ד"ר רינגעל געזאָגט.

„די פּאָליאַקן וועלן אים דאַרפן אויפשטעלן דעם מאָנומענט. ער האָט געראַטעוועט דאָס לעבן פון איין ייִד, און דעם כּבוד זײַן גאַנץ פאָלק", האָט בערעק געענטפערט.

דער „קאָאָרדיניר-קאָמיטעט" האָט דורך זײַנע קאָנטאַקטן מיט דער פּוילישער אונטערערד געבעטן זיי זאָלן אַרויסקומען מיט אַ רוף אַז די פּאָליאַקן זאָלן זיך נישט לאָזן מאַכן פאַר דעם געצײַג פון דײַטשע רדיפות קעגן ייִדן. נאָך פּילצאָליקע אינטערווענצן איז די פּוילישע אונטערערדישע צײַטונג „פּאָלסקאַ זשיע" סוף-כּל-סוף אַרויסגעקומען מיט אַן עדיטאָריאַל: „לאָמיר נישט נאָכמאַכן די וועגן פון 'יעגע'. מיר ווייסן גוט אַז די סיבה פון פּאָגראָם נעבן די האַלעס איז געווען וואָס אַ פּויליש ייִנגל איז דאָרט דערהרגעט געוואָרן פאַר צוכאַפּן אַן עפּעלע בײַ אַ ייִדישן קרעמער", האָבן זיי איבערגעחזרט אַ בילבול וואָס די דײַטשן האָבן פאַרשפּרייט, און צוגעגעבן: „אָבער דער פּאָגראָם איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך 'יעגע'. מיר ווייסן וואָס ייִדן האָבן אָפּגעטאָן קעגן פּאָליאַקן בײַ די באָלשעוויקעס, מיר וועלן דאָס נישט פאַרגעסן. מיר דאַרפן באַשטראָפן די שולדיקע אָבער נישט דעם כּלל. נאָכן באַפרײַען זיך פון דעם אויסערלעכן אָקופּאַנט וועט דאָס נײַע פּוילן אויך וויסן ווי זיך צו באַפרײַען פון דעם אינערלעכן אָקופּאַנט, די ייִדן".

בערעק האָט זיך דערמאָנט אין דעם רוף קעגן אַנטי-ייִדישע עקצעסן פון די פּוילישע סטודענטן וואָס ער האָט פאַר דער מלחמה אַרויסגעקראָגן בײַ דעם ליבעראַלן פּראָפעסאָר באַרטעל. אויך יענער רוף האָט געהאַט אַזאַ אַנטיסעמיטישן אונטערשלאַג. די צדיקים פון „פּאָלסקאַ זשיע" זענען נישט קיין סך בעסער פון די וואָס זיי רופן 'יעגע'.

ד.

פון קראָקע איז אָנגעקומען אַ פּאָזיטיווער ענטפער און אַ דאַטע ווען אַ ייִדישע דעלעגאַציע וועט אויפגענומען ווערן פון דעם גענעראַל-גובערנאַטאָר איבער פּוילן, ד"ר האַנס פראַנק. וואָכן לאַנג זענען אָנגעגאַנגען

די פאַרהאַנדלונגען ווער עס זאָל זײַן פאַרטראַטן אין דער דעלעגאַציע. ס'איז באַשטימט געוואָרן עס זאָלן פאָרן דרײַ פאַרטרעטערס פון ייִדנראַט, מיט טשערניאַקן בראָש, צוויי פאַרטרעטערס פון דער ייִדישער סאָציאַלער אַליינהילף און צוויי פאַרטרעטערס פון דעם פאַר־מלחמהדיקן „דזשוינט".

מע האָט געלייגט גרויס האָפן אויף דער באַגעגעניש. ד"ר פראַנק איז טאַקע אַ נאַצי זינט 1927, אָבער ער איז אַן אינטעלעקטואַל און אַ קולטור־מענטש. פון זײַנע וויזיט־לעקציעס אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט, פאַר דער מלחמה, האָט מען געוווּסט אַז ער קען וועלט־ליטעראַטור, אַז ער האָט ליב מוזיק, און איז אַ טאַטע פון פינעף קינדער. דאָס איז נישט אַ מאַן מיט אַ מיליטערישער מענטאַליטעט, אָדער אַ גראָבער־יונג פון די שטורעם־טרופּערס. ער איז אַ דאָקטאָר אין יורי, און וועט זיכער נישט טאָלערירן אומגעזעצלעכקייט, אויב ער וועט זיך דערוויסן וועגן דעם. מע האָט געזאָגט אַ סברה, אַז די אַלע פּלוצלינגדיקע גזירות, קאָנטריבוציעס און סתם שיקאַנעס ווערן אויסגעטראַכט דורך די לאָקאַלע פּאָליציי־און געסטאַפּאָ־פירערס.

ווען מע האָט זיך באַגעגנט מיט פראַנקן פּנים־אל־פּנים, האָט ער געמאַכט אַ פּאָזיטיוון אײַנדרוק. מיט זײַנע טונקעלע האָר האָט ער געקאָנט אַרײַנכאַפּן קלעפּ פון אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס אויב ער וואָלט זיך באַוויזן אויף אַ ייִדישער גאַס אין וואַרשע. ער איז רירעוודיק, עלעגאַנט, און צירלעך אין זײַנע מאַניערן. בײַ די ייִדישע פאַרשטייערס איז געוואַקסן דער אָפּטימיזם ווען ד"ר אַרלדט האָט געזאָגט אַז נאָך דער מלחמה וועט דער 'פירער' לייזן די ייִדן־פראַגע דורך שאַפן פאַר די ייִדן אַן אייגן לאַנד.

דער ייִדן־עלטסטער טשערניאַק האָט גערעדט שעהען לאַנג, און פראַנק האָט געדולדיק אויסגעהערט. טשערניאַק האָט באַרירט די אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען: זיכערקייט פון מענטש און זיכערקייט פון פאַרמעגן. ער האָט גערעדט וועגן דעם מצב פון די קהילות וואָס דאַרפן אויפנעמען אַ סך פּליטים, אָבער אַנשטאָט וועגן סאָציאַלער פאַרזאָרגונג דאַרפן זיי זיך זאָרגן ווו צו שאַפן געלט צו באַצאָלן ריזיקע קאָנטריבוציעס. טשערניאַק האָט אויך אַפּעלירט מע זאָל אָפּשאַפן די גזירה אַז אַ ייִד מוז טראָגן די ספּעציעלע ייִדן־בינדע אויפן אָרעם. ער האָט באַשריבן זײַנס אַ טאָג אַרבעט. ער גייט אַרויס אין דער פרי פון זײַן היים צום ביוראָ פון ייִדנראַט, כאַפּט מען אים אויפן וועג צו צוואַנגאַרבעט, נישט־געקוקט אויף דעם וואָס דער ייִדנראַט שטעלט צו יעדן טאָג פופציק טויזנט

אַרבעטערס. ווען מע באַפרייַט אים שוין און ער דערגרייכט שוין זייַן ביוראָ, קומט מען צון אים אַלע מינוט מיט אַן אַנדערער ביטערער בשׂורה: אויף גזשיבאָוו שלאָגן פּאָליאַקן פאַרביַיגייענדיקע ייִדן, און דייַטשן באַשיצן די שלעגערס; אויף נאַלעווקי האָט מען אויסגעליידיקט אַ ייִדיש געשעפט; אויף לעשנע האָט מען אַרויסגעטראָגן אַלץ פון אַ ייִדישער שטוב; אויף איין אַרבעטפּלאַץ האָט מען צעשלאָגן די ייִדישע אַרבעטערס, אויף אַ צווייטן האָט מען דערשאָסן אַ ייִד. דער ייִד איז אָן שוץ און איז הפקר סייַ קעגן די דייַטשן, סייַ קעגן די פּאָליאַקן.

פראַנק האָט אַלץ אויסגעהערט מיט געדולד און העפלעך געוואָרט ווען טשערניאַק האָט זיך פאַרהיקעט. דער ייִדן-עלטסטער איז צוריק־געקומען צום ענין בינדע: „פאַר פינעף הונדערט זלאָטעס קאָן מען זיך סייַ ווי אויסקויפן מע זאָל עס נישט דאַרפן טראָגן“.

פראַנק האָט אים איבערגעריסן: „באַווייַזן, הער אינזשעניר, איך פאָדער באַווייַזן!“

טשערניאַק איז פאַרשטומט געוואָרן. אַפילו אויב ער וואָלט געוווסט גענויע פּרטים האָט ער נישט געקאָנט מסרן אַ ייִד וואָס האָט געגעבן שוחד אָדער אַ דייַטש וואָס האָט זיך געלאָזט איבערקויפן.

זיבן טעג איז די דעלעגאַציע געבליבן אין קראָקע. קיין איינע פון די גזירות איז נישט אָפּגעשריגן געוואָרן. אין וואַרשע האָט מען זיך געחכמהט אַז דאָס איינציקע וואָס די דעלעגאַציע האָט געבראַכט איז אַ דערלויבעניש פאַר אליהו־הנביא צו גיין אין דער סדר־נאַכט איבער די ייִדישע הייַזער נאָך דער פּאָליציי־שעה.

נאָכן צוריקקומען קיין וואַרשע האָבן די דעלעגאַטן בודק געווען זייערע האַנדלונגען און געזוכט די סיבה פאַר זייער דורכפאַל. מע האָט באַשול־דיקט טשערניאַקן אַז ער האָט צו פיל געבעבעט וועגן דעם אָרעמבאַנד און נישט גענוג גערעדט וועגן גורלדיקע פּראָבלעמען. מע האָט אים באַשול־דיקט אַז ער האָט אַלץ קאַליע געמאַכט ווען ער האָט זיך פאַררעדט אַז מע קאָן זיך אויסקויפן פון טראָגן די בינדע, און עס נישט געטאָרט באַווייַזן. פראַנק האָט געקאָנט טראַכטן אַז אַלע אַנדערע זאַכן וועגן וועלכע טשערניאַק האָט זיך באַקלאָגט וועט ער פונקט אַזוי נישט קאָנען באַווייַזן. דער פאָרשטייער פון „דזשוינט“, גוזשיק, האָט עס אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. אַ ביטערער שמייכל האָט זיך אויסגעלייגט אויף זייַן קלוגן פּנים: „עס וואָלט נישט געמאַכט קיין שום אונטערשייד. וואָס נאָר מע וואָלט געזאָגט און ווי אַזוי נאָר מע וואָלט עס געזאָגט, וואָלטן אַלץ די רעזולטאַ־

טן געווען די זעלביקע. הינטער דער מאַסקע פון העפלעכקייט באַהאַלט זיך אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער נאַצי, אַן אַכזר אָן אַ פונק רחמנות״.

עס האָט זיך אַזוי געמאַכט אַז באַלד נאָך דעם צוריקקומען פון דער דעלעגאַציע האָבן די דײַטשן געמאַכט אַבלאַוועס אויף די וואַרשעווער גאַסן און געכאַפּט פּאָליאַקן אַוועקצושיקן אין אַרבעט־לאַגערן. די פּאָ־ליאַקן זענען געווען זיכער אַז די יידישע דעלעגאַציע האָט געפּועלט מע זאָל צו רו לאָזן די יידן און זיך נעמען צו די פּאָליאַקן.

## קאַפּיטל פּערצן

# געוואַלד, יידן, זייט זיך נישט מיאש

א.

עס איז געווען אַ לאַנגער שווערער ווינטער. אַ סך פּליטים האָבן זיך געהאַט אַרײַנגעצויגן אין אויסגעליידיקטע געוועלבער. די געוועלבער האָבן נישט געהאַט קיין באַהייצונג. מען איז קראַנק געוואָרן פון קעלט, געווען אויך פאַלן פון געפרוירן ווערן. אין די גרויסע קעלטן איז די טיפוס־עפּידעמיע געוואָרן אַ ביסל לייכטער.

עס איז געווען אַן עיבור־יאָר מיט אַן אָדר א׳ און אָדר ב׳. מע האָט שוין נישט געהאַט קיין כּוח איבערצוטראָגן די קעלטן און מע האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף פּורים. מען איז נישט געווען זיכער צי פּורים וועט שוין זײַן וואַרעמער, אָבער מע האָט געגלייבט אַז עס וועט זײַן בעסער. און אַלע האָבן געהאַט וועגן דעם סימנים און בשורות: אַ קינד איז געבוירן געוואָרן און באַלד גענומען רעדן, האָט מען דערציילט. „דעם רשעס מפּלה וועט קומען בקרוב״, האָט דאָס ניי־געבוירענע געזאָגט און באַלד אַוועקגעשטאָרבן. וואָס קאָן זײַן מער בקרוב ווי פּורים?

מע האָט דערציילט אַז דער קאָזשעניצער רבי האָט צעבראָכן אַ קרוג און געזאָגט: „אויס קריג״.

מע האָט זיך דערציילט נסים אין טראָמווייַ, אין דער ריי נאָך ברויט. איבערגעצייַגטע אַפּיקורסים האָבן עס נישט מודה געווען אַפילו צו זיך אַליין, אָבער דאָך געוואָרט מיט שפּאַנונג אויף די טעג פֿון דעם אַלטן המנס מפּלה, און געהאָפֿט אַז עפּעס וועט געשען. געקומען איז נאָר אַ שלעכטע בשׂורה.

נאָך מער ווי דרייַ חדשים העלדישן ווידערשטאַנד צו דער גרויסער סאָוועטישער מאַכט האָט פֿינלאַנד געשיקט אַ דעלעגאַציע קיין מאָסקווע צו שליסן אַן אָפּמאַך וואָס וועט נאָכגעבן אַלע סטאַלינס פֿאָדערונגען. דאָס קליינע פֿינלאַנד האָט געהאַט געהאָפֿט אַז די אַלייִרטע וועלן שיקן הילף. די הילף האָט געקאָנט קומען נאָר דורך נאָרוועגיע און שוועדן, אָבער די צוויי מלוכות האָבן עקשנותדיק אָפּגעזאָגט אַלע בקשות צו לאָזן קריג־מאַטעריאַל און וואָלונטערן פֿון ענגלאַנד און פֿראַנקרייַך אַדורכגיין זייערע טעריטאָריעס. דער פֿינישער מאַרשאַל מאַנערהייַם האָט סוף־כּל־סוף איינגעזען אַז קיין הילף פֿון דרויסן וועט נישט קומען און זייַן פֿאָלק וועט סייַ ווי גאָר נישט דערגרייכן, נישט־געקוקט אויף די גרויסע קרבנות און אויף דעם וואָס די גאַנצע וועלט באַוווּנדערט דעם העלדישן ווידערשטאַנד פֿון אַזאַ קליין לענדעלע קעגן אַ גרויסמאַכט.

דעם 8טן מאַרץ איז די פֿינישע דעלעגאַציע אָנגעקומען קיין מאָסקווע און דעם 12טן איז דערקלערט געוואָרן אַ סוף צו דער סאָוועטיש־פֿינישער מלחמה. מאָסקווע האָט אָפּגעביסן שטיקער פֿינלאַנד און פֿינלאַנדס אומאָפּהענגיקייט איז געוואָרן באַגרענעצט.

דער ביטערער גורל פֿון פֿינלאַנד האָט אָראָפּגעשלאָגן דאָס געמיט. די אַגרעסאָרס זענען וואָס אַ מאָל מער אונטערנעמעריש און איינשטעלעריש; די אָרנטלעכע, ווידער, זענען נישט דעצידירט, צוריקגעהאַלטן, און אַלע מאָל פֿאַלט נאָך אַ שטיק פֿרייַע וועלט אַרייַן אין דעם פֿייַער־שפּייַענדיקן פּיסק פֿון מולך.

בערעק האָט געקויפֿט פֿאַר אַלעקן אַ גראַגער אָבער דאָס קינד איז נאָך געווען צו קליין זיך צו קאָנען שפּילן מיט דעם און צו יונג צו פֿאַרשטיין עפּעס פֿון דעם באַטייַט. בערעק איז אַרויס פֿון שטוב און אַוועק צו דעם שטיבל פֿון די „טויטע חסידים" אויף נאָוואָליפּיע־גאַס.

‚טויטע חסידים' האָט מען זיי גערופֿן מחמת נאָך דער פּטירה פֿון ר' נחמן בראַצלאַווער האָבן זייַנע חסידים נישט אויסגעקליבן אַ נייַעם רבין, נאָר ווייַטער געפּראַוועט חסידות צו זייער טויטן רבין. ווען בערעק

איז אַרײַנגעקומען אין זײער שטיבל איז ער געװען אַ ביסל אַנטױשט. דאָ איז נישט געװען די געװײנטלעכע האָפּערדיקײט און הילכיקע פרײלעכקײט װאָס בײַ אַנדערע חסידים. מע האָט געטאַנצט שטיל און אין דבקות. די פיגורן האָבן זיך געצױגן אַרױף, אַ ליאַדע מינוט װעלן זײ אין גאַנצן זיך אָפּרײַסן פון דער ערד און שװעבן אין דער לופטן — די בערד צעפּלאָ־טערט, די פּאָלעס צעװיכערט און די אױגן געשלאָסן. אױפן שולחן איז געלעגן די מגילה נאָך צוזאַמענגעװיקלט, אַרום דעם שולחן האָט זיך געטראָגן דער טאַנץ. „געװאַלד, ייִדן, זײַט זיך נישט מיאש!" האָט אױסגערופן אײנער פון די טאַנצנדיקע און אַנדערע האָבן געענטפערט: „געװאַלד, ייִדן זײַט זיך נישט מיאש".

די מגילה האָט מען געלײענט ערשט נאָכן טאַנצן. די װערטער האָבן אָנגענומען אַקטועלקײט, דער „על הנסים" איז געװען נישט װײניקער באַגלײבט װי װאָס עס האָט פאַרגעזאָגט ראַדיאָ־לאָנדאָן. „בימים ההם" און „בזמן הזה", הײַנט װי אַ מאָל אין לױף פון דער געשיכטע, װען אַ סאַטראַפּ האָט שױן געהאַלטן די לאַפּעס אױפן האַלדז פון דער װעלט, איז געשען אַ נס און די װעלט איז געראַטעװעט געװאָרן".

ב.

פּינטשע איז געשטאַנען אין אַ לאַנגער רײ נאָך פּראָװיאַנט, װאָס די ייִדישע אַלײנהילף האָט אױסגעטײלט אױף פּסח. ער האָט שױן געװוּסט װעגן דער שפּײַז־פּאַרטײלונג אַ װאָך צײַט און גאָר נישט געטראַכט אַז דאָס מײנט מען אים. הײַנט װען ס'האָט נאָר גענומען טאָגן איז ער אַרױס פון בעט, צונױפגעקליבן עטלעכע פלאַשן און טאָרבעס, און גענומען אַ פריִען טראַמװײַ קײן װאַרשע, צו זײַן פון די ערשטע אין דער רײ.

װען ער האָט שױן צוזאַמענגעקליבן זײַנע פּעקלעך האָט ער געהערט װי עמעץ רופט זײַן נאָמען. עס איז געװען קיװע שטיגעל װאָס איז נאָך געשטאַנען אין דער רײ, װײַטער, הינטער אים.

„ס'איז פאַר מײַן פעטער מלך", האָט פּינטשע זיך פאַרענטפערט פאַר קיװען, און באַגאַסן זיך מיט רױטקײט. ער האָט זיך געפילט אַזױ נישט־באַקװעם, אַז ער האָט צוגעשלעפּט אַלע זײַנע פּעקלעך צו קיװען און גענומען אים באַװאָרפן מיט רײד: „װאָס מאַכט זאָשקע? זי איז אין װאַרשע? אײַער יפה מוז שױן זײַן אַ גאַנצע פּאַניענקע. איר האָט שױן געפונען אַרבעט? איך האָב גערעדט װעגן אײַך מיט בערעק עפּשטײן, ער

איז איצט מײַן קוזין, ער האָט חתונה געהאַט מיט מײַן קוזינקע מאַניע, מאַניע גרינבערג. מײַן מאַמעס ברודערס טאָכטער. מײַן פעטער מלך איז נישט געזונט, האָב איך פאַר אים אָפּגענומען די פּראָדוקטן".

„וואָס גיט מען ?" האָט קיווע געפרעגט.

„נישט קיין סך: פיר קילאָ מצות, אַ קילאָ מצה־מעל, אַ קילאָ קאַרטאָ־פלמעל, אַ ביסל קאַרטאָפל". ער האָט אויפגעהויבן אַ פלאַש און געוויזן קיווען, „צוויי ליטער דעם אייל. ס'איז שוואַרץ ווי סמאָלע. ס'זעט אויס ווי דער אייל וואָס מ'האָט בײַ אונדז אין פאַבריק גענוצט צו שמירן די וועבשטולן. דער ריח איז אויך גיכער פון מאַשינאייל ווי פון עפּעס וואָס מע קאָן עסן".

פינטשע האָט שנעל צוזאַמענגענומען זײַנע פעקלעך. „כ'מוז עס אָוועקטראָגן צום פעטער מלך".

אויפן וועג אַראָפּ פון די טרעפּ האָט פינטשע געביסן זײַנע אייגענע ליפּן פון כעס. וואָס האָט ער פלוצלינג אַרײַנגעשלעפּט אין דעם זײַן פעטער מלך ? אים פּאַסט נישט צו נעמען קיצבה, און דעם פעטער מלך פּאַסט יאָ ? זײַן פעטער איז געווען דער ראָש־הקהל פון גורוויטש און וועט אַוודאי ווידער זײַן ראָש־הקהל נאָך דער מלחמה. דער פעטער איז נישט קיין קלענערער יחסן ווי זײַן פלימעניק, פינטשע".

ער איז שוין לאַנג נישט געווען בײַם פעטער מלך. שוין עטלעכע וואָכן פאַרבײַ זינט זײַן קוזינע ברכה איז געקומען צו אים זיך געזע־גענען און אים געזאָגט אַז זי און עטל מיט איר קינד פאָרן אַוועק קיין כעלמיש, דאָרט איז לײַכטער צו פאַרדינען אַ זלאָטע. ער האָט דאָך צוגע־זאָגט ברכהן אַלע מאָל אַרײַנצוגיין צו איר טאַטן אָבער האָט עס דערווײַל נישט געטאָן. ער מוז אַרײַנגיין צום פעטער מלך שוין איצט און זען צי ער האָט שוין אָפּגענומען די פּראָדוקטן אויף פּסח.

ווי וועט ער זיך אַרומשלעפּן מיט די אַלע פעקלעך ? ער מוז פריִער אַהיימפירן די פעקלעך, דערנאָך וועט ער צוריקקומען קיין וואַרשע און גיין צום פעטער מלך.

ביז ער וועט פאָרן קיין פּראַגע און צוריק וועט אַוועק אַ האַלבער טאָג און עס קאָן זײַן צו שפּעט. אפשר ווייסט גאָר נישט דער פעטער מלך אַז מע גיט מצות אויף פּסח. ער איז איצט נאָר איין גאַס פון בערעקס הויז.

„ס'איז פאַר מײַן פעטער מלך", האָט פינטשע געזאָגט מאַניען ווען ער האָט אַרײַנגעשטעלט צו איר אין שטוב זײַנע פעקלעך. ער האָט גע־

האַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט, נישט געוואָלט זען איר פּנים און דער־קענען וואָס זי טראַכט.

פּינטשע האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דעם טונקעלן צימער און קוים געפונען זײַן פּעטער. ער האָט געזען עפּעס שוואַרצס אויפן ווײַסן קישן אין בעט, און פאַרשטאַנען אַז דאָס שוואַרץ איז דאָס קאַפּל, די יאַרמלקע וואָס דער פעטער טראָגט אויפן קאָפּ. ווען ער איז צוגעקומען נענטער האָט ער שוין געקאָנט אונטערשיידן דאָס גרויע פּנים און די גרויע באָרד פון דעם גרוילעך ווײַסן בעטגעוואַנט.

איידער מע האָט אַרויסגעטריבן פון גורוויטש האָט דעם פעטער מלכס ברוינע באָרד געהאַט ווייניק גרויע פעדעם, איצט — קיין איין טונקעלע האָר.

„דער פעטער איז קראַנק?" האָט פּינטשע געפרעגט.

„פאַרקילט".

„שוין לאַנג?"

דער פעטער האָט נאָר אַ ברום געטאָן.

„פאַר וואָס האָט דער פעטער נישט געלאָזט וויסן?"

מלך האָט נאָר אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען.

„דער פעטער האָט געדאַרפט שיקן עמעצן, אָדער בעטן עמעצן טעלעפאָנירן צו מײַן שווער, דער שווער וואָלט מיר שוין מודיע געווען".

„דו ביסט דען אַ דאָקטער?"

„קיין דאָקטער בין איך נישט, אָבער עפּעס ברענגען, עפּעס דער־לאַנגען..."

„עט", האָט מלך עס אָוועקגעמאַכט.

„מע גיט מצות אויף פּסח און אַנדערע פּראָדוקטן".

„כ'ווייס".

„דער פעטער האָט שוין אָפּגענומען?"

מלך האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט.

פּינטשע האָט גענומען דעם פעטערס באַנע, די שפּײַז־צוטייל־קאַרטע, צו ווײַזן אַז ער קומט נישט נעמען נאָך אַ מאָל פאַר זיך, און געזוכט אין וואָס צו ברענגען די פּראָדוקטן, אָבער נישט געפונען. ער מוז צוריקגיין אויף לעשנע, מאַניע וועט זיכער האָבן אַ צוויי ליידיקע פלאַשן און עפּעס אין וואָס אַרײַנצולייגן די פּראָדוקטן".

צוויי ליידיקע פלאַשן האָט מאַניע געהאַט אָבער קיין טאָרבעס האָט

זי נישט געהאַט. די פּירט אירע אײַנגעקױפֿטע פּראָדוקטן אין אַלעקס׳ וועגעלע.

אָן צו פרעגן דערלויבעניש האָט פינטשע אַרויסגעלייגט זײַנע פּראָ־דוקטן אויף דער פּאָדלאָגע. די צוויי פלאַשן אייל האָט ער געהאַט אַרײַנ־געלייגט אין אַ לעדערנער טעקע. פון איין פלאַש האָט זיך אַרויסגעגליטשט דער פּראָפּן, עס איז געווען מער אייל אין דער טעקע ווי אין דער פלאַש. ער האָט קאַליע געמאַכט אַ לעדערנע האַנטאַש וואָס איז ווערט געווען אפשר מער ווי די אַלע פּראָדוקטן, אָבער ער האָט זיך איצט מער געזאָרגט וועגן מאַניעס קיך־פּאָדלאָגע וואָס איז אויסגעשמירט געוואָרן מיט שטינ־קענדיקן אייל.

עס האָט זיך שיִער נישט אַרויסגעגליטשט פון זײַן מויל אַז ער דאַרף די ליידיקע טאָרבעס צו גיין נעמען שפּײַז פאַרן פּעטער מלך און קוים זיך צוריקגעכאַפּט. ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער האָט שוין געזאָגט אַז דאָס וואָס ער האָט פריִער איבערגעלאָזט איז פאַרן פּעטער מלך. וויפל פּעטער מלכס קאָן דען אַ מענטש האָבן? ער האָט אַפילו נישט געהאָלפן מאַניען אָפּרייניקן די פּאָדלאָגע, נאָר געכאַפּט די ליידיקע טאָרבעס, די פאַרפּעצטע לעדערנע טעקע מיט די צוויי ליידיקע פלאַשן, און געלאָפן צוריק זיך שטעלן אין דער ריי.

פינטשע איז געזעסן מיט זײַנע פּעקלעך אין דעם טראַמוויי קיין פּראַגע און געפּרוווט צו פאַרשטיין זיך אַליין. צוערשט האָט מינדעלע נישט געקאָנט פועלן בײַ אים ער זאָל גיין צו בערעקן ווײַל ער האָט זיך געשעמט צו קומען מיט צעריסענע שיך, און פּלוצלינג האָט ער אין גאַנצן אויסגעטאָן דאָס „שעמהיטל״ און זיך באַוויזן פאַר מאַניען מיט זײַנע געשנאָרעטע פּראָדוקטן. וואָס איז געשען מיט אים אין די לעצטע פאַר וואָכן?

אין דער סחורה וואָס ער האָט מיט מסירת־נפש געשמוגלט פון גורוויטש האָט ער קיין וואָזשנעם ריווח נישט געמאַכט. אַ העלפט האָט ער געדאַרפט געבן דער פּאַני סאָבוטקאַ וואָס איז געפאָרן מיט אים, און איר איידעם וואָס האָט גאַראַנטירט די סחורה פון די דײַטשן. חוץ דעם האָבן שמאַלצאָווניקעס בײַ אים צוגענומען אַ גרויס שטיק סחורה.

די סחורה וואָס ער האָט באַקומען פון אַן אַלטן בעל־חוב האָט ער דווקא גוט פאַרקויפט, אָבער פאַר דעם געלט האָט ער אײַנגעקויפט מאַ־טעריאַל צו פאַבריצירן זייף. צוויי טעג איז ער געזעסן בײַ דער סאָבוטקאַ איז הויז און געפּאָרעט זיך אַרום די גרויסע קעסלען ווו עס האָט זיך

געקאָכט די זייף. אָבער אין דער סאָבוטקאָס רעצעפּט פאַר זייף האָט, ווײַזט אויס, עפּעס געפעלט. עס האָט זיך נישט געהאַרטעוועט, און מע האָט געמוזט פאַרקויפן די פליסיקע זייף אונטערן קרן. אמת, ער האָט נאָך אַ פּאָר זלאָטעס, ער האָט נאָך חפצים צו פאַרקויפן. די לעדערנע טעקע וואָס איז אַ תל געוואָרן פון דעם אייל האָט ער טאַקע אויך גערעכנט צו פאַרקויפן, מע קאָן אויסשנײַדן פון דעם לעדער אַ צוויי פּאָר שיך. אָבער ער פאַרדינט נישט, די מיטלען לאָזן זיך אויס, ער האָט אַ קליין קינד וואָס דאַרף שוין עפּעס חוץ דעם זייגן. מינדעלע, אַ זייגערין, דאַרף אַ גלאָז מילעך און אַ נערעוודיקן מאָלצײַט. זינט דער פראָסט האָט געפּלאַצט, בושעוועט ווידער דער טיפוס און גרײַפט אָן קודם די וואָס זענען אָפּגעשוואַכט. זײַן ווײַב און זײַן קינד וועלן נישט הונגערן, אַפילו אויב ער זאָל דאַרפן אָנקומען צו קיצבה! ניין, ער האָט נישט קיין חרטה וואָס עס איז אים פּלוצלינג אײַנגעפאַלן די משוגעת צו גיין נעמען פּסח־פּראָדוקטן בײַ דער יידישער אַליינהילף.

ווען פינטשע האָט אין דער היים אָוועקגעשטעלט זײַנע פּעקלעך, האָט מינדעלע דערזען אַז זײַן פּאַלטן איז אין גאַנצן אַדורכגעפּעצט מיט אייל. אויב מע וועט עס נישט קאָנען אויסרייניקן וועט ער האָבן יענעם ריווח...

אַז עס נעמט עמעצן גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ...

ג.

די גאָסן־הילכערס פאַר דײַטשע ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן, די „בילערס״, ווי יידן האָבן עס גערופן, האָבן געבילט אַ גאַנצן טאָג. די קאָמוניקאַטן האָבן ציטירט די נײַעס־קעפּ אין דער דײַטשער פּרעסע: „דײַטשלאַנד ראַטעוועט סקאַנדינאַוויע״ איז געווען דער הויפּטקאָפּ אין דעם ׳פעלקישן באַאָבאַכטער׳; „ענגלאַנד שפּרײַזט קאַלטבלוטיק איבער די טויטע קערפּערס פון קליינע פעלקער, דײַטשלאַנד באַשיצט די שוואַכע מלוכות פון די ענגלישע באַנדיטן״... האָט געשריבן די „בערזען צײַטונג״ און אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז נאָרוועגיע וועט אײַנזען ווי גערעכט דײַטשלאַנד איז און אַז דײַטשלאַנדס אַקציע איז אויסן נאָר צו ראַטעווען נאָרוועגיע פון די ענגלישע באַנדיטן און צו פאַרזיכערן די פרײַהייט פון דעם נאָרוועגישן פאָלק.

„דאָס איז דער אָנהייב פון זייער סוף", האָט מען זיך געטרייסט. זיי ווייסן דאָך אַז זיי קאָנען נישט בלאָפן אונדז וואָס האָבן געזען ווי אַזוי זיי האָבן פאַרזיכערט די פרײַהייט פון פוילישן פאָלק; זיי קאָנען אויך מער נישט בלאָפן די וועלט וואָס האָט געזען ווי אַזוי זיי האָבן פאַרזיכערט די פרײַהייט פון טשעכישן פאָלק. ווען מען האָפן די דײַטשע צײַטונגען אָפּצונאַרן? עס מוז זײַן אַז די דײַטשן בונטעווען זיך קעגן היטלערס מלחמות און היטלער איז געצווייט צו בלאָפן זײַן אייגן פאָלק. אַפילו אַן אייגן פאָלק קאָן מען נישט אָפּנאַרן צו לאַנג, אויסהונגערן צו לאַנג, און שיקן אויף די שלאַכטפעלדער אָן אויפהער.

ייִדן וואָס האָבן געקענט געאָגראַפיע האָבן באַוווּנדערט די כיטרעקייט פון די ענגלענדער. עס איז נישט קיין ספק אַז מע נאַרט אַרײַן דעם דײַטשן פלאָט אין די פיאָרדן. ווען די דײַטשע שיפן וועלן שוין זײַן אינעווייניק, וועט אין דעם מויל פון פיאָרד פלוצלינג זיך באַווײַזן דער ריזיקער בריטישער ים־פלאָט. ער וועט פאַרשטעלן דעם וועג אַרויס, און די דײַטשע שיפן וועלן בלײַבן געפאַנגען ווי אין אַ פאַסטקע. מילא, אַז היטלער האָט זיך געלאָזט אַרײַננאַרן — וואָס קאָן מען זיך ריכטן פון אַ מטורף? דער חידוש איז נאָר וואָס די „ווערמאַכט" האָט דערלאָזט דערצו. אַכיבע עס איז אמת אַז די גענעראַלן פון דער „ווערמאַכט" קוקן אויס אויף אַ מפלה צו קאָנען אַראָפּוואַרפן דעם „יעפרייטער" פון זײַן גדולה.

## נאָטיצן פון דער צײַט

די פירשטנשאַפטן שלעזוויק און האָלשטיין זענען הונדערטער יאָרן געווען פאַרבונדן מיט דענמאַרק. אין בײדע פירשטנשאַפטן זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן גערעדט דעניש און אויך אַזעלכע וואָס האָבן גערעדט דײַטש. דענמאַרק האָט אין איר פאַרלויף פון איר געשיכטע געהאַט אָפטע גרענעץ־קאָנפליקטן מיט דײַטשלאַנד איבער די פירשטנשאַפטן.

אין יאָר 1412 איז אויפן דענישן טראָן אַרויף עריק דער זיבעטער, וואָס איז געבוירן געוואָרן אַ דײַטש. זינט דעמאָלט זענען אין דענמאַרק געווען אַ צאָל מאָנאַרכן און פירשטן פון דײַטשן אָפּשטאַם.

ביסמאַרק האָט מיט מלחמה און קלוגע מאַנעווורעס געבראַכט צו דעם ווינער־אָפּמאַך פון 1864 ווו דענמאַרק איז געצווייט געוואָרן זיך אָפּצוזאָגן פון שלעזוויק און האָלשטיין לטובת עסטרײַך און פרײַסן. פרײַסן האָט

באַלד איינגעפירט אַ געצוווּנגענע גערמאַניזאַציע. ווער עס האָט געוואָלט אָנהאַלטן זיין דענישע נאַציאָנאַליטעט האָט געמוזט פאַרלאָזן די פירשטנ־שאַפטן.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דענמאַרק געבליבן נייטראַל; פון דעסט וועגן האָט זי אויף דער פאָדערונג פון דייטשלאַנד פאַרלייגט מינענפעלדער אין די אַריינגענג צו אירע טעריטאָריאַלע וואַסערן. די ענגלישע פראָטעסטן האָבן נישט געבראַכט קיין רעזולטאַט.

אין 1920 איז אין הסכם מיטן ווערסיילער טראַקטאַט אָדורכגעפירט געוואָרן אַ פּלעביסציט אין טיילן פון שלעזוויק. איין טייל וואָס ליגט צפון פון דעם פלענסבורג־פיאָרד האָט געשטימט זיך אָנצושליסן צוריק מיט דענמאַרק, און אַזוי איז עס געשען.

היטלער האָט נישט אַרויסגערוקט קיין טעריטאָריאַלע פאָדערונגען קעגן דענמאַרק און אַפילו נישט געפאָדערט צוריק דאָס שטיקל שלעזוויק. אין 1939 האָט דייטשלאַנד געשלאָסן אַ נישט־אַנגריף־פּאַקט מיט דענ־מאַרק. צווישן די צוויי שכנים האָבן געהערשט גאָר פריינדלעכע און אינטענסיווע האַנדל־באַציִונגען. עס האָט אַלע מאָל געהערשט אַ געפיל פון קרובישאַפט צווישן די צוויי פעלקער, נישט־געקוקט אויף דעם שלעז־וויק־האָלשטיין־פּראָבלעם.

די נאַצישע פּראָפּאַגאַנדע האָט געטרומייטערט וועגן דער שותפות־דיקייט פון דער נאָרדישער קולטור, וועגן דער דערהויבנקייט פון דער נאָרדישער ראַסע וואָס נעמט אַריין די בלאָנדע בלויאויגיקע דענער, נאָרוועגער און שוועדן, און געחלומט אויפן קול אַז די נאָרדישע פעלקער, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון די גערמאַנער, וועלן הערשן איבער דער וועלט.

ווען נאָרוועגיע און דענמאַרק זענען נאָך געווען פאַרבונדן אין איין מלוכה האָבן די אַמפּערנישן וועגן שלעזוויק־האָלשטיין אָנגערירט אויך נאָרוועגיע, אָבער זינט דעם יאָר 1905 ווען נאָרוועגיע איז געוואָרן אַ באַזונדערע מלוכה, איז די פריינדשאַפט צווישן נאָרוועגיע און דייטשלאַנד נישט געשטערט געוואָרן דורך קיין שום קאָנפליקטן. טאַקע אין 1905 האָט נאָרוועגיע אין דעמאָקראַטישע וואַלן אויסגעקליבן פאַר איר קעניג דעם פּרינץ קאַרל פון דענמאַרק, אַ ברודער פון דעם דענישן קעניג. קאַרל האָט, אָנבינדנדיק צו נאָרוועגישער געשיכטע, זיך גערופן האַאַקאָן דער זיבעטער. דעם נייעם קעניגס ווייב, מאָוד, איז געווען די יינגסטע טאָכטער פון דעם ענגלישן קעניג עדוואַרד דעם זיבעטן. דאָס האָט נישט געשטערט אַז

נאָרוועגיע זאָל עקשנותדיק בלייבן נייטראַל בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

נאָרוועגיע האָט פּראָקלאַמירט איר נייטראַליטעט אויך בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָבער זי האָט דערלויבט היטלערן צו זיכערן דעם צושטעל פון שוועדיש רוי אייזן דורך דעם נאָרוועגישן פּאָרט נאַרוויק. די דייטשע שיפן זענען געשווומען פון נאַרוויק קיין דייטשלאַנד לענג־אויס די נאָרוועגישע ברעגעס, אין די נאָרוועגישע טעריטאָריאַלע וואַסערן ווו די ענגלענדער האָבן זיי נישט געטאָרט אָנגרייפן.

נאָך פאַר דעם אָנגריף אויף פּוילן און איידער ענגלאַנד האָט בלאָקירט די ימען, האָט היטלער אַרויסגעשיקט צום ווייטן אַטלאַנטיק די מלחמה־שיפן גראַף ספּעי און אַלטמאַרק. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן איז די דייטשע צעשטערערס געראָטן נעלם צו ווערן. זיי האָבן זיך באַוויזן פּלוצלינג, אַלע מאָל אין אַן אַנדער אָרט, און אָנגעפאַלן אויף ענגלישע קאָנוואָיען. עס איז זיי געראָטן צו זינקען אַ גרויסע צאָל ענגלישע שיפן. סוף־כּל־סוף האָבן די ענגלענדער געכאַפּט די גראַף ספּעי ביי מאָנטעווידעאָ און זי דאָרט געזונקען. די אַלטמאַרק האָט זיך אַרויסגעדרייט און נעלם געוואָרן. צוויי חדשים האָט די אַלטמאַרק זיך באַהאַלטן אין דרום־אַטלאַנטיק ביז דעם 14טן פעברואַר 1940, ווען אַן ענגלישער אויסשפּיר־עראָפּלאַן האָט זי דערזען אין נאָרוועגישע טעריטאָריאַלע וואַסערן צווישן איסלאַנד און די פאַרעאָ־אינדזלען. עס איז געווען באַוווּסט אַז די אַלטמאַרק פירט קרוב צו דריי הונדערט ענגלישע מאַטראָסן פון געזונקענע ענגלישע שיפן.

ענגלישע צעשטערשיפן זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן מיטן באַפעל צו מאַכן אַ רעוויזיע אויף דער אַלטמאַרק. די דייטשע שיף האָט זיך באַהאַלטן אין דעם שמאָלן יאָסינג־פיאָרד. ביים מויל פון פיאָרד האָבן צוויי נאָרוועגישע שיסשיפלעך פאַרהאַלטן די ענגלישע שיפן, די נאָרוועגער האָבן געזאָגט אַז זיי האָבן שוין געמאַכט אַ רעוויזיע אויף דער אַלטמאַרק און די שיף האָט שוין באַקומען דערלויבניש צו שווימען קיין דייטשלאַנד דורך נאָרוועגישע וואַסערן.

נאָכן פאַרשטענדיקן זיך מיט לאָנדאָן האָט קאַפּיטאַן וויאַן פון דעם ענגלישן קרייצער קאָזאַק געפאָדערט אַז די נאָרוועגער זאָלן צוזאַמען מיט אים אָוועקפירן די אַלטמאַרק צו דעם נאָרוועגישן פּאָרט בערגען כּדי זי זאָל אין בערגען דורכגיין אַ רעוויזיע, ווי עס פאָדערן די אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן.

די נאָרוועגער האָבן ווידער אָפּגעזאָגט. זיי האָבן שוין צוויי מאָל געפּרוּווט אָפּשטעלן, ענייני און גרינטלעך דורכגעזוכט די דײַטשע שיף, האָבן זיי פאַרזיכערט, זי איז נישט באַוואָפנט און פירט נישט קיין ענגלישע געפאַנגענע. קאַפּיטאַן וויאַן האָט געענטפערט אַז ער גייט אַרויפזעצן זײַנע מענטשן אויף דער אַלטמאַרק, דער נאָרוועגישער קאַפּיטאַן קאָן קומען מיט אים און צוזאַמען מיט אים אַדורכפירן די רעוויזיע. דער נאָרוועגישער קאַפּיטאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט.

די אַלטמאַרק האָט דערווײַל פּראָבירט זיך אַרײַנשטויסן אין דעם ענגלישן צעשטערער און איז אַרויף אויף באָדן. די קאָזאַק איז צוגעשווומען און נאָך אַ קורצן געראַנגל זענען די ענגלענדער אַרויף אויף דער דײַטשער שיף. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די נאָרוועגער זענען טאַקע געווען אויף דער אַלטמאַרק, אָבער קיין רעוויזיע האָבן זיי נישט געמאַכט. עס איז געפונען געוואָרן וואָפן, און צוויי הונדערט פינעף און נײַנציק ענגלישע געפאַנגענע זענען באַפרײַט געוואָרן.

דער נאָרוועגישער פּרעמיער־מיניסטער, פּראָפעסאָר קאָהט, האָט שאַרף פּראָטעסטירט וואָס ענגלישע שיפן האָבן פאַרגוואַלטיקט נאָרוועגישע נייטראַליטעט. טשיימבערלען האָט אין ענגלישן פּאַרלאַמענט פּראָטעסטירט קעגן דעם וואָס נאָרוועגיע האָט געעפנט די טעריטאָריאַלע וואַסערן פאַזע איר הונדערטער מײַלן לאַנגן ברעג פאַר דײַטשע מלחמה־שיפן און לאָזט פירן דורך זיי בריטישע מאַטראָסן צו אַ דײַטשן געפאַנגען־לאַגער.

אין נאָרוועגיע האָבן זיך אַלע מאָל געפונען אַ סך געסט פון דײַטשלאַנד. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דײַטשלאַנד איז געווען פאַראָרעמט און אויסגעהונגערט, האָבן גוטהאַרציקע נאָרוועגער געעפנט זייערע הײַזער פאַר טויזנטער דײַטשע קינדער און געגעבן זיי אַ וואַרעמע, זאַטע היים ביז זיי האָבן געקאָנט צוריק פאָרן קיין דײַטשלאַנד. די דעמאָלטיקע קינדער זענען דערווײַל אויפגעוואַקסן. זיי האָבן געקענט דאָס לשון און געהאַט נאָענטע וואָס האָבן זיי אַלע מאָל אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. זיי פלעגן קומען ווי געשעפט־אַגענטן, ווי לערערס, אָדער כּתם אויף אַ פרײַנדשאַפט־וויזיט צו די נאָרוועגער וואָס האָבן זיי געהאַלטן כּמעט ווי קרובים.

מיט־מאַרץ 1940 האָט דער האָלענדישער מיליטערישער אַטאַשע אין בערלין זיך דערוווּסט, אַז די דײַטשן פּלאַנען אַן אינוואַזיע אויף דענמאַרק און נאָרוועגיע. ער האָט די אינפאָרמאַציע איבערגעגעבן דעם דענישן ים־

פלאַט־אַטאַשע אין בערלין, קאַפּיטאַן קיאָלסען. די ידיעה איז גלייך איבערגעשיקט געוואָרן קיין קאָפּענהאַגן.

נישט געהערט פון דער היים, האָט דער דענישער אַמבאַסאַדאָר אין בערלין דעם פערטן אַפּריל געשיקט קיאָלסענען קיין קאָפּענהאַגן ער זאָל אייגנהענטיק איבערגעבן וועגן דעם געפּלאַנטן דײַטשן אָנגריף. דעם אַכטן אַפּריל האָבן די אַלייִרטע טאָרפּעדירט אַ דײַטש טרופּנשיף בײַ דעם דרום־ברעג פון נאָרוועגיע, צפון פון דענמאַרק. דעם זעלביקן טאָג האָט מען געזען אַ גרויסן דײַטשן ים־כּוח שווימען צפון־צו צווישן די דענישע אינדזלען, אונטער דער פּראָטעקציע פון די דענישע טעריטאָריאַלע וואַסערן. דער דענישער קעניג האָט דעם אָוונט געמיטלעך געשמועסט מיט זײַנע געסט בײַם טיש און דערנאָך געגאַנגען אין קעניגלעכן טעאַטער.

די נאָרוועגישע רעגירונג איז נאָך אין מאַרץ געוואָרנט געוואָרן דורך אירע פאַרשטייערס אין בערלין און אויך דורך דער שוועדישער רעגירונג, אַז דײַטשלאַנד קאָנצענטרירט מיליטער און מלחמה־שיפן אין צפון־ים און אין די באַלטישע פּאָרטן, קעגן איבער דענמאַרק און נאָרוועגיע. דעם פינעפטן אַפּריל זענען קיין אָסלאָ אָנגעקומען ידיעות פון באַגלייבטע קוואַלן אַז די דײַטשן וועלן אַ ליאַדע טאָג לאַנדן אויפן דרום־ברעג פון נאָרוועגיע. אָבער די רעגירונג איז געבליבן סקעפּטיש.

אין אָוונט פון דעם פינעפטן האָט דער דײַטשער אַמבאַסאַדאָר אין אָסלאָ פאַרבעטן צו זיך משפיעדיקע נאָרוועגער, רעגירונג־מיטגלידער צווישן זיי, און האָט פאַר די געסט געוויזן אַ דאָקומענטאַרן־פילם וועגן דער מלחמה אין פּוילן. אויף דער לייוונט האָט מען געזען די גאַנצע אַכזריות פון די שלאַכטן. בילדער פון דעם באָמבאַרדירטן וואַרשע האָבן געוויזן דעם גאַנצן גרויל פון אַ באַלאַגערטער שטאָט וווּ גאַס נאָך גאַס ווערט אָפּגעווישט פון דער ערד. דער פילם האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ צושריפט: „דאָס האָבן די פּאָליאַקן צו פאַרדאַנקען זייערע פראַנצויזישע און ענגלישע פרײַנד".

דעם זיבעטן אַפּריל האָט מען שוין געזען דײַטשע מלחמה־שיפן לענג־אויס די ברעגעס פון נאָרוועגיע; עס זענען אויך אָנגעקומען באַריכטן אַז ענגלישע עראָפּלאַנען האָבן באַשאָסן דײַטשע מלחמה־שיפן אין צפון־ים, בײַם מויל פון סקאַגעראַק־אײַנגאַס.

דעם אַכטן אַפּריל האָט די בריטישע אַדמיראַליטעט אינפאָרמירט די נאָרוועגישע לעגאַציע אין לאָנדאָן, אַז אַ גרויסער דײַטשער ים־כּוח דערנענטערט זיך צו נאַרוויק אין צפון־נאָרוועגיע. דעם זעלביקן טאָג

האָט די פּוילישע אונטערוואַסער־שיף אָזשעל געזונקען די דײַטשע טראָנספּאָרט־שיף ריאָ דע זשענײַראָ נעבן דעם נאָרוועגישן ברעג בײַ לילעסאַנד. די דײַטשע זעלנער וואָס נאָרוועגישע פישערלײַט האָבן אַרויסגעצויגן פון וואַסער האָבן דערקלערט אַז זיי זענען געווען אויפן וועג קיין בערגען צו פאַרטיידיקן דעם פּאָרט קעגן די ענגלענדער.

רוסלאַנד האָט פאַרמאַכט די אויגן און נישט געשלאָסן אירע פּאָרטן פאַר דעם אָנגרײַפערס שיפן. דער רוסישער פּאָרט אויפן אַרקטישן ים מורמאַנסק האָט שוין לאַנג געדינט די דײַטשן און זייער פלאָט. פריִער איז עס פאַר די דײַטשן געווען נאָר אַן אומוועג אויסצומײַדן די ענגלישע בלאָקאַדע פון די ימען. איצטער, אין צוגרייטונג צו דער אינוואַזיע פון נאָרוועגיע, האָט די גרעסטע דײַטשע טאַנקשיף גענומען נאַפט אין מור־מאַנסק, און דעם זעקסטן אַפּריל אָפּגעשוווּמען קיין נאַרוויק.

דאָס אַלץ איז געשען שוין נאָכן געצוווּנגענעם אַנשלוס פון עסט־רײַך, נאָכן אַנעקסירן סודעטן־לאַנד, נאָכן צונעמען מעמעל און פאַרכאַפּן גאַנץ טשעכאָסלאָוואַקײַ, דאָס איז געווען שוין נאָכן בליצאָנגריף אויף פוילן. די נאָרוועגישע רעגירונג האָט, נישט־געקוקט אויף אַלע וואָרענונ־גען וואָס זי האָט באַקומען, נישט מאָביליזירט איר אַרמיי, נישט באַזעצט אירע פּאָרטן און פעסטונגען מיט מיליטער, נישט בלאָקירט די לופטוועגן אויף אירע לופטפעלדער, אַז אַן אָנגרײַפער זאָל דאָרט נישט קאָנען לאַנדן זײַנע עראָפּלאַנען, און נישט מינירט די שמאָלע וואַסערוועגן צו אירע שטעט, אַפילו נישט צו איר הויפּטשטאָט אָסלאָ.

דער ערשטער לאָרד פון דער בריטישער אַדמיראַליטעט, סיר ווינסטאָן טשוירטשיל, האָט נאָך אין סוף סעפּטעמבער 1939 געפאָדערט מע זאָל פאַרלייגן מינעס אין די אַרײַנגענג צו די נאָרוועגישע וואַסערן און נישט דערלאָזן דער נאָרוועגישער פּאָרט נאַרוויק זאָל שפּײַזן די דײַטשע מלחמה־אינדוסטריע מיט שוועדיש רוי אײַזן. אָבער די אַלײִרטע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פוגע צו זײַן נאָרוועגיעס נייטראַליטעט.

דעם נײַנצעטן פעברואַר איז די בריטישע אַדמיראַליטעט יאָ אויטאָ־ריזירט געוואָרן צוצוגרייטן דאָס לייגן די מינעס, אָבער צען טעג שפּעטער איז די אויטאָריזאַציע צוריקגעצויגן געוואָרן. ענגלאַנד האָט דערווײַל זיך דערוווּסט אַז די דײַטשן קאָנצענטרירן אַ גרויסן ים־כּוח אין צפון־ים און אין באַלטיק, אָבער מע האָט געזאָגט אַ סברה אַז דאָס גרייט נאָר דײַטשלאַנד אַן ענטפער אין פאַל אַז ענגלאַנד זאָל אָנגרײַפן.

די פראַנצויזן וואָס זענען פריִער געווען קעגן מינירן די נאָרוועגישע וואַסערן האָבן איצט שוין געפאָדערט עס צו טאָן, אָבער היות פראַנקרײַך האָט פריִער נישט דערלאָזט מע זאָל זייען שווימענדיקע מאַגנעטישע מינעס אין טײַך רהײַן, אויס מורא אַז די דײַטשן וועלן זיך נוקם זײַן מיט באָמבעס אויף פראַנצעזישע שטעט, האָט טשיימבערלען איצט גע־שטעלט אַ באַדינג: ענגלאַנד וועט אויספירן דאָס מינעווען נאָרוועגיע נאָר אויב פראַנקרײַך וועט מסכּים זײַן צו דער אַקציע אין רהײַן. עס האָט גענומען ביז דעם אַכט און צוואַנציקסטן מאַרץ אַז דער העכסטער מיליטערישער ראַט פון די אַלייִרטע זאָל באַשטעטיקן דעם פּלאַן, און נאָך זעקס טעג ביז די ענגלישע רעגירונג האָט באַשלאָסן עס אויסצופירן אָן באַדינגען. עס איז שוין געווען דער אַכטער אַפּריל ווען פיר בריטישע צעשטערשיפן האָבן פאַרלייגט אַ מינענפעלד בײַם מויל פון וועסט־פיאָרד וואָס פירט צו נאַרוויק.

דעם פינעפטן אַפּריל האָט דער ענגלישער פּרעמיער־מיניסטער טשיימבערלען געהאַלטן אַן אָפּטימיסטישע רעדע. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט ער געזאָגט, איז דײַטשלאַנד געווען גרייט אָבער נישט די אַלייִרטע. נאָך זיבן חדשים האָבן די אַלייִרטע זיך געשטאַרקט אויף אַזוי פיל, אַז וואָס נאָר די ווײַטערדיקע טעג זאָלן ברענגען זענען מיר גרייט דערצו. היטלער האָט געקאָנט אָנגרײַפן ענגלאַנד ווען מיר זענען נאָך געווען שוואַך, איצטער האָט ער פאַרשפּעטיקט דעם אויטאָבוס.

דעם טאָג זענען די דײַטשע אָנגריף־כּוחות שוין געווען אויפן וועג קיין נאָרוועגיע און דענמאַרק.

אין דער נאַכט פון דעם אַכטן אויפן ניַינטן אַפּריל זענען דײַטשע מלחמה־שיפן צוגעשוווּמען צום אָסלאָ־פיאָרד און פאַר טאָג זענען זיי אָנגעקומען צום אָרט ווו עס זענען געווען קאָנצענטרירט די בונקערס מיט דער ברעג־אַרטילעריע.

די דײַטשע אָנגריפשיפן האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר ענגלישע שיפן; יעדע שיף האָט געהאַט צוגעגרייט אַ נאָמען פון אַן ענגלישער שיף. זיי האָבן געהאַט אינסטרוקציעס צו ענטפערן אין ענגליש אויב די נאָרוועגישע כּוחות זאָלן שיקן אַ מאָרס־שיפער.

צוואָנציק מינוט נאָך פיר פאַר טאָג האָט דער דײַטשער מיניסטער אין קאָפּענהאָגן אויפגעוועקט דעם דענישן אויסערן־מיניסטער און אים איבערגעגעבן אַן אולטימאַטום אַז דענמאַרק זאָל תּיכּף אַקצעפּטירן די פּראָטעקציע פון דײַטשן רײַך. די דײַטשן קומען נישט ווי שונאים נאָר

ווי פרײַנד מיט אַ העלפנדיקער האַנט כּדי צו דערמעגלעכן דענמאַרק זי זאָל זיך קאָנען פאַרטיידיקן קעגן אַן ענגליש־פראַנצעזישן אָנגריף. דײַטש־לאַנד גיט די פאַרזיכערונג אַז זי וועט נישט נוצן די באַזעצטע פּונקטן ווי באַזעס אין קאַמף קעגן ענגלאַנד. אין הסכּם מיט די לאַנגיאָריקע גוטע באַציִונגען צווישן די צוויי פעלקער, פּראָקלאַמירט די רײַכס־רעגירונג אַז דײַטשלאַנד וועט נישט אָננעמען קיין שום שריט, איצטער אָדער להבא, וואָס זאָל אָנרירן די אומאָפּהענגיקייט אָדער די טעריטאָריאַלע גאַנצקייט פון דעם באַזעצטן דענישן קעניגרײַך.

געניוי אין דער זעלביקער צײַט האָט דער דײַטשער מיניסטער אין אָסלאָ אויפגעוועקט דעם אויסערן־מיניסטער פון נאָרוועגיע און אים אי־בערגעגעבן אַן אולטימאַטום מיט אַן ענלעכן אינהאַלט.

אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ אין בערלין האָט ריבענטראָפּ דעקלאַ־רירט, אַז מיטן באַזעצן דענמאַרק און נאָרוועגיע האָט דײַטשלאַנד גערא־טעוועט פון אומגליק אַ חשובן טייל פון אייראָפּע.

די דײַטשע רעגירונג האָט זיך פאַררופן אויף לאַנגיאָריקער פרײַנד־שאַפט און געהאַנדלט ווי אַ שׂונא אויף לעבן און טויט. די נאָרוועגיער זענען געוואָרן נאָך מער שאָקירט ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די אַמאָליקע קינדערגעסט, די אינטימע פרײַנד, כּמעט קרובים, זענען געווען שפּיאָנען, און קומען איצט צוריק צו הערשן איבער זייערע פריִערדיקע גאַסטגעבערס.

דער נאָרוועגישער פלאָט האָט געשטעלט אַ העלדישן ווידערשטאַנד. עטלעכע דײַטשע שיפן זענען צעשטערט געוואָרן, די אַנדערע זענען גע־צוווּנגען געוואָרן זיך צוריקצוציִען. אָבער די ברעגעס זענען נישט געווען גענוג באַוואַכט און די דײַטשן איז געראָטן אַרויסצוזעצן מיליטער אויף דער יבשה. אויך די פליפעלדער זענען נישט געווען באַוואַכט און די אָנגרײַפערס האָבן נישט אָנגעטראָפן קיין שום שטערונגען צו לאַנדן עראָפּ־לאַנען מיט מיליטער און געווער. דער נאָרוועגישער פלאָט האָט געוווּנען די ערשטע ים־שלאַכט; אָסלאָ איז פאַרשפּילט געוואָרן דורך נאַכלאַזיקייט אויף דער יבשה.

ווען ענגלישע שיפן האָבן פאַרלייגט מינענפעלדער בײַם אַרײַנפאָר צו וועסט־פיאָרד זענען דײַטשע מלחמה־שיפן שוין געווען אין דעם פיאָרד. זיי זענען אָנגעקומען אַהין אַ וואָך פריִער ווי מכלומרשע ליידיקע

משא־שיפן אויפצונעמען אין נאַרוויק רוי אײַזן. די „לײדיקע" שיפן זענען געווען פול מיט מלחמה־מאַטעריאַלן צוצוגרייטן אויף דעם וואָס דאַרף קומען.

דעם נײַנטן אַפּריל איז אין נאַרוויק געפאַלן אַ געדיכטער שניי. די נאַרוועגער האָבן געזען אַז צעשטערערס דערנענטערן זיך, אָבער איבער דער טונקלקייט פון פאַרטאָג און דורך דעם שניי, האָבן זיי געזען נאָר די קאָנטורן און נישט געוווּסט צי זיי זענען נישט פון דעם אייגענעם פלאָט. נאָך איידער די נאָרוועגער האָבן זיך אָריענטירט וואָס עס קומט פאָר, האָט זיך דערנענטערט אַ מאָטאָרשיפל מיט אַ דײַטשן אָפיציר. דער אָפיציר האָט געפאָדערט די נאָרוועגישע שיפן אין פאָרט זאָלן זיך אונטערגעבן. ווען די נאָרוועגער האָבן אָפּגעזאָגט זיך אונטערצוגעבן האָט זיך אַנטוויקלט אַ קורצער קאַמף, און אַלע נאָרוועגישע מלחמה־שיפן אין נאַרוויקער פאָרט זענען געזונקען געוואָרן דורך דײַטשע טאָרפּעדעס.

זיבן חדשים האָבן די אַלײַרטע דיסקוטירט וועגן דער וויכטיקייט פון נאַרוויקער פאָרט, אַז דאָס וואָס דער פאָרט איז אָפן פאַר די דײַטשן קאָן האָבן אַ השפעה אויפן אויסגאַנג פון דער מלחמה. אָבער ביז עס איז געקומען צון אַ הסכם עפּעס צו טאָן וועגן דעם איז נאַרוויק שוין געווען אין דײַטשע הענט. אין פאַרלויף פון אַכט און פערציק שעה האָבן די דײַטשן פאַרכאַפּט אַלע וויכטיקסטע פאָרטן אין נאָרוועגיע.

דער ענגלישער לופטפלאָט און דער ים־פלאָט האָבן באַלד אַטאַקירט די דײַטשן אין נאַרוויק און צעשטערט נײַן טראַנספּאָרט־שיפן. דעם צענטן פאַרטאָג האָבן פינעף בריטישע צעשטערערס ווידער אָנגעגריפן די דײַטשע מלחמה־שיפן אין נאַרוויק און צעשטערט אַ סך פון זיי. ווען די ענגלענדער האָבן זיך צוריקגעצויגן צוצוגרייטן אַ נײַעם אָנגריף האָבן זיי באַגעגנט דרײַ שיפן פון שונא. די דײַטשע כוחות זענען באַלד געשטאַרקט געוואָרן מיט נאָך דרײַ צעשטערערס וואָס האָבן זיך געהאַט באַהאַלטן אין נאָענטן באַלאַנגען־פיאָרד. די ענגלישע שיף האַרדי איז געזונקען געוואָרן און אויף איר איז געפאַלן דער קאָמענדאַנט פון דער גאַנצער אָפּעראַציע, וואַרבורטאָן לי. צוויי טעג שפּעטער האָט אַן ענגלישער כוח אָנגעגריפן נאַרוויק פון דער לופט און געטראָפן פיר דײַטשע צעשטערערס. צו מאָרגנס איז ווידער אַ גרעסערער ענגלישער ים־כוח אַוועק קיין נאַרוויק. אויפן וועג האָבן זיי אָנגעטראָפן אַ דײַטשן צעשטערער און אים געזונקען. ווען זיי זענען שוין געווען נאָר צוועלף מײַל פון נאַרוויק זענען זיי אָקעגנגעקומען פינעף דײַטשע צעשטערערס. נאָך אַ קורצן קאַמף, ווו די ענגלענדער האָבן געהאַט די איבערמאַכט, האָבן די דײַטשן פּראָבירט אַנטלויפן

אין פאַרשידענע ריכטונגען; די ענגלענדער האָבן זיי נאָכגעיאָגט און צעשטערט. ערשט נאָכן זינקען אַלע פינעף דײַטשע שיפן זענען די ענ־גלענדער אַוועק קיין נאַרוויק. זיי האָבן דאָרט געפונען אַכט דײַטשע צעש־טערערס וואָס זענען ניצול געוואָרן פון די פריִערדיקע אַטאַקעס. נאָך אַ קורצן קאַמף זענען אַלע דײַטשע צעשטערערס געזונקען געוואָרן. נאָר צוויי ענגלישע שיפן זענען געבליבן אין נאַרוויק צו האַלטן שמירה; דער הויפּט־כּוח האָט זיך צוריקגעצויגן און געוואַרט אויף אַ לאַנדונג־עקספּע־דיציע אַרויסצוזעצן ענגלענדער אויף דער יבשה און פאַרטרײַבן די דײַטשן.

לאָרד קאָרק, דער קאָמאַנדיר פון די ים־כּוחות וואָס זענען געשיקט געוואָרן צו באַשיצן די לאַנדונג האָט געפאָדערט דאָס זאָל פאַרקומען תּיכּף, כּל־זמן דער באַגרענעצטער דײַטשער כּוח אין נאַרוויק איז נאָך אָפּגעשניטן פון די דײַטשע הויפּט־כּוחות. אָבער דער קאָמאַנדיר פון די לאַנדונג־כּוחות, גענעראַל מאַקאַזי, האָט זיך אָקעגנגעשטעלט, זײַנע כּוחות זענען נישט צוגעגרייט צו קעמפן אין טיפע שנייען. פון לאָנדאָן זענען געקומען אינסטרוקציעס אַז אַ שנעלע אַקציע ווערט רעקאָמענדירט, אָבער גענעראַל מאַקאַזי האָט באַשלאָסן צו וואַרטן ביז דער שניי וועט צעגיין. פון לאָנדאָן איז געשיקט געוואָרן טעלעגראַמע נאָך טעלעגראַמע וועגן דער וויכטיקייט תּיכּף אײַנצונעמען נאַרוויק און טראָנדהײַם. גענע־ראַל מאַקאַזי האָט געוואַרט.

עס איז געבוירן געוואָרן אַ פּלאַן צו קאָנצענטרירן זיך קודם־כּל אויף טראָנדהײַם. דאָס צונעמען טראָנדהײַם בײַ די דײַטשן וועט אָפּשנײַדן פאַר זיי דעם וועג צום צפון און נאַרוויק וועט ווײַטער בלײַבן אָפּגעשניטן פון הויפּט־כּוח. גענויע פּלענער זענען צוגעגרייט געוואָרן, בריטישע פאַרפּאָסטנס האָבן שוין געהאַט פאַרכאַפּט נאַמסאָס, צפון פון טראָנדהײַם, און אַנדאַלסנעס פון דרום. דערנאָך האָט באַדאַרפט קומען אַן אָנגריף פון די ים־כּוחות דירעקט אויף טראָנדהײַם. ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט און די הויפּטן פון בריטישן גענעראַל־שטאַב זענען זיך צונויפ־מענגעקומען אויסצואַרבעטן די לעצטע באַפעלן, איז אַרויסגערוקט געוואָרן אַ מיינונג נישט צו ריזיקירן דעם פלאָט אין אַ דירעקטן אָנגריף. אַלע וואָס זענען פריִער געווען פאַר, זענען איצט געווען קעגן אַזאַן אַקציע. מע האָט אַרויסגערוקט אַ געדאַנק אַז די כּוחות פון נאַמסאָס זאָלן גיין אין דער ריכטונג פון דרום, און די כּוחות אין אַנדאַלסנעס — אין דער ריכטונג פון צפון, ביז זיי וועלן זיך צוזאַמענקומען און שאַפן אַ פינצעט אײַנצוקלעמען דעם שונא. נײַע פּלענער האָבן געפירט צוריק צו נאַרוויק, אָבער די דײַטשן האָבן דערווײַל מאָביליזירט אַלע מיליטערלײַט וואָס

האָבן זיך געראַטעוועט פון זייערע געזונקענע שיפן. מיט זיי האָבן די דײַטשן אין נאַרוויק דערווײַל פאַרשטאַרקט זייערע פּאָזיציעס, און די טיפע נאַרוויקער שנייען האָבן זיך נישט געאײַלט צעשמאָלצן צו ווערן.

לאָנדאָן האָט געוואָלט אַקציע און דערהויבן דעם מער אַגרעסיוון לאָרד קאָרק צו ווערן דער הויפּט־קאָמאַנדיר איבער אַלע כּוחות אַרום נאַרוויק. פאַר דער זיכערקייט פון אַן וווענטועלן אַנגריף האָט ער געדאַרפט שיקן אויסשפּיר־עראָפּלאַנען איבער נאַרוויק, פאַר דער זי־כערקייט פון די אויסשפּיר־עראָפּלאַנען האָט ער די אַקציע געוואָלט דעקן דורך באָמבאַרדירן נאַרוויק פון ים.

גענעראַל מאַקאַזי האָט זיך ווידער אַקעגנגעשטעלט. „נישטאָ קיין איין אָפיציר אָדער סאָלדאַט אונטער מײַן קאָמאַנדע“, האָט ער באַטאָנט, „וואָס וועט זיך נישט שעמען און פילן זיך שולדיק פאַר זײַן לאַנד און פאַר זיך אַליין אויב טויזנטער נאָרוועגער אין נאַרוויק וועלן זײַן אויסגעשטעלט צון אַזאַ באָמבאַרדירונג“.

די דעציזיע איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דעם הויפּט־פּאַרטיידיק־קאָמיטעט אין לאָנדאָן. לאָנדאָן האָט געענטפערט אַז אויב לאָרד קאָרק פילט פון דעסט וועגן אַז מע דאַרף אַדורכפירן די באָמבאַרדירונג פון נאַרוויק זאָל מען עס טאָן. אָבער זעקס שעה פאַר דער באָמבאַרדירונג זאָל מען אַראָפּוואַרפן פליבלעטלעך און וואָרענען די ציווילע באַפעלקע־רונג זי זאָל אַרויס פון שטאָט. מע זאָל וואָרענען דעם דײַטשן קאָמענ־דאַנט אַז מע וועט אים האַלטן אין אחריות פאַר דער עוואַקואַציע פון ציווילע.

דער הויפּט־מלחמה־ראַט פון די אַלײַרטע האָט זיך געטראָפן אין פּאַריז. טשערטשיל האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט ווי נישט־געהויבן עס איז די פּאָזיציע פון די אַלײַרטע אין נאָרוועגיע. דער פראַנצעזישער פּרעמיער רעינאָ האָט געמאַכט אַ חשבון ווי עס זעט אויס בכלל דער פאַרגלײַך פון די כּוחות. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דײַטש־לאַנד געהאַט צוויי הונדערט און זיבן דיוויזיעס אויפן מערב. פראַנקרײַך האָט געהאַט הונדערט און צען, ענגלאַנד דרײַ און זעכציק, און ווען די אַמעריקאַנער זענען צוגעקומען האָט מען זיך אויסגעגלײַכט. הײַנט קאָנען די דײַטשן ברענגען גאַנצע דרײַ הונדערט דיוויזיעס. ענגלאַנד וועט ערשט בײַם סוף יאָר האָבן נישט מער ווי צוואַנציק. חוץ דעם געוואַלטיקן איבערוואָג אין זעלנער האָט אויך דער שונא אַ ריזיקע איבערוואָג אין עראָפּלאַנען, אַרטילעריע און אַמוניציע־רעזערוון.

טשערטשיל איז געקומען צון אַ שטיקל חשבון־הנפש. ווען דײַטש מיליטער האָט אין 1936 באַזעצט דאָס רהיין־געביט וואָלט גענוג געווען אַ פּאָליציי־אַקציע זיי אַרויסצוטרײַבן. אין דער צײַט פון מינכענער אָפּמאַך האָט היטלער געקאָנט דיספּאָנירן מיט אַ מאַקסימום פון דרײַצן דיוויזיעס. נאָכן אָנגריף אויף פּוילן, ווען ענגלאַנד האָט דערקלערט דײַטשלאַנד מלחמה, און פּוילן האָט נאָך געשטעלט אַ ווידערשטאַנד האָט דײַטשלאַנד געהאַט אין מערב צוויי און פערציק דיוויזיעס. היטלער האָט געבראָכן אַלע זײַנע צוזאָגן און אָפּמאַכן, און דער מערב האָט זיך נישט דערוועגט צו קיין עפעקטיווע שריט ווען דער שונא איז נאָך געווען שוואַכער.

די בריטישע כּוחות וואָס האָבן געלאַנדעט אין נאַמסאָס האָבן אַוואַנסירט צו דרום, לויטן פּלאַן אָנצוגרײַפן טראָנדהײַם פון דער זײַט, ווען די ים־כּוחות וועלן אָנגרײַפן פון פיאָרד. זיי זענען נישט אינפאָרמירט געוואָרן אַז דער דירעקטער אָנגריף פון די ים־כּוחות איז אָפּגערופן געוואָרן און אַ בריגאַדע האָט אַוואַנסירט ביז פופציק מײַל פון ציל. די דײַטשן האָבן אָנגעגריפן מיט אַ גרעסערן כּוח; די בריטישע כּוחות האָבן זיך צעטיילט און צוריקגעצויגן זיך דורך פאַרשידענע וועגן. די שנייען האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן שמעלצן און געמאַכט דעם וועג נאָך שווערער. זיי זענען צוריקגעקומען קיין נאַמסאָס דערשעפּט און געפונען אַ באַפעל אין גאַנצן צו עוואַקוירן די באַזע.

דער דײַטשער לופטפלאָט האָט געפונען די עוואַקוירטע ווען זיי זענען שוין געווען אין מיטן ים און געמאַכט איין אַטאַקע נאָך דער אַנדערער. אַן ענגלישע טראַנספּאָרטשיף מיט דעם הינטער־חייל, און אַ פראַנצייזישע צעשטערשיף זענען געזונקען געוואָרן.

נישט קיין בעסערער גורל האָט דערוואַרט די בריטישע כּוחות אין אַנדאַלסנעס. אין נאַרוויק האָבן זעקס טויזנט דײַטשן, אַ סך פון זיי מאַטראָסן געראַטעוועטע פון די געזונקענע שיפן, צוריקגעהאַלטן אַ כּוח פון צוואַנציק טויזנט אַלײִרטע סאָלדאַטן. אין דער ערשטער וואָך פון מײַ האָבן די אַלײִרטע זיך געקאָנט באַווײַזן נאָר מיט „אײַנגעגעבענע" עוואַקואַציעס...

אין פראַנקרײַך האָבן די קאָמוניסטן געלויבט דעם מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ־אָפּמאַך און פאַראורטיילט די מלחמה ווי אַן אימפּעריאַליסטישע אַוואַנטורע. זיי האָבן סאַבאָטירט די אַרבעט אין די פאַבריקן פון מלחמה־מאַטעריאַלן און אונטערגעגראָבן בײַם מיליטער דעם חשק צו קעמפן. אין

ענגלאַנד זענען די קאָמוניסטן געווען שוואַך, אָבער די גאַנצע אָפּאָזיציע האָט געגראָבן אונטער דער רעגירונג. נישט געווען קיין ספּעציעלער אָנשטרענג, נישט אין דער אַדמיניסטראַציע פון לאַנד און נישט אין דער מלחמה־אינדוסטריע.

ווען נאַרוויק איז סוף־כל־סוף גענומען געוואָרן דעם 28סטן מײַ, איז שוין געווען קלאָר אַז די אַליִירטע נעמען די שטאָט נאָר כּדי צו צעשטערן די פּאָרט־אײַנריכטונגען און וועלן נאָך דעם זיך צוריקציִען. דער מערב־פראָנט האָט זיך געבראָכן אונטער דעם שווערן דײַטשן אָנגריף און מע האָט געמוזט דאָרט קאָנצענטרירן אַלע כּוחות. דעם אַכטן יוני זענען אַלע פיר־און־צוואַנציק טויזנט זעלנער שוין געווען אויפן ים, אויפן וועג צוריק.

ב.

דער הויפּט פון שטאַב פון דעם אָנגריף אויף דענעמאַרק, גענעראַל קורט הײַמער, איז אָנגעקומען קיין קאָפּענהאַגן מיט דער באַן, אין ציווילע קליידער דעם זיבעטן אַפּריל, צוויי טעג פאַר דעם אָנגריף — אַזוי זיכער איז דײַטשלאַנד געווען אַז עס וועט נישט זײַן קיין ווידערשטאַנד. אײַנצונעמען גאַנץ דענעמאַרק איז באַשטימט געוואָרן נאָר איין באַטאַליע, און אויך דער קאָמאַנדיר פון דער באַטאַליע איז געקומען אין ציווילע קליידער קיין קאָפּענהאַגן עטלעכע טעג פאַר דער אַקציע.

פאַר טאָג, דעם נײַנטן אַפּריל, איז די טרופּנשיף דאַנציק, אָן שטערונגען און אָן אַ שאָס פון דענישן פלאָט, אַרײַנגעפאָרן אין פאָרט וואָס איז גאַנץ נאָענט פון קעניגלעכן פּאַלאַץ אין קאָפּענהאַגן.

עס האָבן זיך יאָ געהערט עטלעכע שאָסן ווען דער דענישער אויסערן־מיניסטער האָט שוין געלייענט דעם אולטימאַטום פון די דײַטשן, און נאָך עטלעכע שאָסן ווען דער קעניג איז שוין געזעסן מיט זײַנע מיניסטאָרן און זיך באַראָטן וואָס צו טאָן.

נאָר איין גענעראַל איז געווען פאַר שטעלן אַ ווידערשטאַנד; די רעגירונג איז געווען קעגן. דער דײַטשער גענעראַל הײַמער האָט געהאַלטן אַז די באַראָטונג אין קעניגלעכן פּאַלאַץ געדויערט צו לאַנג, האָט ער טעלעפאָנירט קיין דײַטשלאַנד זיי זאָלן אַרויסשיקן באָמבערס איבער קאָפּענהאַגן אָנצושרעקן די דענער. דאָס דענישע מיליטער האָט אַפילו

נישט איבערגעריסן די טעלעפאָן־פאַרבינדונג מיט דײַטשלאַנד און נישט געשטערט הײַמערס קאָמוניקירן זיך מיט בערלין.

האַלב נײַן אין דער פרי האָט דער דײַטשער מיניסטער אין קאָפּענ־האַגן שוין טעלעגראַפירט ריבענטראָפּן אַז די דענער האָבן נאָכגעגעבן אַלע דײַטשע פאָדערונגען.

נאָך שנעלער איז געקומען דער ענטפער פון דער נאָרוועגישער רע־גירונג, אָבער עס איז געווען אַן אַנדער מין ענטפער. אָנדערטהאַלבן שעה נאָך דעם ווי דער דײַטשער מיניסטער אין אָסלאָ, קורט בראַוער, האָט איבערגעגעבן דעם אולטימאַטום צו דער נאָרוועגישער רעגירונג, האָט ער שוין טעלעגראַפירט ריבענטראָפּן אַז די נאָרוועגער ווילן זיך נישט אונטערגעבן, אַז זיי גרייטן אַ ווידערשטאַנד.

ריבענטראָפּ האָט באַפוילן זײַן פאָרטרעטער זאָל נאָך אַ מאָל פּראָבירן איבערצײַגן די נאָרוועגער אַז זייער ווידערשטאַנד איז אָן אַ זין און אָן שום מעגלעכקייט עפּעס צו דערגרייכן. אָבער בראַוער האָט שוין נישט געהאַט צו וועמען צו רעדן — דער קעניג, די רעגירונג און די מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט האָבן שוין געהאַט פאַרלאָזט אָסלאָ. אַ ספּעציעלער צוג האָט זיי געפירט קיין האַמער, אַכציק מײַל צפון פון דער הויפּטשטאָט.

דעם זעלביקן נאָך מיטאָג איז דער סטאָרטונג, דער נאָרוועגישער פּאַר־לאַמענט זיך צוזאַמענגעקומען אין האַמער. דער דײַטשער אַמבאַסאַדאָר, ד"ר בראַוער, האָט פאַרלאַנגט אַן אודיענץ מיטן קעניג און דערווײַל האָט דער דײַטשער לופט־אַטאַשע, קאַפּיטאַן ספּילער, גענומען צוויי קאָמ־פּאַניעס פּאַראַשוטיסטן און איז אַוועק מיט זיי קיין האַמער צו פאַנגען דעם קעניג, די רעגירונג, און די פּאַרלאַמענט־מיטגלידער.

היות דאָס נאָרוועגישע לאַנד־מיליטער האָט נישט געגעבן אַפילו קיין איין שאָס ווען די דײַטשן האָבן באַזעצט אָסלאָ, זענען די דײַטשן געפאָרן קיין האַמער מיט אַ סך האָפערדיקייט. אָבער עס האָט זיך אַרויס־געוויזן אַז דער נאָרוועגישער קאָלאָנעל רוזש, וואָס האָט באַגלייט דעם קעניג, האָט פאָרויסגעזען וואָס עס קאָן געשען. ער האָט בלאָקירט דעם צוטריט צו האַמער און צוגעגרייט אַ פאַרטיידיקונג. די אויטאָבוסן מיט די דײַטשע פּאַראַשוטיסטן זענען אָפּגעשטעלט געוואָרן. עס האָט אויס־געבראָכן אַ שלאַכט, און דער דײַטשער קאַפּיטאַן ספּילער איז באַלד שווער פאַרווונדיקט געוואָרן. נאָכן לײַדן גרויסע היזקות זענען די דײַטשן אַנטלאָפן צוריק קיין אָסלאָ.

צו מאָרגנס האָט ד"ר בראַוער אַליין זיך אַרויסגעלאָזט זען דעם קעניג. אין אָסלאָ האָט דערווײַל אַ נאָרוועגישער פאַררעטער, מאַיאָר

ווידקון קוויזלינג, פאַרכאַפּט די ראַדיאָ־סטאַציע און זיך פּראָקלאַמירט ווי דער הויפּט פון אַ נייַער נאָרוועגישער רעגירונג. ער האָט גערופן אַלע נאָרוועגער אָפּצושטעלן דעם ווידערשטאַנד און קאָאָפּערירן מיט די דייַטשן.

קווילזינגס אַקציע האָט, לויט די דייַטשע פּלענער, געזאָלט אָפּשוואַכן דעם ווידערשטאַנד פון דער באַפעלקערונג און געדאַרפט האָבן אַ פּסי־כאָלאָגישע ווירקונג אויפן קעניג און רעגירונג. עס האָט זיי באַדאַרפט באַווייַזן אַז זיי מוזן זיך אייַלן נאָכצוגעבן איידער אַנדערע נאָרוועגער נעמען אַרויס די לייצעס פון זייערע הענט. קוויזלינגס פאַרראַט האָט אָבער געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג, עס האָט געוואָרפן אַ נייַ ליכט אויף די שיינע ריידעלעך פון די דיפּלאָמאַטישע שליחים. דער ווידער־שטאַנד איז געוואָרן מער פאַרביסן.

ד״ר בראַוער האָט פאַרלאַנגט צו זען דעם קעניג אויג אויף אויג; צו דעם האָט דער קעניג נישט מסכּים געווען. אָבער דער קעניג האָט אים אויפגענומען אין עלווערום, נעבן דער שוועדישער גרענעץ. דער פּרעמיער און אויסערן־מיניסטער, ד״ר האַלדוואַן קאָהט, איז געווען דערבייַ.

דער דייַטשער פאַרשטייער האָט גערעדט זיסע רייד וועגן דעם רעספּעקט וואָס דייַטשלאַנד האָט פאַר דער מאָנאַרכיע, וועגן דער פרייַנד־שאַפט צווישן זייַן פאָלק און די נאָרוועגער. ער האָט אויך געסטראַשעט און געשילדערט וויפל דאָס לאַנד און דאָס פאָלק וועלן לייַדן אויב דער קעניג וועט נישט אָננעמען דייַטשלאַנדס פאָדערונג און באַשטעטיקן דעם נייַעם פּרעמיער־מיניסטער ווידקון קוויזלינג און זייַן רעגירונג.

דעם קעניגס ענטפער איז געווען אַז לויט דער נאָרוועגישער קאָנסטי־טוציע קאָנען אַזעלכע דעציזיעס געמאַכט ווערן נאָר דורך דעם לעגאַל אויסגעוויילטן פאַרלאַמענט און דער לעגאַלער רעגירונג. דער קעניג מאַכט נישט קיין פּאָליטישע דעציזיעס. ד״ר קאָהט האָט צוגעזאָגט בראַוערן צו ברענגען זייַנע פירלייגן צום סטאָרטינג.

ווען דער סטאָרטינג איז זיך צוזאַמענגעקומען האָט דער קעניג גע־זאָגט די פאַרזאַמלטע אַז די דייַטשע פאָדערונגען זענען אין קאָנפליקט מיט דעם וואָס ער, ווי קעניג, איז מחויב צו טאָן. אויב זיי וועלן, אין אָנבליק פון די גרויסע סכּנות פאַר נאָרוועגיש האָב־און־לעבנס, באַשליסן אָנצו־נעמען די דייַטשע פאָדערונגען, וועט ער זייַן געצוווּנגען צו אַבדיקירן.

דער ענטפער פון סטאָרטינג איז געווען: „מיר וועלן נישט אָננעמען

קיין רעגירונג אָנגעפירט דורכן מאַיאָר קוויזלינג; דער ווידערשטאַנד וועט אָנהאַלטן אַזוי לאַנג ווי עס וועלן אונדז סטײַען כּוחות".

קוויזלינג האָט געשיקט אַ שליח צום קעניג און אים געבעטן צוריקקומען קיין אָסלאָ. אויף אינסטרוקציעס פון בערלין האָט ד"ר בראַוער זיך ווידער אַ מאָל געוואַנדן צום קעניג וועגן אַ צוזאַמענטרעף. די אינסטרוקציעס צום ד"ר בראַוער זענען געווען ער זאָל ברענגען דעם קעניג אויף אַ צוזאַמענטרעף ערגעץ צווישן עלווערום און אָסלאָ, און ער זאָל אינפאָרמירן דעם קאָמענדאַנט פון די אינוואַזיע־כּוחות, גענעראַל פאַלקענהאָרסט, וועגן אַלע פּרטים... אויף דעם איז געקומען אַן ענטפער פון ד"ר קאָהט אַז בראַוער זאָל אַלע זײַנע ווענדונגען אַדרעסירן צו אים.

אַז עס איז זיי נישט געראָטן אַרײַנצונאַרן און פאַנגען דעם קעניג, האָבן די דײַטשן אַרויסגעשיקט די לופטוואַפע צו באָמבאַרדירן נירבערגסאַנד, ווו דער קעניג מיט זײַן רעגירונג האָבן זיך איצט געפונען. אַ האָגל פון אויפרײַס־באָמבעס און צינדבאָמבעס האָבן אַלץ חרוב געמאַכט. די עראָפּלאַנען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק און באַשאָסן מיט מאַשינביקסן די וואָס האָבן פּראָבירט אַרויסלויפן פון די חורבות.

די דײַטשן זענען געווען זיכער אַז עס איז נישט געבליבן קיין לעבעדיקער נפש. אָבער ווי נאָר מע האָט געהערט דעם רויש פון אָנקומענדיקע עראָפּלאַנען זענען אַלע אַרויס פון די הײַזער און זיך באַהאַלטן צווישן דיביימער פון נאָענטן וואַלד. ביז איבער די קני אין טיפן שניי זענען זיי געשטאַנען און איבערגעוואַרט ביז די עראָפּלאַנען זענען אַוועק.

נירבערגסאַנד איז געווען אָפּגעווישט פון דער ערד. דער נאָענטסטער וועג צו ראַטירונג איז געווען די שוועדישע גרענעץ וואָס מע האָט געקאָנט דערגרייכן צו פוס. אָבער להיפּוך צו דער האַנדלונג פון זײַן ברודער, דעם דענישן קעניג, האָט דער נאָרוועגישער קעניג באַשלאָסן אַריבערצוטראָגן זיך צו די בערג און וועלדער ווײַטער אין צפון, און מאָביליזירן צו ווײַטערדיקן ווידערשטאַנד. דער קעניג און זײַן רעגירונג זענען אַוועק צום צפון־מערב־ברעג.

קוויזלינג האָט נישט באַוויזן משפּיע צו זײַן דעם קעניג, ער האָט אויך גאָר נישט אויסגעפירט בײַם פאָלק. חוץ דעם אַלטיטשקן שרײַבער, קנוט האַמסון, האָבן די נאָרוועגער נישט געוואָלט האָבן קיין מגע־ומשא מיט קוויזלינגען. ווען די דײַטשן האָבן אײַנגעזען אַז ער קאָן פאַר זיי גאָר נישט אויפטאָן האָבן זיי אים אַראָפּגעזעצט פון זײַן גדולה.

ווען די ענגלענדער האָבן דעם אַכטן יוני עוואַקוּירט זייערע כּוחות פון נאָרוועגיע, האָט די קרײַצערשיף דעוואָנשײַר אַרויפגענומען דעם קעניג מיט זײַן רעגירונג און זיי בשלום געבראַכט קיין לאָנדאָן.

דער נאָרוועגישער ים־פּלאַט איז צעשטערט געוואָרן, דאָס לאַנד איז באַזעצט געוואָרן דורך דעם שׂונא, אָבער דאָס פאָלק האָט זיך נישט אונטערגעגעבן.

אין וואַרשע האָט מען נאָך אַלץ געפּילפּולט זיך אין טעאָריעס אַז ענגלאַנד האָט דאָך עפּעס דערגרייכט מיט דער נאָרוועגישער קאַמפּאַניע. עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן אַז דער יידישער אָפּטימיזם איז נישט געווען אין גאַנצן אָן יסוד. נישט־געקוקט אויף די מפּלות אין סקאַנדינאַוויע איז ענגלאַנד נאָך אַלץ געבליבן די הערשערין איבער די ימען. די דײַטשע אָבדות אין שיפן זענען געווען אַ סך גרעסער און באַגרענעצט זייערע ווײַטערדיקע מעגלעכקייטן פון אַקציע. עס איז אַ סברא אַז טאָקע די אָבדות האָבן גורם געווען היטלער זאָל זיך נישט דערוועגן שיקן זײַנע שיפן אַריבער דעם לאַמאַנשקאַנאַל און פּראָבירן מאַכן אַן אײַנוואַזיע אויף די בריטישע אינדזלען, אַפילו נאָך דעם ווי ער האָט באַהערשט די אַטלאַנטיק־ברעגעס פון אַרקטישן ים ביז דעם ביסקעי־אײַנגאָס בײַ דער גרענעץ פון שפּאַניע. אויב אַזוי, איז דער דורכפאַל פון ענגלאַנד אין נאָרוועגיע נישט געווען אַזאַ דורכפאַל ווי מע האָט לכתּחילה געמיינט...

## קאַפּיטל פופצן

# שווער צו זיין אַ גויע

א.

שפּרינצע האָט נישט געהאַט קיין געזונט־פּראָבלעמען, נישט אין די ערשטע און נישט אין די לעצטע חדשים פון איר שוואַנגערן, אָבער עס איז איר שווער געווען אין איר עלנט. זי האָט געהאַט דאָס נפשל אונטער איר האַרץ און דאָך איז איר דאָ געווען שווערער אַפילו ווי בעת אירע ערשטע צײַטן אין דאַנציק, ווען זי האָט לגמרי קיינעם נישט געהאַט. זי האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט געגנוג אַז זי זאָל נישט דאַרפן אַרבעטן אין

די הויכע חדשים; זי איז פון דעסט וועגן געלאָפן צו דער אַרבעט כּדי צו אַנטלויפן פון איר שטוב און פון איר בעטל וואָס איז כּסדר געווען נאַס פון אירע טרערן.

דעמאָלט ווען זי איז געהאַט אַנטלאָפן פון דער היים קיין דאַנציק איז זי געווען אַזוי יונג און אַזוי נאַיִוו. זי איז, ווי מע זאָגט עס, אַוועק פון הינטער דער מאַמעס פאַרטעך צו אַ גרויסער פרעמדער וועלט. דאָך איז איר דעמאָלט נישט געווען אַזוי שלעכט. זי איז געווען שטאָלץ מיט אירע דערגרייכונגען. אין פאַרלויף פון טעג געפונען אַרבעט, אין עטלעכע וואָכן געוואָרן אַ ספּעציאַליסטקע אין איר פאַך און פון אַן אָפּגעריסן גורוויטשער מיידעלע געוואָרן אַן עלעגאַנטע דאַנציקער דאַמע. דעמאָלט האָט זי שנעל געפונען פריינד; היינט מיידט זי אויס צו ווערן נאָענט מיט עמעצן. יעדער האָט אַזוי פיל פראַגעס, און זי איז נישט גרייט צו ענטפערן. זי האָט אַליין אויסגעקליבן אַזוי צו לעבן, וואָלט זי דאָך באַדאַרפט זיין צופרידן, אָבער די טרערן גיסן זיך פון די אויגן ווי פון אַ צעבראָכענער רינווע, אַפילו ביי דער אַרבעט קאָן זי נישט איינהאַלטן די טרערן.

פון אַלע אירע באַמיִונגען זיך צו פאַרבינדן מיט יואלן אין אַמעריקע, איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. עס איז איר אויך נישט געראָטן זיך צו דערוויסן וועגן טאַטע־מאַמע זענען געשיקט געוואָרן נאָך דעם ווי מ'האָט די יידן אַרויסגעטריבן פון גורוויטש. נאָר וועגן איר ברודער יאָסל האָט זי זיך דערוווּסט, דערוווּסט זיך אַז קיינער ווייסט נישט וווּ ער איז פאַרפאַלן געוואָרן נאָך דעם ווי ער איז צוריק געלאָפן צו זיין הויז עפּעס נעמען פאַר זיין קינד.

מע זאָגט אַז אַלע יידן וועלן מוזן וווינען אין אַ געטאָ, אַז די יידן וואָס וועלן געפונען ווערן אויסערן געטאָ וועלן שטרענג באַשטראָפט ווערן. אַז זי קאָן נישט וווינען צווישן יידן אין וואַרשע ווו זי קאָן אָנטרעפן באַקאַנטע, קאָן זי דאָך פאָרן ערגעץ ווו קיינער קען זי נישט. וועט זי ווייטער אָנגיין ווי אַ גויע צווישן גוים? וועט זי נעמען אויף זיך די אַלע ריזיקעס אויך נאָך דעם ווי דאָס קינד וועט געבוירן ווערן? מעג זי ריזיקירן אויך מיטן לעבן פון איר קינד?

יואל איז אויף יענער זייט ים. דאָ אין וואַרשע זענען דאָ זיינע טאַטע־מאַמע און זיין יינגסטע שוועסטער מינדעלע. זי האָט שוין אַ סך מאָל באַשלאָסן זיך צו פאַרטרויען פאַר מינדעלען, אָבער זי קאָן זיך נישט באַווייזן מיט אַזאַ בויך אַז מינדעלע זאָל אַלץ וויסן נאָך איידער זי וועט אַרויסזאָגן דאָס ערשטע וואָרט. יאָ, זי וועט גיין צו מינדעלען. מינדעלע

געדענקט אפשר נישט שפּרינצע, פישל כיבעשמויס, אָבער פּינטשע קען זי גוט. ס'איז נישט געווען דער טאָג פּינטשע זאָל נישט אַרײַנקומען צו זיי אין שטוב, פּינטשע און יאַנקל און יואל זענען געווען חברים. זי וועט גיין צו פּינטשען און מינדעלען ווען זי וועט שוין האָבן צוריק איר נאָר־מאַלע פיגור. זי וועט זיי צו ערשט דערציילן אַלץ וועגן זיך און יואלן, צו ערשט זיי צוגרייטן און דערנאָך דערציילן וועגן קינד. אפשר אַפילו ווײַזן זיי דאָס קינד.

אַז זי פּילט זיך אַליין, ווײנט זי; אַז זי חלומט זיך צו פאַרבינדן מיט יואלס שוועסטער, גיסן זיך ווידער די טרערן. נאָך גוט וואָס זי האָט געהאַט שׂכל אויסצוטראַכטן אַ מעשׂה וועגן האָבן אַ מאַן אין דײַטשער געפאַנגענשאַפט, אַנישט וואָלט מען זי שוין חושד געווען. זי איז צו ערנסט און צו טרויעריק.

איבער איר בעטל הענגט אַ בילדל פון דער הייליקער מוטער, אָבער ווי נאָר זי שלאָפט אײַן איז זי צוריק אין איר אַלקערל בײַ טאַטע־מאַמע אין גורוויטש. דער טאַטע קושט די מזוזה און גייט אַרויס מיט זײַן טלית־זאַק אונטערן אָרעם, די מאַמע זוכט איר שייטל, ס'איז צײַט אַראָפּצוגיין עפּענען ס'געוועלב. „מאַמעשי, כ'על אַ ביסל צוקעמען דײַן שייטל", זאָגט זי, און די מאַמע בייזערט זיך: „אַן אויסגעקראָכן שייטל, ס'איז שוין נישטאָ וואָס צו קעמען". „מאַמעשי, אַז איך 'על עס אויסקעמען 'עט עס זײַן ווי נײַ, איך בין אַ פריזירערקע". ווערט די מאַמע גאָר אין כּעס: „טפו, וואָס פאַר אַ פריזירערקע אויף מײַן קאָפּ? דעם רבס שנור און אַ פריזירערקע!" יאַנקל ברענגט אַהיים דעם נײַעם רבס זון און זי באַהאַלט זיך אין אַלקערל, זי שעמט זיך מיט איר געלאַטעט קלייד. „שפּרינצע, דערלאַנג יואל דעם רבס אַ גלאָז וואַסער", רופט די מאַמע, און זי וויל זיך באַגראָבן פון חרפּה. זי האָט פײַנט די מאַמע וואָס הערט נישט אויף רופן: „שפּרינצע, שפּרינצע!" „כ'בין מער נישט שפּרינצע, כ'בין סאַבינאַ קאַליסקאַ'. אַז וועסט מיך נישט אויפהערן רופן שפּרינצע וועט מײַן מאַן, דער פּוילישער אָפיציר, ווערן אין כּעס".

דער טאַטע קומט אַהיים פון דאַווענען. אַז דער טאַטע זאָגט „שפּרינ־צעלע" לויכטן אויף זײַנע גרויסע בלויע אויגן. דעם טאַטעשי וועט זי אָפּלאָזן איר גרויסן סוד. אַז דער טאַטעשי וועט הערן אַז יואל דעם רבס איז דער טאַטע פון איר קינד...

אַז דער טאַטעשי וועט זיך דערוויסן אַז זײַן מיידל שפּרינצע טראָגט אַ קינד פון אַ פּוילישן אָפיציר — — „טאַטעשי, ס'איז נישט אמת, כ'האָב

עס אַלץ אויסגעטראַכט. כ׳על דיר אויסזאָגן די גאַנצע נעוואָרעט, לאָמיך נאָר פריִער צוקומען דער מאַמעשים שייטל...״

זי וועקט זיך איבער אַ באַגאַסענע מיט אַנגסטן. זי איז זיך אַליין שולדיק וואָס זי האָט אַזעלכע קאָשמאַרן. אין פריזיר־אַנשטאַלט מוז זי זײַן סאַבינאַ קאַליסקאַ, אָבער ווען זי איז אַליין דאַרף זי אויסטאָן די מאַסקע. זי טראָגט אונטערן האַרץ דאָס אייניקל פון גורוויטשער רב און דעם קינד צו ליב דאַרף זי, כאָטש אין געדאַנק, זײַן אָן דער מאַסקע.

בײַ דער אַרבעט דאַרף זי דאָך זיכער זײַן די פאַני סאַבינאַ, אָבער ווי צו להכעיס זענען אָנגעלאָפן בילדער פון דער היים. זי האָט געאַרבעט איבער די האָר פון אַ דײַטשקע און אירע טרערן האָבן זיך געגאָסן איבער דעם קאָפּ פון איר קליענטקע. די פראַו בירקעסדאָרף האָט געוואָלט וויסן פאַר וואָס זי וויינט. זי האָט נישט געוואָלט זאָגן, האָבן אירע חברטעס דערציילט וועגן דעם מאַן אין געפאַנגענשאַפט.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע חתונה. די פראַו בירקעסדאָרף האָט געמוזט זײַן דאָס ווײַב פון אַ גרויסער שישקע, זי האָט אָנגעבאָטן איר הילף, די פאַני סאַבינאַ דאַרף איר נאָר געבן אַלע פּרטים.

פאַראַן אַזוי פיל דײַטשן רשעים, איז גראָד אויף איר אָנגעשיקט געוואָרן אַ דײַטשקע וואָס האָט רחמנות. אין דעם אַנשטאַלט האָט זי זיך נאָך אַלץ געהאַלטן בײַ דער ערשטער ווערסיע אַז דער טאַטע פון איר קינד, וואָס איז אין געפאַנגענשאַפט, איז איר מאַן. אַז זי הייסט קאַליסקאַ איז זײַן נאָמען קאַליסקי. צו דער באַלעבאָסטע האָט זי זיך מודה געווען אַז ער איז איר חתן, אַז זיי האָבן נישט באַוויזן חתונה צו האָבן. אויב אַזוי איז דאָך קאַליסקאַ איר מיידלשער נאָמען, און זײַן נאָמען? וואָס איז זײַן נאָמען?

אַ חברטע האָט געוואָלט מאַכן דעם ענין מער דראַמאַטיש און געזאָגט אַז דער פאַן קאַליסקי איז אַ פאַרטיזאַן, און אפשר שוין אַ מאַיאָר, אָדער קאַפּיטאַן. די דײַטשקע האָט זיך צוריקצויגן. פאַר אַ פּראָסטן זעלנער וואָלט זי אפשר געקאָנט עפּעס טאָן, אָן אָפיציר איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש.

די חברטע האָט זיך נישט געקאָנט מוחל זײַן וואָס זי האָט אַלץ קאַליע געמאַכט; סאַבינאַ האָט גאָר חשק געהאַט איר אַ קוש צו טאָן.

עס איז אַרײַן אין איר אַזאַ מין דיבוק וואָס האָט אַרויסגערופן נאָר אַזעלכע מחשבות וואָס האָבן ווײ געטאָן און אַרויסגערופן טרערן. די נאַכט נאָך דעם אינצידענט מיט דער דײַטשקע האָט זי נישט געקאָנט אײַנשלאָפן. עס האָט זיך אָנגעטשעפּעט אין איר אַ געדאַנק צו בעטן די

דיַיטשקע זי זאָל אויסגעפינען ווו יאָסל געפינט זיך. אַזאַ ווי די פראַו בירקעסדאָרף קאָן אפשר אויך פועלן מע זאָל אים באַפרייַען. סוף־כּל־סוף איז יאָסל דאָך נישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעך.

פאַר אַ פּוילישן סאָלדאַט וואָלט זי זיך באַמיט, פאַר אַ ייִד נישט. אַ פּשוטער ייִד איז ביַי זיי מער פאַרהאַסט ווי אַ פּוילישער אָפיציר. שפּרינצע האָט דאָס גוט געוווּסט און דאָך זיך אויפגעוואָרפן אַז זי טוט גאָרנישט צו ראַטעווען איר ברודער וויַיל זי וויל נישט קאַליע מאַכן איר שפּיל צו לעבן ווי אַ שיקסע.

וואָס בעטשעט זי ווי אַ קו? זי איז נישט אַליין, זי האָט יואָלס קינד מיט זיך — אין זיך. טייל מאָל קאָן זי שוין אָנטאַפּן אויף איר בויך דעם קינדס קעפּעלע. טאַקע אין דער רגע האָט דאָס קינד זיך אַ באַוועג געטאָן ווי צו זאָגן: מאַמעשי, כ׳בין מיט דיר.

ווי נאָר די מלחמה וועט זיך ענדיקן וועט יואָל קומען זי נעמען צו זיך קיין ניו־יאָרק אָדער קיין פּאַריז. ער וועט געפינען מער וויפל ער וועט זוכן. וועט דאָס זיַין אַ סורפּריז!

וואָס מע וועט זאָגן דעם רב און דער רביצין? יואָל וועט שוין עפּעס צוטראַכטן. מ׳עט זאָגן ס׳איז געווען אַ שטילע חתונה, נאָר אַ חופּה. אַ כּתובה? אַוודאי האָט זי געהאַט אַ כּתובה, אין דער וויסטער מלחמה האָט זי אַלץ פאַרלוירן. פאַר וואָס דער סוד? ס׳איז געשען אין דער לעצטער מינוט, יואָל האָט געמוזט אָוועקפאָרן...

זי דאַרף זיך נישט ברעכן דעם קאָפּ וואָס צו זאָגן, יואָל וועט שוין וויסן וואָס צו זאָגן. אפשר וועט ער גאָר זאָגן אַז זי איז געפאָרן מיט אים, און זיי האָבן חתונה געהאַט אין אַמעריקע. זי וואָלט באַדאַרפט זיך לערנען ענגליש צו קאָנען רעדן ווי אַן אַמעריקאַנערין. זי האָט אין דאַנציק זיך אויסגעלערנט דיַיטש אין עטלעכע וואָכן. די גאַנצע משפּחה וועט זיך צונויפקומען זען יואָלס אַמעריקאַנער וויַיב. זי וועט זאָגן ״יעס״ און ״נאָו״ און ״פּליז״ און פּלוצלינג וועט מען זי דערקענען: ס׳איז דאָך שפּרינצע. דער רב וועט שיקן דעם שמש ברענגען די מחותּנים. דער טאַטעשי וועט מיינען עמעץ וויל זיך מיט אים לאָדן ביַים רב, און דאָ וועט ער דערזען אַז דעם רבס שנור איז — — „יעס, טאַטעשי, פּליז וויין נישט, נאָו, כ׳בין נישט צוריקגעפאָרן קיין דאַנציק, דו זעסט דאָך ווו איך בין געווען״. ביַים רב אין הויז וועט דער טאַטע זיַין שעמעוודיק, וועט זי צוטראָגן צו אים ס׳קינד: „נאַ, טאַטעשי, האַלט אַ ביסל דיַין אייניקל״.

וואָס דער טאַטעשי וועט זאָגן? זי קען איר טאַטעשי, ער וועט

לערנען דאָס אייניקל מאַכן אַ ברכה. ניין, ס׳קינד וועט נאָך זײַן צו יונג צו דעם .דער טאַטע וועט מאַכן די ברכה און לערנען זײַן אייניקל נאָכ־זאָגן „אָמן״.

דעם טאַטעשיס טרערן וועלן פאַלן איבער דעם קינדס קעפּל, ווי אירע טרערן גיסן זיך איצט אין שטראָמען. אוי, ווי דערלעבט מען עס שוין!

ב.

עס איז געווען אַ לײַכט האָבן. די ווייען האָבן זיך אָנגעהויבן אַרום זיבן פרי, און דער זייגער האָט געקלונגען צוועלף ווען מע האָט איר צוריקגעבראַכט דאָס קינד אָן אָפּגעבאָדנס. זי האָט געהאַט געהאָפט אַז עס וועט זײַן אַ מיידעלע. זי איז זיכער אַז יואל, אויב ער וואָלט געוווּסט, וואָלט געוואָלט אַ מיידעלע, אַז אַ מיידעלע וועט ער מער ליב האָבן, אָבער ס׳איז געקומען אַ ייִנגל. אין איר מצב איז אַ ייִנגל אַ פּראָבלעם. מע וועט דאַרפן דאָס קינד מל זײַן און דערנאָך וועט עס ערשט ווערן דער אמתער פּראָבלעם. זי מוז צוריקגיין צו דער אַרבעט און פאַרדינען פאַר זיך און פאַר דעם קינד. זי האָט אָפּגערעדט מיט איר באַלעבאָסטע, יענע זאָל אַכטיק געבן אויפן קינד ווען זי וועט זײַן ביַי דער אַרבעט. פּלוצלינג וועט די באַלעבאָסטע דערזען אַז דאָס קינד פון איר לאָקאַטאָרקע, וואָס איז אויך דאָס קינד פון אַ פּוילישן אָפיציר, איז געמלט.

נישט מל זײַן דעם גורוויטשער רבס אייניקל? אַזאַ זאַך וועט זי נישט טאָן. עס ווײַזט אויס אַז דער גורל האָט שוין געמאַכט פאַר איר אַ דעציזיע: זי וועט מוזן ווערן אויס שיקסע, זי וועט מוזן געפינען אַ צימער אין אַ ייִדישער געגנט.

דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן מיט אַ נאַקעט קעפּל און טונקעלע אויגן. די נאָנע וואָס איז געווען איר קראַנקן־שוועסטער האָט זי גע־טרייסט אַז דאָס וועט זיך בײַטן אין עטלעכע טעג. נאָך עטלעכע טעג האָט דאָס קעפּל זיך טאַקע באַדעקט מיט אַ מאָך, אַ טונקעלער מאָך, און די אויגן זענען געבליבן טונקל. זי איז בלאָנד און האָט בלויע אויגן, אַזוי אויך איר טאַטע, געראָט דאָס קינד דווקא אַרײַן אין יואלן.

צוועלף קימפּעטאָרינס זענען געלעגן אין דעם צימער. זי איז געווען די איינציקע אין דעם צימער, און אַוודאי די איינציקע אין גאַנצן שפּיטאָל, צו וועמען קיינער איז נישט געקומען. בלומען האָט זי יאָ באַקומען. זי

האָט עס אַליין פאַר זיך אַראַנזשירט און באַצאָלט פּאַרויס. ווי נאָר זי איז אָנגעקומען אין שפּיטאָל איז זי געלאָפן צום טעלעפאָן און צו וויסן געגעבן דעם בלומען־הענדלער אַז די צייט איז שוין געקומען. זי האָט נישט פאַרגעסן אין דעם, נישט־געקוקט אויף די גרויסע ווייען. זי האָט אויך געטראַכט איבערצולאָזן ביי איר באַלעבאָסטע אַ בריוו אַדרעסירט צו זיך, אָבער די באַלעבאָסטע וואָלט דעם בריוו גוט אויסשטודירט איידער זי וואָלט עס אַריינגעוואָרפן אין פּאָסטקעסטל. זי האָט יאָ געבעטן די באַלעבאָסטע זאָל צו וויסן טאָן אין פריזיר־אַנשטאַלט, ווו זי אַרבעט, אַז זי איז שוין אין שפּיטאָל. אָבער קיינער איז נישט געקומען, די באַלעבאָס־טע האָט אַוודאי פאַרגעסן, און עס איז בעסער אַזוי, בעסער אַז די חברטעס זאָלן נישט זען איר קינד מיט טונקעלע האָר און טונקעלע אויגן.

יאַנקלען פלעגן אַלע לויבן פאַר זיין שאַרפן קאָפּ און זי — פאַר איר שיינקייט. זי פלעגט מקנא זיין יאַנקלען און אַלע מאָל געזאָגט אַז זי וואָלט געדן אויסגעביטן איר שיין פּנים פאַר זיין קלוגן קאָפּ. איצטער זעט זי אַז שיינקייט איז וויכטיקער. עס האָט איר געהאָלפן אין דאַנציק און עס העלפט איר אַפילו ביי די קאַטוילישע נאָנענס. קיינער איז זי אין גאָר נישט חושד, נישט־געקוקט אויף דעם אויסזען פון איר קינד און אויף דעם וואָס קיינער קומט נישט צון איר. דעם קאָפּ זאָל מען פאַרזעצן און אַ שיין פּנים זאָל מען האָבן.

אין שפּיטאָל האָט איר אפשר אויך געהאָלפן דאָס וואָס זי האָט געבראַכט אַ רעקאָמענדיר־בריוול פון איר גלח. אָבער די פריינדלעכקייט פון די שפּיטאָל־באַאַמטע האָבן געשאַפן פּראָבלעמען. ווען זי האָט זיך פאַרשריבן אין שפּיטאָל האָט זי אָנגעגעבן איר מאַנס נאָמען ווי סטאַ־ניסלאַוו רודניצקי.

„די פּאַני הייסט דאָך קאַליסקאַ?" האָט די שוועסטער זי געפרעגט.

„מיין מאַן איז אַוועק אין מיליטער איידער ער האָט באַוויזן אונטער־צושרייבן דעם חתונה־אַקט. ער האָט געזאָלט באַלד קומען אויף אורלויב, אָבער די מלחמה האָט אויסגעבראָכן און דער אַקט איז קיין מאָל נישט אונטערגעשריבן ׳געוואָרן׳".

מע וואָלט זי זיכער חושד געווען אַז זי זאָגט אַ ליגן אויב זי וואָלט נישט געבראַכט אַ בריוו פון איר גלח. די נאָנע איז געווען סימפּאַטיש און אַ קרעכץ געטאָן: „ס׳וועט זיין שווער מיט אַ מעטריקע פאַרן קינד. אַז אַ חתונה־אַקט קאָן מען פאַרשרייבן אויפן טאַטנס נאָמען נאָר אויב דער טאַטע איז דאָ דערביי און שרייבט אונטער אַז עס איז זיין קינד".

סאַבינאַ האָט גלייך מסכים געווען מע זאָל דאָס קינד פאַרשרייבן

נאָר אויף איר נאָמען! אָבער ווען עס איז געקומען דאָס אַרײַנצושרײַבן אין דעם רעגיסטער פון געבוירנס אין שפּיטאָל, האָט די עלטסטע קראַנקן־שוועסטער איר פֿירגעלייגט שרײַבן צום גלח וואָס האָט זי חתונה געמאַכט. אַז דער שפּיטאָל וועט שרײַבן וועט קומען אַן ענטפֿער. דערווײַל וועט מען די פּרטים וועגן טאַטן לאָזן אָפֿן.

אַז אַ שפּיטאָל וועט פֿרעגן וועט מען ענטפֿערן. פֿאַר דעם האָט סאַבינאַ טאַקע מורא געהאַט און שנעל געפֿונען אַן אויסרייד: „מײַן באַליבטער ׳פּראָבאָשטש׳ איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פֿון דאַנציק צוזאַ־מען מיט אַלע פּאָליאַקן. אונדזער פּאַראַפֿיע עקסיסטירט נישט מער".

סאַבינאַ האָט געוווּסט אַז עס איז אַ פֿוילער תּירוץ. דאָס איז אַ קריסטלעכער שפּיטאָל פֿאַרבונדן מיט אַ קלויסטער. זיי קאָנען זיך ווענדן צום ביוראָ פֿון קאַרדינאַל אין וואַרשע און אויסגעפֿינען ווו די גלחים פֿון דאַנציק געפֿינען זיך. זאָלן זיי בעסער שרײַבן קיין דאַנציק, זי ווייסט אַז דאָרט זענען מער קיין פּאָליאַקן נישטאָ. ווי האָט געהייסן דער קאָשטשאָל וווּהין זי האָט אַ מאָל צוגעפֿירט איר חברטע פּעלאַ רודניצקאַ, טאַקע די חברטע וואָס דעם נאָמען פֿון איר ברודער, סטאַך, האָט זי זיך געבאָרגט פֿאַר איר מאַן דעם אָפֿיציר? דער קאָשטשאָל האָט געהייסן נאָך עפּעס אַ הייליקן, ווי האָט ער געהייסן?

זי האָט געדענקט דעם אויסזען פֿון דעם קאָשטשאָל, דעם אויסזען פֿון דער גאַס וואָס האָט געפֿירט צום קאָשטשאָל, אָבער ווי האָט דער קאָש־טשאָל געהייסן? באַלד, באַלד. די גאַס האָט געהייסן אויף פּויליש שוויענ־טעגאָ יוזעפֿאַ, האָט אַזוי אַוודאי געהייסן אויך דער קאָשטשאָל. „ס׳איז געווען די פּאַראַפֿיע פֿון הייליקן יוזעף", האָט זי געזאָגט דער נאָנע, „אפֿשר איז טאַקע כּדאַי צו שרײַבן".

זי האָט דערנאָך חרטה געהאַט אויף דעם וואָס זי האָט געזאָגט. די דײַטשן זענען פּינקטלעכע. זי האָט באַקומען צוויי ענטפֿערס פֿון דאַנציק. אויב עס וועט קומען אַן ענטפֿער פֿון דעם קאָשטשאָל וועט עס זאָגן אַז עס איז קיין מאָל נישט געווען אַזאַ חתונה. עס קאָן זײַן אַז זי האָט זיך דאָ אָנגעמאַכט די אמתע חתונה.

די באַלעבאָסטע איז געקומען זי זען. סאַבינאַ האָט זיך דערפֿרייט ווען זי האָט זי געזען אַרײַנקומען, אָבער די פֿרייד איז גיך אויס־געראָנען. דער באַלעבאָסטע האָט זי געהאַט געזאָגט אַז עס איז נישט געווען קיין חתונה. אַז די באַלעבאָסטע וועט זיך צוזאַמענטרעפֿן מיט דער נאָנע... די באַלעבאָסטע איז אַ פּלאַפּלערקע.

די קאָלירן פון דעם קינדס האָר און אויגן האָבן זיך טאַקע געביטן, אָבער נאָר פון שוואַרץ אויף ברוין, טונקל ברוין. גרויסע ווייכע סאַמעטענע אויגן ווי דעם רבס. אין נאָרמאַלע צײַטן וואָלט זי געוועזן שטאָלץ וואָס איר קינד געראָט אַרײַן אין רב; איצט איז עס אַ צרה. די באַלעבאָסטע קוקט אויף איר פאַרשעריש און שטעלט פראַגעס: „פּאַני סאַבינאַ, די פּאַני איז זיכער אַז איר חתן איז נישט אַ ייִד?"

„ווי קומט די פּאַני ווערבלאָווסקאַ צון אַזאַ אויסטערלישן געדאַנק?" האָט סאַבינאַ אָנגעשטעלט אַ פּנים פון אַ באַליידיקטער.

„דער פּאַניס קינד זעט אויס ווי אַ קליין זשידעקל".

„פּאַני ווערבלאָווסקאַ, איך האָב געבוירן דאָס קינד אין אַ קאַטוילישן שפּיטאָל. אויב מע האָט פאַרביטן מײַן קינד האָט מען עס פאַרביטן אויף אַן אַנדער קריסטלעך קינד".

„ווי לאַנג האָט די פּאַני געקענט איר חתן? איז ער נישט אַ מאָל געווען אַ טונקעלער מיט ברוינע אויגן און ברוינע האָר?"

„פּאַני ווערבלאָווסקאַ, מײַן סטאַך איז אַ פּאָרוטשניק, נישטאָ קיין ייִדן אין פּוילישן אָפיצירן־קאָרפּוס".

„די פּאַני איז זיכער אַז ער איז אַן אָפיציר?"

„פּאַני ווערבלאָווסקאַ!" האָט שפּרינצע זיך באַליידיקט.

„פּאַני סאַבינאַ, איך מיין נישט קיין שלעכטס, אָבער די ייִדעלעך קאָנען אָפּנאַרן. אַ רײַך זונדל מיט אַ פּריזירערקע, נישט באַוויזן חתונה צו האָבן. זאָל די פּאַני אַ טראַכט טאָן, אפשר האָט ער די פּאַני אָפּגענאַרט".

„זאָל די פּאַני זיך נישט זאָרגן איך קען גוט מײַן סטאַך. ער איז נישט נאָר אַ קריסט, ער איז אַ פרומער קריסט. און — — —" די פּאַני סאַבינאַ האָט זיך אָפּגעגאָסן מיט רויטקייט און געזאָגט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. „איך האָב אַ קינד פון אים, קאָן איך דאָך וויסן צי ער איז אַ ייִד, צי נישט".

„איך גלייב דער פּאַני", איז די באַלעבאָסטע געוואָרן ווייכער. „אָבער ווער עס וועט זען דאָס קינד — — — אפילו די נאָז איז אַ ייִדישע. אַ קינד איין וואָך אַלט, און אַזאַ נאָז".

„וואָס קאָן איך טאָן?" איז שפּרינצעס טאָן אויך געוואָרן ווייכער. „איך קאָן דען וויסן צי צווישן סטאַכס זיידעס איז נישט געווען עמעץ וואָס האָט געהאַט אין זיך ייִדיש בלוט? כ'על דער פּאַני זאָגן דעם אמת. אויב יאָ, אַרט עס מיך אויך נישט. אַבי סטאַך איז אַ גוטער קריסט און זײַנע עלטערן זענען גוטע קריסטן".

די פּאַני קאַליסקאַ האָט געזאָגט אַז עס אַרט זי נישט, אָבער דער פּאַני וויערבלאָווסקאַ האָט עס יאָ געאַרט. זי האָט געהאַט צוגעזאָגט איר לאָקאַטאָרקע אַז זי וועט אַכטיק געבן אויפֿן קינד אין די אַרבעט־שעהען ווען עס וועט בלײַבן אַליין. איצט האָט זי חרטה געהאַט. זי האָט געזאָגט איר לאָקאַטאָרקע אַז זי איז נישט קיין אַנטיסעמיטקע. די ייִדן האָבן טאַקע געקרייציקט דעם „אויסלייזער״ און זענען פֿאַרשאָלטן פֿון גאָט, אָבער דאָס איז געווען אַזוי לאַנג צוריק, און זיי זענען שוין אַזוי פֿיל געשטראָפֿט געוואָרן. די דײַטשן זאָגן אַז ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן וועט זײַן אויס מיט די ייִדן. וואָס זי וויל זאָגן איז אַז זי קאָן נישט אַרויס־גיין שפּאַצירן מיט אַ קינד וואָס אַלע וועלן זען דערין אַ זשידעקל. זאָל די פּאַני סאַבינאַ נישט האָבן פֿאַריבל, אָבער די שכנים וועלן חושד זײַן כ׳ווייס וואָס.

וואָכן זענען פֿאַרבײַ, סאַבינאַס אָפּשפּאָרונגען זענען אויסגערונען, אָבער דעם קינדס אויגן און האָר זענען נישט געוואָרן העלער. די באַלע־באָסטע האָט אָנגעזאָגט סאַבינאַן אַז ווען עמעץ וועט קלינגען אין דער טיר זאָל זי אַרײַן אין דער לעצטער שטוב און נישט אַרויסקומען ביז די מענטשן וועלן אַוועק. דאָס איז פֿאַר איר אייגענער טובֿה וועגן.

דאָס קינד איז שוין געווען אַ חודש אַלט. נישט זי האָט עס אַוועקגע־טראָגן צו ייִדן מע זאָל עס מל זײַן, נישט זי האָט עס געברענגט צום גלח אַ נאָמען צו געבן. איין מאָל איז זי אַוועק אין די ייִדישע גאַסן און דאָרט געזוכט אַ צימער צו דינגען, אָבער עס זענען נישט געווען קיין צימערן צו פֿאַרדינגען. כאָטש די מויערן אַרום די ייִדישע גאַסן זענען נאָך נישט געווען פֿאַרטיק האָט עס שוין אויסגעזען ווי אַ געטאָ. אפֿשר האָבן אויף איר אַזוי געווירקט די גרויסע שילדן מיט די אויפֿשריפֿטן אַז דאָס איז טיפֿוס־געביט. עס האָט זיך איר געדאַכט אַז זי קאָן דערשמעקן דעם טיפֿוס אין די גאַסן. ברענגען אַהער איר קינד? זי וואָלט באַדאַרפֿט זײַן משוגע.

זינט די צײַטן ווען זי האָט אין דאַנציק געוווינט אין איין צימער מיט אַ קריסטלעך מיידל, האָט סאַבינאַ געקענט אַ סך פֿון די קריסטלעכע מנהגים און געוווּסט אַלץ וועגן זייערע חגאות. ווען זי האָט אָנגעהויבן גיין אין קאָשטשאָל מיט איר איצטיקער באַלעבאָסטע, האָט זי זיך געקויפֿט אַ ביכעלע מיט אַלע תּפֿילות און זיי אײַנגעחזרט. זי האָט געקענט די תּפֿילות בעסער ווי איר באַלעבאָסטע, אָבער די ווידוי איז געווען אַ

פּראָבלעם. בעת דער ווידוי איז מען אַליין מיטן גלח, ווי אַזוי קאָן זי זיך אויסלערנען ווי זיך אויפצופירן בײַ דער ווידוי?

סאַבינאַ האָט זיך פּאַרטרויט פאַר אַ חברטע: איר פאָטער איז געווען אַ פירער אין דער „פּע פּע עס", אַ סאָציאַליסט און אַ פרײַדענקער. מע האָט זי קיין מאָל נישט גענומען אין קאָשטשאָל און נישט געפירט צו קאָנפעסיאָנאַלן. זיידע־באָבע צו ליב האָט מען זי געפירט צו דער ערשטער קאָמוניע און געמאַכט אַ באַל, אָבער דאָס איז געווען אַזוי לאַנג צוריק, זי געדענקט נישט וואָס מע טוט בײַ אַ ווידוי. זי חלשט גיין צו ווידוי, אָבער זי שעמט זיך פאַר דעם גלח. ס'איז אַזאַ שווערע מלחמה, איר סטאַך איז אין געפאַנגענשאַפט, זי וויל זיך צוריקקערן צו גאָט.

די חברטע האָט פאַרשטאַנען פאַר וואָס די פּאַני סאַבינאַ שעמט זיך אויסצוזאָגן אַזאַ זאַך און צוגעזאָגט עס צו האַלטן בסוד.

מחמת זי האָט זיך געהאַט מודה געווען פאַר דער באַלעבאָסטע אַז זי האָט נאָך נישט חתונה געהאַט האָט זי דאָס אויך געזאָגט דעם גלח אין איר ווידוי. דער גלח וועט איר העלפן אויב עס וועט אָנקומען אַ נעגאַ־טיווע תשובה פון דאַנציק. דער גלח איז פרײַנדלעך צון איר און לויבט זי פאַרן קומען אַזוי רעגולער צו די תּפילות.

איצט איז סאַבינאַ געגאַנגען צון איר גלח פרעגן אַן עצה וועגן אַ נאָמען פאַר איר יינגל, עס איז איר שווער צו באַשליסן אַן דעם טאַטן. זי וואָלט באַדאַרפט עס געבן דעם טאַטנס נאָמען, אָבער זי איז אויך געבייגט אָנצורופן איר קינד סטעפאַן. זינט איר סטאַך איז אַוועק אין געפאַנגענשאַפט פילט זי זיך נאָענט און באַשיצט פון הייליקן סטעפאַן און איז אַלע מאָל מתפּלל צון אים. דער הייליקער סטעפאַן האָט געשיצט און געשפּײַזט פרויען וואָס האָבן נישט געהאַט זייערע מענער.

דער הייליקער סטעפאַן האָט געשפּײַזט די אַלמנות פון גריכן וואָס האָבן זיך באַקערט צום גלויבן. „איז די פּאַני אַ נײַ־באַקערטע צום קריסטלעכן גלויבן?" האָט דער גלח געפרעגט.

„איך?" האָט שפּרינצע אַזש אויסגעשריגן פון איבערראַש. עס מוז זײַן אַז די באַלעבאָסטע האָט שוין געפּלאַפּלט וועגן דעם אויסזען פון קינד.

„נײַ־באַקערטע זענען אַלע מאָל מער איבערגעגעבן ווי די אַלט־גלייביקע", האָט דער גלח צוגעגעבן.

סאַבינאַ האָט שנעל באַשלאָסן אַז עס איז בעסער נישט צו לייקענען צו פיל. „מײַן קינד האָט טונקעלע האָר און אויגן, די פּאַני וויערבלאָווסקאַ זאָגט אַז עס זעט אויס ווי אַ זשידעק. אפשר איז עמעץ פון מײַנע, אָדער פון סטאַכס, זיידעס געווען אַ נײַבאַקערטער צום גלויבן, ווער קאָן וויסן".

„זאָל די פּאַני עס זיך נישט נעמען צום האַרצן. פאַר גאָט איז יעדער גלייביקער גלײַך“.

„אָבער פאַר די דײַטשן נישט. די פּאַני ווערבלאָווסקאַ האָט געזאָלט אַכטיק געבן אויפן קינד ווען איך וועל זײַן בײַ דער אַרבעט, איצט האָט זי מורא“.

„פאַר וואָס זאָל די פּאַני נישט אָוועקגעבן דאָס קינד אין אַ קלויס-טער?“

„אין אַ קלויסטער?“

„אין אַ קינדערהיים בײַ אַ קלויסטער. די נאָנעס היטן אָפּ די קינדער ווי גוטע מאַמעס“.

„אָוועקגעבן מײַן קינד?“

„ביז די שווערע צײַט וועט אַריבער. די פּאַני וועט עס קאָנען זען יעדן זונטיק. איך האָב אַ שוועסטער אין אַ קלויסטער וואָס האָט אַזאַ קינדערהיים. עס איז פאַר יתומים און אונטערגעוואָרפענע קינדער, אָבער אין מלחמה-צײַט...“

נאָכן אַרײַנגעבן דאָס קינד אין דער קינדערהיים האָט סאַבינאַ געביטן איר דירה און אויך איר אַרבעטפּלאַץ כּדי איבערצורײַסן יעדן קאָנטאַקט מיט דער ווערבלאָווסקאַ.

## קאַפּיטל זעכצן

# חשדים

### א.

עס איז געווען נאָר עטלעכע וואָכן זינט כעמיע איז צוריקגעקומען קיין כעלמיש ווען ער איז געוואָרן אַ שמײַסער בײַם סאַמע הויפּט פון געסטאַפּאָ. כעמיע האָט געקענט די גאַנצע געגנט אַרום כעלמיש. ער האָט געפונען דעם סטעלמאַך וואָס האָט אויסגעטאַקט פאַר דעם הער קראַנץ אַ שיין שפּאַציר-וועגעלע. ער האָט אויך געפונען די פּאַסיקע צוויי פערד, און טאָקע ער איז געווען דער באַלעבאָס איבערן שטאַל מיט די פערדלעך.

די קאַבילאַקס, איידער זיי זענען געוואָרן שפּיליטערס, זענען זיי אַלע געווען באַלעגאַלעס. כעמיע האָט זיך אויסגעלערנט אומגיין מיט פערד נאָך איידער ער האָט זיך אויסגעלערנט אַ זייַטל עברי. דער געסטאַ־פּאָ־הויפּט איז געווען צופרידן פון כעמיעס אַרבעט אַרום שטאַל און פון זייַן אויסטויגן זיך. כעמיע איז געוואָרן דער הויפּטאייַנקויפער פון די שפּייַזפּראָדוקטן וואָס דער הער קאָמענדאַנט האָט רעגולער געשיקט צו די זייַניקע אין דייַטשלאַנד. אויך אין דעם האָט ער זיך אויסגעטויגט בעסער פאַר די אַנדערע.

מיט דער צייַט איז כעמיע געוואָרן פאַר די פויערים פון די אַרומיקע דערפער דאָס וואָס דער קלייַנער שלומל איז געווען פאַר די ייִדן פון כעלמיש. מע האָט געכאַפּט אַן איינציקן זון אוועקצושיקן קיין דייַטשלאַנד — כעמיע האָט אים באַפרייַט. מע האָט געפונען אַ קו וואָס איז נישט געווען רעגיסטרירט בייַ דער מאַכט כדי נישט צו דאַרפן אָוועקגעבן די מילעך — כעמיע האָט אויסגעקויפט די קו און אַרויסגענומען דעם פויער פון תּפיסה. קראַנץ האָט ליב געהאַט געלט און מתּנות.

דער פאַרבאָט אַז ייִדן טאָרן נישט האַנדלען מיט מאַנופאַקטור און לעדער איז אַרויס נאָך אין אָקטאָבער 1939, אָבער מע האָט זיך נאָך געקאָנט אַן עצה געבן. לעצטנס איז אַרויס אַ נייַע גזירה, אַז ווער עס האָט די סחורות מוז עס גלייַך מעלדן אין די געהעריקע אַמטן; ווער עס וועט נישט מעלדן וועט שטרענג באַשטראָפט ווערן. עס איז געוואָרן אַ מהומה.

גראָד דעמאָלט איז שלומל געקומען קיין וואַרשע אייַנקויפן די סחורות. ער איז שוין געזעסן אַ וואָך אין וואַרשע און נאָך אַלץ נישט געפונען די ריכטיקע קאָנטאַקטן. ער האָט טעלעפאָנירט כעמיע זאָל קומען אים אַרויסהעלפן. כעמיע איז געווען אַ שפּיליטער און ביז דער מלחמה אייַנגעקויפט פאַר אַ סך כעלמישער סוחרים, ער וועט זיכער געפינען אַן אַלטן קאָנטאַקט.

כעמיע האָט געזאָגט געגעבן אַז ער פאָרט נאָר אויף אַ צוויי־דרייַ טעג, אָבער עס רעדט זיך לייַכטער ווי עס טוט זיך. ביז מע געפינט דעם ריכטיקן קאָנטאַקט, ביז יענער געפינט די ריכטיקע סחורה, נעמט צייַט. מע קאָן קיין מאָל נישט צוקומען צו דער ערשטער האַנט, טייל מאָל גייט עס אַדורך דרייַ אָדער פיר הענט. אַ מאָל האָט אַ סוחר געהאַט אַן אייַנ־ווענטאַר פון סחורה און פון דעם געצויגן פּרנסה, הייַנט האָט אַ סוחר אַן אינוועטאַר פון אינפאָרמאַציע ווער עס האָט וואָס. אַז מע ווייסט נאָר

ווער עס האָט אַ צוטריט צו איינעם וואָס ווייסט ווו מע קאָן קויפן אַ שטיקל סחורה, קאָן מען זיך שוין דרייען אויף גענשע־גאַס און פאַרדינען אַ פּאָר זלאָטעס. ווער שמועסט נאָך אַז מע האָט אַ „מוסטער", אַ פּיצעלע אָפּשניטל פון דער סחורה און מע קאָן טאַקע וויַיזן ווי די סחורה זעט אויס, איז עס שוין כמעט ווי ערשטע האַנט. צוליב זיכערקייט וועט קיינער נישט אויסזאָגן ווו ער האָט דאָס מוסטערל גענומען. מיט אויסגעבן דעם סוד פאַרלירט מען אויך אַ מקור פּרנסה. אַז אַ טראַנסאַקציע איז געשלאָסן געוואָרן האָט יעדער פון די פאַרמיטלערס געמוזט שמוגלען דאָס פּעקל צום אַנדערן פאַרמיטלער ביז עס איז אָנגעקומען צום קונה. ווען מע האָט געכאַפּט צו דער אַרבעט האָט מען נישט ריזיקירט אַרויסצוגיין מיט אַ שטיקל סחורה. עס האָט טייל מאָל גענומען טעג ביז דער קונה האָט באַקומען די געקויפטע סחורה.

שלומל איז אַרויסגעפאָרן פון כעלמיש זונטיק, כעמיע איז געקומען ערשט דעם צווייטן מאָנטיק. ביז פריַיטיק נאָך מיטאָג האָט ער שוין געהאַט איַינגעקויפט וואָס ער האָט געדאַרפט, אָבער מע האָט באַדאַרפט וואַרטן ביז מע וועט ברענגען די סחורה. שלומל האָט גענומען זוכן אַ מנין ווו צו דאַווענען שבת. כעמיע איז אַוועק צו זיַינע קרובים אויף קאַרמעליצקע־גאַס. עס איז אים געווען אומעטיק מיט דער אַלטער קוזינע. ער האָט זיך דערמאָנט אין שפּרינצען. ער וועט גיין זי זען. אפשר האָט זי עפּעס אַ ידיעה פון איר ברודער יאַנקל. איַי, וואָלט דאָס געווען אַ שיינע זאַך אויב ער וואָלט געקאָנט אַהיימברענגען אַ ידיעה פאַר רוכטשען אַז איר „סימפּאַטיע" יאַנקל האָט זיך אָפּגעפונען. דאָס וואָלט געווען די בעסטע מתּנה אַהיימצוברענגען פאַר די פרידעס, זיי זענען נישט צו גליקלעך וואָס רוכטשע שלעפּט זיך אַרום מיט דעם קאָמוניסטל עליאַש בלאַנק.

די פרידעס זענען אויך נישט געווען צו פיל גליקלעך וואָס געניע האָט אויסגעקליבן אים. אָבער ווען ער איז צוריקגעקומען פון רוסלאַנד האָט געניעס טאַטע דער ערשטער גענומען רעדן וועגן אַ חתונה. כ'ווייס? אפשר האָט ר' נטע זיך דערשראָקן ווען געניע האָט זיך גענומען חברן מיט דעם סטעפאַן וויַיס. ער האָט נישט געוואָלט אַז זיַין טאָכטער זאָל נאָך אַ מאָל אָפּלאָזן אַ שידוך. אין אָנהייב האָט ער אַפילו געפילט אַ וואַרעמקייט מצד שווער־און־שוויגער, אָבער לעצטנס האָט זיך עפּעס געביטן, אַפילו רוכטשע מיַידט אים אויס. און אפשר האָט עס זיך טאַקע אָנגעהויבן פון רוכטשען? עס האָט זיך אים שוין עטלעכע מאָל געדאַכט אַז רוכטשע מיַידט אויס אים צו געבן די האַנט. וואָס זי האָט קעגן אים ווייסט ער נישט. יאָ, עס האָט זיך אָנגעהויבן פון רוכטשען און זי האָט אָנגעדרודלט

די אַנדערע. פון רוכטשען? ניין, עס האָט זיך אָנגעהויבן פון עליאַשן, יענער האָט אָנגעהעצט רוכטשען קעגן אים.

איי, וואָלט דאָס געווען גוט אויב ער וואָלט געקאָנט צוריקקומען מיט אַ בשורה וועגן יאַנקלען. רוכטשע איז געווען אַזוי פאַרקאָכט אין דעם בחור אַז זי האָט אים זיכער נישט פאַרגעסן. אויב יאַנקל לעבט, איז אויס מיט עליאַשן און אויס מיט די העצעריַיען. האָט רוכטשע פאַרגעסן וויפל טובות ער פלעגט טאָן יאַנקלען און דעם גאַנצן הכשרה־קיבוץ?

ער איז אָוועק דאָרט ווו שפּרינצע האָט געוווינט ביז דער מלחמה, אָבער איר געטאָקטער גוף איז אָנגעלאָדן מיט רייץ. אַז דו גייסט צו צון איר קאָן זי געפינען. אַ שאָד, אַ שאָד. עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו זען צי די שפּרינצע איז נאָך אַלץ אַזוי שיין, צי זי קליידט זיך נאָך אַזוי עלעגאַנט. ער האָט געהאַפט זי אַרויסצונעמען אויף אַ שפּאַציר און זיך דערמאָנען די אַלטע גוטע ציַיטן. ווי לאַנג איז אינגאַנצן זינט שפּרינצע און יאַנקל זענען געקומען צו אַ ביבקע וואָס גענים האָט איַינגעאָרדנט. איי איז דעמאָלט געווען פריילעך. זיי האָבן געשפּילט אין פאַנטן און ער האָט געוווּנען די רעכט צו געבן שפּרינצען אַ קוש. גענים איז געווען אַ ביסל פּעפּערזיכטיק, אָדער זי האָט געמאַכט דעם אָנשטעל אַז זי איז. געווען ציַיטן ווען מע האָט זיך געקאָנט נאַריש מאַכן...

נישט געפונען שפּרינצען איז אים געוואָרן נאָך מער אומעטיק. וואָס וועט ער דאָ טאָן אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג? ער זוכט דאָ שפּרינצען און אין דער היים וואַרט אויף אים זיַין גענים. שפּרינצע איז טאַקע אַ שיין מיידל. עס איז שיין צו קוקן אויף איר — קוק מיך אָן, ריר מיך נישט אָן. ער האָט איר דעמאָלט אַ קוש געטאָן און זי האָט אויסגעזען צו זיַין וויַיט־וויַיט אָוועק. עט, ער האָט נישט קיין גוסט פאַר אַ שיינער פאַרצע־לייַענער ליאַלקע. זיַין גענים איז אַ שטיק צאַפּלדיק וויַיב. איר פולער, אָבער געטאָקטער גוף איז אָנגעלאָדן מיט רייץ. אַז דו גייסט צו צון איר פילסטו די היץ פון אַ ווולקאַן. אַז זי גיט נאָר אַ קוק אויף דיר מיט אירע לאַכעדיקע רייצנדיקע שליפיעס ביסטו שוין אַ געפאַנגענער, און דאָס בלוט נעמט זידן אין די אָדערן ווי דו וואָלטסט געזעסן אויפן פיַיער. דו דאַרפסט נאָר אַ טראַכט טאָן וועגן איר און דו צינדסט זיך אָן ווי אַ קינדל.

ער איז געקומען אַהער איַינקויפן און האָט שוין איַינגעקויפט. מע דאַרף ברענגען די סחורות ערשט אַרום זונטיק אָדער מאָנטיק, אָבער צו דעם דאַרף מען נישט אים. שלומל וועט בלייַבן און וועט איצט זיך שוין אַן עצה געבן אָן אים. וואָס זיצט ער דאָ אין דעם וואַרשע?

כּעמיע איז געווען צופרידן אַז ער האָט נישט געפונען שלומלען אויף זײַן קוואַרטיר. יענער וואָלט אים פּראָבירט צוריקהאַלטן פון פאָרן אום שבת. די קרובה בײַ וועמען שלומל וווינט וועט אים שוין זאָגן אַז ער וועט מוזן אַליין אַהיימפירן די סחורות.

זײַן טאַטע האָט אַ באַליבט ווערטל: „אַז מע זוכט געפינט מען״. הײַנט אין דער פרי האָט ער געזוכט שפּרינצען און זי נישט געפונען; ער האָט נישט געזוכט זאָשקען, אַפילו נישט געדענקט אַז זי עקסיסטירט. ער איז נאָר אַרײַן אין וואָקזאַל און זי גאָר דערזען. זי איז געשטאַנען אין דער ריי צום אַ פענצטערל צו קויפן אַ בילעט.

זי האָט אים אויך דערזען און געגעבן אים אַ צייכן ער זאָל נישט צוקומען צום איר. ווען ער איז צוגעקומען נעענטער האָט ער פאַרשטאַנען פאַר וואָס: זאָשקע האָט נישט געטראָגן די ייִדישע ׳בינדע׳ אויף איר אָרעם, זי איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ גויע. ער האָט יאָ געטראָגן די בינדע, ער האָט געהאַט אַ שוצבריוו פון קראַנצן און האָט זיך נישט באַדאַרפט פאַרשטעלן.

כּעמיע איז נאָך געשטאַנען אין דער ריי צו קויפן אַ בילעט, ווען ער האָט דערזען ווי דײַטשע זשאַנדאַרן האָבן אַרײַנמאַרשירט און אַוועקגע־שטעלט וואַכן בײַ אַלע אַרויסגענג. ווער ווייסט וואָס זאָשקע פירט אין דער וואַליזע וואָס ער האָט געזען נעבן אירע פיס, ווער ווייסט צי זי האָט גוטע אַרישע דאָקומענטן? זיי וועלן דאָ אַוודאי כאַפּן יונגע מענטשן אַוועקצושיקן צו אַרבעטן אין דײַטשלאַנד, ווי אַזוי וועט זאָשקע קאָנען זיך אַרויסדרייען? ער מוז זי געפינען. אפשר וועט ער קאָנען עפּעס טאָן. ער מוז זי געפינען, מע זאָל כאַטש וויסן וואָס ס׳איז געשען.

ער האָט איבערגעלאָזט די ריי בײַם בילעטן־פענצטערל און גענומען זוכן זאָשקען איבער דעם גרויסן זאַל. ער איז באַלד פאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַ זשאַנדאַר. דער דײַטש האָט איבערגעקוקט כעמיעס פּאַפּירן און זיי געוויזן צום אַ צווייטן דײַטש. זיי האָבן אים צוריקגעגעבן די פּאַפּירן און אים באַפרײַט.

ער האָט געפונען זאָשקען, אָבער אַ דײַטש איז שוין געשטאַנען נעבן איר. דער דײַטש האָט גענומען איר וואַליזע און זי אַוועקגעפירט, כּעמיע איז נאָכגעגאַנגען הינטער זיי. זיי זענען אַרויס פון דעם גרויסן זאַל, כּעמיע האָט אויך געוואָלט אַרויס, אָבער אַ וואַכמאַן בײַ דער טיר האָט אים פאַרהאַלטן. ווען ער איז שוין אַרויסגעקומען דרויסן האָט ער זיך געכאַפּט אַז עס איז דער פּערראָן פון וואַנען עס גייט אָפּ זײַן צוג קיין כעלמיש

און לובלין. ער וועט שוין פאָרן אָן אַ בילעט. אויב זאָשקע איז אין דעם צוג מוז ער פאָרן מיט איר און זען וואָס עס וועט געשען.

מע האָט זי אַרעסטירט אין וואַרשע און מע פירט זי קיין כעלמיש? דאָס איז ערנסט. אויב דער כעלמישער קיבוץ איז קאָמפּראָמיטירט וועלן אַלע יידן אין כעלמיש נישט לעקן קיין האָניק. קראַנץ האָט ליב געלט, אָבער אויב עס איז ערנסט וועט קיין געלט נישט העלפן. ס'אַ נס וואָס עס איז אים איינגעפאַלן היינט צוריקצופאָרן. ער וועט כאַפּן געניען און אַנטלויפן, ער וועט וואָרענען אַלע זאָלן אַנטלויפן.

כעמיע איז געלאָפן לענג־אויס די וואַגאָנעס און אַריינגעקוקט דורך די פענצטער. ער איז שיער נישט אַרויפגעלאָפן אויף דעם דייטש. יאָ, עס מוז זיין דער זעלביקער דייטש. זאָשקע איז שוין אין וואַגאָן, זי שטייט ביים פענצטער און פאָכעט צום דייטש. דער דייטש סאַלוטירט צון איר און גייט אַוועק. כעמיע האָט נישט געגלייבט זיינע אייגענע אויגן.

אין געדראַנג ביי די טרעפּלעך אַריינצוגיין אין וואַגאָן האָט כעמיע אַראָפּגעצויגן די בינדע פון זיין אַרבל, איצט וועט ער זיין גלייך מיט אַלעמען און זי וועט נישט מורא האָבן רעדן צון אים. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן אין איר קופּע האָט זי אים ווידער געגעבן אַ צייכן ער זאָל זיך האַלטן פון וויַיטן. ער האָט מכלומרשט אָפּגעווישט דעם שטויב פון דעם רעכטן אַרבל צו ווייזן איר אַז ער האָט מער נישט די בינדע אויף דעם אַרבל, אָבער זי האָט געדרייט מיטן קאָפּ אויף ניין. דער פּלאַץ נעבן איר איז שוין סיי ווי געווען פאַרנומען. ער האָט זיך געזעצט אויף דער קעגנאיבערדיקער באַנק און באַלד דערזען איר שוואַרצע וואַליזע אויף דער באַגאַזשפּאָליצע איבער איר קאָפּ. דאָס מיינט אַז דער דייטש האָט זי אַרויסגעפירט צון איר צוג און צוגעטראָגן איר וואַליזע. אהאַ, דאָס האָט געמוזט זיין איינער פון אירע מענטשן פאַרשטעלט פאַר אַ דייטש. אויב אַזוי פאַר וואָס איז ער צוריק אַריין אין וואָקזאַל וואָס איז געווען פול מיט זשאַנדאַרן? וואָס טוט זיך דאָ? אפשר דאַרף דער דייטש באַלד צוריקקומען?

אַ פייף, אַ סאָפּען פון לאָקאָמאָטיוו און דער צוג האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט. ער האָט געקוקט צו זאָשקען און געוואַרט אויף נאָך עפּעס אַ צייכן, אָבער עס איז געוואָרן טונקל אין וואַגאָן, דער צוג איז אַריין אין אַ טונעל.

כעמיע איז געזעסן ווי אויף הייסע קוילן. אין דער פינצטערניש פון וואַגאָן האָט דער גאַנצער ענין צון אים אויסגעזען נאָך מער מאָדנע. ער

האָט געפילט אַז זאָשקע איז אין אַ צרה, אפשר וואָלט ער געקאָנט העלפן, אָבער אַז ער ווייסט נישט וואָס עס טוט זיך, פון וואַנען זאָל ער וויסן וואָס צו טאָן?

דער צוג איז אַרויס פון טונעל און געלאָפן צווישן תּבואה־פעלדער. אַ קאָנדוקטאָר איז אַרײַנגעקומען קאָנטראָלירן די בילעטן. כעמיע האָט אַנשטאָט אַ בילעט אים געוויזן זײַן שוצבריוו און אַ זאָג געטאָן: „אָפּי־ציעלע מיסיע". ער האָט נאָר אַ פּאַכע געטאָן מיט דעם פּאַפּיר פאַר דעם קאָנדוקטאָרס אויגן, דער קאָנדוקטאָר האָט זיכער געזען די האָקנקרייצן אויף דעם בריוובויגן און אין די שטעמפּלען. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געגאַנגען ווײַטער.

ווען דער צוג איז אָנגעקומען קיין כעלמיש איז שוין געווען פאַר נאַכט. זאָשקע האָט זיך אויפגעשטעלט און כעמיע האָט פון דעם פאַרשטאַ־נען אַז זי גייט אַראָפּ טאַקע אין כעלמיש. כעמיע איז צוגעשפּרונגען און אַ כאַפּ געטאָן איר וואַליזע. ער האָט זיך נישט געריכט אַז די וואַליזע וועט זײַן אַזוי שווער, און געגעבן אַ האַסטיקן שלעפּ. די משׂא האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון גלײַכגעוויכט, ער האָט זיך אָנגעשטויסן אין זאָשקען און זי האָט זיך אָפּגעבייזערט: „פּאַניע, קוקט ווו איר גייט". ער האָט זי אויסגעמיטן און אַרויס מיט דער וואַליזע ווי זי וואָלט געווען זײַנע. ווי נאָר ער איז אַרויס האָט ער אַראָפּגעשטעלט די וואַליזע און שנעל צוריק אַרויפגעצויגן די בינדע, דאָ האָבן אים אַלע געקענט. זאָשקע האָט אים איבערגעיאָגט. ווען זי איז אים פאַרבײַגעגאַנגען האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן: „טריף, היט זיך", און אַוועק ווײַטער. אַרויסגעקומען אין גאַס האָט זי פאַמעלעכט איר טריט און געלאָזט כעמיען גיין פאָרויס. ער איז נישט געגאַנגען מיט די גאַסן וואָס האָבן געפירט צום קיבוץ. זי האָט אים ווידער אָנגעיאָגט און פאַרבײַגייענדיק ווידער אַ שעפּטשע געטאָן: „צום קיבוץ".

„ווּפּאָזשאָנדקו, ס'איז אין אָרדענונג", האָט ער געענטפערט און זי האָט שוין פאַרשטאַנען אַז ער גייט מיט אַ הינטערוועג ווײַל ס'איז נאָך נישט אויס שבת.

כעמיע איז געגאַנגען מיט אַ שנעלן טריט און געבאָדן זיך אין שווייס. מער פעלט אים נישט נאָר ער זאָל אויפן וועג טרעפן זײַן שווער, ער מוז עס אָבער טאָן פאַר זאָשקען. די וואַליזע איז צו שווער פאַר איר און אויך געפערלעך. אַ פרעמד פּנים און אַ וואַליזע אין האַנט, יעדער פּאָלי־ציאַנט וואָלט זי אָפּגעשטעלט, אים וועט קיינער נישט פאַרהאַלטן.

ער איז אָנגעקומען אין קיבוץ דער ערשטער. „וועמען זוכט איר?" האָט מען אים געפרעגט. עס איז געווען אַ שיינער שבת פאַרנאַכט, עולם איז אַרויס שפּאַצירן. די צוויי בחורים וואָס זענען געווען אין קיבוץ זענען געווען פון די נײַ־געקומענע נאָכן אויסבראָך פון דער מלחמה, זיי האָבן כעמיען נישט געקענט.

כעמיע האָט נישט באַוויזן צו ענטפערן און זאָשקע איז אַרײַן. די צוויי קיבוצניקעס זענען אַרויפגעפאַלן אויף זאָשקען און זיך געקושט מיט איר. זי האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פון זיי און צוגעקומען צו כעמיען: „תּודה רבה, אַ שיינעם דאַנק".

„וואָס פּירסטו דאָ, שטיינער?"

„צירקולאַרן. פּאַפּיר איז שווער".

„פּראָקלאַמאַציעס, האַ? דו ריזיקירסט צו פיל. און דער חבר דײַנער האָט נישט געטאָרט צוריק אַרײַן אין וואָקזאַל בעת אַן אַבלאַווע, מיט די זאַכן שפּילט מען זיך נישט".

„וועלכער חבר?"

„דער וואָס האָט דיך אַרויסגעפירט צום צוג און געטראָגן דײַן וואַליזע. ווו האָט ער גענומען דעם מונדיר?"

„וואָס הייסט ווו? אין דער ווערמאַכט".

כעמיע האָט געגעבן אַ ווונק מיט אַן אויג און אַ דריי מיט דער האַנט אַהינטער, וואָס מיינט: צוגעלאַטכנט.

ערשט איצט האָט זאָשקע פאַרשטאַנען פאַר וואָס כעמיע האָט אים גערופן „חבר". „כעמיע, ס'איז נישט געווען קיין פאַרשטעלטער, דאָס איז געווען אַן אמתער דײַטש".

„ער האָט אויסגעזען צו זײַן אַן אמתער דײַטש און איך האָב מיר שוין געבראָכן דעם קאָפּ ווי אַזוי דיך אַרויסצוראַטעווען. וואָס טוט זיך דאָ? קענסט אים שוין לאַנג?"

„שוין לאַנג? קיין מאָל פריִער אים פאַר די אויגן נישט געזען. ער איז געקומען צו דער באַן מיט זעלביקן טראַמוויַ וואָס איך. ס'איז מיר געווען שווער מיט דער וואַליזע בײַם אַראָפּגיין די טראַמווײַ־טרעפּלעך, האָט ער געהאָלפן. ער האָט געטראָגן מײַן וואַליזע פון דעם טראַמווײַ ביז צום פענצטערל ווו מע פאַרקויפט די בילעטן".

„ער האָט דיך נישט געפרעגט פאַר וואָס דײַן וואַליזע איז אַזוי שווער? דו ריזיקירסט צו פיל, זאָשקע".

„ער איז גרייט געווען צו וואַרטן ביז איך וועל קויפן מײַן בילעט, אָבער איך האָב אים אָפּגעדאַנקט און ער איז אַוועק. ווען איך האָב דער־

זען די זשאַנדאַרן האָב איך געלאָזט שטיין די וואַליזע און בין געלאָפן אים זוכן. דאָס איבעריקע האָסטו שוין געזען".

„זאָג מיר די נעוואַרעט, זאַשקע, וואָס וואָלטסטו געטאָן אויב וואָלטסט אים נישט געפונען: דו וואָלטסט ריזיקירט אַרויסצוגיין מיט דער וואַליזע?"

„דו ווילסט כ'זאָל דיר זאָגן דעם אמת? דער אמת איז אַז איך ווייס נישט וואָס איך וואָלט געטאָן".

„אויב עס וואָלט כאָטש געווען אַ לײַכטע וואַליזע, קלייניקייטן באַהאַלטן צווישן דאַמען־אונטערוועש... דו ריזיקירסט צו פיל, זאַשקע".

„זע'ץ נאָר ווער עס רעדט. און אַז דו ביסט געפאָרן אָן אַ בילעט? און מײַן וואַליזע האָסטו אויך געטראָגן, איך האָב דיר געזאָגט אַז עס איז טריף. יעדער מוז הײַנט ריזיקירן".

„איך האָב געטראָגן די וואַליזע אין כעלמיש. דאָ האָב איך מער מורא פאַר מײַן שווער ווי פאַר די דײַטשן".

„דײַן שווער? האָסט חתונה געהאַט? טאָקע מיט דער פרידווונע? מזל־טוב".

„מיט מזל זאָל מען לעבן. הער, זאַשקע, איך קום אַלע פאַר וואָכן קיין וואַרשע. אויב דו דאַרפסט עפּעס שיקן אַהער, פאַרלאָז זיך אויף בעמיעס עקספּעדיציע. ראַיעל ווי גאָלד, שנעלע טראַנספּאָרטאַציע. ווו קאָן איך דיך געפינען אין וואַרשע?"

„ווו קאָן איך דיך געפינען?"

„איך ווין אין וואַרשע בײַ אַ קוזינע אויף קאַרמעליצקאַ 17. זי הייסט קאַבילאַק, ווי איך. רעכטע אָפיצינע, צווייטער שטאָק. וועסט קומען?"

„ס'איז אַלע מאָל לײַכטער פאַר אַ פרוי. אַז איך טו אויס די בינדע..."

„איך פאַר אָפיציעל, איז עס אין גאַנצן נישט געפערלעך".

„אָפיציעלע מיסיע, האַ?" האָט זאַשקע זיך דערמאָנט וואָס בעמיע האָט געזאָגט דעם קאָנדוקטאָר און אַ ווונק געטאָן מיט איין אויג".

גענִיע איז נישט געווען אין דער היים און איז נישט געווען בײַ אירע עלטערן. ווען זי איז סוף־כל־סוף אַהיימגעקומען איז שוין געווען נאָך דער פּאָליציי־שעה ווען אַ ייִד טאָר נישט זײַן אין גאַס. ווען זי האָט אים דערזען איז זי אַרויפגעפאַלן אויף אים: „בעמיעלע, ווען ביסטו געקומען?"

„ערשט געקומען", האָט ער איר געזאָגט אַ ליגן. „דו ווייסט ווי שפּעט עס איז?"

„כ׳האָב נישט קיין מורא פאַר דער ׳שפּערע׳ אַז — —"

„זאָג מיר נישט, איך ווייס. סטעפאַן ווײַס האָט דיך אָפּגעפירט אַהיים".

„כ׳בין געגאַנגען זאָגן אַז כ׳האָב נישט קיין מורא פאַר דער שפּערע ווײַל מײַן מאַן אַרבעט פאַר דער געסטאַפּאָ".

„נישט פאַר דער געסטאַפּאָ, נאָר פאַר קראַנצן".

„נישט פאַר געסטאַפּאָ, נאָר פאַר דעם געסטאַפּאָ־שעף", האָט געניע זיך געהאַלטן בײַ אירס.

„דו זאָגסט עס ווי דו וואָלטסט עס מיר אויפגעוואָרפן".

„קיין קאָמפּלימענט איז עס נישט".

„דו האָסט גאָר נישט געזאָגט ביז איצט. איך בין נאָר אָוועקגעפאָרן, ביסטו שוין קלוג געוואָרן..."

„כעמיע, ביסט ערשט אַהיימגעקומען און גייסט זיך שוין קריגן?"

„איך גיי זיך קריגן? און ווער האָט דיך אָפּגעפירט אַהיים, סטעפאַן?"

„סטעפאַן".

„געשריבן פאַר אים אויף דער מאַשין, האַ? פאַר וואָס האָט ער אַזוי פיל צו שרײַבן דווקא ווען איך בין נישטאָ?"

„כ׳האָב נישט געשריבן אויף דער מאַשין. ער האָט מיך געטראָפן אין גאַס, האָבן מיר אַ ביסל שפּאַצירט. ס׳איז אַזאַ שיינע נאַכט".

„אַ ביסל געשריבן אויף דער מאַשין, אַ ביסל שפּאַצירט... אויב ער וועט זיך נישט אָפּטשעפּען פון דיר, וועל איך אים אַ ביסל צעברעכן די ביינער. וואָס ציט דיך אַזוי צון אים, ס׳פּאָליציישע היטל? אַז כ׳על אים מאַכן אַ געשוואָלענעם קאָפּ ׳עט ער נישט קאָנען אָנטאָן דאָס היטל".

„שרײַ נישט און מאַך נישט קיין טרעוואָגע. דו ווילסט אַ ווײַב אײַנ־צומאַרינירן זי אין אַ פּעסל? נישט מיך! וואָס האָב איך דאָ חוטא־בעגל געווען? שפּאַצירט אַ ביסל אין גאַס און גערעדט. כ׳טאָר שוין נישט רעדן צון אַ מענטש?"

„צון אַ מענטש יאָ, צו דער גנידע נישט. וועגן וואָס האָט עץ זיך אַזוי צערעדט ביז שפּעט? דער שמענדריק געפעלט דיר בעסער ווי איך?"

„וואָס רעדסטו, כעמיע?"

„איך קען נישט רעדן אַזעלכע שמינטעליגענטישע ריידעלעך ווי סטע־פאַן ווײַס. ער איז געגאַנגען אין אוניווערסיטעט, איך האָב אַפילו די שקאָלע נישט געענדיקט. דו האָסט דאָס געוווּסט איידער ס׳איז געוואָרן צווישן אונדז אַ ליבעניש. און איך האָב דיך אָוועקגענומען נישט פון אַ סטודענט, נאָר פון דעם כניאָק לייבל, דו געדענקסט, געניעלע? דו גע־דענקסט ווי דו האָסט מיר געזאָגט אַז דו קאָנסט אָן מיר נישט לעבן?"

„כעמיע, מאַך נישט קיין סקאַנדאַל".

„ער זוכט נישט דײַן שמינטעליגענץ. צווישן זײַנס גלײַכן — די האַלבע משומדים — קאָן ער געפינען איינע וואָס איז אַפילו מער גע־לערנט ווי דו. וואָס ער וויל איז נישט רייד... ער איז אַ מבין, דאָס מוז איך מודה זײַן. געניעלע, דו ביסט אַ — — מע קאָן צעזעצט ווערן. זאָג מיר די נעוואָרעט, ער טשעפּעט זיך נישט צו דיר?"

„און אַז ער טשעפּעט זיך? דו מיינסט איך בין אַ מלופים־קינד?"

„ער טשעפּעט זיך, האַ? כ'על אים מאַכן מיט אַ קאָפּ נידעריקער".

„כעמיע, זיץ אָפּ. ער איז דער קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי!"

„כעמיע האָט זיך שוין אָן עצה געגעבן מיט גרעסערע קנאַקערס. איך וועל אים מאַכן אויס קנאַקער, אַ קנאַקער אָן אַ נון... כ'האָב נישט ווייניקער פּראָטעקציע ווי ער".

„דו האָסט פּראָטעקציע בײַ קראַנצן? וואָס טוסטו פאַר קראַנצן וואָס ביסט אַזוי זיכער אַז ער וועט זײַן אויף דײַן זײַט?"

„דו ווייסט וואָס איך טו פאַר קראַנצן. כ'האָב איבערגעלאָזן מײַן שיין ווײַב און בין פאַר אים געפאָרן אין דעם פאַרשאָלטענעם וואַרשע".

„וואָס טוסטו פאַר קראַנצן וואָס איך ווייס נישט?"

„וואָס פרעגסטו, געניע?"

„דאָס וואָס דו הערסט".

„דו מיינסט — — געניע, דו ביסט מיך נישט — — ווער האָט דיך אָנגעהעצט קעגן מיר? דאָס איז נישט דײַן קאָפּ! האָט דער צדיק סטעפאַן ווײַס דיך אַזוי אָנגעדרודלט? ווער ווייסט וואָס ער טוט פאַר קראַנצן אַז ער קאָן קומען צון אַזעלכע געדאַנקען".

„לאָז סטעפאַנען צו רו, ס'איז נישט סטעפאַן".

„ווער דען איז עס? דאָס זענען נישט דײַנע ווערטער".

„רוכטשע האָט עס מיך געפרעגט, דאָס זענען רוכטשעס ווערטער".

„דאָס זענען נישט רוכטשעס ווערטער, דאָס זענען עליאַשעס ווער־טער. כ'האָב שוין לאַנג חושד געווען אַז ער העצט קעגן מיר. כ'בין געקומען פאַר נאַכט, זעסט? כ'רעכן זיך נישט מיט דײַן טאַטנס שולכענו־רעך, וועל איך זיך מיט דעם קאָמוניסטישן שולכענורעך אַוודאי נישט רעכענען".

„דו גייסט נישט אויסזאָגן קראַנצן אַז עליאַש איז אַ קאָמוניסט?"

„געניע, איך 'על דאָ אַ פּאָפּלעקציע קריגן! האָסטו דאָס געפרעגט דײַן פרײַנד סטעפאַן? יאָ, כ'וויל דאָס וויסן. האָסט אַ גאַנצן אויפדערנאַכט שפּאַ־צירט מיט דעם סטעפאַן ווײַס און גערעדט, האָסט געהאַט צײַט צו פרעגן

אַ סך זאַכן. האָסטו אים געפרעגט צי ער וועט מסרן עליאַשן פאַר קראַנצן? דו האָסט אַ יאַנדעס צו פרעגן מיך אַזאַ זאַך? פאַר אַזאַ מין פאַרשוין קענסטו מיך?"

„כעמיע, דו מאַכסט געוואַלדן, אַלע שכנים וועלן זיך באַלד צוזאַמענלויפן".

„אַז עס טוט ווי שרייַט מען".

„קראַנץ איז אַ וויסטער מערדער, פאַר וואָס איז ער אַזוי גוט צו דיר?"

„כ'ווייס וואָס ער האָט אָפּגעטאָן ווען די דייַטשן זענען אַרייַן אין שטאָט. כ'געטרוי אים ווי דו געטרויסט אַ גאַסנקאַץ, אָבער כ'וויל דערלעבן צו זען זייַן מפּלה".

„פאַר וועלכן פרייַז?"

„וואָס מיינסטו פאַר וועלכן פרייַז? דער קליינער שלומל איז געווען דער ערשטער אונטערצוקויפן קראַנצן".

„שלומל טוט עס נאָר אויסצוקויפן מענטשן".

„און וואָס טו איך? האָסט געפרעגט שלומלען פאַר וועלכן פרייַז? פאַר וואָס האָסטו אים נישט געפרעגט אַזאַ זאַך? ווייַל ער הייסט גראָסמאַן און איך הייס קאָבילאַק?"

„שריי נישט, כעמיע".

„זאָג מיר, וואָס האָבן די קאָבילאַקס געזינדיקט קעגן כעלמיש? זיי האָבן צוריקגעשלאָגן די שקצים וואָס האָבן געשלאָגן יידן? געגנבעט האָבן זיי נישט. אויב אַ קאָבילאַק איז געזעסן אין קאָזע איז עס געווען ווייַל ער האָט זיך אָנגענומען פאַר אַן אַנדערן ייד!"

„ווען דער טאַטעשי האָט געהערט אַז כ'גיי חתונה האָבן מיט דיר האָט ער שיער נישט אָוועקגעחלשט".

„איך האָב אַ ביסל אַרומגעוואַיעוועט מיט שיקסעס, אָבער כ'האָב זיך געסטאַטקעוועט. אַזוי פיל גוטע יאָר זאָל איך האָבן וויפל טובות כ'האָב געטאָן צו מענטשן. כ'לייקן נישט, די קאָבילאַקס זענען אויסטויגערס. איז דאָס שלעכט? כ'על דעם עליאַש אַ זייַט אונטערהאַקן".

„דו זאָגסט אַז האָסט זיך געסטאַטקעוועט און דו האַלטסט אין איין סטראַשען מיט שלאָגן. דער טאַטעשי האָט דאָס געדאַרפט הערן".

„דייַן טאַטע און מייַן טאַטע וועלן איבערלעבן די מלחמה ווייַל איך ווייס ווי זיך צו קירעווען. דו ווייסט גוט וואָס איך טו פאַר קראַנצן. איך העלף שלומלען אייַנקויפן אין וואַרשע, איך קויף אויך אייַן פאַר קראַנצן דאָ אין די דערפער".

„ער פרעגט דיך אַ מאָל וועגן די פּויערים?"

„וואָס מיינסטו?"

„ווער ס'באַהאַלט ווייץ, ווער ס'האָט אַ נישט־רעגיסטרירטע בהמה?"

„דו מיינסט אַז איך שפּיאָניר אין די דערפער?"

„כ'על קיין מאָל נישט גלייבן אַז דו וועסט שלעכטס טאָן אַ ייִד".

„און אַז כ'על שלעכטס טאָן אַ גוי וועסטו יאָ גלייבן, האַ? וואָס זאָגסטו, פּאַננאָ פרידע, מע מעג מסרן אַ גוי?"

„אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן!"

„פאַר וואָס דען פרעגסטו מיך? כ'זע שוין אַז מע האָט דיך גוט אָנגעהעצט קעגן מיר".

„דו האָסט זיך אַלע מאָל געשלאָגן מיט די גוים".

„און געבליבן גוטע־פרײַנד. איך האָב געשלאָגן אַ שגץ נאָר אויב ער האָט פריִער געשלאָגן אַ ייִד, אָדער אויב ער האָט געמאַכט אַ בילבול אויף אַ ייִד. איך זע אַז דו געדענקסט ווי איך האָב אונטערגעהאַקט די זײַטן דעם שגץ וואָס האָט אויסגעטראַכט אַז דײַן טאַטע האָט באַליידיקט דאָס פּוילישע פאָלק, און דײַן טאַטע איז שיִער נישט פאַרפוילט געוואָרן אין קרימינאַל. איך האַנדל מיט די פּויערים אַלע מײַנע יאָרן. איך האָב זיי ליבער ווי דײַן פרײַנד סטעפאַן. זייערע טעכטער האָב איך אויך נישט פײַנט געהאַט, דאָס וועל איך נישט פאַרלייקענען. אָבער זינט איך בין מיט דיר האָט מײַן האַנט נישט אָנגערירט קיין אַנדערע, כאָטש כ'בין אַ קאַבילאַק. זאָלן נאָר די פרידעס זיך אויפפירן נישט ערגער".

„וואָס טוט זיך הײַנט מיט דיר?"

„וואָס טוט זיך מיט דיר? ווי קאָנסטו אַזוי רעדן צו מיר? און אַז עליאַש האָט געזאָגט? דו דאַרפסט מיך קענען בעסער ווי עליאַש".

„איך גלייב דיר, כעמיע, אָבער אַ סך רעדן אַזוי וועגן דיר, נישט נאָר עליאַש".

„רוכטשע קומט נאָך אַרײַן אין קיבוץ?"

„גאַנץ אָפט".

„זאָל זי פרעגן זאַשקען".

„זאַשקע איז אין וואַרשע".

„זאַשקע איז הײַנט געקומען צוזאַמען מיט מיר. זי איז מיך נישט חושד".

געניע האָט דאָ געפונען אַ געלעגנהייט אַראָפּצופירן דעם איבעררייד אויף אַנדערע רעלסן. „אהאַ, כעמיעלע. איך האָב געהערט אַז דו האָסט

אַלע מאָל געוואָרפן אייגלעך אויף דער שיינער זאַשקע. איך טאָר נישט אויסרעדן אַ וואָרט מיט אַן אַנדערן, און ער — —"

„כ'האָב איר מיט עפּעס געהאָלפן".

„זיי האָבן דיך אַרײַנגעצויגן אין אַן אונטערערדישער אַרבעט?"

„ניין, און כ'על זיך נישט לאָזן אַרײַנציִען. כ'דאַרף נישט זײַן קיין העלד. כ'וויל נישט אײַנשטעלן דעם קאָפּ אַריבערצופירן אַ פּאָר פּראָקלאַמאַציעס פון איין אָרט אויפן אַנדערן. זאָל נאָר זײַן ברויט, וועט מען איבערלעבן אַן זייערע בלעטלעך. איבערלעבן! דאָס איז דער עיקר!"

„אָבער נישט פאַר יעדן פּרײַז".

„און נישט אויף יענעמס חשבון. מײַן מזל איז וואָס דער קראַנץ וויל אָפּלעקן אַ פעטביינדל. אפשר וויל ער נישט זײַנע לײַט זאָלן וויסן וויפל ער לאָזט אַראָפּ צו זיך אין טאַש. אפשר וויל ער נישט זיי זאָלן וויסן וואָס און וויפל ער שיקט אַוועק צו די זײַניקע אין דײַטשלאַנד. אַן מיר קאָן ער נישט קריגן דאָס אַלץ וואָס איך שטעל אים צו. ער קאָן שיקן זײַנע מענטשן אין די דערפער, זיי וועלן קאָנפיסקירן, צונעמען אַן אַ גראָשן אויב זיי וועלן געפינען. אָבער די פּויערים זענען כיטרע און זיי האָבן גענוג פּלעצער ווו צו באַהאַלטן. אַז איך קויף בײַ אַ פּויער צאָל איך דעם פולן פּרײַז און קראַנץ קריגט וואָס ער וויל".

„דו האָסט געזאָגט אַז ער האָט ליב געלט און איצט זאָגסטו אַז ער צאָלט געשוואָלענע פּרײַזן".

„ער האָט ליב צו פאַרדינען און קאָן אויסגעבן. ער האָט שוין זײַנע קונצן ווי אַזוי צו פאַרדינען עס זאָל סטאַרטשען אויף אַלעם".

„און דו העלפסט אים?"

„איך העלף די וואָס איך לייז אויס פון זײַנע הענט".

„ער נעמט אין די הענט אַרײַן כּדי מע זאָל דאַרפן אויסלייזן".

„ווען ער האָט דערשאָסן אַזוי פיל מענטשן אין איין טאָג איז בעסער געווען?"

„איך האָב מורא פאַר אים".

„איך אויך. איך ווייס צו פיל פון זײַנע סודות, אָבער איך וועל נישט וואַרטן ביז ער וועט מיך אָפּרוימען".

„כעמיע, דו גייסט אויף אַ שטריק".

„האָב נישט קיין מורא, דײַן כעמיע ווייסט ווי זיך צו קירעווען. און געטרוי מיר, געניע. דו קענסט דאָך מיך צום בעסטן".

כעמיע האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט צוגעטאָן קיין אויג. צו מאָרגנס גאַנץ פרי איז ער אַוועק אין קיבוץ. ווען ער האָט געעפנט די טיר איז עמעץ אַריַינגעלאָפן אין דער צווייטער שטוב און פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך. אַוודאי אַ מיידל וואָס האָט נאָך נישט באַוויזן זיך אָנצוטאָן. כעמיע האָט זיך געפרעגט אויף זאָשקען. „זי איז נישטאָ דאָ, זי איז שוין אַוועקגעפאָרן", האָט אַ מיידל אים געענטפערט. כעמיע האָט אַ שפּאַן געטאָן צו דער טיר צום צווייטן צימער און זי אויפגעפּראַלט. זאָשקע איז דאָרט געווען.

„דו באַהאַלטסט זיך פאַר מיר?" האָט ער געפרעגט מיט שטויגען.

„פאַר וואָס? וואָס איז געשען זינט נעכטן?"

„כ'וויים פאַר וועמען איר אַרבעט".

„דאָס האָסטו אויך נעכטן געוווּסט נאָך דעם ווי כ'האָב געזאָגט דעם קאָנדוקטאָר 'אָפיציעלע מיסיע', אָבער האָסט מיר וויַיטער געזאָגט 'דו' און געלאַכט וועגן דעם".

„כ'האָב געמיינט אַז ס'איז נאָר אַן אָנשטעל".

כעמיע איז צוגעגאַנגען צון איר, אָנגענומען זי ביַי ביידע אָרעמס און זיך געבעטן ביַי איר: „זאָשקע, איך האָב נעכטן געזען ווי אַ דיַיטש האָט געטראָגן דיַין וואַליזע, ווי ער האָט דיך אַריַינגעזעצט אין צוג און סאַלוטירט צו דיר. מיר איז נישט איַינגעפאַלן דיך חושד צו זיַין אין עפּעס שלעכטס וויַיל איך קען דיך צו גוט. זאָשקע, דו קענסט מיך נישט פון היַינט, דו גלייבסט אַז איך האָב אַ 'אַנדעס צו ווערן אַ פאַרקויפטע נשמה?"

„אויב מע וואָלט עס מיר נישט געזאָגט וואָלט איך עס זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן".

„זאָשקע, זאָל איך דאָ אַ פּאַפּלעקציע קריגן, זאָל מיַין מאַמע אַזוי לעבן, זאָל מיַין געניע אַזוי לעבן ווי איך האָב קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן. דו גלייבסט מיר?"

„כ'וויל דיר גלייבן, אָבער — —"

„עץ שיקט קיין מאָל נישט ענקערע מענטשן אַרבעטן אויף טריי־פענע פּלעצער?"

„אפשר אַ מאָל כדי צו שפּיאָנירן קעגן זיי".

„יעדער האָט זיַין פאַרוואָס. איך טו עס וויַיל כ'וויל ראַטעווען מיך און מיַין משפּחה. אַז כ'קאָן עמעצן טאָן אַ טובה — — נעכטן האָסטו מיך געוואָרנט אַז דיַין וואַליזע איז טריף און איך האָב זי געשלעפּט איבער גאַנץ כעלמיש. נישט וויַיל כ'וויל זיַין אַ העלד האָב איך עס

געטאָן, נאָר צוליב דיר. איך האָב אין וואַרשע געמיינט אַז דו ביסט אַרײַנגעפאַלן, האָב איך איבערגעלאָזט די ריי צו קויפן אַ בילעט און בין געלאָפן דיך זוכן. איך האָב דיך נישט אַראָפּגעלאָזט פון אויג, טאָמער וועל איך קאָנען עפּעס טאָן. דאָס איז געווען ערשט נעכטן".

„דו האָסט געפרעגט ווו איך ווין אין וואַרשע, האָסט מיר געזאָגט אַז איך זאָל שיקן מײַנע זאַכן דורך דיר, געדענקסט? דו ווילסט דאָך נישט זײַן קיין העלד?"

„איך וואָלט עס געטאָן צוליב דיר. פאַר די נאַרישע שטיקלעך פּאַפּיר וואָס דו האָסט געשלעפּט האָסטו שיִער נישט באַצאָלט מיט דײַן לעבן. איך האָב עס געקאָנט ברענגען אָהער אונטער אַ דײַטשער שמירה. וואָס? דו מיינסט אַז כ'האָב געוואָלט וויסן דײַנע סודות? זאַשקע!"

„כ'גלייב דיר, כעמיע. דו ביסט אָרנטלעך, אָבער דאָס וואָס דו טוסט איז געפערלעך אַפילו פאַר דײַן אָרנטלעכקייט. אין אַזעלכע צײַטן טאָר מען זיך אַליין נישט געטרויען צו פיל".

עטלעכע טעג שפּעטער האָט כעמיע געזאָגט רוכטשען: „כ'וויס וואָס דײַן עליאַש האָט אָנגערעדט אויף מיר. יעצט איז נישט די צײַט פאַר קריגערײַען אָבער אַזעלכע זאַכן פאַרגעסט מען נישט. כ'על זיך מיט אים אָפּרעכענען נאָך דער מלחמה".

„עליאַש איז דיר נישט קיין שונא, אָבער ער האַלט אַז דײַנע וועגן זענען געפערלעך".

„איך האַלט אויך נישט פון עליאַשעס וועגן. אויב מע וויל איבערלעבן דאַרף מען זײַן שטילער ווי וואַסער און נידעריקער ווי גראָז, און עליאַש היט זיך נישט געגנוג, און דו דאַרפסט נישט אַלע מאָל ליגן בײַ אים אין וואַרשטאַט".

„דו גייסט מיר זאָגן מוסר?"

„קינד און קייט ווייסן אַז בײַ עליאַש בלאָנק אין וואַרשטאַט זענען פאַראַן סודות. איך זאָג ענק נישט וואָס יאָ און וואָס נישט צו טאָן, אָבער מע דאַרף האַלטן דאָס מויל".

„זאָרג זיך נישט פאַר אונדז".

„איך זאָרג זיך יאָ, און אַז איך וועל זען אַז קראַנץ האָט עפּעס דערשנאַפּט, 'עלעך דײַן עליאַש זאָגן וועגן דעם, און קאָנסט זאָגן דײַן עליאַש אַז אַ קאָבילאַק קאָן זײַן פּונקט אַזוי אָרנטלעך ווי אַ בלאָנק, און אַפילו ווי אַ פרידע". כעמיע האָט זיך אויסגעדרייט צון איר מיטן רוקן און שנעל אַוועק.

ווען כעמיע איז אַרײַנגעקומען אין שטוב האָט ער מיט אַ לײַכט געמיט אַ פעטשל געטאָן געניען אין הינטן. „ביסט שוין נישט בייז, כעמיע?” האָט געניע געפרעגט.

„איך בייז?”

„האָסט געזאָגט אַז וועסט סטעפּאַנען צעברעכן אַ זײַט”.

„אַזוי האָב איך געזאָגט?”

„יאָ”.

„כ'האָב זיך מיישב געווען”.

„אַזוי האָב איך דיך ליב”.

„נישט איין זײַט,ביידע זײַטן וועל איך אים צעברעכן”.

# נאָטיצן פון דער צײַט

די טונקעלע נאַכט פון ראָש־חודש אייר האָט זיך נאָך געקלאָמערט אין דער ערד, און אויפן האָריזאָנט פון מיזרח־זײַט האָט אַ רויטע טאַשמע שוין אָנגעזאָגט דאָס אָנקומען פון טאָג צענטער מײַ 1940. דער גאַנצער הימל איז גיך פאַרפלייצט געוואָרן מיט רויט, מיט דעם רויט פון שׂרפות. די דײַטשע מלחמה־מאַשין האָט זיך אַ באַוועג געטאָן צון אַ נײַעם אָנגרײַף.

אין בערלין זענען דער אַמבאַסאַדאָר פון בעלגיע און דער מיניסטער פון האָלאַנד אויפגעוועקט געוואָרן און געבראַכט געוואָרן אויף ווילהעלם־שטראַסע ווו ריבענטראָפּ האָט זיי אינפאָרמירט אַז דײַטש מיליטער איז אַריבער זייערע גרענעצן כּדי „צו באַשיצן האָלענדישע און בעלגישע נייטראַליטעט קעגן אַן אָנגרײַף פון פראַנקרײַך און ענגלאַנד”. ריבענטראָפּ האָט געוואָרנט די אַמבאַסאַדאָרן אַז יעדער פּרווו פון ווידערשטאַנד קעגן די דײַטשע כּוחות וועט צעשמעטערט ווערן און די אַחריות פאַר דער בלוט־פאַרגיסונג וועט פאַלן אויסשליסלעך אויף זייערע רעגירונגען.

גענוי אין דער זעלביקער מינוט ווען די האָלענדישע און בעלגישע פאָרשטייערס אין בערלין זענען געבראַכט געוואָרן צו ריבענטראָפּן זענען די דײַטשע אַמבאַסאַדאָרן אין האַאַג און אין בריסל אָנגעקומען אין די דאָרטיקע אויסערן־מיניסטעריומס איבערצוגעבן די זעלביקע אולטימאַטומס.

דער דײַטשער אַמבאַסאַדאָר בולאָוו שוואַנטע איז אַרײַנגעקומען צום בעלגישן אויסערן־מיניסטער פּאָול הענרי ספּאַאַק, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּאַפּיר און געוואָלט עס פירלייענען. ספּאַאַק האָט אים אָפּגע־שטעלט: „זײַט מוחל, הער אַמבאַסאַדאָר, איך וועל רעדן דער ערשטער.

שוין דאָס צווייטע מאָל אין די לעצטע פינעף און צוואַנציק יאָר האָט דײַטשלאַנד אָנגעהויבן אַ קרימינעלע אַגרעסיע קעגן איר נייטראַלן און לאָיאַלן שכן בעלגיע. דאָס מאָל נאָך מער אויסטערליש ווי אין 1914 — אָן קיין אולטימאַטום אָדער וואָרענונג פון פריִער. נאָך איידער איר זענט געקומען, הער אַמבאַסאַדאָר, האָבן די באָמבעס וואָס זענען געפאַלן אויף דעם נאָענטן פליפעלד אונדז שוין געלאָזט וויסן אַז אײַער לאַנד האָט געבראָכן אירע אָפּמאַכן מיט אונדז און אירע גאַראַנטיעס צו רעספּעקטירן אונדזער נייטראַליטעט. מיר זענען אַנטשלאָסן זיך צו פאַרטיידיקן״.

בולאָוו שוואַנטע האָט ווידער אָנגעהויבן לייענען פון זײַן פּאַפּיר, ספּאַאַק האָט עס אַרויסגענומען פון זײַן האַנט און אים נישט געלאָזט ווײַטער רעדן.

די סיטואַציע אויפן מערב־פראָנט האָט אויסגעזען גאָר נישט שלעכט. איצט, צוזאַמען מיט בעלגיע און האָלאַנד, האָבן די אַליִירטע געהאַט הונדערט און פינעף און דרײַסיק דיוויזיעס קעגן די דײַטשע הונדערט און זעקס און דרײַסיק. דערצו איז דער גאַנצער פראָנט געווען גוט באַ־שיצט. די נישט־צעשטערלעכע מאַזשינאָ־ליניע לענגאויס דעם רהײַן, דאָרט ווו דער טײַך איז די גרענעץ, און ווײַטער לענג־אויס דער גרענעץ פון סאַאַר־געביט און אַ טייל פון דער גרענעץ מיט לוקסנבורג, ביז צו דער שווערער וואַלדיקער טעריטאָריע מיזרח פון טײַך מױז, מיט זײַנע הויכע משופּעדיקע ברעגעס. דער צענטער פון פראָנט ווו די געגנט איז געווען אַזאַ שווערע האָט נישט געדאַרפט קיין פאָרטיפיקאַציעס און איז געהיטן געוואָרן פון דער צווייטער און נײַנטער פראַנצעזישער אַרמיי. נאָך דעם זענען געקומען די בעלגישע פאָרטיפיקאַציעס און די פאַרפעס־טיקטע האָלענדישע וואַסערוועגן. עס איז געװען געווען אַ קוועטש צו טאָן אַ קנעפּל צו פאַרפלייצן די צוטריטוועגן, אויפצורײַסן די בריקן און מאַכן די „פעסטונג האָלאַנד״ נישט צוטריטלעך, אַזוי האָבן פאַרזיכערט די האָלענדער.

גענעראַל פאָן קיכלער מיט זײַן אַכצעטער דײַטשער אַרמיי האָט אָנגע־גריפן האָלאַנד. ער האָט געאײַלט צום האַרץ פון לאַנד כּדי וואָס שנעלער צו פאַרכאַפּן האַאַג, אַמסטערדאַם, אוטרעכט און לעידן, הונדערט מײַל פון דער גרענעץ. די שטעט זענען געווען אַרומגערינגלט מיט אומגע־הײַערע וואַסער־באַריערעס; מע האָט געקאָנט צוקומען נאָר דורך די גוט־באַשיצטע בריקן איבער דעם טײַך מאַאַס, דרום פון ראָטערדאַם, און איבער די בריקן, בײַם מויל פון דעם טײַך נעבן דאָרכדרעכט. די דײַטשן האָבן

אַראָפּגעזעצט דעסאַנטן פון דער לופט צו פאַרכאַפּן די בריקן איידער די האָלענדער וועלן באַוויַיזן זיי אויפצוריַיסן. אַ כּוח פון צוויי רעגימענטן האָט געלאַנדט, הינטער די וואַסער־באַריערעס, אויף די פליפעלדער אַרום האַאַג מיטן ציל צו פאַרכאַפּן די הויפּטשטאָט און פאַנגען די רעגירונג און די קעניגין.

נאָך דעם ערשטן שאָק זענען די האָלענדער שנעל געקומען צו זיך. פוסגייערס אונטערגעשטיצט פון אַרטילעריע האָבן נאָך דעם זעלביקן טאָג באַוויזן צו פאַרהאַלטן דעם פאָרויסמאַרש פון די דיַיטשע פּירפּאַסטנס וואָס האָבן געהאַט פאַרכאַפּט די דריַי לופטפעלדער אַרום האַאַג. אָבער די דיַיטשן האָבן יאָ באַוויזן צו פאַרכאַפּן די בריקן איידער די האָלענדער האָבן זיי אויפגעריסן. נישט־געקוקט אויף די פאַרביסענע קעגן אָנגריַיפן האָבן די דיַיטשן איַינגעהאַלטן די בריקן.

מחמת האָלאַנד און בעלגיע האָבן פריִער נישט אַריַינגעלאָזט די אַליִירטע האָט גענעראַל זשיראָ מיט דער זיבעטער פראַנצעזישער אַרמיי געלאַגערט אַרום דונקירק, ביַים לאַמאַנשקאַנאַל. אויפן הילפרוף פון דער האָלענדישער רעגירונג האָט גענעראַל זשיראָ מיט זיַין אַרמיי געאיַילט צו באַשיצן די האָלענדישע הויפּטשטאָט. דעם 11טן נאָך מיטאָג איז ער שוין געווען ביַי טילבורג. אָבער די פראַנצעזישע זיבעטע אַרמיי, פּונקט ווי די האָלענדישע אַרמיי, האָט נישט געהאַט גענוג דעקונג אין דער לופט. זיי האָבן געהאַט ווייניק אַנטיטאַנק־און אַנטילופטקאַנאָנען און זענען צוריקגעשטויסן געוואָרן קיין ברודאַ. דעם 12טן נאָך מיטאָג האָט פאָן קיכלערס ניַינטע פאַנצער־דיוויזיע דערגרייכט די פאַרכאַפּטע בריקן קעגן איבער ראָטערדאַם, אָבער די האָלענדער איז געראָטן צו פאַרזיגלען די צפונדיקע אַרויסגענג פון די בריקן. די דיַיטשע פאַראַשוטיסטן וואָס האָבן געהאַט פאַרכאַפּט די פליפעלדער זענען דעם 14טן מיַי שוין געווען געפאַנגען אָדער אַרויסגעטריבן פון די סטראַטעגישע פּאָזיציעס. ראָטערדאַם האָט אויסגעהאַלטן קעגן דעם שווערן דרוק; די דיַיטשע טאַנקען זענען נאָך אַלץ געווען אויף דרום פון די בריקן.

אַ דיַיטשער אָפיציר מיט אַ וויַיסער פאָן איז אַריבער די בריק קיין ראָטערדאַם און געוואָרנט אַז אויב די שטאָט וועט וויַיטער שטעלן אַ ווידערשטאַנד וועט זי אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד. די פאַרטיידיקערס פון דער שטאָט האָבן זיך דערשראָקן, און געשיקט אַ האָלענדישן אָפיציר צום דיַיטשן שטאַב. אין דעם דיַיטשן שטאַב דרום פון דער בריק האָט מען נאָך פאַרהאַנדלט וועגן די באַדינגען פון אונטערגעבן זיך ווען אַ האָגל פון דיַיטשע באָמבעס איז געפאַלן אויף דער שטאָט. אַכט הונדערט

ציווילע קרבנות, עטלעכע טויזנט פאַרווונדיקטע, אַכט און זיבעציק טויזנט זענען געבליבן אָן היימען.

דעם זעלביקן אָוונט, נאָך פינעף טעג קעמפן האָט גענעראַל ווינקעלמאַן, דער קאָמאַנדיר פון דער האָלענדישער אַרמיי, באַפוילן זיינע זעלנער זאָלן לייגן דאָס געווער, און צו מאָרגנס עלעף פרי האָט ער אונטערגעשריבן די קאַפּיטולאַציע. צוויי בריטישע צעשטערערס האָבן אַוועקגעפירט די רעגירונג און די קעניגין קיין ענגלאַנד.

נאָך אין 1926 האָט בעלגיע זיך צוריקגעצויגן פון איר אָפּמאַך מיט פראַנקרייך פאַר קעגנזייטיקער פאַרטיידיקונג, און געפירט אַ פּאָליטיק פון לגמרידיקער נייטראַליטעט. אין 1936, נאָך דעם ווי היטלער-דייטשלאַנד האָט באַזעצט דאָס רהיין-געביט האָט בעלגיע פאַרשטאַרקט אירע גרענעצן און געבויט פעסטונגען וואָס מ׳האָט גערופן „די קליינע מאַזשינאָליניע״. פון דעסט וועגן האָט אין אָקטאָבער פון דעם זעלביקן יאָר דער יונגער קעניג לעאָפּאָלד דער דריטער, געמאָלדן אַז בעלגיע וועט אויסמיידן יעדע מיליטערישע אַליאַנץ אַפילו פון אַ דעפענסיוון כאַראַקטער. היטלער איז געווען צופרידן און נאָכן אָפּזאָגן זיך פון דעם לאָקאַרנאָ-טראַקטאַט האָט ער דעם 30סטן יאַנואַר 1937 פייערלעך גאַראַנטירט נישט צו פאַרלעצן די נייטראַליטעט פון האָלאַנד און בעלגיע. דעם 24סטן אַפּריל פון דעם זעלביקן יאָר האָבן ענגלאַנד און פראַנקרייך באַפרייט בעלגיע פון די התחייבותן צו אירע אַלייִרטע לויטן לאָקאַרנאָ-טראַקטאַט, און דייטשלאַנד האָט עס אָפיציעל באַשטעטיקט דעם 13טן אָקטאָבער. היטלער האָט נאָך אַ מאָל באַשטעטיקט זיינע בינדענדיקע דעקלאַראַציעס וועגן דער נייטראַליטעט פון בעלגיע און האָלאַנד אין אַ בריוו צו פרעזידענט רוזוועלט פון דעם 28סטן אַפּריל 1939.

אַ וואָך פאַרן אָנגרייפן פוילן האָבן די דייטשע פאַרשטייערס אין האַאַג און בריסל איבערגעגעבן אַ צוזאָג פון „פירער״ אַז אויב עס וועט אויסברעכן אַ מלחמה וועט דייטשלאַנד אין קיין שום פאַל נישט אָנרירן די נייטראַליטעט פון האָלאַנד און בעלגיע. היטלער האָט דאָס נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט דעם 6טן אָקטאָבער, נאָכן באַזעצן פוילן.

אָבער דייטשלאַנד האָט געבראָכן אירע „פייערלעכע״ גאַראַנטיעס צו טשעכאָסלאָוואַקיי און צו פוילן; ענגלאַנד און פראַנקרייך זענען שוין אַריין אין דער מלחמה; אַ דייטשע אינוואַזיע אויף די נייטראַלע דענמאַרק און נאָרוועגיע; דאָך האָבן האָלאַנד און בעלגיע זיך אַלץ נאָך געהאַלטן ביי זייער נייטראַליטעט.

די פראַנצויזן האָבן געוואָרנט בעלגיע מער ווי איין מאָל אַז די איינ־ציקע מעגלעכקייט צו באַשיצן זייערע גרענעצן קעגן אַ דײַטשער אינ־וואַזיע ליגט אין אַן ענגער צוזאַמענאַרבעט מיט ענגלאַנד און פראַנקרײַך. נאָר אַ בשותּפֿותדיקע פּלאַנירונג און באַוואַכונג פֿון די פעסטונגען בײַם אַלבערט־קאַנאַל און די אַנדערע וואַסערוועגן קאָן שאַפֿן אַ מעגלעכקייט אַפילו פֿון אָפענסיווע, נישט צו דאַרפֿן איבערלאָזן די גאַנצע איניציאַטיוו צו היטלערן. די בעלגיער האָבן זיך נישט צוגעהערט.

דעם 10טן יאַנואַר 1940 זענען דורך אַ גליקלעכן צופֿאַל אַרײַנגעפֿאַלן אין בעלגישע הענט היטלערס פּלענער פֿאַר אַקציע „געלב", דער אָנגרײַף אויפֿן מערב. די פּלענער האָבן קלאָר אָנגעצייכנט אַן אָנגרײַף אויף בעלגיע. טאָקע צוליב דעם וואָס אַלע פּלענער פֿאַר אַקציע „געלב" זענען באַקאַנט געוואָרן, איז היטלער געצוווּנגען געווען שוין צום דריטן מאָל אָפּצולייגן זײַן אָנגרײַף, וואָס האָט דאָס מאָל זיך געזאָלט אָנהייבן דעם 17טן יאַנואַר. די בעלגיער זענען נאָך אַלץ געבליבן נייטראַל.

איינער פֿון די דײַטשע אַנטי־היטלער־אָפֿיצירן, קאָלאָנעל אָסטער, האָט אַזוי פֿרי ווי דעם 5טן נאָוועמבער 1939 געוואָרנט די האָלענדישע און בעלגישע מיליטערישע אַטאַשעס אין בערלין, אַז דײַטשלאַנד וועט זיי אָנגרײַפֿן דעם 12טן נאָוועמבער. דאָס איז געווען די ערשטע דאַטע וואָס היטלער האָט געהאַט באַשטימט אָנצוגרײַפֿן דעם מערב.

דעם 3טן מײַ 1940 האָט דער זעלביקער קאָלאָנעל אָסטער ווידער אַ מאָל געוואָרנט אַז די אַטאַקע וועט פֿירקומען דעם 10טן. דעם 4טן אַפּריל האָט האַאַג באַקומען אַזאַ וואָרענונג פֿון וואַטיקאַן און איבער־געשיקט די וואָרענונג קיין בריסל. די פֿראַנצויזן און ענגלענדער זענען נאָך אַלץ נישט צוגעלאָזט געוואָרן צו שטאַרקן די האָלענדישע און בעלגישע באַפֿעסטיקונגען. דעם 9טן מײַ אין אָוונט האָט אָסטער איבער־געגעבן דעם האָלענדישן מיליטערישן אַטאַשע אין בערלין, סאַס, אַז עס וועט זיך אָנהייבן צו מאָרגנס, און אַז היטלער איז שוין אַוועק צום פֿראָנט. סאַס האָט דאָס איבערגעגעבן דעם בעלגישן מיליטערישן אַטאַשע. עס איז נאָך אַלץ געווען אַ מעגלעכקייט די זיבעטע פֿראַנצויזישע אַרמיי זאָל דערגרייכן די בעלגישע פֿאָרטיפֿיקאַציעס אײדער די דײַטשן הייבן אָן באָמבאַרדירן די באַוועגונגען פֿון אַליִירטן מיליטער. אָבער סײַ האָלאַנד סײַ בעלגיע האָבן זיך אַלץ נאָך געהאַלטן בײַ זייער נייטראַליטעט.

פֿאַרצווייפֿלטע רופֿן אַז די ענגלענדער און פֿראַנצויזן זאָלן זיי העלפֿן זענען געקומען ערשט ווען די בריקן צום צענטער פֿון האָלאַנד זענען

שוין געווען פאַרכאַפּט און ווען דײַטשע קאָמאַנדע־זעלנער זענען שוין געזעסן אויפן דאַך פון דער שטאַרקסטער בעלגישער פעסטונג.

צו באַשיצן איר נייטראַליטעט האָט בעלגיע געבויט פעסטונגען אויף וויכטיקע סטראַטעגישע פּונקטן סײַ אויף דער גרענעץ מיט דײַטשלאַנד, סײַ אינלאַנד. די שטאַרקסטע פעסטונג און די וויכטיקסטע סטראַטעגיש, איז געבויט געוואָרן אַרום דער שליסל־פּאָזיציע ווו דער אַלבערט־קאַנאַל פאַרבינדט זיך מיט דעם טײַך מיוז. דאָס איז געווען די פעסטונג עבען עמאַעל. מבינים האָבן געזאָגט אַז די פאָרטיפיקאַציעס זענען שטאַרקער ווי אַלץ וואָס די פראַנצויזן האָבן געבויט אין דער מאַזשינאָ־ליניע, אָדער וואָס די דײַטשן האָבן געבויט אין דער זיגפריד־ליניע. די עבען עמאַעל איז נישט צעשטערלעך און נישט מעגלעך אַרײַנצודרינגען. די האַרמאַטן־נעסטן זענען געווען באַשיצט מיט שטאָלפּאַנצערס און באַדינט דורך צוועלף הונדערט געקליבענע סאָלדאַטן. די פעסטונג איז געווען אַזוי געבויט אַז נישט אַרטילעריע־שראַפּנעלן און נישט באָמבעס פון דער הייך זאָלן זיי קאָנען באַשעדיקן.

דעם 10טן מײַ בײַ טאָג האָבן נײַן דײַטשע פּלאַנערס געלאַנדט אויפן דאַך פון עבען עמאַעל און אַרויסגעזעצט אַכציק סאָלדאַטן מיט אַ פעלד־וועבל. די דײַטשן האָבן זיך צוגעשאַרט צו די שיס־טורעמלעך און אַרײַנגעוואָרפן ספּעציעל צוגעגרייטע אויפרײַסשטאָפן. די האַרמאַטן זענען געוואָרן באַשעדיקט און גאַז האָט אַרײַנגעדרונגען אינעווייניק. פלאַמען־וואַרפערס האָבן אַרײַנגעשטויסן פײַער אין יעדער האַרמאַט־עפענונג און נאָך איין שעה קאַמף זענען די דײַטשן שוין אַרײַנגעדרונגען אין די אייבערשטע גאַלעריעס פון דער פעסטונג.

די בעלגישע סאָלדאַטן וואָס זענען געווען סטאַציאָנירט אַרום דער פעסטונג האָבן פּראָבירט פאַרטרײַבן די אָנגרײַפערס, אָבער דײַטשע סטוקאַ־טויך־עראָפּלאַנען האָבן געמאַכט נישט־מעגלעך אַ קאָנצענטרירטן אָנגרײַף. די ערשטע אַכציק דײַטשן האָבן באַקומען פאַרשטאַרקונגען פון פּאַראַשוטיסטן; צו מאָרגנס אין דער פרי זענען שוין אָנגעקומען די ערשטע פּאַנצערס. זיי זענען געקומען איבער די בריקן וואָס די דײַטשן האָבן פאַרכאַפּט גאַנצערהייט מיט דער זעלביקער טאַקטיק. ספּעציעל געניטע טרופּן האָבן געלאַנדט מיט נישט־רוישיקע פּלאַנערס און באַוויזן צו פאַרכאַפּן צוויי פון די דרײַ בריקן איבער דעם אַלבערט־קאַנאַל הינטער מאַאַסריכט. די בעלגיער האָבן נאָר באַדאַרפט אַראָפּדריקן אַ שאַלטער כּדי דער דינאַמיט אונטער די בריקן זאָל אויפרײַסן, אָבער איידער זיי האָבן זיך געכאַפּט וואָס עס טוט זיך זענען די שאַלטערס שוין געווען אין

די הענט פון די דײַטשן. אין אָונט פון דעם 11טן מײַ, דרײַסיק שעה נאָך דעם ווי די ערשטע אַכציק דײַטשן האָבן געלאַנדעט אויפֿן דאַך פון עבען עמאַעל האָבן די צוועלעף הונדערט פאַרטיידיקערס פון דער פעסטונג זיך אונטערגעגעבן.

די דײַטשן האָבן אַנגעגריפֿן אויף דעם גאַנצן פראָנט. פון דער שווייצאַרישער גרענעץ אויף זייער לינקן פליגל ביז צום ים אויף רעכטס. אָבער אויף לינקס, בײַ דער מאַזשינאָ־ליניע האָבן זיך נישט אַנטוויקלט קיין אינטענסיווע קאַמפֿן. דעם צענטער פון פראָנט, פון סוף פון דער מאַזשינאָ־ליניע ביז נאַמור, האָבן פאַרטיידיקט נײַן דיוויזיעס פון דער נײַנטער פראַנצעזישער אַרמײַ און זיבן דיוויזיעס פון דער צווייטער אַרמיי. דאָ האָט מען זיך נישט גערעכט אויף קיין שווערע שלאַכטן מחמת די טאָפּאָגראַפֿיע האָט שווער געמאַכט די באַוועגונג, ספּעציעל פאַר פּאַנצערס. ווײַטער רעכטס, פון דער שטאָט נאַמור ביז אַנטווערפּן, האָבן די אַלײַרטע זיך פּאַרפעסטיקט לענג־אויס דעם טײַך דאַיל. דאָ, נעבן אַנטווערפּן, האָט זיך געפונען די זיבעטע פראַנצעזישע אַרמײַ וואָס איז געקומען אַהער אין אײַלעניש צו העלפֿן די בעלגיער. אויף דעם טייל פראָנט האָבן זיך אויך געפונען צוויי און צוואַנציק בעלגישע דיוויזיעס אונטער דער קאָמאַנדע פון זייער קעניג און נײַן ענגלישע דיוויזיעס אונטער דער קאָמאַנדע פון לאָרד גאָרט. נישט־געקוקט אויף דעם וואָס די דײַטשן האָבן באַוויזן צו באַהערשן האָלאַנד און וויכטיקע סטראַטעגישע פּאָזיציעס אין בעלגיע איז די פּאָזיציע פון די אַלײַרטע אויף דעם אָרט געווען אַ גוטע. דאָ האָבן זיי קאָנצענטרירט די בעסטע כּוחות מחמת עס האָט אויסגעזען אַז פּונקט ווי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה וועט דער שווערסטער אָנגרײַף קומען פון דעם רעכטן דײַטשן פליגל. דער פליגל איז אָנגעפירט געוואָרן דורך גענעראַל רײַכענאַו; דאָ איז געווען קאָנצענטרירט די דײַטשע זעקסטע אַרמיי.

אין אָונט פון דעם 13טן מײַ האָט מען זיך געכאַפּט אַז דער שווערסטער אָנגרײַף קומט דווקא אויף דער טאָפּאָגראַפֿיש שווערער טעריטאָריע אין צענטער פון פראָנט. אַ ריזיקער דײַטשער כּוח האָט באַוויזן אַדורכצוברעכן דעם פראָנט פון די נײַנטע און די צווייטע פראַנצעזישע אַרמייען צווישן דער בעלגישער שטאָט דינאַנט און דער פראַנצעזישער שטאָט סעדאַן. זיי האָבן דאָרט געשאַפֿן דרײַ בריקנקעפּ אויפֿן טײַך מיוז.

סעדאַן איז געווען אַ שליסל־פּאָזיציע סײַ צום קאַנאַל, סײַ קיין פּאַריז. די דײַטשן שנעל פאַרוואָרפֿן אַ העגנבריק און דעם 14טן אין דער פרי האָבן צוויי טאַנק־דיוויזיעס גענומען אַריבערגיין צו דער

מערב־זײַט פון מיוז. זיבעציק ענגלישע עראָפּלאַנען האָבן באָמבאַרדירט די בריק, און פערציק פון די עראָפּלאַנען זענען אַראָפּגעשאָסן געוואָרן אין איין איינציקער אַטאַקע. דעם זעלביקן אָוונט איז דער דײַטשער בריקנקאָפּ בײַ סעדאַן שוין געווען דרײַסיק מײַל ברייט און פופצן מײַל טיף. דער סאַמע צענטער פון די אַלײַירטע כּוחות איז געווען אַדורכגע־בראָכן. מאַסן געפאַנגענע, אַרומגערינגלטע. די אַנדערע האָבן זיך צוריק־געצויגן אין אומאָרדענונג.

דער גאַנצער בריטישער לופט־כּוח האָט זיך קאָנצענטרירט אויפן באָמבאַרדירן די דײַטשע בריקנקעפּ. אין די אַטאַקעס אויף די הענגבריקן זענען די עראָפּלאַנען געצווונגען געווען זיך אַראָפּצולאָזן נידעריק און זענען געווען אויסגעשטעלט צום פײַער פון די דײַטשע אַנטי־לופטקאַ־נאָנען. פון די פיר הונדערט און פיר און זיבעציק עראָפּלאַנען וואָס זענען אַרויס צום אָנגריף זענען נאָר צוויי הונדערט און זעקס געבליבן גאַנץ.

כסדרדיקע אָנגריפן פון סטוקאַ־טויך־עראָפּלאַנען האָבן אָפּגעשוואַכט די פראַנצויזישע פאַרטיידיק־פּאָזיציעס הינטער דעם מיוז. די ריזיקע דײַטשע אָנגריף־אַרמיי איז געווען אין גאַנצן מעכאַניזירט און זיך באַוועגט מיט גרויס שנעלקייט. יעדע פּאַנצער־דיוויזיע האָט געהאַט איר אייגענע מעכאַ־ניזירטע אַרטילעריע און איז באַגלייט געוואָרן פון אינזשיניר־בריגאַדעס וואָס האָבן פּאַרוואָרפן הענגבריקן און שנעל באַזײַטיקט יעדע שטרויכלונג. אויך די פּוסגייערס האָבן זיך געטראָגן אויף מעכאַניזירטער טראַנספּאָר־טאַציע, נאָך דעם ווי די טאַנקען האָבן פאַר זיי געעפנט דעם וועג. די אָנגרײַפערישע כּוחות האָבן אָנגעפלייצט מיט קאָפּ־שווינדלערישער שנעל־קייט. בײַ דער שטאָט דינאַנט און בײַם טײַך מיוז איז עס געווען גענעראַל האָטס דײַטשע פופצנטע געפּאַנצערטע אַרמיי. צוויי טאַנק־דיוויזיעס אין דער אַרמיי זענען געפירט געוואָרן דורך אַ יונגן, דרייסטן בריגאַדיר־גענעראַל ערווין ראָמעל. ווײַטער צו דרום האָבן גענעראַל רהײַנהאַרדס צוויי טאַנק־דיוויזיעס פון דער פערציקסטער אַרמיי געהאַט דעם זעלביקן סוקצעס.

זינט דעם צענטן מײַ האָט ווינסטאָן טשוירטשיל פאַרנומען טשיימ־בערלענס אָרט ווי פּרעמיער־מיניסטער פון ענגלאַנד. טשוירטשיל איז נאָך געשלאָפן דעם 15טן מײַ האַלב אַכט אין דער פרי ווען עס האָט אים אויפגעוועקט אַ טעלעפאָן־רוף פון פּאַריז. עס האָט געקלונגען דער פראַנצויזישער פּרעמיער רעינאָ. „מיר זענען באַזיגט, מיר האָבן פאַר־שפּילט", האָט רעינאָ געקלאָגט דורכן טעלעפאָן און טשוירטשיל האָט

נישט באַגריפן וואָס עס איז געשען. ער האָט פּראָבירט באַרויִקן רעינאָן, אָבער יענער האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן: „מיר האָבן פאַרלוירן די שלאַכט, מיר זענען באַזיגט".

אין אָוונט פון דעם 15טן מײַ זענען דײַטשע מאָטאָריזירטע פּירפּאַסטנס שוין געווען בײַ דער שטאָט מאָנקאָרנע. דאָס איז געווען דער טאָג ווען די האָלענדישע אַרמיי האָט קאַפּיטולירט און די ליניע אין דער פאַר־טיידיקונג פון די אַליִירטע אין צענטער איז געווען איבערגעריסן אויף אַ שטח פון פופציק מײַל די ברייט. נאָך מאָנקאָרנע איז געפאַלן לאַאָן, אַרום זעכציק מײַל פון דעם אָרט ווו דער פראָנט איז אַדורכגעבראָכן גע־וואָרן בײַ סעדאַן. די ערשטע פראַנצעזישע אַרמײַ, און די בריטישע כוחות האָבן זיך גענומען צוריקציִען צום טײַך שעלדט.

דעם 16טן איז טשורטשיל געפלויגן קיין פּאַריז, ער האָט זיך דאָרט געטראָפן מיט דער פראַנצעזישער רעגירונג און מיט דעם הויפּט־קאָמאַנ־דיר פון די אַליִירטע כוחות, גענעראַל גאַמעלען. גאַמעלענס באַריכט איז געווען אַ טרויעריקער. דער דײַטשער דורכבראָך צפון און דרום פון סעדאַן איז מער ווי פופציק מײַל די ברייט. דער שונא יאָגט די איצט־צעטיילטע און דיסאָרגאַניזירטע פראַנצויזן. די דײַטשן האַלטן אין אויס־ברייטערן זייער שטויס אין דער ריכטונג פון צפון ווו זיי צילן אַוודאי צו פאַרנעמען די שטעט אַראַס און אַמיען און פון דאָרט צום לאַמאַנש־קאַנאַל דורך אַבעוויל. דער וועג פאַר די דײַטשן איז אָפן סײַ קיין פּאַריז, סײַ צום קאַנאַל.

„ווו געפינען זיך די כוחות פון סטראַטעגישן רעזערוו?" האָט טשורטשיל געפרעגט.

„מיר האָבן נישט קיין סטראַטעגישן רעזערוו", האָט גאַמעלען געענט־פערט און טשורטשיל איז געבליבן פאַרטשמעליעט.

אין הויף פון קעי ד'אָרסעי האָט מען שוין אָנגעהויבן פאַרברענען מלוכה־דאָקומענטן כדי זיי זאָלן נישט אַרײַנפאַלן צום שונא.

היטלער האָט זיך יאָ געריכט אויף אַ קאָנטער־אָפענסיווע פון פראַנ־צעזישע רעזערוון. ווען דאָס איז נישט געקומען איז אים באַפאַלן אַ פּחד. אַ חשד איז בײַ אים געבוירן געוואָרן אַז די פראַנצויזן גרייטן זיך אָנצו־גרײַפן פון זייערע פּאָזיציעס בײַם טײַך סאָם און אַרײַנשנײַדן זיך פון דער זײַט אין דעם קלין פון דײַטשע פאַנצערס וואָס רוקט זיך אַזוי שנעל פאָרויס. אין אויסשפּיר־באַריכטן האָט היטלער אויך געפונען סימנים אַז אַ פראַנצעזישער כוח וועט אָנגרײַפן פון דרום. גענעראַל

רונדשטעד, וואָס זײַנע חיילות האָבן פאַרסירט דעם טײַך מיוז, האָט מסכּים געווען מיטן „פירער״, ער ריכט זיך אויף אַ קאָנטער־אָפּענסיווע מיט גרויסע פראַנצעזישע כּוחות וואָס וועלן קומען פון די געגנטן אַרום ווערדון און שאַלאָן ביַי דער מאַרנע.

נאָך אַ מאָל אַ מפּלה ביַי דער מאַרנע, ווי אין 1914 ? האָט היטלער זיך דערשראָקן און באַשלאָסן צו זיַין אָפּגעהיט. דעם 17טן מיַי האָבן גענעראַל גודריאַנס פּאַנצערס שוין געהאַט דערגרייכט אַ דריטל פון דעם מרחק צום קאַנאַל, אָבער דער גענעראַל האָט פּלוצלינג באַקומען אַ באַפעל זיך אָפּצושטעלן. דער פראַנצעזישער ווידערשטאַנד אויפן פראָנט האָט זיך געהאַלטן אין איַינברעכן און דער „פירער״ איז גאָר אַריַינגעפאַלן אין פּאַניק.

די פּאַנצער־דיוויזיעס האָבן באַקומען אַ באַפעל צו שיקן פאָרויס נאָר פירפּאָסטנס, אָבער אויך דאָס איז געווען גענוג. דעם 19טן מיַי האָט אַ דיַיטשער קלין וואָס האָט זיך געהאַט אַריַינגעשניטן צווישן די אַליִירטע, דערגרייכט אַ פּאָזיציע נאָר פופציק מיַיל פון דעם קאַנאַל. אין אָוונט פון דעם צוואַנציקסטן האָט היטלער שוין באַקומען אַ ידיעה אַז זיַין צווייטע פּאַנצער־דיוויזיע האָט דערגרייכט אַבעוויל אויפן טיַיך סאָם — אַ שליסלפּאָזיציע אָפּצושניַידן די אַליִירטע כּוחות אין צפון פון דער רעשט פון פראַנקריַיך.

פאַר די אַליִירטע איז געווען נאָר איין אויסוועג. אָפּצוריַיסן זיך פון דער זעקסטער דיַיטשער אַרמיי וואָס איז געשטאַנען קעגן זיי, פּראָבירן אַדורכריַיסן זיך דורך דעם דיַיטשן קלין און פאַרייניקן זיך מיט די פראַנצעזישע חיילות אויף דרום. דער הויפּטקאָמאַנדיר פון די אַליִירטע כּוחות, גענעראַל גאַמעלען, האָט טאַקע אַרויסגעגעבן אַזאַ באַפעל דעם 19טן מיַי אין דער פרי. דערוויַיל האָט גאַמעלען רעזיגנירט און גענעראַל וויַיגאַנד האָט פאַרנומען זיַין אָרט. דער ניַיער הויפּטקאָמאַנדיר האָט אָפּגעשטעלט דאָס אויספירן גענעראַל גאַמעלענס באַפעל ; ער האָט גע־וואָלט צו ערשט זיך האַלטן אַן עצה מיט די קאָמאַנדירן אין בעלגיע און צפון־פראַנקריַיך און ערשט נאָך דעם אָננעמען אַ באַשלוס.

גענעראַל וויַיגאַנד איז סוף־כּל־סוף געקומען צו דער זעלביקער מסקנא וואָס גענעראַל גאַמעלען, אָבער דערוויַיל זענען אַוועקגעפאַלן דריַי טעג. דעם 19טן וואָלטן די אויסגעצייכנטע פערציק פראַנצעזישע, בעלגישע און בריטישע דיוויזיעס נאָך געווען בכּוח אַדורכצושניַידן דעם שמאָלן דיַיטשן קלין, אָבער אין צווישנציַיט האָבן די דיַיטשן פאַרשטאַרקט זייערע פּאָזיציעס, און די כּסדר אָנגעגריפענע אַליִירטע זענען געוואָרן שוואַכער.

די קאָמוניקאַציע צווישן די באַזונדערע אַרמייען האָט אָנגעהויבן אונטער־הינקען און עס איז מער נישט מעגלעך געווען אונטערצונעמען אַן אַקציע מיט איין פאַראייניקטן ציל, ווו יעדער טייל זאָל אויספירן אַ באַשטימטע פונקציע. עס איז מער נישט מעגלעך געווען צו קאָאָרדינירן די אַקציעס פון די באַזונדערע אַליִירטע כוחות.

גודריאַנס טאַנקען זענען צוגעקומען צום קאַנאַל, איַינגענומען בולאָן און אַרומגערינגלט קאַלע, די צוויי וויכטיקסטע פּאָרטן אויפן לאַמאַנש־קאַנאַל, און זענען צוגעקומען ביז צוואַנציק מײַל פון דונקירק, וואָס איז איצט געבליבן דער אײנציקער פּאָרט דורך וועלכן די אַליִירטע האָבן נאָך געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו עוואַקויִרן.

דעם 24טן זענען די אַליִירטע אין צפון אַרײַנגעשטופּט געוואָרן אין אַ קליינעם דרײַעק אַרום צוואַנציק מײַל טיף, אָבער האָבן נאָך אַלץ געהאַלטן דונקירק. מע האָט מער נישט געקאָנט טראַכטן וועגן אַדורכרײַסן זיך דורך די דײַטשע ליניעס, עס איז שוין געווען אַ ספק צי מע וועט יאָ קאָנען זיך עוואַקויִרן דורכן ים. דעם טאָג האָבן דײַטשע פּאַנצערס פאַרנומען אַ פּאָזיציע בײַם קאַנאַל און געגרייט זיך צו געבן די אַליִירטע דעם לעצטן קלאַפּ — אַ טויטקלאַפּ. אָבער זיי האָבן פּלוצלינג באַקומען אַ באַפעל צו בלײַבן שטיין.

ביז די דײַטשן האָבן אַדורכגעבראָכן די פראַנצויזישע פּאָזיציעס און ביז דײַטשע פּאַנצער־כוחות זענען צוגעקומען צום קאַנאַל און אַרײַנ־געכאַפּט די אַליִירטע כוחות אין צפון אין אַ פּאַסטקע, האָט דאָס בעלגישע מיליטער געקעמפט העלדיש און פאַרביסן. דעם 25סטן מײַ האָט דער בעלגישער קעניג, וואָס איז געווען דער הויפּטקאָמאַנדיר פון דער בעל־גישער אַרמיי, גערופן אַ זיצונג פון זײַן מיניסטאָרן־קאַבינעט. ער האָט אינפאָרמירט זײַנע מיניסטאָרן אַז ער האָט בדעה צו קאַפּיטולירן און אונטערגעבן זיך צו די דײַטשן. אַלע מיניסטאָרן זענען געווען קעגן קאַפּיטולאַציע און ספּעציעל געווען קעגן דעם, אַז דער קעניג זאָל זיך איבערגעבן צו די דײַטשן. ווען עס וועט האַלטן זייער שלעכט וועט ער, ווי די האָלענדישע קעניגין, קאָנען אַנטלויפן קיין ענגלאַנד און דאָרט אָנפירן מיט אַ גלות־רעגירונג. זיי האָבן אים געוואָרנט אַז היטלער וועט אים דעגראַדירן צו דער ראָלע פון פּרעזידענט האַכאַ אין טשעכן.

דער קעניג האָט זיך געהאַלטן בײַ זײַנס. „בישטאָ מער פּאָר וואָס צו קעמפן, די אַליִירטע האָבן פאַרשפּילט, איך האָב באַשלאָסן צו בלײַבן".

דעם 27סטן האָט דער קעניג געשיקט אַ טעלעגראַמע צו לאָרד גאָרט, דעם קאָמאַנדיר פון די בריטישע חיילות וואָס האָבן געקעמפט לעבן די בעלגישע, אַז עס דערנענטערט זיך די שעה ווען ער וועט זײַן געצוווּנגען זיך אונטערצוגעבן. דער בריטישער קאָמאַנדיר האָט די טעלעגראַמע נישט באַקומען. דעם זעלביקן טאָג האָט דער קעניג געשיקט זײַנס אַ גענעראַל צו די דײַטשן בעטן אַ וואָפן־שטילשטאַנד. דער שליח איז צוריקגעקומען מיט דער תשובה: היטלער פאָדערט לייגן דאָס געווער אָן שום תּנאים. דער קעניג האָט דאָס אָנגענומען שפּעט בײַ נאַכט און פֿירגעלייגט די קאַמפן זאָלן אָפּגעשטעלט ווערן צו מאָרגנס פיר פאַר טאָג, און אַזוי איז עס געשען. פאַר טאָג פון דעם 28סטן מײַ האָט דער קעניג זיך אונטערגעגעבן צו די דײַטשן. די צוואַנציק מײַל פראָנט וואָס די בעלגישע אַרמיי האָט געדעקט איז איצט געבליבן אָן אָפּענע ווונד אין די ליניעס פון די אַלײַרטע. לעאָפּאָלד דער דריטער, וואָס האָט פריִער געבראַכט שאָדן מיט דעם וואָס ער האָט נישט געוואָלט צולאָזן די אַלײַרטע צו באַוואַכן זײַנע גרענעצן, און האָט זיי גערופן ווען היטלערס חלף איז שוין געלעגן אויף זײַן האַלדז, האָט איצט פאַרלאָזט די אַלײַרטע און זיך נישט גערעכנט מיט דעם וויפל שאָדן דאָס וועט זיי ברענגען.

„די בעלגישע אַרמיי איז איצט געווען אַ טייל פון די אַלײַרטע אַרמייען און אונטער דער אָנפירונג פון דעם הויפּט־שטאַב פון די אַלײַרטע אַרמייען. דער קעניג האָט נישט געהאַט קיין רעכט אָנצונעמען אַזאַ דראַמאַטישן באַשלוס אויף אייגענער האַנט. דאָס איז פאַרראַט!" האָט געזאָגט פּרעמיער רעינאָ אין פּאַריז. פון פּאַריז האָט אויך דער בעלגישער פּרעמיער גערעדט דורך דער ראַדיאָ צום בעלגישן פאָלק. ער האָט געזאָגט אַז לעאָפּאָלד האָט, נישט ווי קעניג און נישט ווי הויפּט פון דער אַרמיי, געהאַט די רעכט צו האַנדלען קעגן אַן איינשטימיקן באַשלוס פון דער בעלגישער רעגירונג, מיט זײַן אַקציע האָט דער קעניג זיך אָפּגעריסן פון בעלגיע און האָט מער נישט קיין רעכט צו רעדן אין נאָמען פון בעלגישן פאָלק. די בעלגישע גלות־רעגירונג וועט ווײַטער פירן דעם קאַמף קעגן שונא.

אַזוי פרי ווי דעם 20סטן מײַ, ווי נאָר עס איז באַוווּסט געוואָרן אַז גודריאַנס פּאַנצערס האָבן אײַנגענומען אַבעוויל, האָט טשוירטשיל אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו מאָביליזירן קליינע שיפלעך פאַר אַ מעגלעכער עוואַקואַציע פון פראַנקרײַך. פערסאָנאַל, אָן וועלכן מע האָט געקאָנט

אויסקומען, איז גלײַך צוריקגעשיקט געוואָרן קיין ענגלאַנד. אַדמיראַל ראַמזיי האָט אין דאָווער, אויף דער ענגלישער זײַט פון קאַנאַל, אויפגע־שטעלט אַ הויפטקוואַרטיר פאַר דער אַקציע „דינאַמאָ״, די עוואַקואַציע פון פראַנקרײַך. דעם 26סטן אין אָוונט האָט די בריטישע אַדמיראַליטעט געגעבן דעם סיגנאַל אָנצוהייבן די אַקציע און די זעלביקע נאַכט זענען שוין די ערשטע עוואַקוירטע געבראַכט געוואָרן קיין ענגלאַנד.

נאָך דעם ווי בולאָן איז געוואָרן פאַרנומען פון שונא און קאַלעי — אַרומגערינגלט, איז חוץ דעם פּאָרט אין דונקירק געבליבן נאָר אַ שטיקל אָפענער ים־ברעג פון דונקירק ביז צו דער בעלגישער גרענעץ. דאָס האָט געמוזט אויסגענוצט ווערן ביז צום מאַקסימום. אין ענגלאַנד האָט מען מאָביליזירט שלעפּשיפלעך, פישערשיפלעך, באַרקעס, שפּאַצירשיפן, יאַכט־שיפן, פון אַלע טײַכן און אַלע פּאָרטן. מע האָט געבראַכט אַלץ וואָס האָט געטויגט פאַר נאַוויגאַציע אויפן וואַסער. אין אָוונט פון דעם 27סטן האָט שוין אַ ריזן־כוואַליע פון קליינע שיפלעך זיך אַרויסגעלאָזט צו די פראַנצעזישע ברעגעס. אַ ספּאָנטאַנישער אייפער האָט אַרומגעכאַפּט די באַפעלקערונג פון ענגלאַנדס דרום־ און דרום־מיזרח־ברעגעס, ווער נאָר עס האָט געהאַט אַ שיפל מיט אַ מאָטאָר אָדער מיט זעגלען האָט עס געבראַכט און איז אַליין געקומען העלפן. צוויי מיטגלידער פון טשויר־טשילס קאַבינעט זענען געלם געוואָרן פון לאָנדאָן; זיי זענען געווען צווישן די וואָס האָבן געפירט שיפלעך צו די ברעגעס פון פראַנקרײַך און צוריק. דעם 31סטן האָבן זיך שוין באַטייליקט פיר הונדערט אַזעלכע שיפלעך. זיי האָבן אויפגענומען עוואַקוירטע בײַ די ברעגעס און זיי צוגעפירט צו די גרויסע טראַנספּאָרט־שיפן וואָס האָבן אויף זיי געוואַרט ווײַטער אין קאַנאַל. בײַם סוף פון דער עוואַקואַציע זענען שוין געווען אַכט הונדערט און פופציק שיפלעך וואָס האָבן גענומען אויף זיך די שווערע און געפערלעכע מיסיע, אויסגעשטעלט צו דער באָמבאַרדירונג פון דעם שונאס אַרטילעריע און באָמבאַרדירונגען פון טויט־עראָפּלאַנען.

בעת אויף יענער זײַט קאַנאַל האָט אַלץ געקלאַפּט אין פּערפעקטער אָרגאַניזאַציע, איז אָבער אין פראַנקרײַך געוואָרן ערגער פון מינוט צו מינוט. דאָס מיליטער האָט זיך צוריקגעצויגן אין כאַאָס. געבליבן נאָר איין פּאָרט מיט אַ שטיקל אָפענעם ברעג, אָבער ווי לאַנג וועט געדויערן ביז דעם שונאס פּאַנצערס וועלן דערגרייכן דונקירק?

אין דער נאַכט פון דעם 23סטן אויפן 24סטן האָבן אַכט בריטישע צעשטערערס געהאָלפן עוואַקוירן די וואָס האָבן פאַרטיידיקט בולאָן. טשוירטשיל האָט שפּעטער חרטה געהאַט אויף דעם שריט; מע מוז

אײַנהאַלטן דעם מאַרש פון די דײַטשן פאַר יעדן פּרײַז. ער האָט באַפוילן אַז די אַרומגערינגלטע אין קאַלעי זאָלן זיך פאַרטיידיקן ביזן סוף און פאַר יעדן פּרײַז.

דער סוף וואָלט געווען זייער נאָענט, פון די דײַטשע פּאַנצערס האָט מען שוין געקאָנט זען דונקירק. אָבער דעם 24סטן איז פּלוצלינג געקומען אַ ישועה אין היטלערס אַ באַפעל, אַז די זיבן טאַנק־דיוויזיעס פון רונדשטעדס אַרמיי־גרופּע א׳ זאָלן בלײַבן שטיין דרום און מערב פון דונקירק און געהאַלטן ווערן אין רעזערוו פאַר אַ נײַער אָפענסיווע אײַנצונעמען די רעשט פון פראַנקרײַך.

דאָס מאָל איז עס נישט געווען היטלערס פּחד פאַר אַ פראַנצעזישן כּוח; עס איז גיכער געווען אַ פּחד אַז זײַנע אייגענע זיגערישע גענעראַלן זאָלן נישט באַקומען צו פיל גלאָריע און ווערן צו גרויס בײַ זיך. גערינג האָט אײַנגערעדט היטלערן אַז די „לופטוואַפע" וועט איצט קאָנען פאַרענדיקן די אַרבעט. די אַקציע צו ליקווידירן די אָפּגעשניטענע אַליִירטע אַרמייען איז איבערגעלאָזט געוואָרן צו גענעראַל באָקס גרופּע ב׳ וואָס האָט אין גאַנצן נישט געהאַט קיין פּאַנצערס, אָבער איז געשטיצט געוואָרן פון גערינגס לופט־כּוחות.

דערווײַל האָבן די אַליִירטע באַוויזן צו פאַרשטאַרקן זייערע כּוחות אין דעם דרײַעק וואָס זיי האָבן געהאַלטן. די חיילות וואָס האָבן זיך צוריקגעצויגן אין כאַאָס זענען צוריק אַרײַן אין אַ פּלאַנירטער אָרדענונג און דיסציפּלין. די דײַטשע באָמבעס וואָס זענען געפאַלן אויף די זאַמדיקע ים־ברעגעס האָבן נישט אָנגעטאָן קיין גרויסן שאָדן, דאָס זאַמד האָט צוגעדישעט די אויפרײַסן. דער ענגלישער לופטפלאָט האָט געקעמפט איבער די כּוחות, עראָפּלאַנען זענען אַרויס צום קאַמף, טייל מאָל פיר מאָל אין איין טאָג. די דײַטשן האָבן געהאַט מער עראָפּלאַנען אָבער האָבן נישט געוווּנען די אייבערהאַנט אין דער לופט. די ענגלענדער האָבן געקעמפט מיט העלדישקייט.

דורך די „בילערס" אין וואַרשע ווי אין בערלין האָבן געהילכט די קאָמוניקאַטן פון דײַטשן גענעראַל־שטאַב: „די אַרומגערינגלטע אַרמייען פון שונא זענען אָן אַן אויסוועג"; „דער גורל פון די פראַנצויזן בײַ אַרטואַ איז געחתמעט"; „די בריטישע אַרמייען אין פראַנקרײַך זענען אַרײַנגעכאַפּט געוואָרן אין אַ פאַסטקע בײַ דונקירק, זיי זענען פאַר־מישפּט צו אונטערגאַנג".

אַקציע דינאַמאָ איז שוין אָנגעגאַנגען פיר טעג ווען די דײַטשן האָבן איינגעזען אַז עס איז נישט אַזוי לײַכט צו ליקווידירן די אַרומגערינגלטע און אַז די ענגלישע ספיטפּײַער־עראָפּלאַנען גיבן זיך אַן עצה קעגן די דײַטשע מעסערשמידטס. שלעכטע וועטערן האָבן בכלל צוגענומען די מעגלעכקייט פאַר אָפּטע לופט־אָנגרײַפן. נישט־געקוקט אויף דעם פאַר־גרעסערטן דרוק פון די דײַטשן האָבן די אַליִירטע איינגעהאַלטן זייערע ליניעס בײַם קאַנאַל און די עוואַקואַציע איז אָנגעגאַנגען.

צו פאַרמינערן אבדות אין אירע עראָפּלאַנען האָט די „לופטוואַפע" געלויערט און אָנגעגריפן צווישן ענגלישע אָנגרײַפן, ווען די ענגלענדער זענען געווען אויפן וועג צוריק צו זייערע באַזעס. פון אַכט הונדערט איין און זעכציק שיפלעך אין דער עוואַקואַציע זענען צוויי הונדערט און דרײַ און פערציק געזונקען געוואָרן; אויך דרײַ בריטישע צעשטע־רערס זענען פאַרלוירן געוואָרן. ווען די דײַטשע אַרטילעריע איז צוגע־קומען נענטער און באַדראָט די שיפלעך איז די עוואַקואַציע פאָרגע־קומען נאָר בײַ נאַכט. ביז דעם 4טן יוני אין דער פרי זענען עוואַקויִרט געוואָרן דרײַ הונדערט און אַכט און דרײַסיק טויזנט מיט צוויי הונדערט און זעקס און צוואַנציק ענגלענדער און פראַנצויזן.

די ענגלישע צײַטונגען האָבן עס גערופן „דער נס אין דונקירק", אָבער דער ניכטערער טשוירטשיל האָט זיי דערמאָנט אַז נישט דורך אַזעלכע נסים ווערן מלחמות געוואונען.

די ענגלענדער האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן גוטע קעמפערס, אָבער די אבידות זענען געווען גרויס. דאָס גאַנצע געווער איז געבליבן אויף יענער זײַט. דער לופטפלאָט איז געווען אָפּגעשוואַכט. אמת, אויך די לופטוואַפע האָט געהאַט מפּלות, אָבער זיי האָבן איצט געהאַט זייערע אויסגאַנגפּונקטן אַריבער דעם שמאָלן קאַנאַל, העכסטנס צען מינוט פּלי צו די ענגלישע ברעגעס. פראַנקרײַך האָט זיך נאָך געהאַלטן בײַ די ברעגעס פון די טײַכן סאָם און עין, אָבער די בעסטע אַרמייען און דאָס בעסטע געווער איז פאַרלוירן געגאַנגען אין בעלגיע און אין צפון. די פראַנצויזישע אַרמיי איז געבליבן מיט אַ גאָר קנאַפּן כּוח אין דער לופט. ענגליש מיליטער איז געווען מיט די פראַנצויזן אויך אויף די דאָזיקע פראָנטן. אפשר וואָלט נאָך דאַך מעגלעך געווען עפּעס צו טאָן, אָבער די גאַנצע מאַכט איז איצט געלעגן אין די הענט פון דעם מאַרשאַל פּעטען און דעם גענעראַל ווייגאַנד, און זיי האָבן מער נישט געהאַט קיין מוט צו קעמפן.

דעם 4טן יוני ווען דער לעצטער טראַנספּאָרט עוואַקויִרטע איז נאָך געווען אויפן ים האָט טשוירטשיל געהאַלטן אַ רעדע אין פּאַרלאַמענט. ער האָט דערקלערט: „...מיר וועלן קעמפן אויף די ימען און אָקעאַנען. מיר וועלן קעמפן אין דער לופט, מיר וועלן פּאַרטיידיקן אונדזער אינדזל פאַר יעדן פּרײַז! מיר וועלן קעמפן אויף די ברעגעס, מיר וועלן קעמפן אין די פעלדער, אין די גאַסן און אויף די בערג. מיר וועלן זיך קיין מאָל נישט אונטערגעבן!"

דעם 5טן יוני, צו מאָרגנס נאָך דעם ווי די דײַטשן האָבן אײַנגענומען דונקירק, האָבן זיי אָנגעהויבן אַ גרויסע אָפּענסיווע בײַם טײַך סאָום און אויסגעברייטערט די שלאַכט צון אַ פראָנט פון פיר הונדערט מײַל, פון אַבעוויל אין צפון ביז צום אייבערשטן רהײַן. דעם 10טן יוני האָט די פראַנצעזישע רעגירונג פאַרלאָזט פאַריז און זיך אַריבערגעטראָגן קיין באָרדאָ. דעם 14טן זענען די דײַטשן אַרײַן קיין פאַריז און אַרויפגעצויגן די האַקנקרייץ־פאָן אויפן אײַפל־טורעם. דעם 16טן האָט רעינאָ רעזיגנירט פון זײַן אַמט און ווי פרעמיער און פעטען האָט זיך געשטעלט בראָש פון דער רעגירונג. צו מאָרגנס האָט ער דורך דער פאַרמיטלונג פון שפּאַנישן אַמבאַסאַדאָר געבעטן אַ וואָפן־שטילשטאַנד. היטלער האָט נאָך דעם זעלביקן טאָג געענטפערט אַז ער מוז זיך פריִער עצהן מיט זײַן פאַרבינדעטן מוסאָליני. איטאַליע איז אַרײַן אין דער מלחמה דעם 10טן יוני ווען דער גורל פון פראַנקרײַך איז שוין געווען געחתמעט.

מוסאָליני איז געקומען צו היטלערן קיין מינכן דעם 18טן יוני צו דיסקוטירן דעם וואָפן־שטילשטאַנד מיט פראַנקרײַך.

דעם צענטן יוני האָבן צוויי און דרײַסיק איטאַליענישע דיוויזיעס אָנגעגריפן פראַנקרײַך אין די אַלפּן און בײַ דער ריוויערע. די פראַנצעזישע פאַרטיידיקערס וואָס האָבן געהאַט נאָר זעקס דיוויזיעס האָבן באַוויזן צו האַלטן זייערע ליניעס קעגן די איטאַליענער.

מוסאָליני האָט פון דעסט וועגן געהאַט חשק צו אָקופירן דעם גאַנצן ראָן־טאָל, ווי אויך טולאָן און מאַרסעי, די גרויסע פראַנצעזישע פאָרטן אויפן מיטל־לענדישן ים. אָבער היטלער איז איצט געווען צוריקגעהאַלטן. שפּעטער בײַם שלום־אָפּמאַך וועט מען זען וואָס מע קאָן טאָן. איצטער שרײַבט מען אונטער נאָר אַ וואָפן־שטילשטאַנד און עס איז וויכטיק די פראַנצויזן זאָלן נישט זײַן צו פיל פאַרביטערט און נישט שאַפן אַ גלות־רעגירונג. עס איז אויך וויכטיק זיי זאָלן נייטראַליזירן דעם פראַנצעזישן

כלאָט. עס איז דעריבער כדאַי צו שאַפן אַ פראַנצעזישע רעגירונג אויף פראַנצעזישן באָדן ווו זיי וועלן מוזן קאַאָפּערירן.

היטלער איז אויך נישט גרייט געווען אונטערצושרייבן די פראַנצע־זישע קאַפּיטולאַציע צוזאַמען מיט מוסאָלינין; ער האָט עס פאַרוואַנדלט אין אַ ספּעקטאַקל פאַר זיין גלאָריע.

דעם 11טן נאָוועמבער 1918 האָבן די דייטשן געהאַט אונטערגע־שריבן זייער קאַפּיטולאַציע אין אַ וואַלד אין קאָמפּיען וווּהין מאַרשאַל פאָש איז געקומען אין זיין סאַלאָן־וואַגאָן. דער וואַגאָן לי איז נאָך דעם אייגגעמויערט געוואָרן אין אַ וואַנט פון אַ מוזיי. די דייטשן האָבן איצט צענומען די וואַנט, אויפגעריכט דעם וואַגאָן און אים געבראַכט צום זעלביקן אָרט אין קאָמפּיען וווּהין מע האָט איצט געבראַכט די פראַנ־צויזן זיי זאָלן אונטערשרייבן זייער קאַפּיטולאַציע.

דאָס איז געווען דעם 21סטן יוני 1940. די פראַנצויזן האָבן שוין געוואַרט ווען היטלער איז אָנגעקומען מיט זיין סוויטע: גערינג, בראַוכיטש, קייטעל, רודער, ריבענטראָפּ און העס. דאָרט איז געשטאַנען אַ סטאַטוע וואָס האָט געוויזן ווי די שווערד פון די זיגערישע אַליִירטע שטעכט אַדורך דעם דייטשן אָדלער. היטלער האָט דאָס נישט געזען, ווייל די גאַנצע סטאַטוע איז געווען אַרומגעדעקט מיט האַקנקרייץ־פענער. היטלער האָט זיך פאַרהאַלטן ביי אַ גרויסן גראַניט־שטיין און גענומען לייענען די אויפשריפט: „דאָ איז דעם 11טן נאָוועמבער געפאַלן דער קרימינעלער שטאָלץ פון דער דייטשער אימפּעריע — ביי־געקומען דורך די פרייע פעלקער וואָס זי האָט פּראָבירט פאַרשקלאַפן".

אַ מינוט איז היטלער געשטאַנען דאָרט און זיין פּנים איז געווען פאַרגאָסן מיט כּעס און שׂינאה. באַלד האָט ער אויסגעגלייכט זיינע אָראָפּ־געלאָזטע אַקסלען און זיך אַוועקגעשטעלט מיט צעשפּרייטע פיס און אַ בליק פול מיט ביטול, ווי ער וואָלט געזאָגט: נו, ווער לאַכט דער לעצטער?

אין דעם מאָמענט האָט ער זיכער געגלייבט אַז ער לאַכט דער לעצטער, אַז בקרוב וועט די גאַנצע וועלט ליגן ביי זיינע שטיוול און דער גורל פון די פעלקער וועט זיין ווי דער גורל פון דעם שטיין וואָס איז שוין געווען פאַרמישפּט צעשטויסן צו ווערן.

די פראַנצויזן זענען געווען איבערראַשט פון דעם אָרט וווּהין מע האָט זיי געבראַכט אונטערצושרייבן די קאַפּיטולאַציע. זיי זענען געוואָרן נאָך מער איבערראַשט ווען מע האָט פאַר זיי איבערגעלייענט וואָס זיי

דאַרפֿן אונטערשרײַבן. היטלער איז נישט געווען אַזוי מילד ווי ער האָט אָנגעזאָגט מוסאָליגען אַז עס איז נייטיק צו זײַן. ער איז אַוועק באַלד נאָך דעם ווי מע האָט איבערגעלייענט פֿאַר די פֿראַנצויזן די באַדינגען.

דער פֿראַנצעזישער פֿאַרשטייער, גענעראַל הונציגער, האָט געזאָגט אַז די באַדינגען זענען האַרט און אומרחמנותדיק, אַז ער קאָן דאָס נישט אונטערשרײַבן ווי עס איז. דער דײַטשער גענעראַל יאָדל האָט אים געענטפֿערט אַז אַזוי האָט עס דער פֿירער דיקטירט און אַזוי מוז עס בלײַבן.

הונציגער האָט זיך פֿאַרשטענדיקט מיט דער פֿראַנצעזישער רעגירונג אין באָרדאָ. די רעגירונג האָט פּראָבירט אָפּשרײַען דעם פּונקט אַז די פֿראַנצויזן זענען מחויב איבערגעבן צו די רײַך־אויטאָריטעטן אַלע אַנטינאַציס וואָס זענען אַנטלאָפֿן פֿון דײַטשלאַנד קיין פֿראַנקרייך. „דאָס איז נישט אָרנטלעך, ס'איז קעגן דער פֿראַנצעזישער טראַדיציע פֿון געבן אַזיל צו פּאָליטישע פּליטים", האָט געזאָגט גענעראַל ווײַגאַנד, אָבער די דײַטשן האָבן נישט נאָכגעגעבן. די פֿראַנצויזן האָבן נישט פּראָטעסטירט קעגן אַ פּונקט אַז יעדער פֿראַנצויז וואָס וועט געכאַפּט ווערן קעמפֿנדיק מיט אַן אַנדער לאַנד וועט נישט באַטראַכט ווערן ווי אַ געפֿאַנגענער, נאָר וועט דערשאָסן ווערן אויפֿן אָרט.

היטלער האָט נישט פֿאַרגעסן וועגן דעם פֿראַנצעזישן פֿלאָט. טשויר־טשיל האָט פֿירגעלייגט די פֿראַנצויזן זיי צו באַפֿרײַען פֿון זייערע התחייבותן נישט צו שליסן אַ באַזונדערן שלום אויב זיי וועלן אַוועקשיקן זייערע שיפֿן צו פּאָרטן אונטער ענגלישע אַפּוטרופּסים. אין דעם קאַפּיטוליר־דאָקומענט האָט היטלער געמאַכט אַ „פֿײַערלעכע דעקלאַראַציע" צו דער פֿראַנצעזישער רעגירונג אַז דײַטשלאַנד וועט נישט נוצן פֿאַר מלחמה־צוועקן די פֿראַנצעזישע שיפֿן וואָס וועלן לאַנדן אין פּאָרטן וואָס זענען אונטער דײַטשן קאָנטראָל. דײַטשלאַנד פּראָקלאַמירט אויך פֿײַערלעך אַז בײַם פֿאַרהאַנדלען אַ שלום־אָפּמאַך וועט זי נישט אַרויסרוקן קיין שום פֿאָדערונגען קעגן דעם פֿראַנצעזישן פֿלאָט.

נישט־געקוקט אויף דעם וואָס די פֿראַנצויזן האָבן געוווּסט וויפֿל היטלערס פֿײַערלעכע דעקלאַראַציעס זענען ווערט, האָבן זיי אָנגענומען אַלע באַדינגען ווי דיקטירט דורך היטלערן. פּעטען, ווײַגאַנד און לאַוואַל האָבן זיך צופֿרידן געשטעלט מיט דעם טייל פֿראַנקרײַך וואָס איז געבליבן נישט־אָקופּירט און איז זיי געגעבן געוואָרן צו רעגירן. זיי האָבן דאָס אַקצעפּטירט כאָטש זיי האָבן געוווּסט אַז דאָס נעמט צו די מעגלעכקייט

צו שאַפֿן אַ פֿרײַע פֿראַנצעזישע רעגירונג אויף די פֿראַנצעזישע טערי־טאָריעס אין צפֿון־אַפֿריקע.

די דײַטשן האָבן איצט געהערשט איבער דעם גרעסטן טייל פֿון אייראָפּע. פֿון דעם צפֿון־קאַפּ אַריבער דעם אַרקטישן קרײַז ביז באָרדאָ אין פֿראַנקרײַך און ביז צום טײַך בוג אין מיזרח־פּוילן. היטלער איז געווען זיכער אַז איצט קאָן ער דיקטירן אַ שלום און יעדער וועט אים מוזן אָננעמען אַזוי ווי דײַטשלאַנדס חסד וועט עס געבן. ער האָט געזאָגט אַז ער וויל שלום מיט ענגלאַנד און איז גרייט איר פֿירצולייגן אַ ברייט־האַרציקן אָפּמאַך. ענגלאַנד וועט נאָר דאַרפֿן צוריקגעבן דײַטשלאַנד אירע קאָלאָניעס און געבן איר אַ פֿרײַע האַנט אויפֿן קאָנטינענט. היטלער איז זיכער געווען אַז ענגלאַנד וועט כאַפּן די מציאה מיט ביידע הענט.

דעם 19טן יולי האָט היטלער אין זײַנס אַ רעדע אין רײַכסטאַג געמאַכט זײַן „לעצטן" שלום־פֿירלייג צון ענגלאַנד. דאָס מאָל האָט ער אויסגעמיטן היסטערישע געשרייען, ער האָט גערעדט רויִק, זיכער אין זײַן כּוח, געלאַסן, ווי עס פּאַסט פֿאַר דעם הערשער איבער גאַנץ אייראָפּע. היטלער האָט אַפּעלירט דירעקט צום ענגלישן פֿאָלק:

„...די ענגלישע פּאָליטיקערס שרײַען אַז זיי ווילן מלחמה אַפֿילו אויב ענגלאַנד זאָל אײַנגענומען ווערן. מיינען די פּאָליטיקערס אַז דאָס גאַנצע ענגלישע פֿאָלק וועט זיך אַריבערטראָגן קיין קאַנאַדע? נאָר די מלחמה־העצערישע פֿירערס וועלן זיך אַפּטראָגן קיין קאַנאַדע, אָבער דאָס פֿאָלק וועלן זיי איבערלאָזן אויף הפקר... עס עקלט מיך פֿון אַזעלכע פּאָליטיקערס־אָן־געוויסן, וואָס זענען גרייט צו צעשמעטערן פֿעלקער. מיסטער טשורטשיל וועט שוין זײַן אין קאַנאַדע ווען פֿאַר מיליאָנען פֿון זײַן פֿאָלק וועלן זיך ערשט אָנהייבן די צרות. גלייבט מיר ווען איך זאָג אַז איך האָב בדעה געהאַט צו שוינען די גרויסע אימפּעריע, אָבער זי וועט צעמעטערט ווערן.

„...איז דעם איצטיקן מאָמענט פֿיל איך עס ווי אַ חוב צו מײַן אייגענעם געוויסן נאָך אַ מאָל צו אַפּעלירן צום קלאָרן פֿאַרשטאַנד אין גרויס־בריטאַניע. איך בין זיכער אין אַ מצב צו קאָנען מאַכן אַזאַן אַפּעל. איך בין נישט דער באַזיגטער וואָס בעט טובות, איך בין דער זיגער וואָס רעדט אין נאָמען פֿון שׂכל־הישר..."

היטלער האָט נישט געזאָגט אַ וואָרט וועגן דעם וואָס עס וועט געשען צו די הונדערט מיליאָן מענטשן אונטער דעם דײַטשן שטיוול אין די

אָקופּירטע לענדער. אָבער זײַנע מקורבים זענען אַלע געווען זיכער אַז ענגלאַנד וועט זיך אַנכאַפּן אין היטלערס ברייטהאַרציקן פּירלייג.

איין שעה נאָך דער רעדע איז אין דער ענגלישער ראַדיאָ־אָודיציע אין דײַטש געקומען ענגלאַנדס ענטפער. דער ענטפער איז געווען אַ קורצער: „ניין".

„די ענגלענדער זענען אַראָפּ פון זינען, אָדער זענען סתם אידיאָטן", האָבן די דײַטשן קאָמענטירט.

דעם 14טן יוני, דעם טאָג וואָס פּאַריז איז געפאַלן, האָט מאָסקווע באַשולדיקט ליטע און די אַנדערע באַלטישע מלוכות אַז זיי קאָנספּירירן קעגן סאָוועט־רוסלאַנד. דאָס איז געווען אַ חידוש מחמת די לענדער האָבן געהאַט פּראָ־סאָוויעטישע רעגירונגען. עס איז קלאָר געוואָרן וואָס מאָסקווע איז אויסן ווען סאָוועטיש מיליטער האָט דעם 15טן יוני באַזעצט ליטע און אַראָפּגעזעצט די רעגירונגען אין ליטע, לאַטוויע און עסטאָניע. די לענדער זענען אַנעקסירט געוואָרן און אַרײַנגענומען געוואָרן ווי רעפּובליקן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דעם 18טן יוני האָט אויסערן־מיניסטער מאָלאָטאָוו אין מאָסקווע גערופן צו זיך דעם דײַטשן אַמבאַסאַדאָר שולענבערג און אים איבער־געגעבן די וואַרעמסטע באַגריסונגען און בעסטע ווונטשן צו דעם אויס־געצייכנטן זיג פון די דײַטשע באַוואָפנטע כוחות אין מערב.

דעם 26סטן יוני האָט רוסלאַנד געפאָדערט פון רומעניע איר אָפּצו־געבן באַסאַראַביע און צפון־בוקאָווינע. רומעניע האָט זיך געוואָנדן צו דײַטשלאַנד נאָך הילף, אָבער דײַטשלאַנד האָט איר געעצהט נאָכצוגעבן.

## קאַפּיטל זיבעצן

# בערעקס עדיטאָריאַל

דעם טאָג ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די קאַמפן אין מערב האָט מען אין וואַרשע זיך געקושט און געהאַלדזט. אָט איז געקומען דער אָנהייב פון דעם סוף פון די נאַציס, האָט מען זיך גראַטולירט. אָט באַלד וועלן זיי געשלאָגן ווערן אין פראַנקרײַך, אָט באַלד וועלן זיי צעמורש־טשעט ווערן בײַ דער מאַזשינאָ־ליניע, אַלע פאַרשקלאַפטע פעלקער וועלן באַפרײַט ווערן און די ייִדן צווישן זיי.

ווען די „בילערס" האָבן גענומען הילכן מיט דײַטשע נצחונות האָט מען נישט געגלייבט. ס׳איז נישט מעגלעך און עס לייגט זיך נישט אויפֿן שׂכל. עמעץ האָט דען געצוווּנגען ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך זיי זאָלן אַרײַן אין דער מלחמה ? אַז זיי האָבן עס אַליין געטאָן פֿון זייער אייגענעם גוטן ווילן, ווייסן זיי וואָס זיי טוען. די אַלע ידיעות פֿון דײַטשן ראַדיאָ זענען נאָר פּראָדוקטן פֿון געבעלסעס פּראָפּאַגאַנדע און פֿון געבעלסעס פֿאַנטאַזיע. נאָך אַ טאָג צוויי און דער אמת וועט אַרויסשווימען ווי בוימל אויפֿן וואַסער. איי, אויב מע וואָלט נישט געהאַט אָוועקגעגעבן די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און זיך געקאָנט צוהערן צו די פּוילישע אוידיציעס פֿון ראַדיאָ־לאָנדאָן. הערן אויסלענדישע ראַדיאָ־אוידיציעס איז טאַקע פֿאַרווערט און מע קאָן דערפֿאַר באַצאָלן מיטן לעבן, אָבער ווי איז מעגלעך אויסצוהאַלטן אונטער דעם מבול פֿון דײַטשע שקרים ? מע דאַרף אַ שטיקל בשׂורה, מע נייטיקט זיך אין אַ שטיקל טרייסט...

נויט און טיפֿוס בושעווען איבער יידישע הײַזער, זעלטן צו זען אַ פּנים אָן הונגערגעשווילעכץ. יעדן פֿרימאָרגן זענען די גאַסן באַזייט מיט מתים, פֿון די וואָס האָבן שוין נישט געהאַט גענוג כּוח זיך צו דערשלעפּן ביזן פּליטים־פּונקט און זענען אויסגעגאַנגען אין גאַס. מע דאַרף אַ שנעלע ישועה, מע נייטיקט זיך אין אַ בשׂורה — שוין, תּיכּף. פֿון וואַנעט דען קאָן קומען די ישועה אויב נישט פֿון די ענגלענדער און פֿראַנצויזן ? אויב עס זאָל חלילה זײַן אמת וואָס די „בילערס" זאָגן...

יעדן טאָג ערגערע בשׂורות. אָט איז אַ נײַער ליגן מיט אַ וואָרטצייכן: האָלאַנד האָט קאַפּיטולירט נאָך עטלעכע טעג. ס׳קאָן דאָך נישט זײַן אמת!

אין אָנהייב האָט מען פּשוט געלאַכט פֿון די דײַטשע „באַרימערײַען". מע האָט גיך אויפֿגעהערט לאַכן און מיט פֿאַרשטיקטן אָטעם געוואַרט אויף אַן אויפֿקלערונג. ווען מע האָט שוין אײַנגעזען אַז עפּעס נישט גוטס האָט דאָרט געמוזט געשען, האָט מען געהאָפֿט אויף אַ בשׂורה וועגן אַ קאָנטעראָפֿענסיווע, געוואַרט אויף אַ ידיעה אַז דאָס רעדל האָט זיך שוין אַ דריי געטאָן אויף צוריק. מען איז געלאָפֿן צו באַקאַנטע וואָס באַקומען אַ מאָל ידיעות פֿון אונטערערדישע בלעטלעך. ווען עס איז שוין געקומען אַ שטיקל נײַעס וואָס האָט געקלונגען ווי גוטע נײַעס איז עס געווען וועגן אַ נס פֿון עוואַקואַציע...

ווידער אַ מאָל ? מילא, נאַרוועגיע איז ווײַט, אָבער ווו ווען זיי די ענגלענדער שלאָגן די דײַטשן אויב זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן פֿון פֿראַנקרײַך ?

מע האָט נאָך אַלץ נישט געוואָלט גלייבן, איז געקומען די פּוילישע צײַטונג וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורך די דײַטשן און געדרוקט בילדער פון היטלערן בײַם טריומף־טויער אין פּאַריז, בילדער פון אײַפּל־טורעם מיט אַ האַקנקרייץ־פאָן...

אפשר וועלן די נאַציס סוף־כּל־סוף אײַננעמען אַ וויסטע מפּלה, אָבער ביז עס וועט קומען די נחמה — ווער וועט קאָנען אויסהאַלטן אַזוי לאַנג ?

די מענטשן פון דער אונטערערדישער פּרעסע האָבן געוויינלעך גע־שעפּט זייערע ידיעות פון די לאָנדאָנער ראַדיאָ־אוידיציעס אויף פּויליש. איצט האָט די נײַעס פון דער איינער אוידיציע נישט באַפרידיקט. בערעק עפּשטיין האָט גענומען אויף זיך צו הערן אויך די ענגלישע און פראַנ־צעזישע אוידיציעס. ער האָט געוווסט „אַז אין דער היים קלערט מאַניע איבער וואָס ער קומט נישט צוריק, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרײַסן פון דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט. מע האָט אים געוואָרנט אַז אויב מע האַלט די ראַדיאָ אָפן, כּסדר אָן איבעררײַס, פאַרגרעסערט עס די סכּנה געכאַפּט צו ווערן, אָבער ווי קאָן ער פאַרמאַכן דעם אַפּאַראַט אײדער ער הערט עפּעס וואָס זאָל אויפהײַטערן דאָס געמיט, וואָס זאָל כאָטש געבן אַ פּיצעלע האָפענונג ? עס איז סוף־כּל־סוף געקומען אַ בשורה — די פּינצטערע, ביטערע בשורה אַז פראַנקרײַך האָט קאַפּיטולירט. די סכּנה געכאַפּט צו ווערן מיט אַן אומלעגאַלן אַפּאַראַט איז ער איבערגעקומען בשלום, אָבער ווי קומט מען איבער דעם טרויער, דעם ייִאוש ?

ווי נאָר ער איז אַרײַנגעקומען אין שטוב איז ער אַוועקגעפאַלן אויפן בעט. מאַניע האָט אים געוואָלט געבן צום עסן, כאָטש אַ גלאָז טיי. בערעק האָט נאָר מיט דער האַנט געוויזן אַז ער וויל גאָרנישט. עס איז אים שווער געווען צו עפענען דאָס מויל אַרויסצוברענגען אַ וואָרט, אוודאי נישט עפּעס אַראָפּצושלינגען מיט זײַן קעל וואָס איז געווען פאַרשטאָפּט ווי עמעץ וואָלט דאָרט אַרײַנגעשטופּט אַ פּויסט.

בערעק האָט נישט געקאָנט אָנווײַזן וואָס און ווו עס טוט אים וויי, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין כּוח אַ ריר צו טאָן מיט אַן אבר, מאַניע האָט אים געמוזט אונטערהאַלטן ווען ער האָט געדאַרפט אַראָפּגיין פון בעט. ווען מאַניע האָט אים געצוווּנגען אַרײַנצונעמען עפּעס אין מויל, האָט ער נישט געהאַט קיין כּוח עס צו צעקײַען. אַז ער האָט שוין יאָ עפּעס אַראָפּגעשלונגען איז עס באַלד צוריקגעקומען. עס איז געווען ווי עפּעס אַ מאַטאָר וואָלט זיך אין אים אָפּגעשטעלט און דער גוף האָט

אויפגעהערט פונקציאָנירן. דער קאָפּ האָט אויפגעהערט פיבערן מיט די פינצטערע מחשבות, ער איז געלעגן אין בעט ווי אַ גולם.

דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצע וואָך. ווי עס איז געקומען פּלוצלינג, אַזוי איז עס פּלוצלינג אַוועק. ווען ער איז קראַנק געווען איז ער געשלאָפן כּמעט אָן אויפהער. ס'איז געווען פרײַטיק דעם 21סטן יוני ווען ער האָט געהערט וועגן דער קאַפּיטולאַציע פון פראַנקרײַך און איז אַהיימגעקומען קראַנק. פרײַטיק דעם 28סטן האָט ער זיך אויפגעכאַפּט גאַנץ פרי. מאַניע איז נאָך געשלאָפן. ער איז אַראָפּ פון בעט און מיט אייגענע כּוחות אַוועק צום באַדצימער, פון דאָרט איז ער אַוועק צו דער קיך זוכן עפּעס צום עסן. מאַניע האָט זיך איבערגעוועקט ווען אין קיך איז בערעקן עפּעס אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. זי איז געווען צופרידן צו זען אַז ער עסט. נאָכן אָפּעסן איז בערעק צוריקגעגאַנגען אין בעט אַרײַן, אָבער ווידער אויפגעשטאַנען נאָך אַ פּאָר מינוט. ער איז אַוועק צו זײַן שרײַבטיש און גענומען שרײַבן אַן עדיטאָריאַל פאַר דער אונטערערדישער צײַטונג **אָפּיניאַ**.

בערעק האָט געשריבן אַ קאָמענטאַר צו דער מפּלה פון די אַליִירטע אויפן מערב־פראָנט. אויב מע קאָן לייגן די שולד בײַ די שוועלן פון יחידים זענען עס נעוויל טשיימבערלען און לעאָפּאָלד דער דריטער פון בעלגיע. מע וואָלט נאָך געקאָנט אפשר געפינען אַ פאַרענטפערונג פאַר טשיימבערלענס פשרות אין מינכן ווען ער האָט פּראָבירט אָפּצושטופּן דעם אויסבראָך פון אַ מלחמה, אויב ער וואָלט אויסגענוצט די צײַט צו שטאַרקן ענגלאַנדס באַוואָפנטע כּוחות און גרייטן זיך פאַר דעם וואָס מוז קומען, אָבער היטלער האָט בעסער אויסגענוצט די געוווּנענע צײַט. אַ גאַר דירעקטע שולד ליגט אויף דעם בעלגישן קעניג. דאָ קען מען עפּעס לערנען פון דער נאַטור. אַ לעמפּערט האָט אַלע מעגלעכקייטן צו פאַנגען אַ הירש. בעת דער הירש קאָן לויפן העכסטנס פינעף און פערציק מײַל אַ שעה, קאָן דער לעמפּערט, ווען ער שטרענגט אָן אַלע זײַנע כּוחות, דערגרייכן ביז זיבעציק מײַל אַ שעה. ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן? ווען דער לעמפּערט געפינט זיך אויף דעם ריכטיקן אָרט און שעפּט נישט אויס זײַנע כּוחות בײַם לויפן צו ווײַט. עס קאָן טרעפן — — אויב דער מהלך איז צו גרויס — דער לעמפּערט זאָל אַוועקפאַלן ווען ער איז שוין נאָענט צום קרבן. אויסגענוצט דעם מאַקסימום כּוחות בלײַבט ער ליגן שוואַך־אָטעמדיק און קוקט אומבאַהאָלפן ווי די שוואַכע גאַזעל פאַרשווינדט פון זײַן אויג.

דער בעלגישער קעניג האָט, נישט־געקוקט אויף אַלע וואָרענונגען,

נישט געוואָלט צולאָזן די אַליִירטע כּוחות צו די בעלגישע פעסטונגען. און עס איז געשען אַז נאָך דעם ווי די דײַטשן האָבן אָנגעגריפן און שוין געהאַט נצחונות האָט אַ גרויסע פראַנצעזיש־ענגלישע אַרמיי געמוזט לויפן אין דער לעצטער מינוט צו פאַרשטאַרקן די בעלגישע ליניעס לענגאויס די טײַכן דײַל און מיוז, און געקומען אַהין אויסגעשעפּטע. זיי האָבן מער נישט געהאַט די לאַנג־אַטעמדיקייט ווידער צו לויפן ווען מע האָט זיי געדאַרפט בײַ סעדאַן. אויב לעאָפּאָלד וואָלט נישט געהאַט קיין נאַרישע אילוזיעס אַז היטלער וועט אים לאָזן אָנהאַלטן זײַן נייטראַליטעט, וואָלטן זײַנע פעסטונגען געקאָנט זײַן אַ שוצוואַנט פאַר די אַליִירטע; די זיבעטע פראַנצעזישע אַרמיי וואָלט געקאָנט אײַלן צום צענטער און אפשר אַפילו מאַכן אַ קאָנטער־אָפּענסיווע בײַ דינאַנט און סעדאַן. נאָך דעם אַלעם האָט ער מיט זײַן אײַליקער קאַפּיטולאַציע אַרײַנגעשטאָכן אַ מעסער אין רוקן פון זײַנע פאַרבינדעטע.

„עס גייט מיר נישט איצט", האָט בערעק ווײַטער געשריבן, „אין אָוועק־זעצן דעם בעלגישן קעניג אויף דער באַשולדיק־באַנק. איך בין אויסן דעם מוסר־השׂכּל וואָס קאָן אונדז אַ סך לערנען און געבן אונדז אַ ביסל מוט און כּוח."

אויב ענגלאַנד און פראַנקרײַך וואָלטן זיך נישט גערעכנט מיט בעלגיעס און האָלאַנדס דעקלאַראַציעס פון נייטראַליטעט און וואָלטן, אָן זייער הסכּמה, אַרײַן אין די לענדער און באַזעצט די נייטיקע פּאָזיציעס, וואָלטן האָלאַנד און בעלגיע מן־הסתּם נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד. די אַליִירטע האָבן עס נישט געטאָן, ווי זיי האָבן עס נישט געטאָן אין נאָרוועגיע, מחמת געזעצן און אינטערנאַציאָנאַלע גרענעצן מוזן רעספּעק־טירט ווערן. די ענגלענדער האָבן פאַרשפּילט אַ גוטע געלעגנהייט בײַ נאַרוויק, אויס מורא אַז ביים באָמבאַרדירן די שטאָט וועלן לײַדן ציווילע נאָרוועגער. דאָס איז דאָך אייגנטלעך פאַר וואָס די פרײַע פעלקער קעמפן. די פּאָן פון די אַליִירטע איז: געזעץ, מאָראַל און דרך־ארץ פאַר מענטשלעך לעבן. אויב אַזוי האָבן מיר אויף וואָס צו האָפן.

טויזנטער מײַלן טיילן אונדז אָפּ פון די אַליִירטע אַרמייען, אָבער איך קאָן דאָ פילן זייער וואַכנדיק אויג. די דײַטשע אַכזריות קעגן די ייִדן אין אָקופּירטן פּוילן קאָן נישט לאַנג בלײַבן אַ סוד, און ווען די וועלט וועט זיך דערוויסן, ווען טשוירטשיל וועט זיך דערוויסן אַז דאָ גייט אין לעבן נישט פון עטלעכע הונדערט מענטשן ווי אין נאַרוויק נאָר אין די לעבנס פון צענדליקער טויזנטער, און אפשר הונדערטער טויזנ־טער, ווען מע וועט זיך דערוויסן אין לאָנדאָן און אין ניו־יאָרק ווי מע

מוטשעט דאָ און מע פאַרהונגערט דרײַ מיליאָן ייִדן, ווען עס וועט באַוווּסט ווערן אין דער וועלט אַז דאָ בויט מען שוין אַ געטאָ ווי אין מיטל־עלטער — — ווען מע וועט זיך דאָס אַלץ דערוויסן, וועט די גאַנצע וועלט אויפגעטרייסלט ווערן. אַפילו די פעלקער וואָס זענען איצט נייטראַל וועלן אַרײַן אין אַ מלחמת־מיצווה קעגן די באַנדיטן און מערדערס. אַפילו היטלערס אַקס־שותפים וועלן זיך אָפּזאָגן צו טראָגן אַ מיט־אחריות און זיך אָפּטרייסלען פון אים. אויף דעם אַרצי־רוצח, היטלער, וועט די הויט געריינצלט ווערן ווען ער וועט דערזען די רעאַקציע פון די פעלקער און דערפילן אַז די וועלט איז נישט הפקר און די ייִדן זענען נישט הפקר.

„ייִדן זענען אַלע מאָל געווען הפקר", האָט פּאַר אַ רגע זיך אויפגע־וועקט אין בערעקן זײַן אַמאַליקער ציניזם. ער האָט באַלד אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק. די וועלט גייט כסדר פאָרויס. היטלער ווײַזט דער וועלט דעם אמתן פּרצוף פון ייִדן־שינאה. היטלער האָט זיך פאַרנומען צו פאַר־טיליקן די ייִדן אָבער זײַנע מעשׂים וועלן פאַרטיליקן אַנטיסעמיטיזם.

## קאַפּיטל אַכצן

# אָן פּחד

א.

מע האָט געהאָרעוועט שווער אין כעלמישן קיבוץ. די מיידלעך האָבן געוואַשן גרויסע באַליעס וועש, געשײַערט פּאַדלאָגעס, און אויב מע האָט זיי צוגעלאָזט, געטאָן אויך מענערישע אַרבעט — געהאַקט האָלץ, געטראָגן אויף די פּלייצעס אַ זאַק קוילן; נישט געווען קיין אַרבעט וואָס זאָל פאַר זיי זײַן צו שווער. די בחורים האָבן זיך אַלע פאַרדונגען צום ייִדנראַט וואָס האָט זיי געשיקט טאָן עבודת־פּרך פאַר די דײַטשן. דרײַ זלאָטעס אַ טאָג און אַ וואַסערדיקע זופּ האָט מען באַקומען פאַר אַ טאָג אַרבעט, און טייל מאָל קלעפּ ווי אַ צולאָג.

מען איז געקומען אין קיבוץ כדי אָנצוזאַמלען הכשרה־סטאַזש און זיך צוגעוווינען צו שווערער אַרבעט. נאָך דער וויסטער מלחמה וועט ענגלאַנד מער נישט קאַרגן קיין סערטיפיקאַטן, דאַרף מען זײַן גרייט.

מען איז געקומען אויך כּדי ווײַטער צו בלײַבן אַ טייל פֿון דער באַוועגונג און זײַן צוזאַמען מיט חברים. ייִדן האָבן נישט געטאָרט פֿאָרן אויף די באַנען, איז די קאָמוניקאַציע צווישן די ייִדישע יישובים איבערגעריסן געוואָרן. יעדער שטאָט און שטעטל איז געווען אָנגעוויזן אויף דעם אייגענעם גורל און אויף די אייגענע מיטלען און פֿאָרטלען זיך אַרויסצודרייען פֿון די שווערע דײַטשע גזירות. זאָשקע איז אָפּט געקומען קיין כעלמיש. זאָשקע איז געווען דער פֿאַרבינד מיט וואַרשע און מיט דער וועלט. אַ סך חברים זענען געווען עלטער פֿון דער צוואָנציק־יאָריקער זאָשקע, אָבער ווען זי איז געקומען האָט מען געפֿילט אַז די מאַמע איז געקומען, מע האָט דערפֿילט אַז מען איז אַ טייל פֿון אַ גרויסער משפּחה.

זאָשקע איז אַלע מאָל געווען אַן ערנסטע, אָבער איר קליין פּנימל, אירע קורץ־געשוירענע האָר און אַ לאָק וואָס האָט שקאָציש זיך געהאַלטן אין איין אַראָפּגליטשן איבער איר שטערן, דאָס אַלץ האָט איר געגעבן אַן אויסזען פֿון אַ יונגער שטיפֿערקע. איצט האָט זי געהאַט לאַנגע האָר, צעטיילט מיט אַ שריבט אין דער מיט, אָפּגעצויגן הינטערן קאָפּ און פֿאַרבונדן אין אַ קאָקס, ווי עס קעמען זיך אַלטע גויעס. כּדי צו באַהאַלטן איר ייִדישקייט איז אויך וויכטיק געווען צו ווײַזן אַ פֿריילעך פּנים אָן זאָרגן. זי האָט זיך באַמיט צו שמייכלען, אָבער עס איז אַרויסגעקומען אַ שמייכל פֿול מיט צער. אַ מאָל איז אין איר שיינקייט געווען אַן אָנזאָרגעוודיקע יוגנטלעכקייט; איצט האָט אַ צער־גרימאַסע געהויערט אַרום איר מויל צוזאַמען מיט דעם שמייכל. עס איז גוט געווען צו קוקן אויף איר און זיך צוהערן צו וואָס זי האָט צו זאָגן. זי האָט לעצטנס געבראַכט טרויעריקע ידיעות מער ווי בשׂורות, אָבער זי האָט נישט געלאָזט אַרײַנפֿאַלן אין ייִאוש. אין ארץ־ישׂראל בויט זיך דערווײַל דאָס לאַנד און ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן וועלן צוזאַמען מיט דער פּײַן און מיט דער שרעק אויך פֿאַרשווינדן די הינדערנישן און די שטרויכלונגען וואָס די מאַנדאַטמאַכט האָט געלייגט אויפֿן וועג צו אַ פֿרײַ ייִדיש היימלאַנד.

און אַז זאָשקע האָט זיך צעזונגען... אַלע זענען שטיל געוואָרן כּדי נישט צו פֿאַרהילכן איר קול. אַז זאָשקע האָט געזונגען „שׂדות שבעמק" האָט מען געפֿילט דעם ריח פֿון פֿעלדער אין ארץ־ישׂראל. מע האָט זיך אַרומגעהאַלטן בײַ די אַקסלען און זיך געוויגט אַהין און אַהער צום ריטעם פֿון ליד. זאָשקעס קול איז נישט געווען הילכיק, אָבער עס איז געווען זיס און פֿול מיט געפֿיל. אירע בלויע אויגן זענען געוואָרן ווייך ווי איר קול און עס האָט זיך געדאַכט אַז איר קול איז אַזוי בלוי און פֿול מיט חלום ווי אירע אויגן. ווען זאָשקע איז געקומען האָט מען געאַרבעט

פונקט אַזוי שווער ווי אַלע מאָל, מע האָט געשמועסט און געזונגען אויפֿן חשבון פֿון שלאָף און דאָך זיך געפֿילט מונטער.

דער „באַגאַזש" פֿון זאָשקעס וואַליזע איז געווען נישט נאָר פּאָר בעלמיש. זאָשקע. חנטשע און חווה האָבן צווישן זיך צעטיילט דעם מאַטעריאַל און עס צעפֿירט צו די חלוצישע אָרגאַניזאַציעס אין גאַנצן קרײַז, ביז יענער זײַט סאָוועטישע גרענעץ. חווה איז אויך געווען העל־אויגיק און בלאָנד, אָבער אירע האָר האָבן זיך געקרײַזלט געדיכט ווי בײַ אַ שעפּס, און דאָס איז נישט געווען קיין גוטער סימן. חנטשע איז דווקא געווען אַ טונקעלע, אָבער זי האָט געהאַט אַ דרײַסטקייט און אַ העזהדיקן בליק. דאָס האָט געהאָלפֿן.

עס איז געוואָרן שטיל און טרויעריק אין קיבוץ ווען די מיידלעך זענען אוועקגעפֿאָרן. זיי זאָלן נאָר צוריקקומען בשלום.

ווען זאָשקע איז אָנגעקומען קיין לובלין האָט אויף איר געוואָרט אַ שלעכטע בשורה. זעקס חברים זענען געכאַפּט געוואָרן ווען זיי זענען אַרויס פֿון אַן אסיפֿה, און מע האָט זיי אַרײַנגעזעצט אין אַן אַרבעט־לאַגער הינטער דער שטאָט.

„וואָס פֿאַר אַ לאַגער איז דאָס ? ווער גייט דאָרט אַרײַן און אַרויס ? ווי אַזוי קאָן מען אַרײַנשיקן עפּעס, אָדער אַרײַנקריגן זיך אינעווייניק ?" האָט זאָשקע געוואָלט וויסן.

מע האָט זי געוואָרנט אַז דער לאַגער איז אײַנגעהילט אין אַ מיס־טעריע. עס מוז זײַן עפּעס נישט גוטס אין דעם לאַגער, אַפֿילו אמתע פּאָליאַקן היטן זיך נישט צו קומען נאָענט פֿון דעם לאַגערס גרענעצן. אָבער זאָשקע האָט געטענהט אַז מע קאָן נישט לאָזן די חברים אויף הפֿקר. זי האָט גענומען אויף זיך אויסצושפּירן דעם לאַגער און זען וואָס מע קאָן טאָן.

עס איז געווען מיטוואָך ווען זאָשקע איז אַוועק פֿון בעלמיש קיין לובלין. לובלינער חברים האָבן געזאָלט צעפֿירן דעם מאַטעריאַל אין די אַרומיקע מקומות, און זאָשקע האָט געזאָלט צוריקקומען אויף שבת. זונטיק איז קיין בעלמיש געקומען אַ שליח פֿון לובלינער קן פֿרעגן צי זאָשקע איז שוין אָנגעקומען. אפֿשר איז זי פֿון לובלין צוריקגעפֿאָרן דיי־רעקט קיין וואַרשע ? חווה איז שוין געווען צוריק פֿון איר שליחות, איז זי נאָך דעם זעלביקן טאָג געפֿאָרן קיין וואַרשע און צוגעזאָגט גלײַך לאָזן וויסן צי זאָשקע איז שוין דאָרט. דערווײַל איז אָנגעקומען

אַ צעטעלע פון די געכאַפּטע חברים, פון זייער שרײַבן איז געווען קלאָר אַז זיי ווייסן גאָר נישט אַז זאָשקע איז דאָ געווען און פּראָבירט זיך פאַרבינדן מיט זיי. עס איז מער נישט געווען קיין ספק אַז מיט זאָשקען איז עפּעס געשען.

פרײַטיק צו נאַכט האָט זאָשקע נאָך געהאַט אַ שיחה אין לובלינער קן. זי האָט איבערגענעכטיקט בײַ אַ חברטע און בײַ דער חברטע געפרעגט ווי אַזוי צו גיין צו דעם לאַגער. די חברטע האָט זי געוואָלט צופירן כאָטש אַ טייל פון וועג, אָבער זאָשקע האָט געזאָגט אַז זי קען די שטאָט זייער גוט. ווען זי האָט שבת גאַנץ פרי זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג, האָט זי געזען אַז דווקא די געגנט איז איר אין גאַנצן נישט באַקאַנט. איז דאָס נאָך אַלץ לובלין? די הײַזער דאָ זענען אָפּגערוקט פון שאָסיי און ווײַט איינס פון ס'אַנדערע. עס זעט אויס אַז יעדעס הויז איז פאַר־בונדן מיט אַ פּויערישערווירטשאַפט, דאָס מוז זײַן אַ דאָרף און נישט אַ טייל פון שטאָט. איז זי אויף דעם ריכטיקן וועג? קיין זײַטנגאַסן, קיין אָפּנייג, און קיין וועגצייכנס. זי וואָלט באַדאַרפט אָנקלאַפּן אין אַ טיר און זיך פרעגן ווו זי איז.

זי האָט געטראָגן אַ פּויעריש טיכל אויפן קאָפּ און אַ קיישל אין האַנט זי זאָל אויסזען ווי אַן אָרטיקע. עס איז כּדאַי אַרײַנצוגיין אין די כאַטעס, אפשר ווייסן די פּויערים וואָס דאָ טוט זיך. עס איז סתּם כּדאַי צו קויפן אַ ביסל שפּײַז, און זוכן אַ מעגלעכקייט עס אַרײַנצושיקן צו די חברים אין לאַגער.

זי איז אַרײַן אין אַ שטוב און געפרעגט וועגן לאַגער. זי האָט נישט באַקומען קיין ענטפער און מע האָט איר גאָרנישט געוואָלט פאַרקויפן. זי האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון אַן אַנדערער כאַטע און געפרעגט צי זיי האָבן פּוטער צו פאַרקויפן. קיין פּוטער נישט, אָבער קעז האָבן זיי געהאַט. דער פּויער האָט איר אָפּגעלאָזט אַ סוד אַז עס איז בעסער זי זאָל גלײַך צוריקגיין אין שטאָט אַרײַן. אין אַ ווײַטערדיק הויז האָט זי געקויפט אַ גרויס היימיש־געבאַקן ברויט און באַקומען די זעלביקע עצה, נישט צו קומען אַהער. אויב זי וועט איבערלאָזן איר אַדרעס אין שטאָט וועט די פּויערטע צון איר קומען פון צײַט צו צײַט און ברענגען אַ ביסל דאָרפישע פּראָדוקטן.

זאָשקע האָט געמאַכט דעם אָנשטעל ווי זי וואָלט זיך אויסגעלאַכט פון די וואָרענונגען. אָט איז זי דאָ און קיינער האָט זי נישט געטשעפּעט. „זאָל די פּאַני נישט לאַכן", האָט דער פּויער זי געוואָרנט. „עטלעכע

קילאָמעטער ווײַטער האָבן זיי אַרויסגעטריבן אַלע אײַנוווינערס און צוגענומען דאָס שטיקל לאַנד מיטן הויז מיט אַלעם וואָס מע האָט געהאַט אין שפּײַכלער".

„דאָס דאַרף האָט זיך מיט עפּעס פֿאַרזינדיקט ?" האָט זאָשקע זיך געוווּנדערט. „פֿאַר וואָס עפּעס גראַד דאָ ?"

„דער טײַוול ווייסט זיי פֿאַר וואָס דאָ".

„אַז זיי האָבן גענומען דאָס לאַנד מיט די שפּײַכלערס וועלן זיי אַוודאי ברענגען אַהער פּויערים פֿון דײַטשלאַנד".

„זיי דאַרפֿן דען ברענגען אַרבעטערס פֿון דײַטשלאַנד ? זיי כאַפּן מענטשן און צווינגען זיי צו אַרבעטן, אָבער דאָ מאַכן זיי עפּעס — דער טײַוול ווייסט וואָס. דאָ..."

„שווייג שוין, אַלטער, דו פּלאַפּלסט צו פֿיל", האָט די פּויערטע זיך אַרײַנגעמישט.

זאָשקע האָט געקויפֿט בײַ זיי אַ שטיק געזאַלצן חזיר־פֿעטס. דער פּויער האָט אַראָפּגעלאָזט פֿון געבאָטענעם פּרײַז, אָבער וועגן דעם וואָס דאָ קומט פֿאָר האָט ער מער נישט געוואָלט רעדן.

ווען זאָשקע איז צוריקגעקומען צום שאָסיי האָט זי געהערט אַ גערויש פֿון אַן אָנקומענדיקן אויטאָ. זי האָט געאײַלט צוריק צו דער כאַטע, נאָר דײַטשן האָבן אויטאָמאָבילן. די טיר צו דער כאַטע איז געווען פֿאַרשלאָסן. זי האָט אָנגעגעקלאַפּט, אָבער קיינער האָט נישט געענטפֿערט. די פּויערים האָבן, ווײַזט אויס, אויך דערהערט דעם גערויש און זיך דערשראָקן. איר שנעלע אָריענטאַציע האָט איר דאָס מאָל נישט געדינט ; אַרונטערצולויפֿן הינטער דער כאַטע און זיך דאָרט באַהאַלטן ביז די דײַטשן וועלן פֿאַרבײַפֿאָרן, איז זי אַרויס צוריק צום שאָסיי. נאָך איידער זי האָט באַשלאָסן אין וועלכער ריכטונג צו גיין, האָט דער אויטאָ זיך פֿאַרהאַלטן נעבן איר. „אוסווײַז !" האָט אַ דײַטש געפֿאָדערט און זי האָט אים געוויזן איר דאָקומענט. ער האָט אַפֿילו נישט אַרײַנגעקוקט אין דעם קאַרטל. ער האָט עס צוגענומען און זי אַרײַנגענומען אין אויטאָ. אין דעם אויטאָ וואָס האָט זי געפֿירט צוריק קיין לובלין האָט זי זיך דערמאָנט מאַרעקס אַ וואָרענונג : אויב עמעצן טרעפֿט אַ נס איין מאָל איז עס אַ נס ; אויב נסים טרעפֿן צו אָפֿט, איז עס געפֿערלעך. נישט פֿאַראַן קיין גרעסערע סכנה ווי דאָס אײַנרעדן זיך : מיר וועט גאָרנישט געשען.

דער אויטאָ האָט געיאָגט איבער די גאַסן פֿון לובלין און זיך פֿאַרהאַלטן בײַ אַ גרויסן בנין אין אַנדערן עק שטאָט. בײַם אַרײַנגאַנג זענען געשטאַנען צוויי פּוילישע פּאָליציאַנטן, אָן געווער. מיט זיי איז געווען

אַ דייַטשער וואַכמאַן מיט אַ ביקס. די פּוילישע פּאָליציאַנטן האָבן געזוכט אין זאָשקעס קיישל. זיי האָבן צוגענומען דאָס חזיר־פעטס און איר איבערגעלאָזט דאָס ברויט און דעם קעז. „אַוסווייַז, אַוסווייַז!" האָט זאָשקע געפאָדערט ווען די דייַטשן וואָס האָבן זי געבראַכט זענען צוריק אַרייַן אין אויטאָ. זיי האָבן איר נישט צוריקגעגעבן איר דאָקומענט. מע האָט זי אַרייַנגעשטופּט אין דעם בנין, און די דייַטשן זענען אַוועקגע־פאָרן.

עס איז נישט געווען קיין וואַזשנער דאָקומענט, ס׳איז געווען איר לעגיטימאַציע פון דער גורוויטשער האַנדלס־שולע. איר נאָמען זאָשאַ שטיגעל האָט געקלונגען פּויליש. טאָמער וועלן זיי זיך נאָכפרעגן אין גורוויטש וועט זיך אַרויסווייַזן אַז דער נאָמען אין איר מעטריקע איז זיסל, איר מאַמע הייסט אסתּר און איר טאַטע — קיווע.

גרויסע זאַלן פון ביידע זייַטן פון אַ לאַנגן קאָרידאָר — דאָס איז אַ שול־בנין, נישט קיין תּפיסה. די זאַלן זענען געווען ליידיק, אויף די גאַלע ווענט אַ סך אויפשריפטן. זאָשקע האָט געלייענט נאָר עטלעכע און שוין פאַרשטאַנען ווו זי איז. דאָ זאַמלט מען פּאָליאַקן וואָס די דייַטשן כאַפּן אַוועקצושיקן קיין דייַטשלאַנד צו צוואַנג־אַרבעט.

מילא, עס האָט געקאָנט זייַן ערגער. זי וועט פּראָבירן אַנטלויפן פון טראַנספּאָרט, און אויב עס וועט נישט געראָטן וועט זי אַנטלויפן פון אַרבעטפּלאַץ. נאָר זיך נישט מיאש זייַן.

זי איז געגאַנגען פון זאַל צו זאַל. דאָ און דאָרט פאַרלוירענע חפצים, אָבער נישט קיין לעבעדיקער נפש. דאָס איז גוט, עס וועט נאָך געדויערן ביז זיי וועלן כאַפּן גענוג מענטשן אַוועקצושיקן. דאָס איז אויך שלעכט: איינער פון די שומרים בייַם טויער האָט געקוקט אויף איר מיט אַ בליק וואָס האָט נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס אויב זי וועט דאָ לאַנג בלייַבן אַליין.

אַ סך שויבן זענען געווען אויסגעהאַקט, אָבער די פענצטער זענען געווען פאַרקלאַפּט פון דרויסן מיט אייַזערנע קראַטעס. אין אַנדערן עק קאָרידאָר איז אויך געווען אַ טיר, אָבער פאַרשלאָסן. זאָשקע האָט זיך פאַרנומען מיט די טרעפּ צום אַ העכערן שטאָק. אַ רעש האָט זי איבער־געשראָקן, זי האָט אויף עפּעס אָנגעטראָטן. ס׳איז געווען אַן אייַזערן בראָטפּענדל וואָס עמעץ האָט דאָ פאַרלוירן אָדער אַוועקגעוואָרפן.

אונטן זענען די פענצטער געווען פאַרקראַטעוועט; דאָ, אויפן ערשטן שטאָק זענען זיי געווען פאַרצוימט מיט שטעכלדראָט. אויך דאָ זענען אַ סך פון די שויבן געווען אויסגעהאַקט, אויך דאָ זענען געווען אַ סך נעמען אויפגעשריבן אָדער אייַנגעקריצט אין קאַלך פון די ווענט. זי איז

אוועק העכער צום צווייטן שטאָק. דאָ זענען געווען טירן נאָר פון איין זייַט קאָרידאָר. זי האָט פּראָבירט עפענען טיר נאָך טיר; זיי זענען געווען פאַרשלאָסן, אָדער פאַרקלאַפּט מיט נעגל. נאָר איין זייַטיקע טיר איז געווען אַ ביסל לויז. עס קאָן זייַן אַז עמעץ האָט זיך שוין געראַנגלט מיט דער טיר און זי נישט געקאָנט עפענען, אָדער נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן דאָס עפענען.

אויב עמעץ האָט לויז געמאַכט די טיר מיט כּוח האָט עס געמוזט זייַן אַ שטאַרקער מאַן. זי רייַסט די טיר מיט איר גאַנצן כּוח און פילט נישט עס זאָל ווערן לויזער. אויב זי וואָלט געקאָנט אַרייַנשטופּן עפּעס צווישן טיר און בייַשטידל... דאָס בראָטפּענדל! זי האָט זיך דערמאָנט אין דעם אייַזערנעם בראָטפּענדל אויף וועלכן זי האָט פריִער אָנגעטראָטן און אַראָפּגעלאָפן עס זוכן.

כאָטש די טיר האָט זיך אַ ביסל געטרייסלט איז זי נישט געווען גענוג לויז זי זאָל קאָנען עפּעס אַרייַנשטופּן צווישן טיר און בייַשטידל. זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער פּאָדלעגע און פּראָבירט מיטן בראָט־פּענדל אַרויסציִען אַ נאָגל פון דעם אונטערשטן טייל טיר. דער עק פון הענטל איז געווען שאַרף. נאָך דעם ווי זי האָט אַרויסגעקראַצט אַ ביסל האָלץ האָט זי שוין געקאָנט פאַרטשעפּען דאָס הענטל אינעם קאָפּ פון דעם נאָגל. זי האָט געשטופּט דאָס פּענדל מיטן גאַנצן כּוח אַרויסצו־הייבן דעם נאָגל. זי האָט געפילט ווי עס גיט נאָך. זי האָט אָנגעשטרענגט אַלע כּוחות, אַ סקריפּ — און זי איז צוריקגעפאַלן. דאָס האַרץ האָט אַ צאַפּל געטאָן פון פרייד, אָבער זי האָט גיך געזען אַז דאָס בראָטפּענדל איז געבליבן אין איר האַנט אָן דעם הענטל. דאָס הענטל האָט זיך אָפּגע־בראָכן, אָבער דער נאָגל אין דער טיר האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

זי האָט פּראָבירט נוצן דאָס פּענדל ווי אַ האַמער און אַרייַנקלאַפּן דאָס הענטל צווישן טיר און בייַשטידל, אָבער דאָס האָט געמאַכט צו פיל רעש. די טיר איז געווען פאַרקלאַפּט מיט צוויי נעגל. דער אייבער־שטער נאָגל איז געווען העכער ווי זי האָט געקאָנט גרייכן, דער קאָפּ פון דעם אונטערשטן איז געזעסן טיף אין האָלץ און זי האָט נישט געקאָנט צוקומען מיט די ציין. זי איז אַראָפּ צוריק צו די אונטערשטע שטאָקן זוכן צווישן די פאַרלוירענע חפצים. זי האָט נישט געפונען עפּעס וואָס זאָל איר העלפן אויפרייַסן די טיר.

געדרייט זיך אויף די אונטערשטע שטאָקן און דערנאָך צוריקגעקומען צו דער זעלביקער טיר. זי האָט פאַרקלאַמערט ביידע הענט אַרום דער קליאַמקע און געשלעפּט מיט אַלע כּוחות. די טיר האָט געקרעכצט אָבער

די נעגל האָבן נישט נאָכגעגעבן. אויב זי וואָלט כאָטש געקאָנט אָפּרײַסן די קליאַמקע און אַרײַנשטופּן זי צווישן טיר און בײַשטידל... ס'איז אַ יוסטע מעטאַלענע קליאַמקע, דאָס וועט זיך נישט איבערברעכן אַזוי שנעל ווי דאָס דינע הענטל פון בראָטפּענדל.

אפשר קאָן מען טאַקע אַראָפּנעמען די קליאַמקע? נישט געווען געננג ליכט אין קאָרידאָר, אָבער זי ווייסט אַז אַ קליאַמקע ווערט צוזאַמענגע־שטעלט פון צוויי העלפטן וואָס קומען זיך צוזאַמען און זענען פאַרפּעס־טיקט אײנס צום אַנדערן מיט אַן אײַזערנעם שטיפט אָדער מיט אַ שרויף... ס'איז אַ שרויף. זי האָט עס דערטאַפּט מיט די שפּיצן פון אירע פינגער, זי קאָן אַפילו פילן דעם אײַנשניט פאַרן שרויפן־ציִער. איי, אויב זי וואָלט דאָ געפונען אַ שרויפן־ציִער. אויב... יאָ, אַ שפּיץ פון דעם אָפּגעבראָכענעם הענטל האָט זיך געלאָזט פאַרטשעפּען אין דעם אײַנשניט פון דער שרויף.

דאָס צעבראָכענע הענטל פון דעם בראָטפּענדל איז כסדר צוריק־געשפּרונגען און צעקראַצט אירע הענט, אָבער זי האָט פּראָבירט ווידער אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. איר רעכטע דלאָניע האָט געבלוטיקט אָבער די שרויף איז לויז געוואָרן און אַרויסגעקומען געננג הויך זי זאָל קאָנען מיט אירע פינגער אָננעמען דעם שרויפקאָפּ און אַרויסדרייען ביזן סוף.

אַראָפּגענומען די קליאַמקע און גלײַך זיך גענומען צו דער אַרבעט. זי האָט טאַקע באַוויזן אַרײַנצושטופּן דעם פלאַכן עק פון דער קליאַמקע צווישן דער טיר און דעם בײַשטידל נאָענט פון דעם אונטערשטן נאָגל. זי האָט געשטופּט מיט אַלע כוחות ביז די הענט זענען איר אָפּגעשטאָנען. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, אָנגעלענט דעם רעכטן פוס אויף דער קליאַמקע און ווידער געשטופּט מיטן גאַנצן כוח. די טיר האָט אַ קרעכץ געטאָן און עפּעס איז אַראָפּגעפאַלן מיט אַ קנאַק. זי האָט זיך דערשראָקן, אַראָפּגענומען די שיך, מע זאָל נישט הערן אירע טריט, און אַראָפּ אַ שטאָק נידעריקער.

קיינער האָט, ווײַזט אויס, נישט געהערט דעם קלאַפּ, קיינער איז נישט געקומען. זי איז צוריק אַרויף צו דער טיר. וואָס האָט פריִער אַזאַ קלאַפּ געטאָן אַז די קליאַמקע שטעקט נאָך אַלץ אין דער טיר? דער אונטערשטער נאָגל איז געווען לויז, אָבער דאָס שלאָס האָט געהאַלטן די טיר אין דער סאַמער מיט. אויפמאַכן? ווי אַזוי? זי האָט געהאַט אַראָפּגענומען דעם זי־טייל פון דער קליאַמקע און אינעווייניק איז דער ער־טייל אַראָפּגעפאַלן אַוודאי ווען זי האָט דערהערט דעם קלאַפּ. מיט וואָס עפנט מען איצט די טיר?

נאָר נישט אַרײַנפֿאַלן אין ייִאוש. פֿאַראַן אַזוי פֿיל אָפֿענע טירן אויף די אונטערשטע שטאָקן. אויב זי האָט באַוויזן אָפּצושרויפֿן אַ קליאַמקע פֿון אַ פֿאַרמאַכטער טיר, וועט עס זײַן נאָך לײַכטער בײַ אַן אָפֿענער טיר. זי איז צוריק אַראָפּ צום ערשטן שטאָק.

נאָך דעם ווי זי איז צוריקגעקומען מיט דעם ערד־טייל פֿון אַ קליאַמקע איז עס שוין נישט געווען שווער, דער אייבערשטער נאָגל האָט לײַכט נאָכגעגעבן.

זי האָט געעפֿנט די טיר און די קניען אונטער איר האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן. געהאַרעוועט אַזוי לאַנג צו עפֿענען אַ טיר, פֿירט עס גאָר צון אַ קליין, בלינד צימערל מיט ליידיקע פּאָליציעס. דאָ איז אַוודאי געווען אַ מאַגאַזין. דאָס קליינע פֿענצטערל בײַם סופֿיט, אויב עס וואָלט געפֿירט צום דרויסן וואָלט עס נישט געווען אַזוי טונקל.

אַז זי האָט זיך שוין אַזוי אָנגעהאָרעוועט דאַרף מען שוין אַ קוק טאָן וווהין דאָס פֿענצטערל פֿירט. געקלעטערט פֿון פּאָליצע צו פּאָליצע און עס איז כּדאַי געווען. דאָס פֿענצטערל איז טאַקע נישט געווען צום דרויסן, אָבער עס האָט געפֿירט צון אַ גרויסן צימער מיט גרויסע ליכטיקע פֿענצטער אַן קראַטעס און אַן שטעכלדראָט.

שוין אָנגעהויבן דראַפּען זיך צום פֿענצטערל און צוריק אַראָפּ. זי האָט צונויפֿגעקליבן די האַלבע קליאַמקעס, דאָס צעבראָכענע פֿענדל און אַלץ אַרײַנגעלייגט אין איר קיישל. זי האָט צוריק אַרויסגענומען אַן ערד־קליאַמקע אַרײַנגעשטעקט אין דער טיר פֿון אינעווייניק דעם קליינעם צימערל, פֿאַרמאַכט די טיר און צוריק אַרויסגענומען די קליאַמקע. עס קאָן איר געלינגען זיך דאָ צו באַהאַלטן ביז דער טראַנספּאָרט וועט אַוועקגעשיקט ווערן. זי האָט אַ ברויט און אַ קעז, אַ ליידיק הויז היט מען נישט צו שטאַרק... עס קאָן זײַן אַז ווען די איצטיקע „לאַפּאַנקע", דאָס כאַפּעניש, וועט זיך ענדיקן, וועט מען אין גאַנצן אַוועקנעמען די וואַך.

זי האָט צו ערשט אַראָפּגעלאָזט איר קיישל אין דעם גרויסן צימער אַרײַן. איז עס טאַקע געפֿאַלן מיט אַזאַ קראַך, אָדער איז זי אַזוי צעשראָקן און עס האָט זיך איר נאָר געדאַכט אַז דאָס הויז האָט זיך אַ טרייסל געטאָן? זי האָט כאָטש באַדאַרפֿט אַרויסנעמען די קליאַמקעס, זיי האָבן זיך צעקלימפּערט און באַלד וועלן דאָ אָנלויפֿן די וואַכלײַט זען וואָס דאָ טוט זיך. נישטאָ קיין צײַט צו פֿאַרלירן, זי מוז אַריבער אין דעם גרויסן צימער, אפֿשר וועלן זיי נישט זוכן אַזוי ווײַט.

זי איז אַרײַן אין פֿענצטערל צו ערשט מיט די פֿיס, דערנאָך אַרײַנגעצויגן דעם גאַנצן גוף און געבליבן הענגען מיט די הענט אין דער

וויטרינע פון דעם פענצטערל. ווען זי האָט אָפּגעלאָזט די וויטרינע און זיך אַראָפּגעגליטשט פּאַזע דער וואַנט האָט עס נישט געמאַכט קיין רעש. זי איז געבליבן שטיין אויף די פּיס.

זי האָט דערהערט אַ געלויף אויף טרעפּ, האָט זי געכאַפּט איר קיישל, אַוועק אין אַ ווינקל, אַראָפּגעזעצט זיך, איינגעקורטשעט זיך, און זיך צוגעדריקט צו דער וואַנט. זי האָט זיך איינגעהערט: דאָס געלויף אויף די טרעפּ האָט אָנגעהאַלטן, עס איז געווען אַ געלויף פון אַ סך פּיס, מ׳ע האָט געבראַכט נאָך געכאַפּטע. זי וואָלט באַדאַרפט פאַרמאַכן דאָס פענצטערל צו פאַרווישן יעדן שפּור, אָבער ווי אַזוי וועט זי עס קאָנען דערגרייכן? אויב עס וואָלט דאָ כאָטש געווען אַ בענקל זיך אַרויפצו־שטעלן, אָבער דער צימער איז אין גאַנצן ליידיק.

מע האָט זי געלערנט אַזוי פיל מאָל אַז אַן אונטערערד־מענטש מוז האַלטן די אויגן אָפן און איינקריצן אַלץ אין זכרון, אָבער דעם היינטיקן טאָג האָט זי קיין איין זאַך נישט געטאָן ריכטיק. זי האָט איצט אַרויס־געקוקט דורכן פענצטער און נישט געוווסט צי עס גייט אַרויס אויף דער זעלביקער גאַס ווו זי איז אַריינגעקומען. אַ שיינע העצע וועט דאָס זיין אויב זי וועט אַרויסשפּרינגען דורכן פענצטער און פאַלן אויף די קעפּ פון די וואַכלייט.

זי וועט סיי ווי שפּרינגען. דאָס איז אַ הויכער צווייטער שטאָק, זי וועט צעברעכן דאָס געניק, אָבער זי וועט סיי ווי שפּרינגען. זי האָט פּראָבירט עפענען אַ פענצטער, די פענצטער דאָ מוזן אויך זיין פאַרקלאַפּט מיט נעגל. עס איז נישט שווער אויסצוהאַקן אַ שויב, אָבער דאָס געבראַזג פון צעבראָכענעם גלאָז וועט זי מסרן. זי מוז פריער אַלץ אַדורכטראַכטן. בהלה פירט צו נאַרישקייטן און זי האָט שוין היינט אָפּגעטאָן גענוג נאַרישקייטן, זי מוז זיך אַוועקזעצן און איבערלייגן זיך וואָס צו טאָן.

זי האָט געפילט אַ גרימעניש אונטערן האַרץ. אפשר דאַרף זי עפּעס נעמען אין מויל אַריין? זי האָט מיט זיך ברויט און קעז, אַז זי וועט עפּעס עסן וועט איר זיין לייכטער צו טראַכטן.

אַ ביסן קעז איז איר געבליבן שטעקן אין האַלדז, אפשר ווייל עס איז איר געווען אַזוי טרוקן אין דער קעל. אַ שלוק וואַסער וואָלט איר געהאָלפן, אָבער ווו נעמט מען דאָ וואַסער? וויפל נאָך נאַרישקייטן וועט זי היינט אָפּטאָן איידער דאָס הוסטן וועט פירן צון איר באַהעלטעניש? וואָס זיצט זי ווי אַ קוואָקע אויף די אייער? די פענצטער גייען אַרויס אויף אַ גאַס און פון אַ גאַס קאָן מען לויפן.

ווידער אַ געלויף אויף טרעפּ, אַ געטופּע פון טריט איבער קאָרידאָרן. איצט האָט זי געהערט ווי די אויטאָס האָבן זיך פאַרהאַלטן בײַם אַרײַנ־גאַנג, זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן פון יענער זײַט בנין. דער אַרײַנגאַנג איז פון יענער זײַט בנין און דאָרט שטייט די וואַך. אויב עס איז נישט פאַראַן קיין אַרויסגאַנג אויף דער זײַט בנין איז קיין וואַך אויך נישטאָ דאָ. איז טאַקע נישט פאַראַן קיין אַרויסגאַנג אויף דער זײַט?

וואָס זיצט זי דאָ אין ווינקל? אַרויסקוקן דורכן פענצטער און זען וואָס עס טוט זיך דרויסן!

זי האָט זיך שנעל צוריקגעצויגן פון פענצטער; דרויסן איז עמעץ פאַרבײַגעגאַנגען און זי געזען. זי איז זיכער די פרוי האָט זי געזען, זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. טריט, לויפנדיקע טריט אויף די טרעפּ צו דעם שטאָק!

מע האָט פּראָבירט טירן, אויך די טיר פון דעם צימער ווו זי איז געווען. די קליאַמקע האָט זיך באַוועגט אַרויף און אַראָפּ. עמעץ האָט געוואָלט עפענען די טיר און איז צוריק אַוועק. איז עס געווען אַ וואַכמאַן, אַ געכאַפּטער? ווער ווייסט.

בײַ די טירן האָט זי זיך געקאָנט פאַרען אַזוי לאַנג ווײַל דער בנין איז נאָך געווען ליידיק, און ווײַל פון דרויסן האָט קיינער זי נישט געזען. ווי אַזוי וועט זי דאָ קאָנען עפענען אַ פענצטער איצטער, ווען מע ברענגט נאָך און נאָך מענטשן? עס איז צו ריזיקאַליש, עס איז אויך צו שפּעט. די אויטאָס האַלטן אין איין צוריקקומען, באַלד וועלן זײַן גענוג געכאַפּטע אַוועקצושיקן. זי וועט אויסהאַקן אַ שויב און שפּרינגען. פאַראַן אַזוי פיל אויסגעהאַקטע שויבן אין דעם בנין אַז זיי וועלן נישט וויסן ווו.

אַהאַ, זי ווייסט שוין פאַר וואָס אַזוי פיל שויבן זענען אויסגעהאַקט. מע פּראָפּט דאָ אַן אַזוי פיל מענטשן אין אַ צימער, אַז מע קאָן קאָן דעם אָטעם נישט כאַפּן. מע קאָן נישט עפענען קיין פענצטער פאַרקלאַפּט מיט קראַטעס און שטעכלדראָט, האַקט מען אויס די שויבן עס זאָל אַרײַנקומען אַ ביסל לופט. עס לייגט זיך אויפן שׂכל אַז דאָס איז עס.

ווידער אויטאָס, ווידער אַ טומל און געלויף איבער די טרעפּ. גענוג געבאַלאַמוטשעט, אַקציע!

דאָס געבראַזג פון גלאָז האָט זי אַליין דערשראָקן. זי איז געווען אין כּעס אויף זיך וואָס זי האָט זיך צוריקגעצויגן פון פענצטער. באַשלאָסן גלײַך צו שפּרינגען, דאַרף מען עס אויספירן. אַז מע הייבט אָן זיך נאָכ־געבן קאָן מען געליימט ווערן פון פּחד. זי וועט שוין, די מינוט — — —

זי האָט אַ קוק געטאָן צום פענצטער און דערזען אַז ווו זי האָט אויסגעהאַקט די שויב שטעקן שפּיציקע שטיקער גלאָז. נאָך גוט זי איז נישט געשפּרונגען מיט פאַרמאַכטע אויגן.

אויף די אונטערשטע שטאָקן איז געשטיגן דער טומל, אָבער דאָ איז ווידער געוואָרן שטיל. זי איז צוגעקראָכן צום פענצטער אויף אַלע פיר. זי האָט זיך פאַרשטאָכן אין גלאָז־שפּליטערס אָבער זיך נישט אָפּגעשטעלט. אויף די קני אונטערן פענצטער, נאָר מיט דער האַנט געגרייכט אַרויף און אַרויסגעריסן די געבליבענע שטיקער גלאָז. אַרויסגעצויגן די גרויסע שטיקער האָט זי אָפּגעבראָכן אַ שטיק פון איר ברויט און מיט דעם געריבן אַהין און צוריק אָפּצורייניקן די קליינע שפּליטערלעך. איצט, אַז עס וועלן ווידער קומען אויטאָס און דער טומל וועט ווידער ווערן גרויס...

נישט וואַרטן אויף שפּעטער, שוין!

און אויב עמעץ וועט זען? ווען עס וועט טונקל ווערן — — — —

נישט וואַרטן, שוין!

אַ כפּרה דאָס ברויט מיטן קען! זי האָט דאָס איבערגעקערטע קיישל געהאַלטן איבער איר קאָפּ. אויב אַ פאַלשירעם פאַרהאַלט און שניידט די שנעלקייט פון פאַלן, וועט דאָס איבערגעקערטע קיישל אויך זײַן אַ שטיקל שירעם...

עפּעס האָט דאָס קיישל זיכער אויפגעטאָן. עס האָט זיך פאַרטשעפּעט אין די שטעכלדראָטן אַ שטאָק נידעריקער, און פון דאָרט האָט זי שוין געהאַט נישט ווײַט צו פאַלן.

אַן עלטערע פרוי האָט איר געהאָלפן זיך אויפשטעלן און זי אַרײַנגעפירט אין אַ טויער אויף דער אַנדערער זײַט גאַס. דער טויער האָט געפירט צו אַ הויז, הינטער דעם הויז איז געווען אַ פאַרצוימטער הויף און אויף יענער זײַט צוים זענען געווען פעלדער.

האָט מען דורך די פענצטער פון בנין געזען ווי זי פאַלט? ווער איז געווען די אַלטיטשקע וואָס האָט איר געהאָלפן אויפשטיין? זיצט זי טאַקע אין אַ קאָרנפעלד, אָדער איז זי געפאַלן אויפן קאָפּ און דאָס איז אַן אויסדאַכטעניש פון אַ צעמישטן מוח? זי טאָר נישט צוריקגיין אין שטאָט אַרײַן, דאָס איז קלאָר. זי קאָן אויך נישט קויפן קיין באַנבילעט אָן אַ דאָקומענט. ווי אַזוי וועט זי קומען קיין כעלמיש?

זי וועט זיך נאָר אַ ביסל אָפּרוען און זיך לאָזן אין וועג אַרײַן. וויפל

קילאָמעטער איז פון דאַנען קיין כעלמיש? וואָס איז דער אונטערשייד, אַפילו אויב עס זאָל זײַן אין אַנדערן עק וועלט האָט זי נישט קיין אַנדערע ברירה ווי גיין צו פוס.

אויב דער טײַך דאָ איז דער וויעפּש איז זי שוין איבערגעקומען אַ האַלבן וועג. ווען זי האָט אײַנגעטונקען די פיס און אָפּגעשווענקט דאָס פנים מיט קיל וואַסער האָט זי געטראַכט גיין נאָר ביז ביסקאָוויץ און דאָרט איבערנעכטיקן בײַ אַ חבר. זי האָט גיך אײַנגעזען אַז עס איז צו שפּעט אַרײַנצוגיין אין אַ ישוב, בפרט אין אַ פּיצעלע שטעטעלע וווּ יעדער קען יעדן. אַבי זי איז בשלום אַריבער די בריק. פון דאַנען אָן קען זי דעם וועג, נישט איין מאָל געגאַנגען דאָ מיט די ביסקאָוויצער קן־חברים אויף טיולים. גוט אַז די סטעזשקעס אויף די פעלדער האָבן זי נישט פאַרפירט קיין יעהופּעץ. בײַ נאַכט קאָן זי ריזיקירן צו גיין מיטן הויפּטוועג. אַז זי וועט דערהערן אַ גערויש פון אַן אויטאָ קאָן זי אַלע מאָל אַראָפּלויפן אין פעלד אַרײַן.

עס איז געווען אַ הייסער טאָג און זי האָט מאַרשירט אַזוי פיל קילאָ־מעטערס אָן אָפּרו. דער אָוונט האָט געבראַכט מיט זיך אַ ווינטל וואָס האָט געגלעט איר פנים און געקילט אירע צעפּיבערטע אויגן. אין דער פינצטער וועט זי נישט קאָנען לייענען די וועגצייכנס, אָבער אַז זי האָט נישט געבלאָנדזשעט ווען זי איז געגאַנגען דורך געדרייטע סטעזשקעס איבער פעלדער, וועט זי דאָ זיכער נישט בלאָנדזשען. זי מוז אָנקומען קיין כעלמיש איידער עס ווערט ליכטיק. אַ ברענענג פלאַמט אויף יעדער מאָל אין אַן אַנדערן טייל גוף, זי מוז זײַן צעקאַליעטשעט אומעטום. דאָס קאַלטע וואַסער אויפן פנים האָט געשטאָכן, דאָס פנים מוז אויך זײַן צעקראַצט. די הענט זענען צעשניטן, דאָס קלייד צעריסן. מער פעלט איר נישט נאָר עמעץ זאָל זי זען אין אַזאַ מעמד. זי האָט אַ ביסל אונטער־געהויבן דאָס קלייד און באַטאַפּט דעם דיך פון איר רעכטן פוס. יאָ, די הויט איז אָפּגעריבן און דאָס געוואַנט פון קלייד רייצט די וווּנד. זי האָט אָנגעריבן בלאָזן אויף די פיס, זי קאָן נישט גיין אין די שיך, און צו גיין אויפן שאָסיי פול מיט שטיינער אָן שיך איז ווי צו גיין באָרוועס אויף שפּיציקע נעגל. זי האָט יאָ באַדאַרפט בלײַבן אין ביסקאָוויץ. אין דעם רעכטן פוס ציט פון אויבן ביז אַראָפּ, די געלענקען מוזן זײַן געשוואָלן, עס ווערט איר שווערער און שווערער זיך צו באַוועגן און איצט איז שוין צו ווײַט צו גיין צוריק. עס וואָלט אפשר בעסער געוואָרן

אויב זי וואָלט זיך אַ ביסל אָפּגערוט, אָבער זי טאָר נישט פאַרלירן קיין צײַט.

זינט זי איז אַריבער די בריק איבערן וויעפּש איז זי שוין פאַרבײַ צוויי דערפער. וויפל דערפער זענען פאַראַן צווישן ביסקאָוויץ און כעלמיש? האָט זי שוין טאַקע אַ האַלבן וועג הינטער זיך, אָדער דאַכט זיך עס איר ווײַל דאָס גיין איז איר אַזוי שווער? זי מוז זיך אָוועקזעצן פאַר אַ ווײַלע, אַנישט וועט זי פאַלן און סײַ ווי נישט אָנקומען קיין כעלמיש.

ניין, ניין, זי וועט זיך נישט אָפּשטעלן. איצט געדענקט זי עס קלאָר: צווישן דעם טײַך און כעלמיש ליגן פינעף דערפער, און זי איז שוין איבערגעקומען אפשר אַ האַלבן וועג. ניין, נישט פינעף, נאָר פיר דערפער ליגן לענגאויס דעם שאָסיי. צווישן די ערשטע צוויי און די לעצטע צוויי איז אַ ווײַטער מהלך. זי מוז גיין און גיין ביז זי וועט דערזען די כאַטעס פון נאָך אַ דאָרף. ווען זי וועט אָנקומען אין דעם נאָענטסטן דאָרף וועט זי — — — ניין, זי וועט זיך נישט אָפּשטעלן. ווען זי וועט ווידער אָנקומען אין אַ דאָרף וועט זי זײַן נאָר אַ פינעף קילאָמעטער פון כעלמיש, וועט זי זיך שוין צושלעפּן אַפילו זי זאָל דאַרפן קריכן אויף אַלע פיר.

אויף אַלע פיר? בײַם אַרויסנעמען די שטיקער גלאָז האָט זי זיך אַזוי צעשניטן די הענט אַז — — — יעדע וווּנד איז אויפגעגאַנגען ווי אַ שניט אין אַ יוירנדיק טייג. זי טאַפּט עס אָן כאַטש עס טוט וויי, יעדער שניט האָט אויפגעשוואָלן ווי אַ פּאָר ליפּן. יאָ, די הענט זענען צעקאַליע־טשעט נישט ווייניקער ווי די פיס, אָבער זי וועט זיך נישט אָפּשטעלן אַפילו אויב זי זאָל זיך דאַרפן ריטשן אויפן אונטן, אָדער שאַרן זיך אויפן בויך. זי מוז אָנקומען אין איר קיבוץ איידער עס וועט ליכטיק ווערן.

גייט זי טאַקע אָדער עס דאַכט זיך איר נאָר אַז זי גייט? זי ציילט די טריט. וויפל טריט האָט אַ קילאָמעטער? וויפל טריט האָט אַ מעטער? אויב אַ מעטער האָט דרײַ טריט וועט זי אָנציילן דרײַ טויזנט טריט און וויסן אַז זי איז געקומען מיט אַ קילאָמעטער נענטער. איינס, צוויי, דרײַ, פיר — — —

זי קאָן מער נישט ציילן און זי קאָן מער נישט גיין. די זאָוועסעס אין אירע פיס זענען פאַרזשאָווערט געוואָרן. זאָוועסעס? אַ טיר האָט זאָוועסעס, ווי רופט מען עס אין אַ פוס? זי האָט שוין נישט קיין כּוח אַפילו צו טראַכטן. זאָל זײַן זאָוועסעס, זאָל זײַן געלענקען... יאָ, דאָס

איז עס: די געלענקען אין אירע פיס זענען זיך צוזאַמענגעוואַקסן. זי שאַרט די פיס, אויפהייבן זיי קאָן זי מער נישט.

אַזוי לאַנג ווי זי קאָן נאָך שאַרן די פיס פאָרויס... וואָס איז דאָס, נאָר אַן אויסדאַכטעניש? איז עס אַ פאַטאַ מאָרגאַנאַ אָדער זעט זי טאַקע סילועטן פון כאַטעס? אויב דאָס איז טאַקע אַ דאָרף, מוז עס זײַן דאָס דאָרף וווּ דער קיבוץ פלעגט העלפן די פויערים שניטצײַט. אויב עס איז טאַקע דאָס דאָרף איז זי שוין נאָענט, איז זי שוין כמעט אין דער הײם.

נאָר נישט אָפּנאַרן זיך! דאָ דאַרפן זײַן צוויי דערפער איינס נאָענט פון אַנדערן. געאַרבעט האָבן זיי אין דעם דאָרף וואָס איז דאָס נאָענטסטע צו כעלמיש. יאָ, דאָס איז אַ דאָרף, זי קאָן שוין זען ליכט־שפּאַלטן אין טייל פאַרהאַנגענע פענצטער. איז עס מעגלעך? אַז עס טאָגט נאָך נישט מוז ערשט זײַן אַרום דרײַ דער זייגער. שטייען די פויערים אויף אַזוי פרי? אויב דאָס איז טאַקע אַ דאָרף איז פון דאַנען נישט מער ווי אַ דרײַ קילאָמעטער צום ווײַטערדיקן דאָרף און פון דאָרט נאָר אַ צוויי קילאָ־מעטער צו דער שטאָט. ווי אַזוי וועט זי זיך דערשלעפּן אַ מהלך פון פינעף קילאָמעטער, אַז די פיס זענען ווי קלעצער, ווי שטיקער האָלץ.

זי מוז גיין, גיין, גיין!

אירע אויגן האָבן געשפּיזט דורך דער טונקלקייט, געזוכט אַ סימן פון אַ ישוב. נאָך איידער זי האָט דערזען אַ סימן פון אַ געבײַ האָבן די הענער פון דאָרף איר אָקעגנגעשיקט אַ געקריי. מאַמעלע, וואָס טוט זיך דאָ? דער חושך איז ערשט געווען אַזוי געדיכט און שווער און אָט זעט זי שוין ביימער און אַ רויטלעכקייט פון יענער זײַט ביימער, דאָרט ווו דער הימל רירט אָן די ערד. אַלץ איז ערשט געווען פאַרזונקען אין אַ פאַרגליוועטער שטילקייט, ווי די וועלט וואָלט געווען אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם, און אָט איז אויפגעשטיגן אַרום איר אַ קאַקאָפאָניע פון קולות: פייגל טשוויטשערן, הינער קוואָקען, גענדז גאָגערן, אינדיקעס האָלדערן, אַ פערד הירזשעט, אַ קו בעטשעט, ציגן מעקען, חזירים קוויטשען. אין אָנהייב זענען די קולות געקומען צון איר ווי בשורות, זי האָט דער־גרייכט דאָס דאָרף. ווי נאָר זי האָט זיך געוואָלט דערנענטערן צו אַ כאַטע, האָבן הינט זיך געריסן פון די קייטן מיט בייזן געביל, און די אַלע קולות האָבן גענומען קומען צון איר ווי אַ וואָרענען און אַ געבייזער: אַוועק פון דאַנען, אַוועק, דו פרעמדע ייִדישקע! אַ פּאַס ליכט האָט זיך אַרויס־געשניטן פון אַ געעפנטער טיר. זי האָט זיך געוואָלט אָפּשטעלן, אָבער פון דער ליכטיקער שטוב איז אַרויס אַ הונט, אַ ריזיקער הונט, און

געטראָגן זיך גלײַך אויף איר. די פּיס האָבן פון זיך אַליין גענומען לויפן, געלאָפן און געלאָפן.

איז זי געלאָפן שנעלער פון דעם הונט אָדער האָט עמעץ צוריקגע־רופן דעם בייזן כּלב? זי איז שוין געווען אויסערן דאָרף און נאָך אַלץ געלאָפן. זי האָט געמיינט אַז זי קאָן שוין נישט גיין, און — — —

ווי נאָר זי האָט זיך דערמאָנט אַז זי האָט נישט געקאָנט גיין האָבן די פּיס זיך אָפּגעשטעלט. דער גוף איז געוואָרן נאָך שווערער ווי פריִער און דער קאָפּ נאָך מער ליידיק. זי מוז אַרײַן צוריק אין דעם תּבֿואה־פעלד. סך־הכּל איז דאָס תּבֿואה־פעלד עטלעכע טריט פון איר, אָבער צווישן איר און דעם פעלד איז אַ ראָוו. דער ראָוו איז נישט טיפער ווי יעדער ראָוו בײַ דער זײַט פון אַ וועג; אָבער איר גוף ציט אַראָפּ, זינקט אַראָפּ...

זי האָט נאָך ווי עס איז באַוויזן אַרײַנצוגיין אין דעם ראָוו; אַרויס איז געווען שווערער. יעדעס מאָל וואָס זי האָט פּראָבירט אַרויפקלע־טערן צום פעלד האָט זי זיך צוריק אַראָפּגעגליטשט. זי איז געווען אין גאַנצן אויסגעשמירט מיט בלאָטע. זי האָט זיך דאָך אַרויפגעצויגן צום פעלד און געבליבן ליגן אין דער תּבֿואה, זי איז אַרײַן גענוג ווײַט מע זאָל זי נישט זען פון שאָסיי? ווײַט, צי נאָענט, זי האָט זיך מער נישט געקאָנט רירן, ווי זי וואָלט געווען פּאַראַליזירט.

זי איז געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט, און אַ נאַכט פריִער אויך נישט געשלאָפן גענוג. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, אָבער די אויערן זענען געווען אָפן צו אַ גערודער אין איר גוף. יעדער אָבר, יעדעס קעמערל, האָט געצוקט און געציטערט; זי האָט געהערט דעם פּולס פון יעדן גליד, הויך פון איר האַרץ. זי גייט אויס? אפשר איז בעסער זי זאָל צוריק אַרויסקריכן אויפן שאָסיי ווו עמעץ וועט זי געפינען? **דער בלויזער** געדאַנק פון ווידער דאַרפן זיך באַוועגן טרייסלט זי אויף און זי דערפילט איר האַרץ. עס שלאָגט, ווי אַ פויסט וואָלט פון אינעווייניק געשלאָגן אין איר ברוסט על־חטא...

זי איז נישט געשלאָפן און איז אויך נישט געווען וואָך. די זון האָט שוין געהאַט פאַרטרוקנט די בלאָטע וואָס האָט זיך געהאַט צוגעקלעפּט צון אירע פּיס און צון איר קלייד. זי דאַרף אָפּקראַצן די פאַרטרוקנטע ערד פון זיך. האָט דער באַוועג אויפן שאָסיי זיך אָנגעהויבן ערשט איצט, אָדער האָט זי פריִער גאָרנישט געהערט? אַז זי וועט זיך אַ ביסל אָפּפּוצן וועט זי אַרויס צוריק צום שאָסיי, אפשר וועט זי עמעץ אַרויפנעמען

אויף אַ וואָגן וואָס פּאַרט קיין כעלמיש. זי איז שוין אַזוי נאָענט אַז עס קאָן דאָ פאַרבײַפאָרן אַפילו אַ ייִד פון כעלמיש.

ווי נאָר זי האָט זיך פּראָבירט באַוועגן איז די מידקייט צוריקגעקומען. איר גאַנצער גוף איז געווען שלאַבעריק, ווי אַ קופּע אברים אַרײַנגעוואָרפן אין איין זאַק, אָבער נישט באַהאַפטן איינס צום אַנדערן, עפּעס ווי מע וואָלט באַדאַרפט איר גוף אויף ס׳נײַ צונויפשטעלן און באַהעפטן די אברים אין דעם ריכטיקן סדר.

זי האָט זיך נישט געקאָנט רירן און עס האָט זי נישט געאַרט. נישט רירן זיך איז איצט געווען די בעסטע זאַך אין דער וועלט. אויב נאָר די זון וואָלט נישט געשטאָכן דורך אירע פאַרמאַכטע אויגן־לעפּלעך...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די העגער קרייען שוין, צײַט אויפצושטיין. העגער קרייען? אַבי זי האָט געמיינט אַז זי איז אין כעלמיש. כעלמיש איז אַ שטאָטישער קיבוץ. ווען איז זי אָנגעקומען קיין טשענסטעכעוו?

זי האָט זיך אויפגעזעצט און אויפגעריסן די אויגן. אַהאַ, זי ווייסט שוין, זי געדענקט שוין אַלץ. עס איז פינצטער און עס איז איר קאַלט. איז זי געשלאָפן, אָדער דאָ געלעגן פאַרחלשט? וויפל שעהען? אַ האָן האָט ווידער אַ קריי געטאָן. זי איז אין גאַנצן צעמישט, זי ווייסט נישט וואָס עס האָט זיך איר נאָר געחלומט, און וואָס עס איז באמת געשען מיט איר. זי זיצט? דאָס לעצטע וואָס זי געדענקט איז אַז זי האָט נישט געקאָנט רירן מיט קיין אבר. וועט זי זיך קאָנען אויפשטעלן? עס ציט זי אַראָפּ. אָ, זי געדענקט איצט ווי זי האָט זיך געראַנגלט אַרויסצוקלעטערן פון ראָוו. צוריק צו גיין צום שאָסיי וועט זי מוזן ווידער אַ מאָל אַריבער דעם ראָוו. עס נעמט שוין ווידער טאָגן, זי וועט זיך דאַרפן אָפּרייניקן פון דער בלאָטע איידער זי וועט זיך באַווײַזן אויף דעם שאָסיי.

ווען זי האָט זיך ווידער אויפגעכאַפּט איז שוין געווען אַ באַוועגונג אויפן שאָסיי. אוי ווײַ, אַז זי זעט דורך דער תבואה אַלץ וואָס טוט זיך אויפן וועג, קאָן מען דאָך זי אויך זען. מער פעלט איר נישט נאָר דער באַלעבאָס פון דעם קאָרנפעלד זאָל זי דאָ געפינען. ווען האָט זי זיך צוגערוקט אַזוי נאָענט צום שאָסיי? אַ געפּויק פון לויפנדיקע פערדישע פיס אָן דער קלאַפּערײַ פון אײַזערנע רעדער — יאָ, ס׳איז אַ לײַכט בריטשקעלע אויף גומענע רעדער. כעמיע פירט אַזאַ בריטשקעלע. ביז זי האָט זיך אויפגעזעצט האָט זי שוין געזען דאָס בריטשקעלע פון הינטן. אויף דער קעלניע איז געזעסן אַ ברייטפּלייציקער פאַרשוין,

טאָקע ווי כעמיע. זי איז אויפגעשפּרונגען, אַרויסגעלאָפן אויפן שאָסיי, געגומען נאָכלויפן די בריטשקע און רופן: „פּאַניע, פּאַניע!"

גיי יאָג אַ ווינט אין פעלד. דאָס בריטשקעלע איז פאַרשווונדן אין אַן אויסבייג פון וועג און זי איז געבליבן שטיין פאַרחידושט: איין מינוט קאָן זי נישט באַוועגן מיט קיין אבר, אין דער אַנדערער מינוט לויפט זי גאָר. ווען זי האָט ווידער געגומען גיין איז צוריקגעקומען די שלאָבעריקייט אין די גלידער, אָבער דער קאָפּ איז איצט געווען אין גאַנצן קלאָר. זי מוז גיין! אין שטאָט אַרײַן איז צו ווײַט פאַר אירע כּוחות, זי וועט גיין צוריק צום דאָרף.

דער פּויער וואָס האָט איר געעפנט די טיר האָט אויסגעזען צו האָבן אַ גוט פּנים. זי האָט נישט אויסגעזאָגט אַז זי איז אַ ייִדן, אָבער אַלץ אַנדערע האָט זי דערציילט דעם אמת. אין לובלין איז געווען אַ „לאַפּאַנ־קע", מע האָט זי געכאַפּט אַוועקצושיקן קיין דײַטשלאַנד, אָבער עס איז איר געראָטן צו אַנטלויפן.

זי האָט דאָ נישט געהאַט איר פּויעריש קיישל, זי האָט אויך געהאַט פאַרלוירן דאָס פּויערישע קאָפּטיכל, אָבער איר אויסזען איז נאָך אַלץ געווען גוט. דער פּויער האָט איר געגעבן אַ גלאָז מילעך פריש פון דער מעלק. אויסגעטרונקען די מילעך איז איר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. עס איז איר ליכטיק געוואָרן אויפן געמיט ווען דער פּויער האָט איר געזאָגט אַז ער גייט שפּאַנען זײַן פערד צו פאָרן צום טאָרג אין כעלמיש.

צום טאָרג? אויב הײַנט איז טאָרגטאָג אין כעלמיש, מוז שוין זײַן מאָנטיק. זי איז אַרויס פון קן אין לובלין שבת פרי, ווי אַזוי איז אַזוי שנעל געוואָרן מאָנטיק?

די פּויערטע האָט איר געגעבן אַ נאָדל און פאָדעם און זי האָט אַ ביסל צו רעכט געמאַכט איר קלייד. די פּויערטע האָט איר אויך געבאָרגט אַ קאָפּטיכל וואָס זי האָט אַרומגעבונדן ביז אונטער דער גאָמבע צו פאַרשטעלן די בלויע צייכנס אויף איר פּנים. פון כעלמישער מאַרק איז געווען נאָר אַ קאַצנשפּרונג צום איר קיבוץ.

אַרויפגעפאַלן אויף איר געלעגער האָט זי ווידער נישט געקאָנט באַוועגן מיט קיין אבר. דאָקטאָר לעמבערגער איז געקומען. ער האָט אָפּגערייניקט אירע ווונדן, נאָר אייבערפלעכלעכע הויטווונדן. ער האָט אָבער חושד געווען אַז בעת זי איז געפאַלן פון פענצטער האָט בײַ איר געפּלאַצט אַ ריפּ. אויב מע וואָלט געקאָנט מאַכן אַ דורכלויכטונג וואָלט

ער געוווּסט אויף זיכער. סײַ ווי איז כדאַי צו טאָן וואָס מע דאַרף. ער האָט אָנגעצויגן אַ שטײַפֿן באַנדאַזש אַרום איר ברוסטקאַסטן.

"עפּעס אַ מעדיצין?" האָט מען אים געפֿרעגט.

"אויסשלאָפֿן זיך, אויסרוען זיך און נישט רירן זיך פֿון דאַנען ביז עס וועלן זיך פֿאַרהיילן די אָפּגעריבענע פּיס".

ב.

געניע האָט דעם גאַנצן אָוונט געפֿילט אַז כעמיע וויל איר עפּעס זאָגן און ווייסט נישט ווי אַזוי אָנצוהייבן. איז אים נימאס געוואָרן מיט דעם דײַטש קראַנץ און ער וויל צוריק אַריבער אויף יענער זײַט גרענעץ? יאָ, דאָס מוז עס זײַן. לעצטנס האָט מען ווידער גענומען לויפֿן קיין מיזרח. אפשר האָט ער עפּעס אָפּגעטאָן און ער וויל זיך מתוודה זײַן איידער עס קומט צון איר אָן דורך אַנדערע? ער ווערט פֿאַרפֿאַלן אויף גאַנצע טעג אין די דערפֿער; האָט דער שיקסע־קריכער זיך צוריק אויפֿגעוועקט אין אים? זי וועט נישט פֿרעגן, זי וועט וואַרטן ביז ער אַליין וועט איר זאָגן. ווײַ וועט זײַן צון אים אויב ער האָט זיך ווידער גענומען צו זײַנע אַלטע שטיק.

ווען זי האָט געפֿרעגט כעמיען פֿאַר וואָס ער גייט אַזוי פֿרי שלאָפֿן, האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר פֿון בוזעם־קעשענע און עס איר געגעבן צו לייענען.

"כעמיעלע, דו נעמסט מיך קיין וואַרשע? פֿאַר וואָס האָסטו גאַרנישט געזאָגט? דאָס איז אַ פֿשיעמנע ניעספּאָדזשאַנקע, אַן אָנגענעמער סורפּריז".

„ווער האָט דיר געזאָגט אַז איך נעם דיך קיין וואַרשע? ניין, נישט דאָס מאָל".

„דאָס איז דאָך אַ 'פּאַסירשיין' פֿאַר דיר און מיר?"

„דו וועסט נישט טאָרן אַרויסשטעקן דעם קאָפּ ביז איך וועל צוריק־קומען".

„ווען נעמסטו אויף מײַן אָרט?" האָט געניע שוין פֿאַרשטאַנען וואָס ער גרייט זיך טאָן.

„זאַשקען".

„אַהאַ, כעמיע. און מיך ווילסטו צערײַסן אויב איך רעד מיט עמעצן אויס אַ וואָרט".

„ששש, ס'מוז בלײַבן אַ סוד".

„פאַר וואָס האָסטו מיר גאָרנישט געזאָגט ביז איצט? ס'איז דאָ עפּעס נישט גלאַטיק", האָט זי געדראָט מיט אַ פינגער פאַר זײַן פּנים.

„ס'איז טאַקע נישט גלאַטיק. מ'האָט זאָשקען געכאַפּט אין לובלין און צוגענומען איר דאָקומענט. זי קאָן נישט פאָרן אָן אַ פּיצל דאָקומענט, אַפילו אויב איך זאָל פאַר איר קויפן דעם בילעט, איך מוז פאָרן מיט איר ביז וואַרשע".

„דו האָסט זי געבראַנגט פון וואַרשע, דו פירסט זי צוריק קיין וואַרשע ווי דײַן ווײַב, דו קאָנסט נאָך פאַרגעסן אַז זי איז נישט דײַן ווײַב".

„איך האָב זי געבראַנגט פון וואַרשע? וואָס רעדסטו? איך בין געפאָרן קיין וואַרשע צו העלפן שלומלען. אין וואַרשע האָב איך גענומען אַזוי בענקען נאָך דיר אַז כ'האָב געמיינט איך פּלאַץ. כ'גיי קויפן אַ בילעט צוריקצופאָרן און ווער מיינסטו שטייט אין דער ריי פאַר מיר? טאַקע זאָשקע. כ'זאָל אַזוי געזונט זײַן, מיר זאָלן בײדע אַזוי געזונט זײַן, ווי דאָס איז די ריינע נעוואָרעט. פון דאַנעט איז זי געפאָרן קיין לובלין און דאָרט האָט מען זי געכאַפּט ווי אַ פּאַליאַטשקע".

„כעמיע, דאָס וואָס דו גייסט טאָן איז ריזיקאַליש".

„יעדער טאָג נעבן קראַנצן איז ריזיקאַליש. דו האָסט דאָך מורא געהאַט צי איך טו נישט קיין שלעכטס, דאַרפסט דו דאָך זײַן צופרידן אַז ס'איז פאַרקערט".

„אַזאַ דרייען מיטן גראָבן פינגער פאַסט פאָרן קליינעם שלומל, נישט פאַר דיר. זאָג מיר נאָר, דו גרייטסט זיך צו אַן אַליבי פאַר דײַן אַרבעט בײַ קראַנצן?"

„וואָס מיינט דאָס?"

„ס'איז נישט וויכטיק. זאָג מיר נאָר צו אַז דו וועסט נישט פאָדערן זי זאָל דיר באַצאָלן דערפאַר".

„זאָשקע האָט נישט קיין געלט".

„מאַך זיך נישט געפגרט, כעמיע, דו ווייסט וואָס איך מיין".

„וואָס דיר פעלט אַלץ אײַן. דו געטרויסט מיר נישט?"

„ביין. אָבער זאָשקען געטרוי איך יאָ. זי איז אַזוי פרום ווי אַ רביצין, נאָר פון דער לינקער זײַט".

דער וועג קיין וואַרשע איז אַדורך בשלום. ווען זיי זענען אַרויס פון וואָקזאַל צום אַ טראַמוויַי האָט זאָשקע זיך אָפּגעשטעלט: „פון דאַנען קאָן איך שוין פאָרן אַליין".

„דו לאָמסט נאָך, געקומען אַזוי ווײַט וועל איך דיך שוין צופירן ביז אַהיים".

„דאָקטאָר לעמבערגער האָט מיך אונטערגעזוכט, איך בין געזונט ווי אַ נוס. דו קאָנסט שוין צוריקפאָרן אַהיים".

„דו ווילסט נישט איך זאָל וויסן ווו דו וווינסט? זאָג די בעוואָרעט, זאָשקע".

„קום, פיר מיך אויף טלאָמאַצקי־גאַס".

דעם גאַנצן וועג ביז טלאָמאַצקי 5 האָט קיינער נישט אויסגערעדט אַ וואָרט. זאָשקע האָט אַרײַנגעפירט כעמיען אין די ביוראָען פון דער יידישער אַליינהילף. זי האָט געפונען אַ שטילן ווינקל און זיך אַוועקגעזעצט. „איך ווין נישט דאָ", האָט זי געזאָגט כעמיען, „איך בין אַרײַן אַהער כדי מיר זאָלן קאָנען רעדן".

„בלײַב געזונט, זאָשקע, דו דאַרפסט מער גאָרנישט רעדן".

זי האָט אים אָנגעכאַפּט בײַם אָרבל און צוריקגעהאַלטן. „כ'וועל דיך נישט לאָזן גיין ביז דו וועסט מיך אויסהערן. דו האָסט געזען אַז איך האָב זיך נישט געהיטן פאַר דיר אַז איך פאַרשפּרייט נישט־לעגאַלע בלעטלעך".

„דו האָסט זיך נישט געהיטן ביז דו ביסט געקומען קיין כעלמיש. אין כעלמיש האָט עמעץ אָנגערעדט אויף מיר, כ'ווייס אַפילו ווער".

„כעמיע, דו ווייסט נאָך אַלץ וועגן מיר זאַכן פאַר וועלכע די דײַטשן באַשטראָפן מיט טויט".

„זאָשקע, איך בין נישט געלערנט, אָבער קיין נאַר בין איך נישט. די ווילסט מיך אַ ביסל אָנטשאַקען, פאַררעדן די ציין".

„דו קענסט מיך פאַר אַ טשאַקערין? איך האָב דיך אַרײַנגעפירט דאָ ווײַל איך וויל דיר עפּעס זאָגן. הער מיך אויס, כעמיע, איך בעט דיך".

„רעד, ווער לאָזט דיך נישט?"

„אין אונטערערדישער אַרבעט איז עס אַ כלל אַז אַ סוד מעג וויסן נאָר דער וואָס מוז עס וויסן. איך אַליין ווייס נישט ווו מע דרוקט די בלעטלעך וואָס איך שטעל אײַן דאָס לעבן זיי צו פאַרשפּרייטן. איך בין חושד עטלעכע חברים אַז זיי שרײַבן פאַר די בלעטלעך, אָבער איך פרעג זיי נישט וועגן דעם. איך האָב מורא אַפילו צו טראַכטן וועגן דעם".

„וואָס פאַר אַ חברשאַפט איז דאָס ווו איינער געטרויט נישט דעם אַנדערן?"

„איך געטרוי נישט זיך אַליין. איך דאַרף דיר נישט זאָגן וואָס געס־

טאַפּאָ איז, און ווי זיי קאָנען פּײַניקן. דער טויט איז בעסער ווי אַרײַנ־צופאַלן אין זייערע הענט, בפרט ווען זיי האָבן אַ חשד וועגן אונטערערדי־שער אַרבעט".

„דו ווילסט מיך אָפּשרעקן?"

„כעמיע, איך קען דיך. דו ביסט אָרנטלעך. גיב אַ טראַכט, קאָנסטו זיכער זײַן אַז געסטאַפּאָ וועט דיך נישט קאָנען אײַנברעכן?"

„ביסטו זיכער וועגן זיך?"

„איך האָף אַז איך וועל אויסהאַלטן די שרעקלעכסטע עינויים און נישט רעדן, אָבער אַז דו פרעגסט צי איך בין זיכער, קיינער קאָן נישט זײַן זיכער מיט זיך. דאָס טאָקע פּראָביר איך דיר דערקלערן".

„איך בין זיכער וועגן דיר. דו וועסט נישט 'זינגען' ".

„איך ווייס אַז כ'על צום סוף אַרײַנפאַלן. איך בין צו אײַנשטעלעריש. היט איך זיך טאָקע נישט צו וויסן מער ווי די זאַכן וואָס איך בין אין זיי פאַרמישט. איך זאָג דיר ווי אַ גוטער פרײַנד: היט זיך נישט צו וויסן צו פיל. נעכטן האָט קראַנץ דיר געגעבן אַ פּאַסירשיין, מאָרגן קאָן אים אײַנפאַלן דיך צו מאַכן פאַרן כּפּרה־הינדל. היט זיך, כעמיע, דו זאָלסט נישט וויסן די סודות אַפילו פון דײַנע נאָענטסטע".

„דו האָסט אַ פּיסקל, זאָשקע, דו קענסט מיר אײַנרעדן אַ קינד אין בויך און אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז".

„כעמיע, כעלמיש איז אַ קליינע שטאָט, יעדער קען יעדן. עמעץ האָט געקאָנט זען מיט וועמען דו ביסט געפאָרן קיין וואַרשע און צוגעטראָ־גן קראַנצן".

„וועל איך זאָגן קראַנצן, ער זאָל נישט אויסזאָגן מײַן ווײַב. קראַנץ האָט אויך נישט פײַנט דאָס וואָס אַנדערע האָבן ליב".

„איך בין חושד אַז קראַנץ ווייסט מער וויפל דו מיינסט אַז ער ווייסט. אויב דו וועסט טאָן עפּעס וואָס וועט אים ווערן פאַרדאַכטיק וועט ער זיך נעמען צו דיר".

„קראַנץ איז מיך אין גאָרנישט חושד און די זאַכן וואָס איך טו פאַר אים, טו איך גוט. סטראַשע מיך נישט, זאָשקע".

„דו ווילסט דווקא וויסן וווּ איך וווין? קום".

„שפּיל זיך נישט מיט מיר, איך קאָן עס נעמען ערנסט און טאָקע גיין".

„קום, כעמיע. איך ווייס אַז אָפּט צאָלט מען דיר מיט שלעכטס פאַר דײַן גוטס. איך ווייס אַז ביסט גוט. איך בין געווען אויף דײַן זײַט אַפילו דעמאָלט, פאַר דער מלחמה, ווען משה האָט דיר געמאַכט סקאַנ־

דאַלן, און דו ביסט נאָר אויסן געווען צו העלפן דעם קיבוץ. עס איז נישט גוט דו זאָלסט וויסן ווו איך ווין, אָבער אַז דאָס טוט דיר ווי און דו פילסט זיך באַליידיקט — — — איך וויל דיר נישט ווי טאָן, כעמיע, דו האָסט מיר געטאָן אַ סך גוטס".

„בלייַב געזונט, זאָשקע, און אויב וועסט מיך דאַרפן, געדענק: מייַן קוזינקע הייסט אויך קאַבילאַק, זי וווינט אויף קאַרמעליצקע נומער זיבעצן".

זאָשקע איז אונטערגעשפּרונגען צו דערגרייכן זייַן פּנים, זי האָט אים אַ קוש געטאָן און אַרויסגעלאָפן. כעמיע איז געבליבן שטיין פּריטשמיעלעט.

ג.

ווען חווה האָט דערזען זאָשקען אַרייַנקומען איז איר שיער אַרויס־געפאַלן פון דער האַנט דאָס קינד וואָס זי האָט געהאַלטן. „זאָשקעלע, מ'האָט שוין נישט געוווּסט וואָס איבערצוקלערן. יפה, יפה, קום אַרייַן זען ווער ס'איז דאָ!"

יפה איז געוואָרן אַ פולע חברה אין קיבוץ בעת זאָשקע איז געווען אין וועג. זי איז געקומען צו לויפן אויף חווהס רוף, זי איז אַרויפגע־פאַלן אויף זאָשקען מיט אַ געוויין".

„בעטשע נישט, שוועסטערל. ס'איז גאַרנישט געווען, כ'בין אַפילו נישט געווען אין קיין סכּנה".

מען איז זיך צוזאַמענגעלאָפן פון אַלע צימערן. אַלע האָבן געהאַט טרערן אין די אויגן.

„מאַכט נישט קיין טרעוואָגע", האָט זאָשקע זיך געבעטן. „מע האָט מיך געכאַפּט ווי אַ פּאַליאַטשקע אַוועקצושיקן אויף אַרבעט קיין דייַטש־לאַנד. עס איז אַ סך ערגער דאָ אין וואַרשע צו אַרבעטן אין סיים, אָדער ביי די דייַטשן. ווען עס איז דאָס קינד?"

„אונדזערס. מיר האָבן נאָך דרייַ קינדער".

„וואָס רעדסטו, חווה? ס'איז דאָך אַ זייגקינד".

„מע לאָזט איבער קינדער הינטער אונדזער טיר, טייל מאָל אַפילו מיט די נעמען. פּליטים וואָס האָבן נישט קיין היים, אָדער האָבן נישט קיין עסן פאַרן קינד. וואָס קאָן מען טאָן? לאָזן די קינדער אויף דער גאַס? קום, זעץ זיך שוין אַנידער. דו הינקסט? וואָס איז געשען?"

„גאָרנישט. נאָר אָנגעריבן זיך בלאָזן אויף די פּיס. ס'עט זיך גיך אויסהיילן".

„וועסט זיך אַ ביסל אָפּרוען וועסטו מוזן אַלץ דערציילן".

„נישטאָ וואָס צו דערציילן. מע האָט מיך געכאַפּט און ס'איז מיר געראָטן צו אַנטלויפן. ערגער איז מיט די לובלינער חברים. מע האָט געכאַפּט זעקס חברים פון לובלינער קן, מע האַלט זיי אין אַ פאָרשטאָט מײַדאַנעק. ס'מוז זײַן עפּעס אַ שלעכטער לאַגער. מע וועט מוזן עפּעס טאָן".

„דו ווילסט הערן אַ בשורה, זאַשקע? גראָכעוו בליט. מע האָט שוין אַ קו און אַ פערד. מע פאַרהאַנדלט וועגן נאָך אַ קו. דו ווייסט וואָס, זאַשקע? דו זעעסט נישט אויס צו גוט. אפשר וועסטו אַ ביסל אָרויספאָרן קיין גראָכעוו? די פרישע לופט וועט דיך צוריקברענגען צו די כוחות".

„דו ווילסט מיר אײַנרעדן אַ קרענק?"

„דו וועסט באַלד ווידער זיך דאַרפן לאָזן אין וועג אַרײַן, און דו ביסט צו בלאַס פאַר אַ געזונטער דאָרפישער שיקסע. פאָר אַרויס און כאַפּ אַרײַן אַ ביסל זון".

ווען די דײַטשן האָבן בײַם אויסבראָך פון דער מלחמה באָמבאַרדירט סטראַטעגישע פּונקטן אין פּוילן האָבן זיי אויך צעשטערט די מעדעם־סאַנאַטאָריע און־קינדערהיים אין אָטוואָצק און די חלוצישע פאַרם אין גראָכעוו. חדשים זענען פאַרבײַ איידער מע האָט זיך אָנגענומען מיט העזה צו בעטן אַ דערלויבעניש צוריק צו עפענען די פאַרם. אויב זיי האָבן עס אָנגעגריפן פון דער לופט נאָך איידער זיי זענען דאָ געווען די הערשערס, איז דאָך נאַריש צו האָפן אַז זיי וועלן איצט דערלויבן עס צוריקצובויען. אַנדערע האָבן אָבער געטענהט: די דײַטשן ווילן דאָך די ייִדן זאָלן אַרבעטן עבודת־פּרך און דאָ זענען די ייִדן גרייט עס צו טאָן. מע האָט אַרײַנגעצויגן אין דעם ענין דעם וואַרשעווער ייִדנראַט.

אין גראָכעוו איז געווען אַ מעגלעכקייט צו פּראָדוצירן שפּײַז און נישט דאַרפן וואַרטן אויף דעם וואָס די דײַטשן טיילן צו אויף די ראַציעס. אָבער פונקט אַזוי וויכטיק איז געווען דאָס צוגרייטן יונגע ייִדן צו ערדאַר־בעט. ס'איז דאָך נישט קיין ספק אַז נאָך דעם וואָס היטלער טוט צו די ייִדן וועט די וועלט מער נישט דערלאָזן די טויערן פון ארץ־ישׂראל זאָלן זײַן פאַרשלאָסן. אמת, אין ארץ־ישׂראל אַרבעט מען לרוב אין פּרדסים און ווײַנגערטנער, אָבער די פּראַקטיק בײַ ערדאַרבעט וועט צו נוץ קומען, ספּעציעל וועט צו נוץ קומען דאָס וויסן ווי צו האָדעווען

בהמות. דאָ וועט מען זייען מיט טרערן, נאָר אין גיכן וועט מען דאָרטן שניַידן מיט געזאַנג...

די ערשטע זיבעצן חברים וואָס זענען אַרויס קיין גראַכעוו האָבן געפונען אַ וויסטעניש. וואָס די באַמבעס האָבן נישט צעשטערט האָבן די שכנים צענומען און צעשלעפּט. אַפילו די ווענט פון די באַמבאַרדירטע בנינים האָבן זיי צענומען און אַוועקגעטראָגן די ציגל. איין באַראַק איז נאָך געשטאַנען. עס האָבן געפעלט ברעטער אין די ווענט, דער דאַך איז געווען צעבראָכן. חברה האָט קודם זיך גענומען צוצוגרייטן דעם באַראַק מע זאָל אין אים קאָנען וווינען ביז מע וועט אויפבויען עפּעס בעסערס. דער פאָרשטייער פון דזשוינט האָט צוגעזאָגט צו העלפן בויען אַ שטאַל פאַר די בהמות.

די חברים פון ליקווידירטן לאָדזשער קיבוץ זענען אָנגעקומען קיין וואַרשע; חברים פון אַלע געשלאָסענע קיבוצים איבערן לאַנד זענען געקומען כדי זיך צו האַלטן צוזאַמען. מע מוז געפינען וועגן און מיטלען צו קאָנען אויסלעבן זיך חלוציש, מע זאָל זיַין גרייט ווען די ישועה וועט קומען. מע האָט פאַרגרעסערט די פאַרם אין גראַכעוו, מע האָט זיך אויך פאַרבונדן מיט אַ פּוילישן פּריץ אין טשערניאַקאָוו, נעבן וואַרשע, ער זאָל לאָזן די חלוצים באַאַרבעטן זיַין לאַנד. דער פּריץ האָט זיך געקווענקלט: ייִדן זענען בכלל נישט קיין אַרבעטערס, בפרט ביַי שווע־רער ערדאַרבעט. ער איז גרייט צו ריזיקירן, אָבער אַלץ וואָס ער איז גרייט צו געבן פאַר דער אַרבעט איז אַ קילאָ קאַרטאָפל און אַ האַלבן ליטער מילעך אַ טאָג פאַר יעדן אַרבעטער. אויב זיי וועלן אַרבעטן פליַיסיק וועט ער אַליין העכערן די שכירות. יאָ, ער האָט נישט ווו זיי צו באַהויזן. אַכיבע ער זאָל אָפּצוימען אַ טייל פון שטאַל. עס רעגנט נישט אַריַין אין שטאַל, און עס איז דאָרט נישט קאַלט ביַי נאַכט.

מען איז געשלאָפן געשמאַק אין דעם אָפּגעצוימטן שטיק שטאַל. דער געשטאַנק פון בהמות־מיסט האָט דערגרייכט אַהער און די קי האָבן געשנאָרכט אַזוי הויך אַז עס האָט געהוזשעט אין די אויערן, אָבער נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט שלאָפט מען טיף. עס האָט געטראָפן אַז אַ ראַץ האָט פאַרבלאָנדזעט פון יענער זיַיט צוים. מע האָט זיך איבערגעוועקט ווען מע האָט דערפילט קליינע פיסלעך לויפן איבערן פנים, מע האָט אָפּגעטריבן די „געסט" און צוריק איַינגעשלאָפן. דער שלאָף איז געווען זיס, אויך די חלומות זענען געווען זיס. ווען דאָס שטאָלמיסט הייסט זבל און דער שטאַל איז נישט אַ שטאַל נאָר אַ רפת ערגעץ אין עמק אָדער

אין גליל, איז דאָס שנאָרכן פון די בהמות מוזיק, און דער געשטאַנק איז אַ ריח ניחוח, אַ זיסער דערקוויקנדיקער ריח, ווי אין די לידער פון דער פּאָעטעסע רחל.

מע האָט געאַרבעט פליַיסיק, אָבער דער פּריץ האָט זיך נישט געאײַלט צו העכערן די שכירות. אין אָנהייב איז ער זיכער געווען אַז די זשידקעס וועלן שנעל מיד ווערן און אַנטלויפן. שפּעטער האָט ער זיך געכאַפּט אַז די פופציק יונגען און מיידן אַרבעטן נישט נאָר פאַרן ביסל עסן. עס איז אים שווער געווען צו צעקיַיען דעם ענין. אויך אמתע פּויערים האָבן ליב אַ הוליע צו טאָן, אָבער ערשט נאָכן שניט, ווען די תבואה איז שוין אין שיַיער און מע דאַרף מער נישט האָרעווען פון זונשפּראָץ ביז שפּעטן אָוונט. ווען מע דאַרף מער נישט דעקן דעם דע־פיציט אין שלאָף אין דעם איינציקן רו־טאָג, זונטיק, דעמאָלט כאַפּט מען אַריַין אַן איבעריק גלעזל, מע שפּילט אויף אַ האַרמאָניקע, מע כאַפּט אַ טענצל ביז מע פאַלט פון די פיס, אָדער ביז עס געראָט אָוועקצושלעפּן אַ מויד צום שטרוי אין שיַיער, אָדער צום סטויג היי.

די זשידקעס וואָס אַרבעטן ביַי אים זענען אין גאַנצן אַנדערש. זיי דערעסן נישט און אַרבעטן שווער, זיי טרינקען נישט, און זינגען און מאַכן אַ טענצל, אַפילו אין מיטן וואָך נאָך אַ לאַנגן טאָג שווערע אַרבעט. אויף ניַין און דריַיסיק בחורים זענען דאָ נאָר עלעף מיידלעך און עס זעט נישט אויס מע זאָל זיך קריגן. ביַי אַנדערע וואָלט געקומען צו מעסערשטעך. אָט די מאָדנע אַרבעטערס זיַינע געפינען צײַט אַפילו צו לערנען זיך. ער גייט אַרויס שפּאַצירן און געפינט זיי זיצן אין אַ קריַיז און הערן זיך צו צון איינעם וואָס וויַיזט אויס צו זיַין זייער עלטסטער. דאָס איז אַזאַ מין שולקלאַס, האָט מען אים אויפגעקלערט. זיי לערנען זיך העברעיִש און די געאָגראַפיע פון פּאַלעסטינע.

עס איז גאָר מאָדנע וואָס ער קאָן אין קיין פאַל נישט דערגיין ווער עס איז זייער פירער. צו ערשט האָט ער געמיינט אַז עס איז דער בלאָנ־דער מיט די שיטערע האָר וואָס איז דער לערער ווען זיי האָבן אַ „קלאַס". ביַי דער אַרבעט הערט זיך דער לערער צו צון אַ ברייטביַיניקן חברהמאַן וואָס איז דער גאַנצער באַלעבאָס בײַם פּאַרטיילן אַרבעט. אָט איז געקו־מען אַ ניַיע, אַ יונג מיידעלע און אַלע דרייען זיך אַרום איר ווי זי וואָלט געווען זייער פירערין. זי איז אַ שייניַנקע, די ניַיע זשידוועטשקע, און זינט זי איז געקומען זינגען זיי נאָך מער ווי פריִער. מאָדנע מענטשן די זשידעס...

ווען די ניַיע, די שיינע זשידוועטשקע, איז צוזאַמען מיט דעם

אַרבעטס־פּאַרטײַלער געקומען צום פּריץ איז ער געווען גענייגט זיך צוצוהערן צו זייערע טענות. די קליינע האָט גערעדט מיט שׂכל. אויב די אַרבעטערס וועלן נישט הונגערן וועלן זיי זײַן מער פּראָדוקטיוו און דער פּריץ וועט דאָ גאָרנישט אָנווערן. ער האָט מסכּים געווען צו געבן דעם מינימום וואָס מע דאַרף געבן אַ ייִדישן אַרבעטער לויט די דײַטשע רעגולאַציעס. צו דער קילאָ קאַרטאָפּל און האַלבן ליטער מילעך וועט ער אויך געבן אַ האַלבן קילאָ שוואַרץ ברויט, צוועלעף דעקאָ גרויפּן און זעכצן גראַם פעטס.

ווען זאָשקע איז פון טשערניאַקאָוו געקומען קיין גראַכעוו האָט מען שוין דאָרט געגעסן גרינסן פון אייגענעם גאָרטן. פרײַ פון כאַפּעניש אויף אַרבעט, פרײַ פון די טיפוס־פאַרפעסטעטע, איבערגעשטאָפּטע הײַזער אין די ייִדישע גאַסן אין וואַרשע. מע דאַרף זיך באַמיִען צו באַקומען אַ דערלויבעניש צוריק צו עפענען די פאַרם אין טשענסטעכעוו.

די פרישע לופט אין גראַכעוו האָט זאָשקען גוט געטאָן, זי דאַרף דאָ קומען צו זיך נאָך די איבערלעבונגען אין לובלין. אָבער נאָך איידער די זון האָט באַוויזן צו פאַרברויגען איר פּנים איז געקומען אַ ידיעה וועגן די געכאַפּטע לובלינער חברים. זיי אַרבעטן עבֿודת־פּרך אין אַ שטיין־האַקערײַ אין יוזעפעוו־לובעלסק. זיי אַרבעטן פערצן שעה אַ טאָג און באַקומען נאָר אַ ביסל שיטערע זופּ צוויי מאָל אַ טאָג. זיי זענען שוין געשוואָלן פון הונגער, די הויט פּלאַצט און די ווונדן היילן זיך נישט. ווער ווייסט צי עס וועט עמעץ פון זיי אַרויס פון דעם לאַגער אַ לעבעדיקער ?

ווען זאָשקע האָט דאָס דערהערט האָט זי געוואָלט גלײַך צוריק־פאָרן קיין וואַרשע. צפּורה האָט זי צוריקגעהאַלטן: „דו מיינסט אַז דו ביסט די איינציקע וואָס זאָרגט זיך וועגן די לובלינער חברים ? מע טוט וואָס מע קאָן, מע זוכט קאָנטאַקטן מיט אַ פּאָליאַק אין יוזעפעוו".

„דו פאַרשטייסט נישט, צפּורה, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין לובלין זענען זיי נאָך געווען כּמעט קינדער. נאָכן צוריק־קומען פון רוסלאַנד האָב איך זיך אַזוי געפרייט צו זען ווי פון די קינדער זענען אויסגעוואַקסן צײַטיקע חלוצים. יעדער פון זיי איז ווי מײַנס אַ קינד".

„זע נאָר די צוואַנציק־יאָריקע מאַמע פון זיבעצן־יאָריקע קינדער. גלייב מיר, זאָשקע, זיי זענען מיר אויך טײַער כאָטש איך קען זיי נישט. אַריה האָט דאָס גענומען אין זײַנע הענט אַרײַן און עפּעס וועט שוין געטאָן ווערן".

זאָשקע האָט זיך געלאָזט איינרעדן צו בלייבן. אָבער צו מאָרגנס האָט מען געבראַכט קיין גראָכעוו דאָס ערשטע יידישע בוך אַרויסגעגעבן אונטער דייטשער אָקופּאַציע, אַרויסגעגעבן בסוד פון דער מאַכט. דאָס איז געווען אַן אַנטאָלאָגיע וועגן יידישער העלדישקייט אין פאַרלויף פון דער גאַנצער יידישער געשיכטע. צו באַקומען דאָס פּאַפּיר איז געווען שווער, דאָס העקטאָגראַפירן פיר הונדערט עקזעמפּלאַרן איז געווען אַ מסירת־נפש. מע האָט עס געמוזט טאָן ביי טאָג. מחמת ביי נאַכט וואָלט דאָס קלאַפּן פון דער מאַשין זיך געהערט ווי ווייט. זאָשקע האָט איבער־געלייענט עטלעכע זייטלעך און אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפולט מיט טרערן. דאָס איז אַן אוצר! עס וועט שטאַרקן דעם גלויבן און צוגרייטן די יוגנט צו יעדער עווענטואַליטעט. חברים האָבן זיך מוסר נפש געווען צוצוגרייטן אַזאַ בוך און זי, וואָס דאַרף דאָס פאַרשפּרייטן, זיצט זיך דאָ ווי אַ לעטניטשקע אויף זומער־וווינונג. זי מוז גלייך צוריקפאָרן קיין וואַרשע, איינשאַפן זיך אַ שטיקל דאָקומענט און אַרויסלאָזן זיך אין וועג אַריין.

ווען זאָשקע איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע האָט זי געטראָפן נחומען אין בעט, דאָס פּנים געשוואָלן, די אויגן אונטערגעהאַקט. „איך האָב זיך אַזוי ‚גרימירט' כדי עס זאָל מאַכן אַן איינדרוק אויף דיר. איך האָב פאַר דיר אַ דאָקומענט און אויך אַ וואָרענונג: דרייסטקייט איז אַ מעלה נאָר ווען עס איז מיט אַ מאָס, חוצפּה איז גוט ביז צון אַ גרענעץ".

„אָבער וואָס איז געשען מיט דיר?"

„נעכטן, ווען מיר זענען אַרויס פון אַ זיצונג פון קאָאָרדינירקאָמי־טעט איז די גאַס געווען אַרומגערינגלט, מע האָט געכאַפּט צו דער אַרבעט. פאַר מיר איז אַ טאָג שווערע אַרבעט נישט קיין אומגליק, אָבער די פאַרשטייערס פון די באַלעבאַטישע אָרגאַניזאַציעס, עלטערע מענטשן, איינער מיט אַ האַרצפעלער, דער אַנדערער מיט אַ קילע. אַפילו אַזאַ קירשבוים וואָלט געפאַלן אונטער אַ טאַטשקע מיט ציגל. לאָזן זיך נעמען איז אַ ריזיקע, פאַר וואָס נישט ריזיקירן זיך צו באַפרייען?"

„באַפרייען אַלעמען? ווי אַזוי?"

„איך האָב גענומען אויסשטעלן דעם עולם אין רייעס, ווי איך וואָלט געווען זייער גרופּן־פירער. אַז איך האָב שוין געהאַט אַלעמען אין גלייכע רייעס און די דייטשן האָבן נישט רעאַגירט, האָב איך אַ רוף געטאָן: ‚פאָרויס מאַרש'".

„און די דייטשן האָבן געשוויגן?"

„און די דײַטשן האָבן געשוויגן. זיי האָבן אוודאי געמיינט אַז איך בין איינער פון זייעריקע, אָדער אַ ייִד וואָס אַרבעט פאַר זיי. דער טײַוול ווייסט זיי וואָס זיי האָבן געמיינט. ווי נאָר מיר זענען צוגעקומען צום ערשטן ראָג האָב איך אַ ווונק געטאָן דער עולם זאָל זיך צעלויפן און באַהאַלטן אין די שכנותדיקע הײַזער. דאָס שפּיצל איז געראָטן".

„פאַר וואָס האָסט דו זיך נישט באַהאַלטן?"

„איך האָב זיך אויך באַהאַלטן".

„דײַן פּנים איז געשוואָלן פון באַהאַלטן זיך?"

„איצט קום איך צום עיקר וואָס איך וויל אַז דו זאָלסט געדענקען. דעם זעלביקן נאָכמיטאָג האָבן זיי אויף נאַלעווקעס געכאַפּט פאַרבײַ־גייערס אַראָפּצוטראָגן מעבל וואָס זיי האָבן געראַבעוועט אין אַ ייִדישער שטוב. האָט זיך מיר פאַרגלוסט אָפּטאָן נאָך אַ שפּיצל. מיר האָבן אַראָפּ־געטראָגן אַ שטיק מעבל וואָס זיי האָבן אונדז געגעבן אַראָפּצוטראָגן און צוריק אַרויפגעטראָגן אַ שטיק מעבל וואָס איז שוין געשטאַנען אונטן בײַם משׂא־וואָגן. אַ פּוילישער פּאָליציאַנט האָט געזען וואָס מיר טוען און געמסרט".

„צוליב אַ שטיק מעבל איז נישט כדאַי געווען צו ריזיקירן, האָסט געקאָנט באַצאָלן מיטן לעבן".

„דאָס טאָקע וויל איך דו זאָלסט געדענקען, זאָשקע. יעדער פון אונדז דאַרף זײַן גרייט זיך מוסר־נפש צו זײַן, אָבער מקריב זײַן דאָס לעבן פאַר אַ קלייניקייט איז ווי דעזערטירן פון פראָנט ווען יעדער סאָלדאַט איז נייטיק אויף זײַן פּאָזיציע".

„אין לובלין האָב איך געלערנט אַ לעקציע".

„יאָ, איך קען דאָס געפיל. אין לובלין האָסטו זיך צוגעזאָגט אַ לאַנגן אָפּרו. דו האָסט זיך אויסגערוט, די ווונדן האָבן זיך אויסגעהיילט און דו ביסט שוין גרייט איבערצוחזרן אַלץ וואָס האָסט געטאָן פריִער".

„אַ חלוץ דאַרף אַלע מאָל זײַן גרייט צו אַלעם".

„דו דאַרפסט אַלע מאָל זײַן גרייט איבערצוחזרן אַלץ, חוץ די נאַרישקייטן. אַ ביסל פּחד איז גוט פאַרן געזונט".

„נחום, דו ביסט זיכער אַז די ווונדן אויף דײַן קאָפּ זענען נאָר איבער־פלעכלעך? דו ווילסט אײַנפלאַנצן אין מיר פּחדנות? פון דיר האָב איך זיך נישט געריכט צו הערן אַזעלכע ווערטער".

„לויף נישט, זאָשקע. זעץ זיך דאָ נעבן מיר און הער מיך אויס. דו ביסט דערצויגן געוואָרן אויף דער תורה פון קאַרל מאַרקס, דו מעגסט זיך צוהערן אויך צו אַ פּסוק פון אונדזער תנ"ך, אַ ביסל פּחד איז

אַ שיץ־אינסטינקט, אַ באַריער קעגן לײַכטזיניקייט. עס איז קלוג מורא צו האָבן פאַר אַ סכּנה וואָס לויערט, „אשרי אדם מפחד תּמיד", אַ ביסעלע פּחד איז אַ ברכה. לויף נישט. וואַרט, וועל איך דיר געבן דײַן נײַע מעטריקע, פּאַלאַ".

זאַשקע האָט זיך אַרומגעקוקט: „ווער איז פּאַלאַ?"

„דו ביסט פּאַלאַ, דאָס איז דײַן נאָמען אין דער מעטריקע. געוווין זיך צו צו דײַן נײַעם נאָמען".

נחומס פּאָטערלעכער בליק האָט אַרומגענומען זאַשקען מיט וואַרעמקייט. אַז מע האָט אַזעלכע חברים פאַרמינערט עס דעם פּחד...

## קאַפּיטל נײַנצן

# געטאָ

א.

עס האָבן זיך ווידער גענומען פאַרשפּרייטן קלאַנגען וועגן איזאָלירן די ייִדן אויף אַן אָפּגעזונדערטן פּלאַץ. צו ערשט האָט מען גערעדט וועגן אַ ייִדן־רעזערוואַט, אַזאַ מין גרויסער געטאָ אין לובלינער געגנט פאַר אַלע פּוילישע ייִדן. נאָך די דײַטשע נצחונות אין מערב־אייראָפּע און נאָכן באַהערשן פראַנקרײַך האָט מען גערעדט וועגן אַ פּלאַן צו דעפּאָרטירן עטלעכע מיליאָן אייראָפּעיִשע ייִדן קיין מאַדאַגאַסקאַר ווו עס וועט געשאַפן ווערן אַ ריזיקער קאָנצענטראַציע־לאַגער. פון צײַט צו צײַט האָבן זיך אויך פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן אַ געטאָ אין וואַרשע. אָפּטימיסטן האָבן דאָס אַלץ אָװעקגעמאַכט מיט דער האַנט: ווייסעך וואָס; ייִדישע שרעק האָט גרויסע אויגן, מע טראַכט אויס גזירות וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן.

אין לאָדזש איז שוין פאַראַן אַ געטאָ און עס איז הערמעטיש געשלאָסן, קיינער קאָן נישט אַרײַן און נישט אַרויס. דער ייִדן־עלטסטער משה חיים רומקאָווסקי באַרימט זיך: „איר וועט זען, אין אַ יאָר־צוויי וועל איך מיר האָבן אַ געטאָלע — איינס אין פּוילן". דער רומקאָווסקי איז געקומען קיין וואַרשע ווערבירן ייִדישע דאָקטוירים פאַר דעם לאָדזשער געטאָ.

ער דאַרף צוויי הונדערט דאָקטוירים און האָט נאָר אַכט. ער האָט געפונען געגוג בעלנים. מע וועט זײַן איזאָלירט פון די פּאָליאַקן? וועלן פּוילישע כוליגאַנעס נישט קאָנען אַרײַן, און אפשר וועלן די דײַטשע רויבער־באַנדעס וואָס אַרבעטן מיט פּוילישע אַרויסהעלפּערס אויך נישט האָבן קיין צוטריט. מע זאָגט אַז דאָס געטאָ וועט האָבן אַ יידישע פּאָליציי; יידישע פּאָליציאַנטן קאָנען נישט זײַן ערגער פון די פּוילישע מענטשן אין די בלויע מונדירן וואָס ראַבעווען צוזאַמען מיט די דײַטשן און שאַנטאַזשירן אויף אייגענער האַנט.

אין גלאָוונע איז שוין פאַראַן אַ געטאָ זינט מײַ, אָבער אין וואַרשע ווייסט מען נאָך גאָרנישט אויף זיכער. מע זאָגט אַז די ווערמאַכט איז קעגן שאַפן אַ געטאָ. מע זאָגט אַז אַפילו דער סאַניטאַציע־אַמט איז קעגן קאָנצענטרירן אַזוי פיל מענטשן אין עטלעכע ענגע גאַסן מחמת דאָס וועט פאַרשטאַרקן די טיפוס־עפּידעמיע, און אַן עפּידעמיע שטעלט זיך נישט אָפּ בײַ קיין מויער. עס לייגט זיך אויפן שׂכל אַז דער סאַניטאַציע־אַמט זאָל נישט וועלן קיין געטאָ. די סאַניטאַרע אינספּעקציעס אין די יידישע הײַזער זענען געוואָרן אַ גוטע פּרנסה פאַר די אינספּעקטאָרן. מע צאָלט טויזנט זלאָטעס אַ חודש צו באַפרײַען אַ הויז פון די „פּאַרוואָקעס". די אינספּעקטאָרן טשעפּען זיך מער צו די הײַזער וווּ עס וווינען גבירים ווי צו די הײַזער וווּ עס געפינען זיך טיפוס־קראַנקע. אַ הויז וואָס ווערט פאַרמישפּט צו אַ פּאַרוואָקע ווערט אָפּגעשלאָסן, מע פירט אַרויס אַלע אײַנוווינערס, מע שפּריצט אויס און מע רייכערט אויס די שטובן. ווען מע קומט צוריק פון באָד און מע וויל איבערבײַטן די אײַנגעשרומפּענע געפּאַרעוועטע מלבושים געפינט מען אויס אַז בײַם אויסרייכערן זענען אַ סך זאַכן אַוועק מיטן רויך... עס לוינט זיך בעסער צו געבן אין דער יד אַרײַן און אויסמײַדן אַ פּאַרוואָקע. יאָ, דער סאַניטאַר־אַמט איז זיכער קעגן אָפּשליסן די יידן אין אַ אייגענער 'מלוכה'.

צו ערשט האָט מען געזאָגט אַז פאַר די יידן פון וואַרשע גופא וועט דאָס געטאָ זײַן אין דער פירשטאָט פּאָוואָנזעק און פאַר די יידן פון פּראָגע וועט עס זײַן אין גראָכעוו. אָבער עס וואַקסן די מויערן אַרום די יידישע גאַסן אין הארץ פון וואַרשע. אַכיבע דאָס איז נאָר צו געבן אַ פעט פאַרדינסטל צו די ליכטענבוים־ברידערלעך. זייער טאַטע איז נאָך טשערניאַקן דער גרעסטער מאַכער אין יידנראַט. אַז דער יידנראַט באַצאָלט, וואָס אַרט עס די דײַטשן? מע וועט בויען, אײַנוואַרפן, און ווידער בויען. טשערניאַק האָט געמוזט געבן דעם קאָנטראַקט צו די ליכטענבוים־ברידער מחמת די דײַטשן האָבן אַזוי געוואָלט, און עס איז

נישט שווער צו פאָרשטיין פאַר וואָס די דײַטשן האָבן אַזוי געוואָלט... אַנדערע בוי־אונטערנעמערס זענען גרייט געווען צו בויען די מויערן פאַר אַכציק פּראָצענט ביליקער! עס וועט זיי בלײַבן גענוג צו צעטיילן...

דאָס נײַע יאָר תש״א איז שוין געשטאַנען הינטער דער טיר. געדרוקטע מודעות און האַנט־געכתיבהטע פּלאַקאַטן אויף אַלע הײַזער וואָס אַנאָנ־סירן מנינים, כאָטש אָפיציעל טאָר מען זיך נישט פאַרזאַמלען אַפילו צו דאַווענען מיט מנין. די פּלאַקאַטן זאָגן צו תּפילה און געזאַנג — לשמוע אל הרינה ואל התפלה. מע האַנדלט מיט פּלעצער אין די מנינים ווי אַ מאָל מיט 'שטעט' אין די שילן. דווקא ערב־ראָש־השנה, ווען ייִדן זענען געלאָפן פאַרשמײַעטע צו באַזאָרגן אַלץ וואָס זיי דאַרפן אויף יום־טוב, האָט מען געכאַפּט צו דער אַרבעט אַרויסצוטראָגן דאָס מעבל פון די הײַזער נומערן פיר, זעקס און אַכט אויף דער לעשנע־גאַס. איז דאָס אַ סימן אַז די הײַזער וועלן זײַן אין די גרענעצן פון געטאָ? מע זאָגט עס זענען אָנגעקומען פאָלקסדײַטשן פון באַסאַראַביע, וואָס רוסלאַנד האָט צוגענומען בײַ רומעניע, און מע האָט קאָנפיסקירט דאָס מעבל פאַר זייערע דירות אין וואַרשע. עס האָט זיך נישט געענדיקט מיט דער לעשנע־גאַס. מיטאָגצײַט, ווען ייִדן האָבן געשטראָמט צום גענשער בית־עלמין און מתפלל געווען אויף די קברים, האָבן די דײַטשן אַרומגע־רינגלט דעם בית־עולם און אַוועקגעפירט אַלע ייִדן. וואָס קאָן שוין זײַן ערגער אין אַ געטאָ?

דערשראָקן פון די ערב־ראָש־השנהדיקע כאַפּענישן האָט מען צו מאָרגנס זיך געאײַלט צום דאַווענען פאַר טאָג, ווען די דײַטשע רשעים פאַפן נאָך, אָבער מע האָט סײַ ווי נישט אויסגעמיטן געכאַפּט צו ווערן. די מודעות אויף די טויערן האָבן געפירט די דײַטשן גלײַך צו די דאַוונ־פּלעצער. זיי האָבן אַרויסגעפירט די מתפללים אין די קיטלען און טליתים.

די דײַטשן האָבן געהאַט נאָך אַ מתנה פאַר די ייִדן צום נײַעם יאָר, עס איז אָפיציעל געמאָלדן געוואָרן וועגן שאַפן אַ ייִדישן „ווױנפערטל״, אָבער ווו און ווען, האָבן זיי נאָך אַלץ נישט געזאָגט. אום יום־כיפּור, וואָס איז אויסגעפאַלן דעם צוועלעפטן אָקטאָבער, האָבן זיי שוין אָנאָנ־סירט דורך די „בילערס״ אַז וואַרשע וועט אײַנגעטיילט ווערן אין דרײַ חלקים: דײַטש. פּויליש, און ייִדיש. לויט די גרענעצן וואָס זיי האָבן אָנגעצייכנט איז אויסגעקומען אַז מער ווי הונדערט טויזנט ייִדן וועלן דאַרפן פאַרלאָזן זייערע דירות אין די גאַסן וואָס וועלן בלײַבן אויסערן געטאָ. דאָס אַריבערציִען זיך אין געטאָ אַרײַן מוז פאַרענדיקט ווערן פאַר

דעם 31סטן אָקטאָבער; די ייִדן טאָרן נישט אַרויספירן זייער מעבל, נאָר פּעקלעך וואָס זיי וועלן קאָנען טראָגן אין די הענט.

חדשים לאַנג האָט מען גערעדט וועגן דעם אַז עס וועט זײַן אַ געטאָ און ווען עס איז אָפיציעל פּראָקלאַמירט געוואָרן איז אויסגעבראָכן אַ בהלה. מע פלעגט חוזקן פון די גוטע ידיעות אַז זיי שטאַמען אַלע פון דער נײַעס־אַגענטור יי״וואַ, וואָס זענען די ראָשי־תּיבות פון „ייִדן ווילן אַזוי״; דאָך האָט מען זיך געלאָזט פאַרפירן פון יעדער צוגעטראַכטער בשׂורה. אויב אַנשטאָט פאַלשע בשׂורות וואָלט מען געבראַכט אַ ביסל אינפאָרמאַציע... מע ווייסט שוין אויף זיכער אַז עס וועט זײַן אַ געטאָ, אָבער מע ווייסט נאָך גאָרנישט וועגן דער גזירה. ווו וועלן זײַן די גרענעצן? וועט מען קאָנען אַרײַן און אַרויס? וואָס וועט זײַן מיט די ייִדישע געשעפטן אויסער די געטאָ־גרענעצן? וואָס קאָן מען טאָן צו ראַטעווען די ווערטזאַכן וואָס מע האָט באַהאַלטן הינטער טאָפּלטע ווענט? וואָס וועט זײַן מיט די סחורות באַהאַלטן אין קעלערס? וועט מען געפינען ווי אַזוי דאָס אַריבערצופירן אין געטאָ אַרײַן?

מיט נאַלעווקע, גענשע, שוויענטע־יערסקע און נאָך אַ פּאָר גאַסן אין דער געדיכטעניש פון דער ייִדישער געגנט איז מען געווען זיכער; וועגן גרענעצגאַסן האָט מען זיך נאָך געדונגען. צווישן די פּאָליאַקן האָט זיך פאַרשפּרייט אַ בילבול אַז די ייִדן האָבן צונויפגעזאַמלט פינעף מיליאָן זלאָטעס אונטערצוקויפן די דײַטשן, זיי זאָלן אָוועקנעמען אַ פּאָר גאַסן פון די פּאָליאַקן און זיי געבן צו די ייִדן. דעלעגאַציעס פון פּאָליאַקן האָבן זיך באַמיט אין פאַרשידענע אַמטן מע זאָל אָפּשנײַדן נאָך עטלעכע גאַסן פון געפּלאַנטן געטאָ. אַ ייִד פון לעשנע, זשעלאַזנע, טוואַרדע האָט נישט געוווסט צי זײַן הויז וועט בלײַבן אין די געטאָ־גרענעצן אָדער ער דאַרף זוכן אַ מקום־מקלט. די מעלדונגען האָבן זיך געביטן עטלעכע מאָל וועגן די גאַסן זלאָטע, שענגע, און צעגלאַנע. ייִדן פון אויסער די געטאָ־גרענעצן האָבן זיך באַמיט אויסצובײַטן זייער דירה מיט אַ פּאָליאַק וואָס האָט געהאַט אַ דירה אין די געטאָ־גרענעצן, אָבער קיין פּאָליאַק האָט זיך נישט געאײַלט צו נעמען אַ דירה אין אַ גאַס וואָס איז נאָך געשטאַנען אונטער אַ ספק.

פעליקס גרינבערג, בערעקס שווער, האָט געהאַט פיר קאַמעניצעס אין וואַרשע. צוויי אויף קרולעווסקע, ווו ער האָט געוווינט, איינס אויף נײַוועלט, ווו בערעק און מאַניע האָבן געוווינט ביז דער מלחמה, און

איינס אויף פראַנצישקאַנער, וווּ ער האָט געהאַט זײַן הורטגעשעפט פון לעדער. דאָס הויז אויף ניַיוועלט איז אין גאַנצן צעשטערט געוואָרן ווען די דײַטשן האָבן באַלאַגערט וואַרשע. בערעק און מאַניע האָבן זיך גראָד געפונען אין דעם הויז פון אירע עלטערן אויף קראָלעווסקע און שוין דאָרט געבליבן וווינען. באַלד נאָכן אַרײַנקומען קיין וואַרשע האָט אַ דײַטש געוואָרפן אַן אויג אויף דער גרויסער דירה מיטן עלעגאַנטן מעבל, און בערעק איז ווידער אַרויס מיט גאָרנישט. ער האָט פאַר זיך אָפּגעקויפט אַ שיינע דירה אויף אַנהייב לעשנע בײַ ייִדן וואָס האָבן זיך געגרייט אַריבערלויפן צו די רוסן. דער רוב שכנים זענען געווען ייִדן, אָבער וועגן אַנהייב לעשנע, נעבן פּושעיאַזד, און אויך וועגן דעם טייל לעשנע אַריבער די זשעלאַזנע, זענען נאָך אַנגעגאַנגען דינגעגנישן. בערעק האָט נישט געוווּסט ווו ער האַלט אין דער וועלט. איין טאָג האָט עס אויסגעזען אַז דאָס הויז ווו ער וווינט וועט בלײַבן אין געטאָ, דעם אַנדערן טאָג האָבן פרײַנד אים געוואָרנט ער זאָל זיך צוגרייטן אַ דירה. אין זײַן שווערס הײַזער אויסער די געטאָ־גרענעצן האָבן נאָך געוווינט צוועלף ייִדישע משפחות, און אויף פראַנצישקאַנער, אין דעם הויז וווּ ער האָט געהאַט דאָס לעדער־געשעפט, האָבן געוווינט עלף פּאָליאַקן, אַרײַנגערעכנט דעם סטרוזש.

ביז איצט איז בערעק געראָטן אָפּצוהיטן זײַן שווערס פאַרמעגן. אין דעם הויז אויף פראַנצישקאַנער איז דער פאַרוואַלטער געווען אַ פאָלקס־דײַטש, זיגי רויטער, בערעקס אַ חבר פון דער גורוויטשער גימנאַזיע וואָס איז אויך געווען דער „טרויהענדער‟, דער דײַטשער קאָמיסאַר, אין דעם לעדער־געשעפט. זיגי רויטער האָט קאָאָפּערירט און אויך מיט די פאַרוואַלטערס אין די הײַזער אויף קראָלעווסקע האָט מען געקאָנט אַדורכ־קומען. די הײַזער זענען געהאַלטן געוואָרן אין גוטן מצב. אַדרבא, וואָס מער מע האָט געדאַרפט פאַרריכטן, אַלץ מער געלעגנהייטן זענען געווען בערעק זאָל קאָנען אַרויסנעמען בלאַנקירטע געלטער און די פאַרוואַלטערס זאָלן אויך דערבײַ אָפּלעקן אַביינדל. די סטרוזשעס האָבן געוווּסט אַז אַלץ איז אין בערעקס הענט און האָבן מיט דרך־ארץ אים גערופן „פּאַניע אַביוואַטעליו‟, הער הויזווירט.

בערעקן איז אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק וואָס האָט אויסגעוויזן צו זײַן שכלדיק. די דירות אויף פראַנצישקאַנער זענען אַלע געווען קליינע, צוויי אָדער דרײַ צימערן מיט אַ קיך; דאַקעגן די דירות אין זײַנע הײַזער אויף קראָלעווסקע האָבן געהאַט צו אַכט צימערן אָדער מער, אַלע מיט אַ פאַראַר־אַרײַנגאַנג פונעם טויער, מיט באַדינונג פון אַ ווינדע, און אַ

באַזונדערן אַרײַנגאַנג פון אַן אַנדערן טרעפּ־געלענדער צו דער קיך. מע קאָן אוודאי צעטיילן די וווינונגען און מאַכן פון איין דירה צוויי, אויב מע קאָן געפינען ווי אַזוי אויפצושטעלן נאָך אַ קיך און אַ וואַשצימער אין דעם פראָנטטייל פון דער דירה.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אין זיבן פון די דירות אויף קרולעווסקע איז עס מעגלעך אַדורכצופירן, אָבער עס איז פאַרבונדן מיט אַ סך אַרבעט, אַ סך שוועריקייטן, און אַ סך געלט.

בערעק האָט אויסגעחשבונט אַז עס איז כדאַי. ער וועט האָבן פערצן קלענערע דירות פון די זיבן וואָס מע קאָן צעטיילן, און פינעף גרויסע — די וואָס מוזן בלײַבן ווי געוועזן, אַ סך־הכל פון נײַנצן דירות. עלעף וועט ער אויסטוישן אויף דירות אין זײַן הויז אויף פראַנציסקאַנער און אַכט אין אַנדערע געטאָ־הײַזער; ער וועט באַזאָרגן מיט דירות זײַנע צוועלעף יידישע שכנים פון דער קרולעווסקע און וועט בלײַבן מיט זיבן דירות צו זײַן דיספּאָזיציע. עטלעכע וועט ער פאַרקויפן פאַר געלט צו דעקן די הוצאות פון צעטיילן די דירות, און די אַנדערע... פּינטשע מוז זיך אַרויסציִען פון פּראַגע... מאַניע וועט נישט האָבן קעגן דעם ער זאָל אָוועקגעבן עטלעכע דירות, און דער שווער וועט זיכער נישט האָבן קיין טענות. דער רוף צו די בעלי־הדירות אין געטאָ אַז זיי זאָלן נישט שינדן די הויט וועט האָבן אַ גרעסערע השפעה, אויב מע וועט וויסן אַז איינער פון די וואָס האָבן אונטערגעשריבן דעם אַפעל האָט אַוועקגעגעבן דירות אין גאַנצן אָן געלט.

די הוצאות פון צעטיילן די דירות זענען געווען גרעסער ווי מע האָט לכתחילה געמיינט. מע האָט געדאַרפט ציִען גאַז־ און קאַנאַליזיר־רערן דורך באַלטנס און ווענט פון גויִשקע שכנים; חוץ צו רעכט מאַכן און אויסמאָלן זייערע דירות האָט מען זיי אויך געדאַרפט געבן קאָמפּענסאַציע פאַר שטערן זיי די רו. אין מלחמה־צײַט מוז מען צאָלן פאַר יעדער קלייניקייט. מילא, די איבערבײַטן אין די דירות האָט מען געקאָנט מאַכן אויפן חשבון פון די בלאָקירטע געלטער, אָבער די קאָמפּענסאַציעס האָט בערעק געדאַרפט באַצאָלן פון זײַן קעשענע. וואָס קאָן מען טאָן? וועט ער פאַרקויפן נאָך אַ דירה? עס וועלן נאָך אַלץ בלײַבן פיר דירות אַוועקצוגעבן בחינם.

האָט עמעץ אויפגעהעצט די סטרוזשעס? אָדער איינער איז געפאַלן אויף דעם שכל און די אַנדערע האָבן אים נאָכגעטאָן? עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז בערעק האָט געמאַכט דעם חשבון אָן דעם באַלעבאָס,

און דער „באַלעבאָס" איז איצט געווען נישט דער באַלעבאָס, נאָר דער סטרוזש. די סטרוזשעס אין די צוויי הײַזער אויף לעשנע־גאַס זענען געווען צופרידן וואָס עס זענען איצט פֿאַראַן מער דירות, אָבער פֿאַרקויפֿן צי אויסטוישן די דירות קאָנען נאָר זיי, האָבן זיי געזאָגט בערעקן.

אין בערעקן האָט געקאָכט דער כּעס, אָבער ער האָט פּראָבירט רעדן צו זיי מיט גוטן. ווי לאַנג איז עס זינט דער וויסקאַרסקי און דער בוגאַטש, די צוויי סטרוזשעס אין זײַנע הײַזער אויף קרולעווסקע, האָבן זיך געבויגן פֿאַר אים אין דרײַען און אים באַדינט מיט אַ קנעכטישקייט אַז עס איז אים אַזש געווען איבער דער טבֿע? איצט זענען זיי גאָר געוואָרן די גאַנצע באַלעבאַטים. בערעק האָט זיי צוגעזאָגט אַ שיינעם טרינקגעלט און אויך געוואָרנט אַז נאָך דער מלחמה וועט מען געדענקען ווער עס האָט זיך אויפֿגעפֿירט אָרנטלעך. בערעק האָט געזען אַז זײַנע ווערטער האָבן געמאַכט אַ רושם, האָט ער געזאָגט אַז ער וועט צוריקקומען נאָך מיטאָג מיט אַ פּאָליאַק וועמען ער האָט פֿאַרקויפֿט אַ דירה.

נאָך מיטאָג איז בערעק טאַקע אָוועק מיט זײַנס אַ פּוילישן שכן צו זײַן הויז אויף קרולעווסקע. דער סטרוזש וויסקאַרסקי האָט טאַקע געוואַרט אויף אים; צוזאַמען מיטן סטרוזש האָט געוואַרט אַ דײַטש...

ווען דער פּאָליאַק, וואָס איז געקומען מיט אים, האָט בערעקן אויפֿגע־הויבן פֿון דער ערד איז דער קאָפּ געווען פֿול מיט בײַלן און די נאָז האָט געבלוטיקט. דער פּאָליאַק האָט אים געמוזט אונטערהאַלטן. ער האָט זיך דערשלעפּט ביז זשאַביע־גאַס ווו ער האָט געפֿונען אַ ריקשע, אַזאַ מין ראָווער אויף דרײַ רעדער ווו דער ביציקליסט איז געזעסן פֿון פֿאָרנט און הינטער אים איז געווען אַ זיצפּלאַץ פֿאַר צוויי פֿאַרשוינען. ער האָט געהייסן זיך צופֿירן אויף טלאָמאַצקי צום ביוראָ פֿון דער ייִדישער אַליינהילף, ער האָט נישט געוואָלט באַווײַזן זיך פֿאַר מאַניען אין אַזאַ מעמד.

אַ דאָקטאָר האָט שוין געהאַט אַרומגעוואַשן בערעקס ווונדן, אָבער ווען ער איז אַהיימגעקומען האָט מאַניע זיך דערשראָקן פֿאַר זײַן אויס־זען. „איך האָב נאָך אָפּגעשניטן מיט חסד", האָט בערעק איר געזאָגט. „וויסקאַרסקי האָט געזאָגט דעם דײַטש אַז איך האָב אים געסטראַשעט מיט נקמה פֿאַר דעם וואָס ער קאָאָפּערירט מיט דער אָקופּיר־מאַכט. כ'האָב געקאָנט באַצאָלן מיטן קאָפּ".

מאַניע האָט געלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן אויף זײַנע בײַלן, אָבער זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן פֿון זאָגן אים אַז ער איז זיך אַליין שולדיק,

ביז ער האָט זיך אָנגעהויבן עסקן מיט די ענינים פון די הײַזער האָט זי אַפילו נישט געוווסט דעם פאַמיליע־נאָמען פון אַ סטרוזש. ווען בײַ בערעקן איז יאַן געוואָרן אַ 'פּאַן וויסקאַרסקי' און וואַצעק איז געוואָרן 'פּאַן בוגאַטש' זענען די בײַגעבאַקענע פּאַנעס געוואָרן די באַלעבאַטים.

די פּאַנעס וויסקאַרסקי און בוגאַטש האָבן קודם־כּל יעדער פאַרנומען פאַר זיך די שענסטע דירה אין זײַן הויז. זיי האָבן זיך אַרײַנגעצויגן אין דער דירה וואָס זיי האָבן זיך אויסגעקליבן ווען דער ייִדישער שכן האָט נאָך דאָרט געוווינט. דער ייִד האָט נאָך געדאַרפט ווײַזן אַ גוט פּנים צום בייזן שפּיל. מע האָט אַרויסגעפּירט מעבל נישט־געקוקט אויף דעם דײַטשן פאַרווער; דער סטרוזש האָט געקאָנט פאַרשליסן דעם טויער, אָדער — נאָך ערגער — רופן אַ דײַטש. די דירה אויף דער אַרישער זײַט האָט פאַר דעם ייִד געזאָלט זײַן דאָס זיכערסטע מיטל צו באַקומען אין אויסטויש אַ דירה אין געטאָ, אָבער נאָכן זען ווי דער הויזווירט האָט אָפּגעשניטן האָבן די ייִדן זיך אָפּגעווישט דאָס מויל און געשוויגן! די סטרוזשעס אויף קרולעווסקע האָבן פאַרלאַנגט געלט פון בערעקס פּוילישע שכנים וואָס האָבן געוואָלט אַרײַנקומען אין די הײַזער. בערעק האָט געגעבן די פּאַליאַקן דאָס געלט וואָס זיי האָבן געדאַרפט געבן די סטרוזשעס כּדי דער עודף פון דירות אויף פראַנציסקאַנער זאָל בלײַבן בײַ אים. געשלאָסן עטלעכע אַזעלכע טראַנסאַקציעס האָט ער טעלעפאָנירט צום פּרינסקער רב מע זאָל מודיע זײַן פּינטשען אַז ער האָט פאַר אים אַ דירה.

שוין נאָכן טעלעפאָנירן צו פּינטשעס זיידע האָט ער זיך דערמאָנט אַז פּינטשע איז געווען אָנגעברוגזט אויף אים. ער האָט אַוודאי אַ מאָל אָנגעטרעטן פּינטשען אויף אַ „הינעראַויג‟, כאָטש ער ווייסט נישט ווען און ווי אַזוי. ער איז פּינטשעס אַ גוטער חבר, עד דאַרף אַליין אים אָנזאָגן די בשׂורה וועגן דער דירה, בפרט אַז ער גיט עס אים אָן געלט. דער געדאַנק איז אים אַזוי געפעלן געוואָרן אַז ער האָט אַלץ איבערגעלאָזט און געלאָפן צום טראַמוויַ.

פּינטשע איז נישט געווען אין דער היים. מינדעלע איז געשטאַנען איבער אַ גרויסער באַליע און געוואַשן וועש, אַ פּיצעלע ווײַבעלע איבער אַ באַליע וואָס האָט פאַרנומען כּמעט אַ האַלבע שטוב. דאָס איז געווען זייער שלאָפשטוב, עסשטוב, סאַליע, דאָס איז געווען אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט פאַר זיך אַליין. די קיך איז שוין געווען אַ שותּפותדיקע, מיט נאָך צוויי משפּחות.

מינדעלע האָט זיך דערשראָקן ווען זי האָט דערזען דעם גאַסט, עפּעס איז געשען מיט... „ווּ איז פּינטשע?!” האָט זי אויסגעשריגן.

„פּינטשע? פּינטשע איז נישטאָ דאָ? איך בין געקומען זען פּינטשען, דיך און פּינטשען”.

פּחדים זענען געלאָפן משוגע דורך מינדעלעס קאָפּ. עפּעס געשען ביי בערעקן? ניין, ס׳איז... עפּעס איז, חלילה, געשען מיט שווער־און־שוויגער אין רומעניע? „וואָס איז געשען, בערעק?”

„וואָס ס׳איז געשען? עס מוז דען עפּעס געשען איך זאָל קומען צון אייך? פּינטשע איז מיין בעסטער חבר, און דורך מאַניען אויך מיין קוזין...”

דער בעסטער חבר און קוזין איז סך־הכל דאָ געווען איין מאָל עטלעכע מינוט. אָבער בערעק שמייכלט אַזוי נאַטירלעך, און ער זעט בכלל נישט אויס פאַרדאגהט. זי האָט אָפּגעווישט אַ האַנט אין איר פאַרטעך און אַרויסגערוקט אַ בענקל. „זעץ דיך, בערעק. ביסט געווען אין דער קינדערהיים? כ׳האָב געהערט אַז מע פאַראייניקט די היים מיט קאַרטשאַקס”.

„כ׳בין נישט געווען אין דער קינדערהיים. דאָס, וועגן פאַראייניקן די יתומים־הייזער איז נאָר אַ קלאַנג. צי האָסט עס געהערט פון זיי?” האָט ער געוויזן צום הויף. „שטער זיך נישט, מינדעלע, דאָס וואַסער אין דער באַליע וועט קאַלט ווערן. מיר קאָנען רעדן ווען דו וואַשסט. עמוש, זע איך, שלאָפט”.

מינדעלע האָט טאַקע זיך ווידער גענומען צום וואַשן. „וועגן די יתומים־הייזער האָט מיר געזאָגט ברכה בעכלער”, האָט מינדעלע געענטפערט אויף זיין פרעגן, „דו קענסט זי דאָך, זי איז אויך פון גורוויטש”.

„אייגנטלעך בין איך נישט געקומען מיט סתם אַ וויזיט, ס׳איז וועגן געטאָ. איר וועט מוזן אַרויס פון דאַנעט”, איז בערעק געקומען צום ענין. „פּינטשע לויפט טאַקע אַרום זוכן אַ שטיקל שטוב אין די יידישע גאַסן. ס׳איז נישט לייכט”.

בערעק האָט נישט געוווסט צי מינדעלעס זיפץ „ס׳איז נישט לייכט” איז וועגן געפינען אַ שטיקל שטוב, אָדער איז איר שווער אויסצודרייען דאָס שטיק נאַסע וועש. „פּינטשע איז אַוועק זוכן אַ דירה? איך האָף אַז ער האָט נישט געפונען”.

מינדעלע האָט געקוקט אויף אים מיט חידוש.

בערעק האָט הנאה געהאַט צו זען ווי מינדעלע קוקט אויף אים מיט אַ געמיש פון איבערראַש און איראָניע, ווי זי וואָלט געזאָגט: דו קאָנסט

זיך ווילצלען וועגן דעם, דיר איז גוט. „איך האָף אַז ער האָט נישט געפונען און שוין געגעבן האַנטגעלט. איך האָב פאַר ענק אַ גאַנצע דירה. צוליב דעם טאַקע בין איך געקומען".

„אַ ניין, אַ דאַנק דיר סײַ ווי. אַפילו פאַר איין צימער בײַ יענעם, פאַרלאַנגט מען הײַנט אַן אוצר".

„דאָס וואָס איך האָב אין זינען וועט נישט זײַן צו טײַער, דאָס דירה־געלט איז אַ שיבוש און ס'האָט צוויי שטובן מיט אַ קיך".

„אָבער דאָס אָפּטרעטגעלט!"

„אָן אָפּטרעטגעלט".

מינדעלע איז געבליבן ווי פאַרשטײַפּט מיט אַ נאַס שטיק וועש אין די הענט. איז דאָס אַזאַ חכמהלע? ניין, בערעק איז צו קלוג ער זאָל זיך ווילצלען איבער אַזעלכע זאַכן. קאָן דאָס זײַן אמת? אַן אייגענע קיך! ווער קאָן הײַנט חלומען וועגן אַזאַ לוקסוס? אַזעלכע מציאות פאַלן נישט אַראָפּ פון הימל. ס'איז קלאָר אַז בערעק וויל קויפן אַזאַ דירה פאַר זיי. וועט פינטשע לאָזן בערעק זאָל פאַר אים קויפן אַ דירה?

„כ'ווייס נישט וואָס צו זאָגן", האָט מינדעלע אַרויסגעשטאַמלט.

„ס'איז אַ דירה אויף פראַנצישקאַנער, אין מײַן שווערס הויז".

„קאָנסט דאָך קריגן פאַר דעם אַ סך געלט".

„דאָס הײַנטיקע געלט האָט דען אַ ווערט? די בעסטע זאַך איז אַרײַנצוזעצן אייגענע מענטשן וואָס וועלן נאָך דער מלחמה צוריקפאָרן צו זייערע היימען און צוריקגעבן די דירות צום בעל־הבית".

בערעק האָט דאָס געזאָגט מינדעלען ווי אַן אויסרייד און אַ תירוץ אַז מינדעלע און פינטשע זאָלן זיך נישט פילן געפאַלן וואָס ער גיט זיי אַ דירה בחינם. אָבער ער האָט גיך אײַנגעזען אַז עס איז פאַראַן לאָגיק אין דעם וואָס ער האָט געזאָגט. אַרײַנזעצן מענטשן וואָס וועלן נאָך דער מלחמה צוריקגעבן די דירות איז די בעסטע זאַך וואָס ער קאָן טאָן פאַר זײַן שווער.

די מעגלעכקייט צו באַקומען אַן אייגענע דירה, אַפילו מיט אַן אייגענער קיך, איז געווען אַזוי נישט רעאַל און אומגלייבלעך אַז מינדעלע האָט זיך צוגעהערט מיט אומגלויבן. זי האָט ערשט איצט אײַנגעזען אַז עס איז מעגלעך און דערגרייכלעך. דאָס שטיק וועש האָט זיך אַרויס־געגליטשט פון אירע הענט און מיט אַ פּליוך אַרײַנגעפאַלן צוריק אין דער באַליע. וואַסער האָט אַ שפּריץ געטאָן אויף איר פּנים און זייפוואַסער האָט גענומען ברענען אין אירע אויגן. זי האָט גענומען רײַבן די אויגן און צופרידן געווען וואָס זי דאַרף נישט קוקן בערעקן אין פּנים אַרײַן.

עס אַרט זי נישט וואָס בערעק וועט אָנווערן אַ פּאָר זלאָטעס בײַ דעם עסק. אויב מע האָט גענומען פּסח־פּראָדוקטן פון דער יידישער אַליינ־הילף, פאַר וואָס טאָר מען נישט נעמען אַ דירה פון אַן אייגענעם? אָבער מיט פינטשען איז זי קיין מאָל נישט זיכער, בפרט ווען דער געבער איז בערעק. זינט איר פינטשע איז געוואָרן אַן אָרעמאַן האַנדלט ער נישט אַלע מאָל ראַציאָנעל.

ווען עס איז בערעקן אײַנגעפאַלן דער געדאַנק צו פאָרן צו פינטשען, האָט ער אַפילו נישט געטראַכט וועגן דער קינדערהיים אויף דעם זעלביקן הויף. מינדעלע האָט דערמאָנט ברכהן, און עס האָט זיך אויפגעוועקט סײַ אַ נײַגער, סײַ אַ מורא זי צו זען. בײַם אַרויסגיין האָט ער געבעטן מינדעלען אים צו באַגלייטן צום טויער. איז ער אויסן געווען צו פאַר־שטעלן פאַר זיך דעם וועג צו דער קינדערהיים? אָבער ווען זיי זענען אַראָפּגעקומען אין הויף אַרײַן האָט ער זיך שנעל געזעגנט מיט איר. "עמוש קאָן זיך נאָך איבערוועקן און וויינען אויב ער וועט דיך נישט זען", האָט ער געזאָגט אַ נאַרישן תּירוץ, און ווי נאָר מינדעלע איז צוריק אַרויף אויף די טרעפּ צו איר שטוב איז ער געלאָפן צום בנין פון דער קינדערהיים.

ער איז געווען אַנטוישט און דערבײַ געוווּסט אַז עס איז גוט וואָס ער האָט ברכהן נישט געטראָפן. ער האָט איבערגעלאָזט פאַר איר אַ פּאָר ווערטער. ער ווייסט אַז מע גייט פאַראייניקן אַלע יתומים־הײַזער און מע וועט דאַרפן ווייניקער דערציִערינס. אויב זי זוכט אַ נײַעם פּאָסטן, אויב זי דאַרף אַ דירה אין געטאָ, זאָל זי זיך פאַרבינדן מיט אים.

אַ טראַמווײַ האָט אים געטראָגן איבער דער פּאָניאַטאָווסקי־בריק צוריק קיין וואַרשע. ער האָט געטראַכט וועגן מאַניען און ווי אַזוי איר צו דערציילן וועגן דער דירה פאַר פינטשען, זי זאָל האָבן דערפון וואָס מער הנאה. דער אימאַזש פון ברכהן האָט זיך אַרײַנגעריסן אין אים און אַרויסגעשטופּט אַלע אַנדערע געדאַנקען. אַ שיינע, אַ טרויעריקע, אַן ערנסטע. צו ערנסט, צו טרויעריק. שוין פאַרבײַ אַרום דרײַ פערטל יאָר זינט ער איז געקומען אין דער קינדערהיים על־פּי צופאַל. אין יענער נאַכט האָט ער דערפילט אַז עפּעס האָט זיך צעוואַרעמט אין אים צו ברכהן. ס'איז געווען פאַרכאַפּנדיק און וווּנדערלעך און ער האָט מורא געהאַט דערפאַר. האָט דער אַלטער פונק אויפגעפלאַמט אויך אין איר? פאַר וואָס האָט זי געהאַלטן אין איין זאָגן אַז ער איז איר גאָר נישט שולדיק? זי האָט דאָך אים אָפּגעמוטיקט פון צוריקקומען.

איז זי, אין די צוויי נעכט מיט אים, נאָר אַנטרונען פון אַ מוראַדיקער איבערלעבעניש? זי האָט געמוזט אַנטלויפן פון זיך אַליין כּדי זיך צו ראַטעווען פון אַ נערוון־צוזאַמענבראָך.

ער ווייסט אַז ער פּראָבירט נאָר געפינען אַ תּירוץ פאַר דעם משונה־דיקן אופן ווי ער האָט זיך געפירט קעגן ברכהן. עס ווייַזט אויס אַז זי איז געווען שטיל פאַרליבט אין אים אין די „אחוות" יאָרן. ער איז אויך נישט געווען אין גאַנצן גלייַכגילטיק צון איר. מיט מאַניען איז עס געשען אַזוי פּלוצלינג...

עס איז געווען פּחדנותדיק פון אים זי אויסצומייַדן די גאַנצע צייַט. ניין, ער האָט נישט פאַרגעסן יענע צוויי נעכט מיט ברכהן. עס איז אַ חרפּה עס מודה צו זייַן צו זיך אַליין, אָבער דער אמת איז אַז יענע איבערלעבעניש האָט זיך אַרייַנגעפרעסן אין אים ווי אַ ראָק. בעסער נישט טראַכטן וועגן דעם. ער באַמיט זיך צו זייַן אַ גוטער, געטרייַער מאַן, כאָטש מאַניע האָט אַלע מאָל טענות צון אים. אפשר אָנט זי עפּעס און דערפאַר די טענות?

צו מאָרגנס נאָכן צוריקקומען פון פּראַגע האָט ברכה אים טעלעפאָנירט און אים געדאַנקט פאַר זייַן גרייטקייט צו העלפן. ניין, זי דאַרף נישט קיין דירה און זוכט נישט קיין פּאָסטן, זי וועט בלייַבן מיט אירע קינדער.

„אפשר קאָן מען זיך אַ מאָל זען?" האָט עס זיך אַרויסגעריסן פון אים און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט ווי בייַ אַ גזלן.

„כ'בין שרעקלעך פאַרנומען. מע דאַרף צוגרייטן דאָס אַריבערציִען זיך אויף קראָכמאַלנע."

מאַניע איז שענער פון ברכהן, אַ סך שענער. ברכה האָט רויטע האָר און זומער־שפּרענקעלעך. ער האָט קיין מאָל נישט ליב געהאַט קיין רויטע האָר און זיכער נישט קיין זומער־שפּרענקעלעך. ס'איז אמת אַז זי איז שיין געבויט. איר טאַליע איז אַזוי שמאָל, אירע באַקעס אַזוי רונדיק, אירע דיכן אַזוי געטאָקט — אַ פיגורקעלע ווי אַ ליאַלקע. אַזאַ פלאַכער, געשניצטער בויך וואָס שייַנט מיט אַזאַ ליכטיקער ווייַסקייט, אַזאַ...

ער פאַרכליניעט זיך מיט די זכרונות, אָבער עס איז קיין ספק נישט אַז מאַניע איז שענער פון ברכהן, אַ סך שענער!

פינטשע איז אַרייַנגעלאָפן צו בערעקן אָן אָטעם. „כ'בין נעכטן אהיימ־געקומען צו שפּעט צו קאָנען צוקומען צון אַ טעלעפאָן. צי איך דאַרף אַ דירה? אוי, דאַרף איך!"

„דו דאַרפסט אַ דירה און איך דאַרף אַן אייגענעם פאַר אַ לאָקאַטאָר".

„אַ דירה מיט אַן אייגענער קיך איז מער ווי איך האָב געקאָנט חלומען. אַז מע האָט אַ קליין קינד איז יעדן טאָג פאַראַן וועש צו וואַשן".

„כ'האָב געזען. כ'האָב געטראָפן מינדעלען ביי אַ באַליע וועש".

„זייף איז אַזוי טייער, מוז מען וואַשן מיט הייס וואַסער. מע וואַרעמט דאָס וואַסער אויף דער קיך, אָבער די קיך איז אַ שותּפותדיקע און צו קליין אָוועקצושטעלן דאָרט אַ באַליע, מוז מען שלעפּן דאָס הייסע וואַסער פון דער קיך צו דער באַליע אין מיין שטוב אַריין. האָסט דאָך געזען, ס'איז די לעצטע שטוב, און אַז איך בין נישט אין דער היים מוז מינדעלע אַליין שלעפּן אַ גרויסן, שווערן אייזערנעם טאָפּ מיט וואַסער. ס'איז אַ שרעק ווי זי מוז אַרבעטן עבודת־פּרך".

„דו האָסט מיר געדאַרפט זאָגן וועגן דעם".

„ווען מע דאַרף אויסגיסן דאָס ברודיקע וואַסער איז ווידער אַ מאָל דאָס זעלביקע. אַרויסלאָזן דאָס וואַסער פון דער באַליע אין טאָפּ אַריין און שלעפּן די טעפּ צום אָפּגאָס אין דער קיך. בערעק, מינדעלע זאָל האָבן אַן אייגענע קיך, דו ווייסט גאָר נישט וואָס פאַר אַ גרויסע ישועה דאָס וועט זיין".

פינטשע איז געווען אַזוי גליקלעך אַז בערעק האָט אויפן אָרט באַשלאָסן אים צו געבן די בעסטע דירה, אין פראָנט, אויפן ערשטן שטאָק, כדי מינדעלע זאָל נישט דאַרפן שלעפּן דאָס קינד אַרויף אויף צו פיל טרעפּ. ער האָט טאַקע גלייך אַרויפגעפירט פינטשען זען די דירה.

בערעק האָט פאַרגעשטעלט פינטשען פאַר דעם פּאָליאַק וואָס האָט זיך געדאַרפט אַרויסציִען און געזאָגט אַז דאָס איז דער פּאַן וואָס דאַרף זיך אַריינציִען אין דער דירה. דער פּאָליאַק האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס דאָ טוט זיך, דער סטרוזש איז דאָך שוין דאָ געווען מיט אַ נייעם לאָקאַטאָר. די דירה איז שוין פאַרקויפט.

„ביי מיר האָט דער פּאַן גענומען געלט צו באַצאָלן פאַר דער דירה אויף קרולעווסקע, און יעצט זאָגט מיר דער פּאַן אַז די דירה איז שוין פאַרקויפט?" האָט בערעק זיך צעשריגן.

„וואָס וויל דער פּאַן פון מיר? דעם פּאַנס דאָזאָרצע איז דאָ געווען מיט אַ לאָקאַטאָר און ער האָט עס פאַרקויפט".

בערעק האָט געזאָטן פון כּעס. ער איז אַראָפּגעלאָפן צום סטרוזש מיט אַ גערוואַלד: „וואָס טוט זיך דאָ? איך האָב אַריינגעלייגט אַ פאַר־מעגן אין צוגרייטן די אויסבייט־דירות אויף קרולעווסקע, כ'האָב חוץ

דעם געגעבן יעדן לאָקאַטאָר וואָס דאַרף זיך אַרויסציִען אַ שיינעם אָפּ־טרעטגעלט און דער פּאַן נעמט און פאַרקויפט די שענסטע דירה?"

„איך האָב פאַרקויפט אַלע דירות".

„אַלע דירות? זאָל דער פּאַן שוין גיין צוריקגעבן דאָס געלט! די דירות זענען מײַנע און איך האָב זיי פאַרקויפט. ווי שעמט זיך נישט דער פּאַן?"

„ווי שעמט איר זיך נישט? מײַן גאַנץ לעבן אַוועקגעגעבן פאַר דעם הויז, געהאָרעוועט פאַר גראָשנס, און ווען עס מאַכט זיך צו פאַרדינען אַ פּאָר זלאָטעס וויל דער פּאַן עס צונעמען בײַ מיר? דער עלטערער פּאַן, דער פּאַן גרינבערג וואָלט אַזאַ זאַך נישט געטאָן".

„איך נעם עס צו בײַ אײַך? וועמענס איז דאָס הויז? און ווער האָט באַצאָלט דאָס אָפּטרעטגעלט, איך צי איר?"

„אַזוי איז אַ זשיד. אַ גאַנץ לעבן, כאָליערע, אַוועקגעגעבן פאַר זיי דעם 'דוך', און ווען דו גייסט שוין אַוועק ווילן זיי אַלץ צונעמען".

„וואָס פאַר אַ צונעמען?" האָט בערעק נישט געגלייבט זײַנע אייגענע אויערן, „ס'איז דעם פּאַנס הויז?"

„אַזוי איז עס אין גאַנץ וואַרשע".

„די דאָזאָרצעס וואָס טוען עס זענען ראַבושניקעס, אָבער דער פּאַן איז דאָך אַן אָרנטלעכער מענטש".

„פון דעם עלטערן פּאַן באַלעבאָס האָב איך קיין מאָל קיין שלעכט וואָרט נישט געהערט. אַ ראַבושניק בין איך? ווען די באָמבעס זענען נאָך געפאַלן האָב איך דעם פּאַן געהאָלפן פאַרמויערן אַ קעלער. אַ גאַנצע נאַכט געהאָרעוועט און די קישקעס זיך אָפּגעריסן, כאָליערע, אַזעלכע ריזיקע פעק לעדער געשלעפּט אין קעלער אַרײַן אַז... אַ ראַבושניק בין איך, האַ?"

„דאָס זאָג איך דאָך. דער פּאַן איז אַלע מאָל געווען אָרנטלעך און געטרײַ. פאַר דער אַרבעט יענע נאַכט האָב איך דעם פּאַן געגעבן אַ פופציקער, דער פּאַן געדענקט?"

„איך האָב דאָס לעבן געשטעלט אין קאָן און דער פּאַן האָט מיר צוגעוואָרפן פאַרשיווע פופציק זלאָטעס. אַט זענען די פופציק זלאָטעס און זאָל דער פּאַן זיך דערמיט אָפּווישן דעם הינטן". דער סטרוזש האָט געזוכט אין זײַן בײַטעלע, אָבער קיין געלט נישט געגעבן.

„דעמאָלט איז פופציק זלאָטעס געווען אַ גרויסע סומע. ס'איז נישט גענוג וועל איך צוגעבן נאָך פופציק — נאָך הונדערט. עס גייט נישט

נאָר אין דעם געלט, איך האָב שוין פאַרקויפט די דירות״, האָט בערעק זיך געבעטן.

„איך וועל נישט לאָזן מע זאָל מיר צוגעמען וואָס איז מײַן. איך האָב געהאָלפן דעם פאָן מיטן לעדער. האָב איך צוגענומען דעם פאַנס לעדער? וואָס ס׳איז דעם פאָנס איז דעם פאָנס, און וואָס מײַן איז מײַן״, האָט דער סטרוזש זיך געהאַלטן בײַ זײַנס.

„דאָס הויז איז מײַן!״ האָט בערעק זיך שוין נישט געקאָנט צוריק־האַלטן פון שרײַען.

„בײַ דעם אַלטן פאַן גאָספּאָדאַזש וואָלט אַזאַ זאַך נישט געשען, צונע־מען בײַ אַן אָרעמען דאָזאָרצע וואָס אַלע דאָזאָרצעס אין גאַנץ וואַרשע האָבן. זאָל דער יונגער פאַן אַרויסגיין זען וואָס עס טוט זיך אין אַנדערע הײַזער, און זאָל דער פאַן נישט דערוועגן זיך צונעמען בײַ מיר וואָס איז מײַן, אָדער עס וועט, כאָליערע, זײַן ערגער״.

און קאָן זײַן ערגער אויב ער דער סטרוזש וועט „סליחהנען!״ אין דעם פאַרמויערטן קעלער ליגט לעדער וואָס איז ווערט אוצרות. ער האָט דעמאָלט אויסגעקליבן דאָס בעסטע און דאָס טײַערסטע אַרײַנצוטראָגן אין קעלער אַריין, בעיקר די געמזעס און לאַקירטע לעדערס וואָס מען אימפּאָרטירט פון אויסלאַנד. ווער האָט זיך דעמאָלט געריכט אַז איצט, כמעט אַ יאָר שפּעטער, וועט דער דײַטש שאַלטעווען איבער גאַנץ אייראָ־פּע? ער האָט זיך דעמאָלט אויסגעמאָלן ווי ער וועט איבערראַשן דעם שווער. יענער וועט צוריקקומען צון אַ האַלב לײדיק געשעפט. אַפילו פוילישע לעדערס וועלן נישט זײַן בנימצא. דער שווער וועט אַ קרעכץ טאָן און זאָגן: אַבי מע האָט געראַטעוועט דאָס לעבן און דאָס שטיקעלע געזונט. ער וועט אַ שמייכל טאָן און ענטפערן: דאָס לעבן, דאָס געזונט און נאָך עפּעס... און וועט פירן דעם שווער צום פאַרמויערטן קעלער.

נישט נאָר דאָס לעדער אין דעם פאַרמויערטן קעלער איז געשטאַנען אין קאָן, ער האָט געקאָנט דערפאַר באַצאָלן מיט זײַן לעבן. „אויס דירות״, האָט בערעק געזאָגט פינטשען וואָס האָט געוואַרט אויף אים אין טויער, „איך מוז זיך אָפּווישן דאָס מויל און מאַכן אַ שווײַג, אַנישט קאָן זײַן ערגער״.

פינטשע האָט קוים געשלעפּט זײַנע שלאַבעריקע פיס צון אַ טראַמוויי אַהיימצופאָרן. ווען ער איז שוין געווען מיט איין פוס אויף דעם טראַמוויי־טרעפל האָט ער זיך צוריקגעצויגן. ער האָט נאָך אַ האַלבן טאָג ביז דער פּאָליציי־שעה, וואָס פאַר אַ לויפן אַהיים? ער מוז גיין פון הויז צו הויז זוכן, אפשר וועט ער דאָך געפינען עפּעס אַ שטוב במקח.

אַ קלאַנג האָט זיך פאַרשפּרייט אַז די געטאָ־גזירה ווערט אָפּגערופן. דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט רוזוועלט זאָל האָבן געשיקט אַן אולטי־מאַטום צו היטלערן אַז אויב דער גזר־דין וועט נישט אָפּגעשאַפט ווערן וועט אַמעריקע נעמען אירע אַכט מיליאָן דײַטשן ווי ערבניקעס פאַר די ייִדן פון די אָקופּירטע לענדער. וואָס דען, די וועלט וועט שווײַגן? מע האָט זיך צוריקגעהאַלטן פון שליסן אַן אָפּמאַך וועגן אַ דירה און דערנאָך אויסגעפונען אַז דער פּרײַז איז אַרויף און מע דאַרף באַצאָלן מער ווי מע האָט פריִער געפאָדערט.

נאָך אַ יאָר מלחמה זענען געבליבן ווייניק וואָס האָבן נאָך געהאַט אַ גרייטע זלאָטע. בפרט נאָך דעם ווי די זלאָטע איז געבליבן גילטיק נאָר אויב מע האָט זי געלאָזט אָפּשטעמפּלען אין אַ דײַטש־קאָנטראָלירטער באַנק. גבירים האָבן פאַרקויפט זייער צירונג, אָרעמעלײַט האָבן פאַרקויפט „טשוכעס", מלבושים אָן וועלכע מע האָט זיך געקאָנט באַגיין. אַז קיין סחורות צו נייען נײַע מלבושים זענען נישט געווען איז דער פּרײַז פון גוטע גענוצטע מלבושים כּסדר אַרויף. אָבער איצטער זענען אַלע פּרײַזן געפאַלן, אפילו די פּרײַזן פון גאָלד און פון וואַליוטע. ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אַז „לאָקשן" — אַמעריקאַנער דאָלאַרן — וועלן פאַלן אין פּרײַז. נישט נאָר „ווייכע"־פּאַפּיר־דאָלאַרן, אפילו „האַרטע"־גאָלדדאָלאַרן, וואָס איז פריִער שווער געווען צו באַקומען, זענען ביליקער געוואָרן. נאָר לעבנס־מיטלען, שפּײַז און מעדיקאַמענטן זענען כּסדר אַרויף. ייִדן האָבן פאַרקויפט וואָס נאָר עס האָט זיך געלאָזט און אײַנגעקויפט זאַפּאַסן פאַר דעם געטאָ. בײַ די אַפּטייקן זענען געשטאַנען גרויסע רייעס. מע זאָגט אַז אין לאָדזשער געטאָ פעלן אויס מעדיצינען.

אַ „פּאַסעק", אַ יקרות אויף דירות. מע האָט פאַרלאַנגט פאַר איין צימער מער ווי פיל מיט אַ וואָך פריִער פאַר אַ גאַנצער דירה. זיצונגען אין דער אַליינהילף, זיצונגען אין ייִדנראַט. פאַרצווייפלטע האָבן באַלאַ־גערט די אַמטן און נישט געוואָלט אָפּטרעטן. סוף־כּל־סוף איז בײַם ייִדנראַט געשאַפן געוואָרן אַ וווינונג־אַמט. מען איז געגאַנגען פון הויז צו הויז און געשאַפן אַ קאַרטאָטעק פון די דירות; וויפל צימערן אין יעדער דירה און וויפל נפשות אויף יעדן צימער. נאָך איידער מע האָט אָנגעהויבן צוטיילן דירות האָט מען שוין געזאָגט אַז אַלע אין וווינונג־אַמט זענען כאַבאַרניקעס און אַז צום אָרעמאַן וועט סײַ ווי גאָרנישט אָנקומען. אָבער דער אַמט האָט גורם געווען אַז די באַלעבאַטים פון גרויסע דירות זאָלן זיך דערשרעקן. זיי האָבן זיך געאײַלט אַרײַנצונעמען היימישע מענטשן, וואָס זיי האָבן געקענט, איידער דער וווינונג־אַמט וועט

אַרײַנזעצן וועמען עס וועט זיי קומען אונטער דער האַנט. דער „פּאַסעק״ אויף דירות האָט געפּלאַצט.

עס זענען שוין געשטאַנען מויערן אַרום דער ייִדישער געגנט אָבער מע האָט נאָך אַלץ געדאַרפט אונטערקויפן דעם „פּזשאָדאָווניק״ פון דער פּוילישער פּאָליציי ער זאָל דערלויבן אויפשטעלן אַ סוכּה אין אַ ריין ייִדישן הויף, אָדער אויפן באַלקאָן פון אַ פּריוואַטער דירה. מע האָט זיך געחכמהט אַז אויב מע וועט נישט צוגעבן נאָך עטלעכע גאַסן צום געטאָ וועט אַ סוכּה זײַן אַ לוקסוס־ווינונג.

שמיני־עצרת איז אויסגעפאַלן דעם 24סטן אָקטאָבער. דעם טאָג איז געקומען די בשׂורה אַז מע האָט פאַרגרעסערט די ייִדישע געגנט און צוגעגעבן די צעגלאַנע־גאַס. עס האָט זיך אויך פאַרשפּרייט אַ ידיעה אַז די רוסן וועלן איבערנעמען די גאַנצע פּוילישע גענעראַל גובערניע. שוין אַזוי פיל מאָל ווי עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען אַז די רוסן קומען, עס איז געוועזן שווער צו גלייבן; דאָך האָט עס אויפגעהײַטערט דאָס געמיט. אין אָוונט האָט מען געטאַנצט הקפות און די פיס האָבן זיך געהויבן לײַכטער בײַם טאַנצן. אין גערער שטיבל אויף נאַלעווקע האָט אַ ייִד געטאַנצט מיט דער תורה און געזונגען: „ווען עס וועט קומען מאַלאַ־טאַוו וועט זײַן מלא־טוב״.

אין אַ קאַטשאָל אויף לעשנע האָט דער גלח געמוטיקט די פּאָליאַקן זיי זאָלן זיך נישט רירן פון זייערע דירות אויף דער גאַס און נישט אויפהערן פאָדערן לעשנע זאָל זײַן פּויליש. מאַניע האָט געוואָרנט בערעקן ער זאָל זוכן אַ דירה. צוויי טעג נאָך סוכּות האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז אַ טייל פון טשעפּלע־גאַס וועט זײַן פּויליש, צוויי טעג שפּע־טער האָט מען געהערט אַז וועגן טשעפּלע ווייסט מען נאָך גאָרנישט אויף זיכער, אָבער לעשנע, די גאַנצע לעשנע־גאַס וועט בלײַבן אין געטאָ. בערעק האָט לײַכטער אָפּגעאָטעמט.

אויף רימאַרסקע־גאַס זענען די מויערן שוין געווען פאַרטיק זיבנט וואָכן. פלוצלינג זענען די מויערס צוריקגעקומען און גענומען אַרויפ־מויערן די ווענט נאָך העכער, העכער ווי תּפיסה־ווענט. וועט מען די ייִדן פאַרמויערן לעבעדיקערהייט? מע דערציילט אַז די געטאָ אין לאָדזש איז הערמעטיש פאַרמאַכט, קיינער קומט נישט אַרײַן און קיינער גייט נישט אַרויס. געלט, גאָלד און וואַליוטע האָבן נישט קיין שום ווערט מחמת עס קאָן גאָרנישט קויפן. ווער ווייסט וואָס זיי גרייטן פאַר וואַרשע? מע דאַרף פאַרקויפן וואָס נאָר עס לאָזט זיך און אײַנקויפן שפּײַז.

אַ נײַע מעלדונג אַז מנינים צו דאַווענען זענען שטרענג פֿאַרווערט. די דײַטשן האָבן געוואָרנט טשערניאַקאָן אַז ער טראָגט דאָס אַחריות עס זאָלן נישט זײַן קיין באַהאַלטענע מנינים. האָבן די דײַטשן מורא אַז ייִדן וועלן מיט זייערע תּפֿילות עפּעס אויספּועלן בײַ גאָט? עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ געלויף קיין רוסלאַנד, אַפֿילו פֿרומע ייִדן לויפֿן צו די באָלשעוויקעס. עס קאָסט שוין פֿופֿצן הונדערט זלאָטעס פֿער קאָפּ אַריבערצושמוגלען די גרענעץ צו די רוסישע געביטן.

די פּוילישע אַנטיסעמיטן האָבן געלויבט די דײַטשע גזירה וועגן אַרײַנטרײַבן די ייִדן אין אַ געטאָ. „עפּעס גוטס וועט דאָך אַרויסקומען פֿון דער מלחמה‟, האָבן זיי זיך געפֿרייט. אָבער זייער שׂימחה איז גיך צעשטערט געוואָרן. די דײַטשן האָבן געדאַרפֿט אַרבעטערס און די „לאַפּאַנקעס‟, דאָס כאַפּן פּאָליאַקן אין די גאַסן אָוועקצושיקן זיי קיין דײַטשלאַנד האָט זיך פֿאַרשטאַרקט פֿון טאָג צו טאָג. דײַטשן מיט אויטאָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבער די וואַרשעווער גאַסן און פֿאַרהאַלטן פֿאַרבײַגייערס, אָפּגעשטעלט טראַמוויַען און אַרויסגענומען אַלע יונגע פּאָליאַקן, אָפּגעשלאָסן גאַסן און געזוכט אין הײַזער קרבנות אָוועקצושיקן אויף צוואַנגאַרבעט. ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פֿון עלעפֿטן נאָוועמבער, דער יום־טוב פֿון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט, האָבן זיך גע־מערט די אַרעסטן. די ביטערניש פֿון די פּאָליאַקן האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ נײַ ליד וואָס מע האָט געגומען זינגען אין די גאַסן און אין די טראַמוויַען.

„נישט מיט האַק, נישט מיט האַמער, —
מיט קאָפּ אין וואַנט קלאַפּט מען,
בײַ נאַכט רעוויזיעס, בײַ טאָג כאַפּט מען.
אָ האַק, צי אַ האַמער, — אַרויף דעם קאָפּ,
די פּיס אונטערן אָרעם און טראָג זיך אָפּ!
ווו באַהאַלטן פּעלט שוין אויס,
פֿון דער היים טרײַבט מען אַרויס,
אין די גאַסן אַ לאַפּאַנקע
אויף אַלטע, יונגע און אויך קראַנקע.
מיט טראַמוויַ, ריקשע, פּראָסטן וואָגן,
יעדער לויפֿט ווו די אויגן טראָגן.
פֿאַר וואָס פּוילן אין אַ פּאַוויאַק־צעל

אָדער אין פינצטערן ציטאַדעל?
אַז אַ צוואָניאַק בין איך פאָרט,
לויף איך אַריבער פון אָרט צו אָרט.
כוחות זאַמל׳עך אויף צעלוכעס
אַנצורייַבן דעם שוואָב אין תּחת...״

די גאַסן־און טראַמווייַ־זינגערס זענען געווען קינדער־שנאָרערס, זיי האָבן געאַרבעט אין „ספּולקעס״, אַ שותּפות פון עטלעכע יינגלעך. איינער האָט געזונגען, די אַנדערע זענען אַרומגעגאַנגען מיט די היטלען אין די הענט און צונויפגעקליבן די נדבות. דאָס נייַע ליד האָט געטראָפן אין פּינטל און מע האָט געוואָרפן מטבעות אין די היטלען. געווען אַ סך יידישע קינדער צווישן די גאַסן־זינגערס, די קינדער האָבן פון דעם מפרנס געווען זייערע עלטערן. אויב מע וועט אָפּשליסן דאָס געטאָ און די קינדער וועלן נישט קאָנען אַרויס האַנדלען אָדער שנאָרען אין די פּוילישע גאַסן וועלן נאָך אַ סך משפּחות אויסגיין פון הונגער.

ב

בערעקס כוונות זענען געווען גוטע ווען ער האָט פּירגעלייגט פּינטשען אַ בחינמדיקע דירה, אָבער פּינטשען איז דערפון אַרויסגעקומען אַ רעה. ער האָט פאַרלוירן אַ קריטישן טאָג, עס איז דערווייַל געוואָרן שווער־ער צו געפינען אַ צימער. אַ נייַע גזירה האָט געקירצט דעם טאָג פאַר די יידן וואָס האָבן געוווינט אין פּראָגע; נאָך זיבן פאַר נאַכט האָט אַ ייד מער נישט געטאָרט זייַן אין גאַס. די צייַט צו געפינען אַ דירה איז אויסגערונען. פּינטשע האָט נישט געקאָנט אַרויסגיין פון שטוב באַלד אין דער פרי ווען מע כאַפּט צו דער אַרבעט, און אין אָוונט האָט ער איצט געמוזט פאַרלאָזן וואַרשע האַלב זעקס צו זייַן זיכער אַז ער וועט אָנקומען אַהיים פאַר דער פּאָליצייַ־שעה. ער האָט נישט געהאַט קיין טענה צו בערעקן, וואָס איז בערעק דאָ שולדיק? ער האָט געטאָן וואָס ער האָט געקאָנט. דער 31סטער אָקטאָבער איז געקומען אַלץ נענטער און נענטער. יעדער ייד וואָס וועט בלייַבן אין פּראַגע נאָך דעם טערמין וועט דערשאָסן ווערן, אַזוי זאָגט מען. קאָן עס זייַן? מער ווי צוואַנציק טויזנט יידן זענען נאָך אַלץ געבליבן אין פּראַגע, וועט מען זיי אַלע אויסשיסן?

פינטשע האָט שוין געהאַט צעריסן די זוילן אויף זײַנע שיך און נאָך אַלץ אַרומגעלאָפֿן זוכן אַ צימער. „ס'עט דאַרפֿן זײַן אַ גוטער צימער ווו איך זאָל קאָנען זיצן פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת", האָט פינטשע זיך געחכמהט איבער זײַן אייגענעם גורל, „כ'האָב שוין נישט אין וואָס אַרויסצוגיין".

„אַ פליט קאָן קריגן לעדער אויף אַ פּאָר זוילן אין דער יידישער אַליינהילף, אַ שכנטע האָט עס מיר ערשט נעכטן געזאָגט", האָט מינדעלע אים געענטפערט.

„מע דאַרף אַזוי פיל מאָל לויפן אין דער אַליינהילף איידער מע באַקומט עפּעס, אַז ביז מע באַקומט די זוילן צערײַסט מען דערווײַל די שיך".

עס איז שוין געווען דער 30סטער אָקטאָבער, פינטשע איז ווידער אַהיימגעקומען מיט גאָרנישט. ער האָט זיך קוים אַרײַנגעשלעפּט אין זײַן שטוב. דער גוף שלאַבעריק, די אויגן אויסגעלאָשן. מינדעלע האָט שוין געהאַט פאַרפּאַקט אַ סך פון זייערע זאַכן, אָבער ווהין זיי אַוועק־צופירן איז נישט געווען.

„אויב ס'עט נישט זײַן קיין ברירה וועט מען זיך אַרײַנציִען צום זיידעשי", האָט מינדעלע געוואָלט באַרויִקן פינטשען. „כ'ווייס, בײַם זיידעשי זענען שוין דאָ מער פליטים ווי אין אַ פליטים־פונקט, אָבער וואָס קאָן מען זיך העלפן? די מלחמה וועט אייביק נישט געדויערן".

פינטשע האָט נישט געענטפערט. דאָס טאַקע האָט ער געוואָלט אויסמײַדן. אַז מע האָט נישט קיין אייגן ווינקל ווערט מען אויס מענטש. מינדעלעס עלטערע שוועסטער יִטע וווינט אויף פּאַנסקע בײַם זיידעשי. ס'איז גענוג אַ קוק צו טאָן אויף יִטען צו זען וואָס עס קאָן ווערן פון אַ מענטש. פון איר שיינקייט קיין זכר, דאָס קאָן מען פאַרשטיין, אויף איר פּנים ליגט דער חותם פון הונגער. איר פּנים איז געוואָרן קלענער — זי איז אין גאַנצן געוואָרן קלענער, נאָר איר נאָז איז געוואָרן גרעסער און די טאָרבעלעך אונטער די אויגן זענען געוואָרן גרעסער. ערגער נאָך ווי דאָס: זײַן שוואָגער, ברוך, האָט ער קיין מאָל נישט געהאַלטן פאַר צו אַ גרויסן חכם, אָבער יִטע איז געווען קלוג ווי איר מוטער און ווי מינדעלע. ווי אַזוי קאָן אַ קלוגער מענטש פּלוצלינג ווערן אַזוי תמעוואַטע? קאָן דאָס נישט־דערעסן משפּיע זײַן אויך אויפן קאָפּ? אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן!

ער מוז געפינען אַן אייגן צימער. אָן אַן אייגן ווינקל ווערט מען

אָן דעם אייגענעם פּרצוף־פּנים און יעדער שטיקל איניציאַטיוו. ברוך זוכט שוין אַפילו נישט קיין אַרבעט. ער האָט שוין שלום געמאַכט מיט לעבן אויפן זיידנס חשבון. כאָטש אַ זיידע, איז עס דאָך לחם־חסד, בפרט אַז דאָס געקעכץ פון איין טאָפּ דאַרף מען צעטיילן צווישן קנאַפּע דרײַסיק נפשות. ער וועט מאָרגן אַריבערפירן מינדעלען מיטן קינד אויף פּאַנסקע. ער וועט אַריבערפירן די זאַכן. אויב אַלץ וועט שוין זײַן בײַם זיידעשי וועט ער פאַרלירן יעדן שאַנס דער וווינונג־אַמט זאָל אים עפּעס געבן, און ער אַליין וועט מער נישט לויפן מיט דעם אייגענעם אימפּעט. ער איז מער נישט געגאַנגען צו בערעקן. בערעק זאָל נישט מיינען אַז ער האָט, חלילה, אַ טענה וועגן דער אויסגערונענער דירה אויף פראַנציִשקאַנער. אָבער ער מוז אָנקומען צו בערעקן. מיט אַזוי פיל באַקאַנטע, מיט זײַן השפּעה דאַרף בערעק קאָנען עפּעס אויפטאָן. ניין, ס'איז נישט בערעקס שולד וואָס ער האָט נאָך נישט קיין צימער. ער אַליין, ווען ער איז אַרומגעלאָפן זוכן, האָט זיך צו פיל געדונגען. ער וועט דינגען אָן אייגענעם צימער אַפילו ער זאָל דאַרפן פאַרקויפן דאָס לעצטע העמד.

צו מאָרגנס גאַנץ פרי האָט פּינטשע אָנגעלאָדנט עמושעס וועגעלע מיט עמושעס נייטיקסטע זאַכן אוועקצופירן עס אויף פּאַנסקע; מינדעלע האָט געזאָלט אוועקפאָרן מיטן טראַמוויי ערשט נאָך מיטאָג. ער איז אַרײַנגעקומען אין זיידנס הויז און זיך פאַרשעמט פאַרן וועלן דאָ אַרײַנקוועטשן נאָך אַ משפּחה. „ס'איז נאָר אויף דערווײַל", האָט ער אַלעמען פאַרזיכערט, „איך וועל באַקומען אַ צימער אַ ליאַדע טאָג, מע האָט עס מיר צוגעזאָגט".

פּינטשע איז געשטאַנען אויף דער טוואַרדע־גאַס און געוואַרט אויף אַ טראַמוויי צוריק־צופאָרן קיין פּראַגע ווען מע האָט אַנאָנסירט דורך די הילכערס אַז דער טערמין אַריבערצוציִען זיך אין געטאָ אַרײַן איז פאַרלענגערט געוואָרן ביז דעם 15טן נאָוועמבער. אויב אַזוי קאָן ער דאָך אַ לויף טאָן זוכן אַ דירה.

ער האָט געזאָגט מינדעלען אַז ער וועט באַלד צוריקקומען, מוז ער צוריקפאָרן, אַנישט וועט זי איבערקלערן. ער איז שוין געווען מיט איין פוס אויפן טרעפּל פון אַ טראַמוויי ווען זײַן שוואָגער, ברוך, האָט אים אָנגעיאָגט: „דער פאַן עפּשטיין האָט געקלונגען, ער וויל דו זאָלסט אים שוין טעלעפאָנירן אַהיים".

פּינטשע איז געלאָפן דורך די הייף פון טוואַרדע־באַזאַר וואָס פירט אַרויס אויף פּאַנסקע. ער איז געלאָפן איבער די טרעפּ און גלײַך אוועק

צום טעלעפאָן. מאַניע האָט געענטפערט, פינטשע האָט קוים געקאָנט אַרויסזאָגן די פּאָר ווערטער: „בערעק אין דער היים?"

„ער וואַרט אויף דײַן טעלעפאָן. אָט איז ער".

„דו האָסט שוין עפּעס?" האָט בערעק געפרעגט.

„דו מיינסט אַ דירה? ניין, כ'האָב נאָך אַלץ גאָרנישט".

„דאָס האָב איך טאַקע מורא געהאַט. פון וואַנען קלינגסטו?"

„פון פּאַנסקע".

„דו ווייסט וווּ מײַן טאַטע וווינט? יאָ? קום גלײַך צו, איך וועל דאָרט וואַרטן אויף דיר. דו ווייסט גאָר וואָס? דו וועסט דאָך פאַרבײַגיין לעשנע. קום אַרויף צון אונדז, איך וועל וואַרטן אויף דיר, מיר'ן צוגיין צוזאַמען".

פינטשע האָט געוואָלט פרעגן וואָס עס איז געשען בײַ שלומען, פאַר וואָס עפּעס דאַרפן זיי צוגיין צו בערעקס טאַטן. אָבער ער האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ער האָט נישט געוואָלט בערעק זאָל דערהערן אַז ער קאָן קוים אַרויסרעדן אַ וואָרט. ער האָט נאָר געזאָגט: „גוט", און אויפגעהאָנגען דאָס טרײַבל.

בערעק האָט געעפנט די טיר: „פינטשע? ווי אַזוי האָסטו באַוויזן אין אַ פּאָר מינוט, ביסט געלאָפן דעם גאַנצן וועג? קום אַרײַן, רו זיך אָפּ אַ מינוט. מע דאַרף זיך שוין נישט אײַלן, ס'איז פאַרלענגערט געוואָרן ביזן 15טן".

דאָס מיינט אַז בערעק האָט אים גערופן וועגן אַ דירה. ער האָט אונטערגעשאַצט בערעקן, ער איז דאָך אַן אמתער ידיד. עס זאָל זיך נאָר נישט אויסלאָזן ווי דאָס פריִערדיקע מאָל.

„האָסט שוין אָנגעביסן?" האָט מאַניע געפרעגט, „אפשר וועסטו עפּעס עסן מיט אונדז?"

„כ'האָב געגעסן אָנבײַסן איידער כ'בין אַרויס פון דער היים", האָט פּיטשע געזאָגט אַ ליגן.

„מיר עסן נישט אַזוי פרי. אַ גלאָז באַוואַרקע וועסטו טרינקען מיט אונדז, יאָ?"

„אַ קראַנקן פרעגט מען, אַ געזונטן גיט מען", האָט בערעק געענטפערט אָנשטאָט פינטשען. „דו ווונדערסט זיך אַוודאי צו וואָס כ'האָב דיך גערופן. אַ דירה, פאַרשטייט זיך. אויף נאַוואָליפּיע 53".

„אין דעם הויז וווּ דײַן טאַטע וווינט?"

„אין מײַן טאַטנס דירה".

„מיר קאָנען וווינען אין דער קיך און דײַן טאַטע אין דער שטוב, און, פאַרשטייט זיך, זיך באַנוצן אויך מיט דער קיך. כ'על ווײַטער זוכן...״

„דו וועסט וווינען אין דער גאַנצער דירה״.

„און דײַן טאַטע?״

„דער טאַטע וועט זיך אַרײַנצי͏ִען דאָ, צו מיר״.

פינטשעס אויגן זענען פול געוואָרן מיט טרערן פון גערירטקייט.

„מאַניע איז מסכים?״

„וואָס פאַר אַ פראַגע?״

„בערעק, כ'ווייס נישט וואָס צו זאָגן״.

„מאַך נישט קיין צימעס דערפון, ס'איז אַ פשוטע אויסרעכענונג. אַז מיר וועלן נישט אַליין עמעצן אַרײַננעמען וועט מען סײַ ווי עמעצן אַרײַנזעצן. זעסט אַלעקס שטוב? מע קאָן אויסהאַקן אַ טיר צום קאָרידאָר און ס'וועט האָבן אַ באַזונדערן אַריינגאַנג. אַלעק קאָן שלאָפן צוזאַמען מיט אונדז. צו ערשט האָבן מיר געטראַכט דו זאָלסט אַרײַנקומען אַהער, אָבער, דו ווייסט דאָך, פאַר אַ קינד דאַרף מען אַ סך קאָכן, וואַשן, און דאָ וועט מען קאָנען אַרײַנשטעלן נאָר אַ גאַזפּײַערקע מיט איין אָדער צוויי ברענערס. דאָס איז מאַניעס אײַנפאַל, דעם צימער צו געבן דעם טאַטן און דיר זײַן דירה״.

קיוועס דירה פון איין צימער און אַ קיך איז געווען אַ פּאַלאַץ קעגן דעם וואָס פינטשע האָט געהאַט אין פּראַגע. מינדעלע האָט גאָר נישט דערוועגט זיך צו חלומען וועגן אַזאַ לוקסוס. אָבער די דירה האָט זיך געפונען אין הויף איבער דעם בית־הכסא און איבער דעם אַלגעמײנעם מיסטקאַסטן. מע האָט איצט אויך נישט צו אָפּט אַרויסגענומען דאָס מיסט פון די ייִדישע הייף, וואָס וועט שוין זײַן ווען עס וועט זײַן אַ געטאָ? אָבער עס איז אַלץ בעסער ווי וווינען בײַ יענעם.

פינטשע איז איצט יעדן טאָג געגאַנגען צו פוס פון זײַן דירה אין פּראַגע צו זײַן נײַער דירה אין וואַרשע. ער האָט געשטופּט פאַר זיך עמושעס וועגעלע אָנגעלאָדנט מיט זײַנע חפצים. עס איז נישט מעגלעך געווען צו דינגען אַ וואָגן אַריבערצופירן אַלע זײַנע זאַכן מיט אַ מאָל, אַפילו פאַר אַ האַנט־וועגעלע האָט מען באַדאַרפט באַצאָלן אַ פאַרמעגן. אַפילו דינגען אַ טרעגער איז געווען איבער פינטשעס יכולת. אַלע טרעגערס האָבן געמאַכט יד־אחת און געפאָדערט דרײַסיק זלאָטעס פאַר אַראָפּטראָגן אַ פּעקל פון די טרעפּ. קיין מיסחר איז נישטאָ, איז קיין אַרבעט נישטאָ. דאָס אַריבערצי͏ִען זיך אין געטאָ אַרײַן איז אַ געלעגנ־

הייט וואָס וועט זיך אַזוי שנעל נישט איבערחזרן. אַז מע האָט אַליין אַראָפּגעטראָגן די פּעקלעך אין טויער אַרײַן האָבן די טרעגערס צוגע־כאַפּט די פּעקלעך און געפּאָדערט אויסלייזגעלט. עס איז געוואָרן אַ הפקרות נישט צום אויסהאַלטן. ווען וועט דער יידנראַט שוין אײַנשטעלן די געטאָ־פּאָליציי? זיי זוכן טויזנט פּאָליציאַנטן, זאָלן זיי דערווײַל אָנהייבן מיט וואָס זיי האָבן.

פּינטשע האָט אַריבערגעפירט זײַנע זאַכן אויף נאַוואָליפּיע כאַטש שלום עפּשטיין האָט נאָך דאָרט געוווינט. זײַן צימער אין בערעקס דירה איז נאָך אַלץ נישט געווען פּאַרטיק און פּינטשע האָט נאָך געקאָנט בלײַבן אין פּראַגע ביז דעם 15טן. פון שלומען האָט פּינטשע זיך דער־וווּסט אַז די דירה איבער דעם מיסטקאַסטן איז אַ מאָל געווען דעם סטרוזשס דירה. די דירה איז געבליבן ליידיק ווען דער ווירט איז געוואָרן דער סטרוזש פון זײַן אייגן הויז. איצט טוען עס אַ סך הויזווירטן; דער בעל־הבית פון נאַוואָליפּיע 53 האָט עס געטאָן באַלד בײַם אָנהייב מלחמה. האָט ער געהאַט אַזאַ ווײַטן בליק, אָדער איז ער נאָך דעמאָלט געבליבן אָן פּרנסה? ער האָט געוווינט אין זײַן פּאַרמלחמהדיקער דירה, אָבער אַרײַנגענומען צוויי סובלאָקאַטאָרן. ער האָט געהאַט אַן אַרויס־העלפער וואָס האָט געטאָן די שמוציקע אַרבעט, אָבער ער האָט געהאַט דעם טיטל „דאָזאָרצע", סטרוזש. דאָס האָט אים באַשיצט קעגן געכאַפּט ווערן צום אַרבעט, קעגן אָוועקגעשיקט ווערן אין אַן אַרבעט־לאַגער, און אַרײַנגעברענגט אַ פּאָר זלאָטעס אויך.

אַז עס פּאַסט דעם הויזווירט פון נאַוואָליפּיע 53, פּאַר וואָס זאָל ער נישט ווערן אַ סטרוזש? אפשר האָט נאָך בערעק אַ מעגלעכקייט אים צו מאַכן פּאַר סטרוזש פון זײַן הויז אויף פּראַנצישקאַנער?

פּינטשע איז געלאָפן צו בערעקן מיט זײַן נײַער אידיי. דער פּוילישער סטרוזש פון בערעקס הויז האָט שוין געהאַט פּאַרקויפט אַפילו דעם סטרוזש־אַמט און בערעק האָט זיך נישט געקאָנט העלפן. אָבער ער האָט געהאַט אַן אידיי: זאָל פּינטשע ווערן אַ פּאָליציאַנט. זײַן זיידע, דער פּרינסקער רב, האָט זיכער אַ ביסל השפּעה אין יידנראַט; ער, בערעק, קאָן אויך עטלעכע וואָס זיצן בײַ דער שיסל. „דו וועסט זײַן אין גוטער געזעלשאַפט, די וואָס זענען שוין אָנגענומען זענען אַלע אַדוואָקאַטן, עטלעכע זענען מײַנע חברים פון סטודענטן־פּאַרבאַנד. יידן זענען איצט אָן געשעפטן און אָן רעכט, איז די אַדוואָקאַטן־פּראָפעסיע אין גאַנצן אָן אַרבעט".

„וואָס וועט זײַן דער געהאַלט פון אַ פּאָליציאַנט?"

„דאָס ווייסט מען נאָך נישט. אָבער וויכטיקער פון געהאַלט איז דאָס וואָס אַ פּאָליציאַנט וועט זײַן פרײַ פון אַלע כאַפּעניש ן".

„דאָס וואָרט 'פּאָליציאַנט' האָט אַ בײַגעשמאַק".

„ס'איז אַ סברא אַז עס וועט גאָר נישט הייסן פּאָליציי, עס וועט הייסן 'אָרדענונגס־דינסט'".

פּינטשע איז אַוועק אויף פּאַנסקע פרעגן אַן עצה. דער שווער האָט געפּרעגט זײַן שווער. דער פּרינסקער רב האָט אַ גלעט געטאָן זײַן ווײַסע באָרד און געטענהט מיט אַ גמרא־ניגון: דער יידנראַט וועט טאַקע זײַן די אָפיציעלע מאַכט פון געטאָ, אָבער די באַפעלן וועלן ווײַטער קומען פון די דײַטשן. מע וועט עס טאַקע רופן 'אָרדענונגס־דינסט', אָבער די שאלה איז וואָס הייסט בײַ די דײַטשן 'אָרדענונג'? שוין הײַנט איז דער יידנראַט מחויב צוצושטעלן צוואַנג־אַרבעטער, אײַנמאָנען קאָנטריבוציעס. דער שׂכל איז מחייב אַז אויב עמעץ וועט זיך אַקעגנשטעלן דעם יידנראַט וועט מען נוצן די פּאָליציי. קומט אויס לפי־זה אַז דער יידנראַט וועט זײַן די בײַטש פון די דײַטשן, און דער פּאָליציאַנט די בײַטש פון יידנראַט. ביסטו גרייט צו דעם, פּינטשע?"

„חס־וחלילה! זאָל דער אייבערשטער אָפּהיטן. די הילף וועט שוין דאַרפן קומען פון אַן אַנדערן מקור".

אַ טאָן קוילן קאָסט שוין אַ טויזנטער. מעדיקאַמענטן איז שווער צו באַקומען. מע זאָגט אַז ווען אין לאָדזשער געשלאָסענעם געטאָ האָט אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע פון דיסענטעריע, מע האָט אַוועקגעגעבן אַ בריליאַנטענעם רינג פאַר איין לעפל ריצנאייל.

ג.

ווען פּינטשע האָט זיך אַרײַנגעצויגן אויף באַוואָליפּיע איז די שטימונג דווקא געווען אַ הײַטערע. ווי לאַנג איז עס זינט דער „נאָווי קוריער וואַרשאַווסקי", די פּוילישע צײַטונג וואָס די דײַטשן האָבן אַרויסגעגעבן, האָט געמאָלדן אַז דעם 28סטן אָקטאָבער איז איטאַליעניש מיליטער אַריבער די גרענעץ פון אַלבאַניע קיין גריכנלאַנד. עטלעכע טעג האָט דאָס בלעטל געטראָמייטערט וועגן די איטאַליענישע גבורות און פּלוצלינג איז שטיל געוואָרן. דאָס האַרץ האָט געציטערט. נאָך די אַנטוישונגען אין נאָרוועגיע און אויפן מערב האָט מען שוין מורא געהאַט צי עס קומט

נישט אַ נײַע מפּלה פֿאַר די פֿרײַע לענדער. עס איז געווען סך־הכּל אַ וואָך נאָכן אָנהייב פֿון דער איטאַליענישער אַגרעסיע און ראַדיאָ־לאָנדאָן האָט שוין געמאָלדן אַז די גריכן שלאָגן צוריק די איטאַליענישע אַטאַקעס. אפשר איז דאָס שוין דער אָנהייב פֿון סוף? די שטימונג בײַ די דײַטשן מוז זײַן נישט געהויבן אַז זיי זענען נישט מדקדק וועגן דעם פֿאַרווער אַז ייִדן זאָלן מיטנעמען זייער מעבל אין געטאָ אַרײַן. פֿינטשע האָט סײַ ווי צעשרויפֿט און צענומען וואָס נאָר ער האָט געקאָנט מחמת ער האָט אַלץ געמוזט פֿירן אויף אַ קינדער־וועגעלע. ווען ער האָט געפֿירט אַ גרויס שטיק, ווי די פּלאַטע פֿון טיש, אָדער אַ זײַטנברעט פֿון בעט, איז אים טאַקע אָנגעקומען שווער. יעדער מאָל וואָס די משׂא האָט זיך איבער־געדרוקט און אַריבערגעוויגן אויף איין זײַט האָט דאָס וועגעלע זיך איבערגעקערט. ביז ער איז אָנגעקומען פֿון פּראַגע צו נאָוואָליפּיע האָט ער קוים געקאָנט באַוועגן מיט אַן אבר. איין מאָל האָבן די רעדער פֿון וועגעלע, ווי פֿון זיך אַליין, זיך אַ דריי געטאָן און אַרויף אויף די שינעס גראָד ווען אַ טראַמווײַ איז אָנגעפֿאָרן. דאָס גרעסטע אומגליק האָט געקאָנט געשען ווען ער האָט אַריבערגעפֿירט די גרויסע הילצערנע באַליע. די באַליע האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פֿון וועגעלע, געקאָלערט זיך איבער דער גאַס און שיִער נישט אַרויף אויף אַ פֿאַרבײַגייענדיקן דײַטש. דער נס איז געווען וואָס די אײַזערנע רייף האָט געפּלאַצט און די באַליע איז זיך צעפֿאַלן אויף איינצלנע ברעטלעך. פֿינטשע האָט געהאַט אַ ווייטיק אין די קריזשעס, אַ ווייטיק אין דער פּלייצע ווי עס וואָלט דאָרט געווען אַ לאָך, און געמוזט זיך באַגיין אָן אַ שפּאַר ביסל בייטיקע שטובזאַכן. זיי זענען געבליבן אין פּראַגע.

דער 15טער נאָוועמבער, דער לעצטער טאָג אַרויסצוציִען זיך פֿון די אַרישע גאַסן, איז געפֿאַלן אין אַ פֿרײַטיק. ס'איז געווען אַ גרויער ערב־שבת און עס איז געווען חושכדיק אויפֿן געמיט. האָבן די דײַטשע נגישות שוין דערגרייכט דעם מאַקסימום, אָדער איז דאָס אָן ערב פֿון אַ נײַער ערע מיט נאָך גרעסערע נגישות? צענדליקער טויזנטער ייִדן זענען נאָך אַלץ געווען אויסערן געטאָ. איבער די בריקן פֿון פּראַגע, איבער די גאַסן פֿון וואַרשע האָבן זיך געצויגן לאַנגע קאָלאָנעס ייִדן מיט זייערע געפּעק. האַנטוועגעלעך, קינדער־וועגעלעך, אַפֿילו מתים־וועגעלעך זענען געווען איבערגעלאָדן מיט געפּעק. דער טאַטע איז געווען אײַנגע־שפּאַנט אין דעם וואָגן און די משפּחה האָט אונטערגעשטופּט פֿון הינטן. אויף אַלע וועגן זענען געבליבן ליגן זאַכן וואָס זענען אַראָפּגעפֿאַלן, אָדער וואָס מע האָט אַראָפּגעוואָרפֿן מחמת די משׂא איז געווען איבער די כּוחות.

אַ ראָד האָט זיך צעבראָכן אונטער דער לאַסט, אָדער אַן אָקס פון וואָגן, אָדער דער מענטש וואָס האָט געשלעפּט איבער די כּוחות האָט צוזאַמענ־געבראָכן. די משפּחה איז געבליבן שטיין איבער דעם איבערגעקערטן וועגעלע און געוואַרט עמעץ זאָל זיי העלפן. אָבער אַלע זענען געווען איבערגעלאָדן מיט זייערע אייגענע פּעקלעך. טייל האָבן געטראָגן אויף די פּלייצעס אַזעלכע גרויסע פּעק אַז מע האָט נישט אַרויסגעזען דעם טרע־גער, ווי די פּעק וואָלטן געגאַנגען אויף אייגענע פיס. דער קורצער נאָוועמבער־טאָג איז שנעל פאַרפאַלן געוואָרן. ערגעץ אין דער פרייַער וועלט האָבן ייִדן שוין געצונדן שבת־ליכט און דאָ האָט מען נאָך געבראָכן די רוקנס צו ברענגען דאָס בייטיקסטע אין דעם נייַעם מקום־מיקלט. אין אימפּראָוויזירטע מנינים האָט מען אויפגענומען דעם שבת מיט געזאַנג, און מיט די ווערטער פון די תּפילות פאַרשריגן די ספקות וואָס האָבן געעקבערט אין מוח און גענאָגט אין האַרץ. הינטער די תּפילות און געזאַנגען איז געבליבן שאַרף און לויערנדיק די מורא: וואָס וועט ברענ־גען דער מאָרגנדיקער טאָג ?

שבת צו נאַכט איז מען נאָך אין אַ סך שטובן געשלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע, מע האָט נאָך נישט באַוויזן אויסצומעסטן און אויסצורעכענען ווו אָוועקצושטעלן אין איין קליינער שטוב אַזוי פיל בעטן. זונטיק האָט מען זיך שוין געשושקעט אַז עס איז גוט, אַז אויף די פראָנטן געשעען נסים. פינטשע איז אָוועק אין באַזאַר אויף נאָוואָליפּיע 23, ער האָט באַדאַרפט אַ פּאָר אייַזערנע נעגל צו רעכט צו מאַכן זייַנע צעבראָכענע שטיקער מעבל. אין דעם ערשטן הויף פון באַזאַר איז געשטאַנען אַ בעטלער און געפּלאָכטן גראַמען פון חוזק וועגן די שונאים: „אוי, מוסאָ־לינע, ביסט דאָך אַ שוויניע (חזיר), אוי, דוטשע, ביסט נעבעך קאַפּוטשע. אויך דו, היטלער, וועסט באַלד דאַרפן אַ פאַרמיטלער, און דייַן ריבענטראָפּ־אַ בראָך אויף זייַן קאָפּ".

פינטשע האָט געלאַכט פון די אומבאַהאָלפענע גראַמען, אָבער אין דעם גראַמען פלעכטערס היטל זענען געפאַלן מטבעות, ייִדן דאַרפן אַ ביסל האָפענונג.

ווען פינטשע האָט שפּעטער געהערט פון בערעקן די לעצטע נייַעס פון ראַדיאָ־לאָנדאָן, האָט ער געגומען טראַכטן אַז דער אָרעמער בעטלער פון באַזאַר האָט געוווסט די נייַעס פריִער ווי ער. די איטאַליענער זענען געלאָפן צוריק, די גריכן האָבן זיי צוריקגעיאָגט אַריבער דער גרענעץ פון אַלבאַניע און ווייַטער. ווען ער איז צוריקגעקומען אַהיים איז אין טויער געשטאַנען אַ רעדל קיביצערס. אַ שכן האָט קאָמענטירט די לעצטע

ידיעות: „די איטאַליענער זענען נישט קיין דאַנקפּולע מענטשן. די גריכן האָבן זיי געגעבן אַ ‚פּײַערלעכן׳ קבלת־פּנים און זיי האָבן זיך גאָר אויס־געדרייט צו די גריכן מיטן רוקן״.

„מיט וואָס זענען די איטאַליענער געגליכן צו גאָט?״ האָט געפרעגט אַן אַנדערער שכן.

„נו מיט וואָס?״

„גאָט האָט געזאָגט צו משהן: דו קאָנסט זען מײַן רוקן, מײַן פּנים קאָנסטו נישט זען. די איטאַליענער זאָגן דאָס צו די גריכן״.

עולם האָט געלאַכט און פּינטשע האָט געטראַכט: נקמה פון דעם שוואַכן... זיי זענען נאָך געשטאַנען אין טויער ווען עס איז אַרײַנגעקור־מען אַ הויפזינגער מיט אַ שפּאָגל נײַ לידל: „גרעקאָ באַנדיטאָ, מוטשאָ פּערדיטאָ, פּופּאָ פּאַביטאָ בעניטאָ״. פון דעם גאַנצן פּיזמון האָט פּינטשע נאָר פאַרשטאַנען אַז „פּאַביטאָ בעניטאָ״ מיינט: בעניטאָ איז געשלאָגן. „פּאַביטאָ״ קלינגט פּויליש, זענען די אַנדערע ווערטער איטאַליעניש? גריכיש? עס קאָן זײַן אַז די ווערטער זענען סתם גראַם־שטראַם, אָבער עס קלינגט גוט.

מע האָט זיך געקוויקט מיט בשׂורות פון פראָנט און געזאָגט סברות וועגן אַ שנעלן נצחון. דער שטענדיקער מרה־שחורהניק זילבערשטיין איז צוריקגעקומען פון גאַס און באַלד צעשטערט די גאַנצע הײַטערקייט.

„כ׳קום פון קינאָ ‚ספּלענדיד׳, האָט זילבערשטיין דערציילט״.

„מ׳האָט אויפגעריכט די ‚ספּלענדיד׳? אַ קינאָ אין געטאָ, עץ הערט?״ איז ברוכל שוין גרייט געווען עס אָנצונעמען ווי אַ גוטע בשׂורה. „וואָס שפּילט?״

„וואָס עס שפּילט? עס שפּילט זיך אָפּ אַ טראַגעדיע. אַ סך האָבן נישט באַוויזן צו געפינען דירות און זענען געבליבן דרויסן נאָכן טערמין; אין פּראַגע, אין פּאַוואָנזעק, אַ סך משפּחות געבליבן״.

„וואָס איז געשען?״ האָט מען זיך דערשראָקן. זיי סטראַשען דאָך אַז יעדער ייִד וואָס וועט בלײַבן אויסערן געטאָ נאָכן טערמין וועט דערשאָסן ווערן.

„וואָס ס׳איז געשען? די פּוילישע פּאָליציי באַגלייט פון דײַטשן האָבן נאָך נעכטן באַלד אין דער פרי זיך גענומען ‚אויסרייניקן׳ די גוייִשקע גאַסן. נאַקעט און בלויז האָט מען זיי אַרײַנגעטריבן אין משאַ־וואָגנס וואָס האָבן זיי אַרײַנגעפירט אין געטאָ און אַרויסגעוואָרפן אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ״.

„נעכטן נאָך?״

„די נייַעס פון גריכישן פראָנט ווייסט מען דאָ אפשר נאָך איידער עס געשעט, אָבער אַז הונדערטער אָרעמע משפחות האָבן נעכטן גענעכ־טיקט אויף די טרעפּ אין די הײַזער אויף מוראַנאָווער פּלאַץ, ווייסט מען דאָ גאָר נישט״.

„ווו איז דער יודנראַט? וואָס טוט די אַליינהילף?״

„מע טוט וואָס מע קאָן. אין ליידיקע טאַנצזאַלן, אין קינאָ ׳ספּלענדיד׳ בויט מען הילצערנע פּריטשעס, מע וועט דאָרט אַרײַנפּאַקן מענטשן ווי הערינג אין אַ פּאַס״.

פון די פאַנטאַזיעס וועגן ישועות אויף די פראָנטן איז מען גיך צוריק־געקומען צו דער געטאָ־רעאַליטעט. נישט נעכטן און נישט הײַנט האָט מען אַרויסגעפירט די יידישע פּלאַצוווקעס צו זייער אַרבעט אויסערן געטאָ, בײַ די געטאָ־טויערן שטייען חוץ די יידישע אָרדענונג־דינסטלערס אויך דײַטשן און פּוילישע פּאָליציאַנטן. וואָס מיינט דאָס אַלץ? וועט דאָס געטאָ זײַן אַן אָפּגעשלאָסענע תּפיסה ווי אין לאָדזש?

„אַפילו די דײַטשן זאָגן נישט אַז עס איז אַ געטאָ, זיי רופן עס ׳יידישער ווינפערטל׳ ״.

„וואָס באַווײַזט דאָס?״

„דאָס באַווײַזט אַז זיי האָבן נישט בדעה עס צו פאַרוואַנדלען אין אַ געטאָ״.

„אפשר קאָנט איר מיר דערקלערן דעם אונטערשיד פון אַ אָפּגעשלאָ־סענעם ווינפערטל ביז אַ געטאָ?״ האָט זילבערשטיין געפרעגט מיט איראָניע.

„טאָ פאַר וואָס רופן זיי עס דווקא ווינפערטל?״

„פאַר אויסלאַנד קלינגט ווינפערטל נישט אַזוי שלעכט ווי געטאָ״.

דאָ האָט זיך שוין פינטשע אַרײַנגעמישט אין שמועס: „דאָס וואָס איר זאָגט, פּאַניע זילבערשטיין, איז גאָר גוטע נײַעס. אויב די דײַטשן רעכענען זיך מיט אויסלאַנד איז גוט. אויב עס גייט זיי אין לעבן אַז וואָס זיי טוען דאָ זאָל קלינגען גוט אין אויסלאַנד, וועלן זיי נישט אויסהונ־גערן די יידן דאָ״.

„און לאָדזש? פאַר וואָס האָבן זיי נישט קיין מורא אויסצוהונגערן די יידן אין לאָדזש?״

„פאַר וואָס רופן זיי עס ׳געטאָ׳ אין לאָדזש און דאָ דווקא וווינ־פערטל?״ האָט פינטשע צוריקגעפרעגט מיט אַ גמרא־ניגון, „ווײַל לאָדזש איז לאָדזש און וואַרשע איז אין צענטער פון פּוילן, און אַלץ וואָס עס טוט זיך אין וואַרשע ווייסט מען באַלד אין לאָנדאָן. דאָ ליגט אײַער

ענטפער און דער שׂכל איז מחייב אַז דאָ וועט נישט זײַן, חלילה, אַזוי שלעכט ווי אין לאָדזש״.

„אין די געוועלבער פעלט שוין אויס ברויט״, האָט אַ שכן געבראַכט אַ ידיעה און עולם איז געלאָפן זיך שטעלן אין די לאַנגע רייען צו די געוועלבער. ווער ווייסט וואָס עס וועט אויספעלן מאָרגן? די פּרײַזן שפּרינגען אַרויף מיט משוגענער שנעלקייט, פון שעה צו שעה. אַ וואַק־כאַנאַליע פון יקרות!

פּאַר אַן אָפּצאָל פון פינעף זלאָטעס אַ שטיק האָט דער יודנראַט געזאָלט אַרויסגעבן איינמאָליקע דערלויבענישן אַרויסצוגיין פון געטאָ. דערווײַל האָט מען די דערלויבענישן נישט פאַרקויפט אַפילו צו די דאָק־טוירים און קראַנקן־שוועסטערס וואָס האָבן געדאַרפט גיין אין יידישן שפּיטאָל אויף טשיסטע־גאַס וואָס איז געבליבן אויסערן געטאָ. מאַכט די יודנראַט ביוראָקראַטיע־שוועריקייטן אָדער איז עס אַ גזירה פון אויבן? די גרויסע שישקעס אין יודנראַט פאַרזיכערן אַז דאָס געטאָ וועט נישט ווערן געשלאָסן.

דאָס געטאָ איז ענג, שווער אַדורכצוגיין אַ גאַס, אַזוי זענען די גאַסן אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן. דאָ און דאָרט זעט מען פאַרבײַגייערס אָן די יידישע אָרעם־בינדעס, פּאָליאַקן זענען געקומען זיך זען מיט זייערע יידישע פרײַנד. מע זאָגט אַז עס זענען געווען אַ סך פאַלן ווען פּאָליאַקן האָבן געשיקט בלומען אין געטאָ אַרײַן צו זייערע געוועזענע יידישע שכנים. אַ סך פּאָליאַקן זענען געווען מער פּראַקטיש און געבראַכט ברויט. נאָך די אַלע אַנטי־יידישע עקסצעסן איז גוט צו זען אַז נישט אַלע פּאָליאַקן זענען אַנטיסעמיטן. די צרה איז וואָס די לאָבוזעס זעען זיך אַלע מאָל אָן און די אָרנטלעכע זענען צו פּאַסיוו.

אויך בערעק עפּשטיין האָט געהאַט אַ גאַסט וואָס איז געקומען פון יענער זײַט מויער. דער סטרוזש פון זײַן הויף אויף פראַנצישקאַנער, וואָס האָט שוין אַ וואָך צײַט געווינט אין זײַן נײַער דירה אויסערן געטאָ, איז צוריקגעקומען מיט אַ טענה: סײַ ווי האַלט אים דער יונגער פּאַן פּאַר אַ ראַבושניק, פּאַר וואָס זאָל ער נישט באַקומען אַ חלק פון דער סחורה וואָס ער האָט פּאַרמויערט מיט זײַן מי און שווייס? ער האָט געפּאָדערט אַ חלק פון אַלעם וואָס ליגט אין קעלער. ער קאָן נישט נעמען אַלץ אויף איין מאָל, ער וועט קומען יעדן טאָג און יעדן טאָג נעמען אַ פּעקל.

„אפשר איז בעסער אַזוי", האָט בערעק געטרייסט מאַניען. „אַז ער וועט נעמען וועט ער מוזן שווייַגן נישט צו פאַרלירן זייַן חלק. אָבער דאָס איז נישט זייַן קאָפּ. עמעץ העצט אים, ווער ווייסט וואָס דעם העצער קאָן איינפאַלן".

„אפשר קאָן זיגי העלפן ?"

„דער גוי ווייסט נישט אַז אונדזער דייַטשער 'טרויהענדער' איז 'בלאַט'. צו וואָס גורם זייַן ער זאָל זיך דערוויסן נאָך אַ סוד ? אָבער... עפּעס מוז מען טאָן. עס איז די טבע פון שאַנטאַזשיסטן אַז וואָס מער מע גיט זיי, אַלץ מער פאָדערן זיי. וואָס טוט מען אָפּצושטעלן דעם שאַנטאַזש ?"

„וואָס טאַקע ?"

„כ'האָב אַן אייַנפאַל, טאַקע זיגי רויטער".

„דאָס האָב איך דאָך באַלד געזאָגט".

„ביסטו טאַקע אַ חכמה".

„וועסט אים יאָ אַרייַנמישן ?"

„כ'וועל עס טאָן אַזוי : מ'עט עפענען דעם קעלער און איך וועל געבן דעם גוי אַ פּעקל סחורה — איין פּעקל וועל איך אים לאָזן אַרויסטראָגן, כדי דאָס וואָס וועט געשען בייַם צווייטן פּעקל זאָל אויסזען עכט".

„און וואָס וועט געשען בייַם צווייטן פּעקל ?"

„דאָס מוז איך נאָך איבעררעדן מיט זיגין".

„אָבער דו האָסט דאָך עפּעס אַ פּלאַן ?"

„ווען איך וועל געבן דעם סטרוזש דאָס צווייטע פּעקל וועט דער דייַטשער טרויהענדער אונדז כאַפּן אויף דער הייסער מינוט און שרייַען אַז ער וועט אונדז ביידן אַרעסטירן. ער וועט אַזוי אָנשרעקן דעם גוי אַז יענער וועט אָנמאַכן פולע הויזן. איך וועל זיך בעטן רחמים בייַם דייַטש און ערשט נאָך מייַנע תחנונים וועט ער אונדז באַפרייַען".

„כ'האָב מורא, בערעק".

„דו מיינסט אַז איך האָב נישט קיין מורא ? כ'מוז עפּעס טאָן טאַקע ווייַל כ'האָב מורא פאַר דעם גוי. כ'וועל זיך נאָך איבערלייגן, כ'וויל הערן וואָס זיגי וועט זאָגן. אפשר וועט מען אים לאָזן אַהיימנעמען צוויי פּעקלעך ער זאָל האָבן וואָס אָנצוווערן. מע מוז די זאַך גוט אויספּלאַנירן".

ווי נאָר מע האָט אַרויסגעריסן די ערשטע ציגל פון דעם פאַר־מויערטן אַרייַנגאַנג צום קעלער מיט לעדער, האָט אַ שלאָג געטאָן צו דער נאָז אַ ריח פון נבלה. וואָס מער ציגל מע האָט אַרויסגעריסן אַלץ

גרעסער דער געשטאַנק. ווען מען איז אַרײַן אין קעלער האָט עס געשלאָגן צו דער נאָז ביז צום חלשן. עס האָבן דאָ געפּגרט עטלעכע ראַצן, האָט בערעק זיך געוואָלט טרייסטן. אָבער ער האָט גיך געזען דעם חורבן. עס איז אַרײַנגעקומען פײַכטקייט און דאָס לעדער פוילט.

„דאָס בעסטע לעדער", האָט בערעק געקלאָגט אַן קול, „יאָרן נאָך דער מלחמה וועט מען נאָך נישט קאָנען פּראָדוצירן אַזאַ לעדער, אַ פאַרמעגן פוילט!"

בערעק האָט געשוויגן אַ לאַנגע ווײַלע, אַ היסטעריש געלעכטער האָט פּלוצלינג אַרויסגעבראָכן פון זײַן קעל אין קאָנוווּלסיעס. דער סטרוזש איז געבליבן שטיין צעחושט.

בערעקס לאַכן האָט זיך איבערגעריסן אַזוי פּלוצלינג ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן. ער האָט אַ שלעפּ געטאָן דעם סטרוזש נענטער צו דער סחורה און אַ ווײַז געטאָן: „זאָל דער פּאַן נעמען זײַן חלק, זאָל דער פּאַן נעמען אַלץ! דער פּאַן האָט עס דאָ אַרײַנגעבראַכט מיט זײַן שווייס". בערעק האָט נישט געלאָזט דער סטרוזש זאָל פאַרשטעלן זײַן נאָז: „דעם פּאַנס שווייס האָט עס געגעבן אַזאַ ריח, זאָל דער פּאַן שוין די מינוט אַלץ צונעמען!"

דער סטרוזש האָט זיך אַרויסגעריסן פון בערעקס הענט און איז אַנטלאָפן.

ד.

אין דער זעלביקער אַפּיצינע וואָס פּינטשע, נאָר אַ שטאָק העכער, האָט געוווינט די פּאַני צעלינאַ, אַ קראַנקן־שוועסטער, און איר מאַן לודוויק, אַ נישט־געענדיקטער דאָקטאָר־וועטערינאַר. זיי האָבן ביידע געאַר־בעט אין יידישן שפּיטאָל, אָבער שבת און זונטיק האָט מען זיי נישט אַרויסגעלאָזט צו דער אַרבעט. מאָנטיק האָבן זיי שוין באַקומען צעטעלעך פון יידנראַט וואָס האָט זיי דערלויבט אַרויסגיין פון געטאָ. די דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטערס האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, און צוזאַמען אַרײַן אין אַ טראַמווײַ וואָס האָט זיי געדאַרפט ברענגען אין שפּיטאָל. בײַם געטאָ־טויער האָבן די דײַטשן פאַרהאַלטן דעם טראַמווײַ און באַפוילן אַלעמען אַרויסגיין. מער ווי אַ שעה צײַט האָבן די דײַטשן געצוווּנגען די יידן צו מאַכן גימנאַסטיק. ווען זיי זענען אָנגעקומען אין שפּיטאָל אויס־געפּרווירן און מיט שטײַפע גלידער האָבן זיי שוין סײַ ווי נישט געקאָנט

טאָן צו פיל אַרבעט. די קראַנקע זענען שוין דעם דריטן טאָג געווען אָן מעדיצינישער הילף.

ביַים געטאָ־טויער אויף לעשנע און ראָג זשעלאַזנע האָט די דיַיטשע וואַך פאַרהאַלטן אַ פּלאַצוווקע וואָס איז געווען אויפן וועג צו דער אַרבעט אויסערן געטאָ. די דיַיטשן האָבן געהאַט אָנגעגרייט אַ קופּע ציגל, אָדער האָבן די ציגל זיך דאָרט געפונען על־פּי צופאַל. יעדער פון די פּלאַצוווקאַ־זשעס האָט געמוזט נעמען אַ רויטע ציגל אין זיַין רעכטער האַנט און אַ גרעסערע און שווערערע צעמענט־ציגל אין זיַין לינקער האַנט און מיט די די ציגל אין די הענט מאַכן גימנאַסטיק. דאָס אויפהייבן זיך פון אַ זיץ־פּאָזיציע מיט די ציגל אין די הענט איז געווען גענוג שווער. דאָס וואָס די ציגל אין דער לינקער האַנט האָט געוויגן אַזוי פיל מער האָט די אַרבעטערס אַרויסגעשלאָגן פון גליַיכגעוויכט. אַז עמעץ איז געפאַלן האָבן די דיַיטשן אים באַהאַגלט מיט קלעפּ.

אַ ניַיע כוואַליע פון רשעות און שלאָגן ייִדן. איז עס נאָר אַ צופאַל, אָדער קומט עס דורך אַ באַפעל פון אויבן?

אין פּינטשעס הויף איז אָנגעקומען אַ יונגער־מאַן וואָס איז אַנטלאָפן פון אַן אַרבעטלאַגער. אויב דאָס וואָס ער דערציילט איז אמת, איז עק וועלט! מען אַרבעט שווער ביַים גראָבן גריבער, זעגן האָלץ, שטופּן איַיזערנע טאַטשקעס אָנגעלאָדן מיט שטיינער אָדער צעמענט. דאָס עסן איז אַ שיטערע זופּ דריַי מאָל אַ טאָג. ס'איז גיכער אַ ביסל מוטנע וואַסער ווי אַ זופּ. אויב מע געפינט אין דער שיסל אַ צוויי גרויפּן איז עס אַ גרויסע מציאה. די מלבושים זענען צעשליסן געוואָרן ביַי דער אַרבעט. מע טאַפּטשעט אין די בלאָטעס אין צעריסענע, אַדורכגענעצטע שיך. אויב די שיך וואָלטן נישט געווען צעריסן וואָלט מען זיי נישט געקאָנט אַרויפשלעפּן אויף די געשוואָלענע פיס. מע שלאָגט ביַי דער אַרבעט מכות רצח. ווער עס וועט נישט אַנטלויפן ביַי ציַיטנס וועט נישט אַרויס אַ לעבעדיקער.

נאָך אַזעלכע איוב־בשורות האָט מען זיך מחיה געווען מיט אַ שטיקל גוטער ניַיעס. די בשורה האָט געבראַכט בזשאָזאָווסקי, זיַינע ידיעות זענען פאַרלאָזלעך.

„ייִדן, מע דאַרף, אָנהייבן גלייבן אין תחיית־המתים", האָט בזשאָזאָ־ווסקי אָנגעהויבן מיט אַ חכמהלע. „עץ געדענקט ווי דער 'נאָווי קוריער וואַרשאַווסקי' און די הילכערס אין די גאַסן האָבן געטרומייטערט וועגן זייער גרויסן נצחון אויפן ים? זיי האָבן דערציילט מיט כּלערליי פּרטים

ווי דײַטשע אונטערוואַסער־שיפן האָבן געזונקען דעם ריזיקן בריטישן עראָפּלאַנען־טרעגער 'אילאַסטריעס'. הערט אַ מעשׂה, דער געזונקענער 'אילאַסטריעס' האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אויף דער אייבערפלאַך געזונט און שטאַרק מיט אַלע זײַנע באָמבער־עראָפּלאַנדעלעך. ער האָט זיך באַוויזן נעבן דעם איטאַליענישן פּאָרט טאַראַנטאָ, און ווען די באָמבערלעך זענען פאַרטיק געוואָרן מיט זייער מלאָכה איז מער נישט געווען קיין איטאַליענישער פּאָרט טאַראַנטאָ".

„איר מיינט טאָראָנטע ?"

„וואָס פאַר אַ טאָראָנטע ? טאָראָנטע איז אַ שטאָט אין קאַנאַדע, איך האָב אַ פעטער אין טאָראָנטע. איך רעד וועגן דעם איטאַליענישן פּאָרט, וועגן דעם געוועזענעם איטאַליענישן פּאָרט טאַראַנטאָ, אין דעם טאַראַנ־טער אײַנגאָס".

„היטלער זאָל אַזוי וויסן פון זײַנע הענט און פיס צי איך ווייס ווו דאָס איז".

„און אַז כ'על אײַך זאָגן אַז דער טאַראַנטער אײַנגאָס איז אין אַיאָנישן ים וועט איר דאָך פרעגן ווו עס איז דער אַיאָנישער ים. וואָס איז דער חילוק ווו עס איז, אַבי זיי כאַפּן אַרײַן קלעפּ".

דער קליינער ברוכל האָט גענומען דרייען מיטן גראָבן פינגער:

„אַז זיי האָבן געטשאַקעט וועגן דעם... ווי הייסט די שיף ?"

„אילאַסטריעס, דאָס מיינט... ווי זאָגט מען עס אין ידיש, דאָס מיינט ליכטיק, אָדער 'לויכטנדיק' ".

„עס באַלויכט טאָקע די דײַטשע פּראָפּאַגאַנדע און ווײַזט ווי פול זי איז מיט שקרים. די מעשׂה מיט דער שיף באַווײַזט אַז אַלע מעשׂיות וועגן זייערע נצחונות זענען פּוסטע באַרימערײַען, שקר אָן פיס און כזב אָן אַ קאָפּ".

זילבערשטיין איז, ווי אַלע מאָל, געווען נישט געדולדיק צו ברוכלס סברות: „ס'איז שקר־וכזב אַז זיי האָבן באַזיגט גאַנץ אייראָפּע, ס'איז אַ ליגן אַז זיי האָבן אײַנגענומען פּוילן, ס'איז אַ..."

„בײַ אַ שוואַרצער קראַ קאָן אויסקומען אַז דאָס פאַרקערטע איז ליגן. די ענגלישע שיף, ווי הייסט זי דאָרט, די ליכטיקע ?"

„אילוסטריעס", האָט אים עמעץ אַרויסגעהאָלפן.

„אויף ענגליש זאָגט מען עס : 'אילאַסטריעס' ".

„אַז די 'אילאַסטריעס' ליגט אויפן דנאָ פון ים, אַז דער איטאַליענישער פּאָרט וואָס די שיף האָט צעשמעטערט איז גאָר געזונט און שטאַרק און גרייט זיך אַ שידוך צו טאָן. אַז מע שמועסט : אַ קרומער קאָפּ..."

„אַ מענטש דאַרף וויסן ווו ער האַלט אין דער וועלט", האָט זיל־בערשטיין זיך פאַרענטפערט. „איר גערענקט וויפל מאָל שוין ייִדן זענען אַריבערגעלאָפן די בריק קיין פראָגע וואַרטן אויף די רוסן? דיסאָריענ־טאַציע דינט נאָר דעם טײַוול".

„מרה־שחורה איז דער טײַוול אַליין".

דעם 23סטן האָט מען נישט אַרײַנגעלאָזט אין געטאָ די פּאָליאַקן וואָס האָבן געבראַכט שפּײַזפּעקלעך פאַר די ייִדן. מע זאָגט אַז אַ דעלעגאַציע פון פּאָליאַקן האָט זיך באַקלאָגט פאַר דער דײַטשער מאַכט אַז מע פירט אַלץ אַריבער אין געטאָ אַרײַן און דאָס פּוילישע וואַרשע וועט בלײַבן אָן שפּײַז. אויף יענער זײַט זאָגט מען אַז דאָס געטאָ איז פאַרזאָרגט מיט עסן אויף אָנדערטהאַלבן יאָר. אָבער אין געטאָ פעלן שוין די וויכטיקסטע שפּײַזן און דאָס יקרות שטײַגט. אַ קילאָ קאַרטאָפל וואָס האָט מיט אַ וואָך צוריק געקאָסט דרײַסיק זלאָטעס, קאָסט שוין פינעף און צוואַנציק. קיין מילעך איז אין גאַנצן נישט מעגלעך צו באַקומען. אפשר דאַרף מען ווידער נעמען האָדעווען ציגן, ווי אַ מאָל אין די שטעטלעך? אָבער ווו וועט מען פּאַשען אַ ציג אַז די דײַטשן האָבן אַרויסגעשניטן פון געטאָ יעדעס שטיקל גרינס. אפילו צו דיביימער פון קראַשינסקיס גאָרטן דאַרף מען קוקן אַריבער די געטאָ־מויער.

דער געגנשער בית־החיים איז איצט אויף אַן אמת געוואָרן אַ בית־החיים, אַ הויז פון לעבן. דער בית־עולם גרענעצט זיך מיט דער אַרישער זײַט און אַריבער דעם פּלויט פון די טויטע גייט אַן אַ לעבעדיקער שמוגל מיט לעבנס־מיטלען. עס וואַקסט טאַקע דער יקרות, אָבער עס פעלט מער גאָרנישט. אין אַ שיינעם העלן טאָג האָט אין אַן אימפּראָוויזירטן שטאַל אויף נאָוואָליפּיע זיך באַוויזן אַ לעבעדיקע, מעלקעדיקע קו. מינ־דעלע איז אַליין געשטאַנען בײַ דער מעלק און געקויפט אַ האַלבן ליטער מילעך פאַר עמושן.

מע ווייסט שוין אויף זיכער אַז דעם 28סטן וועט דאָס געטאָ אין גאַנצן געשלאָסן ווערן. דערווײַל קאָנען פּאָליאַקן נאָך אַרײַנקומען, און זיי קומען אין מאַסן. מע זעט אויף די געטאָ־גאַסן שוין באַלד אַזוי פיל פּאָליאַקן וויפל ייִדן, אפשר ווײַל די פּאָליאַקן זענען אַלע אין גאַס, ספּעציעל אויף די האַנדלגאַסן. זיי קויפן וואָס נאָר עס לאָזט זיך. מע שטעלט אײַן קאָנטאַקטן; אַז דער דײַטש וועט נישט לאָזן מע זאָל האַנדלען לעגאַל וועט מען זיך אויך אַן עצה געבן.

## קאַפּיטל צוואַנציק

# אַ שבת צום געדענקען

### א.

פינטשע איז געקומען אין באַזאַר קויפן אַ פּאָר קאַרטאָפל און דערזען — שווער צו גלייבן — אַ גרויסן קויש מיט קאַרפּן וואָס האָבן נאָך געצאַפּלט. עס גייט צו שבת, אויב ער וואָלט זיך געקאָנט דערלויבן קויפן אַ שטיקל פיש און כאָטש איין מאָל האָבן אַ אמתן שבתדיקן מאָלצייט...

נאָר אַכצן זלאָטעס אַ קילאָ? איז עס מעגלעך? ס'קאָן נישט זײַן. אַ קילאָ קאַרטאָפל פינעף און נײַנציק און לעבעדיקע קאַרפּן נאָר אַכצן? פינטשע האָט זיך צוגעשטופּט נענטער, טאַקע נאָר אַכצן זלאָטעס, אָבער די צרה איז וואָס דאָס זענען גרויסע קאַרפּן, אַז ער וועט קויפן אַזאַ פיש וועט אים שוין נישט בלײַבן...

מע האָט געכאַפּט די פיש פון קויבער, האָט פינטשע אויך געכאַפּט אַ קאַרפּ. דער פיש האָט געצאַפּלט אין זײַנע הענט, ער האָט זיך געראַנגלט מיט דעם פיש און נישט געלאָזט ער זאָל זיך אַרויסגליטשן פון די הענט ביז די וואָג איז פרײַ געוואָרן.

לויט דעם שפּאָט-ביליקן פרײַז ווײַזט עס אויס אַז מע האָט די פיש נאָר וואָס אַרײַנגעשמוגלט און מע מוז פון זיי שנעל פּטור ווערן. ווער ווייסט ווען עס וועט זיך נאָך אַ מאָל מאַכן אַזאַ געלעגנהייט? ער וואָלט באַדאַרפט קויפן אַ פיש אויך פאַרן שווער, אָבער ער האָט שוין נישט גענוג געלט. מינדעלע האָט אַ ביסל געלט אָבער זי איז אַרויס מיטן קינד שפּאַצירן. אפשר איז זי שוין דאָ צוריק? הלוואי זאָל זי שוין זײַן צוריק.

פינטשע האָט אַהיימגעטראָגן דעם פיש, באַקומען אַ הלוואה בײַ אַ שכן און צוריקגעלאָפן אין באַזאַר. נאָך געווען דאָרט די ייִדענע מיט דער הענגוואָג אין גאַנצן באַקלעפּט מיט שיפּן פון די פיש, אָבער נישט געווען נישט דער קויבער און נישט קיין פיש. פאַרשפּעטיקט! אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, דער שווער וואָלט זיך מחיה געווען מיט אַ שטיקל פיש. עס איז פינטשען שווער געווען אַהיימצוגיין מיט גאָרנישט, איז ער צוגעגאַנגען צו דער ייִדענע און געפרעגט: „אפשר ווײַסן זי ווו מע פאַר־קויפט נאָך פיש?"

„וואַרט צו, מע וועט באַלד ברענגען נאָך", האָט ער באַקומען אַן

ענטפער און נישט געגלייבט זײַנע אויערן. „זי וועלן האָבן נאָך פיש?" האָט ער איבערגעפרעגט.

„מײַן מאַן קומט שוין", האָט די ייִדענע געענטפערט, און צוויי פאַר־שוינען האָבן טאַקע צוגעטראָגן אַ פולן קויבער מיט קאַרפּן.

מע האָט זיך באַלד דערוווּסט אין גאַס אַז מע האָט אַרײַנגעשמוגלט אַ משא־אויטאָ מיט פיש. עס איז געוואָרן אַ געלויף און אַ געשטופּ, אָבער פּינטשע האָט שוין געטראָגן אַהיים דעם צווייטן פיש. ער האָט די פיש אַרײַנגעלאָזט אין אַ באַליע וואַסער, האָבן זיי אויפגעלעבט. ווען מינדעלע איז אַהיימגעקומען, מיט עמושן זענען די פיש שוין אַרומגעשוווּמען מיט ברען און אַרויסגעשפּריצט אויף דער פּאָדלאָגע אַ גאַנצן טײַך.

דער שוער איז קיין מאָל נישט געווען בײַ פּינטשען אין פּראַגע, דער מהלך פון פּאַנסקע איז געווען צו ווײַט און די ריזיקע געכאַפּט צו ווערן צו צוואַנגאַרבעט איז געווען צו גרויס. דעם שווערס לאַנגע און געדיכטע באָרד וואָס האָט אַזוי באַשײַנט זײַן פּנים איז צו די דײַטשן געווען ווי אַ רויטער טוך צון אַ צעיושעטען אָקס. איצט אַז פּינטשע וווינט אויף נאָוואָליפּיע איז עס גאָר נישט ווײַט, אָבער דאָס אַריבערגיין פון קליינעם צום גרויסן געטאָ איז סײַ ווי אַן אײַנשטעלעניש. עס האָט שוין געטראָפן עטלעכע מאָל אַז דײַטשן האָבן פאַרהאַלטן ייִדן בײַם אַריבערגיין „גיבראַלטאַר", ווי מע האָט גערופן דעם קלין וואָס האָט זיך אַרײַנגעשניטן צווישן די ביידע געטאָס. פון דעסט וועגן, ס'איז דאָך ווינטער, דער שוער קאָן אַרומבינדן דאָס פּנים מיט אַ שאַליק, מע זאָל די באָרד נישט אַרויסזען. מע וועט פאַרבעטן שוער־און־שוויגער צו קומען אַהער אויף שבת.

מינדעלע איז געווען באַגײַסטערט פון פּינטשעס אידיי. די מאַמעשי האָט אַלע מאָל געפירט אַ מלכותדיק הויז און דער טאַטעשי איז געווען דער מלך. איצט...

„ייִדן רופן זייער רב 'מרא דאתרא', האַר פון דער שטאָט. דער האַר פון אַ שטאָט איז פּלוצלינג געוואָרן אַן אָרעמער קרוב, אַן אײַנגע־בעטענער גאַסט, אַ פּליט אין אַ הויז מיט פּליטים..." האָט פּינטשע עס גוט פאַרשטאַנען. ער, פּינטשע, איז דאָך נאָך אַ יונגער־מאַן און פּילט זיך אַזוי דערשלאָגן פון זײַן מצב, קאָן ער זיך פאָרשטעלן וואָס עס פּילט דער שוער. ער איז געלאָפן צו שכנים באָרגן אויסלייג־בעטלעך פאַר זיך און מינדעלען כדי שוער־און־שוויגער זאָלן קאָנען שלאָפן אין די גוטע בעטן. פון דעם מעל וואָס מע האָט געהאַט אָוועקגעשטעלט פאַר אַן עת־צרה האָט מינדעלע אַראָפּגענומען צו באַקן חלות; פּינטשע איז

אַרומגעלאָפן איבער די געוועלבן זוכן אַ שטיקל הייוון, און אַפילו געקויפט אַן איי, די חלות זאָלן האָבן דעם אמתדיקן טעם.

ס׳איז טאַקע געווען אַ שבת צום געדענקען. אין דעם מנין אויף פאַנסקע־גאַס איז דער שווער געווען איינער פון די פליטים בײַם פּרינס־קער רב. דאָ אויף נאַוואַליפּיע איז געווען אַ קלענערער מנין, מע האָט געדאַווענט אין דער קעלערשטוב פון שלמהלע גערער, אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, אָבער אַ ייִד אַ תּלמיד־חכם. צווישן מינחה און קבלת־שבת האָט מען געבעטן דעם גאַסט זאָגן אַ דבר־תּורה און מע האָט באַלד אין דעם קליינעם ייִדעלע דערזען דעם גרויסן למדן.

בײַם טיש האָט פּינטשע געהאַט נאָך אַ סורפּריז. ער האָט בײַ טאָג זיך דערמאָנט אַז ווען ער איז געווען בײַ בערעקן, אויף אַלעקס׳ געבוירן־טאָג, האָט מען מכבד געווען מיט ווײַן. ער איז געלאָפן דורך די הייף פון באַזאַר פון נאַוואָליפּיע 23 צו לעשנאָ 40 און דעם גאַנצן וועג ביז בערעקס הויז. ערשט ווען ער איז אַרײַנגעקומען צו בערעקן האָט ער זיך פאַרשעמט: בעטלען אַזאַ לוקסוס ווי ווײַן? אָבער דער חשק מהנה צו זײַן דעם שווער האָט גובר געווען. בערעק האָט אים פאַרשטאַנען און אַפילו צוגעזאָגט אַרײַנקומען שבת נאָך מיטיק לכבוד דעם רב פון זײַן שטאָט. פּינטשע האָט אַהיימגעבראַכט דעם ווײַן פאַרשטעלט מיטן מאַנטל און עס באַהאַלטן אַז אַפילו מינדעלע זאָל נישט וויסן. ווען אַלע זענען שוין געזעסן בײַם טיש איז פּינטשע אַרויס אין קיך און צוריקגעקומען מיט זײַן זילבערנעם קידוש־בעכער און אַ האַלבע פלאַש ווײַן.

אַ שבתדיקער טיש ווי פאַר דער מלחמה. אַ בלאַנק ווײַס טישטעך, ליכט אין זילבערנע לײַכטערס און ווײַן אין אַ זילבערנעם בעכער. פון אונטער דעם חלה־טישטעכל וואָס מינדעלע האָט געהאַט אויסגעהאַפטן פאַר פּינטשען ווען זיי זענען נאָך געווען חתן־כלה האָט אַפּויוגעשמעקט דער מחיהדיקער ריח פון פריש געבאַקענער חלה, און אויף אַ גרויסן פּולמעסיק אין מיטן טיש איז געווען אויסגעלייגט אַ געקאַכטער קאַרפּ אין געגליווערטער פּישיויך. פּינטשע האָט אַ קוק געטאָן אויף מינדעלעס צעשײַנט פּנימל און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז עס איז געוואָרן פולער, אַז עס איז צוריקגעקומען איר באַחנט גוידערל אונטער דעם קליינעם גאָמבעלע.

שבת נאָך מיטאָג זענען בערעק און מאַניע געקומען צו גאַסט. שלום עפּשטיין איז אויך געקומען און געבראַכט מיט זיך עטלעכע גורוויטשער באַלעבאַטים. דער רב איז געווען אויפגעהײַטערט און געפירט דעם שמועס

ווען מע האָט גערעדט וועגן דברי־תּורה, אויך ווען מע האָט גערעדט וועגן דער מלחמה האָבן די גורוויטשער באַלעבאָטים געוואָרט מיט דרך־ארץ צו הערן וואָס זייער רב האָט צו זאָגן.

בערעק האָט געבראַכט גאָר וואַזשנע ידיעות פון ראַדיאָ־לאָנדאָן: „דעם 7טן דעצעמבער האָבן די ענגלענדער אין עגיפּטן אָנגעהויבן אַ קאָנטער־אָפענסיווע קעגן די איטאַליענער. איין און דרײַסיק טויזנט ענגלענדער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף קנאַפּע הונדערט טויזנט איטאַ־ליענער. מוסאָליניס העלדן זענען שוין צוריקגעלאָפן אַריבער דער גרענעץ קיין ליביע און האַלטן נאָך אין איין לויפן. די איין און דרײַסיק טויזנט ענגלענדער האָבן שוין גענומען אַכט און דרײַסיק טויזנט איטאַליענישע געפאַנגענע מיט מינימאַלע אייגענע אָבדות. לויט די קאָמוניקאַטן פון לאָנדאָן האָבן די ענגלענדער געליטן נאָר הונדערט און דרײַ און דרײַסיק געהרגעטע און דרײַ הונדערט און זיבן און אַכציק פאַרוווּנדיקטע".

„ווי האַלט מען שוין אַזוי אין אייראָפּע", האָט פּינטשע זיך געוווּנטשן.

„די בשׂורה איז אַ סך גרעסער ווי דער בלויזער נצחון אין עגיפּטן", האָט דער רב מסביר געווען. „לויט די דײַטשע קאָמוניקאַטן איז דאָך אויסגעקומען אַז דער בריטישער לייב זשיפּעט קוים, אַז אָט־אָט וועלן די דײַטשן אַריבער דעם לאַמאַנש־קאַנאַל און, חלילה, אויס מיט גרויס־בריטאַניע".

„מילא, וואָס די דײַטשן זאָגן אַלץ".

„דער שׂכל־הישר איז מחייב אַז ענגלאַנד האָט קאָנצענטרירט אירע גרעסטע און בעסטע כּוחות אין דער היים צו פאַרטיידיקן די בריטישע אינדזלען קעגן אַן אינוואַזיע", האָט דער רב ממשיך געווען זײַן סברא. „פון דעסט וועגן האָט אַ בריטישער ים־כּוח באַוויזן גבורות אין איאָנישן ים, אַ יבשה־כּוח אויף דער עגיפּטיש־ליבישער גרענעץ. פאַראַן, ברוך־השם, אַ פרײַע וועלט מיט כּוחות וואָס וועלן אונדז אויסלייזן, מיטן אייבערשטנס הילף".

בערעק איז נישט געווען אַזוי אָפּטימיסטיש ווי דער רב. לויט אים איז דער נצחון אין עגיפּטן געקומען נישט פון טשערטשילס גרויסע כּוחות, נאָר פון מוסאָליניס שלימזלדיקייט. די איטאַליענער, זאָגט מען, זענען גוטע אָפּערע־זינגערס, אָבער שלעכטע סאָלדאַטן. בערעק האָט נישט אַרויסגעזאָגט זײַנע געדאַנקען, ער האָט נישט געוואָלט קאַליע מאַכן די גוטע שטימונג.

עס איז נישט צו גלייבן וואָס אַכט און פערציק גוטע שעה קאָנען אויפטאָן פאַר אַ מענטש. דער רב איז געווען אַן אַנדערער מענטש ווי דאָס קליינע געבויגענע ייִדעלע וואָס איז דאָ אָריַינגעקומען פריִער. די פּלייצע אויסגעגלייַכט, דער קאָפּ געהויבן. זייַנע גרויסע ברוינע אויגן זענען ווידער געווען קלאָר און ליכטיק. פּינטשע האָט דערזען דעם בייַט, עס האָט אים געפרייט, אָבער עס האָט אים אויך געמאַכט אַריַינקלערן אין דעם ענין. זייַן שווער האָט אַ שם פאַר אַן עניו. ס׳איז נישט קיין אָנגעשטעלטע עניוות, אין דעם גאַנצן מענטש איז נישט פאַראַן קיין פּיצעלע אָנשטעל. עס איז אויך נישט קיין עניוות וואָס אַ ירא־שמים צווינגט אויף זיך אַרויף מחמת פרומקייט. זייַן שווערס עניוות איז בעיקר געווען גוטהאַר־ציקייט. ער האָט באַין־אופן נישט אונטערגעשאַצט דעם אייגענעם ווערט, דאָס האָט מען געזען אין אַ סך פון זייַנע האַנדלונגען אין גורוויטש, אָבער ער האָט געשאַצט הויך יענעמס ווערט. עס ווייַזט אויס אַז אַ מענטש דאַרף זייַן זיכער אין זייַן אייגענער ווערט כדי ער זאָל קאָנען זייַן אַן עניו...

פּינטשע האָט זיך דערמאָנט עפּעס וואָס יואל האָט אים געהאַט דער־ציילט ווען ער איז געקומען פון פּאַריז צו דער חתונה. דאָס איז געשען מיט יאָרן צוריק ווען דער שוועה האָט אָנגעהויבן זייַן ערשט רבנות אין כעלמיש. עפּעס אַן אויפגעקומענער גביר, אַן עם־הארץ און גראָבער־יונג, האָט באַליידיקט דעם רב אין בית־המדרש פאַר גאַנץ קהל. עס איז אַזוי געשען אַז באַלד נאָך דעם איז יענער קראַנק געוואָרן און האָט אויך פאַרלוירן זייַן פאַרמעגן. ־דער רב האָט זיך ממש מוסר־נפש געווען צו העלפן אַז דער ייִד זאָל זיך קאָנען שטעלן אויף די פיס. דאָס איז אַ קאָמבינאַציע פון עניוות און גוטהאַרציקייט.

פּינטשע האָט איצט פאַרשטאַנען אַז דעמאָלט ווען דער רב איז טאַקע געווען אַ מרא דאתרא, ווען ער איז געווען צווישן זייַנע ספרים און געשייַנט מיט זייַן לומדות האָט ער געקענט זייַן אַן עניו, זייַן ווערדע איז אויף אַ האָר נישט געמינערט געוואָרן ווען אַ היציקער נאַר האָט פאַראַבירט אים פוגע־בכבוד זייַן. איצט איז דער שוועה אַ פּליט וואָס עסט אַ געשאָנקען שטיקל ברויט, האָט ער געדאַרפט אַזאַ שבת זאָל שטאַרקן אין אים דעם גלויבן אין זייַן אייגענער ווערדע.

„האָסט געטאָן אַ גרויסע מיצווה אין שוועה", האָט די שוויגער זונטיק געזאָגט פּינטשען. ער האָט געוואָלט ענטפערן און זאָגן וואָס פאַר אַ גרויסער תענוג דאָס איז געווען פאַר אים און מינדעלען, אָבער מע האָט געקלאַפּט אין דער טיר, איז ער אַוועק עפענען.

עס איז אַרײַנגעקומען אַ גרויסער ברייטפּלייציקער פּאַרשוין וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ דאָרפישער גוי, אָבער ער האָט גערעדט יידיש און זיך געפרעגט אויפן רב.

„איר זענט פון כעלמיש, יאָ?" האָט מינדעלע געפרעגט דעם גאַסט. זי האָט נישט געדענקט זײַן נאָמען, אָבער געוווּסט ווער ער איז. וועגן זײַנע גבורות האָט מען אין כעלמיש דערציילט לעגענדעס. מע האָט אים גערופן דער צווייטער זישע ברייטבאָרד.

„יאָ, איך בין נטע פרידעס איידעם, מײַן שווער האָט מיר מיטגע־געבן אַ פּעקל פאַר דעם רב. ר'האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס אויף פּאַנסקע, דאָרט האָט מען מיר געזאָגט אַז דער רב איז דאָ".

„שלום־עליכם", האָט דער רב אויסגעשטרעקט כעמיען אַ קליין וואַרעם הענטל. „וואָס מאַכט דער שווער?"

„קומט אַרײַן, זעצט אײַך", האָט פּינטשע געבעטן און אַרויסגערוקט אַ בענקל.

כעמיע האָט געבראַכט אַ פּעקל עסנוואַרג און עס איז געווען גאָר אַ וואַזשנע פּעקל. מעל, פּוטער, צוקער, און קיכלעך וואָס כעמיעס שוויגער האָט אַליין געבאַקן פאַר דעם רב. אויך אַ באַזונדער פליישיק פּעקל אין וועלכן ס'איז געלעגן אַ שטיק רינדערנע ברוסט, אַ האַלבע גאַנדז און אַ סלוי מיט אויסגעלאָזט גענדזנשמאַלץ. אין דעם פליישיקן פּעקל איז געווען אַ בריוו פון ר' אַהרן פרידע אַז אַלץ איז געשאָכטן געוואָרן אונטער זײַן השגחה און עס איז כשר למהדרין מן המהדרין.

לויט דעם וואָס דער גאַסט האָט דערציילט איז כעלמיש אַ גן־עדן קעגן וואַרשע. יידן וווינען טאַקע אין אַ באַזונדערן קוואַרטאַל, אָבער נישטאָ קיין מויער, קיין וואַך. מע גייט אַרויס ווען מע וויל און מע קומט צוריק ווען מע וויל און דער האַנדל מיט די גויים איז פרײַ. ער קומט קיין וואַרשע טאַקע אײַנקויפן סחורה.

דער רב האָט געוואָלט אָנשרײַבן אַ דאַנקבריוו צו ר' נטען, אָבער כעמיע האָט זיך געאײַלט, ער מוז צולויפן אויף גענשע זוכן אַ ביסל מאַנופאַקטור. אפשר וועט ער האָבן צײַט אַרײַנצוקומען שפּעטער.

„דער פאַן קויפט מאַנופאַקטור אויף גענשע?" האָט מינדעלע איבער־געפרעגט און פּינטשע האָט געזאָגט אַז ער האַנדלט אויך אַ ביסל מיט מאַנופאַקטור.

„כ'דאַרף קופּאָנען אויף פּינעף אַנצוגן, ענגלישע, אָדער ביליצער סחורות".

„איך קאָן עס צושטעלן. עטלעכע מוסטערלעך האָב איך דאָ".

ס'איז געווען, ווי מע זאָגט עס, אַ כּשרער טאָפּ און אַ כּשרער לעפל. כעמיע איז נישט געווען קיין מבין אויף וואָלענע סחורות און שלומל גראָסמאַן וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט אים איינקויפן האָט זיך געקענט אויף די זאַכן נאָך ווייניקער ווי כעמיע. מע האָט זיי אָנגעזאָגט עס זאָל זיין דורכאויס קאַמגאַרנע סחורה, נישט קיין שטרייכגאַרן, און זיי האָבן ביידע נישט געוווּסט דעם אונטערשיד. דאָ האָבן זיי געפונען דעם רבס איידעם וואָס איז אַליין געווען אַ פאַבריקאַנט. ער איז אַ מבין, און ווייסט ווו עס צו געפינען. וואָס קאָן שוין זיין בעסער?

שלומל איז געקומען צו פּינטשען און זיך געבעטן: „אפשר קאָן דעם רבס איידעם קויפן פאַר אונדז אויך אַ פּאָר זילבערפוקסן?"

„אויף קיין פוטערוואַרג קען איך זיך נישט", האָט פּינטשע זיך מודה געווען.

„וויפל דעם רבס איידעם קען נישט, קען ער מער פון מיר. איך בין אַ מבין אויף תּבואה, נישט אויף אַזעלכע סחורות. מיר מוזן האָבן אַ פּיר, פּינעף שיינע זילבערפוקסן און אַ ביסל צירונג אויך".

פּינטשע האָט נישט געוווּסט ווו צו קויפן פוקסן, אָבער ער האָט צוגעזאָגט זיך נאָכצופרעגן. צירונג־סוחרים האָט ער אין דער משפּחה.

פּינטשע האָט גענומען ביי מינדעלען איר פינגערל מיטן בריליאַנט, ער האָט פאַרשטעקט אונטערן פּאָלטן די זילבערנע לייכטערס און זיך באַקוקט אין שפּיגל צי מע זעט נישט אָן וואָס ער טראָגט. ער האָט זיך געקליבן גיין צו בערעקן נאָך אַ הלוואה, האָט ער מיטגענומען אַ משכּון.

אַ צער־גרימאַס האָט זיך אויסגעלייגט אויף מינדעלעס פּנים, איר קלוגער מאַן פירט זיך אויף אַזוי נישט־ראַציאָנעל. צו ערשט, ווי נאָר ער איז געקומען קיין וואַרשע, האָט ער אויסגעמיטן זיין אַמאָליקן חבר און געהיט זיך ער זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו בערעקס אַ טובה. איצט לויפט ער צו בערעקן איין טאָג נאָך אַ ביסל ווייַן אויף קידוש און דעם צווייטן באָרגן אַ גרעסערע סומע איינצוקויפן סחורות פאַר די יידן פון כעלמיש. לויט איר ווייבערישן שׂכל קומט אויס אַז עס וואָלט געווען פּשוטער צו בעטן ביי די כעלמישער זיי זאָלן איינצאָלן פאַר דער סחורה פאַרויס. זיי וואָלטן געטרויט זייער געוועזענעם רבס איידעם. אָבער פּינטשע האָט זיך געהאַלטן ביי אַן אַלטן זאָג: „האַנדלשאַפט איז נישט קיין ברודערשאַפט". אַז עמעץ וויל קוגים זאָלן אים באַהאַנדלען ווי אַ סוחר, מוז ער זיך פירן מעשׂה סוחר און נישט באַהאַלטן זיך אונטער דעם

שווערס פּאָלע. סך־הכּל דאַרף ער די הלוואה אויף איין טאָג, בערעק וועט אים נישט אָפּזאָגן.

ווען פּינטשע האָט אַרויסגעלייגט זײַנע משכּנות פּאַר בערעקן, האָט בערעק פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן אַ לאַנגע ווײַלע. „דו האָסט מיר צוריקגעגעבן די משכּנות וואָס איך האָב דיר געגעבן?"

פּינטשע איז געוואָרן צעטומלט: „משכּנות? וואָס פאַר אַ משכּנות?"

„וואָס איך האָב דיר געגעבן ווען איך בין געקומען צו דיר באָרגן געלט", האָט בערעק נישט אָפּגעלאָזט.

„דו האָסט מיר אַ מאָל געגעבן אַ משכּון? כ'געדענק גאָר נישט. כ'האָב קיין מאָל נישט געפאָדערט פון דיר אַ משכּון".

„און איך האָב פון דיר יאָ געפאָדערט? אַז איך האָב געדאַרפט אויף הוצאָות קיין וואַרשע האָב איך דיך געבעטן מיר באָרגן געלט, אָבער מיר האָבן ביידע געוווּסט אַז עס איז אַ מתּנה, נישט אַ הלוואה".

פּינטשע האָט נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן און בערעק האָט ווײַטער גערעדט, איצט שוין מיט אַ שמייכל: „כ'וואָלט דיך באַדאַרפט אַראָפּוואַרפן פון אַלע טרעפּ פאַר אַזאַ באַליידיקונג".

„איך האָב דיר געבאָרגט אויף אַ בילעט קיין וואַרשע, אָבער איך דאַרף איצט אַ טויזנטער. טאַקע נאָר אויף איין טאָג, אָבער אַ טויזנטער איז אַ טויזנטער".

„פּינטשע, גיב אַ טראַכט ווי עס וואָלט געווען ווען דער שוך פון דחקות קוועטשט אויף מײַן פוס. איך וואָלט געקומען צו דיר אָן שום שהיות. איידער איך גיב דיר דאָס געלט וועסטו צוריק אַהיימטראָגן די זאַכן", האָט בערעק געוויזן אויף די משכּנות, „איך געטרוי דיר".

„מע זאָגט אַז דו ביסט געוואָרן אַ גרויסער סוחר אין וואַרשע, דאַרפסט דו קוקן אויף דער זאַך סוחריש. איך וועל טאַקע נישט אַנטלויפן מיט דײַן געלט, אָבער, ס'האָט מיך שוין איין מאָל געטראָפן אַז כ'האָב געטראָגן סחורה און מע האָט זי בײַ מיר צוגענומען".

„און מיר האָט שוין געטראָפן אַז מען איז געקומען צו מיר אין שטוב אַרײַן און בײַ מיר צוגענומען מער ווי טויזנט זלאָטעס. ווו קאָן מען היטן זײַן זיכער? און מיטן לעבן איז מען יאָ זיכער? אַז דו האָסט אַזוי מורא, פאַר וואָס האָסטו געשלעפּט די זאַכן אַהער? טראָג אַהיים די זאַכן און קום צוריק נאָכן געלט. דו אײַלסט זיך? גוט, כ'על דיר געבן דאָס געלט, אָבער דו מוזסט מיטנעמען דעם משכּון אויך".

פּינטשע האָט זיך קוים אָפּגעבעטן בײַ בערעקן אַז ער וועט קודם

לויפן נאָך דער סחורה און ערשט שפּעטער צוריקקומען נעמען דעם לײַכטער און דאָס פינגערל.

ווען פּינטשע איז אַהיים געקומען מיט דעם ערשטן קופּאָן סחורה האָט ער געזען אַז די לײַכטערס שטייען אויפן טיש. „מאַניע איז דאָ געווען מיט אַלעקן, זי האָט צוריק געברענגט דאָס פינגערל און די לײַכ־טערס", האָט מינדעלע אים געזאָגט.

„האָסט נישט געדאַרפט נעמען. איך בין נישט דאָ, ווייסטו נישט".

„זי האָט געזאָגט אַז ס'איז געפערלעך פאַר דיר צו טראָגן די לײַכטערס. זי האָט זיי געברענגט באַהאַלטן אין אַלעקס שפּאַציר־וועגעלע".

## ב.

דער רב און די רביצין זענען שוין געהאַט צוריק געגאַנגען אויף פּאַנסקע, אָבער ווען פּינטשע איז אַהיים געקומען מיטן פינפטן קופּאָן סחורה אַרומגעוויקלט אויף זײַן לײַב איז די רביצין שוין געווען צוריק. פּינטשע האָט זיך דערשראָקן: „וואָס איז געשען?"

„די מאַמעשי האָט פאַר דיר אַדרעסן ווו צו קויפן זילבערפוקסן", האָט מינדעלע אים געענטפערט.

די ציווילע אַדמיניסטראַציע פון וואַרשע איז געווען אײַנגעטיילט אין צערקלען, יעדער צערקל האָט געהאַט אַן אייגענעם פּאָליציי־קאָמי־סאַריאַט. יעדער אָפיציעלער רב פון וואַרשעווער ראַבינאַט איז געווען דער אָפיציעלער ממונה איבער די ציווילע ביכער פון חתונה־אַקטן, גיטין, געבוירן־און־טויט־אַקטן פון די ייִדן אין זײַן צערקל. די שוויענטע־יערסקע־גאַס איז געווען אין איינעם פון די צוויי צערקלען וואָס האָבן געהערט צום פּרינסקער רב. כאָטש דער רב האָט געוווינט אויף פּאַנסקע איז ער געווען דער מסדר קידושין און דער סנדק ביי בריתן ביי די באַלעבאַטים אין זײַן צערקל. ער האָט געקענט אַ סך פון זײַנע באַלעבאַטים און געוווסט ווער פון זיי עס האַנדלט מיט פוטערוואַרג. שוויענטע־יערסקע איז געווען דער צענטער פון פוטערוואַרג־האַנדל. דער רב האָט טעלעפאָ־נירט צו עטלעכע סוחרים און מיט רמזים זיי געזאָגט אַז ער שיקט צו זיי זײַנס אַן אייניקל וואָס האַנדלט מיט זייער סחורה.

שלומל גראָסמאַן און כעמיע זענען געקומען אָפּנעמען די וואָלענע סחורות וואָס פּינטשע האָט פאַר זיי אײַנגעקויפט און זענען געווען

צופרידן פון די קניות. זיי האָבן גערן מסכּים געווען צו וואַרטן ביז פּינטשע וועט פאַר זיי איַינקויפן זילבערפוקסן.

פּינטשע איז ווידער געלאָפן צו בערעקן: „אַלץ איז אַדורך בשלום, כ׳האָב שוין איַינקאַסירט דאָס קרן מיטן רווח, אָבער כ׳האָב נאָך אַ באַשטעל, כ׳דאַרף דיַין געלט אויף נאָך אַ טאָג. ס׳איז אין אָרדענונג?"

„האָסט אַפילו נישט באַדאַרפט קומען פרעגן".

„דו ביסט זיכער?"

„זיַי נישט קיין בטלן, פּינטשע".

טירן האָבן זיך איצט לייַכט געעפנט פאַר פּינטשען, אָבער עס איז נאָך אַלץ נישט געווען קיין לייַכטער ענין. ער ווייסט לגמרי גאָרנישט וועגן פוטערוואַרג און זיַינע קונים ווייסן נאָך ווייניקער. זיי וועלן די סחורה אָוועקפירן קיין כעלמיש, און טאָמער וועט זיך דאָרט אַרויסוויַיזן אַז די סחורה טויג נישט? קיין חזרות זענען היַינט נישט מעגלעך. ער טאָר נישט אַדורכלאָזן די געלעגנהייט, אָבער ער נעמט אויף זיך אַ גרויס אַחריות.

פּינטשע האָט געמאַכט אַ הקדמה אַז ער זוכט אויסגעצייכנטע, די סאַמע בעסטע און שענסטע זילבערפוקסן. דער סוחר האָט געבראַכט פון אַ וויַיטערדיקער שטוב אַ בינטל פעלעכלעך און זיך מתעסק געווען מיט זיי מיט אַן אָפּגעהיטקייט ווי אַ פרומער ייִד מיט אַן אתרוג. ער האָט צעבונדן די פעלן, אַרויסגענומען איינס, אָנגענומען עס מיט איין האַנט בייַם קאָפּ, מיט דער אַנדערער בייַם עק, אויפגעטרייסלט די פעל עטלעכע מאָל און זי אַ שפּרייט אויס געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע נעבן פּינטשעס פיס.

פּינטשע האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן, ער זאָל נישט אַרויפּ־טרעטן אויף דער איידעלער פעל. ער האָט געמיינט מע וועט אים וויַיזן אַן אויסגעפּאַרטיקטן פוקס מיט אַ זיַידענעם אונטערשלאָג, מיט אַ קלאַמער אונטערן פּיסק צו פאַרטשעפּן דעם קאָפּ בייַם עק. מוז זיַין אַז אַזוי קויפן סוחרים די סחורה — אַ בלויזע פעל, אַפילו די גלעזערנע אויגן נישט אַריַינגעשטעלט.

פּינטשע האָט געדרייט דעם קאָפּ און באַקוקט דאָס פעלעכל פון אַלע זיַיטן. ער האָט זיך אָנגעגורט מיט מוט און אַ פרעג געטאָן: „קיין שענערס האָט איר נישט?"

„און דאָס איז שלעכט?" האָט דער סוחר געפרעגט און פּינטשע איז שוין גרייט געווען מסכּים צו זיַין. אָבער ער האָט געוואָלט דער סוחר

זאָל אים איבערצייַגן אַז עס איז נישט שלעכט. „נישט שלעכט, אָבער נישט גענוג גוט", האָט פּינטשע געזאָגט.

דער סוחר האָט גענומען רימען זייַן סחורה: „איר זעט אַ קאָליר? איר זעט אַ טונקלקייט פון אַ פעל? ס'איז נישט רויטלעך, ס'איז כּמעט שוואַרץ. און אַ לוסטער האָט עס, עס גלאַנצט ווי זייַד".

פּינטשע האָט אייַנגעקריצט אין זכּרון אַז די האָר פון אַ זילבערפוקס דאַרפן גלאַנצן און דאַרפן זייַן אַ טיפער ברוין, בלוילעך ברוין, כּמעט שוואַרץ, בשום־אופן נישט רויטלעך. אָבער וואָס וועגן זילבער? האָט ער געוואָלט פרעגן און מורא געהאַט אַרויסצווייַזן זייַן עם־הארצות. „איר האָט אפשר נאָך שענערע?" האָט פּינטשע געפרעגט.

דער סוחר האָט אויסגעקליבן אַ צווייטע פעל פון דעם פּעקל, גע־טרייַסלט די פעל נאָך לענגער און זי געגעבן אַ שפּרייט אויס נעבן דער ערשטער.

ווען מע נעמט אַרויס אַ פוקס דאַרף מען אויפטרייסלען די פעל כּדי די האָר זאָלן אויפפּוישן, האָט פּינטשע ווידער אייַנגעקריצט אין זכּרון. דער סוחר האָט געזען פּינטשע שווייַגט, האָט ער ווידער גענומען לויבן זייַן סחורה: „די סחורה וואָס מע זעט הייַנט האָט מער וואָל־געדיכטעניש ווי אייבערהאָר. איך ווייַז אייַך אַ פעל, גלאַנציק און ראַוכיק, אַ ווינטער־דיקס, ווען די פעל בליט ווי אַ לאָנקע אין וועסנע. גיט אַ קוק אויף דעם פּעלעכל", האָט דער סוחר אויפגעהויבן אַ פּעלעכל און עס צוגעטראָגן צו פּינטשעס אויגן. „אייַער זיידנס שטריימל האָט נישט אַזאַ בלישטש".

„איך זאָג דען אַז עס איז שלעכט? אָבער איך דאַרף עס פּאָר אַ ספּעציעלן קונה, און כ'מוז האָבן לוקסוס שבלוקסוס. אויב איך וועל נישט געפינען עפּעס בעסערס, און אויב איר וועט מסכּים זייַן וועל איך ווייַזן דאָס וואָס איר האָט. יאָ־יאָ, ניין־ניין".

„וואַרט אַ מינוט. כ'האָב עפּעס וואָס וועט אייַך געפעלן, אָבער איר וועט נישט צאָלן אַזאַ פּרייַז".

„צו ערשט לאָמיר זען, דערנאָך וועט מען רעדן וועגן פּרייַז", האָט פּינטשע געזאָגט מיט אַ געמאַכטער רויקייט.

דער סוחר איז אַוועק אין אַנדערן צימער, געזוימט זיך אַ ווייַלע און צוריקגעקומען מיט צוויי פוקסן. ער האָט אויפגעשאָקלט די פעלן, אויסגעשפּרייט זיי אויף דער פּאָדלאָגע מיט אַ נייג פון אַ באַלעט־טענצער: „נו, וואָס זאָגט איר צו דעם? גאָלד און בריליאַנטן, האַ?"

פּינטשע האָט אויפגעהויבן אַ פּעלעכל, אָנגענומען עס בייַם פּיסק און בייַם עק און עס אויפגעטרייסלט, פּונקט ווי דער סוחר האָט עס געטאָן

פריִער. ער האָט אַ גלעט געטאָן איבער דער פעל און דער סוחר האָט אים אונטערגעזאָגט: „זייַד און סאַמעט, הע?"

די פעל האָט געהאַט אַלע מעלות וואָס דער סוחר האָט פריִער אויסגערעכנט. אַ שיינער לוסטער, אַ ווייכע האָר און אַ גוטער קאָליר. די אייבערהאָר טאַקע הויך, אָבער ווען די פעל האָט זיך געבויגן האָט זיך אַרויסגעזען די אינעווייניקסטע וואָל געדיכט ווי וואַטע. דאַרף עס אַזוי זייַן? ער האָט פינעף אַדרעסן, מע דאַרף אַ קוק טאָן בייַ נאָך עמעצן.

„איר האָט עפּעס נאָך שענערס?" האָט פּינטשע געפרעגט.

„נאָך שענערס?" איז דער סוחר אַזש אונטערגעשפּרונגען, „און פאַר דער מלחמה האָט מען געזען שענערס? איר זעט דעם רוקן? אַ גלייַכע, אַ דינע, טונקעלע ליניע פון קאָפּ ביז אַראָפּ צום עק, ווי געצייכנט מיט אַ ווירע. און דער זילבער. גיט אַ קוק, דאָס איז נישט ווייַס ווי אין די ביליקע פוקסן, ס'איז זילבער ווי דער קאָליר פון אייַער מאַמעס שבתדיקע לייַכטערס".

פּינטשע האָט גאָרנישט געהאַט אויסצוזעצן קעגן די פוקסן, אָבער ער האָט זיך אייַנגעהאַלטן מיט אַלע כוחות נישט צוצוקלאַפּן צום מיסחר, ער מוז געבן אַ קוק בייַ אַן אַנדערן סוחר. ווען ער איז שוין געווען אויף די טרעפּ אַראָפּ, האָט ער אייַנגעחזרט די מעלות פון אַ פוקס וואָס ער האָט נאָר וואָס געלערנט: אַ טונקעלער רוקן, אַ טונקעלע ליניע, גלייַך ווי אַ ווירע פון קאָפּ ביזן עק. ס'איז טאַקע געווען שענער ווי אין די ערשטע פעלעכלעך ווו דער ברוין פון רוקן האָט דאָ און דאָרטן זיך צעשפּרייט. יאָ, ער מוז אויך געדענקען אַז ווייַס איז נישט גוט, עס מוז זייַן זילבערדיק.

דער צווייטער סוחר האָט געלויבט זייַן סחורה פילאָסאָפיש: „אַ פוקס איז דער קליגסטער פון אַלע חיות. אַ לעבעדיקער פוקס איז חשוב צוליב זייַן קאָפּ, אָבער דער טויטער פוקס איז חשוב צוליב זייַן שוואַנץ. גיט אַ קוק, פּאַניע, אויף דעם פוישיקן, פּראַכטיקן עק; און גיט, זייַט מוחל, אַ טאַפּ דאָ. ס'איז נישט צוגעשטיקעוועט אַ שיינער עק צון אַ שיינעם רוקן, ס'איז דער אייגענער, אָריגינעלער, נאַטירלעכער עק, און אַזאַ יופּי".

„דער עק איז טאַקע אַ שיינער, אָבער איך וויל אַ פעל מיט זילבער וואָס זאָל זייַן זילבער און נישט ווייַס", האָט פּינטשע איצט גערעדט ווי אַ פאַכמאַן. „אַ שיינע פעל מיט אַ שיינעם רוקן, דער ווייַס זאָל זייַן ווי זילבער און דער ברוין זאָל זייַן אַ בלויער ברוין, ווי בייַ אַ סויבל, נישט רויטלעך".

פּינטשע האָט איבערגעחזרט אַלץ וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט

און געמיינט אַז ער האָט גערעדט צו פיל, אָבער ער האָט גיך געזען אַז ווי נאָר ער האָט געוויזן אַ ביסל מבינות האָט דער סוחר אַראָפּגעגנידערט די פּרייַזן. ער האָט נאָך אַלץ נישט געפונען אַ יוסטן סוחר וואָס זאָל נישט איבערטרייַבן אין לויבן זייַן סחורה און נישט איבערטרייַבן אין די פּרייַזן. ער וועט גיין צון אַלע פינעף סוחרים, לערנען עפּעס בייַ יעדן און ערשט דערנאָך קויפן.

דער אָוונט איז שוין צוגעפאַלן ווען פינטשע האָט אונטערן מאַטראַץ פון עמושעס וועגעלע אַהיימגעפירט די אייַנגעקויפטע סחורה. לאַנגע פעלן, די פיסלעך ווייַס בייַ די נעגל און שטעכיקע וואָנצעס בייַם פּיסק, און די אַלע מעלות וואָס ער האָט געלערנט וועגן זיי אַ גאַנצן טאָג. ער האָט אַפילו ריזיקירט און געקויפט אַן אויסגעפּאַרטיקט שטיקל סחורה פון צוויי פוקסן באַהאָפטן מיט אַ קלאַמער. מע האָט דאָס נישט באַשטעלט בייַ אים, אָבער עס איז געווען דאָס שענסטע שטיקל סחורה און אויך דער פּרייַז איז געווען נישט שלעכט. עמוש זאָל זיך נאָר נישט באַנעצן, און אַדורכ־ווייקן די סחורה אונטער אים.

ווען פינטשע איז אָנגעקומען אַהיים האָבן די קונים שוין געוואַרט. ער האָט שנעל אַרויסגענומען די פעלן פון אונטער דעם מאַטראַץ, אויפ־געטרייסלט אַ פעל און זי געגעבן אַ שפּרייט אויס נעבן כעמיעס פּיס, ווי אַן אמתער פאַכמאַן.

די קונים זענען געווען צופרידן מיט דעם אייַנקויף און גענומען אויך די טאָפּעלע פעל. מינדעלע האָט זיך געקאָטשעט פון געלעכטער ווען פינטשע האָט איר שפּעטער דערציילט ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ מבין אויף זילבערנע פוקסן.

פינטשע האָט אויך אייַנגעקויפט לעדער און שוכצודאָטן פאַר ר׳ נטע פרידעס קראָם. די סחורה האָט ער נישט באַדאַרפט זוכן, בערעק האָט אים צוגעשטעלט דעם גאַנצן באַשטעל.

ג.

ווען די קונים זענען געקומען אָפּנעמען דאָס לעצטע פעקל האָט געוואַרט אויף זיי אַ שיינער כּיבוד. מיט גוטע מאכלים האָט מען די כעלמישער נישט געקאָנט איבעררייַשן, האָט פינטשע פאַרבעטן זייַן שווער־און־שוויגער און אויך בערעקן מיט מאַניען. דער רב האָט זיך אויסגעפרעגט אויף זייַנע ידידים אין כעלמיש און שלומל האָט דערציילט

ווי עס האָט זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן אונטער דער דײַטשער מאַכט. אין אָנהייב איז כעמיע געזעסן שטום פון גרויס דרך־ארץ און געגאַפט איבער דעם רבס לומדישן לשון. כעמיע איז נאָך קיין מאָל נישט געזעסן אַזוי נאָענט צום רב. ווען ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל פלעגט די מאַמע אים אַ מאָל שיקן צום רב מיט אַ שאלה אויף אַן עוף. שפּעטער איז ער נאָר איין מאָל געווען בײַם רב אין הויז. ס'איז געווען דעמאָלט ווען מע האָט אין שטאָט געזאָגט אַז די גויים גרייטן אַ פּאָגראָם און ער מיט נאָך אַ פּאָר חברה־לײַט זענען געשטאַנען שמירה נישט ווײַט פון רבס הויז. די רביצין האָט זיי דעמאָלט אַרײַנגערופן און מכבד געווען מיט אַ קאַלטן טרונק.

מינדעלע האָט דערלאַנגט כּיבוד און כעמיע איז דערווײַל געקומען צו זיך. ער האָט נישט געוואָלט זיצן ווי אַ תּם, האָט ער זיך באַמיט אַלע מאָל אַרײַנצוואַרפן אַ וואָרט.

עס איז צו רייד געקומען וועגן כאַפּן צו דער אַרבעט. שלומל האָט דערציילט אַז אין כעלמיש כאַפּט מען מער נישט צו דער אַרבעט. דער יודנראַט דאַרף צושטעלן פופציק אַרבעטערס אַ טאָג. אין כעלמיש איז דאָ אַ הכשרה־קיבוץ און די חלוצים פאַרדינגען זיך צום יודנראַט און גייען אויספירן די צוואַנגאַרבעט בײַ די דײַטשן.

כעמיע האָט געוווּסט אַז ווען דער רב איז אַוועק פון כעלמיש איז ער געוואָרן רב אין גורוויטש און אַז פּינטשע איז פון גורוויטש, האָט ער זיך אָנגערופן אַז פאַר דער מלחמה זענען אין דעם כעלמישער קיבוץ געווען עטלעכע גורוויטשער. דער גאַנצער מאַכער איז געווען אַ בחור פון גור־וויטש, יאַקאָוו. דאָ האָט דער שמועס זיך צעטיילט. דער רב האָט זיך אויסגעפרעגט אויף ר' אהרנען, פּינטשע האָט געוואָלט וויסן מער וועגן זײַן חבר יאַנקל קאַליסקי.

„געווען דאָרט אַ ביטערער יונג משה, ער'ט זיך שטענדיק געקריגט ביז יאַקאָוו איז אַוועק פון קיבוץ".

„ווּהין איז ער אַוועק ?"

„צו ערשט איז ער געקומען קיין וואַרשע, איך האָב אים געקריגן אַ פּאָסטן אין אַן עקספּעדיציע. ער איז געוואָרן אַ היימישער יאַט, געקומען מיט זײַן שוועסטער אויף אַ ביבקע. איר קאָנט זײַן שוועסטער שפּרינצע ? אַ שיינקייט ! אַז יאַנקל האָט זיך אויסגעפּוצט און אַרויסגעגאַנגען מיט זײַן שוועסטער שפּאַצירן האָט מען זיי נאָכגעקוקט אין די גאַסן".

„ווי אַזוי איז ער פאַרשוווּנדן געוואָרן ?"

„דאָס ווייסט קיינער נישט. ער האָט אַ ביסל גוסטירט אין מײַן

שוועגערין רוכטשע. ער האָט איר געשריבן אַז ער פֿאָרט קיין ארץ־ישׂראל. זאָשקע האָט אויך געקריגן פֿון אים אַ בריוו פֿון רומעניע. זאָשקע איז דאָך אויך פֿון גורוויטש, איר קענט זאָשקען? אַזאַ שיינע. זאָשקע קומט נאָך אַלץ קיין כעלמיש, אָבער זי וווינט אין וואַרשע".

„אין וואַרשע איז זי אַריבער אין אַ קיבוץ פֿון 'החלוץ'. דער קיבוץ אין כעלמיש איז, דאַכט זיך מיר, פֿון 'השומר', איר זאָגט אַז זי קומט נאָך אַלץ קיין כעלמיש?" האָט בערעק געפֿרעגט.

„זי קומט נאָר ברענגען זאַכן. איר ווייסט וואָס פֿאַר אַ זאַכן איך מיין. זי ריזיקירט צו פֿיל. עטלעכע וואָכן צוריק האָט זי שיִער נישט באַצאָלט מיטן לעבן. מע האָט זי געכאַפּט און זי איז אַנטלאָפֿן".

„זי איז צוריק אויף דזשעלנע 34?"

„זי איז צוריק אין וואַרשע".

ד.

זאָשקע איז געווען אין אַ זײַטיקן צימער אויף דזשעלנע 34, זי האָט געלערנט מיט אַ קלאַס. אַ מיידל איז אַרײַנגעקומען איר זאָגן אַז עמעץ פֿרעגט זיך אויף איר.

„ווער?"

„כ'ווייס נישט ווער ער איז".

„כ'על זײַן פֿאַרנומען נאָך אַ האַלבע שעה".

„ער זאָגט אַז ער איז פֿון דער פּראָווינץ".

זאָשקע איז אַרויס זען ווער עס איז. בײַם אַרײַנגאַנג האָט געוואַרט אויף איר כעמיע. „וואָס טוסטו דאָ?" האָט זי געפֿרעגט אַ פֿאַרוווּנדערטע.

„כ'בין שוין אַ וואָך אין וואַרשע".

„פֿון וואַנען האָסטו געוווּסט אַז כ'בין דאָ?"

„כ'בין געווען בײַם גורוויטשער רבס איידעם, איז דאָרט געווען איינער, ער איז אַ דאָקטאָר, דעם רבס איידעם האָט אים גערופֿן בערעק".

„בערעק עפּשטיין?"

„יאָ, דאַכט זיך מיר. ס'איז צו רייד געקומען וועגן כעלמישער קיבוץ, האָט מען דערמאָנט יאַקאָוון, דיך. אָווע טאָווע, דער דאָקטאָר האָט געזאָגט אַז דו ביסט איצט אין אַ קיבוץ פֿון 'החלוץ' אויף דזשעלנע 34. איך האָב אים נישט געפֿרעגט, כ'זאָל אַזוי געזונט זײַן, מיר זאָלן אַזוי דערלעבן

היטלערס מפּלה. ער האָט עס גלאַט אַזוי געזאָגט, ער ווייסט נישט אַז ס׳איז אַ סוד?"

„ביסט געקומען מיר וויַיזן אַז דו ווייסט וווּ איך בין?"

„מיינסט כ׳בין געקומען זיך רייצן מיט דיר? אָסור מיר".

„וואָס דען?"

„דו ביסט בייז? כ׳האָב געוואָלט זען וואָס דו מאַכסט. כ׳על אַהיימ־קומען ׳עלעך אָפּגעבן אַ גרוס".

„כ׳לערן יעצט אַ קלאַס".

„גיי צוריק צו דיַין קלאַס. דו זעסט אויס גוט. ווען איך האָב דיך געפירט קיין ווארשע... דו ווילסט עפּעס מיטשיקן? כ׳פאָר אַהיים מאָרגן".

„דער קלאַס וועט זיַין געענדיקט אין אַ האַלבער שעה. דו ווילסט וואַרטן? קאָנסט צוריק קומען שפּעטער".

„כ׳האָב ציַיט, כ׳על וואַרטן".

„וואָס איז דאָ?" האָט כעמיע געפרעגט זאָשקען ווען זי איז צוריק געקומען. „אַ קיבוץ, אַ שקאָלע, אַ קינדערהיים? זייגקינדער אויף הכשרה זע איך דאָס ערשטע מאָל". אויב כ׳וואָלט געוווסט... כ׳האָב מיטגע־ברענגט גרויסע פּעק עסנוואַרג, כ׳האָב שוין אַלץ צעטיילט. ווען כ׳על ווידער קומען ׳עסטו זען וואָס כ׳על ברענגען".

„דו ביסט אַ גוטער, כעמיע".

„און דו, זאָשקע, דו ביסט אַ לערערין, אַ מאַמע צו פרעמדע קינדער, און דו מאַכסט נישט קיין צימעס דערפון. דו ביסט אַזוי יונג, אַזוי שיין און... זאָשקע, דו ווייסט אַז ביסט אַ שיינע? דו זעסט אויס ווי אַ שיינע שיקסע".

„די בלאָנדע האָר העלפן".

„זאָשקע, דו ביסט אַזאַ שיינע, דו האָסט אַ ׳סימפּאַטיע׳? כ׳ווייס ס׳איז נישט שיין צו פרעגן אַזאַ זאַך, אָבער איך בין דאָך שוין אַ חתונה־געהאַטער. אַ מאָל האָב איך אַ ביסל גוסטירט אין דיר. אַז כ׳בין אַריַינ־געקומען אין קיבוץ און דו ביסט נישט געווען, איז מיר געווען אַ שאָד".

„איז דאָך משה גערעכט געווען. ער האָט די גאַנצע ציַיט געשריגן אַז אַלץ וואָס דו טוסט פאַרן קיבוץ... צו וואָס אויפמישן אַלטע זאַכן?"

„דער משה, ער זאָל עס מיר מוחל זיַין, ס׳איז מיר געווען אַזאַ שאָד וואָס דו האָסט זיך גענומען אַזאַ... לאָמיך נישט זינדיקן מיט די רייד: איך האָב אים נישט צו פיל ליב געהאַט און ער מיך אַוודאי נישט".

„משה איז געווען אַ גוטער שומר, נאָר אַן אומגליקלעכער מענטש".

„דו האָסט שוין אַ נײַעם חבר, כ'מיין אַ 'סימפּאַטיע', אַזאַ חבר צו בלײַבן מיט אים אויף אייביק".

„אין דער באַוועגונג רופט מען עס אַ 'פּראָבלעם' ".

„דו האָסט שוין דײַנס אַ 'פּראָבלעם' ?"

„ווער טראַכט הײַנט וועגן אייביק ? אַ מענטש ווייסט דען וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען ?"

„דו קריכסט אין פײַער אַפילו ווען מע דאַרף נישט. משה איז אויך אַזוי געווען, ער האָט נישט געדאַרפט זידלען דעם דײַטש איבער אַ זייגערל וואָס איז קיין צען זלאָטעס נישט ווערט געווען".

„משה האָט געוואָלט שטאַרבן".

„וואָס רעדסטו, זאָשקע, ווער וויל שטאַרבן ?"

„משה האָט געוואָלט שטאַרבן ווײַל איך האָב אים פאַרלאָזט".

„כ'ווייס וואָס ליבע איז. מײַן ברודער פּוליע האָט זיך דערטרונקען ווען ער האָט זיך פאַרקאָכט אין רוכטשען. אָבער משה ? כ'וואָלט זיך דאָס קיין מאָל נישט פאָרגעשטעלט. דו ווילסט שטאַרבן ?"

„פאַר וואָס פרעגסטו אַזאַ זאַך ?"

„ווען האָסט געזאָגט אַז משה איז געשטאָרבן איבער דיר... כ'ווייס נישט, אָבער דו האָסט עס געזאָגט אַזוי אַז ס'האָט מיר אַ שניט געטאָן אונטערן לעפעלע. משה האָט דיר גענוג אויסגעטיילט בײַם לעבן, פאַרגעס וועגן משהן".

„איך האָב מער נישט געקאָנט בלײַבן מיט אים, כ'האָב נישט געקאָנט ! כעמיע, לאָמיר רעדן וועגן פריילעכערע זאַכן".

„דאָס מוז איך דיר זאָגן : ער האָט מיך פײַנט געהאַט, ער האָט געשפּיגן קלעק אויף יאַקאָוון, כ'גלייב נישט אַז ער האָט עמעצן ליב געהאַט. עס זיך נישט אָפּ ס'האַרץ".

„לאָמיר נישט אויסרעדן אויף די וואָס זענען שוין נישטאָ".

„אויב ר'האָט עס געטאָן איבער דיר, האָט ער עס געטאָן כדי דו זאָלסט זיך אָפּעסן דאָס האַרץ. לעבעדיקערהייט האָט ער דיך מער נישט געקאָנט מוטשענען, האָט ער..."

„דו קאָנסט עפּעס מיטנעמען ?"

„וואָס ?"

„דו האָסט פריער געזאָגט אַז דו קאָנסט עפּעס מיטנעמען קיין בעלמיש".

„דו ווילסט נישט כ'זאָל רעדן וועגן... גוט. נישט, איז נישט. כ'פאָר מאָרגן אַהיים, כ'קאָן עפּעס מיטנעמען".

„קום מיט מיר. ניין, וואַרט דאָ, כ'וועל באַלד צוריקקומען".

זאָשקע איז אַוועקגעלאָפן אין מזכּירות רופן נחומען. אַריה איז געזעסן בײַ אַ טיש, ער האָט עפּעס געשריבן. אייגנטלעך מער געשטראָכן ווי געשריבן. זאָשקע מיט נחומען זענען שוין געווען בײַ דער טיר ווען אַריה האָט זיי צוריקגערופן: „דאַכט זיך מיר אַז איך האָב עס".

„וואָס האָסטו?"

„כ'דאַרף שרײַבן אַ קאַרטל קיין זשענעווו. זיי ווילן איך זאָל סומירן אונדזער מצב פאַר דעם יאָר 1940. גיי שרײַב דאָס אײַן אַן אָפּן פּאָסט־קאַרטל וואָס וועט אַדורכגיין די צענזור".

„דו האָסט דאָך געזאָגט אַז דו האָסט עס".

אַריה האָט אָנגעשריבן אַ פּאָר ווערטער און עס איבערגעלייענט פאַר זאָשקען און נחומען: „בײַ אונדז איז דאָס גאַנצע יאָר געווען יום־טובדיק. מע וווינט ווי סוכּות, מע גייט אָנגעטאָן ווי פּורים און מען עסט ווי יום־כּיפּור..."

„אַ ליאַלקעלע", האָט כעמיע געשעפּטשעט מיט אַ ביסל חוזק ווען ער האָט דערזען דעם בחור וואָס זאָשקע פירט צון אים. ער וואָלט געקאָנט זײַן אַ שיין מיידל... איז ער איר סימפּאַטיע?

„שלום", האָט דער בחור זיך באַגריסט און דערלאַנגט כעמיען די האַנט. „מײַן נאָמען איז נחום".

ער איז זיכער איר 'סימפּאַטיע' און ער רעדט ווי אַ ליאַלקע. אַ מאַנספּאַרשוין דאַרף רעדן ווי אַ מאַנספּאַרשוין, נישט מיט אַזאַ ווייך קולעכל און נישט מיט אַזעלכע ניקן, האָט כעמיע שוין געהאַט אַ ווידער־ווילן צון אים נאָך איידער ער האָט געענטפערט אויף נחומס 'שלום'.

„זאָשקע האָט מיר דערציילט וועגן אײַך", האָט נחום געזאָגט כעמיען.

„אַזוי שלעכט איז נאָך נישט", האָט כעמיע געענטפערט.

„כ'פאַרשטיי נישט".

„כ'בין טאַקע נישט קיין וואַזשנע צאַצקע אָבער אַזוי שלעכט ווי זאָשקע מיינט, בין איך נישט", האָט כעמיע געענטפערט און זיך צעלאַכט.

„איך?" האָט זאָשקע געוואָלט אָפּלייקענען.

„כ׳מאַך מיר אַ געלעכטער", האָט כעמיע באַרויִקט זאָשקען און באַקלאָגט זיך פאַר נחומען: „זי האָט מורא געהאַט מיר צו זאָגן ווו זי ווינט".

„כ׳האָב דיר געזאָגט פאַר וואָס", האָט זאָשקע זיך פאַרענטפערט.

„און דער דאָקטאָר?"

„בערעק? בערעק ווייסט נישט וואָס איך טו, מעג ער ויסן ווו איך ווין. דו ווייסט צו פיל וועגן מײַן נישט־לעגאַלער אַרבעט".

„כ׳בין נישט ׳פעפערזיכטיק׳ אויף דעם בערעק, כ׳האָב מיר געמאַכט אַ געלעכטער".

זאָשקע האָט נישט געלאַכט, און אויך נחום איז געשטאַנען מיט אַ פּנים ווי עס וואָלט אים ווי געטאָן אַ צאָן, אָדער געקוועטשט אַ הינער אויג. „צו וועלכער אָרגאַניזאַציע געהערט דער פאָן?" האָט נחום פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן.

„צו קיין איינער נישט".

„און ביז דער מלחמה?"

„כ׳בין נישט קיין פאַרטייִשער".

„דער פאָן פלעגט דאָך אַרײַנקומען אין קיבוץ?"

„גלאַט אַזוי, צוליב די שיינע מיידלעך".

„זאָשקע דערציילט אַז דער פאָן האָט געהאָלפן דעם קיבוץ".

„צוליב די שיינע מיידלעך".

„ערנסט גערעדט".

„דער פאָן פרעגט מיך אויס ווי אַ שלעדאָוואַטעל. צו דעם ביסט דו אים געגאַנגען רופן, זאָשקע?"

„כעמיע, כ׳בעט דיך, זײַ ערנסט. גלייב מיר, ס׳איז וויכטיק".

אין זאָשקעס קול איז געווען געבעט און זי האָט געקוקט אויף אים מיט אַזאַ וואַרעמען בליק אַז עס איז אים געוואָרן ערנסט אויפן געמיט. ער ווערט טאָקע די כפּרה פאַר זײַן געניע, אָבער פאַר וואָס לייקענען? דאָס דינע, איידעלע מיידעלע וואָס שטייט דאָ נעבן אים, דאָס ליאַלקעדיקע פּנימל מיט די זיסע חן־גריבעלעך... ס׳אַזאַ איידלקייט אין דעם קינד אַז די האַנט ציט זיך אַ גלעט צו טאָן, אַז ער וואָלט... „ס׳איז די נעוואָרעט, זאָשקע. כ׳בין אַ ייִד מיט אַ ייִדיש האַרץ. אַז די שקצים האָבן געשלאָגן אַ ייִד האָט עס מיר ווי געטאָן און די הענט האָבן געסוועדזועט צו דער־לאַנגען די שלעגערס וואָס עס קומט זיי. אַז כ׳האָב געזען עץ הונגערט אין דעם קיבוץ, האָב איך געוואָלט העלפן. אָבער פאַרטייען, אידעאָלאָ־גיעס — דאָס איז נישט פאַר מיר. כ׳בין געקומען צון ענק אין קיבוץ; אַז

מ׳האָט געזונגען האָב איך זיך געוויילט, אַז מע האָט גערעדט איז מיר געווען נודנע״.

„זאָשקע זאָגט אַז דער פּאַן וויל איר העלפֿן פֿירן זאַכן קיין כעלמיש. פֿאַר וואָס וויל דער פּאַן דאָס טאָן ?״

„פֿאַר וואָס נישט ?״

„פֿאַר וואָס יאָ ? מע קאָן געכאַפּט ווערן און באַצאָלן מיטן קאָפּ״.

„דער פּאַן וויל וויסן די בעוואָרעט פֿאַר וואָס ?״

„נאָר דעם אמת״.

„דער אמת איז אַז איך ווייס נישט וואָס עץ שרייבט אין די בלעטלעך און כ׳בין נישט זיכער צי ס׳איז וויכטיק. כ׳וויל עס נעמען ווייל אַז איך וועל עס נישט נעמען וועט עס זאָשקע פֿירן״.

„פֿאַר וואָס דער פּאַן יאָ, און זי נישט ?״

כעמיע האָט אָפּגעמאָסטן נחומען מיט אַ בליק פֿול מיט ביטול. ווי קען אַזאַ ליאַלקע־פּנים פֿאַרשטיין וואָס אַ מאַן פֿילט צון אַזאַן איידל קינד ?

„כעמיע האַלט אַז פֿאַר אים איז עס ווייניקער געפֿערלעך״, האָט זאָשקע געענטפֿערט פֿאַר כעמיען.

„דאָס איז די בעוואָרעט״, האָט כעמיע מסכּים געווען.

„אייך באַזוכט מען נישט ?״

„כ׳האָב אַ גוטן פּאַסירשיין, און דאָס מאָל אויך אַ באַגלייטער״.

„דער באַגלייטער קאָן אַרייַנקוקן אין די פּעקלעך ?״

„ביז הייַנט האָט דאָס נאָך נישט פּאַסירט״.

„דערציילט מיר מער וועגן דעם יודנראַט און וועגן די באַגלייטערס״.

„זאָשקע ווייסט אַלץ, כ׳האָב גאָרנישט מער צו דערציילן״.

נחום האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן כעמיען, צוגערוקט זיך נענטער און גערעדט, כּמעט אין אויער אַריַין : „הערט, חבר כעמיע, די חברים אין כעלמיש ווילן טאַקע אויך נישט זאָשקע זאָל פֿירן צו זיי די פּעק וואָס זי פֿירט. זיי בעטן מיר זאָלן זיי שיקן אַ קאָנפֿירמאַשין און זיי וועלן דאָרט אַליין דרוקן וואָס מע דאַרף״.

„און זאָשקע זאָל נישט דאַרפֿן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק ריזי־קירן איר קאָפּ ? זיי זענען גערעכט״.

„אָבער אַריבערפֿירן אַ גאַנצע מאַשין...״

„איך וועל עס נעמען״.

„און טאָמער וועט מען עס געפֿינען צווישן אייַערע פּעקלעך ?״

„מ׳עט נישט געפֿינען״.

„און טאַמער יאָ ?"

„'עלעך זאָגן אַז ס'האָט זיך מיר געטראָפן אַ מציאה. ניין, כ'על זאָגן אַז ס'האָט עס עמעץ אַוועקגעוואָרפן בײַם אַרויסציִען זיך פון געטאָ. כ'קאָן זאָגן אַז כ'האָב עס גענומען פאַר דעם ייִדנראַט און פאַר דער 'אָרדענונגס־דינסט' כדי מײַן ווײַב זאָל נישט דאַרפן אַרבעטן אַזוי שווער. מײַן געניע קלאַפּט פאַר זיי אויף דער שרײַבמאַשין, דאָס וועט איר אײַנשפּאָרן אַרבעט. האָט נישט קיין מורא, קיין געלערנטער מענטש בין איך טאַקע נישט, אָבער אַ קאַבילאַק, ווי מע וואַרפט אים בלײַבט ער שטיין אויף די פיס. זאָגט נאָר, אפשר קאָנט איר קריגן נאָך אַזאַ מאַ־שינדל ? דאָס וואָלט טאַקע געניען אײַנגעשפּאָרט אַרבעט".

ווען דער צוג איז אָנגעקומען קיין כעלמיש איז שוין געווען נאָך דער פּאָליציי־שעה. כעמיעס ברודער אײַזיק האָט געוואַרט מיט פערד־און־וואָגן, מע האָט אָפּגעלייגט אַלע פעקלעך בײַ שלומלען אין דער היים און כעמיע איז אַהיימגעגאַנגען שלאָפן.

גראַד דאָס מאָל איז כעמיע געווען מיד און טאַקע געוואָלט שלאָפן, אָבער געניע האָט זיך געקלאָגט: זי זעט שוין אַז ער האָט גאָר נישט געבענקט נאָך איר. נישט געווען אין דער היים אַ וואָך צײַט און איצט וויל ער נאָר פּאָפן. געניע האָט אים געקיצלט און גערייצט זיך מיט אים. אַז ער האָט דערפילט איר נאַקעט יאַדערדיק לײַב אויף זײַן גוף איז פאַר־שוווּנדן די שלעפעריקייט. „כ'האָב נאָר געוואָלט אַ קוש", האָט געניע געטענהט, „נאָר גיי טענה זיך מיט אַ צערייצטן אָקס".

„וויפל איז דער שיעור ? מאָרגן איז אויך אַ טאָג", האָט געניע זיך כלומרשט געבעטן אָבער געשפּאַרט אויף אים אירע רייצנדיקע גלידער. ס'איז געווען אַ וואַכנאַכט און כעמיע איז צו מאָרגנס געשלאָפן ביז האַלבן טאָג.

ווען כעמיע איז געקומען צו שלומלען צו שלומלען אָפּנעמען זײַנע זאַכן, האָט געפעלט אַ פּעקל. די קופּאָנען מאַנופאַקטור זענען געווען, די פוקסן זענען געווען. עס האָט נישט געפעלט קיין איינס פון די פעקלעך לעדער און שוסטער־צודאַטן וואָס ער האָט געקויפט פאַר זײַן שווער, אָבער איין וויכטיק פּעקל האָט געפעלט.

„וואָס זוכסטו ? איך זע נישט עס זאָל עפּעס פעלן", האָט שלומל זיך געוווּנדערט. אָבער כעמיע האָט געזוכט אין אַלע ווינקלען ווי אַן אוצר וואָלט אים פאַרלוירן געוואָרן. ער האָט אַ שפּרונג געטאָן צו דער טיר און געלאָפן אַהיים. אפשר איז דאָס פּעקל געבליבן ליגן אויפן וואָגן.

אײַזיק איז שוין געהאַט אַרויסגעפאָרן מיטן וואָגן. באַשערט אַן אומגליק, האָט כעמיע זיך נישט געקאָנט באַרויִקן און געלאָפן אין שטאָט אַרײַן זוכן אײַזיקן. עס האָט גענומען שעהען ביז ער האָט געפונען דעם ברודער. אײַזיק האָט אים פאַרזיכערט אַז מע האָט נעכטן אַלץ אַראָפּ־גענומען פון וואָגן.

כעמיע איז געלאָפן צוריק צו שלומלען. שלומל איז געווען אין גאַס, אין שטוב האָט זיך אַרומגעדרייט זײַן ווײַב ברײַנע, אַ הויכע, ברייטע ייִדענע מיט אַ גרויסן בויך, ווי זי וואָלט אײַנגעשלונגען דאָס פּעקל.

זאַשקע וועט דאָס נישט גלייבן, קיינער וועט אים נישט גלייבן! ער אַליין קאָן זיך עס נישט צוגלייבן! ער האָט מיט די אייגענע הענט אַראָפּגעטראָגן דאָס פּעקל פון דער באַן. האָט מען אין אײַלעניש נעכטן עס געלאָזט שטיין אויפן וואָקזאַל און נישט אַרויפגעשטעלט אויפן וואָגן? ווער ווייסט צי ס'איז נישט געווען אין דעם פאַרפאַקעכץ עפּעס פון וואָס קראַנק וועט דערקענען אַז עס געהער צון אַ ייִד? אוי, קאָנען דאָ זײַן צרות!

ער מוז צוריקפאָרן קיין וואַרשע און דערציילן זאַשקען. זאָל זי טראַכטן וואָס זי וויל, ער מוז איר זאָגן וואָס עס איז געשען. ניין, ער טאָר איצט נישט אָוועקפאָרן. טאָמער עפּעס, וועט ער עס אפשר קאָנען פאַרגלעטן אויב ער וועט זײַן אויפן אָרט.

געניע איז געווען מיד פון דער פריִערדיקער נאַכט און געשלאָפן ווי געהרגעט. כעמיע האָט נישט צוגעטאָן קיין אויג. ער האָט פּראָבירט זיך דערמאָנען יעדע מינוט און זײַן יעדער באַוועג זינט ער איז אַראָפּ מיט דעם פּעקל פון דער באַן. עס דאַכט זיך אים אַז ער האָט דאָס פּעקל אַרויפגעשטעלט אויפן וואָגן מיט זײַנע אייגענע הענט, אָבער ער קאָן מער נישט זײַן זיכער דערין. דער פאַקט איז אַז דאָס פּעקל איז נישטאָ דאָ. אַ גנבֿ? באַרישקייטן. עס זענען געלעגן אויפן וואָגן אַזוי פיל פּעקלעך מיט טײַערע סחורות, וואָס פאַר אַ ווערט קאָן אַ קאָפּיר־מאַשין האָבן פאַר אַ גנבֿ?

אין דער בהלה פון זוכן דאָס פאַרלוירענע פּעקל האָט ער פאַרגעסן אָוועקצוטראָגן צום שווער די סחורה וואָס ער האָט געבראַכט פאַר אים. כעמיע האָט עס געטאָן צו מאָרגנס באַלד אין דער פרי. ער האָט ווידער אַ מאָל געזוכט בײַ שלומלען אין הויז און דערנאָך אַ טרויעריקער אָוועק צו זײַן שווער.

רוכטשע איז אויך געווען אין געוועלב, זי האָט זיך דערפרייט מיט

אים און געטאַנצט אַרום אים ווי ער וואָלט געווען דער חשובסטער גאַסט. זי איז לעצטנס אַרומגעגאַנגען מיט אַ נאָז אויף אים און אויס־גערעדט אויף אים אַפילו פאַר גוֹיִים. וואָס איז זי פלוצלינג געוואָרן ווי צון אַ מכּה צוצולייגן? ווען ר׳ נטע איז אַרויסגעגאַנגען, איז רוכטשע צוגעקומען נענטער און אַ שעפּטש געטאָן צון אים: „כ׳האָב געהערט אַז מע האָט אַרויסגעגנבעט אַ פּעקל בײַ שלומען".

„פון וואַנעט ווייסטו?"

„האָב נישט קיין מורא, ס׳איז אין די ריכטיקע הענט".

„וואָס רעדסטו?"

„ס׳האָט עס געגומען ווער עס דאַרף".

„משוגע, צי וועלכע שוואַרצע יאָר? מע האָט עס מיר געגעבן פאַר דעם קיבוץ און איך דאַרף עס ברענגען צו ווּעמען מע האָט עס געשיקט".

„אין קיבוץ דרייען זיך צו פיל מענטשן. גלייב מיר, כעמיע, ס׳איז אָנגעקומען אויפן ריכטיקן אָרט".

„פון וואַנען ווייסטו?"

„איך ווייס".

„אַלע ווייסן אַלץ. איך שטעל אײַן מײַן קאָפּ און מע זאָגט מיר גאָרנישט, און... כ׳האָב שוין נישט די פּאַפּלעקציע געקריגן. כ׳האָב געמיינט ס׳גרעסטע אומגליק איז געשען. הער, רוכטשע, בײַ דײַן עליאָש איז אויך נישט ס׳ריכטיקע פּלאַץ. אַלע אין שטאָט, גויים און ייִדן, ווייסן אַז ער איז אַ קאָמוניסט".

„ס׳איז נישט בײַ עליאָשן".

אָ, כ׳האָב פאַרגעסן אַז מאַלאַטאָוו און ריבענטראָפּ זענען יעצט ווי יענע צוויי... ביין, עליאָש וועט נישט אַרײַנטאָן די האַנט אין קאַלטן וואַסער קעגן זײַנע פרײַנדס פרײַנד...

רוכטשע האָט דערהערט דעם פאָטערס טריט, האָט זי שנעל אַ זאָג געטאָן: „דו ביסט גערעכט וואָס דו ביסט אין כּעס. מע האָט דיר געדאַרפט זאָגן פריִער".

עס האָט אַזוי געקאָכט אין כעמיען אַז ער האָט חשק געהאַט צו פאָרן קיין וואַרשע און געבן דער ראַצערין, זאָשקע, דעם ריכטיקן פּסק. אויב מע האָט אַזוי שנעל געוווּסט אין כעלמיש אַז ער האָט געברענגט די מאַשין האָט די נאַרישע חלוצקע אַוודאי געשיקט מיטן זעלביקן צוג עמעצן וואָס זאָל זאָגן וואָס צו טאָן. עס קאָן אַפילו זײַן אַז זיי האָבן עס צוגעלאַטכנט בײַ דער באַן. ער וועט איר זאָגן אַ פּאָר ווערטער, האָט

זי נאָך אַזעלכעס נישט געהערט. און געגוג, אויס! מער וועט ער פּאַר איר נישט אַ ריר טאָן מיט אַ פינגער. דער חבר אירער מיטן לאַלקע־פּנים איז אַוודאי איר ׳סימפּאַטיע׳, אַוודאי מער ווי נאָר אַ ׳סימפּאַטיע׳. אין כעלמיש האָט זי זיך געהאַט אויסגעקליבן אַ מיאוסקייט, אַ פּאַרזועניש, דעם משה מיט דער פּאַרפוילטער נאָז וואָס האָט אַלעמען דעם טויט געמאַכט, אין וואַרשע האָט זי זיך אויסגעקליבן אַ ליאַלקע מיט פיַינע זיַידענע ריידעלעך וואָס מיינט אַז ער איז דער פיש־פּאַש פון דער וועלט. כעמיע קאַבילאַק האָט מער אָרנטלעכקייט אין זיַין פּיאַטע ווי דאָס זיַידענע יונגער־מאַנטשיקל אין זיַין גאַנץ ליַיב־און־לעבן. „וואָס איינער האָט אין זעך, לאָזט ער פון זעך" זאָגט מען. ווער עס געטרויט נישט יענעם, דער ווייסט פון זיך אַליין אַז מע טאָר מענטשן נישט געטרויען.

עס האָט זיך אַזוי געמאַכט אַז כעמיע איז טאַקע אין גיכן געפאָרן קיין וואַרשע. דער הער קאָמענדאַנט האָט געדאַרפט עטלעכע שטיקער „שמוק". צירונג? פינטשע האָט דאָך אים געזאָגט, האָט כעמיע זיך דער־מאָנט, אַז זיַינע פּעטערס זענען צירונג־סוחרים. עס איז באַלד געוואָרן דערפון אַ יאַזדע קיין וואַרשע.

נאָך איידער כעמיע איז געגאַנגען וועגן זיַינע געשעפטן איז ער אַוועק אויף דזשעלנע 34. ער וועט אונטערציִען דעם חשבון מיט דער זאָשקע, איין מאָל פאַר אַלע מאָל.

זאָשקע האָט אים דערזען נאָך פון וויַיטן און איז אים אַקעגן געלאָפן מיט אַ צעשטראַלט פּנים. אַ וואַרעמקייט איז אָנגעלאָפן אויף אים און זיך צעגאַנגען אין אַלע זיַינע אברים. ער האָט זיך באַמיט אָנצוהאַלטן דעם כּעס און אויסגעשטיַיפט זיַין פּנים עס זאָל נישט אויסברעכן מיט אַ שמייכל. אָבער אין דער מינוט האָט ער געוווסט אַז אויב ער וואָלט נישט געווען שוין אַ באַוויַיבטער, וואָלט ער זיך געקאָנט פאַרליבן אין דעם דראָבנעם, מיידעלע, אַזוי נאַריש פאַרליבן זיך, ווי זיַין ברודער פּוליע, ליוועשולעם, אין רוכטשען.

נאָך איידער כעמיע האָט אַרויסגעזאָגט אַ וואָרט האָט זאָשקע גענומען רעדן וועגן דעם וואָס איז געשען. „כ׳ווייס שוין וואָס זיי האָבן דיר אָפּגעטאָן. דאָס איז געווען אַ נאַריש שפּיצל, כאָטש זיי האָבן גוט געמיינט".

„וואָס האָבן זיי אַזוי גוט געמיינט?"

„מע זאָל נישט וויסן ווו די מאַשין געפינט זיך".

„ווער זאָל נישט וויסן?" איז אין כעמיען ווידער אויפגעגאַנגען דער כּעס.

„קיינער וואָס מוז נישט וויסן".

„איך קען שוין דאָס לידל. זיי געטרויען מיר נאָך אַלץ נישט".

„ס'גייט נישט וועגן יאָ אָדער נישט געטרויען..."

„רוכטשע ווייסט אַלץ. אויב איך וואָלט געווען אַ פרידע, אויב איך וואָלט געהאַט געלערנט אין אַ גימנאַזיע..."

„איך געטרוי דיר, כעמיע. איך וועל דיר זאָגן אַלץ וואָס איך ווייס, איך שטויס זיך אָן ווו עס איז. אין כעלמיש קאָאָפּערירן צווישן זיך אַלע ריכטונגען. אַרויסגענומען פון שלומס הויז האָט עס, מן־הסתּם, עליאַש. ביילע, שלומלס טאָכטער האָט אים אַוודאי געהאָלפן. אָבער עס איז נישט ביי עליאַשן, איך בין חושד אַז..."

כעמיע האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר מויל און זי נישט געלאָזט ווייטער רעדן: „דו האָלטסט דאָך אַז מע טאָר נישט זאָגן, נאָר דו ווילסט מיר ווייזן אַז דו גלייבסט מיר. איך גלייב דיר אַז דו גלייבסט מיר".

זאָשקע האָט אָפּגעפּרעסט אַ קוש אויף דער האַנטפלאַך וואָס איז געלעגן אויף איר מויל. ווען זי האָט דערזען ווי בלאַס כעמיע איז געוואָרן, האָט איר פּנים זיך אָפּגעגאָסן מיט רויטקייט. זיינע גרויסע מוסקולירטע פיס זענען שוואַך געוואָרן אונטער אים, ער האָט קוים דער־האַלטן זיין גלייכגעוויכט. זיינע ליפּן האָבן געציטערט ווי צום וויינען, אָבער ער האָט זיך געצווונגען אַ שמייכל צו טאָן. ער האָט אַראָפּגעשלונ־גען כאָטש עס איז אים געווען טרוקן אין מויל. ער האָט מיט דער צונג באַנעצט זיינע ליפּן, נאָך ברייטער זיך צעשמייכלט און איר געזאָגט: „האָסט מיר אַ קוש געטאָן די האַנט ווי אַן אַלטן זיידן, כ'וויל בעסער זאָלסט מיך קושן ווי אַ יונגן מאַן".

זאָשקע האָט זיך אונטערגעהויבן אויף די שפּיץ־פינגער און אים אַ שנעלן קוש געטאָן אין דער באַק.

„דאָס איז אַ קוש ווי פאַר אַן עלטער־פעטער".

זי האָט אים אַ שלעפּ געטאָן ביי דער האַנט: „מע קוקט שוין אויף אונדז. די געניע געזעצן ווי אַזוי וועמען צו קושן קען איך נישט. ביי מיר איז עס אַן אויסדרוק פון געפילן. איך האָב קיין מאָל נישט געהאַט קיין ברודער, דו ביסט מיין ברודער".

„אוי, זאָשקע, די לעצטע ווערטער האָבן אַ סך קאַליע געמאַכט. דיינס אַ קוש איז אַן אָנהייב, אַ צוזאָג. איך האָב טאַקע נישט קיין שוועס־טער, אָבער..."

„דו האָסט אַ ווײַב, כעמיע".

„דו האָסט עמעצן? זאָג מיר, ס'איז וויכטיק".

„ווער קאָן גאָר טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן אין אַזאַ צײַט? איך האָב חתונה געהאַט מיט מײַן באַוועגונג; אַזוי האָט מיר אַ מאָל פּירגעוואָרפן אַ בחור. יעצט איז עס אַ שטיק אמת".

אַזוי ווי דאָס גוטע מזל האָט זיך געהאַט אָפּגעטאָן פון פּינטשען בײַם אָנהייב פון יאָר 1940, אַזוי איז עס צון אים צוריק געקומען בײַם סוף פון יאָר. ער איז געוואָרן אַ באַלעבאָס פון אַן אייגענער דירה מיט אַן אייגענער קיך, און די געשעפטן מיט כעלמיש האָבן אַרײַנגעברענגט אַ שיינע פּאָר זלאָטעס. מע האָט געגעסן צו דער זעט, אַפילו צוגעקויפט אַ פּאָר חפצים אין שטוב אַרײַן, מינדעלען זאָל זײַן גרינגער צו פירן די באַלעבאַטישקייט. ערשט מיט צוויי וואָכן פריִער ווען שווער־און־שוויגער זענען געווען בײַ אים אויף שבת און מינדעלע האָט געצונדן ליכט אין די זילבערנע שבת־לײַכטערס, האָט ער געקוקט אויף די לײַכטערס ווי אויף געבאָרגטע חפצים. די לײַכטערס וואָלט ער דאָס ערשטע פאַרקויפט, און אפשר צו ערשט דאָס רינגל און דערנאָך די לײַכטערס. נאָך דעם וואָלט געקומען די ריי אויף די בעסערע מלבושים. אַ ביסל מילעך פאַרן קינד איז וויכטיקער ווי אַ שיינער מלבוש. מיט אַזעלכע מחשבות האָט ער זיך אַרומגעטראָגן, און גאָר אומגעריכט האָט זיך אַרײַנגעשטעלט דער יונגער־מאַן פון כעלמיש און אַרײַנגעברענגט ברכה אין זײַן הויז. אין דעם קרעדענץ אין זײַן קיך ליגט אַ גאַנץ פײַנער זאַפּאַס שפּײַז. הינטער אַ שופלאָד אין זײַן שאַנק זענען באַהאַלטן צוויי קופּאָנען בילעצער וואָלנס — דאָס איז אַ גוטע אינוועסטיציע. אויב די כעלמישער וועלן נישט לאָזן אויף זיך לאַנג וואַרטן וועט ער האָבן זײַן אייגענעם קאַפּיטאַל אײַנצוקויפן פאַר זיי סחורה. אַפילו אויב זיי זאָלן קומען ערשט נאָך פּסח וועט ער הײַ־יאָר מער נישט דאַרפן עסן קיין קיצבה־מצות.

גראָד ווען פּינטשע איז געזעסן און געטראַכט די מחשבות האָט עמעץ געקלאַפּט אין טיר. פּינטשע האָט געמיינט אַז מינדעלע איז שוין צוריק געקומען מיטן קינד, אָבער ס'איז געווען אַן אומגעריכטער גאַסט פון כעלמיש, כעמיע.

כעמיע איז געקומען וועגן אַ מיסחר־ענין, באַשטעלן אַ פּאָר שטיקער צירונג, אָבער ער האָט גאָר גענומען רעדן וועגן גורוויטש. „אַ סך חלוצים זענען אַדורכגעגאַנגען דעם כעלמישער קיבוץ", האָט כעמיע דערציילט, „אָבער די בעסטע זענען געווען די וואָס זענען געקומען פון ענקער

שטאָט. יאַקאָוו איז געווען אײַערס אַ חבר, יאָ? אַ בריליאַנט פון אַ מענטש. מע רעדט וועגן צירונג, יאַקאָוו איז געווען דאָס צירונג פון דעם הכשרה־קיבוץ. און יאַקאָוו האָט אַ שוועסטער... איר קענט יאַקאָווס שוועסטער, די וואָס איז געווען אין דאַנציק? שפּרינצע איז נישט קיין חלוצקע, אָבער ס'איז דאָ אויף וואָס צו קוקן. אַזאַ שײַנקייט, אַזאַ עלעגאַנטע דאַמע איז אין וואַרשע נישט לײַכט צו געפינען. אַ האַנקאַ אָרדינוּווּנאַ, אַ וואָרע אַקטריסע פון די קינאָס. וואָס דאַרף איך אײַך זאָגן, איר האָט זי אַוודאי געקענט. זאָשקען האָט איר אויך געקענט? אַלע מיידלעך אין גורוויטש זענען שיינע. זי קומט פון אַן אָרעמער שטוב, האָט זי מיר געזאָגט, אָבער אַן איידלקייט ווי אַ פּרינצעסין. נישט אַזוי?"

פינטשע האָט נישט געענטפערט, אָבער כעמיע האָט נישט געוואַרט אויף אַן ענטפער, ער האָט גערעדט ווי אין אַ טראַנס: „איר האָט שוין אַ מאָל געהערט די זאָשקע זינגען? אַז דאָס מיידעלע עפנט דאָס מויל... כ'קום ערשט פון איר. אַ קינד נאָך און גיט אַוועק אירע יאָרן פאַר אַנדערע. זי האָט געהאַט אַ סימפּאַטיע אין קיבוץ, אַ מיאוסקייט, און ביטער ווי אַ שטיק כריין. ער איז נישט ווערט געווען צו וואַשן אירע פיס. מע זאָגט אַז זי האָט געהאַט אַן אומגליקלעכע ליבע אין דער היים מיט עפּעס אַ פאַרפּיעשטשעט רײַך זונדל. זי איז געקומען מיט אַ צעבראָכן האַרץ, האָט זי זיך צוגעטשעפּעט צון אַן אַנדער צעבראָכן האַרץ, אַזוי זאָגט מײַן געניע, כ'מיין מײַן ווײַב. אוי, האָט זי דערפאַר טײַער באַצאָלט! זי האָט עס געטאָן פון רחמנות, אָבער ער האָט זי געמוטשעט אָן רחמנות. ס'האַרץ האָט געשניטן נאָר צוצוקוקן".

כעמיע האָט זיך געוווּנדערט וואָס ער רעדט אַזוי פיל און קאָן זיך גאָר נישט אָפּשטעלן. איז ער נאָך אַלץ פאַרשניאַשקעט פון זאָשקעס קוש? אַנשטאָט גיין פון דזשעלנע דירעקט צו פינטשען, איז ער אַרײַנ־געלאָפן אויף זײַן אַכסניאַ און געכאַפּט אַ שלוק פון דער פלאַש בראָנפן וואָס ער האָט דאָרט געהאַט. ניין, ער איז נישט שיכּור, אָבער ער איז פול מיט גינציקייט צו דעם מיידעלע און עס איז אים גוט צו רעדן וועגן איר.

„דער בחור אירער איז אויך אין וואַרשע?" האָט פינטשע געפרעגט.

„ניין, זי איז אַוועק פון אים נאָך פאַר דער מלחמה. משה לעבט שוין נישט. אַ דײַטש האָט אים דערשאָסן. ס'איז דאָך אַ שאָד אַ ייִדיש לעבן, אָבער זאָשקע איז אויסגעלייזט געוואָרן. כ'האָב שוין געמיינט אַז זי האָט אַן אַנדערן. אַ נעכטיקער טאָג! אַזאַ מיידל, און איז אַליין. כ'האָב מורא אַז זי איז נאָך אַלץ פאַרקאָכט אין דעם רײַכן זונדל".

דער כעמיע האָט דאָך אַרײַנגעבראַכט ברכה איז זײַן שטוב, אָבער וואָס פאַר אַ פאַרשוין איז דאָס, האָט פינטשע זיך געוווּנדערט. ער רעדט און רעדט, פרעגט עפּעס און וואַרט נישט אויף קיין ענטפער. נאָך גוט מינדעלע איז נישטאָ אין שטוב. ווען דער כעמיע איז דאָ געווען דאָס ערשטע מאָל האָט ער דווקא געמאַכט אַ גוטן אײַנדרוק, הײַנט רעדט ער ווי, ווי... ווי אַ פאַרליבטער? ער האָט דאָך אַ ווײַב! דער כעמיע איז אַ ריז, ער זאָל זיך נאָר נישט טשעפּען צו זאָשקען.

עס איז פינטשען קוים געראָטן אַריבערצופירן דעם שמועס צו מיסחר. כעמיע האָט דערקלערט פינטשען וואָס ער וויל קויפן און ווידער צוריק געקומען צום פריִערדיקן: „איר האָט געקענט זאָשקען? כ׳געדענק נישט וואָס איר האָט געזאָגט".

„כ׳האָב זי געקענט".

„און דעם ייִדענעם יונגער־מאַנטשיק האָט איר אויך געקענט?" כעמיע האָט עס געפרעגט מיט אַ טאָן ווי ער וואָלט זיך געגרייט יענעם אָנברעכן די ביינער.

„ס׳איז נישט אַזוי ווי איר מיינט", האָט פינטשע געענטפערט נאָך אַ ווײַלע שווײַגן. „דער בחור איז געווען פאַרליבט אין איר, ער איז גרייט געווען איבערצולאָזן די רײַכע היים און פאָרן מיט איר קיין ארץ־ישׂראל, זי האָט נישט געוואָלט. דעם רײַכן זונדלס טאַטע איז געגאַנגען צון איר זיך בעטן, און זי האָט אים אָפּגעזאָגט. זיי וואָלטן איצט ביידע געקאָנט זײַן אין ארץ־ישׂראל".

„איך האָב געמיינט אַז זי האָט אים ליב געהאַט".

„זי איז שוין דעמאָלט געווען ווי חתונה געהאַט צון איר באַוועגונג. אַ נאַיִווע, ערלעך, אידעאַליסטיש קינד, אָנגעשטאָפּט מיט פּאַרטיי־פּראָפּאַגאַנדע".

כעמיע האָט דערהערט אַ ציטער אין פינטשעס קול און געגומען טראַכטן: פון וואַנען ווייסט פינטשע די ווערטער „חתונה געהאַט צו דער באַוועגונג" וואָס זאָשקע האָט ערשט פריִער דערמאָנט אַז אירס אַ ׳סימפּאַטיע׳ האָט עס איר געזאָגט? אַזוי גאָר, צוויי צעבראָכענע הערצער... אַזאַ זיס מיידל און אַלץ איז איר געגאַנגען מיט דער פוטער אַראָפּ. די וואָס זענען פאַרליבט אין איר האָבן שוין ווײַבער און זי איז אַליין, אַליין. ער וויל עס זאָל איר זײַן גוט. אויב ער וואָלט נישט געהאַט געניען... ער וואָלט זי געטראָגן אויף די הענט. אַ קייסערינע וואָלט זי בײַ אים געווען. זאָל דאָס נײַע יאָר 1941 איר שוין ברענגען אַ בעסער מזל.